STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01147

SHRAYBER FUN MAYN DOR

Shlomo Bickel

Permanent preservation of this book was made possible
by Leonard & Elinor Goldman
in memory of
David & Dora Kass and Benjamin & Rose Goldman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש ל מ ה   ב י ק ל

*

שרייבער פון מיין דור

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דעם
קאַרפּמאַן־פאָנד,
אין אָנדענק פון שמואל און דאָראָ קאַרפּמאַן ע"ה (לאָס־אַנזשעלעס)

This book was published through the
Karpman-Fund,
in memory of Samuel and Dora Karpman (Los Angeles)

שלמה ביקל

שרײַבער פון מײַן דור

צווייטער באַנד

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1965

SHLOMO BICKEL

SHREIBER FUN MEIN DOR
WRITERS OF MY GENERATION

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby st. Tel-Aviv

שלמה ביקל / שרייבער פון מיין דור
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

שער־בלאַט געצייכנט פון מ. ע. ווײַנער

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel, 1965

דפוס „אורלי״, ת״א, רח׳ יסוד המעלה 27

שלמה ביקל

אינהאַלט

איידער כ'הייב אָן...

ר׳ נחמן בראַצלאַווער 9
אַלבערט שווייצער 14
יידיש אין אַמעריקע 20

פּאָעטן

נאָטיצן וועגן זיבעציק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע 25
מאַני לייב 43
אפרים אויערבאַך 49
יעקב גלאַטשטיין 55
מלך ראַוויטש 62
שמואל האלקין 68
איציק פעפער פון שפּאַליע 75
רחל קאָרן 82
מאיר זימל טקאַטש 89
אלף כץ 95
אברהם טווערסקי 100
קהת קליגער 105
לייזער אייכענראַנד 110
מ. מ שאַפיר 113
ירמיה העשעלעס 117
דבורה פאָגעלס „ווייסע ווערטער" 128
רייזל זשיכלינסקי 133
יצחק יאַנאַסאָוויטש 139
מאיר שטיקער 145
יוסף רובינשטיין 150
אריה שמריס יידישער ניגון 160
אברהם סוצקעווער 165
יידישער שיקזאַל אין דייטשן ליד 185

עסייאיסטן

שמואל ניגער און שלום אַש 195
מעמואַרן וועגן שלום אַש 201
בעל־מחשבות און אוקראַינער יידן 205
אברהם ליעסין 210
עמנואל רינגעלבלום 214
שמעון ראַווידאָוויטש 222
דב סדן 240
אליעזר גרינבערגס עסייען 260
א. אַלמי 226
י. ראַפּאַפּאָרטס תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס 275
רעדאַקציע „אידישער קעמפער" 280
זשיטלאָווסקי אין העברעיש 288

דערציילער

אין צייכן פון פּרץ 247
בערגעלסאָן — אַפּאַטאַשו 305
י. מ. ווייסענבערג 319
אברהם רייזענס טריאומף 324
יידיש־סאָוויעטישע פּראָזע 329
יואל מאַסטבוים 348
חיים גראַדעס „שולהויף" 353
א. מ. פוקס 361
משה יודל שעליובסקי 366
ב. דעמבלין 373
בערל גרינבערג 377
יחזקאל פריליך 381
שמואל איזבאַן 386
יאָסל בירשטיין 397
חנן אַיאַלטי 402
מענדל מאַן 408

פאַרצייכענונגען

הונדערט יאָר שלום עליכם 423
גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל 427
לייוויק־דערמאָנונגען 434
פּראָזע אין יידיש 444
די געשיכטע פון סאַן מיקעלע 447
ביאַליק און שטיינבאַרג 452
רעדאַקטאָר פון „היימיש" 456
טעותן פון גדולים 458
אַפאָריזמען 459
אינדעקס פון נעמען 462

איידער איך הייב אן...

ר׳ נחמן בראַצלאַווער

וויפל ביכער מען זאָל ביי אונדז נישט שרייבן און וויפל מען זאָל זיך נישט הקרענען וועגן דער אידעיִשער השפעה און וועגן דער אידעיִשער ירושה פון הסידות דאַכט מיר, אַז די סאַמע גרעסטע ירושה וואָס חסידות האָט אונדז איבער־געלאָזט זענען פאַר אַלעמען געשטאַלטן, ביאָגראַפיעס, שטיקער לעבן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס באַווירקן אונדזער פאַנטאַזיע איצט, אחרי מות, כ׳מיין, נאָך דעם ווי חסידות האָט שוין לאַנג אָפּגעשאַלט איר רעוואָלוציאָנערן שאָל. אָט די געשטאַלטן שאַפן אַרום דעם כישוף פון זייערע פּערזענלעכקייטן אַ וווּנ־דערלעכע אחדות צווישן יידן פון פאַרשידענע אידעיִשע ריכטונגען. עס שטייען אין התפעלות אַרום זייערע ביאָגראַפיעס, דערציילט אויף העברעיִש, אויף יידיש, אויף דייטש, אויף ענגליש און אויף אַ שפּאַר ביסל אַנדערע שפּראַכן וועלטלעכע יידן פּונקט ווי פרומע, יונגע פּונקט ווי אַלטע און אַסימילאַטאָרן פּונקט ווי נאַ־ציאָנאַליסטן און קיומיסטן. עס איז היינט צו טאָג פאַראַן מער יידישע אחדות אַרום די חסידישע פּערזענלעכקייטן אין זייער פּאַעטישער, היסטאָריש־ראָמאַנטי־שער ווידערגעבורט ווי ביי די פּראַנצויזן אַרום די געשטאַלטן פון זייער גרויסער רעוואָלוציע דאַנטאָן, ראָבעספּיער און מיראַבאָ.

אַזאַ פילפאַרביקייט פון געשטאַלטן ווי אין דער חסידישער וועלט האָבן מיר, דאַכט זיך, אין לאַנגע יאָרהונדערטער נישט געהאַט. און די געשטאַלטן זענען פון רער פאָלקס־לעגענדע באַשאַפן געוואָרן מיט אַ שעקספּירישן פאַר־מעסט. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אין איר באַשאַף אונטערגעשטראָכן און באַזונ־דער אַרויסגעהויבן איין גרויסע מידה און איין טיפע ליידנשאַפט און די גע־שטאַלטן זענען אויסגעוואַקסן צו מאָנומענטאַלע פיגורן. ביי שעקספּירן זענען די נשמה־עלעמענטן אייפערזוכט, אינטריגע, מאַכט־באַגער, ליבע צווישן מאַן און פרוי, אָפּגענאַרטע פאָטער־ליבע וכדומה.

די יידישע פאָלקס־לעגענדע האָט גענוצט אַנדערע, מער יידיש־היסטאָרישע און מאָראַליש־געהויבענע מידות און געפילן אויף צו מאָנומענטאַליזירן אירע געשטאַלטן.

אָט איז ר׳ לייב שרהס, דער רואה ואינו נראה, וואָס האָט געשטראָפט דעם צאַר ניקאָלאַי פאַר זיינע רשעותן צו יידן און אָט — דער הייליקער ר׳ זושא פון אַניפּאָל, וואָס זיין גרויסע עטישע ליידנשאַפט איז געווען פדיון שבויים.

ר׳ שמעלקע פון ניקעלשפּורג איז געווען דער מאַן פון דערגרייכטער עניוות און ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו — די פאַרקערפּערונג פון אהבת ישראל אין קאַמף מיט מענטשן און נאָך מער אין קאַמף מיט גאָט ברוך הוא.

פון די שפּעטערע איז ר׳ ישראל רוזשינער געווען כולו מלכות, אַ מין „ראָאָ־ כּאַליי״ (זונען־קעניג) פון חסידיש־געזעלשאַפטלעכער מאַכט און ר׳ מענדל, דער קאָצקער — אַ טרויעריקער חכם אויפן טראָן פון אַ מלך, אַ צעוויטיקטער פילאָסאָף אין דער שפּיץ פון אַ מלוכה.

אָבער מער פון אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע האָט משפּיע געווען אונדזער דור און הערט נישט אויף צו רעגן אונדזער בענקשאַפט די געשטאַלט פונעם בעל־שמס טובערקולאָזן אוראייניקל ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, וואָס איז נפטר געוואָרן שנת תקע״א (1811) אין עלטער פון 39 יאָר.

צווישן די גרויסע פון דער חסידישער באַוועגונג אין דער לאַנגער ריי פון זייערע פילאָסאָפן, פון זייערע הייליקע, פון זייערע פּאָליטיקער און מלכותדיקע פירער איז ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו און פון אומאַן קודם־כל געווען און פאַרבליבן דער דיכטער, דער ווונדערלעכער מעשה־דערציילער און השתפכות הנפשדיקער ליריקער און ווי ס׳טרעפט אַזוי אָפט ביי מענטשן פון פּאַטעטישן קלאַנג — אַן עגאָצענטריקער און צו דער זעלבער צייט אַ מאַן פון טיפער גייסטיקער הכנעה.

ר׳ נחמן איז געווען אַ פּאָעט נישט בלויז אין זיינע טיפע בעטלער־מעשיות און אין זיינע עגאָצענטרישע אַפאָריזמען, נאָר אויך אַ דיכטער מיט דעם כוח אויפצוהיטן איבער דורות געטריישאַפט און ליבשאַפט צו זיין געשטאַלט.

קיינער פון די גרויסע אין חסידות איז נישט פאַרבליבן אַזאַ לעבעדיקע געש־ טאַלט נאָכן טויט ווי ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו. ר׳ נחמן איז געווען דער איינציקער צווישן די גוטע יידן וואָס איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגענער יורש. פון דור צו דור איז ר׳ נחמן אויף ס׳ניי געוואָרן דער לעבעדיקער בראַצלאַווער רבי — ראש השנה אויפן בית עלמין אין אומאַן און אַלע טעג פון יאָר אין בראַצלאַווער שטיבל אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט.

אויפן אומאַנער בית־עולם זענען חסידים נישט געפאָרן אויף קבר־אָבות, נאָר צום רבין אויף ראש השנה.

אַזאַ מין לעבעדיקע געטריישאַפט צו זיין געשטאַלט קאָן פון אונטערן שלייער פון טויט נאָר אָנהאַלטן צו זיך אַ דיכטער. אַפילו דער קבר פונעם גרויסן וועלט־באַצווינגער נאַפּאָלעאָן אין דעם פּאַריזער אינוואַלידן־דאָם איז נישט מער ווי אַן אינטערעס פאַר טוריסטן. די איינציקע מצבה אין פּאַריז צו וועלכער טויזנטער מענטשן דערבלאָנדזשען זיך אַן אַן אַרומפירער און אַן אַ וועג־ווייזער איז די מצבה פונעם דיכטער היינע, וואָס שטייט אין אַן ענגעניש פון שטיינער אויפן בית עלמין פון מאָנמאַרטער.

אין יעדן פון די גייער צו היינעס קבר אין פּאַריז איז פאַראַן עפּעס פון יענעם בלאָנדן ייד וואָלף, דעם העלד פון אַפּאַטאַשוס דערציילונג „אַ בראַצלאַווער חסיד״, וואָס האָט מיט גרויס מסירות נפש געגנבעט די סאָוויעטישע גרענעץ פון וואַרשע קיין אומאַן אויף ראש־השנה צו ר׳ נחמנען. עס איז נאָר אַ חילוק אין די

גראַדן פון דער מסירות נפש, אַ חילוק אין איר טעמפּעראַטור. אָבער אין תוך איז עס דער זעלבער גלי פון בענקשאַפט צום דיכטער, צו זיין כישוף־וואָרט, צו זיין געשטאַלט, צו זיין גוף — אַ גלי וואָס איז פאַראַן סיי אין דעם חסיד פון ר׳ נחמנען, וואָס שמוגלט די גרענעץ קיין אומאַן און סיי אין דעם פאַרערער פון היינען וואָס דערפרעגט זיך צום מאַנמאַרטער.

און ווייל קונסט איז פון אייביק אָן אַ גנבערין פון אידעישע און סאָציאַלע גרענעצן איז נישט קיין חידוש וואָס די קינסטלערישקייט וואָס האָט אַרויסגע־לויכטן פונעם בעל שמס יונגן און טובערקולאָזן אייניקל האָט נישט בלויז איבערדורותדיק פאַרכישופט פרומע חסידים, נאָר האָט אויך היפשלעך צוגעצויגן צו זיך אפּיקורסישע משכּילים פון יענער צייט.

דער רבי־פילאָסאָף האָט ביים אפּיקורס געוועקט געדאַנקלעכן ווידערשפּרוך. אויפן רבינס הייליקער התנהגות האָט דער אומגלויביקער אָפט געענטפערט מיט מאָראַלישן חשד. קעגן דער שיין פון קינסטלערישקייט איז געווען שווער זיך צו ווערן. זי האָט געבלענדט און געכישופט אויך דעם אידעישן קעגנער — דעם משכּיל.

וועגן דעם, ווי אַזוי די אומאַנער משכּילים און צווישן זיי דער באַוווּסטער הירש בער האָראָוויץ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּראָפעסאָר פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכן אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט, האָבן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צו ר׳ נחמנס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און האָבן אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַציִונגען צום רבין און נאָך זיין פּטירה אויך צו זיין געטרייען עקערמאַן ר׳ נתן פון נעמיראָוו — וועגן דעם דערציילט זייער אינטערעסאַנט (ייוואָ־בלעטער, באַנד 29, נומער 2, זומער 1947) דער ביבליאָטעקאַר פונעם ליובאַוויטשער רבין, דער באַוווּסטער חסידות־פאָרשער ר׳ חיים ליבערמאַן.

וועגן דער אַנדערשקייט וואָס די משכּילים האָבן דערזען אין ר׳ נחמנען ווערט איבערגעגעבן אין דעם קאַפּיטל „התנהגות אדמור זצ״ל עם הריסתוקראטן שבאומין״ וואָס חיים ליבערמאַן ציטירט אין אָריגינאַל און אין יידישער איבער־זעצונג פון אַ לשון־קודשדיק ספרל מיט מעשׂות. דאָס ספרל האָבן די בראַצלאַווער חסידים אַרויסגעגעבן מיט יאָרן צוריק אין ירושלים.

„תחילת — ווערט געזאָגט אין יענעם ספרל — האָבן זיי געהאַלטן דעם רבין ז״ל פאַר אַ חכם, אָבער נישט אַזאַ גרויסן ווי זייער רבין וויזל, שפּעטער האָבן זיי איינגעזען, אַז ער איז אַזאַ חכם ווי וויזל, און נאָך שפּעטער האָבן זיי אויסגעפונען אַז ער איז נאָך מער חכם פון אים״.

נפתלי הערץ וויזל, דער מחבר פון די „שירי תפארת״ איז צו יענער צייט געווען דער סאַמע באַרימטסטער און גלאָריפיצירטער פּאָעט פון דער השכלה. און די תמימותדיקע ווערטער „נאָך מער חכם פון וויזלען״, פון דעם חסידישן כראָניקער זענען, פאַרשטייט זיך, אויסן איבערצוגעבן דעם געוואַלדיקן רושם

וואָס די דיכטערישע פּערזענלעכקייט האָט געמאַכט אויף די קאַרפּן־קעפּ פון דער אומאַנער השכלה, פאַר וועלכער דער דיכטער מיט דער ה׳ הידיעה איז געווען נפתלי הערץ וויזל.

דער דיכטער ר׳ נחמן האָט באַצוווּנגען די משכילישע שאַרפע קעפּ. זיי האָבן אים געוואָלט באַאיינדרוקן מיט זייער געלערנטקייט און דעם רבינס מקורבים האָבן זיך דערפאַר אַפילו היפשלעך געשראָקן, אָבער דער רבי אַליין, גיט איבער חיים ליבערמאַן אויפן סמך פון אַן אַלטער באַשרייבונג פון ר׳ נחמנס לעבן, האָט פאַר דער משכילישער לומדות ווייניק וואָס מורא געהאַט. ער האָט געוווּסט אַז „אַלץ וואָס זיי דערציילן איז פון זייערע ביכער און אַז עס וועלן זיך זיי אויסשעפּן די ביכער וועלן זיי מער נישט האָבן וואָס צו דערציילן".

זיי, די געלערנטע, האָבן זייערע ביכער, אָבער ר׳ נחמן ווייס אַז —
„מיין קויל פייער וועט שעפּטשען ביז משיח וועט קומען".

אין דער קויל פייער פונעם קינסטלער גלויבן אַלע — אויך די וואָס האָבן מאַכט, גלויבן דערין אין מאָמענטן, ווען זיי פּרוּוון רעדן פון אונטער דער מאַסקע.

מחלוקתן האָט מען אין דער חסידישער, ווי אין יעדער אידעישער, באַוועגונג פאַרפירט קעגן יעדן וואָס האָט געזינדיקט מיט אָפּנויג פון דעם איינגעשטעלטן „קאַזיאָנעם" און דאָגמאַטישן נוסח.

קעגן ר׳ לוי יצחקן, דעם דרייסטן אָפּווישער פון יידישע זינד און דעם פרומען פאַנגער פון יידישע הערצער מיט ליבשאַפט, איז אויפגעשטאַנען ר׳ ברוך פון מעזבוש אין נאָמען פון יחוס און פון לעגיטימקייט.

דעם בעל שמס אייניקל ברוך בן אָדעל האָט זיין „געירשנטע הייליקייט" אַנטקעגנגעשטעלט דער „פּלעבעיִש־טריבונישער פּאָפּולאַריטעט" פונעם באַרדיטשעווער רב. „בבא קמא" מאַכט — פלעגט דער מעזבושער זאָגן — ברוך בן אָדעל קדוש מבטן אמו (ברוך, דער זון פון אָדל, איז הייליק פון זיין מאַמעס בויך).

קעגן דעם עקסטרעמען גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם פונעם קאָצקער האָט זיך עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער צעפלאַקערט אַ מחלוקה אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער. און די צופיל מלכותדיקייט פונעם „רוזשינער הויף" האָט מיט אַלע הייסע מיטלען פון קאַמף, חרם אַריינגערעכנט, גערודפט דער שאַרפער למדן און קנאי, דער סאַנדזער רבי ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

אָבער קיינע פון די מחלוקתן איז פון דעסטוועגן נישט געווען אַזוי שאַרף און אַזוי ביטער ווי די „להרוג ולהשמיד"־מלחמה וואָס ס׳האָט פאַרפירט אַ טייל פון „די גוטע יידן" און זייערע חסידים קעגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער סייביים לעבן און סיי (און אפשר נאָך מיט מער שאַרפקייט) נאָך זיין טויט.

ביים לעבן איז דער הויפּט־מחלוקה־פירער קעגן ר׳ נחמנען געווען דער „שפּאָליער זיידע", וואָס איז אַזוי ווייט געגאַנגען און פאַרגאַנגען ביז צו זאָגן אַז — „ווער ס׳רודפט די חסידים פון ר׳ נחמנען מעג זיכער זיין מיט עולם הבא".

און נאָך ר׳ נחמנס פטירה האָט דער סאווראַניער רב אַרויסגעלאָזט קעגן ר׳ נחמנס „טויטע חסידים" אַ כתב חרם, אין וועלכן עס ווערט געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך מיט די בראַצלאַווער חסידים נישט משדך זיין, אַז מען זאָל קינדער נישט געבן צו זייערס אַ מלמד, אַז מען זאָל נישט עסן פון דער שחיטה פון זייערס אַ שוחט, אַז מען זאָל נישט דאַווענען מיט זייערס אַ בעל־תפילה, און דער סאַווראַניער רב פאַרענדיקט זיינע וואָרענישן מיטן אָנזאָג, אַז מען זאָל זיך באַמיען אונטערצוהאַקן די פרנסה ביי די בראַצלאַווער חסידים.

אוודאי זענען דאָס שווערע און פריקרע ווערטער, אָבער ווי אַזוי האָט די געשטאַלט פון ר׳ נחמנען נישט געקאָנט שרעקן אַזעלכע נאַרמאַלע און סטאַבי־ליזירטע פירער פון דער חסידישער באַוועגונג ווי דער שפּאָליער זיידע און דער סאַווראַניער רב, ווען דער יונגערמאַן פון בראַצלאַוו און זיינע „טויטע חסידים" האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ מאָדנע, אַזאַ אויסטערלישע, אַזאַ פרעמדע התנהגות?! ווי אַזוי האָט דאָס נישט געקאָנט אַריינוואַרפן אין פחד און אין כעס דעם שפּאָליער און דעם סאַרוראַניער, ווען זיי האָבן געוווּסט, אַז ר׳ נחמן זאָגט וועגן זיך, אַז „איך גיי אויף אַ נייעם וועג, וואָס קיין שום מענטש איז אויף אים נאָך נישט געגאַנגען און כאָטש דער וועג איז זייער אַלט, איז ער לגמרי ניי"? און ווייטער האָט ר׳ נחמן געזאָגט אַז „די וועלט האַלט, אַז מען דאַרף נישט זוכן קיין גרויסקייט און איך זאָג אַז מען דאַרף יאָ זוכן. מען דאַרף אויסזוכן און נאָכגיין דווקא דעם גרויסן צדיק און דעם גרויסן רבי".

דער שפּאָליער און דער סאַווראַניער און מיט זיי אַ היפּש ביסל אַנדערע „הייף" האָבן געהייצט די מחלוקה קעגן ר׳ נחמנען און דער קראַנקער יונגער רבי פון בראַצלאַוו און פון אומאַן האָט נישט צוריק געוודפּט אָבער ער איז געווען צופרידן מיט דער מחלוקה. ער האָט פאַר איר געפונען אַן אידעישן טעם.

ראשית — האָט ר׳ נחמן געזאָגט אין זיינע שמועסן מיט זיין מקורב ר׳ נתן — מוז יעדער צדיק איידער ער דערגרייכט צו זיין מדרגה דורכמאַכן מחלוקתן. די מחלוקת איז אין דער בחינה פון וואַסער. עס שטייט געשריבן, אַז ווי באַלד מע לאָזט לויז וואַסער איז עס דער אָנהייב פון מחלוקת (פּוטר מים ראשית מדון, משלי י״ז, י״ד) און דער מענטש איז אַזוי ווי דער בוים אין פעלד. דער בוים, וואָס מער מע טרינקט אים אָן אַלץ מער וואַקסט ער. און אַזוי איז אויך מיטן צדיק וואָס וואַקסט און בליט ווי אַ טייטלבוים, וואָס גרעסער עס ווערט די מחלוקת.

„און גלייבט מיר — האָט ר׳ נחמן געזאָגט און געהאַט די קראַפט צו זאָגן אין יענעם שמועס מיט ר׳ נתנען — אַז איך בין בכוח צו מאַכן שלום מיט דער גאַנצער וועלט און קיינער זאָל אויף מיר נישט קריגן. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס זענען פאַראַן מדרגות און היכלות, וואָס מען קאָן צו זיי נישט דערגרייכן אָן מחלוקת?".

ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו און ר׳ מענדל פון קאָצק און אויך דער רוזשינער ר׳ ישראל זענען געווען אידעאָלאָגישע אָפּנייגן, טיפע, שאַרפע און סטימולירנדיקע אָפּנייגן. אָבער פון ר׳ נחמנען, דעם משלים־זאָגער און מעשה־דערציילער האָט געווייעט מיט אַ נייער בעל־שמישקייט, מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אָנהייב פון דאָס ניי, און ס׳איז פאַרשטענדלעך דער פּחד פון אַ שפּאַליער און אַ סאַווראַניער און זייערס גלייכן. נאָך מער פאַרשטענדלעך ווערט זייער שרעק ווייל ר׳ נחמנס רייד האָבן געצונדן גלויבן און האָבן אויפגעשטעלט נישט בלויז חסידים, נאָר אויך אַפּאָסטאָלישע בשורה־ברענגער.

ר׳ נחמן האָט אין זיך, ווי קיין שום אַנדערער פון זיינע מיטצייטלער און פאָרגייער אין חסידות, אַחוץ דעם בעל שם אַליין, געהאַט די באַוווּסטזיניקייט פון אַ רעדער צו די קומענדיקע דורות. די דאָזיקע באַוווּסטזיניקייט פון גורל־דיקער אויסדערוויילטקייט און דער חוש פון פילן אַרום זיך ווי לעבעדיקע צוהערער די גענעראַציעס, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן, געהערן צו די פּסיכישע הויפּט־עלעמענטן פון גרויסע קינסטלער, נביאים און רעליגיעזע געזעצגעבער.

די בענקשאַפט צו דער געשטאַלט פון אַן אויסנעמלעכן קינסטלער און רעליגיעזן דערוועקער, וואָס זאָל אונדז איבער אַלע פּראָגראַמען און אידעאָלאָגיעס אַריבער אויפפרישן און פאַר אונדז באַנייען אַ גאָט־ און וועלט־געפיל און זאָל דערמיט מאַכן אונדזער לעבן ווערטפולער און פריידיקער — אָט די בענקשאַפט פירט צוריק אונדזער געמיט צום בעל־שם און צו זיין אוראייניקל ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו.

אונדזער דור, וואָס איז אַזוי אויסגעמאַרכעוועט פון אומקום און אויפקום, איז מען ווי אַן אַנדערער דור באַרעכטיקט צו דער דאָזיקער בענקשאַפט.

זינגען דערפאַר אונדזערע דיכטער אַזוי פיל וועגן ר׳ נחמנען, עס שרייבן וועגן אים אַלץ מערער אונדזערע עסייִסטן און עס פאַרנעמט זיך מיט אים אַלץ מער אונדזער היסטאָרישע פאַרשונג.

אַלבערט שווייצער

ערשט נישט לאַנג צוריק, דאַכט זיך, אין גאַנצן מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק, איידער עס האָבן אָנגעהויבן צו דונערן די גרויסע רעוואָלוציעס און מען האָט דעם מענטש גענומען „באַפרייען״, האָבן די סאַמע גרעסטע פון זייער צייט, דער פילאָזאָף עמנואל קאַנט און דער דיכטער יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע

נישט מורא געהאַט צו פאַרשטײן הומאַניזם עפּעס אַזוי פּשוט און נאַיוו עלעהיי די „גוטע יידן" ר' זושע פון אַניפּאָל און ר' לוי יצחק פון באַרדיטשעוו.

אין יענער „אידילישער צייט" האָבן די גרויסע פון דער מענטשייטס דיכ־טונג און דאַכטונג זיך נישט געשראָקן טאָמער וועט עס הייסן, אַז זייער הומאַניזם איז נישט מער ווי הומאַניזם, נישט מער ווי פּראָסט פּשוט מענטשלעכקייט, וואָס מיינט אַרויסהעלפן אין דער נויט, אַ טובה טאָן, נישט פאַרשעמען קיין מענטש, דרך ארץ האָבן פאַר זיין אַנדערשקייט אפילו ווען ער איז בפירוש אומגעטריי צו דעם אָדער יענעם רעליגיעזן אָדער אידעאָלאָגישן „אנכי".

דער דיכטער פון ווײַמאַר האָט מיט זיין „עדעל זיי דער מענטש, הילפרייך אונד גוט" פאָרמולירט דעם הומאַניזם אַזוי פּשוט און איינפאַך ווי זיין בן־דור דער אַניפּאָלער ר' זושע, וואָס האָט געהייסן „נישט גלייבן, אַז גאָט וועט העלפן דיין שכן, נאָר דו אַליין זאָלסט אים העלפן".

און וואָס שייך דעם פילאָזאָף פון קעניגסבערג, איז זיין הומאַניזם געווען אַזוי עקשנותדיק „נאַיוו", אַזוי אָן שום קונצן, קינדישע מענטשלעכקייט, אַז אונדזער צייט פון מאַידאַנעק, פון אַטאָמישער באָמבע און פון פּאָליציייש־סאָציאַ־לער רעוואָלוציע קאָן נישט אַנדערש ווי נאָר לאַכן און נישט אויפהערן צו לאַכן איבער אַזאַ תמימות פון אַ פילאָזאָף.

ווי אַזוי עמנואל קאַנט האָט פאַרשטאַנען הומאַניזם, וועגן דעם דערציילט זיין ערשטער ביאָגראַף, אַ גלח מיט דעם אַ ביסל באַמבאַסטישן נאָמען ערעגאָט אַנדרעאַס קריסטאָפוס וואַסיאַנסקי.

דער גלח וואַסיאַנסקי איז דעם 3טן פעברואַר, 1804 (ניין טעג פאַר קאַנטס טויט) אין איינעם מיט אַ דאָקטער געגאַנגען מבקר חולה זיין דעם פילאָזאָף. קאַנט האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל צו באַגריסן די אַריינגעקומענע. דער דאָקטער האָט געבעטן קאַנטן ער זאָל זיך צוריק אַנידערזעצן און — ער האָט נישט געוואָלט גלייבן ווען וואַסיאַנסקי האָט אים געוואָרנט, אַז דער אַלטער און קראַנקער פילאָזאָף וועט זיך נישט אַוועקזעצן ביז זיינע געסט וועלן נישט זיצן. דער דאָקטער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז דער זקן איז טאַקע אַזוי „איבער־געטריבן העפלעך און ער איז געווען גערירט ביז טרערן ווען קאַנט האָט צונויפגענומען זיינע כוחות און צו אים אַ זאָג געטאָן: מיין געפיל פאַר הומאַני־טעט האָט מיך נאָך נישט פאַרלאָזן" (איבערדערציילט און ציטירט לויט ערנסט סימאָנס עסיי: „געטע און דער רעליגיעזער הומאַניזם", 1950).

אַלבערט שווייצער געהערט צו דעם קליינעם הייפל אינטעלעקטואַליסטן פון אונדזער תקופה, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אומצוקערן און זיך איבער־צוגעבן מיט לייב און לעבן צו דער אידעע פון עטישן אידעאַליזם, צו דער אידעע, וואָס געטע האָט זי אַזוי פּראָסט און פּשוט פאָרמולירט און קאַנט האָט זי אַזוי „קינדיש־נאַיוו" געלעבט.

אין 1906, אין עלטער פון 31 יאָר, האָט אַלבערט שווייצער, דער זון פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח אין דער דעמאָלט דייטשער און היינט פראַנצויזישער פּראָווינץ עלזאַס, שוין געהאַט אַרויסגעקלעטערט אַ היפּש שטיק באַרג צום ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג. ער איז געווען דירעקטאָר פונעם טעאָלאָגישן סעמינאַר און פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון שטראַסבורג און זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון נייער טעסטאַמענט־פאָרשונג און זיינע ביכער וועגן באַכס מוזיק זענען שוין געווען אַ שם דבר נישט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע.

אָבער דער לפי ערך שוין וועלט־באַרימטער יונגער טעאָלאָג און מוזיקער האָט זיך געפילט מאָראַליש אומרויִק און אומצופרידן מיט זיין דערפאָלג.

ער איז געווען אומרויִק, ווייל ער האָט דערשפּירט דעם שטיקנדיקן אָטעם פון דער רוצחישער צייט. רוצחיש צו גוף און צו נשמה, וואָס רוקט זיך אויף דער מענטשהייט.

מיט יאָרן שפּעטער האָט אַלבערט שווייצער זיך און אונדז קלאָר געמאַכט, אַז די רוצחישע צייט, וואָס ער האָט אירע שאַרפע פאַדקאָוועס דערהערט קלאַפּן איבערן שליאַך פון דער מענטשלעכער געשיכטע אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט זיך אין תוך שוין געיאָגט אויף דער מענטשהייט מיט אַ באַלד שטאַרקערן און באַלד שוואַכערן טעמפּאָ מער ווי איבער אַ יאָר־הונדערט.

אין אַן אַרבעט וועגן „רעליגיע און די מאָדערנע ציוויליזאַציע“, וואָס אַלבערט שווייצער האָט אין 1934 אָפּגעדרוקט אין אַן אַמעריקאַנישער צייטשריפט, האָט ער אַפילו אָנגעגעבן די גענויע דאַטע ווען דער מאָנסטער פון אונדזער צייט, די צייט פון נשמה־מאָרד און מענטש־פאַרשקלאַפונג, איז טעאָרעטיש, אַזוי צו זאָגן, אַנטפּאַנגען געוואָרן.

דער געדאַנק, אַז דער עטישער אידעאַליזם איז אַ פאָרעם פון סענטימענ־טאַלקייט, וואָס מען קאָן זי נישט נוצן אין אונדזער וועלט פון רעאַליזם — שרייבט שווייצער — איז אויפגעקומען מיטן דייטשן פילאָזאָף פרידריך העגעל, ווען העגעל האָט אין דער נאַכט פונעם 25סטן יוני 1820, אויפגעשריבן דעם פיל־ציטירטן זאַץ, „אַז אַלץ וואָס איז שכלדיק איזווירקלעך און אַלץ וואָס איז ווירקלעך איז שכלדיק“, האָט זיך דערמיט „אָנגעהויבן די צייט וואָס איז דערגאַנגען צו וועלט־מלחמה און וואָס וועט מן־הסתם אין איינעם אַ טאָג מאַכן אַ סוף פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע“.

העגעלס פילאָזאָפיע וועגן דער מלוכה, וואָס איז דער שכלדיקער געטלעכער ווילן, און, נאָך מער ווי דאָס, גאָט אַליין אויף דער ערד, און זי, די מלוכה, האָט דערפאַר דאָס העכסטע רעכט איבערן יחיד און דער יחיד האָט די העכסטע פליכט זיך איר אונטערצוואַרפן — אָט די פילאָזאָפיע איז נישט בלויז געווען

דער אידעישער יסוד פון פרידריך דעם צוויטנס און ווילהעלם דעם צוויטנס קאַזאַרמע און פון אַדאָלף דעם ערשטנס „געשטאַפּאָ" און „גלייכשאַלטונג", נאָר אויך דער גייסטיקער פונדאַמענט פון דער אידעאָלאָגישער באַרעכטיקונג פון דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטיש־סטאַליניסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף כמעט אַ דריטל פונעם ערד־קיילעך.

ווי לאַנג די קאַזאַרמע איז געווען אַ פרידלעכע און דער ריח פון מלחמה, פון חורבן און טויט איז נישט געווען אַזוי שאַרף, האָט דער יונגער טעאָלאָג און מוזיקער שווייצער געפרוווט זיך ספּראַווען מיטן העגעליזם מיטן כוח פון וואָרט און געדאַנק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז יוצא פאַר זיין מאָראַלישן געוויסן מיט זיין עוואַנגעלישן וואָרט פון קריסטלעכער ליבע, מיט זיינע ביכער וועגן טעאָלאָגיע און מוזיק.

אָבער די פיינפולע זעונג פון מלחמה און רעוואָלוציע, פון מאָרד און חורבן (וויפל פון די גייסטיקע פירער אין איראָפּע האָבן דעמאָלט, אין 1906, שוין געהאַט די וויזיע פון דער אָנקומענדיקער צייט פון מאַסן־טויט און פאַרניכטונג?) האָט דעם יונגן שטראַסבורגער טעאָלאָג־פּראָפעסאָר אומרויִק געמאַכט, און ביי אים אויך אַוועקגערויבט זיין מאָראַלישע צופרידנקייט.

שווייצערס געוויסן האָט זיך גענומען בונטעווען. ער האָט דערפילט, אַז ער איז מאָראַליש אַ בעל־חוב בלויז קעגן דער שרעקלעכער זעאונג פון ליידן, וואָס רוקן זיך אויף דער מענטשהייט, נאָר קודם כל קעגן דער פּיין פון מענטשן, וואָס ליידן שוין איצט מער פון אים. זיי איז ער שולדיק הילף און לינדערונג פון זייערע יסורים.

ווי דער אַלטער קראַנקער קאַנט, וואָס האָט נישט געקאָנט בלייבן זיצן כל זמן זיינע געסט זענען געשטאַנען, אַזוי האָט דער יונגער שווייצער זיך נישט געקאָנט פרייען מיט זיין יוגנט און מיט זיין געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג, כל זמן עס זענען ערגעץ דאָ ליידנדיקע מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אים, ער זאָל זיי העלפן.

שפּעטער מיט יאָרן האָט אַלבערט שווייצער דאָס דאָזיקע געפיל פאָרמולירט אין זיין ווערק „די פילאָזאָפיע פון ציוויליזאַציע" מיט אָט־די ווערטער —

„וואָס דו האָסט באַקומען", האָט ער געשריבן, „מער פון אַנדערע אין געזונט, אין באַגאַבונג, אין פעיִקייט, אין דערפאָלג, אין פריידיקע קינדער־יאָרן, אין האַרמאָנישע באַדינגונגען פון משפחה־לעבן — דאָס אַלץ טאָרסטו נישט נעמען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דו מוזט צאָלן דערפאַר אַ פּרייז. דו מוזט געבן אַן אומגעוויינלעך גרויסן קרבן פון דיין לעבן פאַרן לעבן פון די אַנדערע. די שטים פון אמתער מאָראַל איז זייער סכנהדיק פאַרן גליקלעכן, ווען ער האָט דעם מוט זיך צו איר צוצוהערן".

דער 31־יאָריקער באַרימטער און גליקלעכער פּראָפעסאָר אַלבערט שווייצער

האַט פאַרמאָגט דעם מוט זיך צוצוהערן צו דער גליק־צעשטערנדיקער מאָראַל.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דירעקטאָרשאַפט פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ מאַנסאַרדע־וווינונג און גענומען לערנען מעדיצין אין שטראַסבורגער אוניווערסיטעט, כדי צו ווערן אַ דאָקטאָר צווישן די נעגערס אין דער עקוואַטאָרישער אַפריקע.

אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שווייצער פאַרענדיקט זיין מעדיצין־שטודיום און זיין איינּיאָריקע שפּיטאָל־פּראַקטיק און איז אַוועק קיין אַפריקע היילן קראַנקע נעגערס.

שווייצער אַליין דערציילט וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע —

„איך האָב געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר און האָבן די מעגלעכקייט צו טאָן און נישט צו רעדן. יאָרן־לאַנג האָב איך מיך אויסגעלאָדן אין ווערטער און איך האָב מיט פרייד אויסגעפירט די שליחות פון אַ טעאָלאָגישן לערער און פּרעדיקער. אָבער אין דער נייער פאָרעם פון אַרבעט האָט מען נישט געקאָנט רעדן בלויז וועגן דער רעליגיע פון ליבע, נאָר מען האָט זי געמוזט טאַקע פּראַקטיצירן. די מעדיצינישע קענטעניש האָט פאַר מיר מעגלעך געמאַכט דורכצופירן אויפן בעסטן אופן מיינע פּלענער. איך האָב אויסגעקליבן דעם דיסטריקט גאַבון, אין פראַנקרייכס עקוואַטאָרישער אַפריקע ביים אַטלאַנטישן ים, ווייל דאָרט איז דאָס נייטיקסטע פון אַלע זאַכן געווען אַ דאָקטאָר“.

דאָרט, אין לאַמבאַרענע, ביי די וואַסערן פון אָגאָווע אין דער הייסער עקוואַ־טאָרישער אַפריקע, האָט אַלבערט שווייצער אויפגעבויט אַ שפּיטאָל פאַר די נעגער און דאָרט איז ער מיט הפסקות פון עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אין אייראָפּע אויף אַרויסצוגעבן זיינע ביכער און אויף צו געבן אָרגעל־קאָנצערטן און לעקציעס, פאַרבליבן אַלע פערציק יאָר זינט דעמאָלט.

דאָרט אין זיין שפּיטאָל, אין די סאַמע וואַלד־געדיכטענישן, פון דער הייסער אַפריקע, האָט ער נישט בלויז געטאָן מעדיצינישע אַרבעט, נאָר ער איז, אַז איבעריקע רייד, געווען אויך דער אַפּאָסטאָל פון דערנענטערונג און ליבשאַפט צווישן מענטשן.

„איך מוז ענטפערן אויף פראַגעס“, שרייבט שווייצער, „און זיי דערציילן וועגן די ווייסע מענטשן, ווו זיי לעבן און ווי אַזוי זיי ווייסן, אַז די געבוירענע דאָ ליידן אַזוי פיל פון קראַנקייטן. די אַפריקאַנישע זון שיינט אַריין דורך די קאָווע־ביימלעך אין באַראַק און מיר, שוואַרצע און ווייסע, זיצן אין איינעם און פילן, אַז מיר ווייסן איצט דעם אמתן מיין פון די עוואַנגעלישע ווערטער „און איר אַלע זענט ברידער“.

און דאָרט אין דער סאַמע מיט פון מענטשלעכע יסורים, ביי דער אַרבעט אין שפּיטאָל אַרום די קראַנקע, וואָס פאָרן און גייען אָפּט הונדערטער מיילן, כדי צו באַקומען ביים ווייסן דאָקטאָר אַ ביסל לינדערונג פאַר זייערע פיזישע ווייי־

טאָגן — דאָרט האָט זיך אַלבערט שווייצער דערטראַכט צום געדאַנק פון „אַבסאָ־לוטן רעספּעקט פאַר לעבן", וואָס איז געוואָרן דער עיקר פון זיין פילאָזאָפיע.

דער געדאַנק איז אַ פּשוטער. אַזוי ווי גייסטיק לעבן עקזיסטירט אין אונדזער ערדישערווירקלעכקייט נאָר אין דעם געפעס פון פיזישן לעבן, איז דערפאַר דער רעספּעקט פאַר לעבן חל סיי אויפן גייסטיקן און סיי אויפן פיזישן לעבן. וואָס גרעסער עס איז דער דרך־ארץ פאַר פיזיש לעבן, אַלץ גרעסער ווערט ער אויך פאַר גייסטיק לעבן.

אין די טערמינען פונעם חסידישן ווערטל וואָס הייסט אין זינען האָבן דעם שכנס עולם הזה, ווייל דערמיט דערגרייכט מען אייגענעם עולם הבא, ווערט דער געדאַנק נאָך איינפאַכער, נאָך פּראָסט און פּשוטער.

אָבער צו דער דאָזיקער איינפאַכקייט דאַרף מען האָבן מוט. וואָרעם פון גאָרנישט איז נישט אַזוי גרינג אָפּצולאַכן ווי פון אַ פּשוטן, שכלדיקן רעיון, וואָס איז אַזוי איינפאַך, אַז מען נוצט אים אַזש נישט.

„מען האָט אַ מאָל געלאַכט דערפון, אַז שוואַרץ־הויטיקע זענען מענטשלעכע באַשעפענישן און דאַרפן באַהאַנדלט ווערן ווי מענטשן. היינט איז די נאַרישקייט שוין אַן אָנערקענטער אמת. היינט האַלט מען עס אָבער נאָך פאַר אַ גוזמא, אַז דער רעספּעקט צו יעדן מין לעבן, צום לעבן פון אַלע גאָטס באַשעפענישן איז דער סאַמע עיקר־באַדינג פון אַ שכלדיקער עטיק. עס וועט בלי ספק קומען די צייט, ווען מענטשן וועלן שטוינען ווי אַזוי מען האָט אַ מאָל נישט איינגעזען, אַז געדאַנקלאָזע שעדיקונג פון לעבן שטייט אין אַ היפוך מיט ווירקלעכער מאָראַל".

אַלבערט שווייצער האָט אין משך פון מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געדינט דער מענטשלעכקייט מיט זיין געדאַנק און מיט זיין קוראַזשירטן וואָרט פון וואָרענונג פאַר מאָראַלישן אונטערגאַנג, און נאָך מער האָט ער דער מענטש־לעכקייט געדינט און זי דערהויבן מיט דער זעלבסטפאַרווירקלעכונג פון זיין ליבשאַפט צו מענטשן.

עס איז וועגן אַלבערט שווייצערן געזאָגט געוואָרן, אַז ער איז אין אונדזער יאָרהונדערט געוועזן צו דער זעלבער צייט דער מענטשהייטס מוטיק שטראָפּנ־דיקער סאַוואָנאַראָלאַ און איר איידלסטער מיט מענטשן־ליבשאַפט פאַרנומענער הייליקער פראַנציסקוס.

שלמה ביקל

יידיש אין אַמעריקע

צוויי אַספּעקטן פון דער ראָל פון יידיש אין אַמעריקע.

קודם יידיש און דער יידישער יחיד.

אויב איך זאָל נוצן אַ באַגריף פונעם אַלטן רוימישן רעכט, וואָלט איך געזאָגט, אַז די שותפות פונעם יידישן יחיד מיט יידיש איז געווען אַ לעאָנינע, דאָס הייסט, אַן אומגלייכע, אַן אומיושרדיקע.

דער אַמעריקאַנער ייד האָט אַן אַן ערך מער נהנה געווען פון דער שותפות מיט יידיש, ווי יידיש פון דער שותפות מיטן אַמעריקאַנער ייד.

דער אַמעריקאַנער ייד, דער פּעדלער, דער מאַן פון שאָפּ, דער מאַן פון סטאָר, דער פאַבריקאַנט און דער פּראָפעסיאָנאַל האָבן יידיש נישט צו פיל געשאַצט. קיין גרויסע, און אַפילו ווייניקער ווי גרויסע, שפּראַך־הכנסות האָט יידיש פון זיי נישט געהאַט.

אָבער יעדער פון זיי האָט אין אַלע צייטן און ביי אַלע געלעגנהייטן געצויגן פון יידיש מער נשמהדיקע חיונה וויפל ס'איז אים געקומען לויט זיין אַקטיוון חלק אין דער שותפות.

דעם „גרינעם״ איינוואַנדערער האָט יידיש באַהעפט מיט די פרעמדע יידישע שכנים, אים געמאַכט פאַר אַ היימישן און אייגענעם נישט בלויז צווישן זייניקע, נאָר צווישן סתם יידן. יידיש האָט דעם ניי אָנגעקומענעם געהאָלפן זיך איינ־גלידערן אין די כלערליי חברות פון פרנסה־באַוואָרעניש און פון געזעל־שאַפטלעכער חברשאַפט און פון געמיט־דערנענטערונג.

דעם ייד, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, דעם ייד וואָס האָט פאַרלאָזט די אָרעמע אימיגראַנטישע גאַסן און האָט זיך אַרויסגעצויגן „אַפּטאָון״, האָט יידיש, אויב זי האָט נאָך געהאַט אַ וואָסערע איז אַחיזה אין זיין משפּחה, אָפּגעראַטעוועט פון וווּלגאַריטעט. יידיש איז אָט דעם יידן בייגעשטאַנען אויפצוהיטן זיין נשמה־דיקע עכטקייט און זיין פאָלקסטימלעכע וואַרעמקייט. יידיש האָט פאַרהיט דעם יידנס נייע גבירישאַפט פון אויפגעקומענקייט. יידיש האָט פאַרטריבן דעם ריח פון פאַרוועניו פון אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער יידישע „ליווינג־רומס״ און „דיינינג־רומס״.

יידיש איז געווען לייטזעליק און האָט אַרויסגעוויזן גנאָד אויך צו דעם יידן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון יידיש און האָט דאָס יידישע לשון נישט צוגעלאָזט נישט צום מויל פון זיינע קינדער און אַפילו נישט צו זיין אייגענער צונג.

יידיש האָט אין אָט דעם יידן מיט דער דערמאָנונג פון אירס אַ טרעפיקן זאָג און מיט דער אַרויסגערופענער אַטמאָספער אַרום אירס אַ וואָרט געוועקט נאָסטאַלגיע און אים פאַרשאַפט פרייד, די פרייד, וואָס שטייגט אויף פון בענק־שאַפט און פון טרויער.

יידיש האָט אַפילו יענע אַמעריקאַנער געבוירענע יידן, וואָס זענען מיט איר געקומען אין באַריר בלויז אומדירעקט דורך באָבעס און זיידעס, געמאַכט געמיטרייכער און פאַרביקער. יידיש האָט אין געמיט פון די דאָזיקע אַמעריקאַנער געבוירענע אויפגעוועקט אַן אָנונג פון אַ שיינער און גייסטיק־טיפער וועלט און געשפּרייט דעם ריח פון אַ קולטור־עכטקייט און פון אַ יידיש־מענטשלעכער גאַנצקייט, וואָס איז אַ כבוד זיך דערמיט צו יחוסן.

מיט איין וואָרט, יידיש האָט דעם יידישן יחיד אין אַמעריקע, אויף וויפל ער האָט געהאַט אַזאַ אָדער אַנדערן באַריר מיט יידיש, געמאַכט איידעלער, פאַרביקער און עכטער און האָט אים פאַרהיט פון שלעכטע קולטור־מידות.

און וואָס שייך דעם אויפטו פון יידיש פאַרן כלל ישראל אין אַמעריקע, איז דאָס אַזוי בולט, אַז מע קאָן עס שוין זאָגן בקיצור נמרץ —

צו דריי זאַכן האָט די יידישע אַמעריקע דערגרייכט אין די לעצטע פופציק פון אירע דריי הונדערט יאָר. זי האָט דערגרייכט צו אַ גוואַלדאָוונעם פאַרנעם פון צדקה גדולה, זי האָט זוכה געווען צו זיין דער שתדלן, דער בעל־השפעהדיקער פירשפּרעך, פאַרן גערודפטן און געיאָגטן פאָלק ישראל און ועל כולם האָט זי אין דער יידישער אייביקייט אַריינגעבראַכט אַ ניסימדיקע מאָס פון אָריגינעלער שעפערישקייט.

און אָט די דאָזיקע קרוין פון שעפערישקייט האָבן דער יידישער אַמעריקע אָנגעטאָן יידיש און אירע פון די ברעגעס פון וויסל און ווילִיע צו די ברעגעס פון האָדסאָן אַריבערגעקומענע געטרייע ריטער און פאַזשן, די יידיש־דיכטער, די יידיש־דערציילער און די יידיש־טראַכטער.

און ווי הייסט עס דאָרט אין דער הגדה, וואָס מיר זאָגן אויף פסח: פאַר יעדער טובה — דיינו.

פאַר אַלץ איינעם, וואָס יידיש האָט געטאָן צום יידישן יחיד און צום יידישן כלל אין אַמעריקע, וואָלט מען געדאַרפט אַ גאַנצע הגדה אויף צו דער־ציילן און אויף צו מערן דערציילן איר לויב און איר וווּנדער.

פאעטן

נאַטיצן וועגן זיבעציק יאָר יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע *

א.

דער שעפערישער וווּנדער

ווען איך האָב דערזען אַן אויפגעשריבענעם דעם „קאָפּ" איבערן מאמר האָב איך ערשט דערפילט דעם גאַנצן ערנסט פון דעם פּאַרמעסט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין די ווערטער, זיי נישט ווילנדיק געגומען בוכשטאַבירן און דערשפּירט די פולע פּאַרכט און ציטערניש פאַר זיבעציק יאָר, פאַר די אויסנעמלעכע און וווּנדערלעכע זיבן צענדליק יאָר יידיש־שעפערישקייט אין אַמע־ריקע.

איך ווייס, אַז אַזעלכע אַדיעקטיוון ווי „אויסנעמלעך" און „וווּנדערלעך" קאָנען קלינגען גוזמאדיק און, נאָך ערגער, גאָרנישט זאָגנדיק. אָבער איך נוץ זיי אָן מורא און מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז איך האָב מיט די שם־התוארס נישט איבערגעטריבן כהוא זה. איך האָב אַ בלעטער געטאָן פּאול וויגלערס מאָנומענטאַלע „געשיכטע דער וועלט־ליטעראַטור", און פעריאָדן פון ליטעראַרישן אויפבלי און פון בלי ביי דעם און יענעם פאָלק זענען אַוודאי נישט קיין זעלטנקייטן. אָבער איר וועט אין אַלע הונדערטער און הונדערטער בלעטער פון פּאָול וויגלערס וועלט־געשיכטע נישט געפינען אַזאַ מין שעפערישן פענאָמען פון עמיגראַנטן, וואָס זענען אָקאָרשט אַראָפּ פון דער שיף אויף אַן אומבאַקאַנטער, פרעמדער ערד און האָבן זיך נישט בלויז געשטעלט אַרבעטן ביי דער ניימאַשין און ביים פּרעסאייזן פאַר אַ שטיקל ברויט און פאַר אַ שיפסקאַרטע אַראָפּצוברענגען טאַטע־מאַמע און ווייב מיט קינדער, נאָר האָבן זיך אויך באַלד אָנגעקעזעצט ביים שרייבטיש צו שעפערישער אַרבעט, אַרויס־צוזינגען פון זיך דעם טרויער און די האָפענונג און צו דערציילן וועגן דעם איבערגעלאָזטן לעבן דאָרט און וועגן דעם אויפקומענדיקן שטייגער דאָ.

מען קאָן אין דעם פּרט זאָגן און נישט עובר זיין דערביי אויף דער מינדסטער זינד פון פאָלקישער איבערנעמערישקייט אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַ פאָלק, ווי „דייך עם ישראל אין דער וועלט" (מי כמוך עמך ישראל גוי אחד בארץ). יידן זענען נישט דאָס איינציקע פאָלק, וואָס איז אַריבערגעקומען אַהער אויפן נייעם קאָנטינענט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, אָבער זיי זענען די איין און איינציקע וואָס זענען דאָ פאַרבליבן אַ גייסטיק־שעפערישער כלל און האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ ליטעראַטור אין זייער אייגענער געערדטער שפּראַך: אין יידיש.

* געשריבן פאַרן יובל־נומער פון זשורנאַל „די צוקונפט", דעצעמבער 1962.

איטאַליענער און אירלענדער, פראַנצויזן, סקאַנדינאַוויער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, שפּאַניער און דייטשן האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און האָבן זיך דאָ מאַטעריעל און אויך געזעלשאַפטלעך אַרויפגעאַרבעט. אַ טייל פון די דערמאָנטע עטנישע גרופּעס זענען אַפילו שוין אין ערשטן דור דערגאַנגען צו ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע מאַכט־פּאָזיציעס. אַ דייטש פון דריטן דור האָט דערגרייכט צו זיין פּרעזידענטשאַפט־קאַנדידאַט און אַן אירלענדער פון יענער זעלבער גענעראַציע איז טאַקע געוואָרן דער תושב אין „ווייסן הויז".

אָבער ווירטשאַפט, פּאָליטיק און דאָס וואָס מיר רופן מיטן, לפי ערך, יונגן יידישן וואָרט געזעלשאַפטלעכקייט, געהערן צו דער עקסטראַוועראַטער קולטור, צו דער קולטור, וואָס פּאַרלירט לייכט דעם אייגן־נשמהדיקן אַספּעקט, שפּאַנט אַריבער איבער דער פּסיכישער באַריערע פון לשון און גלייכט זיך אויס (נישט אַיין מאָל איז ריכטיקער צו זאָגן: קרימט זיך אויס) מיטן פּנים פונעם אַלגעמיינעם אַרום.

עס איז אמת, אַז די געשיכטע עדותט זיך וועגן מהות פון פעלקער, וועגן זייער התנהגות און וועגן זייערע אויפטוען אַ סך מאָל מיט אַט דער עקסטראַווערטער, דרויסנדיקער קולטור. די דאָזיקע עדותשאַפט איז אָבער, אין לשון פון געריכט־זאַל, נאָר אַ דירעקטע, כ'מיין, זי איז נישט דורכגעגאַנגען דעם קרייץ־פאַרהער פון כוונה און פון סתירה. און זי איז אויך אין אַ היפּשער מאָס אַן עדותשאַפט נישט אונטער אַ שבועה, דאָס הייסט, מען מעג איר יאָ אָדער נישט גלויבן. די דאָזיקע עדותשאַפט צווינגט אויף אייך נישט אַרויף דעם סאַמע אינעווייניקסטן אמת פון אַ פאָלק, דעם אמת וועגן זיין גייסטיקער געטריישאַפט צו זיך און וועגן זיין ווילן צו בלייבן ביים אייגענעם היסטאָריש־פּסיכישן איך.

די דאָזיקע אינעווייניקסטע וואָרהייט קאָן נאָר אַרויסגעבראַכט ווערן דורך דער קינסטלערישער שעפערישקייט. די קינסטלערישע יצירה איז די אינטראָווערטע קולטור, די קולטור מיט די פליגל אַריין אין די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה. די עדותשאַפט פון קינסטלערישער שעפערישקייט איז פון לכתחילה אונטער אַ שבועה צו זאָגן דעם אמת און רק דעם אמת.

אוודאי ווייסן מיר אַ שלל פּרטים וועגן די יידן אין שפּאַניע. אויפן סמך פון די פּרטים האָבן די היסטאָריקער פאַר אונדז צונויפגעשטעלט אַ סיפור המעשה פון זיי געשעענישן און אויסגעסדרט אַ גבית עדות וועגן דעם יידישן לעבן אין ספרד אונטער מאַורישער און קריסטלעכער הערשאַפט. אָבער דעם אמת, וואָס האָט אַריינגעפירט דאָס יידישע לעבן אין שפּאַניע אין דער אייביקייט פון יידיש־היסטאָרישן פאָלקס־זכרון, האָבן אַנטפּלעקט פאַר אונדז די לידער פון ר' יהודה הלוי און פון ר' שלמה גבירול און די שירי חול און שירי קודש פון ביידע אבן עזראס, די סליחות פון די פּיטנים מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע נעמען און די פילאָסאָפישע טראַקטאַטן פון רבנו בחיי און פון ר' משה בן מימון.

וואָס וואָלטן מיר געוווּסט וועגן דער היסטאָרישער בענקשאַפֿט־פֿאַרבונדנקייט פון די שפּאַנישע ייִדן מיט ארץ ישׂראל אָן ר׳ יהודה הלוויס „ציון הלא תשאלי״ און וואָס וועגן דעם געדאַנקלעך־ייִדישן געראַנגל מיט דער אַרומיקער וועלט אָן דעם רמב״מס „מורה נבוכים״?

דאָס ייִדישע לעבן ביי די טייכן פון ספרד איז ווי דאָס לעבן פון די ייִדן מיט יאָרהונדערטער פאַר דעם אין דער גרויסער האַפן־שטאָט אַלעקסאַנדריע של מצריב און ווי מיט יאָרהונדערטער שפּעטער ביי די ברעגעס פון האָדסאָן געווען היפּש איינטעגרירט אין דעם גוייִשן קולטור־אַרום. בלויז „עשׂרה בטלנים״ זענען געזעסן ביי זיך „אין צימערל פאַרמאַכט״ און האָבן מיט זייערע ווערק געשריבן די טיפֿערע געשיכטע, די פאַרהוילענע היסטאָריע פון דעם דאָזיקן לעבן, און האָבן פאַראייביקט זייער ייִדישע צייט ווי „גילדענע עפּאָכעס״ פון שעפעריש־קייט אין דער ייִדישער היסטאָריע.

אַזוינע געשוווירענע עדות פאַרן טיפערן ייִדיש־היסטאָרישן אמת אויפן נייעם קאָנטינענט זענען פאַר די לעצטע זיבעציק יאָר די ייִדיש־שעפער אין אַמעריקע.

צווישן מאָריס ראָזענפעלד, דעם גבורהדיקן פּאָעטישן אָנהייב און ה. לייוויק, דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דער ייִדיש־דיכטונג אין אַמעריקע, און צווישן די פּראָלעטאַרישע סקיצן־שרייבער פון די נײַנציקער יאָרן און אונדזערע היינט־צייטיקע דערציילער דאָ מיט זייער אידעיִשן פאַרנעם און מיט זייער סטיליסטי־שער ראַפינירטקייט, שפּרייטן זיך זיבעציק יאָר פון ייִדישער שפּראַך־אַנטוויק־לונג און שפּראַך־ליטערונג, וואָס קיין שום איינגעזעסן פאָלק האָט שעפעריש נישט צו שטאַנד געבראַכט אין אַזאַ קורצער צייט.

איך האָב שוין דערמאָנט צוויי נעמען און וועל מן הסתם נאָך מוזן דער־מאָנען, הגם עס גייט נישט וועגן אינדיווידועלע דערגרייכונגען, נאָר וועגן דעם קאָלעקטיוון אויפטו און אויפשטייג. לכל הדעות געהערן נישט אַריין אין רעגיס־טער פון דערמאָנונג די נעמען פון יענע דיכטער, דערציילער און עסייִסטן, וואָס זענען אַהער געקומען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר. די דאָזיקע שעפער זענען שוין געקומען אַהער אין זייער פולער רייפקייט. זיי זענען ווי שוין פאַרטיק אויסגעוואַקסענע ביימער אויסגעריסן געוואָרן פון דאָרט און אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אַהער. אָבער געשאַפן דאָס גרויסע ווערק פון ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע האָבן יענע וואָס זענען אַהער געקומען יונג און שעפעריש אומאַנטוויקלט און האָבן דאָ מיט זייער מי און מיט זייער באַגאַבונג ערשט געמאַכט דעם פאַרזיי פון די אַלע ליטעראַרישע געוויקסן, וואָס האָבן פאַרוווּנדערט די ייִדישע וועלט מיט זייער שפע און מיט זייער טעם.

ב.

יידישע תנ"ך־איבערזעצונג

קודם־כל און פאַר אַלעמען דאַרף מען רעדן וועגן דעם שפּראַך־אויפטו, ווייל אין אים אַנטפּלעקט זיך מיט אַ באַזונדערער בולטקייט דער חילוק צווישן די צוויי עראַליי קולטור־עדותשאַפטן וואָס איך האָב פריִער דערמאָנט.

אַ פאָלק, ממש אַ גאַנץ פאָלק, וואַנדערט אַריבער צו דעם נייעם קאָנטינענט און — ביי דער אַרבעט אין שאַפּ,ביים פעדלער־וועגעלע און הינטערן טיש אין קענדיסטאָר און אין אַלע אַנדערע מינים סטאָרס ווערט קאַליע דאָס גערעדטע יידיש לשון און עס ווערט פון אים אַ שטיק זשאַרגאָן, וואָס יעדער צווייטער זאַץ איז צעריסן פון באַרבאַריזמען און יעדער דריטער פאַרלאַטעט מיט אַ מגושמדיק איבערגעזעצטן פרעמדן שפּראַך־אידיאָם. דאָס צעהרגעטע לשון פון די טאַטעס אין שאַפּ און אין די געוועלבן און דאָס לשון מיטן פרעמדלעכן אַקצענט און מיטן שוואַכן אָטעם אין מויל פון די קינדער (אויף וויפל עס איז אין זייער מויל בכלל פאַראַן) ווערט גענומען פאַר אַן עדות, אַז — די שעפערישקייט אין דער אייגענער שפּראַך האַלט ביים אויסגיין און די שפּראַך גופא ביים אונטערגיין.

אָבער אָט קומט אַ צווייטער עדות, דער אמתער עדות פון יידישער שעפערישקייט און ער פּרעזענטירט דאָס יידישע בוך אין אַמעריקע און עס אַנטפּלעקט זיך אַ יידיש לשון וואָס איז אין משך פון צענדליקער יאָרן גאָר געגאַנגען פאָרויס און דערגאַנגען צו אַלץ דינערער און טיפערער אייגנקייט — געגאַנגען פון ראָזענפעלדן און ווינטשעווסקין צו די לידער פון משה לייבן און מאַני לייבן און לייוויקן, געגאַנגען פון ליבין און קאָברין צו דער סאָלידער און ראַפינירטער פּראָזע פון יוסף אָפּאַטאָשו און לאַמעד שאַפּיראָ און פון דער סטיליסטישער אומבאַהאָלפנקייט פון די פּאָעטן, דערציילער און עסייִסטן אין די נייַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט צו דער שפּראַך־ווירטואָזיטעט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם יאָרצענדליק ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער פּאָעזיע און פּראָזע פון משה נאַדיר און, אים צו לאַנגע יאָר, יעקב גלאַטשטיין.

עס בעטן זיך אויך אויף דעם געביט פון שפּראַך פאַרצייכנט צו ווערן א. לעיעלעסעס פּראָזאַדישע מייסטערשאַפט, וואָס האָט אויספּרובירט אַזוי פיל אַלטע פאָרמען אין זיינע לידער־זאַמלונגען; אברהם ליעסינס נישט געַנוג אָפּגעשאַצטע פּובליציסטיק, וואָס האָט דעם אַקטועלן יידישן מאמר צוגעגעבן דעם חן פון ביבלישער בילדערישקייט און פון היסטאָרישער אַנאַלאָגיע; אברהם קאָראַלניקס און חיים גרינבערגס עסייען, וואָס האָבן אין דער יידיש־מחשבהדיקער פּראָזע אַריינגעבראַכט לירישע ווייכקייט און אַ שפע פון אינטעלעקטו־

אַליסטישן געמיט און דער עיקרשט חיים זשיטלאָווסקי, וואָס וויפל מען זאָל נישט אָפּפרעגן זיינע טעאָרעטישע פאָרמולירונגען, איז עס אַ לית מאן דפליג אַז וואָס שייך זיין יידיש לשון איז ער געווען אַ ראשון און אַן אחרון פון יידיש פילאָסאָפישן און יידיש־וויסנשאַפטלעכן סטיל — אַ סטיל, וואָס איז אַ גליקלעכע מזיגה פון הלכהשער שטרענגקייט מיט מחיהדיקער פאָלקסטימלעכקייט און זיסער באַלערעוודיקייט פון אגדה.

זשיטלאָווסקיס שפּראַך — ציטיר איך פון מיינער אַן עסיי פון מיט זעקס יאָר צוריק — פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כוח פון הסברה, אַ דאָזירטן פיינעם הומאָר, אַ היפּש ביסל קראַפט פון אַריינזאָגערישקייט און אַ בילדערישקייט אין דער שילדערונג פון געדאַנק און געדאַנק־סיסטעמען, וואָס דערמאָנט אין די געציילטע שפּראַך־מייסטערס צווישן די פילאָסאָפן, און באַזונדער, דאַכט מיר, אין אַזאַ וואָרט און בילד־מייסטער ווי זשאָרזש סאַנטאַיאַנאַ.

ז'אָס זענען אַלע געווען יחידיש־קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס האָבן באַרייכערט די יידיש־שאַפונג אין אַמעריקע און איר געגעבן גלאַנץ, אָבער דער סימן בגרות פון אַ ליטעראַטור, דער סימן אַז זי איז סטיליסטיש רייף געוואָרן און געמט זוכן די וואָרצלען פון איר סטיל־אייגנקייט — אַזאַ סימן איז די איבער־זעצונג פונעם ספר הספרים.

מיט דער ביבל־איבערזעצונג הייבט זיך אָן די סטיל־רייפקייט פון אַזעלכע צוויי גרויסע ליטעראַטורן ווי די דייטשע און ענגלישע. און וועגן אַ תרגום־יידיש פונעם ספר־הספרים האָט געחלומט פּרץ ווען ער האָט אויף דער טשער־נאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ מיט פיר און פופציק יאָר צוריק געשפּונען פאַר די דעלעגאַטן זיין וויזיע וועגן דער גרויסער שליחות פון אונדזער ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון.

פּרץ אַליין האָט געמאַכט אַ פּרווו פון ביבל־איבערזעצונג מיט זיין יידיש־ווערסיפיצירונג פון די פינף מגילות, אָבער עס איז געבליבן נישט מער ווי אַ פּרווו און צום טייל אַן אומגעראָטענער. פּרצעס חלום וועגן תרגום פון תנ"ך אויף יידיש איז מקוים געוואָרן נישט ביי דער וויסל, נאָר צוואַנציק יאָר שפּעטער ביים האָדסאָן.

די השגחה האָט געטאָן גרויס חסד מיט דער יידיש־ליטעראַטור, וואָס זי האָט איר צוגעשיקט אַ מאַן ווי יהואש. נאָר ער, יהואש, האָט געקאָנט געבן דער יידיש־שאַפונג דעם תרגום פון תנ"ך. ער האָט פאַרמאָגט דערצו אַלע מכשירים פון גייסט, ווילן און מאָראַל. ער איז געווען אַ ווירטועזער יידיש־דיכטער, ער איז געווען אַ טיפער למדן, אַ ידען פון דער וועלט־ליטעראַטור און אַ קענער פון די וויכטיקסטע קלאַסישע לשונות און פון די איראָפּעישע הויפּט־שפּראַכן. ער האָט פאַרמאָגט די התמדה פון אונדזערע פאַרצייטישע יידישע גאונים, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר ביטול תורה און האָבן זיך געהאַט די עקשנות און

די ליבשאַפט מקיים צו זיין דעם „והגית בה יומם ולילה“, און עס האָט אים אויך נישט געפעלט די זעלטענע מאָראַלישע גבורה צו שטעלן העכער דעם תרגום־תנ״ך פון זיין אייגן ליד. אַ סך לידער זענען אין יהואָשס פּאָעטישער בלי־צייט געבליבן נישט אָנגעשריבן, ווייל דער דיכטער האָט גובר געווען זיין ליד־תאווה און האָט אָפּגעגעבן זיין שפּאָרע צייט דעם גרויסן ווערק פון דער ביבל־איבערזעצונג.

יהואָש האָט איינער אַליין אָפּגעטאָן די אַרבעט, וואָס ס׳האָבן, לויט דער לעגענדע, דורכגעפירט מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק נישט ווייניקער ווי זיבעציק געלערנטע. און ערשט האָבן יענע גריכישע איבערזעצער באַוויזן צוצושטעלן דעם מלך פּטאָלאָמעאָס נישט מער ווי דעם תרגום תורה. די גריכישע איבערזעצונג פון נ״ך האָט אויף זיך געלאָזט וואַרטן נאָך ווייטערע הונדערט יאָר.

ווען יהואָש איז אָנהייב ווינטער 1927 נפטר געוואָרן אין עלטער פון זיבן און פופציק יאָר, איז זיין תרגום תנ״ך געווען פאַרטיק איניינעם מיט פיר בענד הערות, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין די יאָר פון זיין איבערזעצונגס־אַרבעט.

ש. ניגער, וואָס האָט כמעט אַלע מאָל געהאַט דאָס ריכטיקע אויג פאַרן גאַנג פון דער יידיש־שאַפונג בכלל און אין אַמעריקע בפרט, ווו ער האָט געוווינט דעם גרעסטן טייל פון זיין באַוווסטזיניקן לעבן (די עטלעכע בענד שריפטן, וואָס זיינען דערשינען נאָך ניגערס טויט באַשטעטיקן פון דאָס ניי און נאָך מער די ריכטיקייט פון זיין קריטישער זעונג), האָט אויך דערזען די פונדאַמענטאַלע וויכטיקייט פונעם תרגום יהואָש. דער „שהחיינו“, וואָס ש. ניגער האָט געמאַכט אום זומער 1928 איבער די ערשטע פיר בענד פון דער תנ״ך־איבערזעצונג האָט היינט, מיט פיר און דרייסיק יאָר שפּעטער, נישט בלויז נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון זיין קריטישן אמת, נאָר האָט צובאַקומען גילטיקייט ווי אַ גוט סאָליד בלאַט יידישע ליטעראַטור־געשיכטע אין אַמעריקע.

דעם „שהחיינו“ זיינעם האָט ש. ניגער אָפּגעדרוקט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“ פונעם 20סטן יולי 1928 און עטלעכע באַזונדער־איינדרוקספולע פּאַראַגראַפן און אין פינטל טרעפנדיקע פאָרמולירונגען וויל איך דאָ ציטירן.

קודם וואָס שייך יהואָשן אַליין: „פיר בענד — פיר עדות פון אַ גרויסן שעפערישן אָנשטרענג. עדות פון אַ לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ ציל און וואָס איז אויפגעגאַנגען ערשט דאַן, ווען דער גרויסער ציל איז נאָך יאָרן מי, פליס, פאָרשונג און באַגייסטערטער שאַפונגס־אַרבעט, דערגרייכט געוואָרן... יהואָשס גרויסע אַרבעט איז פריער ווי אַלץ די אַנטפלעקונג פון אַ גרויסער און איינגעשפּאַרטער ווידערשטאַנד־קראַפט... יהואָש האָט אָנגעטרונקען יידיש מיט די זאַפטן פון אַלע פאַרשיידענע ביבל־נוסחאות. ער האָט נישט געצוווּנגען דעם

נביא צו רעדן יידיש. ער האָט געלערנט יידיש נביאות זאָגן. ער האָט נישט פאַריידישט די דונערן און בליצן פון באַרג סיני. ער האָט געמאַכט יידיש דונערן און בליצן. יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון כהנים און מלכים, די שפּראַך פון אַלטע כראָניקעס, די שפּראַך, אויף וועלכער גאָט רעדט צו זיינע אויסדערוויילטע"... און ווייטער: אין יהואָשס תנ"ך־תרגום זעט ניגער דעם „עדות פון אַ שפּראַך, וואָס איז רייף געוואָרן, אַ היסטאָרישע פאַסירונג באמת".

איך זינג מיט פון גאַנצן האַרצן ניגערס אָדע צו יהואָשן, דעם תנ"ך־איבערזעצער, אָבער באַזונדער ניחא איז מיר די פאָרמולע וועגן דער „שפּראַך־עדותשאַפט", ווייל זי לאָזט אונדז וויסן, אַז יהואָשס איבערזעצונג איז געווען נישט בלויז סטימול צו אַ נייעם ליטעראַרישן וועג, נאָר זי האָט אין זיך אויך געטראָגן דעם אָנווייז אויף אַ סך־הכל פון שעפערישער דערגרייכונג. דער תרגום־יהואָש איז געווען דער כינוס פון אַל־דעם, וואָס אונדזערע קלאַסיקער אויף יענער זייט ים האָבן דערגרייכט, אָבער ער האָט אויך געקרוינט שעפע־רישע שפּראַך־דערגרייכונגען פון אַ דור יידישע פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער דאָ אין אַמעריקע. ווען יהואָש האָט געאַרבעט איבער זיין מאָנומענטאַלן תרגום האָבן שוין די ראשונים פון דער יידישער דיכטונג, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און אַנדערע געהאַט אָפּגעזונגען זייער ליד, און די יידישע דיכטונג האָט שוין געהאַט אין איר פייער־קאַסע די געזאַנגען פון מאָריס ראָזענפעלד. און די „יונגע" האָבן שוין געהאַט אויסגעשיידט יעדעס מינדסטע שטיקל גאַסישן ליאַרעם פונעם יידיש־ליד און אים אַריינגעשעפּטשעט די פיינסטע ניואַנסן פון לירישער דממה־דקה־שטילקייט, און די „אינזיכיסטן" האָבן דעם דאָזיקן „גאַסישן ליאַרעם" אָן אויסגעלייטערטן און אַ מאָדערניסטיש סטיליזירטן און פאַרגעדאַנקלעכטן צוריקגעבראַכט. פּראָזע־שרייבער ווי שלום אַש, לאַמעד שאַפּיראָ, א. ראַבאָי, מ. י. חאַימאָוויטש, דוד איגנאַטאָוו, י. י. זינגער און יוסף אָפּאַטאָשו האָבן די יידישע פּראָזע־שפּראַך אַוועקגעפירט אַ גרויס שטיק וועגס צו דעם קינסטלערישן צמצום, צו דעם געשטאַלטערישן שווונג און צו דער לירישער וויבראַציע פון די חומש־דערציילונגען. און משה נאַדיר האָט אין זיינע מעשהלעך און הומאָרעסקעס שוין געהאַט אַריבערגעשוועבט איבער נישט איין סכנהדיקן באַרג־שפּיץ און איז דורכגעגאַנגען נישט איין פאַרבאָר־גענע הייל פון מאַמע־לשון.

אָט דער פאָרשערישער אָנשטרענג און נאָך מער די אַטמאָספער פון דער דאָזיקער שעפערישער מי אין דער דיכטונג און אין דער פּראָזע (דער קינסט־לערישער און מחשבהדיקער) איז געשטאַנען ביי דער זייט פון דעם דיכטער יהואָש אין זיין אַרבעט־צימער אין מזרח־בראָנקס און האָט אונטערגעהאַלטן דאָס פייער פון זיין שליחות צו טאָן די עבודת הקודש פון תרגום תנ"ך אויף יידיש.

און אַחוץ דעם יחידיש־קינסטלערישע און כלליש־ליטעראַרישן איז אויך פֿאַראַן אַ קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער אַספּעקט פֿון דעם תּרגום יהואָש. ראשית, האָט יהואָשס ביבל־איבערזעצונג געטאָן צום טייל, לכל הפּחות, פֿאַרן עם ישׂראל אין אַמעריקע וואָס דער תּרגום השבעים פֿאַר די יידן אין אַלעקסאַנדריע של מצרים מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק. יהואָשס פֿאַריידישונג פֿון תּנ״ך האָט צוריקגעבראַכט צום תּנ״ך יידן, וואָס דער העברעיִשער אָריגינאַל איז פֿאַר זיי געוועןֹ פֿאַרשלאָסן. יהואָשס תּנ״ך־תּרגום איז בכן געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. דאָס איז בפירוש אמת. אַ סימן, אַז אויך דער תּנ״ך אויף יידיש איז געוואָרן דאָס בעסט־פֿאַרקויפֿטע יידיש־בוך אין אַמעריקע.

אָבער נאָך מער ווי דאָס איז אמת, אַז דער תּרגום־יהואָש איז געשאַפֿן געוואָרן נישט בלויז פֿאַר, נאָר אויך קעגן דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. און ביי דער פֿאָרמולירונג פֿון דעם דאָזיקן אַספּעקט איז ניגער, לפי דעתי, נישט בלויז אַ חריפֿותדיקער ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר אויך אַ סאָלידער קולטור־היסטאָריקער.

„אַז אין דער אַלטער היים — פֿאַרענדיקט ש. ניגער זיין „שהחיינו" איבערן תּרגום־יהואָש — וועט אָנקומען פֿון דאַנען יהואָשס גרויסע אַרבעט, און אַז אין דער וועלט וועט מען זיך פֿאַראינטערעסירן מיט איר, זאָל מען נישט זאָגן: „די יידישע אַמעריקע — זעט, וואָס זי טוט אויף!" זאָל מען וויסן, אַז נישט די יידישע גאַס אין אַמעריקע, נאָר דאָס שטעלן זיך העכער פֿון איר און דאָס וועלן זי אויפֿהייבן, האָט אויפֿגעטאָן — און וועט נאָך אויפֿטאָן — וווּנדער".

און צו די וווּנדער, וואָס דער תּרגום־יהואָש האָט אויפֿגעטאָן געהערט, ווי איך גלייב, אויך דער סטימול, דער אַנטשיידנדיקער סטימול, צום אויפֿקום פֿון טראַדיציאָנאַליזם אין דער יידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור.

צווישן זישאַ לאַנדויס תּפֿילה „פֿאַר אונדזער חרוב יידיש לעבן"... פֿון היכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווו ער פּראָקלאַמירט די אידעאַליזאַציע פֿונעם „עם לבדד ישכון", וואָס —

אויף יעדן יידיש שמוציק געסל,
אויף יעדן קראָם וויין איך און קלאָג.

— — — — — — — —

ס׳איז ריין און העל אַלץ וואָס ס׳איז יידיש!
דאָס אָרעמע לעבן בוי צוריק,

און יעקב גלאַטשטיינס באַרימטן און היסטאָריש געוואָרענעם ליד „אַ גוטע נאַכט וועלט" אַ יאָר פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווו ער פֿירט אונדז אַ שטאָלצער צוריק „מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ־ליכט", און —

שרייבער פון מיין דור

קויב, לויב, לויב
צעהויקערט יידיש לעבן,
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן,
כאַטש אַלץ איז פּאַרוויסט
שטויב איך זיך אין דיין שטויב
טרויעריק יידישן לעבן —

צווישן די צוויי שאַרפע פּאָעטישע אָנווייז־פּיילן, וואָס באַהעלן מיט אַזאַ גע־וואַגטער און טיפער עמאָציאָנאַלישקייט דעם וועג צוריק צו יידישער שטאָט און שטעטלדיקייט, ליגט אַ היפשער פּאַק מיט פּראָזע־ווערק, מיט לידער־זאַמ־לונגען און מיט דראַמאַטישע פּאָעמעס געשריבן דאָ אין אַמעריקע אין יידיש־טראַדיציאָנעלן גייסט און אין אַ פרום יידישן טאָן.

די פרומסטע וואָס שייך יידיש געפיל זענען געווען דער זון פונעם וואָלינישן סופר י. י. סיגאַל, אַ פּאָעטישער בעל־תפילה מיט סימנים פון גרויסקייט. דער זון פונעם גאַליצישן וואַלד־ייד, נפתלי גראָס און דער זון פונעם ליטווישן „גייער" מנחם באָריישאָ. ווי אַ פערטן צו דער חברותא דאַרף מען, לפי דעתי, צורעכענען, אים צו לאַנגע יאָר, דעם זון פונעם בעסאַראַבער שוחט, אפרים אויערבאַך, וואָס האָט כמעט פון זיינע ערשטע לידער אָן געזונגען אויפן מאָטיוו פון תרי"ג־מצוותשקייט.

אויף אָט דעם אומקער צו טראַדיציאָנאַליזם האָט אָבער, בלי ספק, משפּיע געווען יהואשעס תנ"ך־תרגום. פון דאָרט, פון יהואשעס דירה אין די בראָנקס האָט אויסגעשטראַלט די השפּעה פונעם ספר הספרים אין די יאָרן ווען דער דיכ־טער האָט געאַרבעט איבערן תרגום, און די השפּעה איז געוואָרן אַלץ בולטער און אַלץ אַנטשיידנדיקער ווען די יידיש־שעפער, די דיכטער, די דערציילער און די עסייִסטן האָבן פאַר זיך געהאַט די בלעטער פון תנ"ך אויף יידיש און האָבן באַקומען צו דער האַנט דעם פסוק חומש און פסוק תנ"ך מיט זיינע בילדער, מיט זיינע אידיאָמען און מיט אַלע, דעם יידישן שרייבער נאָך פון חדר אַזוי אייגענע און האַלב־פאַרגעסענע, שפּראַך־ווענדונגען.

דער מאָדערנער העברעיִש־שרייבער אין פּוילן האָט געמוזט אַנטלויפן פון דעם מקרא־סטיל צום לשון פון דער משנה און פון מדרש, כדי אָנצוהאַלטן די געערדטע לעבעדיקייט פון זיין ליטעראַטור־שפּראַך.

דער מאָדערנער יידיש־שרייבער אין אַמעריקע איז צוגעפאַלן צו דעם מקרא־סטיל אויף יידיש, ווייל ער האָט אים געהאָלפן אַריינבערענגען אין מאַמע־לשון די שטייפע מענלעכע פייערלעכקייט פון תנ"ך און — מיט דער הילף פון תנ"ך האָט זיך דער יידיש־שעפער געקאָנט אַריבעררעטעווען איבער דער רעליגיעז־אָנגע־זאָפּטער יידיש־טראַדיציע, וואָס איז געווען פאַר אים פּאָעטישע בענקשאַפט —

צו דער אַטמאָספער פון יידיש־וועלטלעכקייט און וועלטישקייט, וואָס איז געווען און געבליבן זיין פסיכישעווירקלעכקייט.

ג.

פון ניו־יאָרק ביז קענטאָקי

מיר איז נישט קלאָר פאַר וואָס דער דיכטער מ. באַסין, דער אַנטאָלאָגיסט מיט דער ה״א הידיעה פון דער יידיש־ליטעראַטור, האָט אין זיין אַנטאָלאָגיע „אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע״ (ניו־יאָרק, 1940) אויסגעלאָזט דעם דיכטער יואל סלאָנים. נאָך ווייניקער קלאָר איז מיר פאַר וואָס באַסין האָט אין דער זאַמלונג „יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צו דער געלעגנהייט פון דריי הונדערט יאָר יידן אין אַמעריקע, אַריינגענומען יואל סלאָנימען בלויז מיט איין ליד „אונדזער ניו־יאָרק״. עס איז מיר, זאָג איך, אַ חידוש דערויף, וואָרעם דער פּריצייטיק פאַרשטאָרבענער יואל סלאָנים (ער איז אַלט געווען נישט מער ווי זעכציק יאָר) איז געווען כמעט דער איינציקער שיר נישט אין אַמעריקע געבוירענער דיכטער. ער איז געבראַכט געוואָרן אַהער אין 1886 אין עלטער פון צוויי יאָר. סלאָנים איז לויט די צאָל יאָרן וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין שיקאַגאָ און אין ניו־יאָרק און נאָך מער לויט זיין דערציונג און לויט זיין טעמפּעראַמענט געווען אַן אַמעריקאַנער.

זלמן רייזען פאַרצייכנט אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ וועגן יואל סלאָנים אין צווייטן באַנד פון זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״ (ווילנע, 1927), אַז דער דיכטער האָט גרייט צום דרוק צוויי בענד לידער. די דאָזיקע צוויי בענד גרייטע לידער זענען ביז צום דיכטערס טויט אין 1944 און עד־היום, אַכצן יאָר נאָך זיין טויט, נישט דערשינען. אָבער אין די אַלע יאָרן צווישן 1927 און 1944 האָט דער אַמעריקאַניש אויסגעקאָכטער רעפּאָרטער, יואל סלאָנים, געדרוקט כמעט יעדע וואָך לידער אין „טאָג״. איך אַליין האָב פאַרכאַפּט סלאָנימען אין די לעצטע פינף יאָר פון זיין לעבן און געדענק זיין ממש מסירת נפשדיקע זאָרג, אַז עס זאָל שבת נישט פעלן זיינס אַ ליד אין צייטונג און זיין אָפּהיטן די קאָרעקטור, אַז ס'זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אַ דרוקפעלער אין ליד. און איך געדענק אויך, אַז צווישן די לידער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרדינט און געהאַט דעם לויב פון חברים שרייבער.

עס איז בלי ספק זיכער, אַז פון די אַלע לידער סלאָנימס האָט מען געקאָנט אָפּקלייבן אַ באַנד גוטע לידער און אַלע אויף אַמעריקאַנישע מאָטיוון. וואָרעם די אַלטע היים האָט סלאָנים נישט געקענט. דאָס ביסל באַקאַנטשאַפט וואָס ער האָט געהאַט מיט איר, איז געווען אויפן סמך פון קורצע באַזוכן וואָס ער האָט דאָרט געמאַכט ייִנגלווייז און אויך דערוואַקסענערהייט.

אַזוי ווי אַזאַ באַנד לידער איז צום באַדויערן ביז היינט נישט אויפגע־

ואַמלט געוואָרן, איז יואל סלאָנים דערוויל אַ פּאָרגעטענער דיכטער. און די פאַרגעסעניש איז נישט נאָר אַן עוולה פאַרן דיכטער, נאָר אויך אַ בפירושער שאָדן פאַר דער געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע. אַן סלאָנימס לידער פעלט אַ רינגעלע, און דאָס ערשטע רינגעלע, אין דער היסטאָריע פון יידיש־פּאָעטישער התפעלות און פאַרליבטקייט אין דער ריזן־שטאָט ביים האָדסאָן.

עס האָבן געזונגען וועגן ניו־יאָרק, וועגן אירע גאַסן און עוועניוס און אפילו וועגן איינצלנע בנינים אירע כמעט אַלע יידיש־דיכטער, וואָס זענען די „וותיקים" אויפן נייעם קאָנטינענט, כ'מיין, די וואָס זענען אַהער געקומען מיט די אימי־גראַנץ־ע־שטראָמען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און אויך די „עולים חדשים", ד. ה. די וואָס האָבן אַהער איינגעוואַנדערט בעת און נאָך דער היטלער־קאַטאַ־סטראָפע. אָבער דער ראשון, וואָס האָט אַזוי אומפאַרהוילן און אַזוי דירעקט (אי אומפאַרהוילן און אי דירעקט, איז, פאַרשטייט זיך, נישט זעלטן אַ חסרון פאַר דער פּאָעטישער פראַזע און פאַר דער קינסטלערישער אַטמאָספער פון אַ ליד. און למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז דער דאָזיקער חסרון איז אין סלאָנימס ניו־יאָרק־געזאַנגען אָפט היפש בולט) געגעבן אויסדרוק צו זיין פסיכישער אָפּהענגיקייט פון גרויסשטאָט און צו זיין פאַרליבטקייט אין ניו־יאָרק, איז געווען יואל סלאָנים.

עס איז פשוט, גלייב איך, אַ מצווה, וואָס איז ווערט מען זאָל זיך נאָך איר יאָגן, צו ציטירן סלאָנימס לידער און אָפּצופרישן וועגן זיי דעם זכרון פון די אַלטע יידיש־לייענער און די נייע צו דערציילן וועגן דער הייסער ליבע פון אַ יידישן פּאָעט צו ניו־יאָרק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

עס זענען פאַראַן צוויי ניו־יאָרקס, וואָס יואל סלאָנים באַזינגט: „מיין ניו־יאָרק" און „אונדזער ניו־יאָרק".

דאָרט, ווו ניו־יאָרק איז סלאָנימס העכסט־פּערזענלעכע ליבע („מיין ניו־יאָרק" מוז נישט דווקא זיין דאָס קעפּל פונעם ליד) זינגט ער אַזוי —

די גרויסע שטאָט! איך בין אין איר אַן קיינן צוגעקייט,
מיין גייסט האָט זיך מיט איר באַהעפט, מיין האַרץ איז איר געגרייט.
זי איז אַ מכשפה, און איר ווילן מוז געשען,
און גיי איך נאָר אַוועק פון איר, דאַן בענק איך זי צו זען.
ווי שיין איז אויף די קעטסקיל־בערג, ווי העל איז דאָרט, ווי פריי,
די זון גייט אויף דאָרט יעדן טאָג מיט פאַרבן פריש און ניי.
דער פויגל זינגט, די שיינקייט ווינקט פון יעדן קוסט און בוים,
דער זומער זיצט אין טאָל און וועבט אַ ווילדן ראָזן טרוים.
און דו, דו ביסט אין צויבערלאַנד, אין וווּנדערלאַנד פון גאָט...
דאָך ליבער ווי די קעטסקיל־בערג ליב איך די גרויסע שטאָט.

דו ווייטע שטאָט, דו ריזן־שטאָט, דו שטאָט פון מיין געבורט,
דו האָסט דיין רויש, דו האָסט דיין פלאַם אויף ס׳האַרץ מיר אָנגעגורט.
און ווו איך בין, און ווו איך קום, און ווו איך זאָל ניט זיין,
מיך לאָקט דיין ווייטעס שטורעם־ליד, דיין ווילדער, ווייסער שיין...

דאָס ליד „אונדזער אַמעריקע״, וואָס מ. באַסין האָט, ווי שוין דערמאָנט, אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע „יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון״, איז שוואַכער אין אויסדרוק ווי דאָס נאָר־וואָס ציטירטע.

אונדזער ניו־יאָרק איז אונדזער אַמעריקע.
שטאַרק איז זי, ברייט איז זי, שטורעמדיק גרויס;
די גאַסן מיט מאַסן צעברויזט און צעצונדן
דער פלאַם פון נשמות, וואָס לעשט זיך נישט אויס.

דאָס דאָזיקע „אונדזער ניו־יאָרק״ איז פון די שפּעטערע פּאָעטן, וואָס האָבן וועגן איר נישט געקאָנט זאָגן „דו, שטאָט פון מיין געבורט״ באַזונגען געוואָרן מיט אָן אַן ערך מער אימאַזש און מיט מער כוח פון דיכטערישן אויסדרוק, אָבער יואל סלאָנימס „מיין״ און „אונדזער״ און דער עיקרשט „מיין ניו־יאָרק״, זענען די ערשטע עדות פון אַן „אויסגעגרינטן״ יידישן געפיל, פון אַ יידישן תושב־געפיל צו אַמעריקע.

עס איז נישט קיין בענקשאַפט־ליד פון אַמעריקע אַוועק צו דער אַלטער היים; עס איז נישט קיין עלעגיע אויף דער שווערער פּראַצע און נויט אין אַמע־ריקע; עס איז נישט דאָס ליד פון אַן אימיגראַנט, נאָר דאָס געזאַנג פון אַ תושב, פון אַ יידן, וואָס אַמעריקע איז נישט געוואָרן, נאָר פון לכתחילה אָן געווען זיין פּסיכישע היים.

ווי אַ מין רעפּליקע צו דעם אַמעריקאַניש־תושבישן געפיל, וואָס קומט צום אויסדרוק אין יואל סלאָנימס אָדע צו „מיין ניו־יאָרק״ און צו „אונדזער ניו־יאָרק״, קאָן באַטראַכט ווערן ה. לייוויקס דראַמע „שמאַטעס״, וואָס איז אָנהייב 1922 אויפגעפירט געוואָרן אין מאָריס שוואַרצס „יידישן קונסט־טעאַטער״ און האָט אויפגעשטורעמט סיי קינסטלעריש און סיי אידעיש דעם יידישן טעאַטער־גייער און אויך דעם יידיש־לייענער אין אַמעריקע (אויך דעם יידיש־לייענער, ווייל אַב. קאַהאַן איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון לייוויקס פּיעסע, אַז ער האָט קעגן אַלע איינגעשטעלטע דינים און מנהגים פון צייטונגען אָפּגעדרוקט לייוויקס „שמאַטעס״ אין המשכים אין „פאָרווערטס״, כדי די יידן אין די פּראָווינץ־שטעט זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט כאָטש צו לייענען די פּיעסע, וואָס ווערט געשטעלט מיט אַזאַ אומגעווייגלעכן דערפאָלג אין קונסט־טעאַטער).

לייוויקס פיעסע, זאָג איך, קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ רעפּליקע צו דעם אַמעריקאַנישן געפּיל אין סלאָנימס אַדעס צו ניו־יאָרק, ווייל דער העלד פון לייוויקס דראַמע, דער שמאַטע־קליבער מרדכי מאַזע, וויל נישט מיטגיין מיט דער אַמעריקאַנישער התנהגות פון זיינע חברים אין שאַפּ. ער, מרדכי מאַזע, איז אין לייוויקס פּיעסע אַ מאָנומענטאַלע געשטאַלט פון אַ יידן, וואָס שטעלט זיך אַקעגן דער אַמעריקאַניזירונג און וויל עקשנותדיק אָנהאַלטן דעם דורות־דיקן שטייגער פון יידיש־באַלעבאַטישער פירונג אין דער אַלטער היים.

דעם יידישן עפּאָס אין אַמעריקע, כ'מיין די אָביעקטיוו־קינסטלערישע גע־שטאַלטיקונג פון דעם יידישן אימיגראַנטס אַריינוואוקס אין איר לאַנדשאַפט און אין דער נייער סאָציאַלער סביבה וואָס הייסט אַמעריקע, האָט די יידישע ליטע־ראַטור צו פאַרדאַנקען דעם בן הרב פון ליטע, דעם דיכטער ישראל יעקב שוואַרץ. דער שאַפער פונעם יידיש־אַמעריקאַנישן עפּאָס „קענטאָקי" איז געקו־מען קיין אַמעריקע מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער פון יואל סלאָנימען און אין עלטער נישט פון צוויי, נאָר פון איין און צוואַנציק יאָר.

האָבן טאַקע די צוויי צענדליק יאָר פון דער ליטוויש־רבנישער שטוב אַרויסגעבראַכט פון י. י. שוואַרצן זיינע לירישע בענקשאַפט־געזאַנגען צו ליטע און צו איר יידיש־פרומען און יידיש־לומדישן פּייזאַזש. און אַ דאַנק דער דערציִונג פון יענע ליטווישע יאָרן האָט דער דיכטער י. י. שוואַרץ אונדז געקאָנט געבן אַזעלכע איבערזעצונגס־אַנטאָלאָגיעס ווי „אונדזער ליד אין שפּאַ־ניע" און „העברעיִשע פּאָעזיע". דאָס לעצטע בוך איז כולל ליד־ און פּיוט־איבערזעצונגען פון די אַלטע צייטן, פון מיטלאַלטער ביז איינשליסלעך די העברעיִשע השכלה־פּאָעזיע פון אַכצנטן און נייצנטן יאָרהונדערט.

י. י. שוואַרצס ליד־תרגומים אָנהייבנדיק פון ר' שמעון בן־סיראס געזאַנג וועגן שמעון בן יוחנן הכהן, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג, ביז יהודה לייב גאָרדאָנס באַרימטע פּאָעמע „קוצו של יוד", וואָס האָט אין זיך געהאַט שטאָף פון געזעלשאַפטלעכן דינאַמיט און איז געווען אַ פאַקל־ליד פון אונדזער השכלה־ליטעראַטור — די אַלע איבערזעצונגען פון איבער צוויי טויזנט יאָר העברעיִשע פּאָעזיע האָבן פאַר דער יידיש־שאַפונג אין אַמעריקע געהאַט עפּעס פון דער יסודותדיקייט פון יהואָשס תנ"ך־תרגום. ווי יהואָשס תנ"ך־איבערזעצונג אַזוי האָט אויך י. י. שוואַרצס תרגום־אַנטאָלאָגיע פון דער העברעיִשער דיכטונג אין אַ געוויסער מאָס געהאָלפן באַפעסטיקן די פעדים, וואָס פאַרבינדן די מאָדערנע יידיש־פּאָעזיע מיט זיבעציק דורות יידישע דיכטער.

שוין די איבערזעצונגס־אַנטאָלאָגיעס אַליין וואָלטן געווען גענוג צו פאַר־זיכערן י. י. שוואַרצן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער יידיש־דיכטונג, אָבער ער האָט פאַר די דאָזיקע תרגומים און נאָך זיי געגעבן דער יידישער ליטעראַטור

פּאָעמעס און לידער־זאַמלונגען, וואָס באַפעסטיקן נאָך מער י. י. שוואַרצס פעסטע פּאָזיציע אין דער יידיש־פּאָעזיע.

פאַר יואל סלאָנימען איז אַמעריקע געווען „אונדזער ניו־יאָרק". אויך י. י. שוואַרץ האָט געזונגען אָדעס צו ניו־יאָרק אַזוי פרי ווי יואל סלאָנים און דערנאָך שפּעטער באַגלייך מיט די אַנדערע דיכטער, מיט די דיכטער פון זיין שיעור קומה.

אָבער ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט י. י. שוואַרץ איינינעם מיט זיין משפּחה אַריבערגעוואַנדערט אין דעם דרומדיקן שטאַט קענטאָקי און האָט זיך דאָרט באַזעצט אין שטעטל לעקסינגטאָן.

פון דעם דיכטערס יאָרן צווישן די דרומדיקע ווייסע מיוחסים און די פון „דזשיסוס־לינקאָלן" באַפרייטע נעגער זענען אַרויסגעוואַקסן די פּאָעמעס און אידיליעס פון זיין בוך „קענטאָקי". די ערשטע סיי אין כמות, און, ווי מיר דאַכט, אויך אין איכות, איז די הונדערט זיבעציק זייטן שטאַרקע פּאָעמע „נייע ערד", ווו עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער ייד יהשע (דערנאָך דזשאָשואָ און נאָך דערנאָך דער אַלטער דזשאָש) איז געקומען קיין קענטאָקי מיטן פּעדלער־פּאַק אויף די פּלייצעס און האָט דאָרט אויפגעבויט אַ מסחר, איז רייך געוואָרן, האָט אויפגעשטעלט דורות און איז געוואָרן דער צענטער פון די יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם „לאַנד פון בלאָען גראָז" פון דייטשלאַנד און פון ליטע.

„קענטאָקי" איז שוין נישט בלויז אַן אָדע צו אַמעריקע, נאָר דאָס איז אַ געזאַנג, דאָס ערשטע געזאַנג אויף יידיש, וואָס איז אַ מיזוג פון אַמעריקאַנישער לאַנדזעונג.

ווי אַזוי זעט דער יידיש־דיכטער דעם אָנקום פונעם ייד יהשע־דזשאָשואָ־דזשאָש קיין קענטאָקי? אַזויווי דזשאָשואָ קיין קענטאָקי איז מיט טויזנטער יאָר צוריק אויפגעגאַנגען קיין כנען דער עברי אברהם פון „יענער זייט טייך".

די סצענע ווי יהשע־דזשאָשואָ בעט נאַכטלעגער ביי אַ פאַרמער און ווערט צומאַרגנס אין אַן אסיפה פון שכנים, וואָס דער פאַרמער האָט צונויפגערופן, אויפגענומען פאַר אַ תושב אין דאָרף, און דער עיקרשט דאָס בילד פון יענעם איבערשמועס מיט די פאַרמערס ווען דזשאָשואָ, דער ייד, בעט אַ קבר פאַר זיין פאַרשטאָרבענעם עופהלע, אָטעמען מיט ביבלישן אָטעם. און די ביבלישקייט דאָ איז נישט סתם אין נוסח פון חומש, נאָר זי וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון דער פּיאָניר־אַטמאָספער אין י. י. שוואַרצס פּאָעטישן סיפור המעשה.

און דאָס זענען די נעמען פון די קינדער
פון אַלטן דזשאָש, און סערע, זיין ווייב:
דזשייקאָב, לייאָנעל, עדווין און ווילאַרד — די זין,
דאָראָטי, דיאַנאַ און עטעל — די טעכטער.

זיי אַלע, אויסער דזשייקאָבן, דעם פרעמד־געבוירענעם.
זיי האָבן שוין אין גאַנצן נישט באַדאַרפט
זיך אויסגרינען: זיי זענען שוין געקומען
אין נייער וועלט אַלס שטאָלצע פרייע בירגער.

טאַטע־מאַמע און זייערע זין און טעכטער גייען דורך דעם צער גידול און דעם צער פון אָנהאַלטן יידישקייט. זיי זענען אַלע דורכגעגאַנגען דעם צער־טויער פון געמישטער חתונה און פון פיינלעכן איבערשמועס מיטן קריסטלעכן מחותן, וואָס פאַרשטייט נישט למאי דעם אַלטן דזשאָש שטייט נישט אָן דער שידוך מיט וויוויאַנען, דער וויסער אַדלטאָכטער, סיידן —

...ס׳שטעקט אין דעם וואָס דיינע אַלטע אָבות
זיי האָבן ניינצן הונדערט יאָר צוריק
געקרייציקט דזשיסוסן.

אַלץ וויזט אונדז י. י. שוואַרץ און ער פאַרזעט גאָר נישט אין זיין פּאָעמע. ער מאָלט מיט אַ שפע פון פאַרבן די פּרעכטיקע קענטאָקי־לאַנדשאַפטן. ער האָט אַ ניכטער אויג פאַר דעם היפש־מגושמדיקן אופן פון דער דייטש־יידישער עקאָנאָמישער איינוואָרצלונג און אויך פאַר דעם ווי —

ס׳האָט די פאַרדאַרטע גרינע ליטע
אַריינגעקליבן זיך און זיך צעלייגט
אין פעטן און געבענטשטן דרום־לאַנד,

אָבער ער זעט אויך אויפגיין דעם בירגער־שטאָלץ פון די איינוואַנדערער און זייער פסיכישע איינגלידערונג אין דער נייער היים קענטאָקי אַזוי, אַז אַפילו ווען דער אַלטער דזשאָש שטאַרבט באָמבלען זיך אים אין געמיט די ווערטער און דער ניגון פון אַ פּאַטריאָטישן קינדער־לידל —

פאַרוויג מיך צום שלאָף אין מיין אַלט־קענטאָקי־היים
און דעק מיך צו מיט דיקסיס בלויען הימל.

וואָס מיך האָט פאַרכאַפּט אַחוץ אַלעם וואָס מוז פאַרכאַפּן אין דער שיינער פּאָעמע (די לאַנדשאַפט־שילדערונג און די קינסטלערישע פורעמונג פון געשטאַלטן) איז דער אידעיִשער „העפּי ענד” אַרום יידישקייט. דעם אַלטן דזשאָשס קריסטלעך דערצויגן אָן אייניקל, פלאָרענס מעי, קערט זיך אום צום יידישן דת און האָט חתונה מיטן יונגן ראַבאַי אין שטעטל. און אַן אַנדער אייניקל, דייוויד, דער זון פון דזשאָשס טאָכטער, דאָראָטי, קויפט אויס די „מסחר־זינד” פון די ערשטע צוויי דורות און באַזעצט זיך אויף ערד און — קיינער פאַרשטייט נישט בעסער דייווידס מאָדנעם באַגער צו ערד־אַרבעט ווי דער זיידע, וואָס האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן פאַר זיך און דער משפחה מיט מסחר פון שמאַטעס און בראָכוואַרג.

און מחמת אָט דעם „העפּי ענד‟ קאָן געזאָגט ווערן וועגן י. י. שוואַרצעס פּאָעמע „נייע ערד‟ דאָס, וואָס ער אַליין האָט געשריבן ווי אָן אַריינפיר צו זיין איבערזעצונגס־אַנטאָלאָגיע „העברעיִשע פּאָעזיע‟, דהיינו —

„דאָס דאָזיקע ליד, וואָס האָט געריסן און זיך אַריינגעריסן אין אונדזער לייב, האָט אָבער אין זיך גרויס רחמים, טרייסט און ליכט...‟

ד.

דער אָפּקלאַנג אין אַמעריקע

דער שעפּערישער וווּנדער פון דער יידיש־ליטעראַטור האָט נישט געפונען צו פיל אָפּקלאַנג אין אַמעריקע. ווען איך זאָג „נישט צו פיל‟ האָב איך אפשר עובר געווען אויפן חטא פון גוזמא.

דער יידיש־אַמעריקאַנישער קריטיקער אירווינג האַו און דער יידיש־דיכ־טער און עסייִסט אליעזר גרינבערג, וואָס האָבן אין יאָר 1954 אַרויסגעבראַכט אַן אַנטאָלאָגיע פון יידיש־פּראָזע אין ענגלישער איבערזעצונג, שרייבן אין זייער אַריינפיר, אַז —

„זי (די יידיש־ליטעראַטור) איז פאַר די אַמעריקאַנער פּאַקטיש אומבאַקאַנט. די סיבות דערפאַר: די איבערזעצונגען זענען אָפט נישט אַדעקוואַט, ווייל זיי ווערן געמאַכט פון געטרייע, אָבער ליטעראַריש נישט געניטע הענט; די איבער־זעצונגען זענען פאַרשפּונען מיט סענטימענטאַליזם, ווייל די איבערזעצער האָבן אַ פון אויבן־אַראָפּ־באַציִונג צו יידיש‟.

דער בעסטער ביישפּיל פאַר דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טענה איז, דאַכט זיך, פּראָפעסאָר לעאָ ווינערס איבערזעצונג פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער. די „סאָנגס פראָם דהע געטאָ‟, וואָס דער האַרוואַרד־פּראָפעסאָר פאַר סלאַ־ווישע שפּראַכן האָט אַרויסגעבראַכט אין באָסטאָן אין יאָר 1898, האָבן געהאַט אין אַ פּערפעקטער מאָס ביידע דערמאָנטע חסרונות.

ראשית, איז די איבערזעצונג געווען אין פּראָזע און, שנית, קאָן מען זען ווי ווייניק חשיבות יידיש האָט געהאַט אין די אויגן פון דעם איבערזעצער און פון די אַלע, וואָס האָבן זיך מטפל געווען אַרויסצופירן ראָזענפעלדן אין דער גרויסער וועלט, דערפון, וואָס „אין דיזער זאַמלונג קומט דער יידישער טעקסט אין דייטשע בוכשטאַבן פיר די נוצן פון די, וואָס קענען דייטש‟.

אָט דעם אויסטייטש פון דעם איבערזעצערס כוונה ביים ברענגען דעם אָריגינאַל־טעקסט אין דייטשע בוכשטאַבן גיט נישט קיין אַנדערער ווי דער באַוווּסטער יידישער לעקסיקאָגראַף און פילאָלאָג אַלעקסאַנדער הרכבי, וואָס האָט געשריבן אַ פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד פון מאָריס ראָזענפעלדס געזאַמלטע שריפטן (ניו־יאָרק, 1910) און האָט דאָרט דערציילט וועגן דעם וועלט־טריומף, וואָס לעאָ ווינערס ענגלישע איבערזעצונג האָט גורם געווען פאַרן דיכטער.

אַז לעאָ ווינערס איבערזעצונג, אין איינעם מיט די אַלע אַרטיקלען, וואָס זענען וועגן איר דערשינען אין דער אַמעריקאַנער, פראַנצויזישער און דייטשער פּרעסע, האָבן אַרום דעם יידיש־דיכטער בלויז געשאַפן סענסאַציע, אָבער האָבן אים נישט אַריינגעפירט אין דער וועלט־ליטעראַטור, דאָס ווייסן מיר שוין היינט קלאָר און אויף זיכער.

אויב דער האַרוואַרד־פּראָפעסאָר האָט טאַקע אין זינען געהאַט צו שאַפן פאַר ראָזענפעלדן אַ מינדסטע פּאָזיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט ער דאָס זיכער נישט געקאָנט דערגרייכן מיט אַזאַ איבערזעצונג. אַפילו ווען ראָזענפעלד זאָל געווען זיין פון אַ גרעסערן דיכטערישן שיעור קומה ווי ער איז געווען, האָט דער תרגום־ווינער קיינעם נישט געקאָנט איבערצייגן וועגן ראָזענפעלדס פּאָעטישער סטאַטור און בפרט נאָך, אַז דער איבערזעצער אַליין האָט דעם דיכטער געפירט ווי אַ יתום ביי דער האַנט און געבעטן פאַר אים אָנערקענונג, ווייל ער זינגט „לידער פון געטאָ”.

דער פּרווו מיט מאָריס ראָזענפעלדן איז נישט געלונגען און — ער האָט נישט געקאָנט געלינגען, ווייל די מכשירים, וואָס זענען גענוצט געוואָרן זענען נישט בלויז נישט געווען די ריכטיקע, נאָר בפירוש אומפּאַסיקע.

אָבער וועגן די פּרווון אחרי מאָריס ראָזענפעלד קאָן מען אויך נישט זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט דערפאָלג. זיי זענען דורכויס געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט פון פּראָזע און — די פּראָזע איז טאַקע לייכטער צו איבערזעצן, אָבער — עס קאָן קלינגען פּאַראַדאָקסאַל און ס׳איז קרוב לאמת — פאַר אַ פרעמדן שווערער צו פאַרשטיין. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס אין דער פּראָזע קומט בדרך כלל מער צום אויסדרוק דער היסטאָריש אויסגעפורעמטער קאָלעקטיווער גייסט, וואָס שטייט הינטער דעם שרייבער, און דער שרייבער מוז זוכן עפּעס אַ באַזונדערע פּאָלקישע לאָגיק אויף אַרויסצוברענגען זיינע געשטאַלטן און צו שילדערן דאָס לעבן, אין וועלכן זיי זענען אַריינגעפלאָנטערט. און ווי באַלד לאָגיק, איז שוין שווערער צו פאַרשטיין, און ווי באַלד עס גייט נישט וועגן שכל פון בין אדם לחברו, נאָר פון בין עם לעם, זענען אַ סך מאָל די שוועריקייטן נישט צום גובר זיין.

פּאָעזיע דערגייט צום פרעמדן אויער און געמיט אַ סך מאָל מיטן כוח פון ריטעם, פון מוזיק און פון געפיל־אינטענסיווקייט, אָבער פּראָזע איז אַ „טעראַ אינקאָגניטאָ”, וואָס דער פרעמדער לייענער מוז זי עקספּלאָרירן און דערצו דאַרף מען אי געדולד און אי וועלטמענישע נייגיריקייט.

און גראָד אָט די געדולד און אָט די נייגיריקייט פעלט דעם אַמעריקאַנישן לייענער און אויך דעם אַמעריקאַנישן קריטיקער. זייער פּאָטערלאַנד איז אַ גאַנצער קאָנטינענט און זיי האָבן אין זיך פון דעסטוועגן, אָדער טאַקע דערפאַר (ווי עס זאָגן דער דיכטער אליעזר גרינבערג און דער פּראָפעסאָר אורווינג האַו

אין דעם דערמאָנטן אַריינפּיר צו זייער אַנטאָלאָגיע), „אַ סנאָבישן פּראָווינציאַליזם".

אָבער מעג מען דען באַשולדיקן נאָר אים צו? אפשר דאַרף מען מפשפש זיין קודם, אָדער כאָטש אויך און דערנאָך, אין די אייגענע מעשים, האָ און גרינבערג טוען דאָס אין זייער אַריינפּיר, וואָס וואַקסט אויס צו זיין נישט נאָר די בעסטע עסיי, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַ פרעמדער שפּראַך וועגן דער יידיש־ליטעראַטור, נאָר וואָלט אויך אויף יידיש פאַרנומען אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע. זיי שטעלן אַוועק דעם פּאַקט און פּרווון אים באַגרינדן (איך לאָז אויס די באַגרינדונג און באַגנוגן זיך מיט דעם פּאַקט גופא, וואָס איז, לפי דעתי, ווי מען זאָגט דאָס אויף יורידיש לשון — נאָטאָריש), אַז די יידישע פּראָזע איז זייער אָרעם אין פּאָרעם־עקספּערי־מענטאַציע. און עס קאָן זיין, אַז אָט דער מאַנגל פון פאָרעם־אַוואַנטיורע האָט נישט דערלאָזט, אַז אַמעריקאַנישע איבערזעצערס און פאַרלעגערס זאָלן פאַרכאַפּט ווערן פון דער יידיש־קינסטלערישער פּראָזע, ווי זיי זענען אַ מאָל פאַרכישופט געוואָרן פון סקאַנדינאַווישע דערציילונגען און ראָמאַנען.

פון די פּראָזע־שרייבער וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש (און די איבערזעצונגען פון מאָריס סעמיועל און פון סאָל בעלאָו זענען דווקא יאָ אַדעקוואַטע), האָט אָש זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען און יצחק באַשעוויס, וואָס איז בלי ספק דער באַגאַבטסטער צווישן די פּראָזע־שרייבער פון דעם נאָך בערגעלסאָן־אָפּאַטאָשו־דור, האָט לעצטנס מיט זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען (דער עיקרשט מיט זיינע דערציילונגען) אויסגענומען ביי אַ גרויסן טייל פון דער ענגליש־רעדנדיקער יידישער אינטעליגענץ אין אַמע־ריקע. די אַנדערע, ווי שניאור, אָפּאַטאָשו און אַפילו י. י. זינגער, וואָס זיין ראָמאַן „ברידער אַשכנזי" האָט געהאַט אָנגעריסן אויף ענגליש, האָבן בלויז ציטווייליק אַ בלענד געטאָן.

אַז די הויפּט־דערגרייכונג פון דער יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אויפן געביט פון פּאָעזיע און נישט פון פּראָזע, אין דעם קאָן קיין ספק נישט זיין. און עס זענען דערפאַר טאַקע גערעכט האָו און גרינבערג ווען זיי האַלטן, אַז „ווען מען זאָל אַ צאָל יידישע דיכטער (זיי רעכענען אויס געוויסע נעמען, אָבער איך חזר זיי דאָ נישט איבער, ווייל מען וואָלט געקאָנט צוגעבן עטלעכע נעמען צו זיי) איבערזעצן און די איבערזעצונג זאָל זיין אַן אַדעקוואַטע, וואָלטן ליטע־ראַטור־לערנערס אין די קאָלעדזשעס און אין די אוניווערסיטעטן וועגן זיי גערעדט מיט דער זעלבער אינטענסיווקייט ווי וועגן אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע פּאָעטן".

און וויכטיקער ווי צו דערגיין צו דעם אַלגעמיין־אַמעריקאַנישן סטודענט איז, גלייב איך, געניטיק, זייער געניטיק, צו באַקענען דעם ענגליש־רעדנדיקן יידישן ליטעראַטור־לערנער און ליטעראַטור־ליבהאָבער מיט דעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט.

יידיש האָט נישט קיין מלוכה הינטער זיך, און דערפאַר זענען מיר, די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און די יידישע קולטור־טוערשאַפט, שולדיק דאָס דעם יידישן פּאָעט און אויך דעם יידישן סטודענט זיי צו פאַרבינדן דורך דעם יידיש־שעפערישן וואָרט.

אַזאַ אַנטאָלאָגיע ווי אוירווינג האַו און אליעזר גרינבערג, האָבן צונויפגע־שטעלט פון דער יידיש־פּראָזע איז נייטיק אויך, און נישט נאָר אויך, נאָר נאָך מער, פון דער יידיש־דיכטונג.

מיר געפעלט זייער דער מאָטאָ, וואָס אליעזר גרינבערג און אוירווינג האַו ברענגען בראש פון זייער אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע. עס זענען ווערטער פון פראַנץ קאַפקאַס אַ רעדע: „...איך וועל אייך זאָגן, מיינע דאַמען און הערן, אַז איר פאַרשטייט יידיש אַ סך בעסער ווי איך דאַכט זיך".

דער דייטש־רעדנדיקער קאַפקאַ האָט געוווּסט, אַז אַלע פרעמד־שפּראַכיקע יידן וואָרטן אויפן אויטענטישן יידישן וואָרט, אויפן יידיש־וואָרט, אַז זיי גלוסטן דערצו בלא יודעים, און אַז זיי וועלן עס פאַרשטיין בעסער ווי זיי מיינען, ווייל עס ליגט אין זייער האַרץ און אין זייער געמיט.

מאַני לייב

א

ווען מאַני לייב, וואָס האָט געבונטעוועט קעגן קייסער און איז דערפאַר אָפּגע־זעסן אין תפיסה פון די „ערב־פסחדיקע בלאָטעס ביז נאָך די ימים־נוראימדיקע", איז אין עלטער פון 22 יאָר אַנטלאָפן פון זיין אוקראַינישער היימשטאָט און איז „בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע", האָט ער זיך אויך דאָ (אַזוי דערציילט אונדז דער דיכטער אין זיין וווּנדער־מעשהלע וועגן זיך אַליין) „אוועקגעזעצט ביי פונקט אַזאַ מאַשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו שטעפּן קאַמאַשן". און דערצו, „ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל פרייע צייט, האָט ער געשריבן גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער".

קנאַפּע פופציק יאָר האָט מאַני לייב „געשריבן גראַמען", און ווען ער איז אין די פאַרמיטאָג־שעהן פון אַ האַרבסטיקן זונטיק, מיט צען יאָר צוריק, נפטר גע־וואָרן, און מיר האָבן דריי טעג שפּעטער —

דעם ליים דעם רויטן פון לאָנג־איילאַנד
אויף זיין גרוב מיט לאָפּעטעס געשאָטן,

האָבן מיר אַלע, די שעפער און וועכטער פון יידיש־וואָרט, זיך דערפילט, ווי די זיבן ברידער אין מאַני לייבס ליד, ווען זייער פאָטער איז געשטאָרבן —

ווי אַן אויפגעטרייסלט וועלדל אין אומגליק פון ווינטן.

און איך טראַכט (לכל הפחות, דאַכט מיר, מעג מען אַזוי טראַכטן היינט, צען יאָר נאָך מאַני לייבס פּטירה, ווען די צייט האָט אויסגעלייטערט דעם טרויער פון די צייטווייליקע סענטימענטאַלקייטן), אַז נאָך מער ווי מחמת דעם דיכטערס פיזישן טויט, האָבן מיר געפילט אַרום זיך דאָס „אומגליק פון ווינטן". ווייל עס האָט פון די ווינטן אַ בלאָז־געטאָן דער שאַרפער צער פון מאַני לייבס לידער, וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ימים פון זשורנאַלן און צייטונגען.

עס איז אַן אַלטער אמת, אַז קונסט איז דער רעזולטאַט פון רעליגיעזער שפּי־רעוודיקייט און אַז דערפאַר איז זיך קונסט אַזוי לייכט משדך מיט רעליגיע. אָבער אויב דאָס איז אמת, איז נישט ווייניקער וואָר, אַז דער ליבהאָבער פון קונסט, פּונקט ווי דער רעליגיעזער דאַוונער, דאַרף האָבן אַ סידור אויף אַריינצוקוקן, מתפּלל צו זיין, נתפּעל צו ווערן און זיך נשמהדיק צו באַהעפטן מיטן קינסטלערישן וואָרט.

ביי זיין לעבן האָט מאַני לייב זינט 1918, ווען עס זענען דערשינען צוויי דינע בענד פון זיינע לידער און באַלאַדן אין פאַרלאַג „אינזעל", און ביז צו זיין טויט, ד. ה. אַ קימאַ לן פון פינף־און־דרייסיק יאָר, נישט אויפגעזאַמלט זיין דיכטערישן האָב־און־גוטס און נישט צוגעשטעלט זיין פּאָעטישן סידור פאַרן יידיש־לייענער.

ערשט אין די צען יאָר, זינט דער דיכטער האָט זיך פון אונדז אָפּגעטאָן, האָט קודם דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, מיט דער הילף פון אַ גרופּע פריינד, באַזאָרגט דעם יידיש־לייענער מיט אַ סידור פון מאַני לייבס לידער. עס זענען אין 1955 דערשינען צוויי שיין־אויסגעשטאַטע בענד, וואָס נעמען אַריין כמעט דעם גאַנצן ליד און באַלאַדע־פּאַרמעג פונעם דיכטער. זיבן יאָר שפּעטער אין 1962, איז אין פּאַריז אין פאַרלאַג „גאָלדענע פּאַווע", אַרויס אַן אָפּקלייב פון מאַני לייבס סאָנעטן אין אַ ביבליאָפילישער אויסגאַבע; און אין 1963 האָט דער תל־אביבער „פּרץ־פאַרלאַג" אָפּגעקליבן אַן ערך ניינציק פון דעם דיכטערס לירישע געזאַנגען, באַלאַדן און סאָנעטן און זיי אַרויסגעגעבן אין אַ העברעישער איבער־זעצונג פון אחד מקרא און אחד תרגום. דאָס בוך האָט אַ פיין־דורכגעטראַכטן אַריינפיר וועגן „מאַני לייב, דער ליריקער", פון איציק מאַנגערן, און די איבער־זעצונג פונעם דיכטער שמשון מעלצער איז אַ געראָטענע. און דאָס איז נישט קיין חידוש, וואָרעם שמשון מעלצער, אי ער פאַרמאָגט דעם נייטיקן פּאָעטישן שיעור קומה צו זיין מאַני לייבס איבערזעצער, און אי ער קער זיך אַן שעפערישע קרובהשאַפט מיט אים, דער עיקרשט וואָס שייך דאָס לירישע ליד און די וווּנדער־מעשה.

איך שטרייך אונטער ווונדער־מעשה און נישט באַלאַדע, וואָרעם צום באַלאַדישן פּעלט מאַני לייבן דער דראַמאַטישער קאָנפליקט, און מאַני לייבס מעשה איז אפשר שוין דערפאַר פריי פון דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס, ווייל דראַמע מיינט הויכער, אָדער לכל הפּחות העכערער טאָן, און מאַני לייב — ער איז דער ריטער פון שטילקייט, דער ריטער פונעם דממה־דקהדיקן וואָרט אין אונדזער פּאָעזיע.

אין אייראָפּע איז דאָס ברויזנדיקע „כאַליאַסטרע"־וואָרט פון יידישע דיכטער תיכף נאָך דער וועלט־מלחמה געווען כלפּי חוץ אַן אויסדרוק פון די איבערגעלעבטע קריגס־געשעענישן און אַן אויסגעשריי קעגן זיי, און אויפן אינעווייניקסטן ליטעראַרישן פּראָנט איז דאָס געווען אַן אָפּווענד פון דער פּיאַניסימאָ־ליריק, וואָס איר שענסטער און פּאָפּולערסטער זינגער איז געווען דוד איינהאָרן.

אין אַמעריקע האָט דאָס ליד פון די „יונגע" רעוואָלטירט סיי קעגן דער סאָציאַלער פּראָטעסט־דיכטונג, וואָס איז געווען ערלעך און אויפריכטיק, אָבער האָט גערעדט נישט מיט אייגענע, נאָר מיט פון דרויסן אַריבערגענומענע ווערטער, און סיי, און נישט ווייניקער, קעגן דער פּעמיניסטישער מעלאָדראַמאַטישקייט פון די „אַלטע־היים"־עלעגיעס.

די „יונגע" האָבן געבענקט נאָך דעם אור־אייגענעם יידיש־פאָלקסלידערישן און יידיש־תפילהדיקן אידיאָם פון מזרח־אייראָפּע, וואָס איז מער ווי אַלץ אידענטיש מיט „קול דממה דקה" און מיט „בלחש". די ברכת כהנים האָבן זיי געפילט, און ערגעצוווּ מיט רעכט, איז צו טעאַטראַליש, צו ספּעקטאַקלדיק, כדי צו קענען זיין וואָרע יחידישע ליריק. די וואָרע ליריק שטייט אין ביי דעם יידן, וואָס האָט מורא אַרויסצונעמען די אויגן פונעם מחזור און צו קוקן אויף די דוכענערס און זאָגט בלחש דעם „יהי רצון", כדי איינצוהאַלטן וואָס פולער און אינטענסיווער די תפילהדיקע כוונה.

יענער „יהי רצון"־ייד, וואָס האָט געדאַוונט זיין תפילה אַזוי שטיל, גלייך ער זאָל מורא האָבן איבערצוּוועקן אַ שווער־קראַנקן פון יענער זייט טיר — ער איז דאָס געווען דער היסטאָריש־פאָלקישער מאָדעל פון דער פּאָעטן־גרופּע „די יונגע". די דאָזיקע זיידענע יונגעלייט פון דער יידיש־פּאָעזיע אין אַמעריקע האָבן אויפן נוסח פון „דממה דקה" געשאַפן אַ ניי יידיש ליד, אַ ליד פון וווּנדערלעכן וווּילקלאַנג און אַ ליד, ווו דער געדאַנק און דאָס וואָרט האָבן זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעטאָן פון זייער קאָנקרעטקייט און זענען געוואָרן כולו מוזיק.

לכתחילה איז די גרופּע „יונגע" געווען רייך באַפּעלקערט. עס האָבן זיך אויף איר טעריטאָריע באַזעצט דיכטער מיט פאַרשידענע אייגענע נוסחאות, וואָס האָבן זיך אַ מאָל מער און אַ מאָל ווייניקער (מיינסטנס ווייניקער) אָנגעקערט מיט דעם אינעווייניקסטן קול פון די „יונגע". די דאָזיקע דיכטער זענען געווען

בלויז גרים אין מדינת „יונגע", און האָבן פון דאָרט גאָר גיך אויסגעוואַנדערט און אויפגעשטעלט זייערע פּאַלאַצן אויף אייגענער און באַזונדערער פּאָעטישער ערד. בראש פון די אויסוואַנדערער זענען געשטאַנען אַזעלכע גדולי השירה, ווי: משה לייב און לייוויק.

תושבים אין היכל פון די „יונגע" זענען אין תוך פאַרבליבן דריי: מאַני לייב, זושע לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד. און פון די דריי „יונגע" איז דער צומייסט „יונגער" געווען מאַני לייב. ער איז געווען דער צומייסט „יונגער" מיט זיין געמיט־נאָענטשאַפט צו דעם פאָלקיש־מוזיקאַלישן אידיאָם, וואָס דאָס ליד פון די „יונגע" האָט געזוכט, און ער האָט אויך פאַרדינט דעם שעפערישן אויבנאָן ביי די „יונגע", ווייל ער, און נאָר ער אַליין, האָט מיט אַ באַזונדערער גנאָד פון רוח־הקודש פאַרמאָגט די פּרעציזע און פינקטלעכע מאָס פאַר דער וועלט־לעך־פּאָעטישער סטיליזירונג פון יענעם היסטאָריש־תפילהדיקן אידיאָם, וואָס זיין נאָמען איז „קול דממה דקה" און „בלחש".

אין זושע לאַנדוין, דעם אייניקל פון טשעכאַנאָווער רביץ, האָט געווינט די תקיפות פון דורות גייסטיקע מנהיגים און טיש־פּראָווער, און דער דאָזיקער יחוס פון גייסט און משפחה האָט ערגעצוווּ נישט דערלאָזט צו פולער אידענטיש־קייט פון לאַנדויס ליד מיט יענער הכנעה פון דער תפילה „בלחש", וואָס איז געווען פאָלקישער נוסח. זושע לאַנדוי, דאָס גוט־יידישע אייניקל, האָט דערפאַר, ווי זיינע זיידעס, אַריבערגעזיפצט דעם בלחש מיט אַ העכערן זיפץ פאַרן עולמס אויערן און הערצער. אין דער וועלטלעך־פּאָעטישער סטיליזירונג איז פון דעם העכערן זיפץ אַרויסגעקומען צומאָל אַ ווּיליונגערישער טאָן פון —

וויל וויל איז צו מיר און ווי וויל איז און וויל,

און אַלעמאָל די הרחבהדיקע זשעסטיקולאַציע, וואָלט איך געזאָגט, פון לאַנדויס פּערז —

אַ, ר׳ אברהם טשעכאַנאָווער,\
איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפּרייט.

ראובן אייזלאַנד, ווידער, דער טעאָרעטיקער פון די „יונגע" — ער האָט זיך מיט זיין געמיט און מן הסתם אויך מיט זיין אינטעלעקטועלער כוונה — אַ בייג געטאָן צום איינגעשטילטן שטילן טאָן און איז געוואָרן דער זינגער און באַזינגער פון יענעם פאַרגליווערטן בלחש, וואָס מען רופט עס שטיל־לעבן. די שטילקייט גייט דאָ איבער אין שווייגעניש, אין לעבלאָזיקייט.

מאַני לייבן, הערש איציעס עלטסטן זון פון דער אוקראַיִנישער שטאָט ניע־זשין, איז בייגעשטאַנען אי זיין „עמכדיקער" יחוס אבות און אי זיין אייגענער יחוס עצמו פון אַ פּרינץ פון פאָלקס־לידערישקייט. אין די זעלטענע עטלעכע מאָל, וואָס

מיר איז אין משך פון דער כמעט אַנדערהאַלבן יאָרצענדליק פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט אויסגעקומען צו כאַפּן אַ לענגערן שמועס מיט מאַני לייבן, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז ער איז אַליין אַ געשטאַלט פון אַ וואונדער־מעשה. עפּעס האָט אַרום דער שלאַנקער איידעלער געשטאַלט פונעם דיכטער געשוועבט אַ סוד, וואָס האָט נישט געקאָנט האַלטן דעם סוד און אים איך איינגערוימט אין אויער, אַז דאָ האָט מען נישט אַנדערש, נאָר קינדערווייז אַ פּרינץ אונטערגעביטן אויף אַ שוסטער־געזעל און דער שוסטער־געזעל־פּרינץ האָט זיך אַזוי אידענטיפיצירט מיט דער פאָלקישער הכנעה, מיט דעם פאָלקישן בלחש און מיט דער פאָלקישער פרומקייט, אַז ער האָט דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן צוריק אַ פּרינץ, אַ פּרינץ פון ליד, באַוויזן צו זינגען ווי קיינער פאַר אים אויף מאַמע־לשון — ער האָט באַוויזן צו זינגען אַ געזאַנג, וואָס זאָל זיין הכנעהדיק פרום, געלייטערט שטיל, מוזיקאַליש קלאָר און פול מיט דער ראָמאַנטיש־טרויערער שיינקייט פון אַ פאַרטריבענעם קעניג —

איך בין דער ריטער פון געבענקטער בלוי,
אויף גאָטס ראָזע הייליקע וועגן.
מיין בענקשאַפט איז וויס ווי די מילך און טוי
און זיס ווי דער האָניק־רעגן.

ב

אין די לירישע לידער און אין זיינע וואונדער־מעשיות איז די דערגרייכטע קינסטלערישע דממה דקה פון זיין ליד געווען פאַר זיך אַליין אַ ציל. מאַני לייב האָט דערפירט דאָס יידיש־פּאָעטישע וואָרט צו דעם פאָלקיש־מוזיקאַלישן בלחש און אפשר צום ערשטן מאָל אין אונדזער דיכטונג געפּרוווט שפּרייטן אָן־תכליתדיקע שיינקייט און דעם חן פון אָט דער שיינקייט איבערן יידישן געזאַנג, ווי ער דערציילט וועגן דעם אַליין עניוותדיק אין זיין ליד „אברהם ליעסין און איך״:

זיין יינגערער ברודער — איך גיי ביי זיין זייט,
און פלאַפּל אָן תכלית און פלאַפּל פאַרשייט
פון שיינקייט, וואָס איך האָב אין חלום דערזען,
וואָס איז אין דער וואָר נאָך ביי אונדז נישט געווען.

אָבער אין לעצטן יאָרצענדליק פון זיין לעבן, ווען —

דו האָסט מיר צוגעטיילט די פולע זעט פון יאָרן,
די קרוין פון דער עלטער — שטאָלצן זילבער אין די האָר,

האָט די דממה דקה אין מאַני לייבס לידער, וואָס ער האָט זיי גענומען שרייבן אין דער קלאַסישער פאָרעם פון סאָנעט, אויפגעהערט צו זיין בלויז ציל פאַר זיך אַליין און פאַר דער אָן־תכליתדיקער שיינקייט פונעם ליד.

מיט בלויז עטלעכע יאָר פריער, אין דעם תפילה־ליד צום „מלאך גוטער", וואָס באַלאַנגט כראָנאָלאָגיש צו דער סעריע צווישן 1930 און 1940, האָט מאַני לייב מיט פרומקייט, אָבער אַפּיקורסיש געזאָגט וועגן זיך, אַז —

ניט איך רוף צו גאָט דעם בורא,
ניט ער קומט צו מיר צו־גאַסט,

אָבער אין די סאָנעטן, וואָס זענען אי דאָס סאַמע רייפסטע פון דעם דיכטערס געזאַנג, און אי זיי געהערן איז אַ היפשער מאָס בלי ספק צום שענסטן, וואָס איז געזונגען געוואָרן אויף יידיש, האָט מאַני לייב געזען דעם ציל פון דיכטונג, נישט בלויז אין דער אָן־תכליתדיקער שיינקייט, נאָר ער האָט פירגעשריבן דעם „פיטן" צו —

...זיך שאַרן שטיל מיט פאַרמעט, טינט און פעדער
צו הייליקייט פון וואָרט, וואָס איז אין שפלות שטאַרק —
צו האָפטן תפילות פאַר דער וועלט; מיט גאָט פאַרקניפּן
דאָס האַרץ, די שווערמוט אויפבינדן אויף שטומע ליפּן.

אין די סאָנעטן, די לידער פון מאַני לייבס אויסגערייפטער עלטער, רייט שוין נישט בלויז „די שיינקייט אויפן וואָרט ווי אַ רייטער אין דער ווייט", נאָר ס'וואַקסט אויף זיי חכמה און ס'בליט אויף זיי גאַרונג נאָך הייליקייט, גאַרונג נאָך גאָט־באַהעפטונג.

ווען איך זאָל דאַרפן אויסקלייבן איין ליד ווי דעם גרונט־מאָטיוו פון מאַני לייבס סאָנעטן, וואָלט איך אויסגעקליבן דעם סאָנעט „געבענטשט", ווייל דאָ זעט מען בהוש ווי פון דעם דיכטערס וווּנדער־מעשיות איז געוואָרן אַ וווּנדער־זעונג, אַ העל־זעונג פון דער הויה און פון אייגענער שייכות צו איר. דער דיכטער בענטשט אַלץ, וואָס אונטער זיינע טריט און אַלץ, וואָס איבער אים. ער בענטשט אַלע חיות און געוויקסן און בענטשט טויזנט מאָל דעם טאָג פון זיין געבוירן, ווען ער האָט די וווּנדער דערזען און —

איך זאַמל זיי דורך טעג און וואָרעם זיי און טראָג
צו לייגן ביי מיין קבר, ווו די פיין שלאָפט איין,
פאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

די סאָנעטן, ווו עס קומט צום אויסדרוק דאָס דאָזיקע געפיל פון גליק, נאָך אַלע לאַנגע פיינען פון אַ שווער לעבן איינעם מיט דער עפּיטאָפּישער זעלבסט־

איראָניע וועגן דעם פּאַרקויפער פון ווינט, וואָס האָט די „היפּשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן אין זיין צוואה קינדער אָפּגעשריבן" — זענען ביידע נישט בלויז גרויסע ליד־דערגרייכונגען, נאָר אויך אַן עטישע באַקרוינונג פון אַ שיינעם שעפערישן לעבן.

1963

אפרים אויערבאַך

די פערציקער יאָרן, וואָס זענען געווען די פופציקער פון זיין לעבן, האָט אפרים אויערבאַך דיכטעריש אָפּגעשלאָסן מיט דער פּאָעמע „ווייסע שטאָט". אויערבאַך האָט זיך אין דעם דאָזיקן געזאַנג וועגן תל־אביב אין די טעג פון מדינהשן אויפקום פּאָעטיש פון דאָס ניי אידענטיפיצירט מיט זיין אידעישן פרילינג, אידענטיפיצירט מיט זיך, ווען ער איז געווען אַן אַרבעטער אין האַפן פון יפו, אַ חלוץ אויף די פליינען פון יהודה און אַ סאָלדאַט אין די „קאַראַוואַנען" אויף די וועגן פון גאַליפּאָלי. „ווייסע שטאָט" איז דאָס ליד פון מקוים־געוואָרענע חלומות, און נאָך מער, פון אַ מקוים־געוואָרענער ליבשאַפט. עס איז אַ געזאַנג פון דערציילן אין פריידן, וואָס איז, ווי יעדע עכטע און ליבע פרייד, נישט בלויז אַ מאָמענט פון גליק, נאָר אויך פון חשבון־הנפש; אַ מאָמענט נישט נאָר פון לויב און דאַנק וועגן דעם, וואָס איז געוואָרן, נאָר אויך פון ציטערדיקער האָפענונג וועגן דעם, וואָס דאַרף פון דעם געוואָרענעם ווערן און ווי אַזוי דאָס געוואָרענע צו היטן:

> לאָמיר בייזע ווידער ריינע ווייסקייט היטן,
> ווי אַמאָל געהיט אין שטייניקן בן־שמן.

דעם יאָרצענדליק, ווען דער דיכטער אויערבאַך האָט געשפּאַנט פון זיקנה צו שיבה, האָט ער פּאָעטיש פאַרסך־הכלט אין צוויי לידער־זאַמלונגען: „גילדענע שקיעה" און „וואַך איז דער סטעפּ".

על פּי מעדיצינישער טערמינאָלאָגיע (די מעדיצין איז, ווי מיר וויסן, פּסיכיש גאָר נישט אַזאַ ווייטע קרובה מיט פּאָעזיע און מיט ליטעראַטור בכלל) וואָלט איך געזאָגט, אַז „גילדענע שקיעה" איז דער שאַרף אַוועקגעשטעלטער דיאַגנאָז, און „וואַך איז דער סטעפּ" — דער ליבער, היימישער רעצעפּט, וואָס דער דיכטער האָט זיך, און אונדז אַלעמען פון זיין דור, פאַרשריבן.

דעם דיאַגנאָז פאַרמולירט דער דיכטער אין צענדליקער פּאָעטישע וואַריאַנטן אין דעם ערשטן לידער־ציקל פון זיין בוך „גילדענע שקיעה". איך מוז פון

לכתחילה זאָגן, אַז איין וואַריאַנט איז שענער פֿונעם אַנדערן, און אַלע זענען זיי ווייך און דערביי יאָדערדיק, ווי די רייפֿע בעסאַראַבער ווייַנטרויבן (פּאָמעס אין בעסאַראַבישן דיאַלעקט), וואָס זענען (און מיט פֿולן רעכט!) אַ וואָרט־שיינדל און אַ ציר פֿון מעטאַפֿאָר אין בעסאַראַביש־פּאָעטישן גאָרטן. איך זאָג דאָס פֿון לכתחילה, ווייל איך פֿיל, אַז וועלכע פֿון די „דיאַגנאָז״־שורות איך וועל נישט ציטירן, וועל איך דערמיט טאָן אַן עוולה די אַנדערע.

וועל איך נישט איבערמישן קיין סך בלעטער, נאָר וועל פֿון דעם סאַמע ערשטן בלאַט פֿאַרצייכענען שורות, וואָס דעפֿינירן דעם דיאַגנאָז און מיט עט־לעכע בלעטער דערנאָך אָפּשרייבן פֿונעם ליד „פּולער איז דער טויט״ (עס איז, לפּי דעתי, איינס פֿון די באמת שיינע לידער אין אונדזער דיכטונג) פֿיר פֿערזן, ווו עס ווערט אָנגעדייט, אויב נישט דער רעצעפּט גופֿא, איז די געדאַנק־ און לעבנס־דערפֿאַרונג, וואָס ביי איר דאַרף מען די רפֿואה זוכן און געפֿינען.

זאָגט דער דיאַגנאָז מיט פֿאַרזאָרגטן צער:

דאָס פֿאַרנאַכטיקע זילבער איז קיל,
ווי צו נעילה אַ פֿרומע עטרה.
— — — — — — — —
כ׳האָב צום לעצטן געדאַנק נאָך דערגרייכט:
אַז פֿון טרויער בין איך דאָ אַ ריטער.

ענטפֿערט די „חכמת הרפֿואה״, ליריש פֿאַרקלערט און בתכלית הצמצום:

נישטאָ קיין שטילער גליק ווי יונגשאַפֿט אויף צוריק.
קיין רויִקער געמיט ווי שעפֿן זיך אַליין.

און אָט־דעם פֿאַרשריבענעם רעצעפּט זיינעם איז דער דיכטער אפֿרים אויער־באַך מקיים אויף די איבער צוויי הונדערט זייטן פֿון זיין לידער־זאַמלונג „וואַך איז דער סטעפּ״. פֿון דעם ערשטן ליד „שטוב און ניגון״ און ביז צום געזאַנג וועגן „דער מאַלעווער זיידע״ ביים סוף פֿונעם בוך — איין לאַנגער, פֿריידיק־פֿאַרסאַפּעטער צוריקשפּאַן צו יענער ווייטער און אַזוי נאָענטער פּראָווינץ, וואָס איר נאָמען איז קינדער־יאָרן:

כ׳בלעטער־אויף דאָס לעבן ווידער,
ווי אַן אייגן ליכטיקן סידור
און איך לייען ווי אַ ליד.

יעדע קלענסטע דערמאָנונג, אַ יעדע געשטאַלט, וואָס שווימט אַרויף אין זכרון, אַ יעדעס געשעעניש, וואָס שיילט זיך אַרויס פֿון דער פֿאַרגעסעניש — אַלץ ווערט אונטער אויערבאַכס פּען פֿאַרוואַנדלט אין ליד; אַלץ גייט־אויף אין געזאַנג, און נאָך מער — אין ברייטער און פֿולער צעזונגענקייט.

נישט ביי אין יידישן פּאָעט האָט מען דאָס געפיל, אַז דורות זינגען פון זיין ליד אַרויס. אין אויערבאַכס געזאַנג הערט מען אָבער נישט נאָר דעם ניגון פון די יידישע שטיבער, פון יידישער עבודה צוליב חיונה און פון דביקותדיקער עבודת הבורא; נישט נאָר, מיין איך, דאָס פולע געזאַנג פון אַ פאַרוואָרצלטן יידישן לעבנס־שטייגער, נאָר מען זעט אויך די צעזונגענקייט פון די יידן אויף די ווייטע פּרוכט־געבענטשטע בעסאַראַבער סטעפּעס. עס זענען יידן, וואָס אין אויערבאַכס פּאָעטישער דערמאָנונג זענען זיי גרייט צו געזאַנג, תמיד און אַלע מאָל, אין פרייד און אויך אין טרויער.

גאָרנישט פאַרשטעלט דאָס דאָזיקע געזאַנג פונעם בעסאַראַבער יידישן מענטש אין אויערבאַכס פּאָעטישער דערמאָנונג. דאָס געזאַנג ווערט נישט אָפּגעהאַלטן פון בערג און וועלדער, אין געאָגראַפישן זינען, און עס ווערט נישט געצוימט פון „הרים וגבעות" אויך אין זין פון לומדות און חקירה:

וויִ לאָשעקלעך אין בעלץ געוואָקסן זענען יינגלעך,
אַ שייטל עברי, פּרשה חומש און דערנאָך דער סטעפּ,
די פנימלעך צעשפילט, די אויגן שאַרף ווי קלינגלעך,
פון פרומקייט, זון און ווינט און תבואה — אַ געוועב,

זיי האָבן יידישקייט אַ טרונק געטאָן מיט יונגע ליפּן
און זיך פאַרכלינעט פונעם אותיות־געטראַנק,
נאָר אויפן סטעפּ האָט זיך די זון געזיפּט פון זיפּן
און אָנגעפילט דעם ווייַנטרויב, אויסגעברוינט די זאַנג.

עס איז אין די דאָזיקע שורות פאַראַן נישט בלויז געראָטענער געמעל און אַ מחיהדיקע דירעקטקייט צו נאַטור, נאָר אויך, און פאַר אַלעמען, אָט־די וווּנדערלעכע פּאָלקישע לעבנס־קאַפּעליע, וואָס אפרים אויערבאַך האָט מיט זיין ליד אַרויסגעצויבערט פון יענע יאָרן, ווען „דאָס לעבן איז נאָך געווען אַזוי יונג", אַזוי שפּרודלדיק־יונג און אַזוי פאַרוואָרצלט־אַלט.

אַ שפע מיט געשטאַלטן ברענגט דער דיכטער צו פירן אין זיין נייער לידער־זאַמלונג. עס זענען צווישן זיי פאַראַן יידן ברייטפּלייציקע, שטאַמיקע, האָרעפּאַשנע און, דער עיקרשט, פרומע, תמימותדיקע. תמימות איז אַ פּסיכישער שטריך, וואָס אויערבאַך האָט אים צום ליבסטן ביי זיינע יידן. און נישט נאָר ביי זיינע געשטאַלטן איז אויערבאַכן ליב די תמימות, נאָר אויך ביי זיך אַליין. און ווער עס האָט נאָר אַ ביסל מעיין געווען אין אויערבאַכס לידער־זאַמלונגען, אין די פריערדיקע און אויך אין די נייעסטע, דעם וועט נישט שווער זיין אויפֿצוכאַפּן די עכטקייט און דעם אמת פון יענע אויטאָ־פּאָרטרעטיסטישע שורות, אין וועלכע דער דיכטער שרייבט וועגן זיך:

די הרי אפרים זענען תנ״כיק,
עמוסעס שטראָפרייד איז זייער טעם,
און איך בין פשוט, פשוט יידיש־שפּראַכיק,
דאָס עברי־טייטש־סידורל איז מיין שטאָם,
אַפילו די זינד מיינע איז אַ תם.

תמימות איז, ווי געזאָגט, דער הויפּט־שטריך פון אויערבאַכס געשטאַלטן (די שענסטע צווישן זיי און פּאָרטרעטיסטיש צו מייסט פּאַרענדיקטע זענען „דער מאַלעוער זיידע״, „דער פעטער אהרן בער״, און נישט צולעצט „די מומע צביה״), אָבער כמעט אַלע פּאָרטרעטן זיינע זענען אַ געראָטענער צונויפזינג פון מענטש־לעכער פשטות, פון נאַטור־באַהעפטקייט, פון שטייגער־פּאַרוואָרצלטקייט און פון חב״דער דביקות. און איבער אַלעמען שוועבט די בענקשאַפט, וואָס איז די גרונט־שטימונג פון סטעפּ. דאָרט, ווו עס זענען דאָ בערג און וועלדער, קאָן גאָר די מענטשלעכע בענקשאַפט נישט זיין אַזוי הייס און אַזוי גלייך אָן אָפּהאַלט ביז צום ווייטן האָריזאָנט, ווי אין סטעפּ — סיידן אין מדבר.

דאָס חב״דער חסידות האָבן פון דער צפונדיקער ליטע פאַרטראָגן אין דער דרומדיקער בעסאַראַביע — ליטווישע מלמדים, וואָס האָבן דאָרט מיט אַ קנעלונג געזוכט חיונה אין דעם פעטן, רייכן לאַנד. איך ווייס נישט וויפל די ליטווישע תורה האָט זיך אָנגענומען ביי די בעסאַראַבער האָרעפּאַשניקעס, אָבער די חסידי־שע דביקות פון חב״ד האָט זיכער געשלאָגן וואָרצלען אין בעסאַראַביע. אַרום דעם ווייטן חב״דער רבי, וואָס זיין אייגענע געשטאַלט איז געבליבן פאַר די בעסאַראַבער חסידים אַ פאַרהוילענע און זיי האָבן נאָר געוווסט פון זיין ספר מיט די הסברות פון ליטווישן מלמד, האָט זיך גרופּירט, אַזוי צו זאָגן, די אינ־טעלעקטועלע עליטע, לומדים און כלי־קודש.

און חב״דיש חסידות אין אַ בעסאַראַבער משפחה איז געווען אַ שטיק באַזונ־דערע יידיש־מענטשלעכע ווערדע און אויך אַ שטיק געירשנטער יחוס.

אָט איז דאָס געמעל פון אויערבאַכס אייגענער מאַמע, און עס דערמאָנט אין די שטאָלצע יידיש־אַדעליקע פּרויען, ווי זיי ווערן געמאָלן דער עיקרשט ביי אונדזערע פּוילישע יידישע דערציילערס און פּאָעטן:

די מאַמע פון מאַלעוו, אַריבערן נעסטער,
קיין בעלץ איז געקומען מיט זיידנס, בראָקאַד,
מיט הויכע אָפּצאָסן און טאַליע געפּרעסטער,
מיט מנורת המאור און יחוס חב״ד.

דער אמת איז, אַז דער דיכטער אויערבאַך נייטיקט זיך נישט דווקא אין דעם חב״דער יחוס־בריוו ביי זיינע געשטאַלטן, כדי אַרויסצוברענגען דאָס שטיק איידלקייט און רחמנות, וואָס ער זעט אין זיי, און וויל, אַז מיר זאָלן דאָס אויך

דערזען. ער פאַרמאָגט, אויערבאַך, אַ פיינעם פּאָעטישן שפּראַך־אינסטרומענט, וואָס ווי קאָנקרעט, רעאַליסטיש און אַפּילו נאַטוראַליסטיש עס זאָלן נישט זיין צומאָל די ווערטער און די בילדער, קומט די געשטאַלט אַרויס אַ ראָמאַנטיש־געהילטע, אַ צויבער־מעשהדיקע. דאָס איז אַפּילו דער דין בײַ דער „מומע צביה״, וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ „קאָזאַצקע יידענע״ און צו קעמפן פאַר איר און אירע זינס חיונה מיט „פּרויען־רעכטלערישע וועגן״. זי גייט אין פּראַקטיקע פאַר־טאָגן אַרויס צו דער בריק קויפן בײַ די פּויערים אַ זעקל ווייץ אויף מסחר עלעהיי אַ מאַנסבילישער סוחר אין שטעטל.

אויערבאַך מאָלט געָרן די דרויסנדיקע צורה פון זיינע געשטאַלטן, און זיינע בילדערישע פאַרגלייכן זענען, ווי געזאָגט, קאָנקרעטע, גענומען פון דער נאַטור און פון דער שטוב־לאַנדשאַפט פון זיינע העלדן, אָבער ערגעץ־ווו בלייבן די פאַרגלייכן מיט זייער גאַנצער קאָנקרעטקייט אין גדר נישט פון גוף, נאָר פון נשמה. און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ שפּראַך־מעלה, וואָס וויפל לויב זי זאָל נישט אַרויסרופן, האָט זי עס בפירוש די ווערט.

דאָס פּנים פונעם מאַלעוועַר זיידע „איז ווייס און בלוילעך, ווי אויף אַן אַלטער בערעזע די קאָרע״; דאָס פּנים פון דער מומע צביה, ווידער, איז ווי „אַ צוגעפלאַמט ברייטל״; שמעון הערש האָט „אַ קנאָפּ אויפן גאָרגל, ווי אַ קיי־לעכיק האַריק סטויגל״, און ביים שוחט פון כאָטין איז „אַפּגעבליאַקעוועט איצט די באָרד, ווי שפּעטער האַבער, און איינגעקנייטשט די הויט, ווי אַ פאַרלעגן בינטל טרויבן״.

דאָס זענען נאָר אַ טייל פון אַ סך אַנדערע ביישפּילן. און אַזוי ווי די ליטע־ראַטור־קריטיק איז נישט קיין וויסנשאַפט און קאָן אַפּילו נישט זיין כולה וויסנ־שאַפטלעכקייט, מעג איך זיך סומך זיין אויף מיין אייגענעם געשמאַק און איינדרוק און זאָגן, אַז די דאָזיקע נאָר־וואָס ציטירטע פאַרגלייכן האָבן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס שטרייכן אונטער דווקא די רוחניות פון די געמאָלענע צורות. דעם מאַלעוועַר זיידעס פּנים איז נישט האַרט און שטום ווי קאָרע, נאָר די קאָרע ווערט אין דעם פאַרגלייך באַרעדעוודיק און גייסטיק פאַרבענקט ווי דעם זיידנס פּנים.

און טאַקע דערפאַר, דאַכט זיך מיר, אַז דער דיכטער אפרים אויערבאַך האָט אפשר איבערגעכאַפּט די מאָס וואָס שייך די רעגיאָנאַלע ווערטער, וואָס ער האָט מאָביליזירט, כדי אונטערצושטרייכן און וואָס מערער אַרויסצוברענגען דעם ספּעציפיש־בעסאַראַבישן קאָלאָריט. מיט דער געגנטראַל־מאָביליזאַציע פון די רעגיאָנאַליזמען האָט דער דיכטער זיך ערגעץ־ווו אַ רעה געטאָן, לכל הפּחות אויף אַזוי פיל אויף וויפל די „פאַרביקע ווערטער״ קאָנען אָפּוועגדן די אויפמערק־זאַמקייט פון די אָרגאַנישע שפּראַך־אויפטוען, פון די חידושי לשון און פון דער

גראַם־מייסטערשאַפט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אויערבאַכס נייע ליד־זאַמלונג באַגליך מיט די פריערע.

פון די באַזונדערס געראָטענע גראַמען אין המצאהדיקע גראַמען וויל איך דערמאָנען „בראָקאָד״ מיט „חב״ד״, וואָס האָבן צווישן זיך אַן אינעווייניקסטע עסטעטישע קרובהשאַפט; „נעכט בלויע״ מיט אַ „מעשה שהיה״, וואָס קערן זיך אָן על פּי דעם זעלביקן חלום־געמיט, און „אתנחתא״ מיט „פון חלום דערוואַכטע״, וואָס טראָגן אין זיך ביידע, דעם ריטעם אי פון סיעסטאַ און אי פון פאַרוווּנדערונג.

עס הערשט אין אויערבאַכס פּאָעטישער שפּראַך אַ זעלטענע האַרמאָניע פון ווערטער אין דעם געמעל פון זיינע געשטאַלטן. אַזאַ האַרמאָניע צו דערגרייכן איז נישט פון די לייכטע זאַכן. וואָרים דאָ מאָלט דאָך אַ מענטש פון ערב שיבה אַ שטייגער־לעבן פון די צייטן העט פאַרגאַנגענע פון זיין קינדהייט און אַנאַכראָניסטישע ווערטער לויערן אויפן דיכטער זיך אַריינצוכאַפּן אין לשון. אפרים אויערבאַך האָט געהאַלטן שטרענגע וואַך. ער האָט די אַנאַכראָניזמען איבער דער שוועל נישט געלאָזט, אָבער צוויי האָבן זיך ערגעץ־ווו דורכגעגליטשט. עס זענען דאָס די ווערטער „ריטם״ און „אַראָמאַט״.

אויערבאַכס אייגענער פּאָעטער, דער ליבער און פרומער לאָזער שוחט, וואָס שעכט עופות און „הערט ווי ס׳שטאַרבט אַ לעבנס־ריטם״, האָט פאַר זיין רחמנות צו די עופות זיכער געהאַט אַ נענטער און מער אייגן וואָרט ווי לעבנס־ריטם. דאָס וואָרט ריטם איז נישט ר׳ לאָזערס, ווען ער אַליין דערציילט, און אויך נישט ווען מען דערציילט וועגן אים.

און דער פעטער אהרן בער, דער חב״דער חסיד, וואָס האָט „אין זיין באָרד און פּאות געטראָגן דעם אַ ר אָ מ אַ ט פון מיט־זומערדיקן סטעפּ״, האָט זיכער נישט געוווּסט, וואָס ער טראָגט, אויב ער האָט פאַר דעם געטראָגענעם נישט געהאַט קיין אייגן וואָרט.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אפשר מער ווי מען דאַרף אויף אָט־דער קלייניקייט, ווייל די האַרמאָניע פון אויערבאַכס שפּראַך איז אַזאַ פּערפעקטע און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען טאָר אין דער דאָזיקער אייגענער און היימישער אַטמאָספער נישט לאָזן דורכפליען אַ פרעמדע פליג. אפילו בלויז צוויי פרעמדע ווערטער קאָן מען באַמערקן אין אָט־דעם אז ישיר אפרים, וואָס צום בעסטן האָט אים דער דיכטער אַליין כאַראַקטעריזירט אין די וויטערע פיר פערזן:

ס׳איז פּשוט, דאַכט זיך, דאָס וואָרט וילך,
נאָר מיר איז אַ ספק דער מיין פון געגאַנגען,
אַ מענטש קאָן גיין דערהויבן און פריילעך,
די טריט זאָלן זיין אים פול מיט געזאַנגען.

(1963)

יעקב גלאַטשטיין

ווען יעקב גלאַטשטיין האָט אונדז צו זיין 60סטן געבוירנטאָג פּרעזענטירט אַן אָפּגעקליבענע זאַמלונג פון זיינע לידער, אָנגעהויבן פון 1919 און ביז צום יוביליי־יאָר 1956, האָבן מיר פאַר זיך געהאַט דעם וווּנדערלעכן ספּעקטאַקל פון אַ דיכטער, וואָס האָט שעפעריש געקלעטערט און אַרויפגעקלעטערט פון דעם ערשטלינג־בוך מיטן ווילינגעריש נאָמען „יעקב גלאַטשטיין" איבער באַרג־העכער און העכער פון אַנדערע אַכט זאַמלונגען צו דער הייך פון דער לידער־סעריע „ערדענע רייד".

גלאַטשטיינס זעלבסט־אַנטאָלאָגיע „פון מיין גאַנצער מי" איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיקער דראַמאַטישער סיפור המעשה וועגן שעפערישן געראַנגל מיט זיינע פּאָעטישע זעונגען און מיט די אויסדרוק־מיטלען פון זיין ליד. די גרויסע שעפערישע אַוואַנטורע (יעדע שעפערישקייט איז אַוואַנטורע), האָט זיך אין דער מסכתא „פון מיין גאַנצער מי" געענדיקט מיט אַן אַנטשיידנדיקן נצחון פונעם פּאָעט. וואָס קאָן זיין מער זיס פאַר אַ דיכטער, ווי צו קאָנען זאָגן וועגן זיך מיט פולער באַרעכטיקונג, אַז —

> איך האָב עס שוין כמעט געקענט זאָגן
> נישט נאָר אין לידער, נאָר אַפילו אין רייד.

דאָס פּאָעטיש צוגעקליבענע וואָרט, דאָס ליד איז אַ דערגרייכונג, אָבער נאָך גרעסער איז דער דערגרייך, ווען די קינסטלערישקייט בליט אין פּשוט געדאַוונטע רייד אָן אייגן צוגעמאַכטער מוזיק. דאָ גייט נישט חלילה וועגן אַ ליבע צו פּשטות, וועגן אַ לויב צו די פּאָעטן, וואָס מוזן אָדער ווילן זיין פּשוט. זיי זענען דער היפּוך פון יעקב גלאַטשטיינען, דעם ראַפינירטן, אינטעלעקטואַליסטישן און זייער אינדיווידואַליסטישן פּאָעט.

דאָ גייט עס וועגן אומקער צום אורשפּרינגלעכן זין און צום אור־שפּרינגלעכן ניגון פון רייד ווי, למשל, עס קערט זיך אום די מענטשלעכע שפּראַך צום וואָרט „דו" אין דער באַגעגעניש מיט גאָט. אָפּגעאיר־צעוועט און אָפּגעעקסצעלענצעוועט מיט די מענטשן פון כלערליי הויכע און העכערע שטאַנדן פון רייכקייט, פון געלערנטקייט און פון מאַכט, בלייבט פאַר דער ווענדונג צו גאָט ברוך הוא דאָס פּשוטע וואָרט „דו" אין זיין סאַמע בראשיתדיקן באַטייט פון אומענדלעכן יראת הכבוד.

יעדעס פּשוטע וואָרט איז אין זיין סאַמע אורשפּרונג פּאָעזיע. ווי מאָליערס העלד, וואָס האָט נישט געוווּסט, אַז ער רעדט פּראָזע, אַזוי ווייסן נישט די, וואָס רעדן אַ שפּראַך, אַז יעדעס וואָרט, וואָס זיי זאָגן אַרויס איז פּאָטענציעלע פּאָעזיע. דערפאַר בלויז פּאָטענציעלע ווייל זיי, די סתם רעדערס און שרייבערס, פעל־

שעוועת די וואָרטער מיט זייער אומגעפיל און מיט זייער אוממוזיקאַלישקייט. דער פאָעט, דער אמתער פאָעט, איז אַ צוריקשטעלער פון דעם וואָרטס אורשפּרינג־לעכן געפיל און אורשפּרינגלעכן טאָן.

אַלע וואָרע פאָעטן חלומען וועגן גובר זיין די קונסט און וועגן דערגיין דערצו, אַז זיי זאָלן עס קאָנען זאָגן „נישט נאָר אין לידער, נאָר אַפילו אין רייד". פאַראַן לידער, ווו מיר פאַרגעסן דעם באַדייט פון די ווערטער, ווייל עס פאַרכאַפּט אונדז און עס צענעמט אונדז די מוזיק פונעם ליד. פאַראַן אָבער אַנדערע, ווו מיר זענען אַריינגעטאָן אין דעם געדאַנק און אין דעם מיין פון דעם דיכטערס רייד און באַמערקן גאָר נישט, אַז מיר ווערן אויך באַרוישט פון דער מוזיק פון דעם ליד.

צו אָט דעם צווייטן מין דיכטער, וואָס מיר זענען געוווינט זיך איבערצו־נעמען מיט דער קלוגשאַפט פון זייער געפיל און מיט דער אינטעלעקטועלער צוגעשפּיצטקייט פון זייער געדאַנק און פאַרגעסן ערגעץ ווו, אַז מיר געפינען זיך אויכעט אין דער סאַמע מיט פון אַן אינטענסיווער און דערהייבנדיקער ליד־מוזיק — צו אָט דעם מין געהערט דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין.

די דאָזיקע פאָעטן פונעם צווייטן מין, וואָס אין אונדזער ליטעראַטור איז יעקב גלאַטשטיין זייער קלאַסישער פאָרשטייער, זענען בדרך כלל די גרויסע אויפטוער פאַר דער שפּראַך פון זייער פאָלק. זייער וואָרט־מוזיק האַלט זיך באַשיידן און גיט כלומרשט אָפּ די בכורה דעם קלוגן זאָג און דעם צוגעשפּיצטן געדאַנק. אָבער טאָקע דערפאַר דרינגט דער ניגון פון זייער וואָרט אַריין אין דער שפּראַך פונעם פאָלק און באַנייט אַלטע און גיט נייע מוזיקאַלישע מיינען צו די פּשוטע רייד. דאָס ליד פון אַנדערע פאָעטן גייט אַריבער אין געזאַנג פון מוזיקער און דרינגט אַריין אין פאָלק. דאָס ליד פון יעקב גלאַטשטיין בלייבט האַפטן מיט זיין ריטעם און מיט זיין טאָן אין די פּשוטע רייד פון דער שפּראַך, דערהייבט זיי און גיט זיי צו אַ נייע יום־טובדיקייט.

די נאַטור — האָט געזאָגט דער אַלטער אָלימפּיקער געטע, און מען מעג זיך בפירוש אויף אים סומך זיין — באַשטייט נישט פון קערנער און פון שאָלעכץ. זי איז ביידע זאַכן איינינעם. דאָס פּאָעטישע וואָרט איז נישט געזאַנג אָדער מיין. עס איז ביידע איינינעם און אין דער זעלבער צייט. אין יעדן וואָרט שלאָפט געדאַנק און אין יעדן וואָרט לעבט זיין אייגענער ניגון. אמתע דיכטער, דיכטער פון יעקב גלאַטשטיינס מין און קאַליבער, וועקן ביים וואָרט זיין רעיון און אַנטפּלעקן פון יעדן וואָרט זיין ניגון. וויפל אין יעדן דור זאָלן דאָס געזאַנג נישט דערהערן, טראָגן זיי דעם ניגון און דעם נאָמען פון דעם דיכטער, דעם שפּראַך־באַנייער פון דור צו דור.

און איך חזר איבער, אַז עס איז אויבנאויפיק צו טראַכטן וועגן יעקב גלאַט־שטיינען אין די טערמינען פון זיינע וואָרט־חידושים. אַוודאי וועלן פון פאַרצלמט,

פאַרוואָרט, פאַרשניפּסט, פאַריאָרט, פאַרבאַלדיקט, פאַרדאָרפּט, פאַרציפּערט און פאַרשווידערט און אויך פון איינאַיובן, איינגעהייליקט, איינגעזינדיקט, און איינגעדענקט אפשר אַ טייל אַריין אין דער שפּראַך און וועלן אין איר לעבן. אָבער אַט די וואָרט־חידושים און אַנדערע פון זייער מין, זענען נישט מער ווי גוט־אויפגעראַמטער אַפּיקומן־שפּיל נאָכן אָפּגעריכטן סדר מיט עבדים היינו, מיט שפוך חמתך און מיט הלל.

דער עיקר פון יעקב גלאַטשטיינס אויפטו פאַרן יידישן פּאָעטישן לשון און דורך אים פאַר די פּשוטע רייד פון אונדזער יידישער שפּראַך, איז וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט און אַרויסגעזונגען דעם ניגון פון אייביק יידיש לשון און דעם לירישן אידיאָם פון טויזנט יאָר אייביקייט פון מאַמע־לשון, וואָס האָט איבערן שטח פון יידישער געשיכטע געדויערט צום לענגסטן אין יידישן מויל און וועט זיך מיט דיין כוח, יידיש־דיכטער, נישט אָפּטון פון דער צונג און פונעם האַרץ פון יידישן פאָלק.

אין יעקב גלאַטשטיינס נייעסטן בוך, דעם בעסטן בוך פון זיינע ביז איצט, ב״ה, גוטע לידער־ביכער, האָבן מיך געפּאַנגען אַ סך לידער. איך בין מיטגעגאַנגען מיט אים דעם טיפן טרויער איבער דעם זאַוועררוכעדיקן טויט און הייליקן טויט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין היטלערס גאַז־קאַמערן און אויף היטלערס תליות, און מיין געמיט איז געווען אַ שותף צו דעם שטילן רעזיגנאַציע־טרויער איבער דעם טויט, וואָס האַלט ווי אַ טשערעפּאַכע אין דערקריכן צו אַלע ווינקלען פון אונדזער דור און אויסשפּייען אונדזערע לעבנס, וואָס ווערן על פּי דעם איינפּאַכן געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפרעג אַלץ טייערער און טייערער. עס איז דאָס דער זיידע אברהם פון אונדזער גאַנצן דור וואָס רעדט אַרויס פון זיין אייניקל, דעם פּאָעטס „גראַמען־קראַנץ צום יערטאָג" און זאָגט צו אַ יעדן פון אונדז —

אָבער דיין פּאַס איז סיווי אויסגעשטעלט.
מיר האָבן שוין פאַר דיר געמאַכט די בוכהאַלטעריע.
אַ יאָרל אַראָפּ, אַ חודש אַרויף.
מ׳עט דיך פּאַקן אין מיטן לויף.

און מיין האַרץ האָט נאָכגעוויינט און נאָכגעצאַרנט די „שפוך־חמתך"־רייד, וואָס יעקב גלאַטשטיין וויינט זיי אויס און צאַרנט זיי אויס אין זיין ליד „זון פון מיליאָנען" (עס איז איינס פון די לידער, וואָס דערגרייכט די הויכע מדרגה, אַז מען קאָן עס זאָגן אַפילו אין רייד) —

יעדער דריטער ייד איז פאַרטיליקט.
אפשר דו, אפשר איך, אפשר ער.
ווער האָט אויפגעהערט באַוויינען

װער האָט דער ערשטער
אָפּגעװישט אַ טרער ?
ס׳האָט אונדז צונױפֿגעקלאַפּט
אַ גרױס געװײן.
די יעגערס פֿון דער װעלט
קאָנען אונדזער יאָמער נישט פֿאַרשטײן.
זײ, װאָס גײען מיט ביקסן און לאַנגע מעסערס
זענען די גרינגע פֿאַרגעסערס.

אין גלאַטשטײנס נײַע לידער־זאַמלונג איז פֿאַראַן אַ סעריע לידער אױף דער טעמע ציון און ישראל. די לידער זענען געראָטענע און זײ זענען נאָך געראָטענער און בעסער דערפֿאַר, װײל זײ גײען נישט אױף אײן האָר אַװעק פֿונעם דיכטערס אײגן געמיט און פֿאַלן נישט מיט אײן װאָרט אַרײן אין דעם אַלגעמײנעם זמר. די לידער זענען דורכױס גלאַטשטײן. זײ פֿאַרפֿלאַנצן נישט קײן נײַע געפֿיל־בײמער בײ זיך אין האַרצן. די לידער ציען די ריחות און עסן די פּירות פֿון ארץ־ישראל, װאָס איז זינט דורות געװאַקסן אין ייִדישן געמיט און האָט באַטעמט דאָס ייִדישע לשון —

מײן טאַטע פֿאַרמאַכט ס׳משניות,
נעמט די מאַמע בײ דער האַנט,
און פֿאַרגײענדיק זיך מעשה קאַװאַליער,
זאָגט ער :

איטע ראָכעשי, מיר גײען אין ייִדישן לאַנד.
און בײדע גיבן אַ ליכטיקן װוּנק צו מיר —
און דו, חכם עתיק, האָסט נישט געגלײבט.
בײ דער מאַמען לײכטן קלוגע טרערן
זעסט שױן, אַפֿילו ס׳װײבערישע טײַטש־חומש
מוז מקוים װערן.

אַזױ רעדט דאָס ייִדישע לשון דורכן מױל פֿון טאַטע־מאַמע אין „פֿון מײן גאַנצער מי״ און אַזױ פּלאַטערט עס מיט װערטער פֿון ייִדיש־היסטאָרישן און פֿון ייִדיש־שטייגערישן טעם אין מױל פֿונעם זון, דעם פּאָעט, װען ער תּפֿילהט אין זײן נײַעסטן בוך צום גאָט פֿון אונדזערע אָבות, אַז —

מיר זענען געקומען אײננעמען
ברײטע גיטער פֿון אָרעמטימער
געקומען ירשענען באַשערטע קנאַפּקײט
אָפּגעאײנדזלט פֿון דער גרױסער װעלט פֿון װוּילטאָג.

דער פּאָעט יעקב גלאַטשטיין האָט דאָ פּאַר אונדז באַנייט אַלע דורותדיקע דערפאַרונגען. ער האָט געגעבן אַ נייעם אויסטייטש צו אַלטע היסטאָרישע שטימונ־גען און געפילן און האָט זיי אַרומגעהויכט מיט נייע צייט־סענסיטיווקייטן און האָט פאַר זיי געפונען ווערטער, וואָס האָבן דעם ריח פון אַלטקייט און דעם טעם פון שפּרודלדיקער יונגשאַפט.

עס איז פאַראַן אַ גאַנצער דצ״ך עד״ש מיט סימנים אויף צו דערקענען עכטע און גרויסע פּאָעזיע. יעקב גלאַטשטיינס פּאָעטישער אויפטו אין די נאָר וואָס ציטירטע שורות פון זיין ליד „צעבאָרוועסט אין געמיט״, איז, לפי עניות דעתי, איינער פון די הויפּט־סימנים פון דאָזיקן קריטישן דצ״ך עד״ש.

אָבער די אמת גרויסע קינסטלערישע פרייד נאָך אַלע הנאהס פון די ביז איצט אויסגערעכנטע לידער־סעריעס איז דעם לייענער באַשערט, ווען ער גייט דורך מיטן דיכטער די לידער אָנהייבנדיק פון „כ׳שטיי אין טויער״ און „מיין געצעלט״, ביז צום „וואָלקן־ייד״ און ביז צו דער „פרייד פון יידישן וואָרט״, וואָס אויפן נאָמען פון דעם דאָזיקן ליד הייסט דאָס גאַנצע בוך.

עס איז נישט קיין נאָווינע, אַז דיכטער זאָלן באַזינגען די שפּראַך פון זייער שעפערישקייט און אַוודאי נישט קיין נייעס, אַז יידיש־דיכטער זאָלן אַרויסברענגען זייער ליבשאַפט און אָכפּערונג צו מאַמע־לשון, וואָס די בייזע צייט און אַסימילאַ־טאָרישער סנאָביזם פון איין זייט און כנעניזם אין אַלערליי פאָרמען פון דער אַנדערער זייט זענען אויפגעשטאַנען קעגן איר זי צו פאַרלענדן. דער יידיש־דיכטער פילט, אַז ער און נאָר ער אַליין איז דער אָנשפּאַר פאַרן קיום און פאַר דער שעפערישקייט פון אונדזער טויזנט יאָר יונגער יידישער שפּראַך.

דער מענטשלעכער געדאַנק לאָזט זיך מער אָדער ווייניקער אויסדריקן אין יעדער שפּראַך, אָבער דאָס טיפע מענטשלעכע געפיל, די עכטע נשמה־איבער־לעבעניש מיט אירע דינע און נאָך דינערע קאָמפּליצירטקייטן קאָן נאָר אַרויס־געבראַכט ווערן אין דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך (היינע איז אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל און ערשט דאַכט מיר, אַז היינע אין דער שפּראַך פון זיינע זיידעס וואָלט געוועזן נישט נאָר מער יידישער דיכטער, נאָר אויך מער וועלט־דיכטער).

פילאָזאָפן און וויסנשאַפטסלייט האָבן יאָרהונדערטער לאַנג געטראַכט אויף לאַטיין, אָבער דאָס איטאַליענישע ליד, וואָס איז געוואָרן נישט נאָר דאָס ליד פון איטאַליע, נאָר אויך פון דער גאָרער וועלט, האָבן געשאַפן דאַנטע און פּעטראַרקאַ אויף דער פאָלקס־שפּראַך. פּאָעזיע איז דער נאַציאָנאַלסטער טייל פון גייסטיקער שעפערישקייט. דאָרט, אין דער דיכטונג, באַהאַלט זיך אויס דאָס געפיל פון אַ פאָלק. די דיכטונג אין דער אייגענער שפּראַך, דאָס איז דער מזבח, וווהין עס ראַטעוועט זיך די פאָלקס־נשמה, די פאָלקס־פּערזענלעכקייט פאַר די געוויסערן פון

אַסימילאַציע און פאַר דער תקיפות פון דער אַזוי גערופענער העכערער קולטור פון אַרום.

עראַזמוס פון ראָטערדאַם, דער גרויסער הומאַניסט פון זעכצנטן יאָרהונדערט, וואָס איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע ווערק אויף לאַטייניש, האָט אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט זיך געמוטשעט צו דערמאָנען זיין מוטער־שפּראַך האָלענדיש. ער האָט אויפן טויטן־בעט אויפגעהערט צו רעדן לאַטייניש און רק געשטאַמלט האָלענדיש, וואָס ער האָט זי צענדליקער יאָרן נישט גערעדט. ער האָט געזוכט, עראַזמוס, זיך צו דערשלאָגן צו דער נעסט, ווו עס באַהאַלט זיך די אייביקייט פון זיין געפיל, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

איך האָב געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין נאָווינע, אַז יידיש־דיכטער זאָלן באַזינגען די שפּראַך פון זייער שעפערישקייט, אָבער ווי זאָגט זיך דאָרט אין אונדזערע אַלטע כראָניקעס: ווער עס האָט נישט געזען די שמחת בית השואבה דעם ערשטן טאָג סוכות אין ירושלים, דער האָט קיין שמחה אין זיין לעבן נישט געזען. און איך זאָג, אַז ווער עס האָט נישט איבערגעלעבט די פרייד פון יידישן וואָרט אין יעקב גלאַטשטיינס נייעסטער לידער־זאַמלונג, דעם גייט אָפּ אַ גרויס שטיק נאַציאָנאַלע און גייסטיקע פרייד.

דער דיכטער, דער ראָמעאָ, און די שפּראַך, די יוליעטאַ, פייערן אַ גרויסן יום־טוב פון באַהעפטונג און זיי מאַכן דעם סך־הכל פון בשותפותע דערגרייכונגען אין צווייען —

אַ, לאָזט מיך צו צו דער פרייד פון יידישן וואָרט
גיט מיר גאַנצע פולע מעת לעתן
פאַרקניפּט מיך, פאַרוועבט מיך,
טוט מיך אויס פון אַלע אייטלקייטן
באַשפּייזט מיך דורך קראַנען, שענקט מיר קרישקעס,
אַ געלעכערטן דאַך און אַ האַרט בעט.
אָבער גיט מיר גאַנצע פולע מעת לעתן,
לאָזט מיך נישט דאָס יידישע וואָרט
אויף אַ רגע פאַרגעסן.

אין די נאָר וואָס ציטירטע שורות וועגן דער אהבה פונעם דיכטער צו יידיש איז דאָ די דבקות און די מיסטישע פאַרטוענקייט פון געהויבענע חסידים ביים שלוש סעודות־טיש, ווען זיי זינגען „אתקינו דסעודתא" צו דער שבת מלכתא. אָבער אין דעם יום־טוב פון באַהעפטונג צווישן דיכטער און שפּראַך איז אויך פאַראַן אַן אַנדערער אַלט־יידישער, אפשר נאָך עלטערער, ניגון ווי דער ערשטער. עס איז דאָס ניכטערע ישוב־הדעתדיקע געזאַנג וועגן דעם, וואָס דאָס פאַרפאַלק

האָט איינס דעם אַנדערן געגעבן און וואָס זיי האָבן דערגרייכט, געקאָנט דער־גרייכן נאָר אינײנעם.

דער דיכטער דעפינירט דאָס אין דעם אויסנעמלעך שיינעם ליד צו זיין געליבטער פרוי, וואָס הייסט „אַ נס" און איז אויך אַ געזאַנג צו דער שבת מלכתא יידיש. ער זאָגט —

אַ ברייטער וועג
מיט שטעגן געשפּרייט צו אַזוי פיל
נייע וווּנדער.
קיין איין רגע גייען מיר נישט באַזונדער
אין צווייען ווערט יעדער געלעבטער ציטער
אַן אוצר, אַ געוויטער פון אינהאַלט.

מען לייענט די דאָזיקע שורות און זיין קלינגען אין געמיט אָפּ צו די רייד פון שבתדיקע זמירות —

שקר החן והבל היופי
תנו לה מפרי ידיה
ותורת חסד על לשונה.

אויך אין די שבתדיקע זמירות ווערט אין תוך געזונגען וועגן דעם דער־גרייכטן „געוויטער פון אינהאַלט" צווישן מאַן און פרוי, צווישן ייד און דער קיניגין שבת.

איך שטיי און שטוין מיט באַוווּנדערונג און מיט אַ געפיל פון יידישן שטאָלץ ווי אַזוי די לירישע אידיאָמען פון טרויער און אויך פון ליבע און פרייד זענען נאָענט צום אַלטן קוואַל פון שעפערישקייט און גייען איבער דורות און ווערן אַלע מאָל פון דאָס ניי באַנייט פון עכטע יידישע דיכטער אין גייסט פון זייער צייט. גאָרנישט מאַכט מיך אַזוי גלייבן אין נצח ישראל, ווי אָט דער זיכערער טראָט פון אונדזער דיכטונג און פון אירע איבערלעבענישן און אימאָזשן איבער די שליאַכן פון אונדזער לאַנגער געשיכטע.

שלמה ביקל

מלך ראַוויטש

ווען דער גורל זאָל מיך נישט געווען מאַכן פאַר אַ שרייבער בישראל, וואָלט איך געווען אויסגעקליבן צו זיין אַ יחוס־פאַרשער בישראל, אַ פאָרשער פון יידי־שער פאַמיליע־געשיכטע.

איך בלייב תמיד שטיין מיט עפּעס אַ באַזונדערן יראת הכבוד פאַר די משפחות, וואָס זענען אין משך פון די צייטן געווען ספּעציעלע נעסטער פון יידי־שער לומדות, פון קינסטלערישן טאַלענט, פון יידיש־געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, פון אַ באַזונדערער מלאכה־געניטשאַפט און אַפילו בלויז פון אויפטועריש ער געשעפט־אונטערנעמערשאַפט.

מיר דאַכט, אַז אַ פאָלק מיט באַגאַבטע משפחות קאָן מער האָבן צוטרוי צו דער אייגענער שעפערישקייט, ווי אַ פאָלק מיט בלויז געניאַלע יחידים, וואָס שפּרינגען אַרויס פון ערגעץ אַ ווינקל איבער דורות. איך זאָג דאָס, ווייל איך האַלט, אַז נישט נאָר דער ביאָלאָגישער, נאָר אויך דער קולטור־יסוד פון אַ פאָלק איז די משפחה. פאַמיליע איז בזעיר אַנפּין דאָס פאָלק גופא.

האָט אין דער מזרח־גאַליצישער ק״ק רעדים הינדע, די דריטע טאָכטער פונעם שטעטלישן גביר יאָסל ראָזענבלאַט, חתונה געהאַט מיט איר באַשערטן, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען אפרים בערגנער פון ערגעץ לעבן דער שטאָט סטאַניס־לעוו און — הינדע מיט אפרימען האָבן אויפגעבויט אַ נעסט פון שעפערישער באַגאַ־בונג, וואָס האַלטן שוין אָן דעם דריטן דור. דער שעפערישער פאַטריאַרך פון דער דאָזיקער באַגאַבטער משפחה איז הינדע בערגנערס צווייטער זון, וואָס שטייט אין די פעדערשטע רייעס פון אונדזער יידיש־ליטעראַטור ווי אַ פראָמי־נענטער דיכטער, ווי אַן עסייִסט און פובליציסט און ווי אַ לעקסיקאָגראַף און אַ מעמואַריסט אונטער דעם פסעוודאָנים מלך ראַוויטש.

די מאַמע הינדע בערגנער האָט אָנגעשריבן זכרונות וועגן איר לעבן, וואָס לאָזן זיך פאַרגלייכן מיט די מעמואַרן פון מרת גליקל פון האַמעלן. הינדע פון רעדים האָט אין אירע זכרונות ווייט נישט דעם ברייטן געזעלשאַפטלעכן פאָסטאַ־מענט אויף וועלכן עס האָט אַוועקגעשטעלט אירע געדענקבלעטער הינדע בערג־נערס פאַרגייערין פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, גליקל פון האַמבורג און פון האַמעלן. אָבער דערפאַר פאַרמאָגט די מאַמע פון דער בערגנער־ראַוויטש־משפחה טייל מאָל מער קינסטלערישן כוח פון שילדערונג און פון געשטאַלטיקונג ווי די גרויסע חברטע אירע פון מיט כמעט דריטהאַלבן יאָרהונדערטער פריער.

הינדעס עלטסטער זון, דער יונג־פאַרשניטענער משה — אַ באַגאַבטער מאָלער; דער מיטעלער, ווי געזאָגט, דער דיכטער מלך ראַוויטש; דער יינגסטער הערץ, וואָס וווינט היינט אין אויסטראַליע, אַ פיינער בעלעטריסט און דערנאָך קומט דער צווייטער דור: ראַוויטשעס טאָכטער, אַ טענצערין, און ראַוויטשעס זון

יאָסל בערגנער, דער נאָמען נאָך דעם רעדימער שטאָט־גביר יאָסל ראָזענבלאַט — אַן אָנגעזעענער מאָלער אין מדינת ישראל (איך האָב עס געפילט ווי אַ זכיה, וואָס איך בין פאַרבעטן געוואָרן צו עפענען אין 1950 יאָסלס ערשטע אויסשטעלונג אין תל־אביב, אין דער כ״ץ־גאַלעריע און, אַזוי צו זאָגן, ספּאָנטאַן מיטצולעבן זיין אויפשטייג, ווייל שוין ביי אָט דער ערשטער אויסשטעלונג האָבן יאָסלס בילדער אַזוי אויסגענומען ביי דער קריטיק און ביים פובליקום, אַז ער איז איבער נאַכט געוואָרן אַ מאָלער מיט אַ נאָמען אין לאַנד).

און ווייל מיר האַלטן ביי דער משפחה, וועלן מיר אָנהייבן אונדזערע שורות וועגן דיכטער מלך ראַוויטש מיט זיין נייעסטן בוך, וואָס דערציילט וועגן דעם איינגעוואָרצלטן משפחה־בוים אין רעדים און וועגן אַלע זיינע צווייגן איבער דער וועלט, איך מיין, „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן״.

דאָס דאָזיקע בוך איז זייער כאַראַקטעריסטיש לכל הפחות פאַר דעם פּראָזע־שרייבער, דעם מעמואַריסט, לעקסיקאָגראַף און אַפילו פובליציסט מלך ראַוויטש און איך גלייב, אַז פאַר אַ געניטן לייענער קאָנען אויך נישט בלייבן פאַרהוילן די פּסיכישע באַרירונגס־פּונקטן צווישן „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן״ און ראַוויטשעס לידער־ביכער. און איך וויל נאָך עפּעס מוסיף זיין: דעם שרייבער ראַוויטשעס אויטאָ־פּסיכאָגראַפיע אין דעם בוך, די בכיוונדיקע און די נישט־געוואָלטע, איז אויך אַ שטיק אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק פון מלך ראַוויטשעס קולטור־טוערײ.

די פּסיכאָגראַפישע הויפּט־עלעמענטן, ווי זיי אַנטפּלעקן זיך אין דעם „מעשה־בוך פון מיין לעבן״, זענען פון איין זייט אַ געפיל פון רעאַליסטישער אָרדענונג, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון בוכהאַלטעריע. מען דאַרף לייענען די ערשטע קאַפּיטלען „דער קליינער משפחה־חשבון״ מיט די אויפגעשטעלטע קאָלאָנעס פון וויפל טעכטער און וויפל זין, וויפיל געשטאָרבן און וויפיל לעבן און ווו יעדער פון די לעבן־געבליבענע געפינט זיך, כדי צו זען אָט דעם פּראַקטישן עלעמענט פון בוכהאַלטערישער לאָגיק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מלך ראַוויטשן דעם קאָנסטרוקטיוון טוער, דעם אָרגאַניזירער פון קולטור־אַרבעט און דעם עקשנותדיקן קולטיווירער פון געאָרדנטע באַציִונגען צווישן מענטשן און פון באַציִונגען צווישן די מענטשן און די ממשותדיקע קולטור־צילן, וואָס זיי ווילן דערגרייכן.

אַ דאַנק אָט דעם זין פאַר אַריטמעטישער אָרדענונג, אַ דאַנק אָט דער קלאָרער וויסיקייט געפּאָרט מיט אַן עקשנותדיקן ווילן צונויפצושטעלן די ציפערן אין חיבור און אין כפל, כדי צו דערגיין צו אַ זיכערן סך־הכל פון אַרבעט, האָט מלך ראַוויטש געקאָנט ווערן אַ קולטור־אויפטוער אין אַלע לענדער ווו ער איז געווען אַ תושב און אַ גר. נישטאָ נאָך אַ מענטש אין אונדזער יידישער קולטור־וועלט, וואָס זאָל האָבן איבערגעלאָזט אין די יידישע ישובים אַזעלכע טיפע אָדער

אַנזעעוודיקע שפּורן פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרווישן, ווי מלך ראַוויטש.

פון פּוילן איז אָפּגערעדט. ווער עס האָט דאָס אַליין נישט מיטגעלעבט, קאָן זיך לאָזן דערציילן וועגן דעם פון יידיש־שרייבער פון פּוילן פאַרן חורבן, אָדער גאָר לייענען די ערשטע דריי בענד פון ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן”, און ער וועט זיך קאָנען געבן אַ חשבון וועגן דעם וואָס מלך ראַוויטש, דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין, דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע צו דער „פאָלקסצייטונג”, דער מיטגרינדער פון די „ליטעראַרישע בלעטער” און דער אַרויסגעבער פון זאַמלביכער און מיטבויער פון אַנדערע קולטור־אינסטי־טוציעס האָט געטאָן פאַר יידיש־שעפערישקייט און פאַר די יידיש־שעפער.

אָבער פ אַ ר פּוילן זענען געווען יאָרן אין ווין, ווו ער איז געווען דער מיט־גרינדער פון דער צייטשריפט „קריטיק”, און נאָך פּוילן קומען אַרגענטינע און אויסטראַליע און מדינת ישראל (וועגן מדינת ישראל דאַרף מען לייענען דעם פערטן באַנד פון ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן”) און צום סוף קאַנאַדע און טאַקע אַמעריקע, ווו גאַרנישט איז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר געשאַפן געוואָרן אָן ראַוויטשעס איניציאַטיוו, אָן ראַוויטשעס מיטהילף און אָן ראַוויטשעס זין פאַר אַריטמעטישער אָרדענונג.

אָבער פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער נאַר וואָס דערמאָנטער חוש פאַר אַריט־מעטישער אָרדענונג איז דער צווייטער פּסיכאָגראַפישער הויפּט־עלעמענט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ראַוויטשעס „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן”. אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך איז אויך בולט ראַוויטש, דער פאַנטאַזיאָר, ראַוויטש, דער בעל חלומות, דער גלויבער אין די חלומות און דער דערהייבער פון די רעאַליס־טישע משפחה־מעשות צי וווּנדער־מעשות, דער דערהייבער פון דער שטוב פון טאַטע־מאַמע און פון דעם גאַנצן שטעטל צו אַ וווּנדערלאַנד.

עס געשעט מיט ראַוויטשעס אַריטמעטישן רעאַליזם ווי אין דער מאַטעמאַ־טיק. די טרוקענע אַריטמעטישע ציפערן נעמען ווערן ספּעקטאַקלדיק, פאַרגיבן זיך אַלגעבראַאישע און געאָמעטרישע רעטענישן און שטויסן זיך צונויף און שטויסן זיך פונאַנדער, ביז זיי פאַרלירן די רעאַליסטישע מראה און זיי ווערן פאַנטאַסטישע סיפּור המעשהס ווי, למשל, אַזעלכע צאָלן ווי עקס און פּיי און אַנדערע, וואָס זענען מער דינאַמישער דמיון ווי סטאַטישע ציפערן.

און אָט די טעאַטראַלישע באַגעגעניש, וואָלט איך געזאָגט, צווישן די טרו־קענע פאַקטן און דער פאַנטאַסטיק פון ליטעראַרישע אימפּרעסיעס איז, ווי מיר דאַכט, דער אייגענער און באַזונדערער ראַוויטש־סטיל סיי אין זיין „מעשה־בוך פון מיין לעבן”, סיי אין זיינע לעקסיקאָגראַפישע מעשות וועגן יידישע שרייבער און סיי אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס ער אַליין באַצייכנט זיי אַזוי אָפּט מיט דעם נאָמען „מחשבות וועגן” און ווינקט דערמיט אָן אויף זייערע

טעאַטראַלישע מיזאַנסצענעס צווישן פאַקטן און געדאַנקלעכע אימפּרעסיעס, צווישן פאַקטן און געדאַנקלעכע יהי רצונס. ס'איז פּשוטער חיבור און כפל און לעבן זיי די דערמאָנטע לודלאָווישע צאָל פּיי, וואָס איז געאָמעטריש דער סימ־באָל פון קרייז קעגן זיין דיאַמעטער און זי איז לכאורה אַ טרוקענער ציפער, וואָס הייסט דריי מיט פערצן צענטל, אָבער אין דער אמתן איז זי אַריטמעטיש אומבאַגרענעצט מיט אירע ברוכטיילן און דערפאַר פאַנטאַסטיש. לייענט מען די קאַפּיטלען פון מלך ראַוויטשעס מעשה־בוך און אויך זיינע לעקסיקאָגראַפישע פּאָרטרעטן, זענען זיי אַלע, דאַכט זיך, איינפאַכע דריי מיט פערצן צענטל, אָבער — זיי זענען אַלע נישט פאַרענדיקטע. עס ציען זיך נאָך זיי נאָך ווער ווייס וויפל צענטלען און הונדערטסטל סיפּור המעשה, וואָס גרייכט אין די פאַנטאַסטישע נעפּלען ווי ביי דעם געאָמעטרישן סימבאָל פּיי.

דאָס איז די שיינקייט, דאָס איז דער באַזונדערער חן פון ראַוויטשעס פּראָזע, פון דער מעמואַריסטישער און פּובליציסטישער (אינקלוזיוו זיינע פּלענער פון אַ יידיש־תנ״ך און אַנדערע קולטור־פּלענער) — אַריטמעטישע פּינקטלעכקייט פּלוס פאַנטאַסטיק.

*

אין 1954 האָט מלך ראַוויטש אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון זיינע דרייצן זאַמלונגען לידער אָנהייבנדיק פון „אויף דער שוועל" אין יאָר 1912 אין לעמבערג מיט אַ צוגאָב פון נייע לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן צווישן די יאָרן 1946 ביז 1954 און זיי זענען נאָך נישט דערשינען אין בוך־פאָרעם.

אין זיין באַגלייטוואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע זאָגט דער דיכטער ראַוויטש אין נוסח פון זיין געוויינטער אויטאָקריטיק, אַז אייגנטלעך האָט די אַנטאָלאָגיע געדאַרפט אָנגערופן ווערן „זיגזאַגן איבער אַ יידישער נשמה".

(מען קאָן אפשר האָבן אַ טענה צו דער צו פיל בפרהסיהדיקייט פון ראַוויטשעס אויטאָקריטיק, אָבער זי איז, לדידי, אַלע מאָל אַן עכטער פּרווו פון אַ מאָראַלישער לעקציע מיט זיך אַליין און אַזאַ פּרווו איז קיין מאָל נישט פון די לייכטע זאַכן און אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג).

נאָר אויב מיר נעמען אָן ראַוויטשעס זעלבסטקריטיק פון „זיגזאַגן איבער אַ יידישער נשמה" טאָרן מיר אויך נישט אויסלאָזן אַ צווייטע אויטאָ־כאַראַק־טעריזירונג פון ראַוויטשעס לידער, דהיינו, אַז זיי זענען „זיגזאַגן מיט אַ גליענ־דיקער בענקשאַפט צו אַ יסוד־ליניע".

איך וואָלט דאָס וואָרט בענקשאַפט פאַרביטן מיט ליידנשאַפט. וואָרעם בענקשאַפט איז אַן עמאָציע מיט וויניק אינעווייניקסטער טעאַטראַלישקייט, און ראַוויטש איז אין זיין ליד דורכויס טעאַטראַליש. ליידנשאַפט איז בטבע מער ספּעקטאַקלדיק און די ליידנשאַפט צו אַ מאָראַלישן עיקר — זי איז דער עמאָצ־

יאַנועלער הויפּט־עלעמענט אין ראַוויטשעס לידער. און זי, אָט די דאָזיקע מאָראַ־לישע ליידנשאַפט, גאַראַנטירט אין אַ היפּשער מאָס פאַר דער פּאָעטישער עכטקייט פון ראַוויטשעס ליד.

וואָס זשע איז אָט דער סאַמע תמציתדיקער מאָטיוו פון מאָראַלישן עיקר אין ראַוויטשעס לידער?

ראַוויטשעס מאָראַלישער עיקר איז נישט קיין געשענק פון די הימלען, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ פאַרהאָרעוועטער מיט דער פּראַצע פון דער אייגענער נשמה.

די תפילה פון דעם נײַנצניאָריקן דיכטער (דאָס ערשטע ליד אין דער אַנטאָ־לאָגיע), אַז —

גיב מיר דאָס העלסטע פון דײַנע ליכט — גאָט
גלויבן.

איז נישט באַוויליקט געוואָרן. ראַוויטש איז אין דער סאַמע מיט פון זײַנע קאָנפעסיעס און דורכשמועסן מיט גאָט, און אויך אַפילו אין דעם שענסטן פון דעם איבערשמועס, אין דער „פאַר יידישע פּאָעטן — אַ פאַרטאָג־תפילה אויפן ים" געבליבן אַ קילער, חשיבותדיקער סקעפּטיקער מיט טאָלעראַנץ צום גאָט־געדאַנק און נישט קיין הייסער גלויבער אין אים.

אָבער אָנשטאָט דעם ליכט פון גלויבן וואָס איז ראַוויטשן, דעם דיכטער, נישט באַוויליקט געוואָרן, האָט ער אַליין פאַר זיך אויסגעפונען און אײַנגע־פלאַנצט אין זײַן געמיט דאָס פײַער פון מענטשלעכקייט, פון הומאַניזם.

און ראַוויטשעס הומאַניזם איז שוין גאָר נישט קיין אַבסטראַקטער, גאָר נישט עפּעס אַזוינס וואָס פאַרלירט זיך אין דעם נעפּלדיקן בילד פון מענטשהייט, נאָר אַ הייסער, אַ ציטערדיק־הייסער גלויבן אין דער אומבאַרירלעכקייט פון לעבן. ראַוויטשעס מאָראַלישער עיקר איז דער געבאָט פון „לא תרצח", וואָס איז געוואָרן נישט בלויז אמונה, נאָר געשריי פון אייגן בלוט.

און דער דאָזיקער געשריי פון אייגענעם בלוט הייבט זיך אָן אין דער לידער־סעריע: „וועגעטאַריש עוואַנגעליום", ווען עס —

האָבן זיך אין שעכטהויז שוין לאַנג
די חלפים געגליטשט
איבער אויסגעצויגענע העלדזער.

און שפּרייזט איבער אַזעלכע לידער ווי „איוואַן" פון דער זעלבער סעריע, ווי דאָס ליד וועגן בײַנאַכטיקן געוויין פון שוואַנגערע פרויען און ווי דאָס ליד וועגן „אַ פּאָר אָרעמע פערד" פון דער זאַמלונג „באַקעטע לידער" ביז צו דעם ליד וועגן דעם הונט, וואָס איז איבערגעפאָרן געוואָרן אויף „יוניאָן־סקווער" אין ניו־יאָרק.

דער מאָטיוו פון „לא תרצח" איז דער פּאָעטיש־בולטסטער און קינסטלערישסטער ראַרקסטער אין ראַוויטשעס אַנטאָלאָגיע. דאָס ליד וועגן די „פערד" פון דעם 26יאָריקן ראַוויטש האָט ווייט נישט די פערפעקטקייט פון שורה און די רייפקייט פון בילד און פון געדאַנקלעכער פאָרמולירונג ווי די לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן מיט צוואַנציק יאָר שפעטער.

אָבער אָט האָב איך עס איבערגעלייענט און איך בין פון דעם טרויעריקן געזאַנג וועגן די פערד, וואָס —

זיי זענען געגאַנגען אַכצן יאָר,
און האָבן געצויגן שווערע לאַסטן,
און זענען געווען אַן אָרעם פּאָר
פאַרגעסענע, איינזאַמע פערד, —

היינט נישט ווייניקער צערודערט ווי מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב עס צום ערשטן מאָל געלייענט און געהאַלטן פאַר מיר אַליין אין אײַן נאָכזאָגן די פערזן. ווי דעמאָלט, אַזוי אויך היינט, פיל איך, אַז דער לייענער דעקלאַמירט נאָך די פערזן נישט דרויסנדיק, נאָר אַז ער גייט מיט פון אינעווייניק מיט אָט דעם געזאַנג פון טרויער און עלנט, גייט מיט מיט דעם ליד און מיט זיין צער, אויך היינט, נאָך די אַלע שעכטהייזער פאַר מענטשן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אונדזער דור.

אויך אין די לידער פון זיין יוגנט ווי אין „רווינען־גראָז" און אין „נאַקעטע לידער" איז שוין געקומען צום אויסדרוק דער טעאַטראַל אין ראַוויטשן. דער אָפטסטער מיטל פון דראַמאַטיזירונג איז ביי ראַוויטשן די אונטערשטרייכונג פונעם קאָנטראַסט: אין שעכטהויז האָבן זיך פאַרטאָג געגליטשט די חלפים און אויף דער נאַכט אין בלענד פון ליכט האָט די מאַדאָנע מיט —

אירע סאַמעטענע פינגער זינגענדיק און טאַנצנדיק איבער דעם
ווייסן טעלער,

— — — — — — — — — — — —

פון אַן אויפגעשניטענער ראָזלעכער צונג
פון אַ מילדן קינד פון אַ קו —

אין דעם ליד וועגן דעם איבערגעפאָרענעם הונט אויף יוניאָן־סקווער, ד. ה. מיט צוואַנציק יאָר שפעטער, איז דער דיכטער אָן אַ שיעור ראַפינירטער אין דער געשטאַלטיקונג פון זיינע עמאָציעס. אין זיין רייף געוואָרענער פּאָעטישער דערפאַרונג איז פון דער סענטימענטאַלקייט געוואָרן שפּיציקע איראָניע און שאַרפער סאַרקאַזם אויפן חשבון פון מענטש, מענטשלעכקייט און פון מענטשלעכן גורל.

וועגן דעם איבערגעפּאַרענעם הונט אויף יוניאָן־סקוועיער דערציילט אונדז דער דיכטער, אַז ער האָט —

אין נאָמען פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין
געמורמלט אַ הספד אויף דעם טויטן הונט
און באַגלייט אים אין גרויסן אַהין —
און מיט טרערן געשעפּטשעט: צום ווידערזען —
אין נאָמען פון גאַנצן מענטשלעכן מין.

פון דער אויפטרייסלענדיקער סענטימענטאַלקייט אין די גוטע לידער פון ראַוויטשעס יוגנט איז געוואָרן איראָניש־פילאָסאָפישע מעדיטאַציע אין די לידער פון זיין דיכטערישער רייפקייט.

אין איינעם מיט דעם פילאָסאָפיש־מעדאַטיוון אינהאַלט פון זיינע לידער איז דער ריטעם פון ראַוויטשעס פּאָעטישער שורה געוואָרן אין אַ היפשער מאָס רעטאָרישער און אויך מער ישוב־הדעתדיקער און געלאַסענער.

און עס טרעפט, אַז די דאָזיקע קילע געלאַסנקייט פון ראַוויטשעס ריטעם שטייט אין אַ היפּוך צו דער ליידנשאַפט פונעם דיכטערס מחשבה און עמאָציע און דער ריטעם איז נישט בכוח אַנצויאָגן און צו האַלטן שפּאַן מיט דעם דיכטערס הייסן פּובליציסטישן געדאַנק ווי למשל אין זיינע באַוווסטע לידער „פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק", „אויף קבר אָבות איבער דער וועלט" אָדער „מינימום פּראָגראַם".

אַוודאי איז ראַוויטש סיי מחשבהדיק און סיי פּראַזאַדיש שטאַרקער ווען עס זידט אין זיין ליד די עמאָציע פון „לא תרצח", אָבער אויך די לידער ווי די נאָר וואָס דערמאָנטע זענען עכט, ווייל זיי זענען אמתע עדות פון ראַוויטשן, דעם הומאַניסט, עדות פון ראַוויטשן דעם שאַרפן אויסטענהער פּאַר מענטשלעכקייט מיט גאָט און מיט דער וועלט.

שמואל האַלקין

שמואל האַלקין איז פון די געציילטע יידיש־שעפער אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז געשטאָרבן אויף זיין געלעגער אין דער היים און איז געקומען, אויב נישט צו קבר ישראל, איז צו אַ קבר מיט אַ מצבה. האַלקין האָט זיך אין 1954 אומגעקערט פון דער פאַרשיקונג אַ צעבראָכענער און אַ האַרץ־קראַנקער און איז ערב ראש השנה תשכ"א (21סטער סעפּטעמבער 1960) געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין עלטער פון 63 יאָר.

וועגן דיכטער שמואל האַלקין קאָן אָן גוזמא געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געזוכט, און אויף וויפל עס האָט אים געסטאַיעט כוחות, האָט ער עס דורכגע־פירט, צו האַלטן זיין פּאָעטיש וואָרט נאָענט צום מענטעלע פון דער יידיש־היס־טאָרישער ספר־תורה.

אַוודאי האָט האַלקין געצאָלט, געמוזט צאָלן צינז די אידעישע געצן פון דער רעוואָלוציע, און דער עיקרשט אים אַליין, דעם הויפּט־געץ: סטאַלינען —

דער גרעסטער פּאָעט,
דער פירער דער גרויסער פון ריזיקן לאַנד!
ווען ס'איז אין דער דיכטונג דאָ אַזאַ טאַלאַנט,
מיר וואָלטן פאַרמאָגט דאָן שעקספּירן און געטען.

אַזוי שרייבט שמואל האַלקין וועגן סטאַלינען; און ער האָט אויך אַ ליד אויפן טויט פון קיראָוון, אָבער איר לייענט האַלקינס לידער־ביכער „ווי און מוט" (אַרויס 1929), „קאָנטאַקט" (פאַרלאַג „עמעס", 1935) און „ערדישע וועגן" (אויך פאַרלאַג „עמעס", 1945) און איר זעט, אַז אַפילו אין די לידער, וואָס זענען נישט זיינע אייגענע לידער (כ'מיין אין די לויבגעזאַנגען צו סטאַלינען און צו קיראָוון) קומט אייך נישט אַנטקעגן יענע אידעישע צעיאָכמערטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע, למשל, פאַר איציק פעפערן. האַלקין האָט אַפילו אין די צינז־צאָלערישע לידער אָפּגעהיט די עלעגאַנץ פון איינגעהאַלטנ־קייט און זיך אַלע מאָל אויסגעהיט פון זעלבספאַרלייקענונג און, אַ פּשיטא שויך, אַז ער האָט אויסגעמיטן אָפּצושפּעטן און צו לעסטערן דעם אַלטן יידישן שטייגער. פאַרקערט, פון האַלקינס אַ סך מאָל ליריש־טיפע שורות שטראָמט מיט פאַרהוילענער, און נישט זעלטן מיט היפּש אָפענער, ליבשאַפט צום אַמאָל פון יידישער גייסטיקייט און צום אַמאָל פון יידישן לעבן.

וואָס ס'האָט מיך צומייסט פאַרכאַפּט ביי שמואל האַלקינען איז, וואָס ער דערלויבט זיך אויף ווי וויט מעגלעך זיך אָפּצושיידן פון דער ווולגאַרער האָפער־דיקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר פעפערן, נאָר אויך פאַר אַ סך אַנדערע יידישע זינגער אין סאָוויעטן־לאַנד. האַלקין זוכט זיך אָפּצו־שיידן פון דער קינסטלעכער, פון דער באַשטעלטער, פרייד, און באַהעפט זיך אין זיך מיט זיינע ספיקות און מיט זיין יאוש.

האָט טאַקע דערפאַר, ווען ס'איז אַרויס זיין בוך „ווי און מוט" געפלאַקערט אַ שלאַכט צווישן די קריטיקער שכנא עפּשטיין און מ. אַלטשולער וועגן האַלקינס אידעישער כשרות. שכנא עפּשטיין האָט געהאַט שאַרפע טענות צו אַלטשולערן למאי ער, דער רעדאַקטאָר פון צענטראַל־פאַרלאַג אין מאָסקווע, האָט דורכגע־לאָזט האַלקינס אַ בוך, וואָס איז „אויף דריי פערטל אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָ־נאַליזם, מיט יידיש־קליינבירגערלעכן פּעסימיזם".

און עס איז טאַקע געווען אמת, דער פֿאַלנער אמת, אַז האַלקין האָט געהאַט און איז פֿאַרבליבן מיט זיינע יידישע ספקות בנוגע יידישקייט און יידישן קיום אין ראַטנפֿאַרבאַנד. ער שרייבט אין איינעם אַ ליד פֿון דער דערמאָנטער זאַמלונג „ווײ און מוט" —

אַלע האָבן דאָן געטראַכט, געמיינט — גענוג איז
פֿון העכסטן דאַך, פֿון העכסטן שפּיץ אומאַרמען די וועלט,
אַ, פֿאַרגעסן האָבן עלטערע, פֿאַרגעסן גלייך ווי יוגנט —
אַז אַנדערש אונדזער פֿרייד איז, אַנדערש אונדזער עלנט,
אַז אונדזער פֿרייד איז טויזנט מאָל אַן אַנדערע פֿון אַלע,
אַז אונדזער פֿרייד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגעשליפֿטן חלף...
נו, קאָן דען ווער אַ פֿרעמדער פֿון דעם וויסן,
אַן אומפֿריינד, צי אַ פֿריינד?

דער טראַדיציאָנעל און יידיש־גייסטיק פֿאַרוואָרצלטער שמואל האַלקין האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צום נייעם יידיש־סאָוויעטישן לעבן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּרייסן פֿון די וואָרצלען —

דער ערשטער מאַי — געוויס,
מיין יום־טוב איז.
נאָר איין זאַך מיך פֿאַרדריסט:
דער יום־טובדיקער טיש,
דאָס ווייסע סערוועטל, וואָס דעקט די חלות צו, ווי בריסט,
און דאָס געזאַנג —
עס טוט מיר באַנג.
און וואָס איז דאָ דער חטא?
און ווו איז דער פֿאַרראַט?
פֿאַר וואָס זאָל עס נישט וויסן מיין מאַראַט,
אַז ער האָט אַמאָל אַ זיידן,
אַ רב מאָטעלע געהאַט?
אַ ייד האָט אָפּגעלעבט אַ וועלט
און קיינעם נישט געשאַדט —
און וואָס איז דאָ דער חטא?
און ווו איז דער פֿאַרראַט?

האַלקין לייגט די רייד אַריין אין מויל פֿון אַ יידישן אַרבעטער, וואָס איז דורכויס אַ סאָוויעטישער מענטש, אָבער ווען ער נעמט אַ פּאָר כוסות עפּנט ער

דאָס האַרץ פאַרן דיכטער און דערציילט אים וועגן זיינע יידישע עגמת־נפשן, וואָס ניכטערערהייט באַהאַלט ער זיי אונטער קאַזיאָנע פאַרטיי־רייד.

און דער דיכטער אַליין, ער דאַרף נישט קיין איבעריקע כוסע, כדי צו פרעגן, „וואָס פרעגן איך קאָן נישט ביי קיינעם״ —

פאַר וואָס קאָן איך נישט זינגען פון דעם וואָס מיך רופט,
פון דעם וואָס מיך ציט — סכנות,
פון דעם וואָס איך אָטעם אַריין ווי לופט,
און אַרויסאָטעמען איך קאָן נישט.

און וווהין ציט עס דעם דיכטער אַזוי סכנותדיק? עס ציט אים, און אין דעם פרט איז דאָ אַ קרובהשאַפט צווישן אים און דעם נסתר — עס ציט דעם דיכטער צום יידישן עבר און צו זיין גייסטיקייט.

די מורא פאַר דעם מאַטעריאַליסטישן אַרום און די בענקשאַפט נאָך דער יידישער גייסטיקייט, וואָס האַלט אין פאַרטריבן ווערן; די פאַרצווייפלונג, וואָס די מורא איז אַזאַ ממשותדיקע און די בענקשאַפט אַזאַ פאַרלוירענע — אָט־דאָס זענען די גרונט־מאָטיוון פון שמואל האַלקינס ליד.

אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, ווען ס׳איז געוואָרן אַ ביסל גערעמער פאַרן יידישן וואָרט — אויך דעמאָלט האָט האַלקינען נישט אָפגע־לאָזט דער יאוש. ער האָט זיך נישט אָפגעזונדערט ווי דער נסתר. האַלקין האָט זיך צום אונטערשיד פונעם נסתר באַטייליקט אין דער „איינינקייט״. ער איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט און אויך דער רעדאַקטאָר פון די מאַטעריאַלן, וואָס דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט פלעגט אַרויסשיקן צו די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע זשורנאַלן אין אויסלאַנד. אָבער טראָץ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז ער געווען אָפּגעזונדערט אין זיך מיט זיין פאַרצווייפלונג און מיט זיינע אַנונגען פון אונטערגאַנג, פון אַנקומענדיקן שטראָם פון פאַרניכטונג.

דער איינציקער מקום־מקלט פאַר דעם אָפּגעזונדערטן און פאַרצווייפלטן דיכטער איז געווען זיין ליד.

מיין וואָרט — מיין ערד ביסטו, אין דיר פאַרזייט בין איך אין גאַנצן,
מיין לעבן און מיין טויט — אין דיר אַן אָרט געפינען.
נאָר אין פאַרוויסטע וויינגערטנער ווי זאָל איך זיין דיין היטער?
אַזעלכער — אַ געשטראָפטער מיט אַ האַרצן אַ ניט באַרוטן —
אַז ביי דעם מינדסטן שאָרך פון בלאַט און צווייגן —
איך שפּרעך דיך אָפּ מיט שרעק: ס׳זאָל נאָר זיך אויסלאָזן צום גוטן.

אַזוי האָט אַ פּאַרציטערטער פון זיינע שווערע אַנגסטן געשריבן שמואל האַלקין אין 1945, אין ערשטן יאָר נאָך דער מלחמה, ווען ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ס׳קומט אַ נייער פרילינג פאַר יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אויסגעלאָזט האָט זיך נישט צום גוטן. אין דעם פאַטאַלן חודש נאָוועמבער פון יאָר 1948, ווען סטאַלין, דער פון די יידיש־דיכטער פיל באַזונגענער סטאַלין (דער שעקספּיר און דער געטע אין דער פּאָליטיק), האָט פאַרמאַכט דאָס מויל פון די יידיש־שעפער, איז אויך שמואל האַלקין אַרעסטירט געוואָרן. אפשר דער־פאַר, וואָס ער איז נישט געווען פון די התלהבותדיקע האָט מען אים בלויז פאַר־שיקט אויף יאָרן צוואַנג־אַרבעט און נישט געשטעלט צום ווענטל אין איינעם מיט בערגעלסאָנען, מאַרקישן און פעפערן. ער האָט נאָך געלעבט זעקס יאָר. עס זענען דערשינען פון אים לידער אין רוסישע איבערזעצונגען. קיין יידיש ליד מיט יידישע אותיות האָט ער מער אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט געדרוקט, נישט געקאָנט דרוקן ביז צו זיין טויט.

אין דעם ים פון שרייענדיקע פּלאַקאַטישע געזאַנגען איז האַלקינס ליד געווען אַן אינדזל פון פיינער ליריק, ווו עמאָציע איז געגאַנגען געאָרעמט מיט מחשבה; און עס איז געווען אַ ליד פון טיף איבערגעלעבטע ציטערנישן פאַרן קיום פון יידישקייט און אַ ליד פון בייזע אַנונגען וועגן אונטערגאַנג און אומקום פון יידישקייט.

*

שמואל האַלקין האָט אַחוץ ניין לידער־זאַמלונגען צווישן 1922 און 1948 אויך אָפּגעדרוקט צוויי פּיעסעס. עס וואָלט געמיינט, לפי דעתי, נישט ריכטיק פּרעזענטירן דעם פּאָעט האַלקין און פאַר יעדן פאַל מינערן פון זיין שעפערישן פּאַרנעם און פון זיין באַגער צו פּרווון זאָגן און אַרויסצוברענגען זיין יידישן חלום און זיין צוגעבונדנקייט צום יידישן עבר, ווען מיר זאָלן אויסלאָזן צו רעדן וועגן האַלקינען דעם דראַמאַטורג, דעם מחבר פון די היסטאָרישע דראַמעס „שולמית" און „בר כוכבא".

אין „שולמית" (אַרויס 1949 אין פאַרלאַג „עמעס") האָט האַלקין געמאָלט מיט פאַסטאָראַלע פאַרבן תנ״כישע שטייגער־בילדער און האָט אין אונדז געלאָזט אָטעמען ארץ־ישראל לופט.

האַלקינס דראַמאַטישע פּאָעמע „בר כוכבא" האָט איר אייגנס אַ פּיקאַנטע געשיכטע, וואָס ס׳איז כדאי דאָ איבערצוגעבן. די געשיכטע איז ערשט דאָ נישט לאַנג באַקאַנט געוואָרן. דערציילט האָט זי יוסף שיין, וואָס איז געווען אַ געהילף פון שלמה מיכאָעלס אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און איבערדערציילט

ווערט זי פון דעם העברעישן שרייבער בנימין וועסט אין זיינס אַ מאמר אין תל־אביבער „דבר“ צו האַלקינס ערשטן יאָרצייט.

ס׳איז אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אַרום דער מיט פון די דרייסיקער יאָרן. דאָס מלוכה־טעאַטער האָט דעמאָלט געשפּילט משה קולבאַקס פּיעסע „בויטרע דער גזלן“. ביי איינער פון די פאָרשטעלונגען איז געווען אין טעאַטער דער דעמאָלטיקער סאָוויעטישער קאָמוניקאַציע־מיניסטער לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש. נאָך דער פאָרשטעלונג איז קאַגאַנאָוויטש געקומען הינטער די קוליסן באַגריסן די שוישפּילער און האָט געהאַט אַ טענה צו זיי, און דער עיקרשט צו מיכאָעלסן, הלמאי זיי ברענגען אַרויס אויף דער בינע פאַרקרומטע יידישע טיפּן, אַנשטאָט צו ווייזן געשטאַלטן פון שטאָלצע און העלדישע יידן, למשל, אַזאַ געשטאַלט ווי בר־כוכבא. די מיינונג פון אַ מיניסטער איז, פאַרשטייט זיך, אידענטיש מיט באַפעל. מיכאָעלס האָט גענומען נאָכזוכן אַ פּאַסיקן שרייבער פאַר אַ בר־כוכבא־פּיעסע און דער גורל איז געפאַלן אויף שמואל האַלקין.

די דראַמאַטישע פּאָעמע איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אַ געראָטענע. די דיאַלאָגן און גראַמען פליסן לייכט און די דראַמאַטישע קאָנפליקטן קומען אַרויס אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג. דער לייענער, לכל הפחות, פילט נישט דעם שוויס פון דעם מחבר.

אַז איך האָב איבערגעלייענט די פּיעסע און געטראַכט, ווי מיין שטייגער, ווו איז איר תמצית, כ׳מיין די גאַנצע תורה אויף איין פוס, וואָס דאָס איבעריקע זאָל זיין דער פּירוש דערצו, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף זייט 14 אויף אַ קליין שמאָל־פּערזיק לידל, וואָס ס׳זינגט דער עלפיאָריקער נחמני, דער זון פון טעפּער עוזיאל.

ס׳איז פאַראַן אין דעם לידל אַן אַסאָציאַציע צו שילערס „ליד דער גלאָקע“, צו די סענטענצן און מוסר־השכּל, וואָס עס זינגט אויס דער גלאָקן־גיסער ביי זיין אַרבעט.

עס זינגט נחמני —

אַלטן וויין	נייע כּלים	יונגן וויין	נייע כּלים
יונגן וויין	האַלטן איין.	אַלטן וויין	האַלטן איין.

דאָס איז געווען שמואל האַלקינס חלום, אַז די נייע כּלים וועלן איינהאַלטן דעם אַלטן וויין. ער אַליין, האַלקין, האָט אין דער פּיעסע געפּרוווט צו רעאַלי־זירן דעם חלום, ער האָט געפּרוווט דורכפירן אַ מזיגה צווישן די נייע אידעען און דעם אַלטן היסטאָריש־יידישן תוכן.

עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי יוסף אָפּאַטאָשו, אויף דער פריי אין אַמע־

ריקע, און שמואל האַלקין אונטער דער דיקטאַטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיך ספּראַוועט מיט דער היסטאָרישער געשטאַלט פון בר־כוכבא.

ביי אָפּאַטאָשון איז בר־כוכבא אַן אָפּגעפּרעמדטער ייד, אַ קאָמענדאַנט אין אַ רוימישן לעגיאָן מיטן נאָמען טעאָדאָטוס. בר־כוכבא קומט פון דער פרעמד ווי כמעט אַלע באַפרייער אין דער ייִדישער געשיכטע.

ביי שמואל האַלקינען איז בר־כוכבא אַ פּויער און זיין הויפּט־קעגנער איז דער רייכער ייד מנשה. און כדי אונטערצושטרייכן וואָס מער דעם פאַרכאַפּערישן כאַראַקטער פון די רייכע און דעם סאָציאַלן מאָמענט אין דעם קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון רוים, איז מנשה נישט בלויז דער קלאַסן־קעגנער, נאָר אויך בר־כוכבאס ליבע־ריוואַל.

אָבער מערקווירדיק און היפּש מאָדנע איז, וואָס דווקא ביי אָפּאַטאָשון איז דער העלד פונעם אויפשטאַנד ווייניקער בר־כוכבא און מער יוחנן, דער שמיד פון כפר חרובה, וואָס איז דער סימבאָל פון „עמך״, פון דער פאָלקס־מאַסע, בעת ביי האַלקינען איז דער העלד דער עיקרשט בר־כוכבא. ער איז אַ מין שמשון הגבור, וואָס אַנטשיידנדיק איז זיין יחידישע גבורה און נישט די העלדישקייט פונעם כלל.

ביי אָפּאַטאָשון אין ראָמאַן ענדיקט זיך דער אויפשטאַנד מיטן טויט פון בר־כוכבאן און מיט דער טרייסט פון זיין שוואָגער יהשע, אַז משיח איז נישט טויט, וואָרעם איבעראַל, ווו עס זענען דאָ יידן איז דאָ און עס לעבט משיח. ביי האַלקינען ענדיקט זיך די דראַמאַטישע פּאָעמע דערמיט, וואָס עוזיאל ברענגט אַ טויטן זיין עלפּיאָריקן נחמני און באַוויינט אים, און בר־כוכבא זאָגט אים —

> ניט וויין, דיין קינד אונדז אַלעמען געהערט,
> ווייל וועמען שטאַרבן איז באַשערט
> פאַר פרייהייט פון זיין פאָלק —
> בלייבט לעבן שטענדיק.

עס דערהערט זיך אַ טרומייט — אין שלאַכט! אין שלאַכט! די שלאַכט איז נישט פאַרענדיקט!

עס זענען אין האַלקינס פּיעסע פאַראַן פאַרשידענע אָנווינקענישן אויף זיינע אייגענע טיפערע טראַכטענישן און אויך אויף צופאַסונגען צו דער אָפיציעלער אידעיִשער ריכטונג.

עס איז דאָ דער קנאי, יוסי, וואָס וויל, אַז דאָס לאַנד זאָל פריי בלייבן פאַר יידן און ער וויל פאַרטרייבן די סיריער און גריכן און בר־כוכבא האָט דאָ די מעגלעכקייט צו אַ טיראַדע וועגן אַלע פעלקער אין איינעם אין סאָוויעטישן נוסח —

> ווער ס׳גייט דאָס לאַנד באַפרייען, יענעמס איז דאָס לאַנד.

ס'איז דאָ טיבולוס, דער הויף־דיכטער, וואָס זינגט פאַר סעווערוסן עלעהיי פאַר סטאַלינען —

אין מזרח — ביז אינדיע הערשט רוים נאָר אַליין
אין מערב — קיין רוים טראָגן צינזן די גאַלן;
ביי טעמזע — בריטאַניער — גערמאַניער ביים ריין
סעווערוס, פאַר דיר אויף די קניען טוען פאַלן.

אָבער דער תמצית פון דער פּיעסע זענען ווי אין זיינע לידער דער חלום וועגן „אַלטן ווייַן, נייע כלים האַלטן אייך" און די פון פאַרצווייפלונג צענאַגטע האָפענונג, אַז „די שלאַכט איז נישט פאַרענדיקט".

איציק פעפער פון שפּאָליע

די יידן־פראַגע אין סאָוויעט־רוסלאַנד גייט נישט אַראָפּ פון אונדזער געזעל־שאַפטלעכן סדר היום און מיט איר איינעם האַלט אויך אָן די שאַרפע אַקטועל־קייט פון דעם ענין: אויסגעהרגעטע יידישע שרייבער. מען רעדט וועגן די דאָזיקע ענינים אַ סך אין דער עפנטלעכקייט; אין דער פּרעסע און פון טריבונעס. און זיי זענען, פאַרשטייט זיך, אויך אָן אָפּטע, זייער אָפטע טעמע ביי שמועסן אין פּריוואַטע מסיבות.

האָב איך דאָ אַנומלט געהאַט אַ לאַנגן שמועס וועגן די ייִדיש־סאָוויעטישע שרייבער מיט מיינעם אַ חבר, וואָס קען גוט די ייִדיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד און האָט איר נאָכגעפאָלגט, ווען זי האָט נאָך געלעבט און איז געווען אין איר בלי.

אַז ס'איז געקומען די רייד וועגן דעם דיכטער איציק פעפער, מאַכט צו מיר מיין חבר פלוצים (מען האָט ממש געזען ווי דער געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח): איציק פעפער איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ שפּאָליער. ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דעם אוקראַיִנישן שטעטל שפּאָליע, ווו זיין טאַטע איז געווען אַ מלמד, און געהייסן האָט ער נאָך אַ שפּאָליער רבין. פעפער האָט זיך איבערגענומען אין איינעם פון זיינע לידער, אַז „איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין". נאָך וועלכן פון די שפּאָליער „גוטע יידן" ער האָט געהייסן איציק, ווייס איך נישט. אָבער עס פאַלט מיר איין, אַז אָנגעקערט האָט ער זיך אַ געמיט־קרוב מיטן ערשטן שפּאָליער רבי ר' לייב, וואָס גערופן האָט מען אים דער שפּאָליער זיידע.

דער שפּאָליער רבי איז על פּי זיין געמיט שוין גאָרנישט געווען קיין זיידע. אַ זיידע קען דאָך נישט זיין קיין יאָגער און אַפילו קיין שטראָפער, ווי אַ טאַטע קאָן דער זיידע נישט זיין. אָבער ר׳ לייב פון שפּאָליע האָט געהאַט דעם כוח צו רודפן נישט נאָר קעגנער, נאָר אַפילו אייגענע, וואָס האָבן אָפּגעגייגט פון זיין חסידישער שיטה. וויפל האָט זיך דאָס פון דעם שפּאָליער זיידע אָנגעליטן דעם בעל־שמס אוראייניקל, ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, דער שפּאָליער זיידע האָט געשריבן חרם־בריוו קעגן דעם אָפּנייגלער ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, ער האָט דעם יונגן צאַרטן קינסטלער ר׳ נחמן געשטעמפּלט פאַר אַ רענעגאַט פון חסידות. ער האָט געאַסרט שידוכים מיט בראַצלאַווער חסידים און ער איז אַפילו דערגאַנגען אַזוי וויט צו זאָגן, עפנטלעך, אַז ס׳איז אַ מצווה צוצונעמען די פּרנסה ביי אַ בראַצלאַווער חסיד.

אַזוי, מיט אַזאַ אַכזריות, האָט דער שפּאָליער גערודפט דעם בראַצלאַווערס אָפּנייג פון דער קאַזיאָנער רעוואָלוציע, ווי ער, ר׳ לייב פון שפּאָליע האָט זי פאַרשטאַנען און געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַשיצן. מיט אַנדערע ווערטער, ר׳ לייב פון שפּאָליע איז בשעתו געווען אַ מין סטאַלין פון דער חסידישער רעוואָלוציע.

און איציק פעפער פון שפּאָליע — איז מיין חבר נישט מיד געוואָרן צו ציִען פאַראַלעלן — האָט געהאַט דאָס פלעבעיִשע געמיט פון דעם שפּאָליער רבין ר׳ לייב. איציק פעפער איז געווען דער טיפּ פון אַ קאַזיאָנעם רעוואָלוציאָנער. ער האָט בטבע געהאַלטן מיט מלכות, האָט ליב געהאַט די אָפיציעלע ליניע און געהאַט אַן אָרגאַנישע פיינטשאַפט צו אידעיִשע אָפּנייגן און אָפּנייגלער.

איך האָב זיך צוגעהערט צו די רייד פון מיין פריינד און האָב געטראַכט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ היפּש שטיק אמת אין זיין פעפער־כאַראַקטעריסטיק. וואָרעם אויף וויפל פעפערס אייגענע לידער און שריפטן אַנטפּלעקן זיין מענטשלעכן מהות און אויף וויפל די זכרונות פון אַנדערע שרייבער זענען מוסיף צו דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג, קאָן מען, גלייב איך, מיט אַ געוויסער באַרעכטיקונג זאָגן, אַז דער דיכטער איציק פעפער פון שפּאָליע איז געווען אַ מין „שפּאָליער זיידע״, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף פרעמדע פעלדער. דאָרט האָט ער מיטגעטאַנצט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן מלכות, געווען אירס אַ משגיח אויף אידעיִשער כשרות און אַ מוכיח און שטראָפער אין איר נאָמען. אָבער די קנאות זיינע האָט געהאַט יידישע קוואַלן און אַ סך מאָל יידישע פאַרב — און דער אייפערער און פאַנאַטיקער איציק פעפער איז דערפאַר מיט אַלע זיינע רעוואָלוציאָנערע „טשינעס״ געווען היפּש אומבאַהאָלפן אויף דעם סאָוויעטישן גליטש. דער קורנעל איציק פעפער האָט זעלטן געקאָנט אַרויסברענגען אַ גרויסשטאָטישן, אַן אורבאַניסטישן קלאַנג אין זיין ליד. ער איז מיט אַלע פאַרטיי־ליניע־לאָזונגען געבליבן אין זיין ליד מער שפּאָליער, מער שטעטליש, ווי אַ סך אַנדערע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער מיט ווייניקער „טשינעס״ און מיט ווייניקער סאָוויעטישער התלהבות.

פעפער איז געווען אַ שטעטלדיקער קנאי און חרם־לייגער אין זיין פאַלע־

מישער שריפט „די יידישע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער" (אַרויס אין סאָוויעטישן מלוכה־פאַרלאַג, אין 1933), ווו ער האָט געזידלט און געשטראָפט די יידישע שרייבער אין פּוילן און אין אַמעריקע. און ער האָט זיך נישט באַפרייט נישט פון דער שטעטלשער מוזיקאַלישקייט און נישט פון דעם שטעטלשן געמיט, ווען ער האָט געפרוווט מיט חוזק און מיט רוגזה זיך אָפּשיידן פון דעם שטעטל און אַפילו אים שרייבן אַ טויטן־סערטיפיקאַט.

צוויי זענען זיי געווען, וואָס זענען אין דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע געגאַנגען אויף דער ליניע פון אברהם רייזען: דער מיטגליד פון דעם ווייסרוסישן מיניסטאָרן־ראַט איזי כאַריק און דער פּאָלקאָווניק איציק פעפער. אברהם רייזען, וואָס האָט דער ערשטער אַריבערגעשפּאַנט די גרענעץ פון דעם פאָלקס־ליד צום אינדיווידועלן ליד, איז דער פּאָעטישער פאָטער פון איזי כאַריקן און פון איציק פעפערן.

נאָר וואָדען? זיי, די זין, האָבן מיט דער מוזיק פון אברהם רייזענס שורה, מיט זיין גלעטנדיקער פאָלקסטימלעכקייט און פשטות, נישט באַזונגען, נאָר געפּרוווט באַקעמפן דעם אַלטן יידישן שטייגער,

פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפענע מיט שניי!
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווי
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
און מיר, אָט די וואָס רופן אייך נאָך זיידעס —
און ווייסן, אַז דאָס דאַרף מען שוין נישט לאַנג. —
מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג,
ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן,
מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס.

און וויפל און ווי הויך מיט אויסרוף־צייכנס כאַריק זאָל נישט טרייבן פון זיך די זיידעס און זייער אומעט, הערט זיך אָבער אין דעם וואָס ער רופט עס „ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן" דאָס שטעטלשע תהילים־קול פון די זיידעס. ער טרייבט די זיידעס פון שטעטל, אָבער אין אים גופא, אין דער פאָרעם און אין דעם קלאַנג פון זיין פּאָעטישער שורה, פאַרבלייבט דאָס זיידישע, דאָס יידיש־שטייגערישע פון שטעטל.

איציק פעפער האָט טעמאַטיש אַ פאָרויס לגבי איזי כאַריקן. דער פאָרויס באַשטייט אין דעם, וואָס ער, פעפער, האָט פּאָעטיש געשאַפן אַ מין יידיש־סאָוויעטישן שטעטל־שטייגער. ער האָט צום טייל געשאַפן אַ נייע טעמע, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו זיין אַלטן שטעטלדיקן קלאַנג און ריטעם. אַ קלאַסישער ביישפּיל פאַר פעפערס נייער שטייגער־טעמע צום טאָן פון אַלטן פאָלקס־ליד

איז זיין ליד, וואָס הייסט „ס'איז יעדער שטיבל גרייט פאַר נייע לידער" אויפן כטרי פון ביאַליקס „בשובי" —

ס'איז אַיעדער שטיבל גרייט פאַר נייע לידער
פאַר נייעם גליק איז גרייט דאָ יעדער שיין
אַ מונטערער און מידער
בין איך אַוועק אַהיים.

און ער טרעפט דאָרט אין דער היים, פעפער, אַז —

אַ מוטנע ריטשקע רינט ווי ביאַליקס מוטנע טרערן,
אַ זקן זיצט און זופּט דעם וויינענדיקן פּרוג,
אין קאַסרילעווקע שפּאַצירן פּיאָנערן
און אויפן מאַרק האָט זיך צעזונגען דער קאָמיוג.
געסלעך זינגען היינטיקע פּאָעמעס,
קלינגט מיט זון און רענדלעך דער מעת לעת,
מיין טאַטע זיצט און לייענט דעם מאָסקווער „עמעס"
און טרוימט פון אַ קאָלאָניע לעם אַדעס.

עס איז אַ ליד פון די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָט נאָך אייגנטלעך, ווי מיר איז שוין אויסגעקומען אָן אַנדערשטמאָל צו זאָגן, נישט עקזיסטירט די יידיש-ליטעראַטור, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען יידיש-סאָוויעטיש. יידיש-סאָוויעטיש איז דעמאָלט נאָך געווען מער אַ געאָגראַפישער באַגריף, און נישט קיין באַגריף פון אַ ספּעציפיש-מאָראַלישער און פּאָליטישער אַטמאָספער.

דעמאָלט האָט נאָך איציק פעפערס פּאָעטער אין שפּאָליע, לעבן קיעוו, געמעגט טרוימען וועגן אַ יידישער טעריטאָריע אין קרים און דער זון, דער פּאָעט, האָט זיך נאָך געמעגט באַרימען דערמיט בפרהסיה.

באַלד דערויף איז עס אַנדערש געוואָרן און אַלע מאָל אַנדערש. די פּאַרטיי-ליניע האָט זיך געביטן. אַנדערש איז זי געווען אין דער צייט פון די פּראָצעסן און אַנדערש אין דער צייט פון דער פּאָטערלענדישער מלחמה. איציק פעפער איז בדרך כלל געווען אַ געטריַער נאָכלויפער און אויפכאַפּער פון דער פּאַרטיי-ליניע, זיין מאָכט-פּאָזיציע איז דאָדורך געווען אַ פעסטע, אָבער אָט די פעסטקייט פון מאָכט האָט דעם פּאָעט גופא געשאָט. די פּאָעטישקייט פון בילד און שפּראַך האָט זיך פון אים טאָקע נישט אין גאַנצן אָפּגעטאָן. די דיכטערישע באַגאַבונג קאָן מען ביי פעפערן נישט צונעמען, אָבער דער ווילן אָנצויאָגן די ליניע האָט אַ סך מאָל צוגענומען ביי זיין וואָרט דעם ליריזם, זיין וואָרט איז אָפט סיי אין ריטעם און סיי אין קלאַנג געוואָרן דאָס וואָס מען רופט „אַגיטקע". עס האָט געמוזט דינען דער פּאַרטיי-לאָזונג, האָט עס, צום טייל, אויפגעהערט צו דינען אים אַליין, פעפערס אייגענעם געמיט.

פאַראַן ביי פעפערן לידער פון דער צייט ווען די פאַרטיי־ליניע האָט געהייסן זיין אַטעיִסטיש, און ווען גלויבן אין גאָט, אָדער אַפּילו בלויז היטן רעליגיעזע מנהגים, איז געווען אַ חטא קעגן דער פאַרטיי. דעמאָלט האָט זיך פעפער אָרויפ־געזעצט אויפן אַנטי־קלעריקאַלן פערדל, און וויאָ — יעדע פּאָעטישע שורה זיינע איז געווען אַ לאָזונג און אַ באַפעל על פּי פאַרטיי־ליניע —

אויף מיסטישע מיטות,
אין אַלטיטשקע שקראַבעס,
אין שוויסיקן קיטל
זיך וואַלגערט דער שבת...
און ס׳טראָגן זיך מוטיק
און ס׳הילכן באַפעלן.
די טעג, אָט די רור־טעג
צום וועבטל זיי שטעלן!
די טעג נאָר אין נעכטיקע
ביכער געפינסטו...
עס טראָגן זיך מעכטיק
דער מאָנטיק, דער דינסטיק...
אַ גליקלעכן שליטוועגס,
דעם שבת צעשאָסן!...
פאַרלוירן און זייטיק נאָך שלעפּט זיך דער יתום
דער קורצינקער פרייטיק...
מיט בלוטיקע אייגעלעך
ווינקען נאָך כמאַרעס,
און ס׳גרימפּלט נאָך שטייגער
אויף אַלטע גיטאַרעס...

מען קאָן נישט לייקענען, אַז אַפּילו אין אָט די ענקאַוועדע׳ישע שורות איז פאַראַן דאָ און דאָרט וואַרעמער קלאַנג און פּאָעטישע בילדלעכקייט, אָבער בדרך כלל איז דאָ אַן ערך מער פעפער דער פאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסט, ווי איציק פעפער דער פּאָעט.

איציק פעפער איז געווען שרייבעריש זייער פּראָדוקטיוו, און זיין מאַכט־פּאָזיציע האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן ביכער. בלויז לידער־זאַמלונגען אַליין האָט פעפער נישט ווייניקער ווי איין און צוואַנציק, און אין די איין און צוואַנציק האָט ער געהאַט גענוג צייט און רוים אויסצוזינגען אַלע ניואַנסן און זיגזאַגן פון דער פאַרטיי־ליניע.

אַלע יידיש־פּאָעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געזינדיקט, האָבן געמוזט זינדיקן מיט חניפה־לידער צום פאָטער פון די פעלקער — צו סטאַלינען. אָבער מיט מער התלהבות ווי פעפער האָט עס קיינער נישט געטאָן. ער איז ממש אַרויס פון די כלים און איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גוזמאדיקן שיר־השירים צו סטאַלינען, וואָס געדענקט זיך מער ווי אַלע אַנדערע. אַזאַ געזאַנג ווי —

זאָג איך סטאַלין — מיין איך זון
זאָג איך סטאַלין — מיין איך דראַנג
פולע הערצער מיט געזאַנג
וואָס מיר עלטער, ווער מיר עלטער,
ווען יוגנט איז אין גאַנג.

האָט אַ באַזונדערן פּריקרע טעם איצט, ווען מען האָט סטאַלינען אַרויסגעבעטן פון זיין מקום־מנוחה. פאַר אַ סאָוויעטישן לייענער שמעקט אַזאַ סטאַלין־ליד איצט פּשוט מיט „קראַמאָלע", אָבער אַפילו דאָ, אין דעם דאָזיקן חניפה־ליד, כאַפּט זיך אַריין צו פעפערן די ווייכקייט פון יידישן פאָלקלאָר. די שורה „וואָס מיר עלטער, ווער מיר עלטער" איז ווי אַרויסגענומען פונעם קלוגן יידישן פאָלקס־מויל.

כמעט גלייכצייטיק מיט דער סטאַלין־גלאָריפיקאַציע האָט די פּאַרטיי־ליניע סוגעסטירט און טאַקע באַפוילן שנאה צו די דייטשן, די באַפאַלער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, און איציק פעפער האָט באַלד אַ ליד „מיין קללה", און די קללה האָט ווידער, מוז מען מודה זיין, אַ היפּש ביסל יידיש־פאָלקלאָריסטישן טעם —

מיין קללה זאָל פאַלן אויף דיר ווי אַ פלאַמיקער האָגל.
דיין מזל זאָל ווערן צעקנאַקט ווי אַ ליימענער לאָגל;
און ווו דו וועסט זיין זאָל מיין קללה דיך בראָטן און בריען,
ביז ס'וועט מיין נקמה דיין טריפהנעם גאָרגל פאַרציִען!

און אַז ס'איז געוואָרן כמעט ווי אַ היתר צו זיין נאַציאָנאַליסטיש און ליב צו האָבן מיין אייגן פאָלק, האָט זיך איציק פעפער אַ נעם געטאָן זיך סאָלידאַרי־זירן מיט זיין יידיש פאָלק און עס צו לויבן. שטאַרק צו לויבן —

מיין פאָלק איז אַלט, נאָר ס'איז געזונט
און גייט אין שלאַכט מיט בלוט מיט פרישן.

און נישט בלויז וועגן איצטיקן ייד, דעם ייד, וואָס איז אַ קרבן פון היט־לעריזם, זינגט מיט אַזאַ שטאָלץ איציק פעפער, נאָר ער שלאָגט אויך אָן אין זיין ליד „איך בין אַ ייד" טענער פון גאָלדפאַדענען, היסטאָרישע טענער —

ניט פרעהס שלעק, ניט טיטוס, המן
האָבן צעבראָכן אים געקענט...
עס שאַלט מיין רוף דורך צייט און יאָרן:
איך בין אַ ייד.

און נישט בלויז די יידישע היסטאָריע ווערט כשר, נאָר אויך די יידישע געאָגראַפיע מיט איר וועלט־פּאָלקישן זין, וואָס איז זינט די אָנהייב דרייסיקער, נאָכן פונאַנדערלאָז פון דער יעווסעקציע, געווען טריפה, איז איצט, אין ברען פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה אין 1943 (דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין פעפערס בוך „רויטאַרמייִש‟, וואָס איז אַרויס אין 1943), כשר בתכלית הכשרות —

דער ווידערקול פון חיפהער האַפן
הילכט אַף ווען ס׳טוט אַ קלונג מיין קול,
די אומבאַמערקטע טעלעגראַפן
דערטראָגן מיר דורך ים און טאָל
דעם שלאָג פון האָרץ אין בוענאָס־איירעס,
און פון ניו־יאָרק אַ יידיש ליד,
דעם שוידער פון בערלינער גזירות —
איך בין אַ ייד.

ס׳קאָן זיין, אַז איך בין אומגערעכט צו איציק פעפערן דערמיט, וואָס דווקא אַט די גאַלדפּאַדעניש, מיט יידיש־ראָמאַנטישן שווונג געשריבענע פערזן, לאָזן מיך קאַלט. איך פיל די קינסטלעכקייט, די דרויסנדיקייט פון דער דאָזיקער ראָמאַנטיק.

איך פיל די דרויסנדיקייט פון דער דאָזיקער ראָמאַנטיק, וואָרים אַט טאַקע אין דעם זעלבן ליד קערט זיך פעפער אום צו זיין סטאַליניסטישער געטריישאַפט און זינגט —

איך בין אַ ייד, וואָס האָט געטרונקען
פון סטאַלינס וווּנדער־בוים פון גליק,
כ׳גיי מיט די מזרח־פעלקער מיט.
די רוסן זענען מיינע ברידער —
און כ׳בין אַ ייד.

ווי ווייט איציק פעפער האָט טאַקע געסמאַקעוועט דעם „ווונדער־כוס פון סטאַלינס גליק‟ און אויף וויפל ער האָט באַוויזן צו שאַפן פאַר זיך די מזיגה פון רוסישער ברודערשאַפט מיט „כ׳בין אַ ייד‟, בלייבט אַ סוד, וואָס זיינע לידער קאָנען נישט אַנטפּלעקן, ווייל דער אַ סך מאָל אינטימער און שפּילעוודיקער יידישער ליריקער, איציק פעפער, האָט זיין מוזע געשטעלט אין דינסט פון דער

פּאַרטיי־ליניע און האָט דער פּאַרטיי־ליניע נישט בלויז געדינט, נאָר פאַר איר געטאַנצט מיט לפנים משורת הדיניקער התלהבות.

אַ ווונק אויף דעם, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּעפּערס נשמה קאָנען אפשר זיין די צופעליקע ווערטער (און היינט, אין דער עפּאָכע פון פּסיכאָאַנאַליז, ווייסן מיר שוין, אַז צופעליקע ווערטער זענען צומאָל די טיפסטע און סאַמע אַנט־פּלעקערישסטע), וואָס יצחק יאַנאַסאָוויטש גיט איבער ביים סוף פון דעם פּעפּער־פּאָרטרעט אין זיין בוך וועגן זעקס יידיש־סאָוויעטישע שרייבער.

יאַנאַסאָוויטש דערציילט, אַז פאַר זיין אָפּפאָר פון מאָסקווע קיין פּוילן איז ער זיך געגאַנגען געזעגענען מיט פּעפּערן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

— מיט האַלקינען האָט איר זיך שוין געזעגנט? — פרעגט פּעפּער.

— ניין, דאָס גיי איך איצט אַרויף אין „איינקייט" זיך מיט אים געזעגע־נען — האָב איך געענטפערט.

— קומט, איך גיי מיט אייך — האָט ער געזאָגט, און איך האָב זיך אָנגעע־שטויסן, אַז אים איז נישט באַקוועם צו רעדן אין דעם דאָזיקן צימער אפשר צוליב טעמים, וועלכע ער האָט בעסער געוווּסט ווי איך. מיר זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און פּעפּער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן. אָבער ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצורעדן דריי ווערטער, ווי זיין סעקרעטאַרשע האָט אים גערופן צום טעלעפאָן.

— ווער איז?

— אַנדרעי מאַקסימאָוויטש...

דערהערט דעם נאָמען פון אַ סאָוויעטישן גדול, האָט זיך פּעפּערס פּנים באַלד געביטן און ער האָט זיך געלאָזט צוריק אַראָפּגיין, און מיט אַ בלאַסן שמייכל האָט ער אַ זאָג געטאָן צו יאַנאַסאָוויטשן:

— נו, פאָרט להיים ולשלום... כ׳האָב געוואָלט מיט אייך אַרויפגיין צו יידן, נאָר איר זעט דאָך, די גויים רופן צוריק אַראָפּ...

רחל קאָרן

אַזאַ נאָמען ווי „פון יענער זייט ליד", וואָס די דיכטערין רחל קאָרן האָט געגעבן איר נייסטער לידער־זאַמלונג האָט די מעגלעכקייט אַראָפּצופירן אַ קריטיקער פון וועג, ווארעם אַזאַ נאָמען מיט טראַנסצענדעטאַלע רמזים רעגט אָן צו טראַכטענישן, וואָס האָבן צו מאָל בלויז אַ ווייטע קרובהשאַפט, אָדער קערן זיך בכלל נישט אָן, מיט די שטימונגען און רעיונות פון די לידער אין בוך.

אָבער אין פאַל רחל קאָרן, קאָן דער קריטיקער זיך לייכט באַוואָרענען קעגן

ד׳ער סכנה, וואָס לויערט אויף אים. ער דאַרף זיך בלויז נעמען די מי און דורכ־בלעטערן דער דיכטערינס פריערע לידער־ביכער און ער וועט באַלד איינזען ווי געראָטן עס איז דער נאָמען „פון יענער זייט ליד״ און ווי קלאָר עס איז זיין פּאָעטישער מיין.

ס׳לוינט זיך מעיין צו זיין אין רחל קאָרנס פריִערע לידער־ביכער, אי ווייל אַזוי אַרום פאַרשטייט מען, ווי געזאָגט, בעסער אַז „פון יענער זייט ליד״ איז ד׳ער דיכטערינס אַ שעפערישע גרענעץ, און אַז פון דער זייט ליד „הויבט זי זיך אויף ווידער און שפּאַנט אַוועק ווייטער״ צו נייע פּאָעטישע האָריזאָנטן און צו נייע קינסטלערישע דערפאַרונגען — און אי ווייל אויך אין אירע פריִערע לידער אַנטפּלעקט זיך רחל קאָרן פאַרן לייענער אין איר פולן שיעור קומה ווי אַ דיכטערין מיט אַ שאַרפן פּאָעטישן און בעלעטריסטישן אויג פאַר מענטש און נאַטור־געמעלן.

נאָר איינער איז נאָך געווען אין דער יידיש־פּאָעזיע, וואָס האָט, ווי מיר ד׳אַכט, געקאָנט שטיין נאָך רחל קאָרן, און אפשר צו מאָל לעבן איר, אין פרט פון דאָרפישן מענטש־געמעל. דער נאָך איינער איז געווען, אונדזער דיכטערין צו לאַנגע יאָר, איר גאַליצישער לאַנדסמאַן, דער קדוש־פּאָעט, בער האָראָוויץ הי״ד. דער מחבר פון „מיין היים אין די בערג״ האָט באַזונגען די פיזישע גבורה פון זיינע „לוקווער יידן״ און האָט זיך באַגייסטערט פאַרן „האַרבן טרויער פון די אוקראַינישע לידער״, אָבער בלויז רחל קאָרנס ליד האָט באַוויזן אויפצווזוכן די פאַרבאָרגענע און דאָך שטראַלנדיקע זיידן־פעדעם און דעם גשמיותדיק־פּראָסטאָקישן געוועב פון דאָרפישער אָרעמקייט און פּראַצע. די געשטאַלטן פונעם יידישן דאָרפסמאַן און פון זיינע פאַרהאָרעוועטע טעכטער לויכטן אין רחל קאָרנס לידער פון דאָרף מיט חידושדיקער און דערהויבענער איידלקייט. איך זאָג חידושדיקער, ווייל די דיכטערין אידעאַליזירט נישט אירע געשטאַלטן, זי פאַרגייסטיקט זיי נישט, כדי זיי צו דערהויבן. אירע דאָרף־מענטשן זענען ווי ד׳ער שטיין אין פעלד: פאַרוואָקסן, האַרט און שטום. אָבער די האַרטקייט האָט פאַרב און די שטומקייט האָט לשון פאַר די וואָס האָבן אויגן צו זען און אויערן צו הערן.

און רחל קאָרנס פרויען־פיגורן, די יידישע און נאָך מער די נישט־יידישע: די אַקושער־קע האַנקע און די פויערטע, וואָס גייט צו דער לעצטער זעונג מיט איר זון אין תפיסה ערב תליה, „אויסבאָדן דאָס קינד אין שמייכל פון אַ מאַמען״ — די דאָזיקע געשטאַלטן פון אורמוטערשאַפט זענען, לפי דעתי, ראוי אַריינ־צוגיין אין אַ וועלט־אַנטאָלאָגיע פון געזאַנגען וועגן מאַמע. און צו די געזאַנגען מעג מען בלי ספק אויך צושטעלן רחל קאָרנס ליד וועגן „שאולס טאָכטער״, וואָס —

...דיינע טרערן האָבן דורכגעריסן אַלע בלעטער פון תנ״ך,
און איך פיל נאָך זייער זאַלציקייט אויף מיינע ליפּן היינט.

בער האָראָוויצן, דעם באַזינגער פון אוקראַאינישן פאָלקס־ליד, האָבן די אוקראַאינישע „פּאַראָבקעס״, די זינגער פון דעם דאָזיקן געזאַנג, אומגעבראַכט אין זיין „היים, אין די בערג״.

און רחל קאָרן, די פּאָעטישע געשטאַלטערין פון די גרויסע אוקראַאינישע מאַמע־פיגורן — די זין פון האַנקען, דער אַקושערקע און די זין פון אירע פּאָלקישע שוועסטער אין „דאָרף״ האָבן געהאָלפן אויסמאָרדן איר משפחה און געהאָלפן אומברענגען אַלע מאָדעלן פון דער דיכטערינס יידישע דאָרפסלייט: יאַנקלען, דעם היטער, לייוועז, בערלען און יונהן מיט זיין בלאָנדער טאָכטער דבורה.

דאָס איז געווען דער דאַנק פונעם „היים־דאָרף״. און די היימלאָז געוואָרענע דיכטערין מאַכט אין אַ ליד פון איר בוך „היים און היימלאָזיקייט״ דעם סך־הכל אין די וויטערע פיר שורות —

אָ, ערד, כ׳האָב קיין מאָל נישט געוווסט, אַז כ׳בין בי דיר אַ פרעמדע,
געקומען בלויז צו גאַסט אויף פופצן, צוואַנציק דורות,
ווען כ׳בין געוואַקסן מיט דיינע פרילינגען און זומערס,
מיט דיין וואַלד, מיט דיין תבואה און אַלע דיינע פּירות.

די פופצן, צוואַנציק דורות מיט זייער געשיכטע און דער לעצטער דור מיט זיינע איוב־איבערלעבענישן זענען געבליבן שטיין אויף יענער זייט ליד. עס זענען פאַרשוואונדן די געשטאַלטן —

ס׳איז פאַרמעקט און פאַרווישט צו די נעכטנס די שפּור
נאָר די איצטיקע רגע ווי אַ פרוכט צייטיק־פול
שוועבט אַראָפּ צו דער ערד מיט דער רויטקייט פון וווּנד —
גייט אויס מיט אַ זיפץ אין דער שטיל.

און ס׳איז, ווייזט אויס, נישט געמאָלט קיין שטילערער זיפץ פון איידעלן און שעמעוודיקן צער ווי דעמאָלט, ווען פּאָעטיש און פּרויזש געמיט רעדן אין און דאָס זעלבע ממעמקים־לשון.

איך ווייס נישט פון נאָך אַ ליד ביי אונדז, וואָס זאָל אויסזינגען מיט אַזאַ קלאָרן פּאָעטישן חיתוך הדיבור און מיט אַזאַ עפּישער פּשטות און קנאַפּקייט די ליבע־עלעגיע פון פיר דורות יידישע פּרויען, ווי רחל קאָרנס ליד „דורות״ אין איר בוך „באַשערטקייט״.

שרייבער פון מיין דור

ערשטער דור: די באָבע —

וועד קען עס וויסן היינט, צי ס׳האָט מיין זיידע שעיה זי געליבט,
ווי שווער עס איז געווען איר גליק און וואָס זי האָט געליטן.
ס׳איז פון איר נישט פאַרבליבן קיין בריוו, קיין שטיק פּאַפּיר,
נאָר טעפּ פאַרדראָטעוועטע אויפן בוידעם, עדות שטומע
פון געוועזענער וואָר —
ווען ס׳איז איר מאַן געשטאָרבן איז זי געבליבן אַן אלמנה יונגע
מיט פינעף קינדער, דער יינגסטער זון א יתומל פון קנאַפּע זיבן יאָר.
האָט זי איינגעפלאַנצט אַ סאַד, אַ סאַד געדיכט און ברייט,
ביימער אין שורות גלייכע איינס ביי איינס, געגרייט,
כדי אַרומצונעמען ס׳נייע, נאַקעטיקע הויז
און איר אייגענע, גרויסע איינזאַמקייט.

צווייטער דור: די מאַמע —

מיין מאַמע האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן
און איז געוואָרן דאָס ווייב פון מיין טאַטן —
ס׳האָט יענעמס בילד פאַרגעלט, פאַרבלאַסט פון לאַנגע יאָרן
געשמייכלט פון איר אלבום סאַמעטענעם, אַלטן.

דריטער דור: די טאָכטער —

האָסט געטראָגן דעם סוד פון מיין ליבע צו אַנד׳רע
ווי דיין אייגענע שווערסטע זינד,
און האָסט געזוכט פאַרטייטשונג און פאַרגעבונג
אין די אויגן גלויביקע פון אונדזער קינד.

פערטער דור: דאָס אייניקל —

נאָר דו און איך — און טאָמער וועל איך נישט דערגיין,
וויינט דאָך מיין מאַמעס תפילה אין דיין בלוט.

אַזוי טראָגט רחל קאָרנס ליד דעם טיפן טרויער און צער פון פרויען־ליבע איבער פיר דורות פון דער באָבעס „פאַרפלאַנצטע ביימער אויף אַרומצו־נעמען די איינזאַמקייט״ איבער דער מאַמעס „בילד אין אַלטן אלבום״ און איבער דער טאָכטערס „סוד פון ליבע צו אַנדערע״ ביז צו דער תפילה פון דורות, וואָס וויינט אין בלוט פון אייניקל און וואַקסט אויס צו אַ גורל־עפּאָפּעע פון „ארבע אמהות״ אין די יאָרן פאַר און בעת דעם היטלער־מבול.

אין איר נייסטן בוך „פון יענער זייט ליד״ איז רחל קאָרן ווייניקער די מאָלערין פון אירע פאַר־חורבן־דערמאָנונגען און פון אירע חורבן־איבערלע־

בענישן און מער זייער זינגערין און באַזאָגערין. דער בעלעטריסטישער עלעמענט איז אין אירע נייע לידער כמעט ווי נישטאָ. רחל קאָרן איז אין „פון יענער זייט ליד" אַ ליריקערין און אַ קלאָגערין וואָס דער הויפּט־סוזשעט פון איר ליד איז ווי ביי אַלע ליריקער דער „איך".

די זינגערין רחל קאָרן האָט אַ סאָנאָרע און לויטערע שטים, דאָס קול פון איר ליד איז וואַרעם, אָבער אָן דעם מינדסטן טרעלדל פון צפּיעשטשעטקייט. איר וואָרט איז קלוג. עס רעדט מיט רייפער דערפאַרונג פון געפיל און פון שכל.

יעקב גלאַטשטיין האָט אין זיינער אָן עסיי וועגן רחל קאָרן דערמאָנט איר „ליד־קלוגשאַפט". ער האָט מיט דער דאָזיקער באַצייכענונג, ווי איך גלויב, געטראָפן אין פינטל אַריין. רחל קאָרנס קלוגע רייד ציטערן מיט לירישער מוזיק און דערביי פאַרמאָגט דאָס ליד אירס די ניכטערע שטים פון חכמה. זי, די דיכטערין, האָט אין איר הקדמה צו דער זאַמלונג „היים און היימלאָזיקייט" ערגעץ ווו זיך אויך דעררעדט צו אַזאַ אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק ווען זי זאָגט וועגן זיך אַז „מיינע אויגן זענען טאַקע פאַרשטעלט דורך טרערן, אָבער די פענצטער זענען נישט פאַרהאַנגען". איר פּאָעטישע זעונג איז קלאָר און איר געדאַנק נישט פאַרנעפּלט —

דער טאָג קאָן מיך מער נישט אונטערקויפן
מיט זיין צעגילדיקטער פּראַכט,
ס'קען מיך נישט פאַרפירן די נאַכט
מיט ריחות פון זשאַסמין צעבליטן און בעז
צום ראַנד פון די בענקשאַפטן אַלע,
וואָס ווערן בלויז איינמאָל נתגלה.

אגב איז „בענקשאַפטן אַלע" מיט „נתגלה" אַ וווּנדערלעכער גראַם צווישן אַ סך אַנדערע אַזעלכע גוטע גראַמען אין רחל קאָרנס לידער. דער גראַם איז וווּנדערלעך דער עיקר מיט דער אינעווייניקסטער געפיל־קרובהשאַפט צווישן די ווערטער.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי ענינים פון פאָרעם וואָלט איך וועלן אָנווייזן אויף דער טיפער פאַרוואָרצלטקייט פון רחל קאָרן, וואָס איר בילדונג קומט פון גימנאַזיע און אוניווערסיטעט, אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער. די דיכטערין רחל קאָרן אָפּערירט אין אירע לידער מיט דער צייט על פי יידישן לוח. אין דער פריער שוין דערמאָנטער הקדמה צו איר בוך „היים און היימלאָזיקייט" פאַרצייכנט זי אַז „איך שרייב די ווערטער אין חודש סיון" און אין אָן אינטימען ליד פון איר נייסטער לידער־זאַמלונג פיקסירט זי די צייט פון אַ ליבע־באַגעגעניש אין „יענער שעה פון חודש אייר". און דאָס זענען בלויז צוויי אויפגעכאַפּטע ביישפּילן. די מייסטע יידישע דיכטער זענען ישיבה־בחורים אָדער האָבן לכל הפחות געלערנט אין חדר. אָבער עס זענען פון דעסטוועגן פאַראַן אַ

היפּש ביסל צווישן זיי וואָס דער שטייגער־אידיאָם (און דער חשבון על פּי יידישן לוח געהערט זיכער צו דער שטייגער־אידיאָמאַטיק און איז אירער אַ סימן מובהק) איז זיי ווייט נישט אַזוי אייגן, אַזוי אָרגאַניש אייגן, ווי דער פרעמדער קולטור־סטודענטקע רחל קאָרן. דער באַהעפט צווישן יידישן שטייגער און וועלטיש־ליטעראַרישער אַטמאָספער גיט רחל קאָרנס לידער דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פון דער יידישער גאַליציע. אירע לידער האָבן הויכן קולטור־ניוואָ און דערביי אויך דעם וואַרעמען הויך פון דער סביבה, אין וועלכן איר לעבן האָט זיך אויסגעבריט.

אַריבערגעבראַכט מיט זיך פון „יענער זייט ליד" ווו עס איז פאַרבליבן „אין אַ סאָד אַ הויז מיט אַ שטרויענעם דאַך" האָט רחל קאָרן אַ פאַרליבטקייט אין דער נאַטור און דעם ערדיש־קאָנקרעטן אימאַזש צו מאָלן די נאַטור און צו זינגען וועגן איר.

מיר דאַכט אַז נאָר די דיכטער אונדזערע וואָס שטאַמען פון בעסאַראַביע פאַרמאָגן נאָך אַזאַ קאָנקרעטקייט, אַזאַ ליבע ממשותדיקייט פון נאַטור־בילד, ווי רחל קאָרן. ביי די בעסאַראַבישע איז אפשר דאָ מער מעלאָדישקייט אין זייער נאַטור־געזאַנג, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט רחל קאָרן מער אינטעלעקטועלע פּרעציזקייט אין איר געמעל און מער קלאָרע דיקציע אין אירע רייד.

מען לייענט דעם ציקל לידער אירע „מיט ביימער און פייגל" און מען ווערט אי באַרוישט פון דער שיינקייט פון די בילדער און אי עס ווערט קלאָר אין קאָפּ און אין האַרץ פון דער דיכטערינס נאַטור־זעונגען. מען זעט מיט איר אין איינעם העכער, טיפער און גאַנצער. די נאַטור־בילדער אירע זענען אי פּשוט און אי ראַפינירט. ס'קאָן זיך דאַכטן, אַז זיי זענען גאָר נישט מחדש, אָבער איידער איר האָט נאָך צייט געהאַט אַזוי ביטולדיק אַ טראַכט צו טאָן ווערט איר פאַרכאַפּט פון דער דינקייט און אומגעוויינטלעכקייט פון די בילדער —

אַ ווילע ליידיק בלייבט דער ברעג.
נאָר אָט — עס פליען מעוועס אין אַ בינט
און לאָזן זיך אַראָפּ פאַמעלעך, אויסגערעכנט, גלייך
זיי שלאָגן, רייסן זיך איבער אַ קרישקע ברויט.
דאָן שטעלן זי זיך אויס לענג־אויס דעם ברעג אין ריי,
ווי עס וואָלט עמעצנס האַנט
זיי אויפגעציליעט אויף אַ שמאָלן באַנד.
די פעדערן אָנגעבלאָזן אַרום דינעם האַלדז
די בליקן זייערע זשעדנע, כמורנע־בייז,
ברוגז מיט דער גאַנצער קאַרגער וועלט פון הי,
פול מיט חשד צו יעדן שאָטן און צום אייגענעם מין,

שלמה ביקל

גלייך ס'וואָלט די ערד ביי זיי אויף אייביק צוגענומען
די גאַנצע זיכערקייט און שטאָלץ פון זייער פּלי.

און דאָס דאָזיקע טרויעריק־שיינע בילד פון די מעוועס ביים פאַרנאַכטיקן ברעג אין פלאָרידע, וואָס זענען פול מיט חשד צו יעדן שאָטן פונעם אייגענעם מין און פול מיט מורא אַז די ערד האָט ביי זיי צוגענומען די זיכערקייט פון זייער פלי, איז אין תוך אַ סובלימירטע יאוש־שטימונג פון דער דיכטערין גופא.

אין דעם דאָזיקן ציקל פון נאַטור־בילדער, ווו די דיכטערין איז דאַכט זיך בכיוון אָפּגערוקט פון זיך אַליין, האָט רחל קאָרן געבראַכט צום אויסדרוק אויף אַ געצוימטן אָבער איינדרינגלעכן אופן אויך איר טרויער־זיפץ נאָך דעם לעבן, וואָס עס איז פאַרבליבן „פון יענער זייט ליד" און אויך איר נחום־אבלים צו זיך אַליין.

דער טרויער־זיפץ שטייגט אויף פון אַ קאַנאַדער „ווינטערדיקער נאַכט" —

וואָס טראַכט דער וואַלד פאַרשיט מיט שניי
אין לאַנגער ווינטער־נאַכט
איך ווייס עס נישט,
נאָר ס'האָט דאָ וועמ'ס
דער טרוים צו מיר געבראַכט
אַ שטילן זיפץ,
אַ לאַנגן זיפץ,
אַ לאַנגן קרעכץ,
אַ ברוינלעך־רויטן פלאַם
פון סאָרנע ביים פאַרשנייטן ראַנד
אין טונקלער וואַלדן־ראַם.

און די טרייסט? עס ברענגט זי צו טראָגן אַן ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט מיט איר געזאַנג פון אַ „פאַרשפּעטיקטער רעגן" —

און ס'ווערט דאָס נאָענטע נענטער און דאָס ווייטע ווייטער,
ווי ס'וואָלט געשטעלט זיך אַ מחיצה פּלוצעם צווישן דיר
און אַלעם אומבאַקאַנטן — נאָר טראָפּנווייז גייט אויף
די טרייסט און בלייבט, ווי אַ מזוזה הענגען ביי דער טיר.

מאיר זימל טקאַטש

דער הויכער, שלאַנקער, שטילער און טרויעריק שמייכלענדיקער מאיר זימל טקאַטש האָט אָפּגעלעבט קנאַפּע פופציק יאָר אין אַמעריקע, ביז ער האָט אין 1961 עולה געווען קיין ישראל. דאָ, אין דער אַמעריקאַנישער וועלט־מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק, האָט ער שווער און מסירת נפשדיק געהאָרעוועט אויף חיונה. ער איז געווען אַ שטובן־מאָלער און אַ פאַרבער, און די דאָזיקע עבודה איז אין דער שטאָט פון וואָלקן־קראַצערס נישט בלויז אַ שווערע, נאָר אויך אַ סכנהדיקע.

ער אַליין, דער דיכטער, דערציילט וועגן דעם אין זיין ליד „אויפן הענג־לייטער“:

הענגט מיין וואָלוול לעבן אויפן וואָגשאָל,
וועמען אַרט עס, אויב איך פאַל און שטאַרב!
קלייד און פּנים אויסגעשמירט פּאַיאַציש
נאָר קיין קונצן מאַך איך נישט — איך פאַרב.

אין דעם האַלבן יאָרהונדערט אַמעריקע איז מאיר זימל טקאַטש אָבער געווען נישט בלויז אַ פאַרבער, נאָר אויך אַ דיכטער און פאַר דער צייט האָט ער אַרויס־געבראַכט ניין זאַמלונגען לידער, פאַבלען און מעשהלעך. איצט, אַז ער האָט זיך ערב דער עלטער פון שיבה צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט און האָט זיך באַזעצט אין ישראל, האָט טקאַטש די ניין ביכער אויפגעקליבן אין צוויי בענד און אונדז דערלאַנגט דעם סך־הכל פון זיינע פערציק יאָר „מיין האָב און גאָב“.

און האָבנדיק פאַר זיך דאָס אויפגעזאַמלטע גאַנצע האָב פון מאיר זימל טקאַטשס ביז איצטיקן פּאָעטישן ווערק, בעטן זיך ממש אין דער פעדער אַריין צוויי באַמערקונגען.

א

די באַמערקונג נומער איינס איז, וואָס דער הויזמאָלער, דער שווערער האָרע־פּאַשניק מאיר זימל טקאַטש האָט כמעט דורכויס נישט געשריבן קיין לידער אויף סאָציאַלע מאָטיוון. נישט דער גורל פון די אַרבעטער אין די פיל באַקלאָגטע כוועטשאַפּס פון טקאַטשס „גרינע יאָרן“ אין אַמעריקע, און אַפילו נישט זיין אייגענע דאָליע אין שטענדיקער לעבנס־סכנה „אויפן הענגלייטער“, האָבן נישט אָנגערעגט דעם דיכטער נישט צו לידער פון געקלאָג און נישט צו לידער פון פּראָטעסט און אפילו נישט צו לידער־חלומות וועגן אַ בעסערער וועלט — אַ וועלט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

מיט דעם וואָס טקאַטש האָט צו זאָגן אויף דער סאָציאַלער טעמע, ווערט ער אין תוך פאַרטיק אין צוויי לידער. אין איינעם, אין דעם שוין צוויי מאָל דער־

מאַנטן „אויפן הענגלייטער", רעכנט ער זיך אָפּ סאַרקאַסטיש מיט די אַרבעט־געבער און מיט די ליידיקגייער. ער בעט דעם ווינט ער זאָל נישט וואַרפן מיטן הענגלייטער, וואָרעם ער דאַרף האָבן —

מיטלייד מיט דער אַדלפּרוי, אין פענצטער,
אירע נערוון זענען נעבעך שאַרף,

און ער בעט זיך ביי זיין האַנט זי זאָל זיך נישט טרייסלען, וואָרעם —

ס׳קאָן פון בערשטל נאָך אַ טראָפּן פאַלן,
טרעפן אויף אַ דורכגייער אַ פראַנט.

אָבער נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט אָט די סאַרקאַסטישע שורות אַראָפּגע־רעדט פון האַרץ, שטילט זיך אין דאָס געמיט פונעם דיכטער און עס זאָגט דער הויזמאָלער —

דורך דער הינטערטיר אין ווינשטוב קום איך,
אָבער כ׳בייג נישט בעטלעריש דעם קאָפּ.
כ׳הענג אויף שטריק און קריך אויף לייטערס,
איך בין אָבער נישט קיין קאָמעדיאַנט.
כ׳קני אויף דילן, אָבער נישט פאַר קיינעם,
און נישט בלוט, נאָר פאַרב איז אויף מיין האַנט.

פון דער צערעכענונג מיט דעם סאָציאַלן אומרעכט שפּאַנט אַרויס דער דיכטער טקאַטש אַ שטאָלצער, מיט אַריסטאָקראַטישער ווערדע און ער קערט זיך מער נישט אום דירעקט צו דער מענטשלעכער באַעוולטקייט אין דער געזעל־שאַפט.

פאַראַן לידער ביי טקאַטשן, וואָס דערציילן דווקא יאָ אויף אַ דירעקטן אופן וועגן אָרעמקייט, וועגן נויט און וועגן האַרטער פּראַצע. און עס איז דאָ אַפילו ביי אים אויף דעם סוזשעט אַ סאָנעטן־קראַנץ אונטערן נאָמען „פון וואַנען איז אַ ייד". אָבער דאָס אַלץ איז נוגע די יאָרן פון דער אַלטער היים אין דעם אוק־ראַאינישן געבוירנשטעטל, ווו טקאַטשס טאַטע איז געווען אַ ייד „אַ בעל־בטחון" אָן פּרנסה, די מאַמע אַ בעקערין, וואָס האָט געהאַט די גאַנצע זאָרג פונעם הויז, „פון שפּייזן זיבן מיילער, און פון קליידן, שוכן", און דער זיידע, שיר נישט אַ משה לייבישער זיידע פון זלאָטשעוו, וואָס האָט פאַרקויפט די קרעטשמע מיט די הייזער און „געלאָזט אונדז זיינע פּלודערן מיט וואַטע".

אַפילו דאָ, ביים איבערגעבן די נויט און די באַעוולטקייט פון די יאָרן אין דער אַלטער היים, ווערט טקאַטשס ליד נישט צו עלעגיש און אַוודאי נישט צו פּאַטעטיש און זיכער נישט ביטער, און האָט אָן אָפטןביימיש פון לייכטער פאַרגיבערישער איראָניע און פון מילדן הומאָר. אין דער נייער היים אָבער, אין די פופציק יאָר אַמעריקע, איז דער סאָציאַלער אומרעכט, ווי געזאָגט, כמעט

אָדער טאָקע דורכויס נישט קיין מאָטיוו. דאָ שטעלט דער דיכטער אַנטקעגן דעם אומיושר בלויז אַריסטאָקראַטישע חשיבות און — פּאַרנומענקייט מיט אַנדערע פּאָעטישע טעמעס —

דאָס צימערל דאָס קלענסטע\
איז גרויס גענוג פאַר מיר —\
גאָט זע איך פון מיין פענצטער,\
די שכנים — פון מיין טיר.

אַוודאי ליגן אַזעלכע שורות אויף דער ליניע פון רייזענישן געמיט, וואָס „אַ שטערנדל מאַכט מיר שוין ליכטיק", אָבער אין תוך איז מאיר זימל טקאַטש, דער פּאָעטישער תלמיד פון אברהם רייזען, היפּש ווייט פון זיין רבין. דער רבי איז מיט זיין ליד — איין שפּאַן פונעם פאָלקסליד און האָט אַריבערגענומען אין זיין יחידישן געזאַנג די וואַרעמע און האַרציקע לירישקייט פונעם פאָלקישן ניגון. אברהם רייזען פאַרלירט קיין מאָל נישט דאָס ציטערדיק־לירישע פון דער פאָלקס־נשמה, ער האַלט דאָס אָן סיי אין זיין זינגערישן און סיי אין זיין זאָגערישן ליד.

מאיר זימל טקאַטש איז לויט זיין געמיט גאָר נישט קיין פאָלקסטימלעכער. ער איז בטבע אַן אַריסטאָקראַטישער זונדערלינג, וואָס פאַרשליסט זיך אין זיין וועלט פון איכיסטישע געדאַנקען און געפילן, און די נאָענטסטע פּאָעטישע טעמעס זיינע זענען מעדיטאַציעס וועגן גאָט און דער הויה, וועגן טויט און לעבן און איניינעם מיט די מעדיטאַציעס גייען רעליגיעזע געגועים צו גאָט־באַהעפטונג און עס גייען אויך צומאָל דראַמאַטישע איבערשמועסן מיט גאָט וועגן די, אַזוי צו זאָגן, מאָראַלישע אַספּעקטן פונעם באַשאַף. צום אייגנסטן קומט דער דיכטער מאיר זימל טקאַטש צום אויסדרוק אין זיין לידער־זאַמלונג „בלעטערפאַל" און נאָך מער אין דעם סאָנעטן־קראַנץ „בלעטערפאַל" אין דעם זעלבן בוך.

„בלעטערפאַל" איז נישט נאָר די פּאָעטיש רייפסטע לידער־זאַמלונג, נאָר אויך די אייגנסטע, ווייל דאָ אין די געזאַנגען וועגן בלעטער אוןביימער קערט זיך דער דיכטער אום צום דירעקטסטן, צו זיך אַליין, כ'מיין צו דעם, ווי מיר דאַכט, גרונט־מאָטיוו זיינעם, צו דער אַריסטאָקראַטישער חשיבות פון אַ מענטש, וואָס ס'איז אים איבער דער טבע צו באַוויינען און צו באַקלאָגן זיין אייגענעם גורל און דעם גורל פון באַוואָלטע אין דער וועלט —

צו גאָט אין הויכן הימל מיינע לויבן\
צו וועמען כ'שטרעב און קיינמאָל נישט דערגרייך,\
נאָר ווייל איז אונטן ווען ס'איז דאָ אַן אויבן\
צו גאָט אין הימל מיינע לויבן —\
צו אים אַז כ'קוק, מיין קאָפּ איז אויפגעהויבן.

די נאָר וואָס ציטירטע שורות געהערן אַפילו נישט צו די גערעכנסטע אין טקאַטשס לידער פון „בלעטערפאַל". איך האָב זיי ציטירט, ווייל איך וויל דערמיט אונטערשטרייכן ווהין עס ציט זיך זיין ליד געדאַנקלעך און על פי געמיט און אויב ער האָט נישט אַלע מאָל אַרויסגעבראַכט אַלץ, וואָס פילט אָן זיין האַרץ און מוח און אַלץ, וואָס זיין אויג זעט און דערזעט, איז אין דעם שולדיק דער מאַנגל אין פּאָעטישער שפּראַך.

איך זאָג דאָס, ווייל עס איז פאַראַן ערגעץ ווו אַ ווידעראַנאַנד צווישן דעם דיכטער טקאַטשס רייפער זעונג און מחשבה פון איין זייט, און דער צומאָל נישט אַדעקוואַטקייט פון זיין פּאָעטישן לשון פון דער צווייטער זייט. אויך אברהם רייזען האָט נישט געהערט צו די גרויסע שפּראַך־גבירים אונדזערע, אָבער זיין פּשטות איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער וועלט פון געדאַנק און געפיל, וואָס ער האָט דיכטעריש געוואָלט אַרויסברענגען, און דערפאַר זענען אויף רייזענען חל געווען טקאַטשס זינפולע שורות אין עלפטן סאָנעט פון סאָנעטן־קראַנץ „ווייל איז מיר אין קלײנקייט", דהיינו, אַז —

> דאָס שיינע איז פאַר זיך אַליין אַ וואונדער
> דאָס פּשוטע — אַ וואונדער גאָר באַזונדער.

דאָס פּשוטע איז ביי רייזענען „אַ וואונדער גאָר באַזונדער", ווייל די פּשטות פון שפּראַך איז ביי אים האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דער פאָלקסטימלעכקייט פון אינהאַלט. ביי אברהם רייזענען איז דער שורש פון זיין פאָרעם און אינהאַלט געווען דער זעלביקער פאָלקס־לידערישער ניגון.

טקאַטשן אָבער, דעם דיכטער פון אינטעלעקטועלער מעדיטאַציע פעלט צומאָל, און פאַרשטייט זיך, דער עיקרשט דאָרט, ווו ער איז זאָגעריש און זינגעריש צום נאָענטסטן צו זיך אַליין, ד. ה. אין אַזעלכע לידער ווי די סאָנעטן פון „בלעטערפאַל". די פּאַסיקע יום־טובדיקייט פון פּאָעטישער שפּראַך און די נייטיקע ראַפינירטקייט פון אימאַזש און בילד.

און דאָ קומען מיר צו דער באַמערקונג

ב

צום ערשטן באַנד פון זיין „האָב און גאָב", ווו ער האָט אויפגעזאַמלט די לידער פון זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד, די משלים און די מעשיות, האָט טקאַטש אָנגעשריבן אַ הקדמה, ווו ער פאַרטיידיקט דעם פאַבל־זשאַנער אַנטקעגן די, וואָס מינערן פון דעם פאַבלס ליטעראַרישן באַדייט.

ווען מען לייענט דערנאָך די פאַבלען און די מעשיות און מען קערט זיך אום צו די טענות פון דער הקדמה, האָט מען דאָס געפיל, אַז דאָ שטעלט זיך טקאַטש איין פאַר דעם אינהאַלט, וועלכן ער האָט צוגעפּאַסט צו זיין פאָלקסטימלעכער

שפּראַך. דער דיכטער וויל אין דער הקדמה ביי אונדז פועלן, אַז די לעבנסוויז־הייטן, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיינע פאַבלען זענען פּאָעזיע, אָבער אין דער אמתן ליגט די פּאָעטישקייט פון די משלים, און נאָך מער פון די מעשהלעך ביי טקאַטשן, אין דער ווייכער, פּליסיקער, פאָלקסטימלעכער שפּראַך. אַ מוסטער פון דער געראָטענער מעשהלע־שפּראַך איז די מעשה וועגן נחום איש־גמזו. אין דער געשיכטע וועגן נחום גם־זו האָט טקאַטשס לשון פאָלקישע זינגעוודיקייט פון וואָרט און געדאַנק —

ניט קיין חונף איז דער בוים,
וואָס דעם קאָפּ בייגט איין אין שטורעם

אַז טאָגטעגלעך זעסטו נסים,
וווּנדער טרינקסטו פון אַ קוואַרט,
ווייל דאָס וואָסער האָט פון גאָר ניט
גאָט באַשאַפן מיט זיין וואָרט.

די שורות זענען עדות דערויף צווישן אַ סך אַנדערע.

אין די משלים און אין די מעשהלעך לאָזט זיך טקאַטש אַראָפּ, וואָלט איך געזאָגט, מיט די טראַכטענישן צו זיין שפּראַך־פּשטות און דערגרייכט אַזוי אַרום אַ געוויסע האַרמאָנישקייט פון פאָרעם און אינהאַלט.

עס טוט דאָס טקאַטש, ווי מיר דאַכט, מיט אַ בפירושער באַוווסטזיניקייט. ער איז מקיים וואָס ער שרייבט אין דער לעצטער סטראָפע פון זיין ליד „פּאָלע־מיש" —

פאָעטן דאַרפן ניט קיין טעמעס,
פאַר זיי דער ניגון איז דער אמת,
פאַר מיר דער אמת איז דאָס ליד,
געמיט און גייסט איז איינס ביים ייד.

און אין זיינע משלים און מעשיות „זינגט ער וואַכעדהייט" אויף לעבנס־חכמה־דיקע טעמעס. אין די שפּעטערע לידער, אין די ציקלען „דאָרשט צום קוואַל" און אין „בלעטערפאַל", זינגט טקאַטש אויך וועגןביימער, וועגן חיות און פייגל, אָבער דאָ זענען זיי ניט טעמעס פון לעבנס־חכמה, נאָר בלויז מעטאַפאָרן אויף אַרויסצוברענגען זיינע אייגענע איבערלעבענישן, און פאַר אַלעמען, די איבער־לעבעניש פון מענטשלעכער חשיבות און טראַציקן שטאָלץ קעגן מענטש און גאָט.

דער „כ׳קני אויף דילן אָבער ניט פאַר קיינעם", וואָס וועגן אים רעדט זיך אין די צוויי געציילטע לידער אויף סאָציאַלע מאָטיוון, חזרט זיך איבער אין אַן אַ שיעור וואַריאַנטן אין די לידער פון „בלעטערפאַל". ווען טקאַטש פאַרענטפערט

די ווערבעס, וואָס זיי בייגן די צווייגן אַרונטער און מען מיינט דערפֿאַר, אַז זיי זענען „קלאָגמוטערס פֿאַרצאָגטע״, בעת אין דער אמתן איז זייער געבויגנקייט „פֿון צניעות אַ שטריך אַ געזונטער״, איז דאָס אין תוך דאָס סאָציאַלע ליד פֿון די לידער „אויפֿן „הענגלייטער״ און „זאָגט דער הויזמאַלער״, נאָר אַריבערגע־פּלאַנצט אויפֿן קאָסמישן פּלאַן, אויפֿן שטח פֿון מענטש קעגן גאָט, אַנשטאָט אַרבעט־נעמער קעגן אַרבעטגעבער.

אין די דאָזיקע לידער קומט צום אויסדרוק טקאַטשס רעליגיעזקייט און זי איז ווי יעדעס עכטע רעליגיעזע געפֿיל נישט הכנעהדיק, נאָר דראַמאַטיש און אויסטענהריש. ערשט איבער דראַמע און איבער טראַגישער באַזיגטקייט פֿירט דער וועג באַרג־אַרויף **צו הכנעה** —

ניִשט אין זומער איז דער בוים מתפּלל,
איינגעהילט אין טלית פֿון די בלעטער,
אפֿשר זאָגט ער פֿון סידור הלל,
אָבער נישט ממעמקים בעט ער
פֿון דער טיף מתפּלל איז ער ווינטער,
ווען ער זעט זיין הויל געביין אין שאָטן,

און טקאַטש זינגט און זאָגט אין די לידער פֿון „בלעטערפֿאַל״ ממעמקים.

פֿאַראַן לידער אין דעם צווייטן בוך פֿון טקאַטשס „מיין האָב און גאָב״, וואָס האָבן געדאַנקלעכן ניוואָ און געפֿיל־טיפֿקייט. וואָס עס פֿעלט צומאָל, ווי געזאָגט, די דאָזיקע לידער, איז אַדעקוואַטע פּאָעטישע שפּראַך, פּראָזאָדישע געניטקייט און אַ ביסל גלאַנץ און יום־טובֿ פֿון וואָרט. אין ערשטן באַנד, אין דעם בוך פֿון פֿאַבלען און מעשׂיות, איז שטאַרקער די שפּראַך פֿונעם אינהאַלט. אין צווייטן באַנד, בלייבט די שפּראַך הינטערשטעליק הינטער דעם פּאָעטס איבערלעבענישן און טראַכ־טענישן.

דער דיכטער טקאַטש ווייסט דאָס אַליין, וואָרעם ער איז, ווי געזאָגט, אַ „זינגער וואַכרהייט״ און ער פּרוּווט דערפֿאַר, ביים סוף פֿון צווייטן באַנד, זיך איינשטעלן פֿאַר זיין שפּראַך ווי ער האָט אין ערשטן פֿאַרטיידיקט דעם אינהאַלט.

דאָרט, אין ערשטן בוך, האָט ער געשריבן אַן אַפּאָלאָגעטישע הקדמה פֿאַר דער פֿאַבל. דאָ, אין צווייטן באַנד, זינגט ער אַ פֿאַרטיידיקונגס־רעדע פֿאַר „איך שרייב אָן קונצן, כ׳בין אַ פּשטן״.

אָבער אי די הקדמה ביים אָנהייב פֿון „מיין האָב און גאָב״ און אי דאָס ליד ביים סוף זענען איבעריק. וואָרעם עס איז איבעריק אונדז צו איבערצייגן, אַז מאיר זימל טקאַטש איז פֿון גאָטס גנאַד אַ דיכטער, און עס איז נישט מעגלעך צו פֿאַרדעקן דעם פֿאַקט, אַז ווען טקאַטשס לשון זאָל זיין דערוואַקסן צו זיין פּאָעטישן געדאַנק, וואָלטן מיר געהאַט אין אים אַ דיכטער פֿון אַ העכערן שיעור קומה ווי ער איז.

אלף כץ

זיבן ביכער האָט דער דיכטער אלף כץ ביז איצט אַרויסגעבראַכט און אין כמעט אַלע זינגט ער נישט נאָר זיין ליד, נאָר ער גיט אונדז אויך איבער די מעשה פון זיין ליד.

כצס נייעסטע, זיבעטע בוך „חלום עליכם" איז אָבער נישט בלויז די מעשה פונעם ליד, נאָר אויך די מעשה פון די ווערטער אין ליד און די מעשה פון די אותיות אין וואָרט, וגם, און נישט צו לעצט, די באַלאַדע פון דעם זינגער פון ליד.

די מעשה איז ווי אַלע מעשיות אין תוך אַ טרויעריקע, אָבער זי ווערט נישט דערציילט אין אַן איכה־טאָן, נאָר אין אַ געמיט פון שטיפערישקייט, פון „לאָמיר פריילעך זיין" און פון שפּיל.

ער דרייט זיך (דער דיכטער) און ער דרייט
זיך און ער שטיפט
און הערט נישט אויף צו שרייבן אַ געשיכטע
פון אותיות, ווי זילבער־ווייסע צוויטן,
ביז ער לאָזט זיך אויס —
ווי יעדע מעשה לאָזט זיך אויס —
אין מיטן.

און אַז ס׳קומט אָן דער „אין מיטן" —

האָט דאָן אברהם משה זיך נישט געווערט,
ער האָט זיך נאָר צעלאַכט פון איבערדראַש.

די לעצטע צוויי שורות שטאַמען פון דער „באַלאַדע פון דאָן אברהם משה דילאָן", וואָס אַלף כץ האָט זי אונדז דערציילט נאָך מיט פערצן יאָר צוריק אין זיין לידער־בוך „אַ מאָל איז געווען אַ מעשה".

וועגן דעם דיכטער אברהם משה דילאָן זכרונו לברכה איז אלף כץ דער פּאָעטישער עדות, אַז „ער האָט זיך צעלאַכט פון איבערראַש" ווען די מעשה פון זיין לעבן האָט זיך פלוצים אויסגעלאָזט אין מיטן.

וועגן דעם פּאָעט אלף כץ, צו לאַנגע יאָר, קאָנען מיר עדות זאָגן, אַז דער אין מיטן אויסלאָז פון זיינע מעשיות וועגן לידער, ווערטער און אותיות געהער צום איבערראַש פון זיין שפּיל, צום אויפּטו פון זיין הומאָרפולן און גראָטעסקן אופן דערציילן.

אויף וויפל אַ מעשה ווערט דערפירט ביז צום סוף, איז זי ערגעץ־ווו אַלע מאָל טראַגיש. דער אויסלאָז אין מיטן, וואָס פאַלט דער מעשה אַריין אין די רייד, פאַר־האַלט זי אין לויף אויף אַ פּאַפּאַס פון הומאָר, פון שפּאַס און פון פריינדלעכקייט און פון „לאָמיר ווייטער נישט פאָרן". און „לאָמיר ווייטער נישט פאָרן" איז כמעט

תמיד אי אַ באַוואָרעניש קעגן צו פיל טרויער און אי אַן אויסלאָז אין מיטן, וואָס איז אידענטיש מיט אַ גוטן, אָדער כאָטש אַ האַלב וועגס גוטן סוף.

און איך טראַכט, אַז אלף כּצס מעשׂה, אין אַלע אירע וואַריאַנטן וועגן ליד, וועגן וואָרט און וועגן אותיות, איז איין לאַנגער ליבער פּאָפּאָס פון פאַרווײַלונג און פון שפּיל.

ס׳האָט דער דיכטער לאַנג גערעדט נאָך,
מיט די לעצטע רייד פאַרגלעט נאָך
פּישקעס אומעטיק געמיט,
איינגעוויגט אים מיט אַ ליד.

און נישט בלויז פּישקע דעם שטומען, וואָס איז דער העלד פון זיין פּאָעמע אונטער דעם זעלבן נאָמען, פּרובירט דער דיכטער כּך צו פאַרגלעטן ס׳אומעטיקע געמיט, נאָר דער גאַנצער מחנה פון צוהערער אויף דער וואָר, וואָס פאָרן מיט דעם פּאָעט מיט אויף זיין פּאָעטישער מעשׂה־נסיעה.

לייענענדיק כּצן האָט מען דעם איינדרוק, אַז דער דיכטער שטייט בראש פון אַ קאַפּעליע „בראָדער זינגער", וואָס פאָרן מיט אים פון ערגעץ פון וואַנען קיין ערגעץ וווהין צו פאַרווײַלן יידישן עולם און אים צו פאַרגלעטן ס׳אומעטיקע געמיט מיט ליד און מיט מעשׂה. און נישט נאָר דער דיכטער־רעזשיסער מיט זיינע אַקטיאָרן מאַכן די יאַזדע אין דער גרויסער בויד, נאָר טאַקע דער גאַנצער יידישער עולם פאָרט מיט. דער דיכטער און דער עולם ווילן זיך איינס ס׳אַנדערע נישט פאַרלירן; זיי זענען נישט זיכער מיט דעם וווהין; דאָס איינציק זיכערע איז דער אין מיטן, ווו כּמעט „יעדע מעשׂה לאָזט זיך אויס" —

געפרייט האָט זיך אויך דער פּאָעט און געלאַכט
דערפאַר וואָס מען האָט אין מיטן דער נאַכט
אַ רגע פון יענער זייט פרגוד באַשטערנט
און ער האָט אַ זעונג געזען און געלערנט.

דער דיכטער וויל נישט אָנווערן זיין אייגענע הנאה פון מעשׂה־געשפּין און די פרייד פון זעונגען, וואָס אַנטפּלעקן זיך צו אים בעת דער עבודה פון משמח זיין יידישן עולם.

און דער עולם איז פאַר קיין רגע נישט גרייט מוותר צו זיין אויף דער פאַרווײַלונג, וואָרעם:

די שפּיל איז אַ שיינע, דער ניגון גאָר ווויל איז,
די מעשׂה פאַרכאַפּט אונדז און האַלט אונדז געשפּאַנט,
האָט ערנסט און שפּאַס מיט אַ גאָר ברייטער האַנט;
עס גיבן די גראַמען זיך פריינדלעך אָפּ שלום;
הכלל, ס׳איז אַ סעודה פון גוטע מאכלים.

פאַרט מען אין איינעם און מען שטעלט זיך אָפּ אויף פּאַפּאַס, מען זעצט זיך אויס אויף דער לאַנקע און מען „פּראַוועט די סעודה פון גוטע מאכלים פון ערנסט און שפּאַס מיט אַ גאַר ברייטער האַנט".

אַ שווער שטיקל אַרבעט האָט דער פאַרווילער, דער דיכטער, וואָס איז דער קעכער און סאַרווער פון די גוטע מאכלים. שווער איז דאָס שטיקל אַרבעט קודם כל דערפאַר, וואָס דער עולם איז אַ געמישטער. עס איז אנשים, נשים וטף, גרויס און קליין, אַלט און יונג.

מוז דערפאַר דער דיכטער שפּרייטן זיינע כוחות איבער אַ ברייטן שטח פון קינסטלערישע מיטלען לויט דער השגה און לויט דעם געמיט פון יונג און אַלט.

אָט דערציילט אַלף בּך וויציק־שפּיציקע געשיכטעס וועגן די פאַרשייטע אויפטועכישן פון די יידישע אותיות, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין אַ וואָרט און קערן נישט בלויז איבער דעם באַדייט פונעם וואָרט, נאָר אויך די זאַך גופא הינטער דעם וואָרט, און זענען דערמיט גורם גראָטעסקע סיטואַציעס פון שפּאַס־ סיק־עגמת־נפשדיקן געלעכטער.

הערן זיך צו די קינדער און זייערע אויגן ווערן גרויס פון וווּנדער און פרייד איבער דער קראַפט פון דער קרומער נון פון סידור, וואָס —

ביים ליכט פון פרימאָרגן, ביים זילבערנעם שיין,
די נון איז אַ פלינקע אין אַ ק ע ר אַריין;
עס האָט זיך צעקלונגען דער שאַל פון אַ האָרן,
און באַלד איז פון אַקער אַן אַנקער געוואָרן.

און דערוואַקסענע, איבער די קינדערשע קעפּ אַריבער, האָבן מיטגעהערט די מעשה פונעם דיכטער וועגן דער עפּאָפּעע פונעם טייטל, וואָס האָט אַריינגע־ פירט די קינדער אין דעם חלום פונעם מלמד ר׳ טרייטל, בעת ער איז, קנעלנדיק מיט קליינוואַרג דעם אלף בית, אַנטשלאָפן געוואָרן. און מיט נאָך מער שפּאַנונג הערן די דערוואַקסענע מיט די „מעשה וועגן אַ קו, וואָס האָט פאַרלוירן איר מו" און דער עיקרשט די וווּנדער־געשיכטע וועגן דעם „צוציק אַ גריל", איציקל ציק, וואָס פאַרכאַפּט דאָס געמיט פון דערוואַקסענע מיט דער פאַנטאַסטיש־געראָ־ טענער בילדערישקייט (איציקל — פליוכעט אַריין אין אַ פולער לבנה, וואָס שפּיגלט איר פּנים אין נאַכטיקן וואַסער) און מיט דעם ליריזם פון איידעלער שטילקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער אמתער וווּנדער־מעשה. וואָס בלייבט אַ וווּנדער פאַר קינדער און דערוואַקסענע. דער דיכטער בּך האָט דעם תמצית פון אַן אמתן קינדער־מעשהלע, דאַכט מיר, פּאָעטיש זייער טרעפיק פאָרמולירט אין דעם ליד „פאַלט אַ שניי" —

יעדער פּיצל שטילקייט זינגט באַזונדער,
נאָר הערן הערט מען נאָכאַנאַנד אַ גאַנצן כאָר —

עס נעמט זיך גאַרנישט אויס,
עס נעמט זיך גאַרנישט אויס.

און אַז מען האָט אַזאַ היפּש געזינדל פון יונגע און אַלטע צוהערער צו פאַרווײַלן, מוז מען, ווי געזאָגט, נוצן אַן אַ שיעור קינסטלערישע מיטלען, גוטע און ווייניקער גוטע, אויף צוצוטרעפן צו זייער געמיט.

לעבן דער אויסגעמייסטערטער און געשליפענער פּאָעטישער שורה, לויט די גוטע מוסטערן פון דער יידיש־פּאָעזיע אויף אירע הייכן, שטייען פּערזן פון סטיליזירטער בדחנות און שורות, וואָס זייער קענטיקער רווישטאַף זענען יידישע טעאַטער־לידער. די סטיליזירטע בדחנות און די סטראָפע מיט דעם טעאַטער־נאָכקלאַנג יאַוּוען זיך ביי כצן דער עיקרשט דעמאָלט, ווען ער אינסצעניזירט זיין מעשה־פּאָעמע און דאַרף טאָן עטלעכע מלאכות: זאָרגן פאַרן טעקסט, פאַר דער רעזשי און אויך זיין דער נאַראַטאָר פאַרן פאַרהאַנג און פאַרווײַלן דעם עולם בעת די פּויזעס.

אַוודאי איז דאָס אַלץ בכיוונדיק געמאַכט על פּי נוסח, אָבער אויך אין דער בכיוונדיקער נוסח־סטיליזירונג טאָר נישט פעלן דאָס, וואָס דער דיכטער אלף כץ פאָדערט מיט רעכט אין איינער אַ סטראָפע פון זיין פּאָעמע „דער קוקו און די קו”, דהיינו, דער „אויסטערלישער בלענד”, וואָס די „אומגעריכטסטע ווער־טער ברענגען פון געהיימע ערטער”.

*

אלף כץ, הגם, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז דער באַלאַדיסט פונעם יידישן וואָרט און פונעם יידישן אות, כ׳מיין, דער פּאָעטישער דערציילער וועגן דעם וואָרטס און דעם בוכשטאַבס שטיפערישע אַוואַנטורעס און געהיימע איבערלעבענישן אויף זייער וואַנדערונג צום ליד, איז נישט קיין פאַרשיכורטער פון זיי און בכלל נישט קיין שפּראַך־באַרוישטער, ווי ס׳קאָן זיך אַמאָל דאַכטן.

אלף כץ געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ניכטערע שעפער. ער האָט זיין שפּראַך תמיד אין דער האַנט און איז אויך אין די לירישסטע מאָמענטן דער באַוווסטזיניקער שפּיל־מייסטער מיט זיין פּאָעטישן וואָרט.

זיין שפּראַך איז פול מיט גוט אויסגערעכנטע און צו דער ריכטיקער צייט אַריינגעשפּילטע אויסגעצייכנטע גראַמען (דאָס פּנים נוס־ברוין ווי קאָרע און אַדל אויף אים פון אַ שררה), מיט חידושי־לשון (ביז די הערכסטע צייטן, דער וויכער גיכערט אין גראָז) און מיט וואָרטשפּילן (דער אמתער פויגל, וואָס איז ער אַן עוג מלך הבושל?) און זיין שפּראַך פינקלט אָפּט מיט פיינעם הומאָר און מיט עפעקטיווער טעאַטראַלישקייט. אויב עס פעלט כצס שפּראַך אַ גלאַנץ, איז עס דער גלאַנץ פון ריטעם־וואַריאַירטקייט.

ער איז אַ וווּנדערלעכער שפּיל־מייסטער, דער דיכטער אלף כץ. ער נעמט די שפּיל אַזוי ערנסט, ווי ערנסט עס נעמען אים קינדער. דאָס איז, בלי ספק, אַ מדרגה פון קינסטלערישער רייפקייט. פון אַ נאָך העכערער, טאָקע פון אַ הויכער מדרגה, קאָן מען רעדן דעמאָלט, ווען דער קינסטלער טוט זיך אַריין אין ערנסט מיט אַזאַ טיפן ערנסט, וואָס בלויז די קינדער ביי זייער שפּיל ווייסן פון אַזאַ ערנסטקייט.

פאַראַן מאָמענטן, ווען אלף כץ בענקט נאָך יענעם טיפן ערנסט און ער נעמט זיך און די לייענער אָנווינקען אויף אַ מיין און צוזאָגן, אַז —

דער מיין וואָס אין חלום טוט שטעקן
וועט אין די שורות זיך מוזן אַנטפּלעקן,

אָבער נישט אין די מיינען, נאָר אין דער שפּיל, אין דער שפּיל אָן מיינען ליגט אלף כצס דיכטערישער כוח.

וואַריאירנדיק אַ וואָרט פון דעם באַוווסטן אַמעריקאַנישן עסייִסט הענרי טאָראָ, אַז מען דאַרף זיך נישט איילן צו בויען אַ מאַגנעטישן טעלעגראַף פון מעין קיין טעקסאַס, ווייל אפשר האָבן זיך די צוויי שטאַטן נישט קיין וויכטיקס צו טעלעגראַפירן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער קינסטלער דאַרף נישט ווערן אַרויסברענגען און צונויפשדכענען מיינען, ווען דאָס שפּיל גופא איז אַ ציל פאַר זיך אַליין און נייטיקט זיך נישט אין קיין מאָראַלישע מוסר־השכלס.

אַלף כץ איז, ווי געזאָגט, אַ באַוווסטזיניקער קינסטלער און מיידט אויס בכיוונדיק דאָס אומעכטע. לאָזט ער ביים סוף פון זיין שפּיל „חלום עליכם" זיך אויסלאָדן אַלע קשיא־פרעגער און אַלע זוכער פון מאָראַלישע מיינען און ענטפערט זיי דערנאָך אין הסכם מיט זיין אייגן געמיט און אין הסכם מיט זיין פּאָעטישן וועג, אַז —

וואָס ס'זאָל דער דיכטער נישט האָבן געמיינט,
ווען ער האָט דאָ פאַר אונדז געלאַכט און געוויינט,

— — — — — — — — —

— דער מיין פון אַ ווערק ליגט אין יעדן באַזונדער
און דאָס איז דער וווּנדער! און דאָס איז דער וווּנדער!

און איך בין מוסיף: דאָס איז אמת, דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אמת.

שלמה ביקל

אברהם טווערסקי

דער דיכטער אברהם טווערסקי איז היינט אַ מאַן אין די פופציקער און האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן בלויז איין זאַמלונג פון זיינע לידער (ניו־יאָרק, 1946).

די לידער הייבן זיך אָן מיט בטחון און ענדיקן זיך מיט הכנעה און גלויבן. טווערסקי עפנט זיין בוך „משיחן אַנטקעגן" מיט דער תהלימדיקער תפילה —

גם כי אלך —
כ׳שרעק מיך נישט
אין טאָל פון טויט אַפילו,

וואָס דעם דיכטערס מוטער האָט פירגעזאָגט אירע קינדער, ווען זייער שוועסטער חיה שרה, אַ קרבן פון די פעטליורע־פּאָגראָמען אין תר״פ, האָט איר לעבן „אויס־געהויכט אין שטילער שטילקייט", און ער שליסט דאָס ספר, ווען „עס האַלט ביי תיו שין זין" מיט דער זיכערקייט,

אַז דער סידור פון זיין זיידן
ליגט נאָך אַלץ פאַר אים פון אויבן —
גרייט צו שענקען אים די פריידן
פון הכנעה און פון גלויבן.

און אמונה אין גאָט איז נישט דער איינציקער גרונד־מאָטיוו אין טווערסקיס לידער. אַ צווייטער מאָטיוו, וואָס איז אין „משיחן אַנטקעגן" נישט ווייניקער דיכטערישער עיקר ווי דער ערשטער, איז דער גלויבן אין מענטש —

ס׳איז דער מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט דערלאַנגען
סיי צו מלוכות, סיי צום שפּראָץ פון זאַנגען,
ווען דאָס האַרץ זאָל זיין ביי אים אין מוח —
סאַראַ כוח! סאַראַ כוח!

אַזוי פאַרגייט זיך אין התפעלות שלמה חסיד אין טווערסקיס געזאַנגען. סאַראַ כוח! סאַראַ כוח! — טענהט ער מיט טווערסקיס בנעימותדיקייט און מיט אייגענעם ברען און ער איז זיכער,

...אַז צווישן פעלד און זון
זאָל שטיין דער מענטש, דער שטענדיקער אין מיטן —
און פלאַנצן הימל אין דער ערד, וואָס איז צעשניטן

וואָלט דאָס געמיינט
אַ שטיק דערגיין משיחן אַנטקעגן.

אין די מייסטע פאַלן איז געשטאַלט־באַשאַף פאַרן ליריקער אַן אופן פון אָביעקטיוויזירן זיין עמאָציע, אַ מין באַוואָרעניש צו פאַרהיטן די אייגענע עמאָ־ציאָנעלע שפּע פאַר איבערגוס. וואָס שייך אָבער טוויערסקיס שלמה חסיד, האָט מען דאָס געפיל, אַז אים האָט דער דיכטער באַשאַפן נישט אויף צו האַמעווען, נאָר פאַרקערט, אויף אָנצופּייערן זיין אייגענעם בטבע שטילן פּאָעטישן געמיט מיט דעם טעמפּעראַמענט און מיט דער רופערישקייט פון אַ „דריטן". לאָזנדיק רעדן פאַר זיך שלמה חסיד, באַקומט דער דיכטער נישט בלויז אַ קריגעריש קול קעגן דער איינזייטיקייט פון דעם בראַסלאַווערס צופיל רוחניות און קעגן דעם שפּאַלערס „עפּעס צופיל גשמיות אין פעסער", נאָר אויך דעם זעלישן כוח אונדז צו לאָזן וויסן, אַז נישט סתם ער זינגט וועגן „משיחן אַנטקעגן", נאָר ער רופט אונדז טאַקע מיט אונדזער לעבן „צוצוהערן זיך צום מעדזשיבושער ניגון".

און אָט דער טאָן פון עטישער ערנסטקייט, וואָס הערט זיך אַרויס פון טוויער־סקיס געזאַנג אין פאַרשידענע נוסחאות וועגן „מעדזשיבושער ניגון" איז בייגע־שטאַנען זיינע לידער און האָט זיי באַהיט פון סטיליזאַציע־ריח, פון חסידות־סטיליזאַציע און פון פרומקייט־סטיליזאַציע. טוויערסקיס לידער זענען פריי פון סטיליזירונג. זיי זענען לידער פון פרישער שעפערישער חסידות און פרומקייט.

דאָס, וואָס אין „משיחן אַנטקעגן" ווייען נישט סתם וואַרעמע און וואַרעמערע ווינטלעך פון פּאָעטישער שטימונג אַרום זיין „גוט־יידישן" אָפּשטאַם און אַרום די מחשבות און זאָגענישן, וואָס האָבן באַפעלקערט זיינע קינדער־יאָרן אין דער שטוב פון זיין טאַטן, דעם לאַיעווער רבין, נאָר עס פּילט זיך אין די לידער אויך דער אָטעם פון אַ „תורת חיים", פון אַן אייגן וועלט־בילד, פון אַ „מעדזשיבושער ניגון", וואָס וויל ביטער־ערנסט נישט נאָר געזונגען, נאָר אויך געלעבט ווערן — דאָס מאַכט טוויערסקיס ערשטלינג און איינציק בוך לידער, נישט בלויז פאַר אַ געראָטן בוך, נאָר אויך פאַר אַ גוט און וויכטיק בוך אין דער ריי פון די גוטע און וויכטיקע פּאָעטישע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור.

אַז „אויסגעשטריקט פון זייד מיט גראָזן" איז נישט סתם אַ שיינע פאָרמולי־רונג פונעם זיידנס „מעדזשיבושער ניגון" נאָר אַן אמת פונעם דיכטערס שעפע־רישן געמיט, קאָן מען זען אין טוויערסקיס נאַטור־לידער וועגן צפון־מישיגען, וואָס פאַלג מיך אַ גאַנג, אי על פּי געאָגראַפיע און אי על פּי שטימונג, פון מע־דזשיבוש און לאַיעוו ביז „לייק שיפּסהעד" און ביז צו די וועלדער פון „אינטער־לאַקן" —

קומט צו גיין אַ מידער מענטש פון מערב און פון דרום,
קומען בויגעוודיקע נאַדלביימער אים אַנטקעגן,
נייגט זיך שטילערהייט פאַר זיי דער מענטש און וויל זיי פרעגן,
צי זיי קומען נישט אַהער פון אַלטע, אַלטע ספרים.

עס שוועבט איבער דער דאַזיקער באַגעגעניש פונעם בעל שמס מידן אייניקל מיט די שטאָלצע סאָסנעס אין האַיאָוואַטאַס וועלדער אַן אַטמאָספער פון צערע־מאָניאַלער נישטדערוואַרטקייט און ניסימדיקייט און דערביי פון אַ מחיהדיקער און זעלבפאַרשטענדלעכער נאַענטקייט.

„ס׳קומט פון חומש־וועלט אַ שטילער מענטש אַרויס״, באַגעגנט זיך מיט די „הויכע קנאָכעדיקע שטאַמען״, וואָס

מיר געדענקען נאָך ווי נעכטן מינעהאַהאַס היילן
און דעם אַלטן פיילנשיצער, איר פאַרטראַכטן זיידן.

און עס איז נישט פאַראַן קיין פרעמדקייט צווישן דער מעדזשיבושער ספּרימדי־קייט און דער גשמיות פון די אינדיאַנישע פאָלקלאָר־געשטאַלטן אויף האַיאָוואַ־טאַס פעלדער. געדאַנקלעך און געאָגראַפיש זענען זיי געווען צעשיידט, אָבער צונויפגעטראָפן האָבן זיי זיך דאָ ווי אַלטע בלוט־ און גייסט־קרובים, וואָס געהערן צואַנאַנד אין מעדזשיבושער געמיט פונעם דיכטער, וואָס איז „אויסגעשטריקט פון זייד מיט גראָזן״.

דער „אומעטיקער מענטש פון באר שבע און פון וואָרמס און פון ווייטן תימן״ זעט דאָס מעדזשיבושער פינטעלע אויף יעדן בוים און יעדן בלאַט. ער י

...נייגט זיך ווי אַ גראָז
פאַר איטלעך געלן בלאַט מיט אויסגעקריצטן אות

און דער בוים? — „בייגט זיך טיף אַ שטילע סאָסנע״ און פרעגט מיט זאָרג און מיט צער „ביים זקן, ביי דעם נביא״

אפשר זאָל גאָר מענטש, דער אָבל
גיין מנחם־זיין דעם סידור?

דעם סידור׳ס, דער סאָסנעס, דעם מענטשנס געוויין, די דאָזיקע וואַכע צער־שותפות פון גאָטס און פון מענטשנס באַשאַף אין דיכטערס ליד — דאָס מיינט לעבעדיקער מעדזשיבושער ניגון.

דער נס פון מעדזשיבושער געזאַנג, וואָס האָט אויפגעלויכטן דורך טוועטרסקיס פּאָעטישן געמיט אין די וועלדער, אויף די בערג און טאָלן פון אינטער־לאַקן, איז בלי ספק אַ קאַפּיטל שירה, וואָס האָט אַ פּלאַץ אין דער ריי פון די שיינע און דערהויבענע נאַטור־געזאַנגען אין אונדזער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע.

און די האַרמאָניע פונעם מעדזשיבושער ניגון אויף דער וואָר, אין די געדיכטעניש פון די מישיגען־וועלדער, וואָס האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט, אַז

ס׳איז די אייביקייט — אַ טיפער חלום
אַ פאַרוואַקסענער מיט גראָזן

איז אויך ערב פאַר דער נישט פאַפירנדיקייט, פאַר דער עכטקייט פון טוועך־סקיס גאולה־בטחון, אַז

ס׳וועט פון תהום־אַרויס פון אַלע ת״חן,
ווי אַ נס אַ שטילער,
זיך אַנטפּלעקן —
אַ פאַרהאַרטוועטער פאַסטען מיט אַ שטעקן.
ער וועט רעדן שטילערהייט,
און וועקן אייגן דור,
די דורות אין די וויגן, —
צוצוהערן זיך צום מעדזשיבושער ניגון.

די רעשלאָזיקייט, מיט וועלכער טוועךסקיס פּאָעטיש וואָרט שפּאַנט איבער די שטורמישע כוואַליעס פון אונדזערע ת״חן, שאַפט די גייטיקע שטילקייט אַרום דעם גאולה־חלום. ס׳איז אַזוי אַרום גרינגער זיך אין אים איינצוהערן און צו דערהערן די שטילע טריט פון דעם פאַסטעך, וואָס וועט וועקן שטילערהייט.

*

די פּרימיטיוויסטישע קאָנקרעטקייט פון טוועךסקיס אימאַזש, וואָס ער פאַרט נישט זעלטן מיט אַן אַבסטראַקט געדאַנקלעך בילד (כ׳וועל מיין טאַטן נישט פאַרשעמען: ס׳וועט דער שכל פון זיין אומעט תמיד זיין אויף מיינע ברעמען), מאַכט אים פאַר אַ פּאָעטישן קרוב פון יעקב גלאַטשטיינען און איציק מאַנגערן. טוועךסקי פאַרמאָגט נישט די ביים האַרץ ציפּנדיקע מוזיקאַלישקייט פון מאַנגערס פּערז און אויך נישט די בליציקע און שפּילעוודיקע וואָרט־קאָמבינאַציע פון גלאַטשטיינס דיכטערישער שורה. אָבער דערפאַר צייכנס זיך אויס טוועךסקיס דיכטערישע שפּראַך אין אַ היפּשן טייל פון זיין בוך מיט ממש געלייטערטער כּאַלידקייט פון ריטעם, פון גראַם און פון וואָרט־צונויפשטעל.

עס איז גלייך אין טוועךסקיס פּאָעטישן לשון זאָל האָבן פּאַסירט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיטן וואַלד אין זיין ליד „היים“, דהיינו:

— — — דער אומעטיקער וואַלד
האָט אַלע ווינטן שוין צעבראָכן.

די דאָזיקע רו פון עפּעס בכיוון דערשטיקטע אויפברויזן און פון „נאָך שטורעם“ האָט גורם געווען, וואָס טוועךסקיס לידער האָבן געקאָנט דערגרייכן אַזאַ בנעימותדיקן און צו דער זעלבער צייט היפּשלעך פּייערלעכן נוסח פון זאָגן

און זינגען. אָבער אַט די אפשר צו פרי דערגרייכטע שלווה איז זיכער אויך שולדיק, וואָס אין טוּוערסקיס ריטעם איז נישט פאַראַן קיין וואַריאירטקייט און וואָס ער גייט אין זיין „משיחן אַנטקעגן" כמעט נישט אַרויס פונעם קאַדאַנס פון הסידישן שמועס.

אָבער די ריטעם־מאָנאָטאָנישקייט שטערט פון דעסטוועגן נישט דעם דיכטער אַ בליץ צו טאָן דאָ און דאָרט מיט אַ גערעאַטענער וואָרט־נייקייט (צו דעם האָריזאָנטאַלן „אומעטום" שאַפט טוּוערסקי צו אַ ווערטיקאַלן „אומעטאָן") און דער עיקרשט צו בריליאַנטעווען מיט אַזעלכע פרישע און מחיהדיקע גראַמען ווי תר"פ מיט שניי, ווי סאַכע מיט לעולמי עד ימחה, ווי גמרא מיט קאָרע אָדער גאָר מיט אַזאַ בילדעריש און געדאַנקלעך זייער סוגעסטיווער וואָרט־פּאָרונג, ווי

> די צעטיילונג פון די שבטים —
> גאָטס צעגליטער אָטעם!

איך וויל זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַזאַ גראַם ווי „דער פויער מיט זיין אומעט", וואָס ווערט ביי טוּוערסקין קלאַנגלעך געפּאָרט מיט „העלע זון אויף שטילן תמיד", הגם די דאָזיקע בילדערישע און קלאַנגלעכע אַסאָציאַציע געפעלט מיר זייער, ווייל שמא יאמרו הליטוואַקעס און זיי וועלן זיין גערעכט: דער גראַם איז וואָקאַליש בלויז אַ גאַליציש־אוקראַיִנישער. איך וועל אויך נישט דערמאָנען אַזאַ פיל־דערמאָנטן סוגעסטיוון גראַם ווי „זוהר" מיט „פויער", פשוט דערפאַר, ווייל דווקא אָט דער אויסטערלישער וואָרט־שידוך איז שוין פאַראַן אין אפרים אויערבאַכס לידער־בוך „יעקבס געצעלטן", אָבער איך קען נישט פאַרענדיקן מיינע באַמערקונגען וועגן „משיחן אַנטקעגן" און נישט מזכיר זיין צום גוטן די פינף צייכענונגען, וואָס עס האָט אַריינגעצייכנט אין טוּוערסקיס בוך דער באַוווּסטער מאָלער שלמה לערנער. עס זענען צייכענונגען, וואָס זעען אויס ווי פראַגמענטן פון יענע גרויס־קאַנווערדיקע בילדער אויף חסידישע מעשה־מאָטיוון, וואָס מיר האָבן באַוווּנדערט ביי לערנערס אויסשטעלונג אין איינער פון די ניו־יאָרקער גאַלעריעס אויף דער 57סטער גאַס. ווי אין די בילדער, אַזוי אויך אין די פראַגמענטן, ווייעט פון לערנערס פאַרבן און געשטאַלטן מיט טונקעלן חלום און מיט יענוועלטישער שאַטנדיקייט. און עס קאָן טאַקע דערפאַר זיין, אַז אין שייכות מיט טוּוערסקיס קאָנקרעטן אימאַזש און שטילער ערדישער בטחונדיקייט, זענען לערנערס צייכענונגען אפשר צו טונקל־פאַרביק און צו — מעטאַפיזיש.

קהת קליגער

פאַר די זיבן און צוואַנציק יאָר, וואָס דער דיכטער קהת קליגער שרייבט יידיש (אין זיין פּאָעטישער פּרעהיסטאָריע האָט קליגער געשריבן העברעיִש), אין די זיבן און צוואַנציק יאָר, וואָס זיבן פון זיי האָט ער פאַרבראַכט אין זיין געבורטלאַנד פּוילן און אַן ערך צוואַנציק אין זיין אַדאָפּטירטער היים אַרגענטינע, איז קליגער געוואָרן אַ מטופל מיט זיבן בענד לידער.

אין די זיבן ביכער, וואָס דאָס ערשטע, דאָס עלטסטע, איז אַרויס אין 1941, האָט זיך קהת קליגער עטאַבלירט אין אונדזער ליטעראַטור ווי אַ ליריקער מיט צאַרטקייט, ווי אַ געמיטפולער און וויפּולער זינגער פון ליבע, בענקשאַפט און שטייגער־מאָטיוון, און דער עיקרשט ווי אַ פּאָעט מיט אַ ליבן פאָלקסטימלעכן טאָן און מיט אַן אָרגאַנישער מוזיקאַלישקייט פון פערז.

ווען מע זאָל נישט וויסן, אַז קהת קליגער איז אַ וואָלינער, וואָלט מען טייל מאָל, על פּי דער מוזיק פון זיינע לידער, געקאָנט מיינען, אַז ער קומט פון בעסאַראַביע אָדער פון מאָלדאַוויע, ס׳הייסט פון יענע דאָינע־מדינות, ווו דער פּאַסטעך שפּילט אויס דעם אומעט און די בענקשאַפט מיט עפּעס אַזאַ זיסן ניגון, וואָס צעגעמט און נעמט איין, צערייסט דאָס האַרץ מיט טרויער און ברענגט עס אין עקסטאַז מיט פרייד.

אָבער וואָלין איז, כידוע, אויך אַ מוזיקאַלישע יידיש־פּראָווינץ, ווו אונדזער מאַמע־לשון איז וואָס שייך אויסדרוק, אויסשפּראַך און ריטעם פון רעדן, געגאַנגען אין סאַמעט־ווייכע קליידער. אויך דער וואָלינער יידיש איז אויסגעשפּילט פון פּאַסטעכס פייפל און פון כלי־זמרס פידל.

און אויב מיר האַלטן שוין ביי די היפּש ריזיקאַלישע גענעראַליזאַציעס פון יידישן פאָלקס־געמיט על פּי געאָגראַפיע, וויל איך דאָ פאַרצייכענען מיין איינדרוק, אַז אין וואָלינער יידיש איז דאָס פאָלקסטימלעכע און מוזיקאַלישע ווייניקער ערדיש, ווייניקער גוט־רעדעריש און ווייניקער דראַמאַטיש, אָבער דערפאַר אַ סך מאָל שטילער, יחוסדיקער און עפּעס אַזוי פרום, גלייך דעם טעקסט פון די פאָלקס־לידער זאָלן האָבן פאַרשריבן געטובלטע סופרים מיט זייערע געגנדזענע פעדערס און דעם ניגון זאָלן האָבן פאַרצייכנט און אויסגעזוּנגען גאָטפאָרכטיקע בעלי־תפילהס פון בכל דור ודור און פון דור צו דור.

קהת קליגער אַליין שטאַמט נישט בלויז פון אַ לאַנד פון ווייכן, מוזיקאַלישן יידיש, נאָר אויך פון דער פּראָווינץ פון חזנות. עס שטייט פאַרשריבן אין קהת קליגערס ביאָגראַפיע, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ מחבר פון פרום־יידישע ניגונים.

און איבער דער לענג פון זיינע באַלאַדעס און לידער, אָנהייבנדיק פון „געזאַנג אויף דער ערד" ביז צו די פאָלקסטימלעכע דערמאָנונגס־לידער „מיינע

ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן״, איז טאַקע גלייך דער פּאָעט זאָל אויסזינגען ניגונים און זמרלעך פון דער אַלטער יידישער וואָלין און פון זיין חזנישער משפּחה —

א ניגונדל, אַ סטאָלינער ניגון,
כ׳וועל דיר, פרומעטל, זינגען אַצינד.
ס׳האָט אים געזונגען מיין עלטער־זיידע,
ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד.
— — — — — — — — —
זינגט מען אים בציבור, צי ביחידות
פילט מען — דאָס האַרץ אַזשע קוועלט.

מען קאָן בפירוש נישט לייקענען, אַז קהת קליגערס מוזע איז אין זיינע ערשטע זעקס לידער־זאַמלונגען אַ צאַרטע, פאַרבענקט פידעלע, וואָס שפּילט אונדז אַריין אין האַרץ אַריין „אַזשע עס קוועלט״. די דאָזיקע קוועלעניש האָט בלויז אַ ביסל צו פיל סענטימענטאַלקייט אין זיך. סענטימענטאַליזם צעברעכט טאַקע זייער אָפט דאָס האַרץ, אָבער ער דערהייבט נישט אַלע מאָל דאָס געמיט. און דאָס ליד, און בכלל דאָס שעפערישע וואָרט, איז, ווי מיר דוכט, איבער אַלע דעפיניציעס אַריבער אַן ענין פון גייסטיקער, פון נשמהדיקער דערהייבונג.

אין זיין זיבעטן לידער־באַנד אין די „פּייזאַזשן פון ישראל״, האָט קהת קליגער היפּש אָוועקגעשפּאַנט פון דער האַרציקער פידעלע־פּאַלקסטימלעכקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין קליגערס דאָזיקער לידער־זאַמלונג. און דער עיקרשט אין דער ערשטער פריי־פערזיקער אָפּטיילונג „פּייזאַזש״, האָט דעם דיכטער, חלילה, נישט געשאַדט. פאַרקערט, ער האָט דווקא מיט דעם כח פון די ווייס־פערזיקע לאַנדשאַפט־געמעלן היפּש אַרויפגעקלעטערט אויף דער לייטער פון קינסטלערישער דערגרייכונג.

די פּאָעטישע שפּראַך אין די „פּייזאַזשן פון ישראל״ איז אַן אַן ערך מער פאַרהאַרטעוועט (נישט האַרטער), סאָלידער און זעלטן ווען עס בלינקלט אין איר אַ סענטימענטאַלע טרער. די לירישקייט פון די בילדער און פון די טענער כאַפּט טאַקע נישט אָן ביים האַרץ ווי אין די „בריוועלעך צו פרומעטן״, אָבער דערפאַר רייסט זי אָפט מיט: מיט דער געטריישאַפט פון דעם פּאָעטס געמיט צו דער ישראל־לאַנדשאַפט, מיט דער אינטענסיווער זעונג פון די היסטאָרישע שייכותן צווישן די טייכן בוג און לאַ־פּלאַטאַ און דעם ברעג פונעם ים התיכון, און מיט דער, איך וואָלט געזאָגט, מייסטנס מעגלעך געצוימטער התלהבות.

ס׳איז נישט פאַראַן קיין לירישע לאַמענטאַציע און קיין פרייד־צעיאַכמערונג אין קהת קליגערס פּאָעטישער באַגעגעניש מיט דעם אויפקום פון ישראל און מיט דער ישראל־לאַנדשאַפט. ס׳איז דאָרט דאָ בלויז די פייערלעכקייט פון היס־

טאַרישן אַהיימקום און די היימישקייט פון איינעם, וואָס איז געקומען צו פאָרן אויף יום־טוב צו אייגענע.

די ישראל־לאַנדשאַפט ווערט אין קליגערס לידער־געמעלן נישט ראָמאַנטי־זירט, אָבער זי פּאַרלירט גאָרנישט פון איר יום־טוב־ראָמאַנטיק. אַפילו דעמאָלט ווען די פּראָזע פון דער מעכאַניזירטער פעלד־אַרבעט און פון דער שטוב־באַלע־באַטישקייט רייסט זיך אַריין, אַזוי צו זאָגן, אין סאַמע האַרץ אַריין פון דער פּאָעטישער לאַנדשאַפט און פון דער היסטאָרישער דערמאָנונג.

פון דעם דיכטערס צימער —

די אָפענע טיר הוידעט זיך צום גלבוע
און פון דאָרט גרוילט אַראָפּ
אין מיין בלוט אַריין
דאָס ווילד־נאָגלדיקע שאַקאַלן־געוויין.

— — — — — — —

די נאָענטע פּרדסים — הערט מען —
ציטיקן אין די שאָטנס.
פאַרלבנהטע פעלדער העלן אין טוי.

און דאָ אין מיטן פון דעם פּאָעטישן און היסטאָרישן בילד —

דער טראַקטאָר שטאָלט מיט קילן בלוי
צעהאַנגענע העמדער סודען זיך מי יודע וואָס.

אָבער די צעהאַנגענע העמדער שטערן מיט גאָרנישט די ראָמאַנטישע צעזונ־גענקייט פון דעם יידיש־דיכטערס באַגעגעניש מיט די „פאַרלבנהטע פעלדער" און מיט די מיט אַזוי פיל היסטאָרישע זכרונות באַלאָדענע בערג פון גלבוע.

איינס פון קליגערס גרעסטנסטע געמעלן אין די „פייזאַזשן פון ישראל" איז דאָס ליד וועגן דעם הייסן מדבר־ווינט כאַמסין. קליגערס כאַמסין־מאָלעריי איז דאָ גערעטן אי מיט די געפּרעסטע און זייער סוגעסטיווע בילדער —

פון די אָנגעוואָקסענע באַגראָזטע בערגלעך
שיטן זיך זאַמדן, ווי פּריסיק.
איבערן גלאַנציק צעשפּרייטן כביש פון בית שאן —
קיין טראָט, קיין ראָד,
קיין פערד, קיין קעמל —

און אי מיט דער היימישקייט פון דעם דיכטערס יידיש־וואָלינער געמיט אין דער כאַמסין־לאַנדשאַפט. מען לייענט קליגערס ליד „כאַמסין" און מען דערזעט בחוש, אַז אַ יעדער פון אונדז האָט געהאַט צוויי וויגן. איינע איז געשטאַנען אין אַ וואָלינער, אין אַ גאַליציש אָדער ליטוויש שטעטל און די צווייטע אין מדבר

סיני, אויפן וועג קיין כנען. דורך דורות און אָבער־דורות פון „גלינו מארצנו“ איז די ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט, די ארץ־ישראל־פאַונאַ און פלאָראַ טיף אַריינגעוואַקסן אין געמיט פון די יידן אין דעם מזרח־אייראָפּעיִשן בבל.

תנ״ך איז פאַר דעם יידן ביי דער ווייסל, ביי דער ווילִיע, ביים בוג און ביים דניעסטער נישט געווען בלויז אַ הייליק ספר, נאָר אויך אַ ממשותדיקע וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און זיך אויסגעקענט אין אירע שטעט און אין אירע וויסטענישן און האָבן געוואַנדערט איבער אַלע אירע וועגן און שטעגן.

אַ תנ״כישע אַסאָציאַציע איז אין אונדזער מזרח־אייראָפּעיִש יידישן געמיט אַלע מאָל געווען דאָס שוועבעלע, וואָס צינדט אָן עפּעס אַ פאַרבאָרגן ליכט און באַהעלט זעונגען פון דער וויטער פאַרגאַנגענהייט און פון דער נישט וויניקער וויטער צוקונפט.

דער כּאַמסין ביי קהת קליגערן איז —

אַ פויגל קאָפּ אַרונטער,
גייט אויס שטילערהייט, ווי די צווייג,
אַ דאָרן פלאַקערט אויף הילכיק.

דער לעצטער פּערז גנבעט זיך אונטער מיט זיין פייער־קעפּל און צינדט אין אונדז אָן די אַסאָציאַציע צום „סנה בוער באש“, צו דעם לייכטנדיקן סימבאָל פון אַ גייסטיקער שליחות, וואָס האָט געיאָגט דעם יידישן מענטש איבער מדבריות און איבער כיבוש כנען צו אַלע לענדער פון דער וועלט און טרייבט אים איצט צוריק קיין כנען, צום ברענענדיקן דאָרנבוש פון דעם, ווי קליגער פאָרמולירט עס פּאָעטיש טרעפלעך און שיין, „נייוואַכיקן מזמור של ייד“, וואָס אין אים „שטערן־פונקען צעפינקלען דעם איינגעדרימלטן חלום פון פאַרחומשטע דורות“.

די תנ״כישע אַסאָציאַציע, וואָס שווימט פּלוצים אַ נישט־געאָנטע אַרויס פון קליגערס בילדער און פאַרבן און נעמט לייכטן סימבאָליש — דאָס איז קליגערס אַ באַזונדערע כוח אין די ישראל־פּייזאַזשן.

נישט נאָר פון די בילדער, נאָר אויך פון די פאַרבן. אָט איז אַ ליד, ווו קליגער מאָלט „רמת גן אין גרין“. אַלץ זעט דאָרט דער פּאָעט אין גרין און דער וואָרט־פּענזל זיינער לייגט אויף דער לייוונט איין שטיק גרינע פאַרב נאָך דער אַנדערער. „אַפילו די שאָטנס זענען גרין און די לבנה גרינט אַראָפּ“. אָבער פּלוצים עפּעס אַ באַהאַלטן שוועבעלע אין דער גרינער פאַרב, וואָס צינדט אָן די אַסאָציאַציע צו אחרית הימים —

דער גרינער אויגנגלי פון קאַץ
גרוילט נישט אויפן פויגלס
גרינע פעדערן.

א וועלט א גרינע
פון לעבן, שלום, רו.

די לעצטע צווי פּאַרטייטשערישע שורות זענען איבעריק. אויך אָן זיי, און אפשר נאָך בעסער אָן זיי, לויכט שטיל אָבער אינטענסיוו די אַחרית־הימים־וויזיע אויפן פויגלס גרינע פעדערן.

איך האָב געזאָגט, אַז די כלאחר ידיקע אַסאָציאַציע צו היסטאָרישע סימבאָ־לישקייט אין קליגערס ישראל־פּייזאַזשן איז זיינס אַ באַזונדערער כוח. אָבער ס'איז אויך פאַראַן איינע אַ באַזונדערע און בולטע שוואַכקייט אין קליגערס לאַנדשאַפט־געמעלן, וואָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.

דער דיכטער האָט, ווי ס'איז צו זען פון זיינע לידער, אויסגעמאָסטן ארץ־ישראל לארכה ולרחבה, אין דער לענג און אין דער ברייט. ער איז געווען אין עמק אין צפון און אין די ישובים פון נגב אין דרום; ער האָט זיך געבאָדן אין ים ביים ברעג פון נהריה און האָט געהאַלטן שבת אין צפת אויף די בערג פון כנען; ער האָט זיך געפרייט מיט די אינדוסטרי־קוימענס אין די פאָרשטעט פון חיפה און ער האָט אויך באַזוכט די פון יידן אויסגעבויטע ערים ואמהות רמת־גן און עפולה און די פון אַראַבער פאַרלאָזענע און יידיש געוואָרענע שטאָט רמלה.

און צו יעדן אָרט, וווּ ער האָט געווײַלט טעג אָדער וואָכן, פילט זיך קליגער מחויב צו זינגען אַן אָדע און פּרוווט אַיעדן פון די ערטער באַזונדער צו כאַראַק־טעריזירן. און דאָס איז אַ גלוסט, וואָס אַ דיכטער טאָר זיך בפירוש נישט נאָכגעבן און אַ „מאָראַלישע התחייבות", וואָס ער איז פּשוט נישט בכוח נאָכצוקומען. וואָרעם ביי אַזוי פיל אָדעס און כאַראַקטעריזירונגען איז נישט מעגלעך צו האַלטן וואַך די ניואַנסירטקייט פון די איבערלעבענישן און מען קאָן במילא נישט אויסמיידן ווערטער פון רוטין און אַ מאָל אויך פון מליצה.

ווען צפת ווערט כאַראַקטעריזירט ווי די „אויסגעצירטע מלכה שבת מיט געצונדענע בענטש־ליכט אין די אויגן", איז דאָס אַ היפּש רוטינאָווע בילד, אָבער עס איז קלאָר און גיט די סוגעסטיע פון צפת. אָבער ווען „רמלה בלישטשעט מיט שוואַרצאַפּלען, ווי אויסגעשליפענע בריליאַנטן" — בלייבט די דאָזיקע כאַראַקטע־ריסטיק פון דער שטאָט רמלה אָן שום פּלאַסטישער סוגעסטיע פאַרן לייענער. פאַר וואָס האָט דווקא רמלה „בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען"?

תיקון! דערפאַר אָבער אָטעמט מיט דער קלאָרקייט פון עכטער איבערלעבע־ניש און עס רופט אַרויס קנאה און באַוווּנדערונג דער קינסטלערישער צמצום פון דעם ווייס־פּערזישן בילד, אין וועלכן עס וויגן זיך —

מיט קנאָספּן אויסגעפּיקטע איילבירט־ביימלעך,
ווי קליינע יידעלעך,
שטילע יידעלעך,
תימנער יידעלעך,

ש ל מ ה ב י ק ל

מיט פריש־גרעזלדיקע בערדעלעך
דין־צוויגלדיקע פאהלעך
און קליינע קרעפּקע גופּימלעך —
פאַרגראָבענע,
פאַרוואָרצלטע,
פאַרעקשנטע
אין די העל־גילדענע זאַמדן.

אַזעלכע שטאַרקע און גראַטענע געמעלן קאָמפּענסירן פאַר די דאָ און דאָרט איבעריקע פערזן אָדער זייערע אומקלאָרקייטן.

1957

לייזער אייכענראַנד

צוויי לידער־זאַמלונגען האָט דער דיכטער לייזער אייכענראַנד ביז איצט אַרויסגעגעבן. די צווייטע הייסט „ממעמקים" און איז אַרויס אין פּאַריז אין 1953. די ערשטע, ווערן מיר געוווּיר פון אַ מעלדונג אין בוך, איז אַרויס מיט יאָרן צוריק אין ציריך „אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע מיט אַ דייטשער איבערזעצונג" אונטערן נאָמען „הערסטו נישט, יידישע לידער".

אייכענראַנדס לידער פון „הערסטו נישט" זענען צו מיר נישט דערגאַנגען, אָבער איך בין מודה, אַז די „לאַטיינישע טראַנסקריפּציע מיט אַ דייטשער איבערזעצונג" פון דעם דאָזיקן ערשטן בוך האָט מיר פאַרהאַלפן צום ביסל קריטישע קלאָרקייט וועגן דעם דיכטערס צווייטן בוך „ממעמקים".

די לידער פון „ממעמקים" זענען געדרוקט יידיש מיט יידישע אותיות און ווערן נישט באַגלייט פון קיין דייטשער איבערזעצונג, אָבער פון דעסטוועגן האָט מען דאָס געפיל, אַז עפּעס אַ פרעמדקייט הויערט איבער אַלע פינף אָפּטיילונגען אין בוך, כ׳מיין מען קאָן זיך נישט באַפרייען פון אַ צודרינגלעכן איינדרוק (ווי אומ־באַרעכטיקט אין עצם דער איינדרוק זאָל נישט זיין) אַז אייכענראַנדס לידער און סאָנעטן זענען נישט אָריגינעל יידישע, נאָר אַז זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, בלויז „טראַנסיידישט" געוואָרן פון אַ פרעמדער פּאָעטישער וועלט.

נישט וואָס לייזער אייכענראַנד זאָל נישט האָבן קיין יידישע מאָטיוון אין זיינע לידער, אָדער ער זאָל על־פּי זיין וועלט־בילד אָדער וועלט־אָנשויונג זיין אומיידיש. פאַרקערט. אַן עיקר־מאָטיוו אין אַ גרויסן טייל פון אייכענראַנדס לידער איז דער געקלאָג איבער דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז באַפאַלן דאָס יידישע פאָלק אין אונדזער דור, דער געקלאָג איבער „דאָס געטאָ ברענט" און איבער די יידישע ברי־דער און שוועסטער, וואָס „מען פירט זיי צום שחיטה־פּלאַץ".

און אַ הויפּט־מאָטיוו אין אייכענראַנדס לידער און סאָנעטן איז אויך זיין יידישער אַרויסרוף צום אַכזריותדיקן תליך, צו דער גלייכגילטיקער וועלט און צו דער פאַרשטיינערטער רו פון גאָט.

צום רוצח רעדט דער דיכטער מיט פייַנפולן שפּיל פון איראָניע —

זע, איך בין אַלט צוויי טויזנט יאָר און שווייג;
ווייסע קרייצן שלאָגן מאָרגנס אויף יעדער צווייג —
אַ, טונקל רוישט שוין ווידער אין מיין קאָלט געהער;
אויף וויפל ווינטן דונערט דיין טויטער טריט אַהער?

צו דער גלייכגילטיקער וועלט טענהט דער פּאָעט און זאָגט, אַז —

אין אונדזער קלאָגן פאַרלעשן זיך תקופות און צייט
און מיר זיינען צווישן פעלקער די גרויסע איינזאַמקייט

און ביי גאָט בעט זיך דער דיכטער —

אַדוני, אַנטפּלעקט מיר דעם זין, דעם לעצטן סך־הכל —
די צוויי טויזנט יאָר אויף מיין גומען זענען ביטער ווי גאַל.
— — — — — — — — — — — —
אין דיין שווייגן צו רוען איז טיפער ווי אין טויט,
יעדע נאַכט קומען די פאַרגאַזטע עסן פון מיין טיש דאָס ברויט.

און די צוויי טויזנט יאָר אויפן גומען, וואָס זענען ביטער ווי גאַל זענען באמת נישט קיין מליצה ביי אייכענראַנדן. אויף וויפל די דאָזיקע יידישע גורל־ביטערקייט האָט דעם כוח זיך דורכצורייסן דורכן דיכטערס אינטעלעקטואַליסטיש־אַבסטראַקטע בילדער און אימאַזשן, דערגייט זי צום לייענער אַפילו אין אייכענראַנדס סאַמע אַבסטראַקטע לידער פון דעם ציקל „יידישער סאָנעט“.

וואָס־זשע האָב איך געמיינט צו זאָגן, ווען איך האָב ביים אָנהייב פון מיינע באַמערקונגען דערמאָנט אייכענראַנדס פרעמדע פּאָעטישע וועלט? איך האָב אין זינען געהאַט די מערקווירדיקע דערשיינונג פון אַ יידיש־דיכטער אין 1953, וואָס הינטער אים שטייט נישט די גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג פון די לעצטע פופציק יאָר — די יידיש־פּאָעזיע.

לייזער אייכענראַנדס לידער און סאָנעטן, וואָס זענען געשריבן יידיש און טענהן יידיש, לעבן יידיש־קינסטלעריש ווי אין חלל. זיי מאַכן דעם איינדרוק גלייך זייער דיכטער און זאָגער זאָל זיך קיינמאָל נישט האָבן באַגעגנט פּאָעטיש מיט די אַלע געזאַנגען, רייד, טענות און תפילות, וואָס זענען געזונגען און געזאָגט געוואָרן אין דער יידישע פּאָעזיע פון אברהם רייזען ועד הנה.

לייזער אייכענראַנד איז אַ דיכטער, וואָס זיין מאָטיוו און זיין שפּראַך זענען יידיש, אָבער זיין ניגון איז דער ניגון פון דער דייטשער קולטור־אַטמאָספער, דער ניגון פון דער דייטש־אינטעלעקטואַליסטישער סביבה.

פון דער דאַזיקער דיסהאַרמאָניע צווישן אייגענער שפּראַך און פרעמד־פּאָע־טישער סביבה נעמט זיך דאָס, וואָס אייכענראַנדס לידער זענען צו דער זעלביקער צייט אי היפּש ראַפינירט און אי אומבאַהאָלפן. און די אומבאַהאָלפנקייט קומט נישט בלויז צום אויסדרוק אין דער אָרעמער לעקסיק, אין דעם מאַנגל פון אַדיעקטיוון (אייכענראַנדס איבערחזרונג פון די אַדיעקטיוון און אַדווערבן: קיל און פּראָסטיק דערגייט ממש ביז גראָטעסק) און אין וואָרט און זאַץ־דייטשמעריזמען, נאָר דער־עיקרשט טאָקע אין דער אַבסטראַקטקייט פון בילד און אימאַזש.

די דאָזיקע אַבסטראַקטקייט ביי אייכענראַנדן איז, לויט מיין פעסטן איינדרוק, נישט קיין רעזולטאַט פון אייגענעם פּאָעטישן געמיט ווי ביי אַ טייל פון אונדזערע אינטעלעקטואַליסטישע יידיש־דיכטער, נאָר דער רעזולטאַט פון יידיש־פּאָעטישער סביבהלאָזיקייט.

די אַבסטראַקטקייט פון אייכענראַנדס לידער און אימאַזשן נעמט זיך פון זיין נישט פאַרוואָרצלטקייט, פון זיין נישט אַריינגעטוענקייט אין דער יידיש־פּאָעטישער שפּראַך, אין דער נייער און אויך אין דער אַלטער. אין אייכענראַנדס לידער איז פאַראַן די גורל־ביטערקייט פון די צוויי טויזנט יידישע יאָר, אָבער נישט אויך זייער קולטור־זיסקייט.

און פון דער דאָזיקער יידיש־פּאָעטישער סביבהלאָזיקייט שטאַמט אויך די קילע טעמפּעראַטור פון אייכענראַנדס לידער. אייכענראַנד איז אַ וואַרעמער ייד. ער איז גרייט צו פעכטן פאַר דער יידישער אידעע און ער דערפּילט אַפילו ווען אַזאַ איינער ווי דער „נאָבל"־פּרעמירטער שרייבער און איידעלער הומאַניסט הערמאַן העסע ווערט ערגעץ ווו אומגערעכט צו דער יידישער אידעע. אָבער ווען עס קומט דערצו דיכטעריש אַרויסצוברענגען די יידישע טענה און דעם יידישן קלאָג־אימאַזש זענען אייכענראַנדס ווערטער קאַלטע, ווייל נישט אויסגעוואַרעמטע אין דער אַט־מאָספער פון יידישן פאָלק אַרום זיך און אויך נישט אָנגעוואַרעמטע אין דער טראַ־דיציע פון יידיש־פּאָעטישן לשון אין זיך.

און דאָס איז אַ שאָד אי פאַר אייכענראַנדן און אי פאַר דער יידיש־דיכטונג.

ראשית, בין איך כמעט ווי זיכער, אַז מיר האָבן אין דער לידער־זאַמלונג „ממעמקים" צו טאָן מיט אַן אויטענטישן און, ווי געזאָגט, היפּש ראַפינירטן דיכ־טער. סיי אויף דער אויטענטישקייט און סיי אויף דער ראַפינירטקייט פון אייכענ־ראַנדס דיכטונג זאָגן עדות צווישן אַנדערע לידער, סטראָפעס און שורות אַזעלכע לידער ווי „אידיליע" און דער עיקרשט „ביי דער ירמיהו־סטאַטוע אין אַלט־זשענעווע" ווו דער דיכטער ווענדט זיך צום יידישן נביא אין שטיין און זאָגט —

דו אָבער שטייסט אַזוי פאַרשוויגן און גרויס
אין רגעס שוועבנדיקע צווישן סוף און באַגין
ווי אַ גואל אַ באַפרייטער פון זיך און צייט
וואָס איז אַליין דער סוד און דער לעצטער זין.

שנית, ווייס איך, אַז דער דיכטער לייזער אייכענראַנד האָט פאַרענדיקט זיין גלות ציריך און אַלט־זשענעווע, וווּ עס האָט זיך ביי אים אויפגעהיט בלויז די גורל־ביטערקייט פון די צוויי טויזנט יידישע יאָר און ער האָט זיך נאָך עטלעכע יאָר גלות אין בוענאָס־איירעס באַזעצט אין דער היים, אין תּל־אביב, וווּ עס וועט אים אַן אָרט לייכטער זיין זיך איינצוואָרצלען אין דער קינסטלערישער טראַדיציע פון אונדזער וווּנדערלעכער יידיש־פּאָעזיע, וואָס האָט לויט איר איכות אַלע שאַנסן אַלט צו ווערן אין יידישן קולטור־זכרון צוויי טויזנט יאָר, און אויב נישט נאָך מער.

1954

מ. מ. שאַפּיר

מ. מ. שאַפּירס ערשטע זאַמלונג לידער „אַ סטעזשקע" איז דערשינען אין מאָנטרעאָל, אין 1940. איצט, דריי און צוואַנציק יאָר שפּעטער, האָט דער דיכטער אין דער זעלבער קאַנאַדער עיר ואם אַרויסגעגעבן זיין צווייט בוך לידער „איך קום אַהיים".

און דער מהלך פונעם ערשטן בוך צום צווייטן איז, ווי איך זע דאָס, דער גאַנג פון סענטימענטאַליזם צו האַרציקייט.

דער גרונט־מאָטיוו פון „אַ סטעזשקע" איז די בענקשאַפט צום שטעטל אין דער „אַלטער היים" און דער טאָן פון שאַפּירס ליד, וואָס זינגט וועגן דער דאָזיקער בענקשאַפט איז דער פאָלקס־לידערישער נוסח, די פאָלקס־לידערישע נישט־געצוימטקייט פון געפיל. דער דיכטער אַליין האָט ערגעצוווּ דערשפּירט זיין פאַרבונדנקייט, זיין צופיל־פאַרבונדנקייט מיט דעם פאָלקס־ליד און ער זאָגט וועגן זיך אין יענעם ערשטן בוך זיינעם —

דאָס פאָלקס־ליד ווישט אַראָפּ פון מיר
די שטומקייט און די בלינד;
איך הייב אָן נאָכצופלאַפּלען
אַזוי ווי אַ מאַמען אַ קינד...

„נאָכצופלאַפּלען" איז אפשר אַ צו שטרענגער אויסדרוק, וואָס דער בטבע זייער באַשיידענער דיכטער שאַפּיר, נוצט קעגן זיך אַליין, אָבער דער אמת איז, אַז ער איז אין די לידער פון „אַ סטעזשקע" אַזוי נאָענט צום פאָלקס־ליד־נוסח סיי אין דער פאָרעם און סיי אין דער געפיל־צעשוווּמענקייט, אַז דאָ און דאָרט ווערט פאַרווישט די גרענעץ צווישן מ. מ. שאַפּירן, דעם יחידישן פּאָעט און שאַפּירן, דעם שאָצער מינעזינגער.

איך זאָג „שאָצער מינעזינגער״, ווייל ווען איך לייען אין „אַ סטעזשקע״ אַזעלכע שורות, ווי —

נו, פלי זשע, פלי, מיין בריוועלע
גלייך, גלייך צו מיין שוועסטער;
זאָג איר, אַז פון אַלע פריינד
איז זי מיר דער בעסטער,

דערמאָן איך זיך אין דעם אַלטן, בלינדן פאָלקס־פּאָעט מאַקסביינער פון שאַפּירס היימשטאָט שאָץ (סוטשאַוואַ) און אין דעם נוסח פון זאָגן און זינגען זיינע לידער. דער אַלטער מאַקס ביינער, וואָס איז געשטאָרבן אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט געדרוקט אַ טייל פון זיינע געזאַנגען אין דער טשערנאָוויצער פּועלי־ציוניסטישער „פרייהייט״ אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר פייוול שטערנבערג ז״ל און דערנאָך אונטער דער רעדאַקציע פון דעם שרייבער פון די שורות. איך האָב מיר שוין נישט איין מאָל פאַרגענומען אויפצוזוכן ביינערס לידער און זיי צונויפזאַמלען צווישן טאָוולען — שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דער טייל פון דער בוקאָווינע צו דרום פונעם טייך סערעט, וואָס געהערט היינט צו רומעניע, האָט אַרויסגעבראַכט בלויז עטלעכע געציילטע יידיש־שעפער. אַחוץ דעם פּראָזע־שרייבער ברוך האַגער און די דיכטער אברהם רינצלער (היינט אין ישראל) און מ. מ. שאַפּיר, דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם קובי וואָל, וואָס האָט געשריבן מייסטנס דייטש, און מען טאָר נישט אויסלאָזן דעם שאָצער טרובאַדור מאַקס ביינער. אָבער אין מ. מ. שאַפּירס „אַ סטעזשקע״ זענען דאָ ביינערס קלאַנגען נישט ווייניקער ווי טענער פון מאַרק וואַרשאַווסקי.

שאַפּיר ווייסט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרייסן פון דער פאָלקס־לידערישקייט און פון פאָלקס־ליד־זינגער, כדי צו דערגיין צו זיך אַליין, צו זיין אייגענעם יחידישן טאָן און ער מאָנט נאָך אין דער ערשטער זאַמלונג ביי זיין ליד, אַז —

הער זיך צו צו ראָזענפעלדס
און באָוושאָווערס געזאַנגען
הערפּט זיך צו צו זיי, מיין ליד.

איך מוז זאָגן, אַז גוט האָט געטאָן שאַפּערס ליד, וואָס האָט דעם דיכטער נישט געפאָלגט און האָט זיך נישט באַהערט נישט מיט ראָזענפעלדס און נישט מיט באָוושאָווערס געזאַנגען. ווען שאַפּיר זאָל געווען אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע צוויי דיכטער, וואָס זענען היפש פרעמד צו זיין געמיט, וואָלט דאָס געווען אַ נייער מכשול אויף זיין פּאָעטישן וועג צו זיך אַליין.

שאַפּירס ליד האָט געהאַט אַ געזונטן, שעפערישן אינסטינקט. עס איז טאַקע היפּש אָוועק פון דעם פאָלקס־לידערישן סענטימענטאַליזם אין „אַ סטעזשקע״. דאָס ליד האָט זיך אָבער אויך אויסגעהיט פון אַזאַ פרעמד־געמיטיקער השפּעה

ווי ראָזענפעלדס און עס האָט אין שאַפּירס נייעם בוך „איך קום אַהיים" געכאַפּט זיין אייגענעם טאָן, דעם טאָן פון פאָלקסטימלעכער האַרציקייט.

דאָס וואָרט „האַרציק" נוץ איך דאָ אין אַ טאָפּלטן זין. קודם כל אין זין פון ווערטער, וואָס עס ווערט אין זיי אַריינגעלייגט האַרץ און נשמה, וואַרעמקייט און געטריישאַפט און דערנאָך אין דעם מיין פון באַהאַרצטקייט, אין דעם מיין פון אַ געמיט־צושטאַנד, וואָס איז טאַקע וואַרעם, אָבער פאַרמאָגט אויך פעסטקייט און איז זיכער און דירעקט מיט זיין אויסדרוק.

דער דאָזיקער איבערגאַנג פון פאַרטרערטן סענטימענטאַליזם צו דעם קלאַנג פון רייד, וואָס זענען וואַרעם און האַרציק און האָבן אין זיך מענלעכע באַהערשטקייט, איז מן הסתם קודם־כל אַרויסגעוואַקסן פון דעם געביטענעם גרונט־מאָטיוו אין דער נייער לידער־זאַמלונג.

אין „אַ סטעזשקע" איז, ווי געזאָגט, דער דאָזיקער גרונט־מאָטיוו געווען בענקשאַפט בעת אין „איך קום אַהיים" איז דער הויפּט־סוזשעט די זעונג פון חורבן. אונדזער גרויליקע צייט פון אומקום האָט דעם דיכטער אָנגענומען ביי דער האַנט און אים מיטן אַנזאָג פון ביאַליקס ווערטער „שמיד אויס אַ האַרץ, דו מענטש, און קום" געפירט „אַהיים" און פאַר אים באַוויזן דעם חורבן.

די זעונג פון חורבן האָט דאָס אַריינגעגעבן מעטאַל אין שאַפּירס ווערטער. דער ערשטער, וואָס קומט דעם דיכטער אַנטקעגן אויף די חורבות פון זיין יידישער היים איז דאָס פויערל, און שאַפּיר ווענדט זיך צו אים מיט שאַרפע און דירעקטע אַנקלאָג־רייד —

> אַ, פויערל וואָס איך האָב דיך אַזוי באַנעבעכט —
> איז זאָג זשע מיר, אַז דער דייטשוק האָט דיר דערלאַנגט אַ מעסער
> און האָט אין אויער דיר געברומט: מע מעג שוין קוילען יידן —
> האָסטו פאַרלאָזט די לעמעלעך אין מיטן זייער פּאַשע,
> און האָסט אין מיטן אַקערן אַוועקגעלייגט דעם רידל,
> און אין דער פאַזעכע דאָס דאָינע־פייפעלע באַהאַלטן —
> און ביסט געקומען און האָסט געקוילעט.

און דער דיכטער איז נישט בלויז אַנטוישט, וואָס אַ מענטש, וואָס זינגט צאַרטע דאָינעס, ווי דער רומענישער פויער, קאָן נעמען אַ האַק אין האַנט און ווערן אַ מאַסן־מערדער, נאָר עס איז אויך שווער צונויפצופּאָרן דעם חורבן פון זיין פאָלק מיט דעם אייגענעם קלאָג־ליד. שאַפּיר האָט איצט דעם פּאַעטישן כוח נישט בלויז אָנצוקלאָגן „דאָס פויערל", דעם צאַרטן זינגער פון דער דאָינע מיט דעם דייטשוקס מעסער אין האַנט קעגן יידן, נאָר אויך צו מוסרן זיך אַליין, דעם באַזינגער פון דעם יידישן חורבן און צו וואַרפן זיך אין פּנים אַריין אַזעלכע סאַרקאַסטיש־ביטערע ווערטער —

מיין אָפּגעמעקטער שטאָם, דו מעגסט אַצינדערט שטיל שוין ליגן.
כ׳האָב וועגן דיר פאַרפּאַסט אַ ליד און צוגעפּאַסט אַ ניגון
דער טיליקער, דער כאָם, וועט מער אויף דיר קיין האַק נישט הויבן.
מיין ליד וועט אים פאַרשעמען טיף — און וועט מיין נאָמען לויבן...

עס איז דאָס פּראָבלעם פון אַלע אומגליק־עלעגיקער אָנהייבנדיק פונעם גרויסן מייסטער־מחבר פון „איכה ישבה״ און ביז צו די באַשרייבער און באַקלאָגער פון דעם חורבן אין אונדזער דור. זיי, די עכטע צווישן זיי, פילן דעם פיינלעכן ווידער־שפּרוך צווישן דעם חורבן און זייער געקלאָג און געזאַנג וועגן חורבן. עס איז אין די קלאָגערס פאַראַן אַ שפּירונג, אַז מיט זייער פּאָעטישן וואָרט זענען זיי מחלל די הייליקייט פון די קרבנות, ווייל זייער געזאַנג פאַרדינט דעם לויב און די גלאָריע אויפן חשבון פון חורבן און אומקום. די דאָזיקע שפּירונג קומט צום אויסדרוק ביי אַ טייל פון די וויכטיקסטע דיכטער אונדזערע און עס איז גוט צו טרעפן דאָס דאָזיקע געפיל אויך ביי אַ דיכטער ווי מ. מ. שאַפּיר, וואָס האָט אין זיין נייעם לידער־בוך ערשט אָנגעהויבן צו גיין צו זיך, אויפן ריכטיקן וועג זיך צו געפינען.

אַזעלכע גוטע און עמאָציעפולע און שוין פעסטע שורות קויפן צום טייל אויס די אַלע לידער מיט די „פייגעלע פלי מיר״ און די כלערליי בריוון און בריוולעך און שורות פון בריוון, וואָס זענען נאָך פאַראַן אין אַ געוויסער צאָל אויך אין שאַפּירס נייער לידער־זאַמלונג „איך קום אַהיים״.

שאַפּיר געהערט צו די דיכטער, וואָס עס איז ביי זיי גרינג צו געפינען די השפּעות פון אַנדערע. אַוודאי איז גערעכט מלך ראַוויטש, ווען ער זאָגט אין זיין הקדמה, אַז השפּעה פון איין דיכטער אויפן אַנדערן איז אַ געוויינלעכער ענין. אָבער מיט דיכטערישן איינפלוס דאַרף געשען ווי מיט יענע זיבן חומשדיקע מאָגערע קי, וואָס האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע און מען האָט אין זיי גאָרנישט דערקענט. טאָמער זעט זיך אָן די השפּעה און זי איז צו קאָנטיק, איז בעסער זיך אָן איר צו באַגיין.

ביי מ. מ. שאַפּירן איז היפּש קאָנטיק די השפּעה פון איציק מאַנגערן אין אַזעלכע לידער, ווי „די בלייכע גראַפיניע״, „ווער האָט מיין ווייטיק אויסגע־טראַכט״ און „באַלאַדע פונעם גאַס־לאָמטערן״, וואָס סיי דער נאָמען און סיי —

די נאַכט האָט זיך שוין צוגעשאָרט
אַ גאַסן־מיידל שטייט און וואָרט

איז, ווי זאָגט מען דאָס, מאַנגער מיט די ביינער.

מ. מ. שאַפּיר אַליין איז מיט זיינע „אייגענע ביינער״ צום בעסטן, דאַכט מיר, אין זיינע צוויי אידיליעס וועגן דער „באָבע רויזע״ און „דודיע בלעכער״. דאָ זעט מען בחוש ווי דעם דיכטער איז געלונגען זיך אָפּצורייסן פון סענטימענטאַ־

ליזם און זיך צו דעטאַשירן קינסטלעריש פון די געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט פאַר אונדז, און אַזוי אַרום צו דערגרייכן אַ טאָן, וואָס איז האַרציק־נאָענט, אָבער געגנוג ווייט, אַז דער פּאָעט זאָל נישט פאַרלירן זיין יחידיש־דיכטערישן אויסזען.

פון „אַ סטעזשקע" ביז „איך קום אַהיים" זענען טאַקע פאַרביי מער ווי צוואַנציק יאָר, אָבער אין די צוויי צענדליק יאָר איז דער דיכטער שאַפיר אָפּגעגאַנגען אַ גרויס שטיק וועגס צו זיך אַליין, כ'מיין, צו יחידישער דיכטונג.

אַ נייער דיכטער ירמיה העשעלעס

ירמיה העשעלעס דרוקט שוין לידער אַ קימא לן צוואַנציק יאָר און עפּעס מער, אָבער צונויפגעזאַמלט זיינע לידער אין אַ בוך האָט ער איצט צום ערשטן מאָל. און צווישן די טאָוולען פון אַ בוך איז העשעלעס בפירוש אַ נייער דיכטער.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין בוך זענען אַ שפּאַר ביסל פון העשעלעס שווערע לידער, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו לייענען פאַר די לעצטע צען, צוועלף יאָר, גאָר נישט אַזוי שווער און גאָר נישט אַזוי אומקלאָר. און דער עיקרשט ווערן מיר געוווּיר, אַז די לידער מיט ווייטע פרעמד־ווערטערדיקע נעמען און מיט אַ שפע פון טערמינען אויף אַ ברייטן שטח פון גייסטיקע געביטן ווי קבלה, מוזיק, ביאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק און אַטאָמישער פיזיק, זענען נאָך נישט דער גאַנצער העשעלעס.

אַחוץ דעם פּאָעט העשעלעס, וואָס גיט איבער זיין זעונג וועגן איידער־אַנהייב פון באַשאַף, ווען —

> זיך י' פון תמצית־וועגט
> אַרויסגעריסן: און אויף בלאַנקן דף
> געפּעדערט פון נקודה ביז צו קו:
> דערנאָך געשפּרייט אין שטח — און צום ענד
> געקעסטלט זיך אין דריי־מאָס.

איז אויך פאַראַן אַ דיכטער העשעלעס, וואָס קאָן אַזוי פאָלקסטימלעך אַ זינג טאָן —

> גערעגנט האָט אין שטעטל און געשנייט
> ווען איך האָב דיך צום לעצטן מאָל געזען.

שלמה ביקל

ביסט ווי אַ סאָסנע שלאַנק און שמאָל געווען
ווען האָסט מיט טרערן מיך אַרויסבאַגלייט.

אַוודאי האָט וועגן רעגן אין שטעטל, וועגן „רויטן מאַן", וועגן „שער און אייזן" און וועגן דער באָבע, וואָס „וויקלט גרויען פּאָדים און זעצט זיך זאָקן שטריקן" און ענלעכע מאָטיוון אין פאָלקס־טאָן געזונגען דער יונגער העשעלעס אין די דרייסיקער יאָרן. דער פּאָעט מיט די דערפאַרונגען פון מלחמה און חורבן און מיטן אויסגערייפטן געפיל פון שפּעטרישער שליחות האָט זיין ליד אַלץ מער און מער איבערגעענטפערט צום אַריינטראַכט וועגן די פּראָבלעמען פון „מאָין" אין „לאָן" און וועגן —

וויפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך בין!

אָבער, ראשית, זינגט דער פאָלקס־טאָן אויך אַריין אין העשעלעס שפּעטערע לידער. איר באַגעגנט אים אין אַזאַ ליד ווי „אפילו סאָקראַטעס" און אין אַנדערע לידער פון די אָפּטיילונגען „סאַטיריקאַן" און „אייגנליכט", וואָס זענען געשריבן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און שנית, און דאָס איז דער עיקר, אין די „סאָנעטן פון תוהו ובוהו" אַנט־פּלעקט זיך פאַר אונדז אַ לעבעדיקע און פילפאַרביקע דיכטער־געשטאַלט. פון די איינצלנע לידער, וואָס העשעלעס האָט געדרוקט פאַר די לעצטע צען, צוועלף יאָר, האָט זיך אָפּט באַקומען דער איינדרוק פון אַ חקרן מיטן פינגער ביים שטערן, וואָס האַלט אַלע פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת זיך אין זיין ליד אין קלעם פון אַזעלכע פראַגעס —

אין סאַראַ פּונקט פון רוים
צייטווייליק איך? צי שאָר איך זיך ביים זוים
פון מילכוועג, אין ספּיראַל.

אין דער סאָנעטן־זאַמלונג מיט אירע כמעט דורכויס על פּי מאָטיוו גע־סדרטע דרייצן אָפּטיילונגען איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן די פיגור פון אַ דיכטער, אַ זונדערלינג, און עס האָט זיך באַוויזן אַ פיל־געשטאַלטיקער פּאָעט מיט אַלערליי שטימונגען, נאַכטראַכטענישן און געמיט־צושטאַנדן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין לידער פון ליבע און פון סאַטירע, אין געזאַנגען מיט אַ פאָלקסטימלעכן ניגון און אין אידילישע געמעלן מיט איראָנישע חורבן־מוסר־השכלס און, דער עיקרשט, אין לידער פון געדאַנקלעכער ליריק.

„סאָנעטן פון תוהו ובוהו" זענען, אַזוי מעג מען זיך משער זיין, נישט קיין זאַמלונג פון אַלע, אָדער די מייסטע לידער, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין משך פון די עטלעכע צוואַנציק יאָר, נאָר גיכער אַן אַנטאָלאָגיע, אין וועלכער ער האָט אָפּגעקליבן דאָס בעסטע פון די כל המינים לידער אויף כלערליי מאָטיוון

און שטימונגען, וואָס האָבן זיך ביי אים אָנגעזאַמלט אין משך פון כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט.

אין וועלכע לידער פון דער אַנטאָלאָגיע איז העשעלעס קינסטלעריש צום שטאַרקסטן? עס איז קיין ספק נישט, אַז זיין פּאָעטישן כוח ווייזט דער דיכטער העשעלעס אַרויס נישט אין די לידער פון פאָלקסטימלעכן ניגון און אַפילו נישט אין די אידילישע געמעלן, נאָר דווקא אין די לידער פון געדאַנקלעכער ליריק.

די לידער אין אַזעלכע אָפּטיילונגען, ווי „קדמון", „האַרבסט־גרוי", „אייגנ־ליכט" און „העדאָניקאַ", זענען נישט בלויז געדאַנקלעך און עמאָציאָנעל די רייפערע, נאָר זיי לעבן זיך אויך צום בעסטן צונויף מיט דער פייערלעכער סאָנעט־פאָרעם און זענען אַזוי אַרום די האַרמאָנישסטע. און אויב ס'זאָל זיין די רייד פון מוזיקאַלישקייט, פאַרמאָגן דווקא אָט־די געדאַנקלעך־ און מאָראַליש־חקירה־דיקע לידער אַ געוויסע אייגענע מוזיק.

אין די ליבע־לידער (עראָטיקאַ) און אין די לידער פונעם אָפּגעגאַרטן שניידערגעזעל איז די מוזיקאַלישקייט אַן אָנגעווייטע פון דרויסן, אַן אָנגע־ווייעטע פון דעם געקלאָג און פון דעם זעלבסט־רחמנותדיקן געקרעכץ.

אָבער אין אַ ליד ווי „אַלעגראָ", ווו —

מיר שפּרייזן צווישן קאָרן מיט מונטערן געזאַנג
און לידער פלעכטן זיך אין קלאָרן זאַלבערזאַם,

אָדער אין אַזעלכע מיט אָריגינעלער בילדערישקייט אָנגעלאָדענע שורות פון דעם ליד „בלאַט פון אַ לוח" —

מעת לעתן וואַרפן אָפּ ביים ברעג די וואָג
און קייקלען זיך אַוועק ווי הוילע ניס.
די צייט צעקנאַקט זיי מיט איר האַרבן ביס
און שפּייט די שאָלעכץ אין געאיילטן יאָג —

אין אַזעלכע לידער איז פאַראַן אַ געוויסע אינעווייניקסטע, אייגענע נגינה, וואָס האָט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם ריטעם פון דעם פּאָעטס איבערלעבענישן און איבערטראַכטענישן.

דאָ איז דאָס אָרט צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן העשעלעס פּאָעטי־שער שפּראַך. איר חסרון איז וואָס, ווי סאָליד און אויפטועריש זי זאָל נישט זיין, פעלט איר גלאַנץ. ס'פעלט איר דער כישוף, וואָס מאַכט אַ סך מאָל דעם לייענער ליב צו האָבן דעם דיכטערס וואָרט, איידער נאָך ער הערט זיך איין וואָס ס'האָט צו זאָגן.

און אַ מאַנגל פון העשעלעס שפּראַך איז אויך, וואָס זי מוז אָנקומען דאָ און

דאָרט צו וויסנשאַפטלעכע טערמינען און דווקא נישט קיין טאָג־טעגלעכע, נישט קיין עובר לסוחרדיקע. איך זאָג: זי מוז, ווייל לייענענדיק העשעלעס „שווערע לידער" האָט מען דעם פעסטן איינדרוק, אַז בלויז דאָרט, ווו דער דיכטער האָט נישט צו דער האַנט דאָס וואָרט־בילד, העלפט ער זיך אַרויס מיט דעם וואָרט־באַגריף. איך מיין צו זאָגן: דאָרט ווו דער געדאַנק איז אים בלויז געדאַנקלעך קלאָר, אָבער נישט געווּנג קלאָר על פי פּאָעטישער ווייזע — קומט העשעלעס אָפּ זיך און אונדז מיט אַ טערמין פון דער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, ווו ער, אַ ייד א יודע ספר, איז ווי ביי זיך אין דער היים.

בדרך כלל זעט דער פּאָעט העשעלעס זיינע געדאַנקען אין בילדער, און טאַקע אָט די בילדער־זעונג מאַכט דעם יודע ספר פאַר אַ דיכטער.

דעם דיכטער, דעם בילדער־זעער צום אונטערשיד פונעם באַגריפן־טראַכטער האָט העשעלעס אַליין ריכטיק און זינפול באַצייכנט אין דער פראַגע, וואָס מיט איר הויבט זיך אָן זיין ליד „טאָפּלטייטש" —

וועך האָט מיט ערשטן מעטאַפאָר פאַרבונדן
מיט כוואַליעס — שאָף, און מיט א לייב — דעם העלד?

דער ענטפער דערויף קען נאָר זיין אַן איינדייטיקער.

*

צו העשעלעס פּראָזאַדישע אויפטועו געהערט, לפי דעתי, די געלינגשאַפט אויסצוזוכן און טייל מאָל אויפן וועג פון שפּראַכלעכער כירורגיע צונויפצוזאַמלען אין זיינע לידער, און ווו מעגלעך צו גראַמען, הויפטווערטער מיט האַרטע מענלעכע ענדונגען.

פון סאַמע ערשטן ליד אין בוך גייען געשפּאַנט אין גראַם „וווין" מיט „לוין", „המון" און „דערשטוין", „שוועל" מיט „ווילגעפעל", „זשאר" מיט „שכר", „באַשאַף" מיט „דף" און „שם" מיט „קלעם" און הונדערטער זייערס גלייכן, וואָס שפּרייטן דער עיקרשט איבער די געדאַנקען־לירישע לידער אַן אַטעם פון חקירהשן ערנסט און פון טראַכטערישן עול.

גוטע און אָריגינעלע גראַמען זענען ביי העשעלעסן נישט קיין זעלטנקייט. פון די גערעַטנסטע וועל איך דערמאָנען: „פלאַמיק פלייש", וואָס די טעמפּעראַטור דערפון ווערט סופּערלאַטיוו אַרויפגעשרויפט דורכן גראַם מיט „אש אוכלת אש"; און דער „אומבאַזוכטער אומעטום", וואָס באַרעכטיקט און פאַרשטאַרקט דעם דיכטערס בענקשאַפט דורכן גראַם „זאָגט מיר: קום", און דער אַ ביסל גאַליציש־רעגיאָנאַלער, אָבער טיפער יידיש־גורלדיקער גראַם פון „הילעכט דורך גאַסן פאַרשטאַרטע" מיט „גיי לעבודת הבורא, כי לכך נוצרת".

פון העשעלעס „חידושי לשון“ וויל איך דאָ דערמאָנען: „באַגוף אונדזער געביין מיט פלייש“; „דיר וויזט דעם וועג דיין דיינסטער שיין“; „איינגעדיבוקט זיך אין מיר“; „גרויל תכריכימט אין מיין גוף“.

די פיר זענען אַ ביישפּיל פּאַר אַ שפּאַר ביסל אַנדערע נישט ווייניקער געראָטענע.

העשעלעס „סאָנעטן פון תוהו ובוהו“ זענען, ווי שוין דערמאָנט, אין תוך נישט אַזוי אַ זאַמלונג לידער פון אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, ווי אַן אַנטאָלאָגיע פון ליד־מוסטערן פאַר דער צייט פון אַן ערך פינף־און־צוואַנציק יאָר.

די אַנטאָלאָגיע איז געבויט טעמאַטיש און נישט כראָנאָלאָגיש און זי גיט דערפאַר ווייניקער אַ בילד פון העשעלעס קינסטלערישער אַנטוויקלונג און שפּיגלט מערער אָפּ דעם אויסשפּרייט פון דעם דיכטערס מחשבות, חקירות און שטימונגען.

און די „צייכנס און וועגשטאַנגען“ (רעדנדיק אין לשון פון ירמיה, דעם נביא), וואָס ירמיה העשעלעס האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף זיין פּאָעטיש־געדאַנקלעכן וועג אין די „סאָנעטן פון תוהו ובוהו“, הויבן זיך אָן מיט דער געוויסהייט פון בן־אדמס עפּר ואפרדיקייט און פון נישטאָ קיין חילוק אין קאָסמאָס צווישן מענטש און אַלע אַנדערע באַשעפענישן („פון מענטש צו זשוק איז מער נישט ווי אַ שפּרונג“).

דער צווייטער וועגשטאַנג אויף העשעלעס וועג איז די אוממאָראַלישע נאַטור, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום סענטימענטן —

מיט גלייכגילט קרייזט די ערד די זון ארום
און בעטלט שטראַלן פאַר איר מערדער־רייך.

דער דריטער צייכן, וואָס דער דיכטער וויזט אָן אויף אים, איז דעם מענטשנס אוממאָראַלישקייט, וואָס ער זוכט צו פאַרהוילן דורך פרומקייט —

געטראָפן האָב איך הערצער, יונג און אַלט,
פאַרבאָרגן זינדיק — און פון דרויסן פרום.

דער פערטער צייכן איז דערפאַר אַ מוסר־השכלדיקער און דער מוסר השכל איז פון איין זייט אַ קעמפעריש־אינדיווידואַליסטישער —

געראָם ווערט דיר די וועלט מיט זיך אַליין:
דו ביסט אַליין דיין ים, דיין קאַפּיטאַן, דיין שיף.

און פון דער צווייטער זייט אַ רעצעפּט פון סטאָאישער פּאַסיווקייט, וואָס שרייבט פיר רעזיגנאַציע און שלווה, וואָרעם —

אויב יאָ אַזוי — אויב אויסלאָז איז דער פּרייז
פון וועטלויף, און קיין שפּאַן נישט מער — וואָס יאָג
איך זיך אַזוי? וואָס האָנעט מיך בייטאָג
און וואַרפט ביינאַכטס...

איך האָב געפּרוווט אויפשטעלן דעם פּאָעטיש־מחשבהדיקן גאַנג פון העשעלעסן אין זיינע סאָנעטן, ווייל איך וויל אונטערשטרייכן, אַז דער פּרומער, גאָטפּאַרכ־טיקער אָפּטימיזם פון דער לעצטער, נישט אין סאָנעטן־פאָרעם געשריבענער, לידער־אָפּטיילונג „פּאַנדעמאָניקאָן", וואָס מיט איר שליסט אָפּ דער דיכטער זיין בוך — אַז אָט דער גאָטפּאַרכטיקער אָפּטימיזם איז נישט אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון די פּאָעטישע אינגעווייד פון די פריערע לידער, נאָר ער איז בלויז פון דרויסן מחשבהדיק קאָנסטרויִרט.

דער פרום־תקיפותדיקער „און אַז עפר ואפר איז וואָס?" און די זיכערקייט —

...אַז ערשט דאָ,
פון קבר אַרויס
האָב איך צום סנה
זיך געקאָנט דערזונען,

קומען מיר אויס ווי אַ שיין צוגעדיכטעטער „העפּי ענד" (די לידער פון „פּאַנדע־מאָניקאָן" זענען געשריבן אויסשליסלעך אין די יאָרן 1956 און 1957) צו די פיינפולע איבערלעבענישן און איבערטראַכטענישן פון „קדמון" און „אייגנליכט".

העשעלעס „פּאַנדעמאָניקאָן" איז דער תנ"כישער „סוף דבר" וואָס יאָווצט זיך פּלוצים צום סאַמען ענד פון וועג איבער „משלי" און „קוהלת" און זאָגט אָן מיט דרויסנדיקער באַרויִקטקייט: „האָב מורא פאַר גאָט און היט זיינע געבאָט".

1957

ב

צווישן ווייט און נאָענט

פאַר דער צווייטער לידער־זאַמלונג פון דעם פּאָעט ירמיה העשעלעס, וואָס איז אַרויס אין דעם זעלבן פיקטיוון פאַרלאַג „אייגנוועג" ווי זיין ערשט לידער־בוך מיט זעקס יאָר צוריק, וואָלט איך ווי אַ מאָטאָ אַוועקגעשטעלט אָט די סוף־שורות פון זיין ליד „אָן אַ נאָמען" —

מיר טוט נאָך באַנג
פאַר וואָס איך האָב זיך אָנגעפּוישט
מיט סוועדענבאָרגן.
(אַ וואַנדערלינג עפּעס האָט מיך מיט אים באַרוישט:
דערציילט מיר, זויפל זאַכן ס'זענען פאַרבאָרגן

פון אונדזער ערדישן אויג).
צום גליק האָב איך זיך דערכאַפּט אַז סוועדענבאָרגס מאַפּע טויג
נישט פאַר מיר; אַז דער בעסטער וועג צום אויבערשטנס שטול
פירט דורך עלטער־מומעס טייט־פינגער — און דורך שוועל פון שול.

אין די ציטירטע נייע פערזן האָט דער דיכטער העשעלעס געמאַכט אַ פרווו פון אויטאָפּסיכאָגראַפיע און — מיר דאַכט, אַז מיט געלונגשאַפט. ירמיה העשעלעס איז לויט זיין פּאָעטישן געמיט אַ זוכער אין אַלע ווייטקייטן פון גייסט, אָבער געפינען, געפינט ער אָן ענטפער (לכל הפחות אָן ענטפער פון צייטווייליקער איינגשטילעניש) אויף דעם „זין פון זאַכן" וואָס ער, דער „טיפלינג" (דעם דיכטערס אַ וואָרט־שאַפונג אויף צו באַצייכענען אַ גריבלער אין די טיפענישן פון מחשבה) זוכט מיט אַזאַ הייסער אינטעלעקטועלער ליידנשאַפט, דווקא אין דער נאָענט, אין דער סאַמע היימישער נאָענט, ביי דער „שוועל פון שול".

אויך אין זיין צווייטער לידער־זאַמלונג וואַנדלט נישט העשעלעס אויף די וועגן צום „אויבערשטנס שטול" ווי אַ פרומער גלויבער, נאָר מער ווי אַ נישט מיד וווּרנדיקער „זין־זוכער" מיט זיין שטענדיק וואַכן ספּעקולאַטיוון געדאַנק. אָבער דאָ, אין די לידער־סעריעס „שבילים" און צום טייל „אויף יענער זייט" און דער עיקר'שט אין דער אָפּטיילונג „עגאָטיקאָ" ביים סוף פונעם בוך, קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס טיפע רעליגיעזע בענקשאַפט — די בענקשאַפט נישט אַזוי צו וויסן וועגן גאָט, נאָר צו פילן איבער זיך און אין זיך די געטלעכע גנאָד.

אין זיין ערשט לידער־בוך „סאָנעטן פון תוהו ובוהו" האָט העשעלעס כמעט דורכויס נישט אַריבערגעשפּאַנט דעם גדר פון צווייפל און פון געדאַנקלעכער זוכעניש און איבערפרעגעניש (די איבערפרעגעניש איז בדרך כלל געווען אַ שטורמישע און איר צוים איז בלויז געווען די פעסטע און ענגע פאָרעם פון סאָנעט), און דאָרט ווו דער דיכטער האָט אָנגעשלאָגן אַ טאָן פון הכנעהדיקער גאָטספאַרכטיקייט האָט דער טאָן צו מאָל געקלונגען ווי דער אין בוך „קהלת" פון דרויסן אינטערפּאָלירטער „את האלהים ירא ואת מצוותיו שמור" (האָב מורא פאַר גאָט און היט זיינע געבאָט).

דאָ, אין דעם נייעם בוך, שטייגן אויף די רעליגיעזע געגועים צו גאָט און צו זיין חסד אָרגאַניש פון העשעלעס פּאָעטישן געמיט און פון דער אינעווייניקסטער ליד־אַטמאָספער. און זי, די דאָזיקע רעליגיעזע בענקשאַפט, גיט נישט בלויז אַן אַנדערן לירישן און אינטעלעקטועלן אַספּעקט צום לידער־ציקל „עגאָטיקאָ", נאָר אויך אַ שפּאָר ביסל צו די אַנדערע ציקלען און איז (ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט זיין) אין אַ גרויסער מאָס משפּיע (און לטובה) די פאָרעם, די שפּראַך פון כמעט אַלע לידער אין דער נייער זאַמלונג.

אין די „תוהו ובוהו־סאָנעטן" האָט דער דיכטער געטונקען זיין ליד אין די סודות פון מיסטיק און אין דער סודותדיקייט פון פילאָזאָפישער ספּעקולאַציע,

אָבער דער ראַציאָנאַליסט העשעלעס האָט אַרויסגעקוקט און אַרויסגעבליצט פון יעדער שורה. און דער דיכטער — די השערה האָט זיך זייער געלייגט אויפן שׂכל — האָט אויסגעקליבן דעם פּראָזאַדישן מידער פון סאָנעט כדי צו מאַכן די ראַציאָ איינגעהאַלטענער, שטילער און וואָס ווייניקער באַרעדעוודיק.

אויך דאָ אין זיינע „עגאָטיקאָ״ האָט דער דיכטער, ווי געזאָגט, נישט אָנגעוווירן דעם פּרעגערישן און פאַרשערישן כוח פון זיין פילאָזאָפיש־געשולטן שׂכל און ווען ער פאַרזיכערט אונדז, אַז ער האָט זיך אַמאָל באַרוישט מיט דער מיסטיק פונעם שוועדישן טעאָזאָף סוועדענבאָרג און איז געקומען צו דער מסכּנה, אַז סוועדענבאָרגס „מאָפּע טויג נישט פאַר מיר״, זענען מיר זיך משער אַז סווע־דענבאָרגס טעאָזאָפיע האָט זיך נישט פאַרטראָגן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן, מיט העשעלעס פאַרשערישער און ספּעקולאַטיווער ראַציאָ.

דער פילאָזאָף וואָס זיין מחשבה ווערט צום אָפּטסטן דערמאָנט אין העשעלעס לידער איז הערא‏קליט, דער טונקעלער. פאַר הערא‏קליטן פון עפעזאָס איז די יועלט נישט געוועזן קיין באַשאַף, נאָר אַ קדמון. די וועלט איז פאַר אים אין שטענדיקן פלוס און ווערט באַהערשט פון אַ געזעצלעכקייט, אונטער וועלכער דער שכלדיקער מענטש דאַרף זיך אונטערוואַרפן, אויב ער וויל געניסן פון „שמחת הלבֿ״, פון אינעווייניקסטער פרייהייט.

הערא‏קליט קאָן ערגעץ־ווו אפשר באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַרגייער פון ספּינאָזאָס „דעוּס סיווע נאַטוראַ״ (גאָט און די נאַטור איז איינס), אָבער פון הערא‏קליטן פירט זיכער נישט קיין וועג צו באַרוישונג מיט טעאָזאָפישער מיסטיק.

איך זאָג דאָס אַלץ, ווייל איך וויל אונטערשטרייכן, אַז דער דיכטער העשע־לעס איז אויך היינט פילאָזאָף און חוקר און נישט קיין תּמימותדיקער גלייבער. אמונה איז אַ שווערער ענין און העשעלעס ווייס אויך איצט, אַז —

ווי שווער מיר איז צו כאַפּן בלעיקס רמז,
אַז אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר גלויבן,
איז בילד פון אמת.

אָבער דאָ אין זיין נייעם בוך לידער האָט דער ליריקער גענומען די אוי־בערהאַנט איבערן פילאָזאָף און אומאָפּהענגיק פון זיין געדאַנקלעכער שיטה, האָט רעליגיעזע השתפכות הנפש אַ שטראָם געטאָן איבער העשעלעס ליד און —

אקדמות מילין —
אָן טלית, אָן תפילין:
ושריות שותא —
דאָך קום איך צו דיר, רעיא מהמנותא —
אַ קרקפתא.

א נאַקעטע — און דאָך אַ פּאַרגאַפּטע
פאַר חסד דיינעם, שכינתא בגלותא
— — — — — — — — —
טו מיך אויס פון כתונת פּסים;
רייס פון מיר אַראָפּ די גאווה.
נעם מיך אַרויס פון צווישן גסים,
און באַקלייד מיט ענוות, ווי דיינע אהובים,
דערהייב מיך צו שפלות צווישן דיינע עלובים.

דער פּאָעט פון דער „קרקפתא דלא מנח תפילין" האָט דאָ טאַקע נישט אויסגעפונען דעם יידישן גאָט, דעם „כל הנשמה תהלל" אָבער ער האָט בלי ספק ביי דער „שוועל פון שול" געפונען אַ פּאָעטישן אוצר פאַר זיך — די הייסע בענקשאַפט צום יידישן גאָט איבער די טיפע חקירות אַריבער פונעם גרויסן גריכישן דענקער און איבער די הייסע מיסטישע חזיונות פונעם שוועדישן טעאָזאָף, און אַפילו איבער די סודותדיקע ספּעקולאַציעס אַריבער פון אונדזער אייגענער קבלה.

די רעליגיעזע בענקשאַפט, וואָס ווערט געבראַכט צום אויסדרוק אין די קאָנצענטרירטע שורות פונעם ליד „אקדמות" און אין אַנדערע לידער (איינס פון די כאַראַקטעריסטישע לידער אין דעם פּרט איז אויך דאָס ליד „ראָד אין ראָד" פון דער סעריע „פון יענער זייט") איז אַ מיטרייסנדיקע. זי איבערצייגט דעם לייענער און מאַכט אים וואָס איז, מן הסתם, אויך נישט קיין „קאָפּ וואָס לייגט תפילין", פאַר אַ שותף צו דער בענקשאַפט, פאַר אַ דאַנקבאַרן מיטבענקער פונעם דיכטער.

אָן אַ שיעור האָט דער דיכטער אַליין צו פאַרדאַנקען אָט דעם שטראָם פון רעליגיעזער בענקשאַפט, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיינע לידער. ראשית, איז אין דעם בוך פאַראַן, נוצנדיק טאַקע דעם פּאָעטס ווערטער פון זיין ליד „ראָד אין ראָד" נישט בלויז „ליכט", נאָר אויך „היץ". דאָס איצטיקע בוך לידער איז אַן אַן ערך וואַרעמער, ליריש־אינטענסיווער ווי די „סאָנעטן פון תוהו ובוהו" און, שנית, איז דאָס איצטיקע פּראָזאַאיש און שפּראַכלעך רחבות־דיקער.

עס האָט זיך אין אַ היפּשער מאָס אָפּגעטאָן די פאַרעם־מורא פונעם דיכטער. העשעלעס שרעקט זיך נישט אַ רעד צו טאָן מיטן פולן מויל און צו נוצן אַלע גוט־יידישע אידיאָמען, וואָס ליגן אויפגעשפּעכלערט אין אים פון יענע יאָרן ווען זיין גאַליציש היימשטאָט גלינע האָט נאָך געלעבט און גערעדט צו גאָט און צו מענטש מיט אַלע זיסקייטן און שאַרפקייטן פון מאַמע־לשון.

אויך אין די „סאָנעטן פון תוהו ובוהו" האָט זיך העשעלעס אַ מאָל צוגע־כאַפּט זינגען אַ ליד אין פאָלקסטימלעכן נוסח. ער האָט זיך דערמיט ווי געוואָלט

אָפּרוּען פון זיין סאָנעטן־האַרעוואַניע. ער האָט אַ זינג געטאָן פֿאָלקסטימלעך און עס איז געווען גלייך ער זאָל זיך אַ שפּיל טאָן מיט עפּעס וואָס איז נישט געווען אויף דער הייך פון זיין שעפערישן ניווא. העשעלעס ניווא איז געווען די דיכטונג פון אַזעלכע לידער־סעריעס ווי „קדמון" און „סאַטיריקאָן".

אין דעם נייעם לידער־בוך איז דער פֿאָלקסטימלעכער נוסח פֿאַרוועבט געוואָרן איינעם מיט העשעלעס אייגענעם אינטעלעקטואַליסטישן סטיל, און עס האָט זיך באַקומען אַ סך מאָל אַ געראָטענע מזיגה פון פֿאָלקס־לידערישן טאָן און פון לומדישן היתוך הדיבור, ווי, למשל, אין אַזעלכע לידער ווי „אַראָפּ" און „פּאַרשפּעקטיקט", „צוויי וועלטן", „ער שטעלט דעם טראָפּ" און אַנדערע אין דער סעריע „אין דורשט" און אין אַזאַ ליד ווי „על רגל אחת" פון דעם ציקל „סתם אַזוי" —

הענט — זייד; אַ קול — סאַמעט;
אַזוי איז מיין מלמד.
אים פּאַסט צו הייסן הלל. ער ווערט נאָר ווילד
ביי „ומכה אביו"
אַזוי אָבער איז ער מילד,
ווי ביי „היום אתם יוצאים בחודש האביב".

דער מזיגה פון פֿאָלקסטימלעכקייט מיט אינטעלעקטועלער פּאַרשפּיצטקייט האָבן מיר בלי ספק צו פֿאַרדאַנקען דאָס קליינע ליד „פֿלייש אין חלל", וואָס איז פון שטאַנדפּונקט פון בילדערישקייט איינס פון די שענסטע לידער אין בוך —

דער קאָטער אויפן קוימען,
מיטן רוקן אויסגעראָגלט —
אַ שאַרפער סילועט אין לבנה־שיין,
שטרעקט לאַפּעס, אַריינגענאָגלט
אין די רוימען
אַריין.
ער רייסט פאַר זיך פון קאָסמאָס־לייב
אַ זי —
נאָך ערב האָנס פונאַנדערטרייב
פון שטערן.

אין דער אָפּטיילונג „סתם אַזוי" איז די אומגעפּענטעטקייט פון פֿאַרעם און די לייכט־שטראָמענדיקע שפּראַך, אַ סך מאָל מיט זייער גוטע און באַטעמטע גראַמען („צווישן אונדז ביידע — זיין בילד איז ביי מיר אַ למען ידעו"; „די לייבן שאַרפן די ציין און נעגל — האַלט הויך דעם דגל"; „דער קרי וכתיב — לויט זיין באַגריף") צום בולטסטן. עס איז דאָרט אָפט פֿאַראַן אַזאַ שפּילעוודיקייט

פון וואָרט און אַזאַ כוח פון גוטן און לייכטן מאַנאָלאָג, וואָס איז כמעט אַלע מאָל גוט אָבער צו מאָל צו לייכט, ווייל ער גייט איבער אין פעליעטאָניזם.

איך וואָלט די פעליעטאָניסטישע לייכטקייט פון אַזעלכע לידער ווי „דורכ־בליק", „פון בריק אויף שטריק" און „זיסער פרינץ" נישט דערמאָנט ווען איך זאָל נישט פילן, אַז דער לייכטער טאָן איז דאָ ערגעץ ווי אַ לעסטערונג פון דעם היפּש פאַרטיפטן געדאַנק.

ביים סוף פון מיינע באַמערקונגען וועגן העשעלעס לידער וויל איך אָנווייזן אויף אַ געוויסן „אייגנוועג" אין פאָרעם, וואָס קומט צום אויסדרוק צומייסט אין דער סעריע „שבילים". די לידער באַשטייען געוויינלעך פון אַן ערך אַ צענדליק שורות און ענדיקן זיך מיט איין באַזונדער שטייענדיקער שורה ביים סוף. די לידער סוגעסטירן נישט נאָר וואָס שייך פאָרעם, נאָר אויך אינהאַלטלעך די אַסאָציאַציע צו אַ פאַקל, וואָס ווערט לאַנגזאַם געצונדן ביז ער פלאַקערט אויף פול און גאַנץ ביים לעצטן צינד.

איך וועל ברענגען דאָס קלענסטע פון צווישן די לידער ווי אַ ביישפּיל —

צו זיין איינציק אומעטום,
און זען אַלץ — אַרום און אַרום;
פאַרוואַנדלען דעם אין־סוף אין אפס — און פאַרקערט,
איז נאָר די בני עליה באַשערט.
און אויב זיי זענען טויזנט — צי צוויי.

און נאָך די שורות קומט דער לעצטער צינד, די אָפּגעדרוקטע שורה —

בין איך נישט צווישן זיי.

און אַן „אייגנוועג", וואָס איז דער זיכערסטער שבח פאַר העשעלעס לידער־זאַמלונג, איז אויך איר מאַנגל פון חורבן־לידער.

בלויז איין דירעקט חורבן־ליד איז פאַראַן אין בוך. עס איז איין ליד אָבער מיט בריענדיקע שורות פון יאוש און צער —

נאָך וואָס אַ בראַנדמאַרק, אַז קין איז אין דער היים געבליבן
און שטשירעט ווידער וואָלפּישע ציינער,
און קאָוועט ניי כלי־זין?
ווען הבלס ביינער
האָט קיינער נאָך נישט צונויפגעקליבן
פון איבער ימים זיבן?

1963

דבורה פאָגעלס „ווייסע ווערטער"

ס'איז מיר געקומען אין האַנט אַריין דאָס „ספר בורשטין" און איך האָב זיך אין דעם דאָזיקן געדענק־בוך פון דער קליינער יידישער קהילה אין מזרח־גאַליציע אָנגעשטויסן אויף די זכרונות פון דעם ניו־יאָרקער יידישן שרייבער יוסף שוואַרץ וועגן דער בורשטינער באַראָן הירש־שול און וועגן אירע לערערס. פון דאָרט בין איך געוווּיר געוואָרן וועגן דער סביבה, וואָס אין איר איז אויפֿגעוואַקסן דבורה פאָגעל און — איר יידיש ליד איז פאַר מיר געוואָרן אי אַ חידוש און אי נאָך אַ באַווייז ווי ווייניק די אַסימילאַציע האָט אין תוך אָנגערירט די עכטע קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט אין דעם לאַנד פון מיין יוגנט — אין מזרח־גאַליציע.

די דיכטערין דבורה פאָגעל האָט געשטאַמט פון אַ פוילישֿ רעדנדיקער שטוב. איר פאָטער, אַנטשל פאָגעל, איז געווען דער דירעקטאָר פון דער באַראָן הירש־שול אין שטעטל בורשטין. אין די פוילישע פאָלקס־שולן פאַר אָרעמע קינדער אין גאַליציע, וואָס זענען געשאַפן און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון די באַראָן הירש־פאָנדן — זענען בדרך כלל געווען קליינע פעסטונגען פון אַסימילאַציע.

איך געדענק די קאָלאָמייער באַראָן הירש־שול און איר דירעקטאָר ווילהעלם גרינעס, וואָס איז געווען מיין רעליגיע־לערער אין דער פוילישער גימנאַזיע. ווען איך זאָל זאָגן, אַז מיין לערער ווילהעלם גרינעס איז נישט געווען קיין וואַרעמער ייד, וואָלט איך געזינדיקט קעגן אמת. ווילהעלם גרינעס האָט עלעהיי אַ פּראָפעסאָר פון אַן אַמאָליקן דייטשן ראַבינער־סעמינאַר געהאַט געוואָלטיקן דרך ארץ און ליבשאַפט צו יידישקייט, אָבער נישט צו דער לעבעדיקער יידישער קולטור און אַ פשיטא שוין צו דער וועלטלעכער יידישקייט, מיט אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס. ער האָט געגלויבט אין דער אַסימילאַציע און געזען אין איר אַ ישועה פאַר די יידן אין דער פויליש רעגירטער גאַליציע.

וואָס שייך זיינע יידישע תלמידים אין דער גימנאַזיע, האָט ווילהעלם גרינעס נישט מצליח געווען מיט זיין אַסימילאַטאָרישער תורה. און ער האָט אַפילו נישט מצליח געווען אין דעם פּרט מיט זיינע אייגענע קינדער. סיי די תלמידים און סיי די אייגענע קינדער זענען אַלע געגאַנגען דעם וועג פון ציוניזם.

אָבער ציוניזם איז געווען בלויז אידעאָלאָגיע. די יידישע קולטור־אָפּגעפרעמדקייט פון דער פויליש־אַסימילירטער שטוב איז נאָכגעגאַנגען דעם ציוניסטישן סטודענט. ער איז טאַקע געווען אַ ציוניסט, אָפט אַ פירער פון דער ציוניסטישער יוגנט, אָבער זיין קולטור האָט ער נישט געביטן. זי איז געבליבן פויליש און נישט יידיש. אין בעסטן פאַל האָט דער פאַרפוילישטער ציוניסט

צוגעלערנט אַ ביטל העברעיִש, אָבער צו יידיש איז מען געווען פרעמד און דער וועג פון שעפערישקייט איז נישט געגאַנגען צו יידיש.

אויב אַ סטודענט פון אַ פויליש־רעדנדיקער שטוב איז געוואָרן אַ ליטעראַט, האָט ער, בדרך כלל, געשריבן פויליש. אָבער אין גאַליציע, ווו יידיש־ליטעראַטור איז צום אונטערשיד פון אַנדערע יידישע וווין־לענדער, צום גרעסטן טייל געקומען פון די סטודענטישע רייען, האָט יידיש, ווייזט אויס, אָפט מנצח געווען די פויליש־רעדנדיקע שטוב און די דערציִונג־יאָרן אין דער פוילישער גימ־נאַזיע. אין גאַליציע האָט יידיש, דאָס דורותדיקע מאַמע־לשון, אָפט באַוויזן דעם נס, אַז אַ יידיש־קולטורעל אָפּגעפרעמדטער סטודענט אָדער סטודענטקע, וואָס האָט גערעדט פויליש און זיך אויסגעלעבט אין פויליש, זאָל זיך נעמען שרייבן לידער און דערציילונגען אויף יידיש.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, קומען מלך ראַוויטש פונעם גאַליצישן שטעטל רעדים און רחל קאָרן פון דער גאַליצישער שטאָט פּשעמישל פון פויליש רעדנ־דיקע שטובן. אָבער די דיכטערין דבורה פאָגעל האָט נישט בלויז גערעדט פויליש מיט אירע טאַטע־מאַמע, נאָר איר פאָטער איז געווען אַן אַסימילאַטאָריש אָריענטירטער משכיל — דער דירעקטאָר פון דער באַראָן הירש־שול אין שטעטל בורשטין. עס קאָן זיין, אַז על פּי זיין געמיט איז דער שול־דירעקטאָר אַנטשל פאָגעל געווען יידיש, אָבער אָפיציעל באַוויזן זיך פאַר דער וועלט האָט ער בלויז געקאָנט אין אַן אַסימילאַטאָרישן לבוש.

ווי יוסף שוואַרץ מאָלט אַנטשל פאָגלען אין זיין קורצן פּאָרטרעט אין „ספר בורשטין", איז דבורה פאָגעלס פאָטער געווען אַ משכיל מיט שטרענגע פּעדאַ־גאָגישע פּרינציפּן און מיט זייער אַ קריטישער איינשטעלונג צום יידישן שטייגער. אַנטשל פאָגעלס דערציִונגס־ציל איז געווען, אַז די תלמידים פון דער באַראָן הירש־שול זאָלן נישט ווערן קיין „פּאַראַזיטן". אַוודאי איז אין פאָגעלס משפּחה געווען פאַרוואָרצלט ציוניזם. אַנטשל פאָגעלס שוואָגערס זענען געווען דער ציוניסטישער פירער פון בורשטין, ד"ר דוד מאַלץ און — דער באַוווסטער העברעיִשער פּובליציסט, דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיטעט, וואָס האָט אונטער הערצלס פאָרזיצערשאַפט פאַררופן דעם ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס און דער שפּעטערער אויבער־ראַבינער פון זאַגרעב, סאָפיע און צו לעצט פון שטאָקהאָלם, ד"ר מרדכי ערענפּרייז. (עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז דווקא אָט דער העברעיִשער שרייבער און רב הכולל איז על פּי זיין געמיט געווען היפּש אַסימילאַטאָריש. ער האָט זיך אין זיינע מיטעלע יאָרן אויך אָפּגעווענדט פון ציוניזם).

די טאָכטער פונעם באַראָן הירש שול־דירעקטאָר און די פּלימעניצע פון דעם העברעיִשן פּובליציסט האָט זיך שרייבעריש געווענדעט נישט צו פויליש און נישט צו העברעיִש, נאָר צו מאַמע־לשון.

אַ טיפע, געירשנטע פֿאָלקס־אינטויציע האָט דער דיכטערין דבורה פֿאָגעל אונטערגעזאָגט, אַז נישט אין איר דערוואַרבענער, אייך דור אַלטער, פּוילישער שפּראַך, נאָר אין דעם דורות אַלטן לשון פֿון אירע באָבעס קאָן זי געפֿינען קינסטלערישע עכטקייט.

אָבער די זעלביקע אינטויציע, וואָס האָט זי צוריקגעפֿירט צו דער יידיש־שפּראַך, האָט דער דיכטערין דבורה פֿאָגעל אָפּגעהאַלטן פֿון ספּעציפֿיש יידישער שטייגער־טעמאַטיק.

דבורה פֿאָגעלס דיכטונג וואָרצלט נישט אין יידישן שטייגער און אויך נישט אין קיין נאָענטקייט מיט יידישער היסטאָריע. איר דיכטונג איז אַ פּרווו צו סינטעטיזירן דאָס צוריקגעפֿונענע יידיש־לשון פֿון דער באָבען מיט דער פֿאַר זיך אַליין דערוואָרבענער אייראָפּעיִשער ערודיציע. מען קאָן נישט זאָגן מיט פֿולער זיכערקייט, אַז דער דאָזיקער זיווג האָט טאַקע עולה־יפה געווען און אַז דבורה פֿאָגעלס לידער פֿון די „טאָג־פֿיגורן“ (לעמבערג, 1930) און פֿון די „מאַנעקינען“ (לעמבערג, 1935) זענען אַ דורכויס געלונגענע און געדויערנדיקע דיכטערישע דערגרייכונג. עס קאָן אָבער אויפֿן סמך פֿון אירע דריי ביכער אָן שום מינדסטער רעזערוואַציע געזאָגט ווערן, אַז דער פּרווו דורכצופֿירן דעם דערמאָנטן סינטעז פֿון יידיש־לשון מיט אייראָפּעיִש־קינסטלערישער ערודיציע איז געווען אַ זעליש זויבערער און אַ שעפֿעריש־תמימותדיקער און אַז דער פּרווו איז געמאַכט געוואָרן פֿון אַ מענטש מיט ראַפֿינירטן אינטעלעקט און מיט דיכטערישער דרייסטקייט.

עס געהערט אי דיכטערישע און אי אינטעלעקטועלע דרייסטקייט דערצו אָפּצופֿרעגן די טעזע פֿון פֿאַרשידנקייט צווישן ליטעראַטור און פּלאַסטישער קונסט, וואָס דער דראַמאַטורג און קריטיקער גאָטהאָלד אפֿרים לעסינג האָט זי פֿאָרמולירט אין אַכצנטן יאָרהונדערט אין זיין באַרימט געוואָרענעם ווערק „לאַאָקאָן“. פּאָעזיע איז נישט רעדנדיקע מאָלעריי. ליטעראַטור געשטאַלטיקט געשעענישן אין צייט, בעת די פּלאַסטישע קונסט טוט דאָס אין שטח. פּונקט ווי די מאָלעריי היט זיך אויס (און מיט רעכט!) געמאָסטן צו ווערן מיט ליטעראַרישע מאָסן, אַזוי מוז אויך די ליטעראַרישע געשטאַלטיקונג זיין געוואָרנט נישט צו שטעלן זיך אונטער דער קריטישער השגחה פֿון דער פּלאַסטישער קונסט.

עס איז זייער אינטערעסאַנט און עס זאָגט עדות אויף דבורה פֿאָגעלס וועלט־אָנשויונג, כּמיין, אויף איר איינשטעל צו קונסט, וואָס זי האָט אָנגעהאַלטן פֿון אירע סאַמע אָנהייבן ביז צום סאַמע סוף פֿון איר ליטעראַרישער קאַריערע און פֿון איר לעבן (אומגעקומען אין איינעם מיט איר מאַן און קינדער אין לעמבערגער געטאָ אין 1943, אין עלטער פֿון פֿערציק יאָר) — עס איז אינטערעסאַנט, זאָג איך, פֿאַר דער דיכטערינס „וועלט־אָנשויונג“, וואָס איר ערשטע קונסט־קריטישע אַרבעט אויף יידיש איז אַן עסיי וועגן „טעמע און פֿאָרעם אין דער

קונסט פון שאַגאַל". עס האָט דבורה פאָגלען קריטיש געצויגן צו דעם מאָלער מאַרק שאַגאַל, וואָס זיינע בילדער זענען דער גרויסער הצלחהדיקער פּרוּוו פון אַ באַרימטן מאָלער אַריבערצושפּאַנען די גרענעץ צווישן מאָלעריי און ליטע־ראַטור.

געדרוקט האָט דבורה פאָגעל איר עסיי וועגן שאַגאַלן אין ערשטן נומער פון דער דריי־חדשים־שריפט „צושטייער", וואָס איז דערשינען אין לעמבערג אין חודש סעפּטעמבער פון יאָר 1929. אין יענער צייטשריפט, פון וועלכער עס זענען אַרויס בלויז דריי העפטן צווישן סעפּטעמבער 1929 ביז אַפּריל 1931, האָט דבורה פאָגעל אויך געדרוקט לידער, וואָס זענען אַריין אין איר זאַמלונג „פיגורן", און אין דריטן העפט אַן אַרבעט וועגן „ווייסע ווערטער" אין דער דיכטונג, ווו זי האָט זיך באַמיט טעאָרעטיש צו כשרן די סטאַטישע מאָלעריי ווי אַן עלעמענט פון דער דינאַמישער וואָרט־קונסט. עס איז אַ ביסל שווער זיך אַריינצולאָזן דאָ אין דבורה פאָגעלס טעאָריע וועגן „ווייסע ווערטער", ווייל דער ענין איז צו קאָמפּליצירט און דער עיקרשט צו אַבסטראַקט און פאָדערט אַ באַזונדערע שטודיע.

וועל איך דערפאַר בלויז ציטירן דער דיכטערינס דעפיניציע פון די „ווייסע ווערטער". זיי זענען — זאָגט זי — נייטראַל און פּאַרבלאָז ווי די מאָנאָטאָ־נישקייט. זיי קאָנצענטרירן אין זיך די לעצטע שטילקייט. זיי זענען מוותר אויף אילוזאָרישע מעגלעכקייטן. זיי זענען די זיסקייט פון סטאַטיק.

איך טראַכט, אַז די לעצטע שטילקייט קאָן טאַקע זיין אַ קינסטלערישע דערגרייכונג אין ליד, אָבער בלויז ווען זי איז אַ לעבעדיקע, אַ רעדנדיקע, אַן אומרויִקע שטילקייט. ווי באַלד אָבער די דאָזיקע שטילקייט דאַרף זיך האַלטן אין ראַמען פון „ווייסע ווערטער", וואָס דבורה פאָגעל האָט אָנגעצייכנט, ווערט זי, די שטילקייט, נישט בלויז מאָנאָטאָן, נאָר זי שטאַרבט אַוועק און ווערט דאָס געמעל פון טויטע ווערטער.

אויף וויפל דער דיכטערין דבורה פאָגעל איז געלונגען צו רעאַליזירן אירע טעאָריעס און צו מאַכן פון אירע לידער אַ געזעמל פון געאָמעטרישע מעטאַפאָרן, האָט איר ליד נישט אַריבערגעדויערט די צייט־שטימונג און בלייבט נישט מער ווי אינטערעסאַנטע דאָקומענטאַציע פאַר אַ טעאָרעטישן קונסט־איינשטעל.

אָבער, ווען זי האָט די לידער געזוכט אָנצופילן מיט דער דינאַמיק פון איר טרויער, אָנשטאָט מיט דער סטאַטיק פון „ווייסע ווערטער", האָט איר ליד הצלחהדיק אַריבערגעשפּאַנט די צייט פון אַ דור זינט עס איז געשריבן געוואָרן און אונדזער געמיט נעמט עס אויף מיט נאָענטשאַפט, מיט וואַרעמקייט און מיט צער. מיר דערפילן דעמאָלט אין דבורה פאָגעלס ראַפינירטן אינטעלעקטואַליזם און אין איר קינסטלערישער ערודיציע די ליבע היימישע געשטאַלט פון דער ייִדיש־דיכטערין פון אונדזער גרויסן דור פון אומקום.

שלמה ביקל

צו דעם סאָרט נענטערע לידער געהערן די זעקס „טרינק־לידער" אין דער זאַמלונג „מאַנעקינען". מיט דעם ערשטן פון זיי (מענדל ניינרעשל האָט עס מיט רעכט, איבערגעדרוקט ווי דער דיכטערינס רעפּרעזענטאַטיווע ליד אין דער „קליינער אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליריק אין גאַליציע", וואָס ער אין איינעם מיט אליעזר שינדלער האָבן אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג פון א. ב. צעראַטאָ, ווין, 1936) וויל איך פאַרענדיקן די דערמאָנונג־שורות וועגן דבורה פאָגעל.

איצטער איז די צייט געקומען,
געקומען די צייט פון טרינקלידער
וואָרעם טרויעריק זענען מיר ביז צום טויט.

וואָס־זשע קאָן מען טאָן ווען ס'נעמט אונדז אַרום דער טרויער
ווי אַ קרעל מיט טויזנט אָרעמס
פון דער זייט און פון דער צווייטער זייט.
וואָס־זשע קאָן מען טאָן...
ווען מען קען נישט לעבן אָן מענטשן
און מען קען נישט לעבן מיט זיי?

טאָ זאָל מען זיך זעצן אַרום טישן,
פרויען זאָלן זיך אין ווייכן סאָמעט אָנטאָן.
מענער זאָלן הייסע ליפּן ברענען
און הענט צערטלענדיקע, טרויעריקע הענט.
און מען זאָל קרישטאָלענע גלעזער שטעלן:
פון קילן בערנשטיין גלעזער, פון רויטע קרעלן —
און זיך טוקן אין דעם קלעפּיקן געטראַנק
אין געטראַנק פון טרויבן און פון קושן.
און מער גאָרנישט
און מער גאָרנישט טאָן
וואָרעם וואָס־זשע קאָן מען נאָך טאָן...

רייזל זשיכלינסקי

א

„שוויִיגנדיקע טירן" — דאָס נייע בוך לידער פון דער דיכטערין רייזל זשיכלינסקי, איז נישט סתם נאָך אירס אַ בוך (דאָס פערטע אין דער ריי), נאָר ס'איז אויך אַ רעטראָספּעקטיווער אָפּקלייב, אַ מין אויטאָאַנטאָלאָגיע פון די לידער, וואָס זענען אַריין אין די פיר זאַמלונגען. אָנהייבן הייבט זיך אָן די אַנטאָלאָגיע מיט דער דיכטערינס סאַמע נייסטע לידער און זי דערגייט אויף קעריק ביז צו די לידער פון איר ערשטלינג־בוך, וואָס איז אַרויס אין 1936. און אַז עס גיט אַ בלעגד פאַר די אויגן די דאַטע 1936, קומט ווי פון זיך אויף די אַסאָציאַציע צו דעם ליד, אין וועלכן די דיכטערין דערציילט, אַז „פון אַלע פּנימער" —

איז געבליבן איין פּנים,
צו וועלכן כ'האָב זיך פאַראַנקערט,

און מען דערזעט, אַז דאָס איז וואָר אויך וואָס שייך איר פּאָעטיש ווערק. אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן ליד אין דער זאַמלונג פון 1936, ווו זי זוכט —

ערגעץ מוז דאָך זיין אַ פענצטער,
ווו מען קען אויסשטרעקן די הענט
צום גרויען ליכט.

און ביז צום ערשטן ליד אין דעם איצטיקן בוך ווו זי בעט זיך —

וואָס ציטערט דער ים
אויף מיין ברעם;
נעם מיך אַהיים,
נעם אַהיים,

איז פאַרבליבן אין די לידער דאָס זעלבע אייגענע פּנים פון אַן אייגנאַרטיק־אָריגינעלער דיכטערין, וואָס קער זיך שעפּעריש אָן מיט אַלע יידיש־דיכטער און מיט קיינעם נישט.

און דאָס נייע בוך, די אויטאָאַנטאָלאָגיע פון רייזל זשיכלינסקיס דיכטונג, גיט צו צו דעם שעפּערישן פּנים, צו וועלכן די דיכטערין „האָט זיך פאַראַנקערט" אויך אַ יום־טובדיקן אַספּעקט, ווייל די דאַטע פון די „שווייגנדיקע טירן" פאַרצייכנט און דערמאַנט, אַז עס זענען פאַרפולט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זינט רייזל זשיכלינסקי האָט מיט איר ערשטער לידער־זאַמלונג געעפנט פאַר זיך די טיר צו דער יידיש־ליטעראַטור.

דאָס אייגנאַרטיקע, וואָס איז געוואָרן רייזל זשיכלינסקיס דיכטערישער

אַנקער אין משך פון דעם פֿאַרבייגעלאָפּענעם פערטל יאָרהונדערט, איז קודם כל, וואָלט איך געזאָגט, די חושימדיקע אינטענסיווקייט פון אירע שורות. די אינטענ־סיווקייט קומט נישט אַזוי פונעם ניגון און ריטעם פון דער דיכטערינס וואָרט, נאָר איר קוואַל איז עפּעס אַ פֿאַרהוילענער פֿלאַם, וואָס שוועבט איבער אירע רייד. דער פֿלאַם ברענט אויס די ביזאַרקייט פון אירע פֿאַנטאַסטישע בילדער און זאָגענישן, קלאָרט אַריין אַ זין אין אירע רייד און פֿאַרנעפּלט זיי סודותדיק צו דער זעלבער צייט.

אפשר מאַכט עס טאַקע אָט דער טונקל־רויטער פֿלאַם אַרום רייזל זשיכ־לינסקיס לידער, וואָס אַ סך פון זיי הייבן זיך אָן פּלוצטהאַלבן אין דער מיט, גלייך אַ פֿייער זאָל האָבן אויסגעבראָכן און זיי אומגעריכט אַרויסגעבראַכט.

ווען מען לייענט אַזאַ ליד פון רייזל זשיכלינסקיס קליינע, געראָטענע לידער, ווי —

א וואָרט אין טאָל
טרייסלט אויף אַ באַרג,
רייסט אַראָפּ זיין קאָפּ.

טריט ביינאַכט —
וועקן אויף אַ שטאָט מיט גזלנים,
באַהאַלטן אין די לאָמפּן.

אַ בליק —
וועקט אויף אַ וועלט
אין מיטן העלן טאָג,

ווערט מען פֿאַרטראָגן אין דער מחשבה אויף קעריק מיט טויזנטער יאָרן אין דעם אַלטן גריכנלאַנד, און רייזל זשיכלינסקי, די יידישע טאָכטער פון דער ק״ק גאָמבין, ווערט פֿאַרוואַנדלט אין דער געשטאַלט פון פּיטיאַ פון דעלפֿי, וואָס האָט פון איר דרייפֿיסיקן טראָן, אַרומגערינגלט מיט אינספּיראַציע־רויכן, אין אָפּגע־האַקטע, מיט סוד אָנגעלאָדענע ווערטער פֿאַרטייטשט פֿאַסירונגען פון היינט און פֿאַרויסגעזאָגט די געשעענישן פון מאָרגן.

די פּריסטער פון אַפּאָלאָ האָבן די אָפּגעהאַקטע, עקסטאַטיש־ניכטערע רייד פון דער אינספּירירטער פּיטיאַ פֿאַרצייכנט און געווינלעך קאָליע געמאַכט דערמיט וואָס זיי האָבן אין זיי אַריינגעטייטשט אייגענע טראַכטענישן און נאָך מער דערמיט וואָס זיי האָבן מיט פּרעמדער אינספּיראַציע געפּרוווט זינגען אייגענע לידער. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ גוט ליד איז זעלטן ווען אַרויסגעקומען און פּיטיאַס רייד האָבן דורך די פּירושים פון די פּריסטער אויך אָנגעוווירן זייער אַנזאָגערישע און אַנטפּלעקערישע סוגעסטיווקייט.

נו, אונדזער גאַמבינער פּיטיאַ, די דיכטערין רייזל זשיכלינסקי, נייטיקט זיך נישט אין אַפּאָלאָס פּריסטער. זי, די טאָכטער פון מאַמע־לשונדיקן רוח הקודש, לייגט אויס אירע רייד אַזוי, אַז ס׳ווערט פון זיי אַ ליד און אַ גוט ליד אי פון שטימונג און אי פון געדאַנקלעכן אָנרעג. זי, רייזל זשיכלינסקי, איז אַן אמתער בורא יש מאין. אירע לידער זענען נישט קיין טעמע־לידער און מען קאָן אויך נישט זען די כלים מיט וועלכע זי באַשאַפט אירע לידער. די גאַנצע חכמת הפּראָזאָדיע איז אין איר ליד נישט אָנזעעוודיק. גראַמען, ספּעציעלע ריטמען און די כלערליי אַנדערע פּאָעטישע הילפסמיטלען זענען זעלטן פאַראַן אין רייזל זשיכלינסקיס לידער. ווי אַזוי, די שורות שטעלן זיך אויס און עס קומען אויף די לידער איז איר אייגענער סוד און צום טייל זיכער אויך אַ סוד פאַר דער דיכטערין אַליין.

דער רעזולטאַט פון דער דיכטערישער אינספּיראַציע פון דער מיסטעריעזער ליד־רעאַליזירונג איז דאָ. עס וואַקסט אַרויס פון די שורות אַ שטימונג, די ווערטער, פּשוטע, אומסטיליזירטע, נעמען אונדז אַרום מיט אָנונגען פון אַנט־פּלעקטע וועלטן און זיי שעפּטשען צו אונדז מיט אָנווינקעניש און מיט סוגעס־טיעס וועגן נאָענטע, איבערראַשנדיקע איבערלעבענישן און וועגן אויסטערליש־גראָטעסקע זעונגען.

ס׳איז מיר שווער אויסצוקלויבן איינס פון די אַלע קליינע לידער, וואָס קאָנען דינען ווי אַ ביישפּיל דערפאַר. אַלע בעטן זיך ציטירט צו ווערן. ברענג איך בלויז די לעצטע שורות פון דעם ליד „רוי ליכט״, ווייל זיי שטרייכן אונטער די אַסאָציאַציע צו די אינספּירירטע רייד פון פּיטיאַ פון דעלפי —

ס׳ווייסן אַלע בריוו אין די זעק —
ס׳איז צו שפּעט.
אַלע בריקן וואַרטן געשפּאַנט
אויף דעם לעצטן, אומפאַרמיידלעכן בראָך.

און איך וועל איבערזאָגן דאָס זעקס־שורהדיקע ליד „ווען די פענצטער״ —

ווען די פענצטער גייען אַריין אין די ווענט
און דער לאָמפּ טרינקט זיך אין שפּיגל,
גיי איך אַרויס אויף די וועגן —
פון וועלכער זייט וועט קומען דער טויט ?
מיט וועלכן קאָליר ?
איך האָב אָנגעטאָן דאָס רויטע קלייד.

אין דעם ליד שטייגט אויף די שטימונג מיט אַלע אירע אָנונגען און מיט אַלע גראָטעסקע חנען און קאַפּריזן פון די לעצטע צוויי שורות, וואָס שטעלן

אַוועק די פראַגע וועגן דעם קאָליר פון טויט און פאַרענטפערן אים מיט מיידלשער תקיפות: „איך האָב אָנגעטאָן דאָס רויטע קלייד״.

ב

איך האָב געזאָגט, אַז וואָס שייך דעם קינסטלערישן „ווי אַזוי״ אַנטפּלעקט רייזל זשיכלינסקי איין און דאָס זעלבע פּאָעטישע פּנים אין אַלע אירע פיר לידער־זאַמלונגען מיט דער איינער באַווארעניש, פאַרשטייט זיך, אַז אין גאַנג פון די פיר ביכער איז איר געשטאַלטערישע האַנט געוואָרן געניטער און איר זעונג רייפער, רייפער אין אַזאַ מאָס, אַז זי האָט נישט נאָר איר וויזיע געקאַנט פאָרמולירן און היפּש אויסשעפּן אין געציילטע שורות פון אַ ליד, נאָר זי האָט אויך דערגרייכט דעם כוח אָנצוהאַלטן אַ ניכטערע פּען אין סאַמע קאָך פון איר צעפלאַמטן געמיט.

אָבער די גרונט־שטימונג פון דער דיכטערין איז ווייט נישט איין און די זעלבע אין די לידער, וואָס זי האָט אויפגעזאַמלט און אַרויסגעבראַכט אין 1936 אין וואַרשע, אין דעם לידער־בוך „צו לויטערע ברעגן״, וואָס זי האָט אַרויס־געגעבן נאָכן אומקער פון דער עוואַקואַציע אין 1948 אין לאָדזש, און איצט אין די נייע לידער פון דער זעלבסטאַנטאָלאָגיע „שווייגנדיקע טירן״, וואָס איז אָקאָרשט דערשינען אין ניו־יאָרק (דאָס צווייטע בוך אין דער ריי „דער רעגן זינגט״, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע ערב דער וועלט־מלחמה אין 1939, איז אַהער נישט דערגאַנגען, אָבער אַ טייל פון די לידער פון דעם בוך איז אַריין אין דער איצטיקער אויטאָאַנטאָלאָגיע).

אין דעם ערשטלינג־בוך פון 1936, וואָס זיינע אונטערפירער זענען געווען צוויי גרויסע קינסטלער: דער פּאָעט איציק מאַנגער און דער מאָלער יאַנקל אַדלער, איז רייזל זשיכלינסקי מיט אירע פּאָעטישע שטימונגען אין דער סאַמע מיט פונעם איינגעוואָרצלטן יידישן שטייגער־לעבן אין פוילן פון אירע שורות ווייעט מיט דער פרומער צניעות פון אַ יידישער טאָכטער און איר געזאַנג איז פול מיט דעם הויפּט־עלעמענט פונעם דורותדיקן יידישן הומאַניזם, מיט רחמנות —

> אַ קינד איז קראַנק,
> בויגן בלומען די קעפּ אַראָפּ
> שולדיק.

און, הגם דאָס ליד פון דער דיכטערין איז שוין דעמאָלט צום גרויסן טייל פריי פון די, זאָגן מיר, פּראָזאַדישע „זאַבאַבאַנעס״ פון גראַם און ריטעם, טוליעט עס זיך מיט פאַרליבטקייט צו די אָבערגלויבענישן פון די שטעטלשע שטייגער־בילדער —

די קאַץ וואַשט זיך,
ס'וועלן קומען געסט —
זאָגט די מאַמע.
און זי גלעט דאָס האַנטעך,
וואָס זי פּרעסט.

עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס איציק מאַנגער האָט אין זיין אַריינפיר־וואָרט צום בוך געזען רייזל זשיכלינסקיס לידער אין פּאָעטישער שכנהשאַפט מיט מרים אולינאָווערס קלאַסישן לידער־בוך „דער באָבעס אוצר" און וואָס יאַנקל אַדלערס מאַלערישע הקדמה צו דער דיכטערינס פּאָעטישן ערשטלינג איז געווען דאָס בילד פון אַ טרוימענדיקער פרוי, געמאָלן אויף אַ מאָדערניסטישן אופן. אַדלערס בילד האָט אויף דער שפּראַך פון מאָלעריי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז רייזל זשיכלינסקיס ליד, איז דאָס געזאַנג וועגן דער אַלטער ליבער פאַרחלומטקייט אין אַ מאָדערניסטישער פאָרעם פון פרייען פערז.

און עס איז אין דעם פאַראַן אַ גרויס שטיק אמת. אין דעם ערשטן בוך לידער אירן געפינט זיך רייזל זשיכלינסקי אין די פיר ווענט פון היים און פון וואָרעמער שטייגערישקייט. עס זענען די ווענט, וואָס זי האָט שפּעטער אָנגע־ווירן. נישט אומזיסט האָט די דיכטעריך דעם ציקל אַ נאָמען געגעבן „ווענט", וואָרעם אין דער ניו־יאָרקער איינזאַמקייט וועט איינער פון אירע פּאָעטישע הויפּט־מאָטיוון —

אַ, לאָז מיך, גאָט, אומקערן
אויף אַ רגע נאָר
צו ווינקלען פיר.

ג

ווען רייזל זשיכלינסקי האָט זיך צען יאָר נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אומגעקערט צוריק צום יידיש־שעפערישן וואָרט און האָט אין לאָדזש, אין 1948, אַרויסגעבראַכט איר לידער־זאַמלונג „צו לויטערע ברעגן", זענען די פיר ווענט פון דער יידיש־פּוילישער היים געווען חרוב, און דאָרט ווו עס האָט אַמאָל געברויזט יידיש לעבן האָט זיך איצט געשפּרייט, ווי די דיכטערין זאָגט אין איר קורצער הקדמה צום בוך, „פּוסטער ליידיקער שטח".

וואַנדערט די דיכטערין איבער די שטעט, ווו „אַלע וועגן האָבן געפירט צום טויט" און זי גייט אַנטקעגן די ווינטן, וואָס „אַלע האָבן געאָטעמט מיט פאַרראַט" און אירע אויגן זוכן די לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט איר געהויזט אין די פיר ווענט און אויך די שול פון האַלץ, וואָס האָט „געשמעקט מיט זעקס הונדערט יאָר" און אויך די בית־עלמינס, ווו —

די ביינער פון די ייִדעס איר די קברים
האָבן דערנעבן געלויכטן אין טאָל.

גאָרנישט איז נישטאָ מער — גאָרנישט, די שול איז פאַרברענט, דער טאָל צעטראָטן. אין די שטובן איז שוין קיינער נישטאָ און אַפילו דער בלאָנדזשענדיקער שאָטן פון איר שוועסטער איז נישט מער ווי —

ווייסער גרויער אַש
פון מיין שוועסטער חנה.

איז טאַקע דער שטאַרקסטער סענטימענט, וואָס נעמט דורך דער דיכטערינס ליד נאָכן אַהיימקום צו חורבן. דער סענטימענט פון בענקשאַפט און פון געקלאָג. און דער געקלאָג האָט אין זיך דאָס מאָל (אין די אַנדערע ביכער איז דאָס אַ זעלטנהייט) נאַציאָנאַלע טענער. רייזל זשיכלינסקי רעדט געוויינלעך נישט אין די טערמינען פון פאָלק און פון דורות, דאָס זענען פּאָעטיש צו אַבסטראַקטע באַגריפן פאַר איר.

אָבער דאָ אין די סוף־לידער פון „צו לויטערע ברעגן" נעמט זי זיך אויסטענהן וועגן דעם פון „וויפל היימען האָט מען אונדז אויסגעריסן" און זי איז אַפילו איבערצייגט, אַז אַזוי לאַנג וועט דאָס זיין —

ביז אויפגיין וועט אין מזרח־זייט
אַ ווייכער שטראַל
און דער מענטש וועט אויפוואַכן
און זען אַז ס'איז העל...

נו, לידער פון דעם מין זענען זיכער נישט רייזל זשיכלינסקיס שטאַרקע זייט. אָבער ווען זי גיט אין אַ צווייטן ליד פון דעם זשאַנער, אַ זאָג צו איר קינד —

איך קאָן דיך נישט פאַרהיטן, מיין קינד,
פון שלעכטע חלומות.
צי טאָר איך דען פאַרשטעלן דעם וועג
פאַר דורות
וואָס וויינען אַריין אין דיין חלום?

דערגרייכט זי אויך אויפן שטח פון די פּאָעטיש נישט היימישע ווערטער אירע די הייך פון עכטן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס.

אַוודאי זענען דאָס געווען שווערע איבערלעבענישן פון דער דיכטערין, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אין די חורבן־לידער פון איר בוך „צו ליכטיקע ברעגן", אָבער רייזל זשיכלינסקיס סאַמע אויפטרייסלענדיקע לידער זענען אירע פּאָעטישע געזאָגן וועגן דער ברענענדיקער איינזאַמקייט, וועגן די האַלוצינאַציעס

פון שרעק און פאַרלוירנקייט און וועגן די פאַרצווייפלונגס־שטימונגען דאָ אין דער מיט פון דעם ניו־יאָרקער שטיינער־קאָלאָס.

עס איז אפשר די שאַרפסטע איינזאַמקייט, וואָס איז מיר ביז היינט אויס־געקומען אויסצוהערן און אַרויסצולייענען פון יידיש־לידער. עס איז אַן איינזאַמ־קייט, וואָס צעטומלט נישט בלויז דעם מענטש, נאָר אויך די גאַנצע הויה. עס זענען איינזאַם די אַלטע לייט, וואָס „גייען אַריין און אַרויס פון שוויגן צו שוויגן", אָבער אויך די פלאַנעטן, וואָס דרייען זיך אַרום ווי „געפּענטעטע פערד אין אייביקן קרייז", עס זענען פאַרלוירן די צוויי פרויען וואָס זענען איינגעשלאָפן ביים טיש, און איינזאַם זענען אויך „די אינדזלען אויף ווייטע פאַרנעפּלטע ימען", וואָס שיילן זיך אַרויס פון די איינזאַמע פרוי׳שע חלומות.

דער איינציקער שטראַל פון ליכט און האָפענונג, וואָס העלט דורך דער דיכטערינס געמיט פון איינזאַמקייט, פאַרצווייפלונג און מורא, איז —

אַלץ וועט געדענקען
אַז איך בין דאָ געווען.
די שיפן וועלן האָבן דעם קאָליר
פון מיינע קליידער.
די פייגל וועלן רופן מיט מיין קול,
דער פישערמאַן אויפן שטיין
וועט טראַכטן מיין ליד,
דער טייך וועט נאָכגיין מיינע טריט.

מיט אַנדערע ווערטער: די טרייסט איז דער חלום וועגן דעם געדויער פונעם שעפערישן וואָרט. און רייזל זשיכלינסקי איז בפירוש באַרעכטיקט צו אָט דעם חלום וועגן אַ פּלאַץ פון געדויער אין דער אייביקייט פון דעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

יצחק יאַנאַסאָוויטש וווינט אַן ערך דרייצן יאָר אין בוענאָס־איירעס און איז דאָרט איינער פון די הויפּט־פּובליציסטן אין דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע" און אויך דער רעדאַקטאָר פון דעם פּועלי־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „אונזער צייט".

יאַנאַסאָוויטשעס פּובליציסטישע מאמרים פאַרמאָגן געדאַנק, געמיט און זיי האָבן פאַרעם, זיי זענען אויפגעבויט.

עס איז אַ כלל גדול: אויב עס פעלט אַרכיטעקטור אין אַן עסיי, אָדער אין סתם אַ פּובליציסטישן מאמר, איז אַ סימן, אַז דער מחבר, מעג ער זיין פּאָטענ־

ציעל ווי באַגאַבט, בראַדזשעט אַרום אין זיין מחשבה, אָבער ער באַהערשט זי נישט. אַזאַ אַרטיקל־שרייבער ווערט ממילא אַ מאריך, ער זאָגט און ער משלט אַ סך און ער קומט געוויינלעך צו צום נמשל אָן אַטעם, אַ פּאַרסאַפּעטער, אויב ער דערגרייכט צו אים בכלל.

יצחק יאַנאַסאָוויטש מעג צוליב דעם אַלעמאָל פיינעם אויפבוי פון זיינע מאמרים, צוליב דער אויסגעהאַלטענער פאָרעם זייערע, פאַררעכנט ווערן צו אונדזערע גוטע אַרטיקל־שרייבער און עסייִסטן.

און יאַנאַסאָוויטש האָט זיין פּלאַץ פון אַ פּראָמינענטן עסייִסט אין אונדזער ליטעראַטור באַפעסטיקט מיט זיין בוך וועגן „יידישע שרייבער אין רוסלאַנד". די עסייען וועגן די יידישע שרייבער זענען אַ גוטער מיזוג פון זכרונות און פון פּאָרטרעט־מאָלעריי מיט עסייִסטישע רעפלעקסיעס און מיט אַ סך מאָל סאָלידע ליטעראַטור־קריטישע באַמערקונגען.

אין די דרייצן יאָר פון זיין ווױנשאַפט אין בוענאָס־איירעס האָט זיך צו אונדז יאַנאַסאָוויטש נישט באַוויזן ווי אַ פּאָעט.

אין פּוילן אָבער, ערב דער מלחמה און אין דער נאָכמלחמה־צייט, אין דער עוואַקואַציע אין רוסלאַנד און אין די פּאַריזער יאָרן, איידער ער איז אַריבערגע־פאָרן קיין אַרגענטינע, האָט יאַנאַסאָוויטש דווקא אַרויסגעגעבן לידער־זאַמלונגען און טאָקע דורכויס נאָר לידער־זאַמלונגען.

דאָס וויכטיקסטע פון די אַלע לידער־ביכער, און אָן אָן ערך דאָס שענסטע און רייפסטע, איז די פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל", וואָס איז אַרויס אין 1951, אין פּאַריז, אין פאַרלאַג „ביכער פון יידישן פּען־קלוב".

די טאָפּאָגראַפיע פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעמע איז —

...אַ שטעטל דאָ פון שטעטלעך
מיט הייזער ציגלנע
און הייזקעס אויך פון ברעטלעך,
מיט דעכער בלעכענע און דעכלעך פון שטרוי,
אַ שטעטל מיט אַלע שטעטלעך,
...מיט אַ רב אַן אייגענעם „אב בית דין דפה",
אַן עיר ואם — אַ טומלדיקער כרך
אויף דעם אַלטן וואַרשע־לאָדזשער שליאַך.

(אגב, ווי אַ מין כזית פון דער באַטעמטער חלה פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעטישן לשון זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן דער זייער געראָטענער און היפּש אָריגינעלער גראַם פון „דעכלעך מיט שטרוי" און „אַן אייגענעם אב בית דין דפה").

אין דער דיכטעריש־מוזיקאַלישער לייט־מאָטיוו, וואָס ווערט אויסגעזונגען און אויסגעקלאָגט אין דער פּאָעמע, קאָן פאָרמולירט ווערן מיט יאַנאַסאָוויטשעס צוויי שורות פון פערצנטן געזאַנג, וואָס דערציילן, אַז —

ויאנחו בני ישראל — אַ שטעטל האָט געקרעכצט
און האָט נאָך גאולה אין דער נויט געלעכצט.

און כדי מען זאָל דערהערן דעם קרעכץ און דעם לעכץ פון „שטעטל גלייך מיט אַלע שטעטלעך" איז געגוג אײן אײנציקע שטוב, אײן אײנציקע משפחה מיט אירע מענטשן, מיט אירע ראַנגלענישן פאַר פרנסה און פאַר יידיש־מענטשלע־כער חשיבות, מיט אירע ראָמאַנטישע דערמאָנונגען, מיט איר עקשנותדיקער אײגעזעסנקייט און מיט איר „ווי אַ בלעטל אויפן ווינט"־אויסגעוואָרצלטקייט — מיט אײן וואָרט: עס איז געגוג דערויף אײן „שטוב אין שטעטל", אײן יידישע משפחה מיט אַ קלײן מעסטל האָפענונגען און מיט אַלע צען מאָס פון פאַרצווייפ־לעניש.

עס גייען דורך אין יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעמע פאַרשוינען און געשעענישן, גע־מאָלן רעאַליסטיש און עס פלעכטן זיך אַריין מיסטעריעזע געשטאַלטן און פאַנ־טאַסטישע פּאַסירונגען, און עס פאַרמעסטן זיך מיט אַנאַנד מענטשלעכע הכנעה און איבערמענטשלעכער שטאָלץ, די רוטין פון אײנזעעניש, אַז „אַזוי דאַרף צו זיין ווי ס'איז", מיט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז איבערצואַנדערשן דעם „אַזוי" און צו אַנטלויפן פון דעם אַזוי אין געאָגראַפישע און דער עיקרשט אין מאָראַלישע מרחקים.

די הויפּט־העלדן פון דער פּאָעמע זענען דער שטילער טאַטע, דער שטאָלצער און פאַרביטערטער פעטער, דער מיסטעריעזער אורח, צום טייל די באָבע בלימע און — דער שליאַך און דעם טאַטנס קאַפּאָטע.

צוויי קריטעריעס פאַר גוטער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג זענען פאַראַן, וואָס זענען, לפי דעתי, אַלע מאָל גילטיק און נאַרן כמעט קיינמאָל נישט אָפּ דעם קריטיקער. די ערשטע שטאַמט נאָך, אויב איך בין זיך נישט טועה, פון דעם רוימישן פילאָזאָף קיקעראָ און זאָגט, אַז ס'איז נישט געגוג, אַז דער קינסטלע־רישער געשטאַלטיקער זאָל אונדז דערציילן, וואָס זיינע מענטשן זאָגן, נאָר ער מוז אונדז אויך ווייזן, וואָס זיי טראַכטן און פאַרוואָס זיי טראַכטן אַזוי. די צווייטע קריטעריע איז, אַז יעדער געשטאַלטערישער פאַקט מוז האָבן דעם כוח זיך אָפּ־צוטיילן פון זיין רעאַליסטישן הינטערגרונט און זיך צעבליען סימבאָליש.

וואָס שייך די צווייטע קריטעריע, איז געגוג אָנצוווייזן אויף דעם אָנהייב און אויף דעם סוף פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעמע. וועל איך שוין נישט רעדן דערפון, וואָס דער שטילער, אָרעמער און הכנעהדיקער גאַרבער לאָזט זיך ביים סוף פון דער פּאָעמע אַוועק אין גלות און ס'גייט פון אים אויף דער סימבאָלישער ריח פון דעם גרויסן יידיש־פּוילישן ישוב, וואָס איז אַנטרונען געוואָרן צו טויט און צו וואָגלעניש.

איך וויל בלויז אָנווייזן אויף דער ירושהדיקער קאַפּאָטע פון דעם „שטילן טאַטע", וואָס —

עס שטייט אַ ווייל אַזוי, ווי זיך געוואָלט דערמאָנען
מיט זיקנה־פּעדעם זילבערנע געפּאַרט,
עס האָט דער אויסגעגלאַנצטער קאָלנער נאָך געוועבט
דעם ווייטן חלום פון דער יוגנט,
פון דער צייט,
ווען אין אַ קראַגן פון פּאַפּיר פאַרשטייפט
האָט זיך געוויגט אַ חתנדיקער האַלדז
אין ווילגערוך פון מאַנדלדיקער זייף.

אָט דאָס פון לכתחילה־שבתדיקע און יונגע מלבוש און איצט „מיט זיקנה־פּעדעם זילבערנע געפּאַרט", סימבאָליזירט די האָפּערדיקייט און דערנאָך פאַר־וויאַנעטקייט פון דעם יידיש־דורותדיקן לעבן אויף פּוילישער ערד. אָבער נאָך סימבאָלישער, ממש אימהדיק־סימבאָליש גייט אויף דעם טאַטנס קאַפּאָטע ביים סוף פונעם לעצטן געזאַנג —

אַלטמאָדיש, שוואַרץ און פּראָסט,
פון דורותדיקע לאַסטן אויסגעריבן.
— — — — — — — — —
זי האָט געוויינט,
די שוואַרץ־געוואַנטענע אַלטפרענקישע
קאַפּאָטע.
זי האָט געריסן זיך פון שאָטנדיקע ווענט
מיט אַרבל אויסגעשטרעקט ווי בעטנדיקע הענט —
זי האָט געוואָלט אַוועקגיין.

זיי זענען נישט באַצייטנס אַוועקגעגאַנגען, די „אַלטפרענקישע קאַפּאָטעס", און זענען דערנאָך געבליבן הענגען אויף די „זשאַווערדיקע נאָגלען" פון היט־לערס טויט־לאַגערן.

און נישט ווייניקער ווי די אַלטפרענקישע קאַפּאָטע, אָטעמט אין יאַנאַסאָווי־טשעס פּאָעמע סימבאָליש דער „אַלט־פאַרגעסענער וואַרשע־לאָדזשער שליאַך". ער, דער שליאַך, איז, ווי געזאָגט, איינער פון די הויפּט־העלדן אין „אַ שטוב אין שטעטל". דער שליאַך איז אפשר מיט עטלעכע בילדער, מער ווי מען דאַרף פאַרמענטשלעכט. אָבער ווען דער דיכטער דערציילט וועגן אים, אַז —

און ווי ביי עמעצן אַ זייטיקן ער וואָלט געוואָלט דערגיין:
— וווּ זאָל ער ווייטער שפּאַנען?
וווּ זאָל ער ווייטער גיין?

ווערט דער שליאַך נישט נאָר פאַרמענטשלעכט, נאָר ער, דער וועג, דער דומם וואַקסט אויס אַ לעבעדיקער טויזנטפּאַכיקער פּוילישער ייד, וואָס איז

דורות־לאַנג איבער דעם וועג געגאַנגען, און די פּראָזע „ווו זאָל ער ווייטער שפּאַנען? און ווו זאָל ער ווייטער גיין"? האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל אין יידישן מויל ביז — דער דאָזיקער סימבאָלישער וועג האָט זיך פאַרקערעוועט קיין טרעבלינקע און אַזוי גורלדיק פינצטער פאַרענטפערט די פראַגע.

דער הכנעהדיקער טאַטע און דער גאוותדיקער פעטער הענעך האָבן זיך אויסטענהריש און דראַמאַטיש קעגנגעשטעלט אין זייער בליק אויפן לעבן. ווער פון זיי איז געווען גערעכט? ביידע, ווייל ביידע זענען זיי געווען דער אויסדרוק פון דעם מענטשלעכן און יידישן „קרעכץ און לעכץ". און דעם קינסטלערס אויפגאַבע איז נישט צו פּסקענען „וועלט־אַנשוילעכע" שאלות פאַר זיינע העלדן, נאָר צו פּרעזענטירן, צו געשטאַלטיקן זיינע פאַרשוינען און ריכטיק און דיאַלעקטיש שאַרף אַרויסצוברענגען די שאלות, וואָס זיי פרעגן.

דאָס קאַפּיטל טאַטע און פעטער, איז איינס פון די סאַמע גערעכטנסטע אין דער פּאָעמע און ביידע, אי דער שטילער טאַטע און אי דער אויפגעברויזטער פעטער, רעדן קלוגע און טרעפיקע רייד.

זיי, דער טאַטע און דער פעטער, האָבן אין זייער זון און פלימעניק, אַ דיכ־טער מיט אַ שפע פון קלוגע און טרעפיקע זאָגענישן און ער קאָן זיי ביידע באַ־זאָרגן דערמיט בהרחבה. איך האָב מיר פאַרצייכנט בלויז צוויי פון יאַנאַסאָווי־טשעס קלוגע סענטענצן, וואָס קלינגען ווי פסוקים פון „משלי": „דאָס וואַסער שעפּט נישט אויס זיך אינעם ים, נאָר יעדער באַרג פאַרענדיקט זיך אין טאָל"; „ווען קאַליע ווערט די פאַרב אין טאָפּ, ווילסטו ס'געוואָנט דערפאַר באַשטראָפן?"

איך האָב דאָ געבראַכט צוויי פון אַ סך טרעפיקע זאָגענישן וואָס יאַנאַסאָ־וויטש האָט באַוויזן שיין און שלאָגעדיק ריטמיש צו צוימען אין זיין פּאָעמע. ווען איך שטעל מיר די פראַגע, ועמען האָט יאַנאַסאָוויטש אַוועקגעשענקט מער פון זיין שאַרפער און כמעט תמיד בילדערישער אַרגומענטאַציע אין דעם שטרייט צווישן טאַטע און פעטער, וועט מיר לייכט זיין צו ענטפערן, אַז דער פעטער הענעך איז, ווי ס'ויזט אויס, על פּי זיין געמיט נענטער צום פלימעניק, ווי דער פאָטער צו זיין זון.

דער פעטער הענעך איז פון אונטער יאַנאַסאָוויטשעס פעדער אַרויסגעקומען אַ קינסטלעריש זייער געראָטענע געשטאַלט. דער פעטער הענעך איז אַ געשטאַלט, אין וועלכער עס באַהעפטן זיך אָרגאַניש יחידישע פאַרביטערטקייט, יחוסדיקע גאווה, רעוואָלוציאָנערער דאָן־קיכאָטיזם, אַוואַנטוריזם און כשופדיקע מעשהדי־קייט. דער צויבער פונעם פעטער הענעכס מעשיות האָט צוגעצויגן צו אים דאָס געמיט פון די קינדער אין דער אָרעמער שטוב. ער, דער פעטער הענעך, האָט גערעגט די קינדערישע פאַנטאַזיע, האָט געמוטיקט זייער האָפענונג און גע־שטאַרקט זייער ווילן צו אַנדערשקייט. דער פלימעניק, דער דיכטער, צאָלט אָפּ

דעם פעטער פאַר אַלדאָס גוטע און — ער שטייט מער הינטער זיינע רייד ווי הינטער די רייד פונעם שטילן טאַטן.

דאָס איינציקע, וואָס איז אפשר נישט אָרגאַניש אין דער געשטאַלט פון פעטער הענעך און האָט געדאַרפט צוליב איר האַרמאָנישקייט אויסגעלאָזט ווערן, איז די אָנווינקעניש אויף זיינע פאַרפלאָנטערנישן מיט מיסיאָנערן. די דאָזיקע פאַרפלאָנטערניש קאָן זיך זיין זכרונותדיק וואָר, אָבער קינסטלעריש איז זי נישט נאָר לגמרי אומוויכטיק, נאָר מינערט פון דער געראָטענער געשטאַלט־קאָמפּאָזיציע.

„דער טאַטע — כאַראַקטעריזירט יאַנאַסאָוויטש סד־הכלדיק דעם טאַטן און דעם פעטער — פון דער וועלט צו זיך אַהיים טוט שפּרייזן, דער פעטער הענעך גייט נאָך אַלץ זיין קראַפט דער וועלט באַווייזן". און מיטן פעטער גייט מיט דער דיכטער און עס גייט מיט אים מיט דער מיסטעריעזער „אורח אין פראָסט", וואָס איז געקומען אין איינער אַווינטער־נאַכט צו גאַסט און האָט מיט דער שפּייז פון זיין טאָרבע אָנגעזעטיקט די הונגעריק־פאַרצווייפלטע „שטוב אין שטעטל". און די געשטאַלט פונעם „אורח אין פראָסט" און די גאַנצע אַטמאָספער, וואָס ער ווייעט אָן איז גלייך אַ מעשה, וואָס דער פעטער הענעך קאָן זי האָבן דערציילט.

און עס גייט אויף דער ליניע פון דער פעטער הענעך־געשטאַלט די מעשה וועגן דער באָבע בלימע, וואָס אין איר יוגנט פלעגט זי פון וואַרשע ברענגען

ביכלעך פּוילישע (די מאַמע זאָגט: משלים)
מיט אויסטערלישע מוראַדיקע רייד.

און צוליב די ביכלעך שיר אַ צרה נישט געבראַכט אויף זיך. און אחרון אחרון אין דער אַטמאָספער פון דער וווּנדערגעשטאַלט: פעטער הענעך, געפינט זיך דעם דיכטערס שוועסטער, וואָס האָט זיך באַהעפט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און וואָס וועגן איר זינגט יאַנאַסאָוויטש אפשר די שענסטע עלעגישע פערזן אין דער פּאָעמע —

פון וואַנען איז אין אונדזער אָרעמשאַפט
אַזאַ געוויקס אַ שיינער אויפגעגאַנגען?
איר גאַנץ געשטאַלט געוועקט האָט פרייד
ווי ס׳וועקט די רו אין האַרץ אַן אוונט פעלד מיט זאַנגען.
אַ טיפער זומערבלוי, ווי מיטן טאָג אַ טייך
באַהאַלטן האָט זיך אונטער שמאָלע ברעמען.

מאיר שטיקער

אויב ס'איז טאַקע פאַראַן עפּעס אַ באַזונדער פּאָעטיש געמיט, וואָס הייסט יידיש־גאַליציע, דאַכט מיר, אַז דער דיכטער מאיר שטיקער איז איינער פון די בעסטע און שענסטע ביישפּילן פון אָט דער יידיש־גאַליציאַנישקייט.

ווייל מען פּרוווּן דעפינירן יידיש־גאַליציע אין פּאָעטישן זין, ציט זיך דער געדאַנק צו דער געשטאַלט און צום דיכטערישן ווערק פון דעם גרויסן טרובאַדור אין דער דייטשער שפּראַך — צו היינריך היינע.

נאָכמאַכערס און נאָכדיכטערס האָט היינע געהאַט אַ היפּש ביסל אין דער מאָדערנער פּאָעזיע פון יידיש און העברעיִש, אָבער ירשענען זיין פּאָעטיש געמיט האָבן, על פּי עפּעס אַ פאַרהוילענער צוואָה, געירשנט די דיכטער פון דער יידישער גאַליציע.

זיי האָבן גערישנט דאָס היינישע געמיט, וואָס איז ערגעץ ווו געווען אַ ירושה פון די שפּאַניש־יידישע זינגערס, אַ ירושה, וואָס אין איר האָט זיך באַהעפט די ראָמאַנטיק פון יהודה הלוי מיט דער סאַטירע פון אברהם אבן עזרא.

און איך גלייב, אַז כמעט ביי קיינעם פון די יידיש־גאַליצישע דיכטער, קומט די דאָזיקע באַהעפטונג נישט צום אויסדרוק אַזוי קלאַסיש ווי ביים פּאָעט מאיר שטיקער אין זיין צווייטער זאַמלונג „יידישע לאַנדשאַפט“. ווען איך זאָג קלאַסיש, מיין איך, אַז די פאַרשמעלצונג פון ראָמאַנטישער איראָניע מיט רעאַ־ליסטישער סאַטירע און פון נאָסטאַלגישער צאַרטקייט מיט וווילינגערישער רעבעלישקייט ווערט ביי מאיר שטיקערן כמעט אַלע מאָל דורכגעפירט מיט קאָנטראָלירטער מאָס און מיט וואַכער באַלאַנסירטקייט.

די ראָמאַנטיק פון אַזעלכע גוטע גאַליציש־יידישע דיכטער, ווי נפתלי גראָס און ראובן אייזלאַנד, איז געווען אַ סטאַטישע, און זיי האָבן זיך ביידע קוים וואָס דערוועגט אַריינצוגיין אין תחום פון סאַטירע און רעבעלישקייט. זיי האָבן אָפּגע־ראַטעוועט די האַרמאָניע פון זייער ליד און אַ סך מאָל אויף זיך אַרויפגעצווונ־גענער רו פון שטיל־לעבן.

דער פּאָעט משה לייב, דער „סטאַר“ פון דער יידיש־גאַליצישער פּאָעזיע, האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דיסהאַרמאָניע. ער האָט געלאָזט פריי און אומגע־פּענטעט לויפן זיין רעבעליש, זיין „קאָצקער געמיט“ און האָט נישט איין מאָל כמעט ווי דערטרונקען דאָס צאַרט־ראָמאַנטישע פון זיין פּאָעטישער נשמה אין דעם ברוויז פון סאַטירע און לעסטערונג.

מאיר שטיקער, דער דיכטער פון „יידישע לאַנדשאַפט“, האָט אין דעם גרעסטן טייל פון זיינע לידער באַוויזן אָנצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון די שפּעריש־קריגערישע עלעמענטן אין זיך. די אויבערהאַנט האָבן די ראָמאַנטיק און דער נאָסטאַלגישער טרויער, אָבער עס קומען אויך צום אויסדרוק דעם

דיכטערס רעוואָלט און סאַטירישקייט. זיי קומען צום אויסדרוק אין אַ דאָזירטער מאָס פון ווערטער; זיי קומען צום אויסדרוק אין שורות און אין בילדער, וואָס ס'איז אין זיי נישט פאַראַן משה לייב האַלפּערינס „געשפּיזלטער און שאַרפער קאַם" (שטיקערס טרעפיקע כאַראַקטעריזירונג פון משה לייבן אין זיין ליד „אַש"), אָבער דערפאַר האָבן די דאָזיקע פּערזן און אימאַזשן אין זיך די שטילע און שאַרפע פאַרשפּיצטקייט פון אַן „עיקר שכחתי" צו אַ טרויעריקן און רויק דערציילערישן בריוו. בלייבן בלייבט אין לייענערס האַרצן דער אַראָמאַט פון טרויער, אָבער דער „עיקר שכחתי" גראָבט זיך איין אין געמיט ווי אַ קללה, וואָס קריכט אין געביין אַריין און ווי אַ רוף צו „שפוך חמתך", וואָס פאַרקלעמט ביים האַרץ דווקא מיט זיין אומפּאַטעטישקייט און שטילקייט.

וויביישפּילן פאַר אַזעלכע „עיקר שכחתי"־שורות און אימאַזשן קאָנען דינען צוויי לידער ביים סאַמע אָנהייב פון דער „יידישער לאַנדשאַפט". אָט איז איינס פון „דריי אַלטע ליבע־לידער", ווו דער דיכטער דערציילט וועגן דער ליבשאַפט און געטריישאַפט פונעם שבת־גוי צו זיין גאָט —

דער שבת־גוי, פון ליבשאַפט אַ פאַרקייכטער,
ברענגט שטייער צו זיין מאָנענדיקן גאָט —
דאָס קילע זילבער פון די שבת־לייכטער.
דאָס יויזל נעמט עס צו מיט גוטמוטיקן שפּאָט:

— איוואַן, איוואַן, טונק איין אין אייל די קנויטן
און לייג זיי אויס אין אַלע עקן וועלט.
מיט ליבשאַפט טוט ער וואָס זיין האַר באַפעלט.
ישראל שטאַרבט מיט זעקס מיליאָנען טויטן.

אין אַ צווייט ליד באַלד דערנאָך, ווו דער דיכטער לאָזט טענהען שיילאָקן צו זיין טאָכטער דזשעסיקאַ מיט ליבשאַפט, מיט וואָרעניש און מיט געבעט פאַרענדיקט ער מיט די וויטערע פינף שורות —

נאָר אין אַן אויסגעשטערנטער סוף־זומערדיקער נאַכט —
די שטערן וועלן גליען ווי געגנבעטע דוקאַטן —
וועסטו אַנטלויפן אַן אַ זיי־געזונט דעם טאַטן
און אייביק הערן ווי לאָרענצאָ לאַכט.
און דו, דזשעסיקאַ, וועסט שטענדיק וויינען.

דער „עיקר שכחתי" פון ערשטן ליד איז די אומגעריכטע שורה וועגן ישראלס זעקס מיליאָנען טויטע, וואָס באַפאַלט דעם לייענערס געמיט און גראָבט זיך איין אים איין ווי אַ פלוך אויף דעם, פון דור צו דור אין זיין גאָט פאַרליבטן, שבת־גוי.

אין צווייטן ליד איז דער „שיר נישט פאַרגעסן״, דער, דאַכט זיך, אַזוי כלאחר־ידיקער אימאַזש וועגן דער סוף־זומערדיקער נאַכט מיט אירע שטערן, וואָס וועלן גליען ווי געגנבעטע דוקאַטן. די שטערן מיטן גלי פון געגנבעטע דוקאַטן דערציילן נישט בלויז אין איין פּאָעטישער שורה דעם גאַנצן סיפּור המעשה פון דער גויישער ליבשאַפט צו שיילאָקס טאָכטער, נאָר זיי טראָגן אין זייער גלי אויך בריענדיקן פּראָטעסט קעגן יידישן גורל און סאַרקאַסטישן חוזק אויף דער מאָראַל פון דער וועלט.

אַוודאי טרעפט, אַז דער פּאָעט שטיקער פאַרלירט צומאָל זיין אייגענעם טאָן, דעם טאָן פון ראָמאַנטישער איראָניע און פון דאָזירטן און דערפאַר זייער סאַטי־רישן און סאַרקאַסטישן „עיקר שכחתי״, און פאַלט אַריין אין אַ וווּליוונגערישער לעסטערונג פון אייגענעם „איך״־ און „מיר״־צער און נעמט טרעטן —

אויפן גלאַטן שניי
ביים הויז פון סטעפאַן מאַלאַרמיי.
און וועז תחינות און סידורים ברענען
מורמל איך סטראָפן פון ווערלענען.

אָבער דאָס געשעט בלויז זעלטן און בלויז דעמאָלט ווען ער, דער פּאָעט שטיקער, דערזעט זיך אַליין בבחינת פון „דאָס לערערל״, וואָס איז איינער פון די העלדן אין זיינע אויפטרייסלענדיקע „זעקס געדענקטאָוולען״, און ווי דער לערערל, דאַכט זיך אים, אַז —

איך האָב נישט קיין קאַנטשיק און איך דאַרף אַ בייטש!

און דער אמת איז, אַז שטיקערס פּאָעטיש געמיט פאַרמאָגט טאַקע נישט קיין קאַנטשיק, און דאָס שטיקל בייטש, וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט אַהער אין עטלעכע לידער פון דער ערשטער זאַמלונג (ניו־יאָרק, 1945) און פּרוּווט חלומען וועגן דעם אויך אין דעם איצטיקן, צווייטן בוך „יידישע לאַנדשאַפט״ — דער אמת איז, זאָג איך, אַז דאָס איז אַ חלום (נוצנדיק שטיקערס אייגענע דיכטע־רישע פאָרמולע), וואָס —

איז אומגעגאַן מיין חלום אין לאַקירטע שיך.

דער „חלום אין לאַקירטע שיך״ וויל זאָגן, אַז דער טרוים איז נישט פיינפול אייגן, נאָר אַן אָנגעוויייטער, אָדער אַן אַריבערגענומענער פון דרויסן און מער אָדער ווייניקער (אפילו מער איז נאָך אַלץ נישט גענוג) צונויפגעחברטער מיטן דיכטער.

אויך אין יענע חלומות מיט לאַקירטע שיך, ווי, למשל, אין די פּאַמפלעטאַרישע פּאָרטרעטן פון „דער מוסרניק און דער מקונן״, „דער גנב און דער חונף״ און אין דעם „בריוו פון געפענקעניש פון פּאָל ווערלען צו אַרטור רעמבאָ״, איז פאַראַן פּראָזאַאישע קענטשאַפט, אין זין פון וויסן און קענען. מאיר שטיקער איז

פון סאַמע לכתחילה אַ שרייבער און אַ דיכטער, וואָס איז בעל־הבית אין מלכות פון וואָרט און פון פערז.

אָבער ווען דער חלום ווערט זיין פיינפול אייגענער; ווען דער דיכטער שטיקער ווערט דער מענטש, וואָס —

אין חלום קערט זיך אום אַהיים
און רעדט צו זיך אַליין; איך שלעפּ
דורך זומפּן זיך, דורך שווינדלטרעפּ,
דורך שטערנסטעזשקעס און דורך שפּינגעוועב,
דורך הימלבלוי און שימלגרינעם ליים.
דאָס איז מיין הײם —

דעמאָלט צעשפּילט זיך די נשמה פונעם פּאָעט, מיט אירע פולע טענער פון טרויעריקן געקלאַג, און זי צעשפּיליעט זיך און אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם טיפן אומעט־בליק פונעם דיכטער, וואָס קוקט אויפן לעבן דורך די אַרבסטיקע אויגן און זעט דעם האַרבסט אין כלערליי פּאַטעטישע, גראָטעסקע און אויך ווילד־דעמאָנישע געשטאַלטן.

שטיקערס אימאַזשן פון האַרבסט, וואָס ער —

קייכט און פרייכט און קריכט אויף אַלע פיר
און לאַכט מיט אַ פאַרשפּיצט געלעכטער ווי אַ סאַטיר;
ווי דער יידישער קעניג ליר
וואָס וואַרט אין לאַכעס און אין שמאַטעס פאַר זיין טאַכטערס טיר.

און צום שלוס — דאָס האַרבסט־געמעל אין דעם אפשר דורכגעמענדיקסטן און קינסטלעריש וואָגיקסטן ליד אין בוך „קלאָגליד אויפן טויט פון פופציק האַרבסטן", וווּ דער פּאָעט זעט די דריטע צייט פון יאָר און פון מענטשלעכן לעבן, ווי זי —

שלייכט ווי אַ שלויער אונטערצינדער,
באַפּאַלט די לעמער, שינדט די רינדער
בלייכט די פּנימער פון קינדער
און פון איינזאַמע און אַלטע לייט.
ווי שוויגן, וואַרטן לאַנג און קוקן:
דער האַרבסט צילט אַ בלוטיק מעסער אין זייער רוקן —

אַט די אַלע מעטאַפאָרן האָבן בלי שום ספק אַ פּלאַץ אין דער גאַלעריע פון די גאָר שיינע אימאַזשן אין דער יידיש־דיכטונג. עס איז פאַראַן אייגנאַרטיקע זעונג, גרויס־מאָלערישער כוח און מאָנסביליש־רייפער טרויער (כ'מיין, טרויער

נישט פון שטורעם און דראַנג, נאָר אַ טרויער, וואָס פאַלט אַ צייטיקער אַרויס פון האַרץ) אין שטיקערס האַרבסט־אימאַזשן.

און ווען דער פּאָעט מאיר שטיקער איז מיט זיין חלום ביי זיך אין דער היים, ווי כמעט דורכויס אין „יידישער לאַנדשאַפט", האָט ער נישט בלויז איינגעשטעלט אין זיינע לידער האַרמאָניע צווישן ראָמאַנטיק און סאַטירישער פאַרשייטקייט, נאָר עס אַנטפּלעקט זיך אויך פאַר אונדז שטיקערס יידיש געמיט. דאָס יידישע געמיט קומט צום אויסדרוק סיי אין דער דערמאָנונג פון שטעטלשן אַמאָל און סיי אין דעם פּאָעטס באַריכטן וועגן זיינע וואַנדערונגען איבער די הייליקע שטעט צפת און ירושלים, אין דער אויפגעקומענער יידישער מדינה.

פיר מיך נישט, כ׳וועל אַלץ אַליין געפינען.
איך בין דאָ אין דער היים — האָב עס אין זינען.

אָט די צוויי שורות, וואָס מיט זיי הייבט דער פּאָעט אָן זיין ליד „צו אַ וועג־וויזער אין ירושלים", קאָנען דינען, ווי אַ מאָטאָ סיי פאַר די לידער־בריוו צו דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, סיי פאַר די לידער־וואַנדערונגען איבער די שטעט פון ישראל, ווו ער דערקלערט, אַז —

דאָ איז נישטאָ קיין נידער —
אַלץ איז ווי עס שטייט אין סידור, —

און סיי פאַר די „זעקס געדענקטאָוולען" (דער עיקרשט „די פאַרשטויסענע" און „דער לאַנגער פּיוויש"), און אויך פאַר דעם וווּנדערלעכן דערמאָנונגס־ליד וועגן ווידן נח, דעם גיבור פון דער סטרעליסקער שריפה, וואָס האָט מיט דער שבתדיקער הכנסת אורחים פון סטרעליסקער נשרפים ביי זיך אין שטוב פאַר־פלאַנצט אין זיין אייניקל, דעם פּאָעט, אַ „שבתדיקע וואָר", וואָס —

איך פיל אין אַלע ביינער
כאָטש ס׳זענען שוין אַנטלאָפן
אַריבער פערציק יאָר.

און אין אָט די לידער, ווו מאיר שטיקער האָט אָפּגעהאַלטן אַזאַ שיינעם נצחון אין דער האַרמאָניזירונג פון זיינע פּאָעטישע יידיש־גאַליציאַנישע עלעמענטן און אין דער געשטאַלטיקונג פון זיינע האַרבסטיקע טרויער־אימאַזשן, האָט ער געפונען דאָס תמציתדיק־סימבאָלישע בילד פון זיין אייגענעם שעפערישן איך —

דאָס אָפּגעציטערט יינגל מיט די גלאַנצנדיקע שיך,
דעם פוילנדיקן בעז אין זיינע אויגן, דעם גערוך
פון רויך אין האַרבסט ווען באַנען יאָגן זיך, —

אין אָט די לידער איז מאיר שטיקער, זאָג איך, נישט נאָר געוואָרן אַ וויכ־טיקער פּאָעט אונדזערער; אַ פּאָעט מיט אַן אייגענעם טאָן און מיט אַן אייגענער

זעונג, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעבראַכט אַ שפע פון גוטן און באַטעמטן יידיש־גאַליציישן לשון.

און שטיקער איז אין פרט פון זיין גאַליציש־יידישן לשון נישט קיין אויפ־געקומענער גביר, וואָס שאַפט זיך איין כלערליי וואָרט־חידושים. ניין, ער פאַרמאָגט אַן איינגעפונדעוועטע, גבירישע באַלעבאַטישקייט פון אַלטע, גוטע ווערטער, איַעדעס מיט זיין פאַרב און מיט זיינע אַסאָציאַציעס און אַיעדעס אויף זיין פּלאַץ, אַן אַ שום „וועלן זיך באַווייזן". זיינע פּאָעטישע ווערטער, און צום טייל אויך די גראַמען, זענען פאָלקסטימלעך, אָבער מיט אַ באַהעמישן ריח; זיי זענען נישט קיין געצערטלטע און ווייט פון פּוריטאַניש, אָבער ס'שמעקט פון זיי אַ סך מאָל מיט יחוסדיקער ווערדע, מיט דער אַריסטאָקראַטישקייט פון שטייגערישן עלטער, וואָס קאָן זיך באַגיין אָן ליטעראַרישע רעמיניסצענצן, ווייל זי איז אַליין שעפערישקייט, אַליין קולטור.

יוסף רובינשטיין

פון די דריי לידער־זאַמלונגען, וואָס דער דיכטער יוסף רובינשטיין האָט ביז איצט אַרויסגעבראַכט, איז די ערשטע אונטערן נאָמען „מאָדעלן" דערשינען אין וואַרשע אין 1939 און די גאַנצע אויפלאַגע פונעם בוך איז דאָרטביים אויסברוך פון דער מלחמה פאַרברענט געוואָרן.

מיט צען יאָר שפעטער, אין ניו־יאָרק, האָט דער פּאָעט איבערגעדרוקט די „מאָדעלן" אין זיין צווייט בוך „נאַכט אויף נאַלעווקעס" און צוגעגעבן צו זיי אַ זאַמלונג לידער אונטערן שם הכולל „גורל".

„מאָדעלן" אָטעמען מיט וואַרשע, מיט אירע גאַסן, מיט אירע שויפענצטער און מיט די מאַנעקענען אין די שויפענצטער. די לידער פון צווייטן טייל, וואָס טראָגן די בשותּפותדיקע איבערשריפט „גורל", זענען געשריבן געוואָרן אין דעם יאָרצענדליק פון רובינשטיינס וואָגל איבער דער אייראָפּעיִשער און אַזיאַטישער רוסלאַנד קעריקוועגס פון דאָרט איבער פוילן, שוועדן און פראַנקרייך צו די ברעגעס פון אַמעריקע. אָבער אויך די הויפּט־טעמע פון די „גורל"־לידער — שרייבט מיט רעכט דער דיכטער אין זיין הקדמה — איז געווען און בלייבט די וויזיע פון דער פאַרמלחמהדיקער יידישער וואַרשע. דער עיקרשט קומט די זעונג פון דער יידישער וואַרשע פון פאַר דער קאַטאַסטראָפע צום אויסדרוק אין די פּאָעמעס פון יידישן שטייגער און פון משיחישע פיבער־טרוימען אויף נאַלעווקעס.

מיט צען יאָר שפעטער, אַן ערך אַזוי פיל, נאָך דעם ווי סטאַלין האָט אָפּגע־

מעקט דאָס יידיש־שפּעריש וואָרט; אין רוסלאַנד און האָט פאַרשיקט און אויסגעהרגעט די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער, האָט יוסף רובינשטיין אין זיין נייעם בוך פון „מגילת רוסלאַנד" אויפגעוויקלט פאַר אונדז די מגילה פון ליידן און פון שרעק, וואָס ער האָט געזען הויערן איבער רוס, איבער ייד און קודם כל איבערן יידישן חבר־שרייבער און וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט מיט זיין אייגענעם גוף און נשמה אין שווערע נעכט פון אומרו און אין טעג פון פּיין.

ערב לאָזן אין וועג אַריין צוריק פון רוסלאַנד קיין פּוילן: „אָט מאָרגן פאָר איך שוין אַוועק. ס'איז זונטיק, ערב פסח" האָט דער דיכטער אָנגעשריבן אַ ליד וואָס ער פאַרענדיקט מיט די ווייטערע פיר שורות —

אָ, גרויסער גאָט, איך בעט דיך איצטער — לאָז מיך נישט פאַרגעסן,
די בליקן פון די מענטשן, וואָס געזען האָב איך זיי דאָ.
ווי שטום בין איך מיט זיי דורך אַלע פּחד־טעג־געזעסן...
אָ, גרויסער גאָט, דאָס בעט איך דיך, איצט אין דער לעצטער שעה.

די תפילה פונעם פּאָעט איז דערהערט געוואָרן און „מגילת רוסלאַנד" איז אַרויסגעקומען פון אונטער רובינשטיינס פעדער אַ ווערטפול פּאָעטיש ווערק, אַ ווערק מיט קלוגע און דינע מענטש־פּאָרטרעטן, מיט אייגנאַרטיקער לאַנד־שאַפט־מאָלעריי און דערצו מיט צערדיקער, פּרום־ערנסטער פאַרצייכענונג פון געשעענישן, וואָס גיט דער זאַמלונג לידער און פּאָעטישע כראָניקעס פון „מגילת רוסלאַנד" אי די שפּאַנונג פון אַ סיפּור המעשה און אי די וויכטיקייט פון אַ היסטאָרישן גבית עדות־דאָקומענט.

וואַרשע

פּאָרטרעט איז יוסף רובינשטיינס באַליבטער פּאָעטישער זשאַנער שוין אין זיין ערשטלינג־בוך „מאָדעלן". אָבער אין יענעם בוך איז דאָס די פּאָרטרעטיסטיק פון שטומע זאַכן ווי פענצטער, קוימען, דאַך, שילדן איבער געוועלבער און מאַנעקינען אין די שויפענצטער און אויך בילדער פון די ליאַרעמדיקע שטאָט־גאַסן.

אין דעם פּאָרטרעט פון די זאַכן ברענגט דער דיכטער אַרויס זייער באַרע־דעווודיקן שטום־לשון, זייער בענקשאַפט און עס ווערט אָפט אויך סוגעסטירט די דראַמע, וואָס ליגט אַ פאַרהוילענע אין זייער אומבאַוועגלעכקייט —

דער יום־טוב־טישטעך בלייבט אַ מאַטער אויפן טיש,
דאָס ווייסע ווייצנברויט צעשניטן ליגט נאָך פריש
נישט אָנגערירט שטייט פּוטער, ס'געלבט פאַרשעמט דער קעז
און אומעטיק בלויט אויף פון וואַסערקרוג דער בעז,

ווי ס׳וואָלט פאַרווונדערט אַלץ זיך דאָ געפרעגט:
פאַר וואָס איז פלוצלינג ווער פון זאַטן טיש אַוועק?

די אידיליע פון דעם אָפּגעמאָלענעם שטיל־לעבן ווערט אויפגעריסן דורך דער סוגעסטיע וועגן דער מיסטעריעזער געשטאַלט, וואָס איז „אַוועק פון זאַטן טיש".

וואָס שייך די אויסגעשטעלטע זאַכן אין די שויפענצטער, בלייבט די פאַר־באַרגענע באַוועגלעכקייט פון דער אומבאַוועגלעכקייט נישט שטיין אויפן האַלבן וועג ביי דער דראַמע. דער געקרייץ פון די פאַרבאַרגענע, אָבער העפטיקע געפילן, וואָס דער דיכטער טוט אין זיי אַריין, דערגייט, ביין, דערלויפט אין רובינשטיינס ליד צו טראַגישע פינאַלן —

פאַרפוצטע דאַמען־שירעמלעך מיט מינעס מאָדנע־קלוגע,
ווי עלטערע קאַקאַטעס צווייי ווינקען צו דעם זאַק.
דער שטעקן מיט דער זילבער־האַנט, פאַר אייפערזוכט משוגע,
האָט אומבאַמערקט פאַר קיינעם, זיך געהאַנגען אויף אַ האַק.

מיט די וואַרשעווער גאַסן ווידער, ווי מאַרשאַלקאָווסקע, לעשנאָ, קאַרמע־ליצקע און סמאָטשע — מיט זיי געשעעט אונטערן דיכטערס פעדער־פינדזל פונקט דאָס פאַרקערטע ווי מיט שטומע זאַכן אין די שויפענצטער. זייער ליאַרעם, זייער רעש ווערט אין דעם דיכטערס געזאַנג ווי איינגעשטילט און די בילדער ווערן בדרך כלל פאַרוואַנדלט אין שטיל־לעבנס, ווו „אַ חלום האָט פאַרבלאָנ־דזשעט", ווו די „איינזאַמקייט איז פאַרלאָשן צווישן לאַנגע פלייטן־שורות" און ווו עס „ציילט שטערן אין דער נאַכט אַריין דער הייליקער פלאָריאַן".

דריי זענען זיי פאַראַן אין אונדזער יידיש־דיכטונג, וואָס עס לאָזט זיי נישט רוען די פאַרגליווערטע רו פון די מאַנעקינען אין די שויפענצטער אָדער פון סתם זאַכן אין שטוב און גאַס און עס טרייבט זיי די דאַזיקע זאַכן פּאָעטיש אויפ־צולעבן, אין זיי אַריינצוגעבן דראַמאַטישע און טעאַטראַלישע באַוועגונג.

ואלה הם: יעקב שטערנבערג, דער דיכטער פון דער לידער־סעריע „קאַליבערי" אין זיין בוך „שטאָט אין פראָפיל", א. לוצקי, דער רעזשיסער פון דומם אין אַ טייל פון זיינע לידער, און יוסף רובינשטיין דער זינגער פון „מאָדעלן". אָבער ווי קרובהש זיי זענען אין זייער געמיט, אַזוי גרונטפאַרשידן זענען זיי אין זייער פּאָעטישער געשטאַלטיקונג און אין זייערע קינסטלערישע כוונות און צילן.

דער בעל ה„קאַליברי", יעקב שטערנבערג, איז אַ סימבאָליסט אין זיין דיכטערישער געשטאַלטיקונג פון זאַכן און לויט זיין קינסטלערישן טעמפּעראַ־מענט אַ מוכיח, אַ שטראָפער פון דער שטאָט און פון אירע זינד. ער, דער פּאָעט און הויך־באַגאַבטער טעאַטראַל, יעקב שטערנבערג, שטעלט זיך אַליין אַריין אין די שויפענצטער און אינסצעניזירט פון דאָרט אינעווייניק די גראָ־

טעסקע איבערשמועסן מיט די מאַנעקינען און מיט דער גאַס, און מיט די איבער־שמועסן און מיט די שאַרף צוגעשפּיצטע דיאַלאָגן און מיט די טרויעריק־קאָמישע בילדער איז דער פּאָעט אויסן אונטערצושטרייכן זיין פייערדיק־סאָציאַלע „באַרג־פּרעדיק" צו דער זינדיקער שטאָט.

א. לוצקי איז ווייט פון צו זיין אַ שטראָפער. ער איז גיכער אַ סאָציאַלער פּאַטאַליסט.

אַוועקגעשטעלט — שטייט עס.
וווהין זאָל עס גיין?
ווייטער איז דען בעסער?

איינער פון די בולטסטע עלעמענטן אין לוצקיס ליד פון דומם־באַלעבונג איז די פאַבל. זיין ליד איז אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז לגמרי פריי פון אַ מוסר־השכל און פון אַ טענדענץ צו מוסר־השכל, אין תוך פאַבל, אָדער נאָענט דערצו.

יוסף רובינשטיין אָבער איז אין זיין פּאָרטרעטיסטיק פון זאַכן, פון שווי־בענצטער־חפצים און פון די וואַרשעווער גאַסן, איינגעשלאָסן די געסלעך און די הייזער פון „אַלטשטאָט", דורכויס מאָלער, דורכויס דער קינסטלער, וואָס איז פאַרטון אין דעם שפּיל פון פאַרבן און פון בילד לשם בילד און דער איינציקער מוסר־השכל איז דער אומעט, וואָס שפּרייט זיך און איז דער אויסקלאַנג פון כמעט יעדן פון די בילדער.

און דאָרט ווו יוסף רובינשטיין פאַרגלוסט זיך דווקא צו פלירטעווען מיט אַ מאָראַלישער טענדענץ ווי, למשל, אין דעם צווייטן געזאַנג פון די צוואַנציק שיינע געזאַנגען וועגן „אַלטשטאָט", איז די מוסר־השכל־סטראָפע, וואָס דער־ציילט אַז —

קלאָגט די שטוב זיך פאַרן שכן:
ווי געפעלט דיר? היתכן?
מיט מיין יחוס נישט פון ערשט —
זיין אַ בוידעם גאָר אויף ווערש!

בפירוש איבעריק און איך האָב ביים צווייטן מאָל איבערלייענען דאָס ליד אויסגעלאָזט די סטראָפע, ווייל כ'האָב נישט געוואָלט זי זאָל מיר איבערפירן די הנאה פון דעם בילד אין די פריערדיקע זעקס שורות. דאָס בילד איז קלאָר, שיין און צמצומדיק אָפּגעמאָלן און נייטיקט זיך נישט אין קיין שום עלעגיש־מאָראַ־לישע אויסטייטשונגען מצד דעם מאָלער —

איבער גאָרנס, ווי שופלאָדן
פון אַלטמאָדישע קאָמאָדן,
ליגן הויכע פאַציאַטעס.

איבער זיי — ווי צוגעלאַטעט,
מיט אַ דעכל אויסגעקלאַשט,
שטייט אַ שטיבל אַ של ראש.

די שורה איז אין רובינשטיינס „מאַדעלן" און „גורל" געווינלעך אַ ברייטע אין דער ריטעם אירער איז אין קלאַסישן נוסח אַ רויִקער, אַ מיושבדיקער. די גראַמען זענען איינפאַכע און זיי בליצן נישט מיט חידושים. אָבער דערפאַר איז דער דיכטער רובינשטיין אַ מאַדים אויף אַסאָנאַנסן און די אַסאָנאַנסן זיינע זענען דערפאַר אַזוי געראָטן, ווייל עס איז צווישן זיי פאַראַן אַן אינעווייניקסטע קרובהשאַפט פון וואָרט־אַסאָציאַציעס ווי ביי גוטע גראַמען.

איך וועל זיך באַנוגענען בלויז מיט עטלעכע ביישפּילן פון רובינשטיינס זייער געראָטענע אַסאָנאַנסן: שונא און בריוני. די צוויי פערזן, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט דעם דערמאָנטן אַסאָנאַנס, טראָגן אין זיך דעם גאַנצן פּאַק מיט היסטאָרישע דערמאָנונגען, וואָס מאַכט די אַסאָנאַנסן פאַר אַזעלכע נאָענטע קרובים —

מיט גליענדיקן האַס אַנטקעגן בייזן שונא
אַן עלטער־זיידע זיינער, אַ בריוני.

נישט ווייניקער געראָטענע אַסאָנאַנסן זענען מצרים און באַפרייען (וואָס קאָן זיין נענטער אין דער יידיש־היסטאָרישער אַסאָציאַציע ווי דאָס?) און יוספּס העמדל מיט „אין שקלאַפן־לאַנד אין „פרעמדן". און כדי נישט צו בלייבן בלויז ביי היסטאָרישע וואָרט־פאַרבינדונגען, וועל איך נאָך מוסיף זיין דעם אַסאָנאַנס פון ציען מיט שקיעה, וואָס די אַסאָציאַציע דאָ איז אַ ריין בילדערישע, זי פאַרבינדט די בענקשאַפט וואָס „וועט זיך דאַרשטיק מיד שוין ציען" ביז עס וועט „אַ פלאַטער טאָן די הייס־פאַרצוקטע שקיעה".

ווען רובינשטיינס שורה גייט אָפּ פון איר רויִק געלאַסענעם ריטעם און נעמט שפּאַנען האַסטיקער, דינאַמישער און, כ'וואָלט געזאָגט, היפּש פאַרסאַפּעט, ווי אין די מייסטע געזאַנגען פון „אַלטשטאָט", און צום טייל אין זיינע דריי פּאָעמעס ביים סוף פונעם בוך, דאַן שטייגט אויך איר לירישע אינטענסיווקייט. נישט בלויז ווערט דערפון דאָס בילד פאַרביקער, נאָר עס נעמט אויך שוועבן איבער די לידער עפּעס אַ מעשהדיקייט, וואָס איז אָנגעגאָסן אי מיט אַ סור־רעאַליסטישער שרעק ווי אין דעם פרעכטיקן געמעל וועגן דער גאַס, דער ברייטער, וואָס לויפט אָן מיט געפילדער אויף דעם געסל און —

בלייבט דאָס געסל שטיין פאַרבלענדט.
מאַכט די נאַכט פאַר פּחד פּליטה.
שאָטנס שפּרינגען איבער פּלויטן,
טוליען זיך מיט שרעק צום סטריך
פאַר דעם אָנגעפּלייצטן ליכט!

און אי מיט האַרמאָניע און ליכטיקייט פון דער שטעטלשער פּאַנאָראַמע, ווו עס —

נעסטן גאַנצע מחנות טויבן,
וואָרקן זיי אינעם פאַרנאַכט,
הענגט דער הימל בלוי — צעלאַכט;
נאָר עס שווייגט דער אַלטער דאַך,
ווי פאַרזונקען אין אַ מעשה...

— — — — — — — — — —

אונטן זילבערט זיך די ווייסל...

אין זיינע וואַרשע־לידער איז דער דיכטער רובינשטיין דורכויס ראָמאַנטיקער, ער איז אַ ראָמאַנטיקער הגם ער אָפּעריַרט נישט פּאָעטיש, וואָלט איך געזאָגט, מיט דער „ראָמאַנטישער טערמינאָלאָגיע".

ערשט אין זיין נייעם בוך „מגילת רוסלאַנד" פאַלט אַראָפּ דער ראָמאַנטישער שלייער פון רובינשטיינס פּאָרטרעטן און פון זייער פּאָעטישער כראָניק פון גע־שטאַלטן. עס בלייבט בלויז דער אומעט און ער ווערט נאָך שאַרפער און נאָגנ־דיקער. די פיר שורות, מיט וועלכע דער פּאָעט פאַרענדיקט זיין ליד „מיט קינדערשע אויגן" אין זיין בוך „נאַכט אויף נאַלעווקעס", זענען, גלייב איך, ווי אַנגעמאָסטן פאַר אַ מאָטאָ צו זיין „מגילת רוסלאַנד" —

איצט ווייס איך פון זאַכן דעם ווערט
און כ׳וועל זיי ניט לאָזן פאַרבייטן;
איך ווייס, אַז אַ פערד איז אַ פערד
און איך וועל אויף אַ שטעקן ניט רייטן.

מאָסקווע

פון דער באָמבאַרדירטער וואַרשע האָט רובינשטייגען געפירט דער וועג פון פּליטים קיין ביאַליסטאָק, פון דאָרט אויף אַ באַזוך אין מאָסקווע און צוריק קיין ביאַליסטאָק, און נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, אויף עוואַקואַציע אין דער צענטראַל־אַזיאַטישער רוסלאַנד און פון דער עוואַקואַציע איבער מאָסקווע „אַ היים", צו דער חרובער פוילן.

אָט דער „שפּאַציר" איבער רוסלאַנד האָט געדויערט נישט ווייניקער ווי זיבן יאָר און האָט זיך געשפּרייט איבער טויזנטער מיילן אין שטח. אויף דעם דאָזיקן וואָגל איבערן ראַטן־פאַרבאַנד האָט דער דיכטער רובינשטיין זיך באַגעגנט מיט יידישע און אויך רוסישע שרייבער און פּאָלקס־מענטשן, האָט איבערגעלעבט

די עפּאָפּעע פון ערב נאַצישן שטורעם איבער רוסלאַנד און טאַקע פונעם שטורעם גופא און אויך די טעג פון זיג איבערן מערדערישן שונא. אויבנאויפיק איז די שטימונג אין לאַנד און דער עיקרשט אין דער יידישער סביבה, געווען אַ פאַר־שידענע אין די פריער אויסגערעכנטע סטאַדיעס פון דער עפּאָפּעע. אָבער אין אַלע דערמאָנטע פּאַזעס, צי איז דאָס געווען די טיף־טרויעריקע שטומעניש אין די אַנדערטהאַלבן יאָר פון דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט, צי נויט און דער־שלאָגנקייט און דערביי העלדישער אָנשטרענג פון אָפּוועך קעגן שונא אין די אָן ערך צוויי יאָר פון היטלערס פאַרויס־מאַרש ביז צו זיין מפלה ביי סטאַלינ־גראַד, אָדער גאָר די זיגערישע האָפערדיקייט אין דער צייט פון דייטשן ריקצוג ביז צום סאָוויעטישן אַריינמאַרש קיין בערלין — אין אַלע די טעג, חדשים און יאָרן זענען די פאַרשידענע שטימונגען אין רוסלאַנד באַגלייט געווען פון איין גרונט־שטימונג, וואָס האָט דאָמינירט איבער אַלץ. דער יסודותדיקער פּסיכישער עלעמענט איז געווען שרעק — שרעק פאַר נייע גזירות און פאַרן אַלטן און נייעם טעראָר מצד סטאַלינס געהיימער פּאָליציי.

דער דיכטער רובינשטיין פאַרמאָגט דאָס שאַרפע אויג פון אַ בעלעטריסט (ער וואָלט בלי ספק געקאָנט זיין אַ גוטער קינסטלערישער פּראָזע־שרייבער) און ער האָט אויפגעכאַפּט אָט די אַלץ און אַלעמען דאָמינירנדיקע שטימונג, דער עיקרשט אין דער יידישער שרייבער־סביבה, און ער האָט זי געשטאַלטיקט אין סוגעסטיווע פערזן, וואָס גראָבן זיך איין אין געמיט פונעם לייענער אויף נישט פאַרגעסן צו ווערן.

אָט איז איינער אַן עפּיזאָד אין דוד בערגעלסאָנס שטוב. דער עפּיזאָד איז פון די קאַפּיטלען, אין וועלכע רובינשטיין מאָלט דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסן יידישן פּראָזע־מייסטער, וואָס האָט געשענקט דער יידישער ליטעראַטור געדוי־ערדיקע קינסטלערישע ווערק. רובינשטיינס בערגעלסאָן־פּאָרטרעט איז פיין באַלאַנסירט און איז פול מיט ליבע און פאַרערונג צו בערגעלסאָנען, כאָטש ער פּאַרזעט נישט און ברענגט אַרויס זיין כאַראַקטער־שוואַכקייט. דער פּאָרטרעט אָטעמט מיט קינסטלערישער וואָרהייט.

אין איינעם אַ שפּעטן אָונט האָט אַבקע לעוו, אַ טוער אין דער פּראָפּעסיאָ־נעלער באַוועגונג, פאַרטרויט דער בערגעלסאָן־משפחה אַז „מען האָט גענומען ליטוואַקאָוון" —

ער איז אַוועק און ס׳איז אַ שרעק געבליבן הינטער אים
די שרעק געבליבן איז נאָך אים, געשאָטנט זיך כסדר...
ס׳האָט בערגעלסאָן געשוויגן לאַנג — סיי ער און סיי זיין ווייב.
ער האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט צו זיך אין חדר,
איך האָב געהערט זיין הוסטן דאָרט, ווי אָפּט מאָל ווען ער שרייבט.

אוּן צומאַרגנס פּרישטיק־צייט —

...בערגעלסאָן ער לעזט נישט מער, ער קוקט מיט שטומען ווי\
און קריכט אַרום אין שטוב און רעדט: — די אַלטע וועלט איז נישטיק!\
אייראָפּע איז אַ פוילע קאָץ! און זעצט זיך טרינקען טיי.

די שרעק איז, לפי דעתי, איבערגעגעבן געוואָרן אין די דאָזיקע שורות מיט אויסנעמלעכער סוגעסטיווקייט. און גאָר נישט ברענגט בעסער און שאַרפער אַרויס די צערודערונג און די מורא ווי דאָס וואָס בערגעלסאָן פּרווט איינצושטילן זיין צערודערט געמיט מיט קריטישע ווערטער וועגן דער אַלטער וועלט, וואָס איז „נישטיק און פויל ווי אַ קאָץ".

עס האָט מיך דערמאָנט אין איינעם פון די בריענדיק סאַטירישע סצענעס אין קאַרל קראַוזס „די לעצטן טאָגע דער מענטשהייט". ס'איז די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עסטרייך איז בלאָקירט און דער הונגער אין ווין איז גרויס. לויפט אַ ווינער טאַטע פון איין בעקעריי צו דער אַנדערער און קאָן קיין לעבל ברויט נישט באַקומען. אַ פאַרצווייפלטער קערט ער זיך אַ היים און פאַלט אַריין אין שטוב מיט דער „טרייסטנדיקער בשורה": „קינדער, אין ענגלאַנד שטאַרבט מען פון הונגער".

אָט דער עפּיזאָד פונעם בערגעלסאָן־פּאָרטרעט, אי ער געשטאַלטיקט דעם גרונט־געפיל פונעם יידישן מענטש אין ראַטן־פאַרבאַנד: די שרעק, און אי ער מאַכט בולטער דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסן יידישן שעפער מיט זיין אַנטוי־שונג, מיט זיין פאַרלוירנקייט און מיט זיין פאַרצווייפלונג.

און וואָס שייך דעם כלל יידישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד —

איז גייסטו אויך פאַרשטעלט און מאַכסט זיך אויך משוגע:\
ס'איז סטאַלין קלוג, ס'איז סטאַלין גרויס! זיין בליק באַשיינט, באַשיינט!\
נאָך הינטער ווענט מיט זיך אַליין, מיט אויגן־נאַריש־קלוגע\
דאָרט זיצט דער דיכטער אין דער נאַכט און לאַכט פון זיך און וויינט!

אין „מגילת רוסלאַנד" קומט אָן אַן ערך מער ווי אין רובינשטיינס פריערע צוויי לידער־זאַמלונגען צום אויסדרוק דעם דיכטערס בעלעטריסטישע באַגאַ־בונג. די מגילה פון רוסלאַנד האָט ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ מגילה דערציילע־רישע שפּאַנונג. און אַ דאַנק דער נאַראַטיווער שפּאַנונג באַוועגן זיך רובינשטיינס ברייטע שורות נישט בלויז גיכער, נאָר אויך לייכטער און אַנטפּלעקן בולטער און קלאָרער די אָן אַ שיעור דראַמעס אין דער „מגילה".

די דראַמאַטישסטע צווישן די דראַמעס איז בלי ספק די מעשה פון קאַפּיטל „מאַרגאַריטקעס" וועגן דער יידיש־פּוילישער קאָמוניסטקע כאַמע, וואָס איז אויף באַפעל פון דער „פּאַרטיי" אַנטלאָפן אין „צוגעזאָגטן לאַנד", כדי אויסצומיידן אַ שווערע תפיסה־שטראָף, און איז דאָ אין סאָוויעט־רוסלאַנד געשלעפּט געוואָרן

איבער תפיסות און פאַרשיקונגס־פּלעצער ביז מען האָט זי באַזעצט אין אַ ווייטן פרעמדן קאָלכאָז —

דאָ גיט מען אַכטונג איבער איר, זי טאָר קיין בריוו נישט קיינעם שרייבן
צו קיינעם נישט, אויך נישט צום מאַן — אַזוי שוין אַט דאָס זעקסטע יאָר,

און דער דיכטער רובינשטיין פירט אַ גרוס פון איר צו איר מאַן, אַ פאַרקויפער אין אַ שיך־קראָם אין סאַראַטאָוו, און דער מאַן נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון וואַרטעניש האָט שוין אַ נייע פרוי און דערצו אַ קינד —

איז נאָך דאָ ערגעץ אַזאַ וואָר? אַ לאַנד אַזאַ פון גורל און ווי?
צווייביימער טונקלען אין פאַרנאַכט. צוויי יידן זיצן שטום און שווייגן.

אַזוי פאַרענדיקט רובינשטיין די מעשה וועגן דער יידישער קאָמוניסטקע כּאַמע און איר מאַן, דער סאַראַטאָווער שיך־פאַרקויפער. די צענדליקער ברייטע שורות פון דער פּאָעמע זענען דווקא נישט שטום. פאַרקערט, זיי זענען היפּש באַרעדעוודיק. אָבער דער ריטעם זייערער איז ווי דער ריטעם פון אַ זשעט. דער זשעט שפּרייט ברייט זיינע פליגל און שניידט לאַנדשאַפט נאָך לאַנדשאַפט אין די מרחקים אַריין. אָבער די פאַרערס האָבן דעם אויסדוכט, אַז דער עראָפּלאַן שטייט דעם גאַנצן לאַנגן וועג ביז ער בלייבט ביים סוף שטיין „שטום און שווייגט".

אַ לאַנגע און טיפע גורל־דראַמע פון אַ יידישער פרוי, וואָס איז אייגנטלעך די דראַמע פון אַ גאַנץ גרויס לאַנד אונטערן קנאַפּל פון טיראַן, זענען דורכגעפלויגן דער גרוס־אָפּגעבער און דער גרוס־אָפּנעמער זיצנדיק אויף אַ שטיין אין אַ באַהעלטעניש מחוץ פון שטאָט. זייערע רייד זענען געפלויגן שטיל ווי שטייענדיק און ביים סוף זענען די צוויי יידן געבליבן „זיצן שטום און שווייגן".

רובינשטיינס „מגילת רוסלאַנד" איז אַ מלא וגדושדיק בוך. עס וועט מיר דערפאַר נישט העלפן און איך וועל מוזן אויסלאָזן לידער, וואָס האָבן מיך באַאיינדרוקט. איך וועל מוזן אויסלאָזן די פאָרטרעטן פון פרץ מאַרקיש, פּראָפ. נוסינאָוו און שכנא עפּשטיין, וואָס, הגם נישט אַזוי אַרומנעמענדיק ווי דאָס בילד פון דוד בערגעלסאָנען, פאַרמאָגן זיי אַ טייל נשמה־אַנטפּלעקערישע מאָמענטן (דער עיקרשט דער פאָרטרעט פון מאַרקישן). איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף די געראָטענע קליינקונסט־בילדלעך ווי „אויף סאָוויאַלאָווסקן וואָקזאַל", „אויף דער טרובנער באַראַכאָלקע", „אויף דער גרויסער באַראַכאָלקע", „דער קרעמל", ווו דער דיכטער „מאַכט פאַר שרעק די אויגן צו, איך וויל נישט קוקן, קלערן, מיך זאָל דער ווינט נישט מסרן אַמאָל פאַר אַ לאַמטערן", און אַנדערע לידער פון דעם זעלבן מין.

אָבער נאָכן גיבן רובינשטיינען דעם גוט פאַרדינטן שבח, אַז ער האָט געטריי און קינסטלעריש־ערלעך אויסגעפּאָלגט דעם אָנזאָג פונעם מחבר פון „משפּחה מאַשבער", דעם געהויבענעם שרייבער און ייד, דער נסתר —

איך פאָרט אַהין — טאָ שרייט, טאָ שרייט!... זאָל אייער שטימע מאָנען...
און זאָל די וועלט דערוויסן זיך ווי אונדזער בראָך איז גרויס!

ווייל איך נישט פאַרפעלן צו דערמאָנען די איבערן בוך מיט שפע צעוואַר־פענע לאַנדשאַפט־געמעלן, וואָס אַ טייל פון זיי פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטע קנאַפּ־קייט פון אויסדרוק און אַן אָריגינעלע פאַרביקייט.

אָט איז אַ געמעל אין אַ סטראָפע פון פיר אַסאָנאַנסן־שורות —

וואָלקנס גייען. שאָטנס פאַלן. בערגלעך טראָגן גרוי פאַרביי זיך.
ס׳גיט דער הימל אַ צעבלוי זיך און צוריק זיך אַ פאַרמאַך.
דערפלעך לויפן אַן צעפלאָשעט. איבער כאַטעס, איבער הייזער
הענגען דעכלעך, ווי צעפּרעסן פון דעם טונקל פון פאַרנאַכט.

(פאַרמאַך און פאַרנאַכט, וואָס גייען ביידע אַריין אין גדר פון טונקלקייט, זענען גערעכטע אַסאָנאַנסן).

און אָט איז אַ צווייטער ביישפּיל פאַר דער אָריגינעלקייט פון רובינשטיינס פּייזאַזשן.

איך ציטיר די לעצטע פיר שורות פון דעם ליד „אין די בערג" —

„פון דער זייט עס טויכן בערג אויף. ס׳דאַכט זיך גרודעס קופּער, מעשן
פּינקלען אויף צעגליט, צעשמאָלצן מיט אַ בלענדנדיקער שיין.
הינטער זיי — אַ באַרג צעקרישלט, ווי אַ שטויס צעהאַקטע פלעשער,
גרין צעפינקלט — רויט אין מיטן, ווי געגאָסן וואָלט זיך ווין.

און פאַרענדיקן וויל איך מיינע באַמערקונגען וועגן „מגילת רוסלאַנד" מיט שורות פון דעם ליד פון דער קליינער לידער־סעריע „בטחון", וואָס דער דיכטער, אינספּירירט פון זיין אייגענער לעקציע וועגן יידישן בטחון, וואָס ער האָט געגעבן צו אַ קרייז דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע רוסישע שרייבער אין סאַמע ברען פון היטלערס נצחונות ערב סטאַלינגראַד, האָט זיצנדיק דערנאָך מיט זיך אַן איינזאַמער אין זיין שטיבל („איך פיל איך זינק. די נאַכט פאַרשלינגט מיך אין איר בלינדן חושך") אָנגעשריבן ווי אַ טרייסט צו זיך אַליין און ווי אַ דערמונ־טערונג צום אייביקן, אַלע מאָל פון דאָס ניי וואַכן יידישן בטחון.

דאָס איז אַ סטראָפע פונעם ליד „יעקבס חלום", וואָס דער דיכטער האָט עס אַרויסגענומען פון די חומש־מאָטיוון אין זיין בוך „נאַכט אויף נאַלעווקעס" און עס אַריבערגעפלאַנצט אין זיין אורשפּרינגלעכן גאָרטן פון די לידער פון בטחון אין דער „מגילת רוסלאַנד", כדי דער לייענער זאָל דאָרט געפינען אַן אויפמונטערונגס־פינאַל פאַר זיין שווער געמיט —

ווייל ווער עס האָט גענעכטיקט אויף אַ שטיין אַמאָל, אויף דר׳ערד
און האָט די נעכט זיינע געטיילט מיט שרפה־שיין און שטערן,
וועט אויסלעשן אין אויג ביי זיך די אָנגעגליטע טרער
און וועט דורך בלינדער, טויבער נאַכט דעם טראָט פון טאָג דערהערן.

שלמה ביקל

אריה שמרים יידישער ניגון

א

שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט אַז אריה שמרי, דער חלוץ פון פוילישן שטעטל קאַלושין זינגט אויס זיין יידישן ניגון אין קיבוץ עין שמר. שמרים יידישער ניגון, ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין זיינע דריי לידער־ביכער צווישן 1947 און 1957, איז געווען דאָס געזאַנג פון ליבשאַפט צו דער ארץ־ישראל־ערד און צו דער אַרבעט אויף דער ערד פון ארץ־ישראל און שמרים יידישער ניגון איז געווען דער שיר השירים צו דער נאַטור, וואָס האָט צעשטויבט דעם אומעט און האָט פאַרטריבן דעם שאָטן פון דיכטערס געמיט.

אין לעצטן פון די דערמאָנטע דריי לידער־זאַמלונגען אין „אַ שטערן אין פעלד" איז צוגעקומען דער מאָטיוו פון אינדיווידואַליסטישער געדאַנק־פרייהייט —

לאָזט מיך אַליין,
דורך אייגענעם סוד צו פאַרשטיין
אַלץ אַרום.

איצט אין זיין נייעסטן בוך „די פונקען פון תיקון" האָט זיך די רייפע מחשבה און די רייפע עמאָציע פונעם פאָעט אין „לעצה"־עלטער אַ ווענד געטאָן צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דעם בראשית פון דעם יידישן ניגון, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן דאָס געשטאַלט פון דעם פרומען בחורל אין קאַלושין, וואָס איז דערנאָך מגולגל געוואָרן אין דעם חלוץ, אין דעם ערד־אַרבעטער, אין דעם גערטנער, אין דעם יידיש־פאָעט פון עין שמר.

אין איצטיקן, פערטן, בוך האָט אריה שמרי געפּרוווט אָפּזוכן נישט בלויז זיין אייגענעם אינדיווידועלן געדאַנק און אים אַרויסרייסן פון די פּענטעס פון קאָלעקטיווער דיסציפּלין, נאָר ער האָט אויך געזוכט צו געפינען זיך אַליין אין די גייסטיקע באַגינענס פון זיין יוגנט אין טאַטנס שטוב, אין חסידישן שטיבל און אויף דער גאַס אין דער אַמאָליקער, איצט חרובער, ק"ק קאַלושין —

גיי זוך זיך אַליין,
דיין ליכט
צינד אָן און היט עס ביז באַגינען.

די נאָסטאַלגיע, וואָס האָט זיך נאָכן חורבן אַזוי געשטאַרקט ביי אונדז אַלעמען און איז געוואָרן אויב נישט דער עפעקטיווסטער שעפערישער כוח אין אונדזער ליטעראַטור, האָט דעם דיכטער שמרין אַוועקגעטראָגן אויף אירע פליגל צוריק אין דער אַלטער היימשטאָט אין גרויס־פוילן און האָט פאַר אים אויפגעלעבט די יוגנט־יאָרן אין דער צענטראַלער געשטאַלט פון דעם קאַלושי־

נער רבי ר׳ מאיר שלום, דעם אייניקל פון צוויי יעקב יצחקס — פון דעם לובלינער חוזה און פון דעם פשיסכער „יוד הקדוש״.

אַט איז דער רבי ר׳ מאיר שלום פון קאַלושין אין דער מחיצה פון רייך און אָרעם, אין דער מחיצה פון פרום און זינדיק, אין דער מחיצה פון נידעריק און דערהויבן. מיר הערן זיינע רייד פון איבערשמועס מיט זיינע גרויסע זיידעס און מיט זיך אַליין, זיינע רייד פון געראַנגל צווישן דין און רחמים, צווישן דעם לובלינער וווּנדער־גאון און דעם פשיסכער שפּיזיקן אמת און — דערזען און דערהערן אין איינעם מיטן דיכטער דעם סך־הכל פון איין און דער זעלבער יידיש־פאָלקישער און דער עיקרשט יידיש־יחידישער שליחות איבער אַלע וועגן און איבער אַלע צייטן —

טייכן וויינען, עס ברענען בריקן,
און יידן שפּאַנען — איך זע... און דאָך
עס שיינען פונקען, ליכט פון תיקון —
דו זאָלסט אויפגיין, מענטש, נאָך העכער נאָך.

צוריק פאַרפלאַנצט אין זיין דמיון אין דעם קאַלושינער חסידים־שטיבל האָט דער פּאָעט שמרי אַנטפּלעקט פאַר זיך דעם בראשית־קוואַל פון וועלכן עס שטראָמט אַרויס די שליחות פון זיינע יידישע דיכטער־רייד און פון זיינע חלוצישע מעשים אויף דער אַלטער ערד פון די אבות, אין עין שמר.

וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען אין די מאָטאָ־שורות האָט דער דיכטער מיט הצלחה דורכגעפירט אין די זיבן געזאַנגען פון זיין „פונקען מיט אַ תיקון״ — ער האָט זיך אַליין געפונען. ער האָט געפונען דעם אָנהייב פון זיין פּאָעטישער געשטאַלט דאָרט ווו זי האָט זיך גייסטיק אויסגעוואַרעמט און אויסגעפורעמט — אין דער תורה־ און מעשים־טובים־נעסט פונעם פשיסכער אייניקל אין קאַלושין.

ב

פשיסכע האָט מורד געווען אין לובלין. דער „יוד הקדוש״, דער תלמיד, האָט זיך אָפּגעווענדט פון דעם דרך פון זיין רבין — דעם לובלינער חוזה. און דעם „יוד הקדושס״ תלמידים, ר׳ בונים פון פשיסכע און ר׳ מענדל פון קאָצק, זענען אין דעם אָפּווענד נאָך ווייטער געגאַנגען און נאָך ווייטער אַוועק.

וואָס איז געווען דער חילוק אין דעם דרך צווישן דיביידע יעקב יצחקס, אין דעם דרך צווישן לובלין און פשיסכע? עס איז וועגן דעם אַ סך געשריבן געוואָרן, אָבער מיר דאַכט, אַז קיינער האָט נישט בעסער פאָרמולירט דעם אונטערשייד צווישן לובלינער און פשיסכער וועג אין חסידות ווי דער פּאָעט אריה שמרי אין זיין ליד „דער רבי צום מלמד״.

שמרי לאָזט דעם קאַלושינער רבי ר׳ מאיר שלום מסביר זיין פאַרן מלמד

ר׳ קלמן דעם ווידעראַנאַנד צווישן די דרכים פון זיינעביידע זיידעס — דעם לובלינער און דעם פשיסכער. קודם קומט אַ דעפיניציע אין צוויי שורות, וואָס איז שאַרף און שפּיציק און שלאָגט זיך אַריין אין זכרון פונעם לייענער אויף נישט צו פאַרגעסן —

דער חוזה פון לובלין — פּלאַ־ניגון
און דער פשיסכער ייד — מיט אמת־שפּיזן.

און דערנאָך ווערט אָט די תמציתדיקייט אין ווייטערע עטלעכע פערזן, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין דער שפּראַך פון מעטאַפער און פּאָעטיש אָנגעווונקענער אַסאָציאַציע, פאַראיינפאַכט —

יעדן איינעמס דרך איז אַ קלאָרער.
דער חוזה שוועבט ווי פון קץ אַ שליח,
ער קלייבט תפארת און ווערט אַ שררה
אינעם גרויס־חזיון פון משיח.
און דער פשיסכער — קוים פון קוים דאָס פּינטל,
דעם סאַמע עיקר ביים ייד צו מאָנען —
דאָס האַרץ, ס׳אוצרל פון גאַנצן בינטל,
און דעם קלאַפּ פון דופק — די כוונה.

דאָס אייניקל מאיר שלום, דער רבי פון קאַלושין און דאָס אייניקל פון דעם קאַלושינער רבינס חסיד, אריה שמרי, דער יידיש־פּאָעט און דער חלוץ פון עין שמר — ביידע האָבן זיי אויסגעקליבן נישט דעם פּריציש־טרוימערישן וועג פונעם לובלינער חוזה, נאָר דעם האַרטן וועג פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג, פון גייסטיקער און פון פיזישער חלוציות, וואָס איז געווען דער וועג פון פשיסכע און פון קאָצק.

ג

אין די זיבן געזאַנגען פון זיין פּאָעמע האָט אַריה שמרי באַוויזן אַריינצוּוועבן אַ היפּש ביסל פון די סאַמע וויכטיקסטע פּסיכישע און עטישע עלעמענטן פון חסידות. אין סאַמע פאָרנט שטייען דער סאָציאַלער מאָטיוו, דער מאָטיוו פון פריידיקער דערהייבונג און פון אוניווערסאַלישקייט.

דער סאָציאַלער מאָטיוו ווערט אַרויסגעבראַכט אין „די פונקען פון מרידה" ווו עס ווערט פּאָלעמיש קעגן לובלין פאַרפיקסירט, אַז —

די תורה ווערט געגעבן מיט אַ בליץ,
נאָר אין שטיין ווערט זי פאַרקריצט
און קיין מאָל ניט אין גאָלד געגרויסט...

און נאָך שענער און איידעלער פאָרמולירט דער פּאָעט שמרי די „סאָציאַלע פּראָגע” אין דעם געזאַנג „דער רבי און דער אביון”, ווו דער רבי בעט מחילה פאַר דעם אָרעמאַנס עצבות, וואָס ביטערט „ביז צום הימלטיש, דעם הויכן”. דעם רבינס רעבעלישקייט קעגן הימל און זיין הכנעה צום מיטמענטש און אחריות פאַר דעם מיטמענטשנס גורל ווערט איינפאַך, קלאָר און — אויפ־טרייסלענדיק אויסגעדריקט אין די ווערטער „סרולקע, סרולקע, זיי מיר מוחל”.

דאָס געזאַנג „דער רבי און דער אביון” איז אויך איינס פון די שענסטע גישט בלויז לויט זיין סוזשעט, נאָר אויך לויט דער פאָרעם. דאָס געזאַנג הייבט זיך אָן מיט אַ דיאַלאָג צווישן דעם רבין און דעם אַלטן ר׳ אהרן אויף דער טעמע פון אצילות ביים עסן און גייט איבער אומדערוואַרט, אָבער געדאַנקלעך טיף באַרעכטיקט, צו אַן איבערשמועס מיט אַן אָרעמאַן, וואָס איז געזעסן אין ווינקל —

> אַ פאַרקלערטער און פאַרטרערטער
> און פלוצעם אַרויסגעפּלאַצט די ווערטער:
> וואָס טוט מען, אַז איך האָב ניט קיין ברויט צו עסן
> גאַנצע טעג און מעת לעתן?

דער ריטעם פון דעם קאָנטראַסטישן איבערגאַנג פון איידעלע מאַניערן ביים עסן ביז צו דער פאַרצווייפלונג פון הונגער איז אי ברויזיק און אי איינ־געהאַלטן. און דאָס קינסטלעריש מערקווירדיקע און אויפטוערישע דערביי איז וואָס דער ריטעם איז איינגעהאַלטן אין דער פאַרצווייפלונג און שטורמיש ביי דער לעקציע פון גוטע מידות. עס איז אויפטועריש, זאָג איך, ווייל אָט דער, לכאורה קאַפּויערער ריטעם ברענגט שאַרפער צום אויסדרוק דעם דיכטערס ר׳עיון און מאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף דעם לייענערס עמאָציעס.

דער דיכטער אריה שמרי הגם ער לעבט שוין איבער דרייסיק יאָר אין אַ קיבוץ ווייט פון אַ יידיש־רעדנדיקער סביבה, איז פון דעסטוועגן (אָדער אפשר טאַקע דערפאַר. אויף דערפאַר זאָגן עדות אַ היפּש ביסל יידיש־דיכטער אין אַמעריקע, וואָס זייער פּאָעטיש־לשון איז געוואָרן איידעלער און ראַפינירטער אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ וואָס די גערעדטע יידיש־שפּראַך אַרום זיי איז אי פאַרמינערט און אי קאַליע געוואָרן) אַ פיינער שאַפער פון נייע ווערטער און פון נייע וואָרט־קאָמבינאַציעס. אין דער דערמאָנטער „רבי און אביון”־פּאָעמע זענען מיר צום האַרצן באַזונדער די שפּראַך־בילדער, וואָס שמרי ברענגט אַרויס אויף דער קאַנווע פון אלף בית און פון ניקוד.

אין דעם מוסרדיקן איבערשמועס מיט דעם אַלטן ר׳ אהרן ווערט דאָס נייע שפּראַך־בילד געשאַפן אַרום דער וואָו מיט דעם מלופים און אין טרויעריקן איבעררעד מיט דעם אביון אַרום דער וואָו מיטן חולם —

וויפל איז דער שיעור צו קאָרמען און צו שטופּן?
רק זי גיסט די פולע טעלער,
צו יעדן וואָו נאָך אַ מלופּים...

און

פון הויכן אביון האָט אַ טרער,
ווי פון אַ וואָו — אַ חולם,
אַראָפּגערונען שווער...

ביידע פאַרגלייכן זענען ניי און אָריגינעל און דער אַסאָנאַנס „שטופּן" און „מלופּים" פאַרמאָגט דערצו היפּש הומאָר און אַ סך חן.

אָבער טאַקע ווייל אריה שמרי ווייזט אַרויס אַזוי פיל שעפערישע דינקייט אין זיין פּאָעטישער שפּראַך מוז מען זיך חידושן וואָס אין דעם געזאַנג „אין דער קוזניע" גליטשן זיך אַריין אין זיין פּאָעטישן לשון באַרבאַריזמען (טאַקע העברעיִשע אָבער פאָרט באַרבאַריזמען) —

דאָרט האַמערט און דאָרט פייערט פייער,
אַן עגלון קאָוועט דאָרט זיין אַלטע סוסה.
אויך דאָס האָרץ דאַרף מען באַשלאָגן, מאַכן נייער —
זאָגט דער רבי שטיל און בניחותא.

סוסה און בניחותא איז טאַקע אַ גאַנץ פיינער גראַם נישט נאָר על פּי קלאַנג, נאָר אויך על פּי געמיט פון די ווערטער, אָבער ווער האָט אין דער ק"ק קאַלושין געזאָגט אַן עגלון אָנשטאָט אַ שמיד אָדער קאָוואַל? אַן עגלון מיט דער אַלטער סוסה זענען יידיש־באַרבאַריזמען פון תל־אביב אָבער נישט פון קאַלושין. און אויך די רייד וועגן „באַשלאָגן דאָס האַרץ און עס מאַכן נייער", זענען, ווי מיר דאַכט, צו סקאַרבאָווע און נישט אין נוסח פון דעם קאַלושינער רבי און פון זיין קינסטלערישן באַשאַפער, דעם פּאָעט אריה שמרי.

ד

וואָס שייך דעם עלעמענט פון פריידיקער דערהויבונג און פון אוניווערסאַלישקייט ווערן זיי שיין און זינפול און אין זייער געראָטענע פּאָעטישע פאָרמולעס אַרויסגעבראַכט אין די געזאַנגען „כתר" און „דער אורח". און אַלע מאָל ווו דער פּאָעטישער רעיון איז גוט, שפּילט אויך צו דער גראַם. עס איז הא בהא תליא, איינס הענגט אָפּ פונעם אַנדערן און גאָר נישט איז צופעליק —

און פונעם בוים אַרויס זינגט די שוואַלב
דאָס שטילסטע ליד פון אַ וועלט, וואָס פריט
אינעם אָפּן האַרץ פון ערשטן ייד.

— — — — — — — — — —

און שטיל מה טובודיק זאָגן דריי —
שוואַלב און רבי און דער פּראָסטער ייד.

דאָס ליד, וואָס פריט אין דעם האַרץ פון ערשטן ייד — קיין שענערע לויב־פאַרמולע צו חסידות, און דער עיקרשט צו דעם אויפן יחידישן בראשית איינגע־שטעלטן פשיסכער און קאָצקער חסידות, איז גאָר נישט געמאָלט. און שמריס געזאַנג וועגן דער חברותא צווישן רבין, דעם תיקון־זוכער און דעם אַלטן „ציגיי־נער מיט דער פעכיקער באָרד", וואָס פרעגט: „האָסטו וואָס צו פאַרריכטן?" איז לכאורה אַ פשוטע, אָבער אין איר פשטות אַ פאַרטיפטע און זייער איינדרוקספולע קינסטלערישע געשטאַלטונג פון חסידישן אוניווערסאַליזם.

אברהם סוצקעווער

א

אָאַזיס

דער דיכטער אברהם סוצקעווער האָט דער עלפטער זאַמלונג פון זיינע לידער אַ נאָמען געגעבן „אָאַזיס". עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס דער דיכטער האָט אָנגערופן די גאַנצע זאַמלונג אויפן נאָמען פון דעם צענדליק לידער אין דער פאַרלעצטער אָפּטיילונג פונעם בוך. דער פּאָעט האָט דערמיט געוואָלט אָנווינקען אויף דער גרונט־שטימונג פון זיינע געזאַנגען. און די גרונט־שטימונג איז דעם זעערס אַנטלויף צו זיך אַליין, צו זיין פּאָעטישן איך, צו זיין ליד פון ליבע און צו זיין ליבע צום ליד. עס איז דער אַנטלויף צו דעם „אָאַזיס אויפגעגאַנגענער פון אייגן לייב" אין דעם אַרום פון דעם דיכטערס „אָפּגעברענטער צייט".

די דאָזיקע שטימונג ווערט פּאָעטיש פּרעציז און מיט עפּיגראַמאַטישער שאַרפקייט אויסגעדריקט אין די זעקס שורות פון דעם ליד „באַהעלטעניש" —

באַהאַלט זיך אין מיין ליד, און ווי אַ פיילן־בויגן,
אַן אויסגעבויגענע פון בענקשאַפט, ליג אין ליד און לאָקער:
אַ רייטער יאָגט פון יענער וועלט צום לעבנס ריינסטן מקור,
גאַלאָפּ, גאַלאָפּ...
עס פאַלט די נאַכט — אַ שוואַרצער שטיין אין קאָפּ.

איבער אַלע געאָגראַפישע און זעלישע לאַנדשאַפטן אַריבער, איבער היסטאָ־רישע אַסאָציאַציעס און זעונגען, איבער באַלאַדישע קינדהייט־זכרונות און איבער התפּעלותדיקע קונסט־דערמאָנונגען טרייבט עס די דיכטערישע איינזאַמ־קייט זיך צו באַהאַלטן אין אייגענעם ליד און צו לאַקערן אויף דעם רייטער, וואָס יאָגט „צום לעבנס ריינסטן מקור".

דאָס איז די פּאָעטישע שטימונג, די גרונט־שטימונג, ווי זי ווערט קאָנדענ־סירט אין דעם צענדליק „אָאַזיס"־לידער. אָבער דער כוח פון סוצקעווערס געזאַנגען, דער כוח, וואָס רייסט מיט דעם לייענער און טוט אים אָן כישוף, ליגט נישט אין דער, אָדער אין יענער דיכטערישער שטימונג. עס פאַרכישופט די געדויערדיקע קראַפט פון סוצקעווערס שפּראַך־ווירטואָזישקייט און פון זיין פּראָזאָדישער מייסטערשאַפט. און עס רייסט מיט דאָס וועלט־בילד, וואָס זינגט אַרויס פונעם דיכטערס „קרישטאָלענעם הימען" אין זיין נייעסטער לידער־זאַמלונג, נישט ווייניקער ווי אין די פריערדיקע צען.

סוצקעווערס ווירטואָזישקייט פון שפּראַך, פערז און גראַם איז נישט קיין דרויסנדיקע מלאכת מחשבת. ס'איז נישט קיין ווערטערשפּיל, נישט קיין וואָרט־שניצעריי, נישט אַזאַ אָדער אַנדער חן־פּלעסטערל אויפן פּנים פונעם וואָרט און אַפילו נישט קיין פּלאַסטישע אָפּעראַציע צו מאַכן דאָס וואָרט אַנדערש אויסזען. סוצקעווער, דער וואָרט־ווירטואָז, איז אין תוך פאַר אַלעמען אַ מוזיק־קאָמפּאָ־זיטאָר. זיינע דיכטערישע רייד שטייגן אויף פון דער מוזיק און נישט מוזיק ווערט צוגעפּאַסט צו די ווערטער.

דער שעפערישער פּראָצעס פון סוצקעווערס דיכטונג איז, ווי ער אַליין זאָגט עס אַזוי ריכטיק און מיט אַזוי פיל טרויעריקן חן אין דעם ליד „אויסדער־ווילטער בוים", אידענטיש מיט „צער גידול מוזיק". אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז, בלי ספק, איינס פון די שענסטע אין בוך, האָט דער פּאָעט אַריינגעזונגען, ביודעים און בלא יודעים, אויטאָפּאָרטרעטיסטישע שטריכן —

מיט אייזערנער און קאַלטער הענטשקע וואַרפט אים אום דער שטורעם.
אַ וואָלקן שטייט צוקאָפּנס מיט אַ רידל,
און סטראַדיוואַריוס קוים
ער שעפּטשעט: אויסדערווילטער בוים,
צעזעג מיין גוף — זעם ווינענדיקן פורעם,
און שניץ פון מיר, און מיט מיין בלוט באַמאָל — די לעצטע פידל.

סוצקעווערס דיכטונג איז נישט איין ניגון, וואָס ווערט אַלץ שענער און שלימותדיקער אויסגעזונגען, נאָר זי איז אַ גאַנצע קאַפּעליע פון שטיל צעשפּילטע סטרונעס און ניגונים איבערן שטח פון זיינע עלף לידער־זאַמלונגען פון 1937 ביז 1960.

די פידל־קלאַנגען צויבערן פון זיך אַרויס ווערטער און פערזן געגראַמטע און פרייע. די ווערטער זענען נישט מער ווי כישוף־שפּרוכן, וואָס פּרווון אַרויס־ברענגען און איבערגעבן און אַנטפּלעקן „די גרויסע הערונג" פון די פילקאָליריקע קלאַנגען און מעלאָדיעס, וואָס וווינען אין סוצקעווערס פּאָעטישן פידל.

ווי רעמבראַנדט, וועגן וועלכן סוצקעווער דערציילט, אַז —

גענייגט אויפן יאַטקעקלאָץ האָט ער זיין חלום, געשונדן
אַנטפּלעקן זיך זאָל דער קאָליר פון בהמישן מוח,
און תּפילה געטאָן, און באַשלאָגן דעם לייוונט מיט וווּנדן,
כדי ס'זאָל אַריינגיין אין לווור־גן־עדן —
די קו.

אַזוי פּרווּוט אויך סוצקעווער, דער פּאָעט, אַרויסזינגען פון זיין „זינגעווייד" דעם קאָליר פון זיינע ניגונים, די פאַרב פון זיינע ווערטער.

וואָס איז די אָפּטסטע און די בולטסטע פאַרב פון סוצקעווערס מוזיק און וואָרט?

אַנדערש נישט: עס טרינקט זיך דער באַשעפער אין מיין בלוט.

און

איך בין אַ תּפילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן
ווי אַ בוים
איז אָנגעטאָן מיט פייגל אין אַ שטורעם.

דער פאָלקס־חורבן, וואָס סוצקעווערס ליד איז זיין סאַמע מוזיקאַלישסטער עדות אין דער יידיש־פּאָעזיע, און די אַלע איבערלעבענישן פון פיזישן און גייסטיקן צער אין געטאָ, אין וואַלד, אויפן וואַנדער און אויך אין דער שטילער שעפערישקייט אין דער היים, האָבן באַפאַרבט דעם דיכטערס ליד מיט דער פאַרב פונעם רובין־איידלשטיין, מיט דער פאַרב פון וווּנדיקער רויטקייט —

עכאָ, דו קלעזמער פון גייסט און רובין
ס'קאָן דיך אַ לאַפּעטע לופט נישט פאַרשיטן.

אַזוי זעט דער דיכטער סוצקעווער זיך, זיין מוזיק און אירע קלאַנגען, און מיר דאַכט זיך, אַז די זעלבסטכאַראַקטעריזירונג איז זייער אַ געלונגענע.

דער פּאָעט סוצקעווער איז דער צויבערדיקער פידלשפּילער פונעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט, דער צויבערער, וואָס קאָן אַרויסבאַקומען און באַווייזן פאַרן לייענער־צוהערער די פאַרב פון זיין מוזיק און די אַלע מאַגישע איידלשטיין־קאָלירן פון זיין וואָרט.

סוצקעווער איז אין זיין ליד אי אַ זינגער און אי אַ זאָגער. ער איז אַ זאָגער, ווי שוין דערמאָנט, נישט מיט ווערטער, צו וועלכע מ'פּאַסט צו אַ ריטעם און אַ ניגון, נאָר ער איז אַ זאָגער אין דעם זין, וואָס פון זיין געזאַנג גייט אויף

וואָרט און פון די ווערטער אַנטפּלעקט זיך אַ וועלט־בילד, דעם דיכטערס אייגענע וועלט־זעונג.

וואָס איז סוצקעווערס וועלט־זעונג ווי זי קומט צום אויסדרוק אין זיין ליד, נישט נאָר אין די לידער פון „אַאַזיס", נאָר אויך אין די „לידער פון געטאָ" פון „יידישע גאַס", פון „געהיימשטאָט", פון „סיביר", פון „אָדע צו דער טויב" און פון „אין מדבר סיני"?

ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם האָט מיין אַסאָציאַציע אָוועקגעוואַנדערט צו עמערסאָנס באַרימטן עסיי וועגן פּאָעט. איך האָב נאָך אַ מאָל דורכגעלייענט דעם עסיי פון דעם אַמעריקאַנישן עסייִסט און מיר דאַכט, אַז קיינער אין אונדזער יידיש־פּאָעזיע, אַחוץ אפשר איציק מאַנגער, איז נישט אין אַזאַ מאָס דער קלאַסישער עמערסאָנישער דיכטער ווי דער פּאָעט אברהם סוצקעווער.

נאָך דעם ווי עמערסאָן פּאַרזיכערט אונדז, אַז דער פּאָעט איז אַ וואָרט־זאָגער, אַן אידענטיפיצירער און רעפּרעזענטירט די שיינקייט, שרייבט ער די ווייטערע שורות, וואָס לייענענדיק זיי האָט מען דאָס געפיל, אַז זיי זענען געקריצט אויף לוחות צו געדענקען לדורות —

„וואָרעם די וועלט איז נישט באַמאָלן און באַצירט, נאָר זי איז פון סאַמע בראשית שיין; און גאָט איז נישט דער שעפער פון דער און יענער שיינער זאַך, נאָר די שיינקייט האָט באַשאַפן דעם אוניווערס".

אָט די מיסטישע שיינקייט־קאָנצעפּציע, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון דער קאַבאַליסטישער תפארת, אָבער איז אין דער אמתן נענטער צו דער שיינקייט, וואָס די גריכישע מיטאָלאָגיע האָט זי פאַרקערפּערט אין דער אַפּאָלינישער גאָט־געשטאַלט, איז די ערד און דער הימל פון סוצקעווערס פּאָעזיע. שיינקייט איז דער בראשית פון אַלץ וואָס איז פאַראַן און געשעט און שיינקייט איז אויך דער ציל פון אַלע פאַראַנענקייטן און געשעענישן.

„די נאַטור איז, אומעטום און אַלע מאָל שיין אין אירע כוונות, עס פעלן בלויז די באַדינגונגען די שיינקייט אַרויסצוברענגען. פאַרן געוויינלעכן בליק בלייבט די שיינקייט פאַרהוילן. די קונסט פּרוווט אַלץ צו שילדערן אין הסכם מיט די כוונות פון דער נאַטור".

און דאָס איז אויך סוצקעווערס וועלט־זעונג, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אין זיין ליד. עס איז נישט בנמצא אין דער וועלט עפּעס אַזוינס וואָס זאָל לויט בראשיתדיקער כוונה אָדער ציל נישט זיין שיין. דערפאַר אויב וווּנדן — „זאָלן די וווּנדן זיין אָן אַ מום", און אויב אַ בית־עולם מיט קברים זעט דער דיכטער —

אַ רעגן וואָגלט צום בית־עולם, אים אָצינד
צו כאָוועז,
ווי ס'וואָלט אַ וווּנדער־קינד געשפּילט פאַר נאָך אַ קינד
בעטהאָווען.

עס זענען דאָ וווּנדן און עס זענען פאַראַן קברים: עס איז דאָ אַן אָנהייב און עס איז פאַראַן אַ סוף מיט אָדער אָן אַ זין, אָבער איבער אַלץ שוועבט שיינקייט, איבער אַלץ שיינט דאָס געטלעכע פּנים פון אַפּאָלאָ און וואָס עס זאָל נישט געשען אין דער הויה, געשעט עס אין צייכן פון עפּעס אַ געהיימער קינסטלער־האַנט, וואָס איז אויסן צו שאַפן און שאַפט רק שיינקייט —

איילבערטבוים, צי האָט אַ בליץ,
דער גאָלדשמיד פון די וואָלקנס,
דיך אויסגראַווירט בייִנאַכט אויס פאַרגעניגן?

— — — — — — — — —

איילבערטבוים, איך האָב דיך ליב,
נאָר זאָג מיר באמנות, —
געדייעט נאָך אין דיר אַ גרינער ניגון?

אַ מאָל קאָן זיך ביי דעם און יענעם ליד אויסדאַכטן, אַז דער פּיינפּיליקער דיכטער סוצקעווער מיט זיין דין שבדינעם קאָסמישן געהער פּרוווט דאָ בלויז פאַרשפּילן זיך און זיין טרויער מיט מוזיקאַלישע רעיונות און מיט כלערליי קאָליריקע קלאַנגען, וואָס ער הערט אַרויס פון בוים, פון רעגן, פון מירטן־וואַלד, פון וואַסערפאַל און פון וואָלקנס. אָבער מע מוז לייענען און נאָך אַ מאָל לייענען ליד נאָך ליד, כדי צו דערפילן די גאַנצקייט פון סוצקעווערס פּאָעטי־שער זעונג — פון זיין וועלט־בילד. דער לייענער, וואָס דערכאַפּט נישט דעם צונויפבונד פון סוצקעווערס עסטעטישער שפּילעריי אין דעם אָדער אין יענעם ליד מיט דעם דיכטערס, וואָלט איך געזאָגט, קאָסמאָגאָניע, מיט זיין „בראשית ברא" פון שיינקייט — אַזאַ לייענער איז געגליכן צו אַ טוריסט, וואָס באַוווּנדערט אַ „זעענסווערדיקייט" אין אַ פרעמדער שטאָט און פאַרשטייט נישט, אַז די „זעענסווערדיקייט" איז נישט די שטאָט, נאָר עפּעס אַ שפּיל אַזאַ אין אַן אויפ־געבויטער און אויסגעבויטער גאַנצקייט.

לייענט מען איבער און נאָך אַ מאָל איבער די אַכט און אַכציק זייטן פונעם בוך זעט מען ווי עס וועבט זיך ממש די יריעה פונעם פּאָעטס וועלט־זעונג פון די „זיבערע, מעלאָדישע געלאַפן" און פון די „וווּנדן אָן אַ מום" אין זיין ערשטן ליד פון דעם ציקל „ווערטער און שווייגנס" און ביז צו דער וויזיע פונעם סוף ליד „אין ווייַנקעלער" —

אויך די מאָרגנס נאָך מיין היינט, וואָס בלויז
ציטערדיקע צוקן מיר צוקאָפּן —
טרינק איך. זייער טעם איז פון אַ רויז.

און ביז צו דעם דיכטערס מוסר־השכל אין דעם זעלבן ליד —
ליפּן, ליפּן, זאַלבעצווייט און — איינציק,
לויבן זאָלט איר ביזן לעצטן צאַנק
אַלע סאָרטן ווײַן. איז אייך דען ווייניק?
זאָל אייך זאָגן דער באַשאַף אַ דאַנק?

איז ערשט דעמאָלט, ווען עס אַנטפּלעקט זיך דעם דיכטערס וועלט־בילד, וואָס זיין געטלעכער באַשעפער איז שיינקייט — ערשט דעמאָלט זעט מען און מען דערפילט דעם גאַנצן צער און די פולע נשמה־פּיין פונעם פּאָעט, וואָס איז איינגעהילט אין דער שיינקייט, אָבער ווערט פון איר נישט פּאַרדעקט. פאַרקערט, דער צער און די פּיין אַנטפּלעקן זיך דורך דער „קרוין פון פונקען" נאָך שאַרפער, נאָך טיפער און נאָך טראַגישער, אַזוי טראַגיש ווי אבלות אונטער דער אויס־געשטערנטער חופּה פון פרייד.

איך האָב געלייענט די לידער און האָב מיך, אַ מיטגעריסענער מיט סוצקע־ווערס וועלט־בילד פון שיינקייט איבער טרויער, באַרוישט מיט זיינע נייע און אַלע מאָל איבערראַשנדיקע אימאַזשן (אומזעיקער פליגל ווערט געבן אַ פאָכע און אַנצינדן ווי אַ מנורה די יאָרן) און מיט די ווונדערלעכע געדאַנקלעך און בילדע־ריש געבונדענע גראַמען (ס'ערשטע מאָל אין וויגל, געדענקט נאָך פון גן־עדן־צייט אַ זמרל, אַ ניגל; ניאַגאַרע, אויסטאַטוירט אין דיין מראה; אַנטקעגן צפת ביים וואַדי, פאַרנאַכט אַריין לבדי) און איך האָב אין זיך אויפגענומען זיין שווערע פּאָעטישע שליחות פון עסטעטיש־מאָראַלישער זעונג און אמונה.

איך האָב נאָכגעמורמלט מיט באַוווּנדערונג דעם פּאָעט —

דאָ בלייב איך, ביז ווונדיקן אָפּגרונט — אַ מאמין,
געזאַלבט צו זיין אונטער אַ שטראָם פון רובינען.
ווער בין איך? אַן אוראַלטע פידל אַזאַ מין
ווי הונגעריק זשומען פאַרבלאָנדזשעטע בינען.

ב

גייסטיקע ערד

פון דעם בינטל געשטאַלטן, וואָס דער דיכטער פּרעזענטירט אונדז ביים אָנהייב פון זיין נייער פּאָעמע, בעת די פּליטים־שיף „פּאַטריאַ" האַלט אין צו־שווימען צום ברעג פון דער „גייסטיקער ערד", איז גרשוני, דער באָטאַניקער, די געשטאַלט, וואָס קומט פּסיכיש צום נאָענטסטן צו זיין אַ מין „אַלטער עגאָ" פונעם פּאָעט סוצקעווער.

עפּעס פון זיין סיבירער קינדהייט־ביאָגראַפיע ווי זי ווערט פאַרצייכנט אין דער פּאָעמע „סיביר" (געשריבן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק אין ווילנע) און מער נאָך ווי עפּעס פון דער אוראייגענער לאַנדשאַפט־זעונג, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דורכויס אַלע זיינע ווערק, האָט דער פּאָעט סוצקעווער אַוועקגעשענקט לוקאַן, וואָס איז זיבן יאָר געשווומען אויף אַ קריע איבערן אייז־ים און האָט זיך מיט דער הילף פון זיין פרוי לענאַ און פון איר פאָטער, דעם אַלטן פישער אַי־דאַי־ביקע, אַרויסגעראַטעוועט, און גרייכט איצט אויף דער „פּאַטריאַ" צו די ברעגעס פון דער „גייסטיקער ערד".

אָבער גרשוני אין זיין מאָנאָלאָג פון ריטמישער פּראָזע איז נישט בלויז אַ פּסיכישער קרוב פון דיכטער סוצקעווער, נאָר איז אין זיינע רייד אויך אומ־דירעקט אַ פאָרמולירער פון סוצקעווערס פּאָעטישן וועלט־באַנעם און פון זיין קינסטלערישן איינשטעל צום שטאָף פון דער דרויסנדיקער וועלט און פון אירע געשעענישן.

„אַ באָטאַניקער בין איך — לאָזט סוצקעווער זאָגן וועגן זיך גרשונין — בלומען, גראָזן, געוויקסן האָב איך ליבער פון אַלע נאַרישקייטן אין דער וועלט. זייער פּאַרעם און אינהאַלט זענען מיר וווּיל באַקאַנט. עלעהיי מיין זכרון וואָלט געווען אַ בינשטאָק. איך וואָלט קענען אָנשרייבן אַ ספר, מיט די פּיוטים פון זייערע פאַרביקע תפילות"... און

„אפילו דאָרטן, מיט קייטן אויף די פיס, ביים טראָגן מתים צום געציקן שייטערהויפן, האָב איך זיי תמיד געזאָמלט, די איידעלע קינדער פון דער ערד. אין מלכות פון טויט איז מיר געגאַנגען אין לעבן, וויפל מינים בלומען עס באַצירן די געגנט".

מיט אַנדערע ווערטער: די דרויסנדיקע וועלט, וואָס און ווי אַזוי זי זאָל נישט זיין, זי איז נישט אויטאָנאָם. דעם מענטשנס, דעם קינסטלערס, אינעווייניקסטע וועלט אַנטפּלעקט זי און גיט איר געשטאַלט. אַ נישט אַנטפּלעקטע פון מענטש און קינסטלער איז די וועלט אַ דומם, טויט אין איר פולער שטורעם־דיקייט. פון דער אַנדערער זייט אָבער בלייבט דער מענטש־קינסטלער אַ „בלינ־דער מיט אָפענע אויגן" אויב ער האָט אין זיך נישט קיין אינעווייניקסטע אייגענע וועלט, וואָס זאָל זיך מיט דער דרויסנדיקער באַגעגענען און זי געשטאַלטעריש אַנטפּלעקן.

אָט אַזוי האָט דער אַלטער געטע דערציילט וועגן זיך ווען ער האָט גערעדט מיט עקערמאַנען, וואָס האָט זיינע רייד פאַרצייכנט לדורות. „ווען איך זאָל נישט געווען טראָגן אין מיר — האָט דער אָלימפּיקער געזאָגט צו זיין תורה־נאָכשריי־בער — פון לכתחילה אַן אייגענע וועלט, וואָלט איך געווען אַ בלינדער מיט אָפענע אויגן און מיין גאַנצע מי און דערפאַרונג וואָלט געווען אַן אומזיסטע, אַ טויטע. וואָרעם דער אמת ווערט געבוירן ערשט דאָרט און דעמאָלט ווען דעם

מענטשנס אינעווייניקסטע וועלט באַגעגנט זיך מיט דער דרויסנדיקער רעאַלי־טעט..."

דורך די אויגן פון אַן אינעווייניקסטער וועלט, וואָס לעבט אין פּיין פון ליידן און פון הייליקער גאַרונג נאָך אויסלייז האָט דער דיכטער און דראַמאַטורג, ה. לייוויק, באַגעגנט און פאַר אונדז אַנטפּלעקט די „דרויסנדיקע רעאַליטעט".

די אינעווייניקסטע וועלט פון א. סוצקעווערס ליד און פּאָעמע אין צונויפ־שטויס מיט דער „דרויסנדיקער רעאַליטעט" איז געווען דאָס אויג פון דעם יונגן דיכטער, וואָס האָט געשאַפן און געשפּרייט מיטאָלאָגישע שיינקייט איבער אַלץ, וואָס ער האָט געזען. איך זאָג מיטאָלאָגישע שיינקייט און נישט לעגענדאַ־רישע, ווייל פון לעגענדע שמעקט מיט איינגעשטילטקייט, מיט גן־עדן. די שיינ־קייט פון דער מיטאָלאָגיע אָבער איז דער גיהנום פון אַזעלכע תהומיקע בילדער ווי — „האָט אַ ווילדער שניי־שטורעם זיך צעטאַנצט איבער דער קריע; צעטראָטן די זון ווי אַ בלינדן וואָרעם און געצווונגען דעם ים זיך שטעלן דיבאָם".

ס'איז אַ וועלט, וואָס עס האָבן זיך נאָך איבער איר נישט פאַרענדיקט די זעקס טעג פון באַשאַף. עס איז אַ גראַנדיעזע תוהו ובוהודיקע לאַנדשאַפט־פּראַכט, וואָס גייט דורך דעם גאַנצן פּערטל יאָרהונדערט פון סוצקעווערס ליד, זינט דער דריי און צוואַנציק יאָריקער פּאָעט האָט געזען ווי „ס'ווערט אויסגע־שמידט אַ זון" אויף צו צעברעכן דעם אייז־פּאַנצער פונעם סיבירער טייך אירטיש, איבער די מיטאָלאָגישע מעשיות פון דער „געהיימשטאָט", אין וועלכער הבל איז אַנטלאָפן פאַרן צאָרן פון קינען, דעם מערדער פון מענטש און צעשטערער פון קונסט, און איבער די באַרוישנדיקע קאָשמאַרן פונעם „גרינעם אַקוואַריום" ווו „די טעג האָבן זיך געלאָשן ווי שוועבעלעך" און די „נעכט האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט ווי עקדישן" און ביז צו דער „פּאַטריאַ", וואָס טראָגט זיך איבערן צעשטו־רעמטן ים און —

דער שטורעם האָט די מראה פון אַ בוינע
אַ בליצן־חלף שימערט וווּ־ניט־וווּ.

(דער'מאָנט די פּאָעמע „סיביר" פונעם 23יאָריקן סוצקעווער, וואָס איז אַרויס אויף יידיש מיט וווּנדערלעכע צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל אין 1950, דערנאָך אין אַ העברעישער איבערזעצונג פונעם דיכטער ש. שלום אין 1952 און איצט אויף ענגליש אין דער אינטערנאַציאָנאַלער איבערזעצונג־סעריע פון „יונעסקאָ" — ווייל איך זאָגן, אַז ווען דאָס בוך זאָל נישט פאַרמאָגן קיין אַנדערע לידער אַחוץ „טאַטע, נאָכן שליטן מיט דיין אָרון" און „מיין חבֿרל טשאַנגורי", וואָלט די פּאָעמע מיט אָט די צוויי געזאַנגען אַליין שוין אויך געהערט צו די סאַמע שענסטע זאַמלונגען פון יונגע לידער אין דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע).

איך האָב אונטערגעשטראָכן סוצקעווערס לכתחילהדיקע אינעווייניקסטע פּאָע־

טישע וועלט און זיין לאַנדשאַפט־געמעל פון מיטאָלאָגיש־קאָשמאַרישער שיינקייט, ווייל ס׳איז פשוט אַ מצווה זיך אָפּצוגרענעצן פון די טעמאַטישע טייטשער, וואָס פאַר זיי איז די „גייסטיקע ערד" בלויז אַ פּרווו צו „פאַרשדכנען ווילנע מיט ירושלים", צו „פאַרווילנעווען ירושלים און צו פאַרירושלימעווען זיין ווילנע". עס איז אַ מצווה, זאָג איך, זיך אָפּצוגרענעצן פון יענע, וואָס נעמען אויף ביי די ברעגעס פון ישראל דעם פּאָעטישן משולח פון ווילנע און זעען נישט און פאַרשטייען נישט, אַז צו דער „גייסטיקער ערד" איז צוגעשוווּמען פון אַלע זיינע פריערדיקע פיזישע און גייסטיקע ערדן (פון סיביר און ליטע און פראַנקרייך) אַ פּאָעט אין זיין פולער גאַנצקייט און גרויס וואָס האָט די דרויסנדיקע רעאַליטעט מיט אירע געפיל־נאָענטע און געפיל־ווייטערע געשעענישן, געשטאַלטן און ליידנשאַפטן, געזען תמיד און דורכויס אין ליכט פון זיין אייגענער גייסטיקער ביאָגראַפיע, וואָס איז עלטער פון זיינע בלויז עטלעכע און פערציק יאָר לעבן. דער פּאָעט סוצקעווער האָט ביים אירטיש, ביי דער ווילִיע און ביים ים התיכון אַרויסגעבראַכט נאָר זיין אייגענע זעונג און די ליידנשאַפט צו געשטאַלטיקן די מאָטיוון, וואָס זיי זאָלן נישט זיין, לויט זיין אייגענער וויזיע מיט זיין אייגענער מוזיק און פאָרעם —

פאַרוואָר, איז מיר באַשערט אין מדבר שטאַרבן,
איז בלויז פון דאָרשט — נאָך דינסטע קלאַנגען, אויסגעבענקטע פאַרבן.

*

פרווונדיק כאַראַקטעריזירן סוצקעווערס פּאָעטישע וועלט האָב איך אויך דערמאָנט לייוויקן. כ׳האָב עס נישט געטאָן צופעליק. וואָרעם מיר דאַכט, אַז פון צווישן דעם קליינעם געצעמל גרויסע יידיש־פּאָעטן איז סוצקעווער באַגלייך מיט לייוויקן צו אונדז געקומען נישט מיט קיין ספּעציפיש־יידישן, נאָר מיט אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן פּאָעטישן מאָטיוו. ווי ביי לייוויקן איז אויך ביי סוצקעווערן דאָס יידישע פינטעלע אַרויסגעוואָקסן פון דעם מענטשלעכן און נישט פאַרקערט. ביי פּרצן דערגייען דער נעמעראָוור רבי אין „אויב נישט נאָך העכער" און ר׳ שלמה פון דער „גאָלדענער קייט" דורך זייער יידישקייט צו דעם גרויס־מאָראַלישן פייער, וואָס זיין נאָמען איז מענטש.

לייוויק און סוצקעווער קומען פּאָעטיש ביידע פון נישט־יידישע וועלטן. לייוויקס גאַנג איז דער גאַנג פון קאָטאָרגע און סיבירער פאַרשיקונג צו די מאָראַליש־יידישע ליידנשאַפטן פון קידוש השם און פון משיחיות, סוצקעווערס — פון דער מיטאָלאָגישער זעונג וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דעם דיכטער־קינד ביי די ברעגעס פונעם אירטיש און האָט מיט אים מיטגעשפּאַנט ביז צו די קאָשמאַר־בילדער פון חורבן.

בייביידע, אי ביי לייוויקן און אי ביי סוצקעווערן, איז אין זייערע סיביי־רער לידער נישט פֿאַראַן קיין באַזונדערער יידישער מאָטיוו. ביי לייוויקן איז די גרונטזעונג פֿון די סיבירער שנייפֿעלדער, וואָס באַגלייט אים איבער אַלע זיינע ווערק, די זעונג פֿון —

קעפּ — אָפּגעשוירענע
קליידער — צעריסענע,
אויגן פֿאַרלאָשענע,
לייבער צעשמיסענע.

און ביי סוצקעווערן? אַפילו ער אַליין ווערט אויף די סיבערער שניי־סטעפּעס געשטאַלטיקט אין אַ גראַנדיעזער, מיטאָלאָגישער לאַנדשאַפֿט־שיינקייט —

טאַטע הערט נישט, שטערן פֿאַלן גרינע,
טאַטע זעט נישט אַז פֿון העלער הויט
ווער איך פֿון אַ ייִנגל אַ לאַווינע
וועמען ליכט און וווּנדער האָט געבויט.

אַוודאי האָט זיך די געשיכטע אַריינגעמישט און האָט כראָנאָלאָגיש געסדרט דעם גאַנג פֿון די דרויסנדיקע רעאַליטעטן, מיט וועלכע לייוויק און סוצקעווער האָבן זיך געשטאַלטעריש צונויפֿגעשטויסן, אָבער איך וויל זאָגן, אַז אַלע שפּעטערע יידישע מאָטיוון זענען ביי ביידע פּאָעטן אַרויסגעוואַקסן פֿון זייער לכתחילהדיקער, איך וואָלט געזאָגט, פּרעביאָגראַפֿישער זעונג. ביי לייוויקן — מענטשלעכע פּיין און גאולה־באַגער; ביי סוצקעווערן — יענע וויזיע, וואָס געטע (מע מעג זיך דערלויבן אים אַן שאַדן צוויי מאָל צו ציטירן) האָט זי פּאָעטיש פֿאָרמולירט אין די באַרימט־געוואָרענע פֿיר פֿערזן —

Ihr gluecklichen Augen,
Was je ihr gesehn
Es sei wie es wolle
Es war doch so schoen!

אַלע שוידערלעכקייטן פֿון חורבן ווערן דורך סוצקעווערס אויג, וואָס האָט אין זיך אַ שטיק פּאַגאַנישע לעבנס־פֿרייד און די קינסטלערישע אויסגעלייטערטקייט פֿון די אַלטע גריכישע מייסטערס, פֿאַרדעקט מיט שיינקייט. די נאַטור אַליין איז אין סוצקעווערס זעונג אי מיטאָלאָגישער קאַמף צווישן די געטער און אי אַ מין געזאַנג פֿון די צעשטורעמטע כוחות צו זיך אַליין, אַ געזאַנג, וואָס היט אָפּ די שטרענגסטע פֿאָרמען פֿון פּראָזאָדיע —

מיט מאַרמאָרנע העקסאַמעטערס באַזינגען
די כוואַליעס דעם געוויטער. זייער קעניג

באַוויליקט שוין די „פּאַטריאַ״ צו שלינגען...
דערוויל איז זי דעם קעניג ווידערשפּעניק.
זיין צאָרן ברענט, איז דאָ אַזאַ מין שפּאַסער ?
ער גיט אַ הייב פון מיטן ים אַ סקאַלע.
אַ וואַלקנבראָך, אַ ליאַלקע שווימט אין וואַסער.

סוצקעווערס וועלט איז אַ סך מאָל אַזאַ בראשיתדיקע וועלט פון שיינקייט, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון דער וואָס מיר קענען זי פון אונדזער יידישער גאַס. עס איז נישט די לאַנדשאַפט, וואָס אונדזערע מאָלער און פּאָעטן האָבן אַזוי באַזונגען און זי איז געוואָרן אַזוי נאָענט צו אונדזער געמיט. סוצקעווערס פּייזאַזש איז צו מאָל פּרעמדלעך, אָבער ער איז אַזאַ וואָס איז בכוח מיטצורייסן דעם פּאָעזיע־ליבהאָבער אין אַלע שפּראַכן מיט דער וואָרהייט פון זיין דיכטערישער זעונג און מיט דעם שוווּנג און מיט דער רענעסאַנסישער גבורה פון זיין מיטאָלאָגישער בילדלעכקייט.

*

ה. לייוויק — דער מאָראַליש צעברויזטער אין זיין באַנעם און אין זיין געשטאַלטיקונג פון דער „דרויסנדיקער רעאַליטעט״ און דער מאַן מיט דער משיח־וויזיע פון אחרית הימים, א. סוצקעווער — דער שיינקייט־באַרוישטער אין זיין „פויגלדיקן טראַג איבער מענטשן, וועלדער, תהומען, צו דעם נייעם, יום־טובדיקן טאָג״ וואָס וועט קומען, ווייל —

אָן איינציק בלעטל, אויב ס׳איז גרין און אמת
קאָן איבערלעבן צאָרנדיקן מבול.

צוויי גרונט־פאַרשיידענע פּאָעטישע געמיטער, הגם מיט דעם איין און דעם זעלביקן גלויבן אין דעם „נייעם יום־טובדיקן טאָג״ און — צוויי היפּוכדיקע פּאָעטישע סטילן, כ׳מיין, צוויי פּונקט פאַרקערטע איינשטעלן צו וואָרט און צו אימאַזש.

לייוויקס באַציונג צום וואָרט איז אַ נזירותדיקע, אַ מאָראַליש־קריטישע. פאַר סוצקעווערן איז יעדעס וואָרט אַ כלה, וואָס גייט צו דער חופּה.
לייוויק איז דער אַנטבלויזער פונעם יידישן וואָרט. ער געטרויט נישט דעם וואָרט. ער איז זיין גרויס־אינקוויזיטאָר —

כ׳רייס פון ווערטער זיבן פעלן
שאָלעכצן איך שייל און שייל
ביז עס גיט אַ לויכט אַ העלן
ס׳טיפע קערן אָפן, הויל.

סוצקעווער איז פאַרקערט דער איינהילער פונעם יידיש־וואָרט. יעדעס וואָרט ווערט ביי אים אַן אָרקעסטער פון קלאַנגען און אַ קאָמפּאָזיציע פון פאַרבן. סוצקעווער איז דער גרויסער ווירטואָז פונעם יידיש וואָרט —

פון וואַנען האָט געשעפּט אַזוי פיל גינגאָלד
רעמבראַנדט? און טיציאַן, ראַפאַעל, וועלאַסקעס —
ווי קומט צו זיי אַזאַ רובינגאָלד, גרינגאָלד,
אַזוינע פרויען, קעניגלעכע מאַסקעס?
איך וועל דיר ווייזן זייערע מאָדעלן.
דאָס זענען צפתער וואָלקנס, מיטן זונאויפגאַנג זיי קוועלן.

דער אמת איז אַז נישט נאָר די צפתער וואָלקנס, נאָר אַלץ וואָס סוצקעווער באַגעגנט אויף זיין וועג האָט ער דעם כוח פּאָעטיש אַזוי צו געשטאַלטיקן —

כדי די שיינקייט זאָל באַשטענדיק בליען

און עס זאָל זיין —

דו זעעסט אַזאַ דאָ
מוזיי, וואָס בלויז דו קענסט אים זען אין לוור און אין פּראַדאָ.

ווען פּרץ הירשביין דערציילט אין זיין בוך „קינדער־יאָרן" (איינס פון הירשביינס געציילטע ווערק מיט אַ געדויערדיקן ליטעראַרישן ווערט) וועגן זיין זיידן וואָס האָט געהאַט רויטע, געלע, בלאָע און ראַבע ניגונים, האָב איך דערפילט דעם טיפן אמת פון די מעלאָדיעס וואָס דער אַלטער מילנער האָט זיי דערקענט לויט זייערע קאָלירן. אָבער דעם צונויפשטעל פון ניגון און פאַרב אויף דער קינסטלערישער וואָר האָב איך ערשט דערזען אין סוצקעווערס לידער. די ווייטערע שורות פון דעם דיכטערס נייעסטער פּאָעמע „גייסטיקע ערד" זענען בלויז איינער פון די אַן אַ שיעור שיינע מוסטערן פון דער סימפּאָניע פון קלאַנג, פאַרב און ריח אין זיינע פּאָעטישע רייד און בילדער —

אַקאַציע, ביסט אַ פידל־ריח, אָדער
ס׳גערוך פון ערשטן קוש. איך ווער משוגע
ביים בשמים־רעגן אָוונטצייט אין אָדר.
ט׳ווערט יעדער צווייג אַ פאַרביקע פּאַפּוגע,
וואָס אונדזער האָר האָט אויסגעלערנט ריידן
זיין קדמון־לשון: מענטש־קלאַנגען, מירע
און אינגבער־גראַמען; אַז דער טעם גן־עדן
צעשפּאַרט מיט זיינע מוסקלען אי מיין דירה
און אי מיין ברוסט. און אַלץ וואָס איז געוועזן
דערשפּיר איך אין די בלוט־באַשפּריצטע בליענדיקע בעזן.

די ווערטער, די אימאַזשן און די גראַמען זענען דאָ צונויפבאַהעפט דורך קלאַנג, ריח און פאַרב. פידל־ריח, מענטע־קלאַנגען, מירע און אינגבער־גראַמען — איז געמאָלט אַ שענערע, אַ מער באַרוישנדיקע חתונה פון יידיש לשון, ווי עס האָט דאָס אויפגעשפּילט דער ווירטואָז איבער ווירטואָזן אַ. סוצקעווער?

ווי אין די פריערע לידער־ביכער זענען אויך אין סוצקעווערס נייער פּאָעמע פאַראַן אַ שלל מיט יענע גוטע גראַמען וואָס זייער זיווג איז אַן אָרגאַנישער על פּי געדאַנק און געפיל. איך וועל דערמאָנען בלויז דריי: דעם זעערישן פּיטן, וואָס איז זיך על פּי גראַם משדך מיט געדיכטע צייטן; די בלויקייט וואָס קומט צוריק אַשיק בלייכער און פאַרשפּריצט אויף די הענט בלויז אַ זכר און די דיגרעסיע, וואָס האָט זיך אין דעם דיכטערס סטראָפן גראַמיש באַגעגנט מיט בפּו־הסיא.

איך ברענג בלויז דריי מוסטערן, וואָס זענען אמתע חידושים הגם זיי פאַרחידושן אונדז שוין מער נישט אין סוצקעווערס גראַמען־רייכקייט.

אָבער איבערגעבן וויל איך ווי אַזוי סוצקעווער מאָלט אָפּ, זינגט אויס דעם מיזוג גלויות מיט דער הילף פון אַזעלכע פּרימיטיווע אינסטרומענטן ווי די באַזונדערע בגדים פון יעדן שבט —

אַ פּוילישער שינעל געפּינט אַ לשון
מיט פּאָפּעליאַטן בעסאַראַבער שפּענצער.
אַ טופּליע זינגט צו ליטווישע קאַלאָשן.
און ווי אַ פּאַווע טראָגט אַ ווינער טענצער
זיין פּעלערינע. ספּאַדיקעס און היטלען
באַקומען ערשט אין רעגן זייער מראה.
פּידזשאַקן, מאַרינאַרקעס, בלויע קיטלען,
דערציילן וועגן רייסן און בוכאַרע.
אַ בורנעס מיט אַ גאַליציאַנער טיזליק
פאַרמעסטן זיך אין יחוס: ווער איז קאַרליק, ווער איז ריזליק?

קיינער פון די שבטים איז נישט קיין קאַרליק און אַלע ווערן זיי ריזליק אין דעם שטראָמענדיקן גאָס־רעגן פון סוצקעווערס וואָרט־עשירות און שפּראַך־ווירטואָזיטעט.

וועגן דעם גריכישן פּאָעט פּינדאַר ווערט דערציילט, אַז ער האָט מיט זיין ליד אָפּגעראַטעוועט די שטאָט ספּאַרטאַ פון אירע באַלאַגערער. אונדזער יידיש־פּאָעט אַ. סוצקעווער קען ווי פּינדאַר דעם כוח פון ליד און גלויבט אין אים. ער זינגט —

אויב דו וועסט מיך באַשיצן פון די חיות
באַצאָלן וועל איך דיר מיט גרויסע לידער
ביים כרמל, ביים געזאַלבטן הר־הבית
אַז יעדער שטיין וועט שפּרינגען ווי אַ ווידער.

סוצקעווערס לוין און סוצקעווערס זכות איז וואָס ער איז באַרעכטיקט צו די דאָזיקע שורות און מאַכט אונדז גלויבן אין זיי.

ג

אַן אַנדער מין כוח

אַזוי האָט אַן אַנדער מין כוח אומענדיק
מיט עקל־געשטאַנק זיך געראַנגלט, געוואָרגן
צום סוף מיט געוואַלט אים פאַרביטן אויף שטענדיק
אויף ריח פון היי־שניט אין פרישן פרימאָרגן.

דער אַנדער מין כוח, וואָס וועגן אים דערציילט אברהם סוצקעווער אין זיין הערלישן מאַרטירער־עפּאָס „געהיימשטאָט" באַשטייט אין דעם וואָס דער דיכטער סוצקעווער האָט די קראַפט צו פאַרוואַנדלען נאַטוראַליסטיש־גראָבע ווירקלעכקייט אין סובלימער עסטעטישער מיסטעריע.

ווען משה לייב האַלפּערן, וואָס געהערט אין איינעם מיט אברהם סוצקעווערן צו דעם ווייניקער ווי אַ מניין גרויסע דיכטער, וואָס מאַמע יידיש האָט אַרויסגע־בראַכט אין אַלע דורות פון איר שעפערישקייט, נעמט אָפּווישן די ווירקלעכקייט מיט זיין פאַנטאַזיע, איז ער זיך באַוווּסט אַז ער טוט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַפּריזנע־פּאָעטיש שטיקל אַרבעט בלויז פאַר זיך אַליין. ער ווייס, אַז ער האָט די רעאַליטעט מיט זיין טרוים נישט געביטן און אַוודאי נישט באַזיגט. פאַרקערט: עס איז דעם דיכטער משה לייב קלאָר, אַז דער זיגער וועט זיין נישט זיין דמיון, נאָר די ווירקלעכקייט און ער שרייבט שוין פון לכתחילה אַן עלעגיע אויף דעם „שלימזל־דיקן פּאָרל": דער דיכטער און זיין טרוים —

דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַ מאָל דערפרירן
בעת ער וועט פון פרילינג־צוויט
און בלומען פאַנטאַזירן.

דער דיכטער אברהם סוצקעווער האָט גאָר אַן אַנדערן מין כוח. זיין בענקשאַפט און זיין טרוים זענען נישט פאַרצווייפלט און אַפילו נישט סקעפּטיש און — ממילא ווייט פון עלעגיע.

און האָב איך געבענקט נאָך סיריוס און וועגא —
איז האָט זיי מיין בענקשאַפט געבראַכט אין אַ רגע.

די בענקשאַפט איז אין דער פּאָעמע וועגן די ווילנער קאַנאַלן, ווו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער דיכטער אין דער מיט פון זיין „פאַלק זאַלבעצענט", געוואָרן ווירקלעכקייט־שעפעריש. עס איז אַ פּאָעטישע ווירקלעכקייט באַלויכטן מיט דער העלקייט פונעם ווייסן שטערן סיריוס און מיט דעם ליכט פון דעם גרויסן שטערן וועגא, וואָס איז באַשטענדיקער און זיכערער ווי די רעאַליטעט פון דער קאַנאַלן־פינצטערניש, וואָס הויערט הינטער דער ליכטיקייט פון סוצקעווערס העראָישן עפּאָס.

פּאַליע, דער קאָמאַנדיר פונעם „פאַלק זאַלבעצענט" האָט געשווּוירן, אַז ער וועט די „געהיימשטאָט" באַזאָרגן מיט עלעקטריע און —

אַ דראָט פּרוּווט ער ציען אַהערצו פון קאַבל
און ליכטיק זאָל זיין אונטער נעסט פון מחבל.

איז פּאַליעס אויפטו אַוודאי צו באַוווּנדערן. עס איז אים געלונגען דורכצו־רייסן מיט דעם ליכט פון עלעקטריע דעם חושך מצרים און צו שאַפן אַ ביסל באַוועגונגס־מעגלעכקייט פאַר די וווינער אין דער פינצטערניש פון די ווילנער קאַנאַלן.

אָבער ווער קאָן אויפהערן צו שטוינען איבער דעם דיכטער און איבער זיין קינסטלערישן כוח צו פאַרוואַנדלען די גיהינום־ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פון פיזיש און זעליש צעטראָטענע מענטשן, וואָס לעבן ווי די מייז אין אונטער־ערדישע לעכער, אין אַ העראָישער לעגענדע, אין אַ וווּנדער־מעשהלע פון ליכט, מוזיק און שיינקייט?

ווען איך זאָג, אַז „געהיימשטאָט" איז אונטער סוצקעווערס פען געוואָרן אַ העראָישע לעגענדע, האָב איך נישט אין זינען דעם העלדיש־פּאַסיוון ווידער־שטאַנד פון לעבן, וואָס עס ווייזט אַרויס דאָס „פאַלק זאַלבעצענט" און אויך נישט, און אַפילו נישט פּאַליעס און דבורהלעס העלדיש־פּאַרטיזאַנישע עקסקורסיעס פון דעם תהום אַרויס אויפצורייסן דייטשישע אַמוניציע־טראַנספּאָרטן. מיט דער באַצייכענונג העראָישע לעגענדע און וווּנדער־מעשהלע וויל איך פאַר אַלעמען אונטערשטרייכן און אַרויסהויבן די ליכטיקע פּאָעטישע אימאַזשן, די נאַטור־בילדער און די מוזיקאַלישע מיסטעריעס, וואָס לויכטן אַרויס פונעם דיכטערס געמיט און הילן איין די גיהינומדיקע „געהיימשטאָט" אין אַן אָטעם־פאַרכאַפּנ־דיקער, איך וואָלט געזאָגט, אין אַ דעמאָנישער שיינקייט.

עס איז באמת נישט קיין חידוש, וואָס דער באַשעפער האָט זיין אייגן גיהינום אויף דער ערד נישט דערקענט און נישט געגלויבט אין זיין ווירקלעכקייט, ווען דער דיכטער האָט נאָך דער באַפרייונג „געפונען זיין בינטל דערשראָקענע גראַמען" און —

ביי נאַכט עס געליגט דעם גאָט פון די אבות,
נאָר גאָט האָט געמיינט ס'איז ניט מער ווי אַ מעשה
געקנייטשט פון דער הייך מיט די שטערן, די ווייסע.

אויף צו באַרעכטיקן, פאַר וואָס גאָט אַליין האָט נישט דערקענט דאָס גיהנום אין די ווילנער קאַנאַלן, וואָלט איך געדאַרפט ציטירן איינס נאָך ס'אַנדערע די בילדער פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, כדי צו ווייזן ווי דער דיכטער פירט דורך איבער זיי אַ גרינטלעכן קינסטלעריש־עסטעטישן „ביעור חמץ" און דערהויבט אַ יעדעס פון זיי צו ליכט און צו מוזיק.

דאָס „פאָלק זאלבעצענט" וווינט נישט אין דער נידער אין די קאַנאַלן, נאָר אויפן אָלימפּ, אויף דעם באַרג פון די געטער, אין „דער צעשטערנטער וועלט", ווו אַלץ איז שיין, וויל גראַנדיעז און קאָסמיש.

איך וועל ברענגען בלויז צוויי עדות: דבורהלען און דעם פרוש.

דבורהל שפּאַצירט אין „שטורעם־קאַנאַל", וואָס איז אַזוי הויך, אַז זי גייט כמעט נישט געבויגן.

קודם עטלעכע רעאַליסטישע קאַנאַל־דעטאַלן —

צו ערשט קומען שטיקעלעך גלאָז און באַרירן
זיך איינס אָנעם אַנדערן. בלעכלעך און טשוועקעס
פאַרשטאַרקן דאָס פּלוישעכץ אין וואַסערס געהירן.

אָבער דערנאָך הויבט זיך דאָס בילד אויף און עס ווערט אַן אָלימפּישע זעונג און אַ הימלישער קאָנצערט —

פאַרקלעזמערטע שאָטנס באַוווינען די שטרעקעס.
און ווי אויף קלאַווישן עס טראָגט זיך דאָס מיידל,
פאַרגעסן ווהין און צו וועמען זי וואַנדלט.
פאַרבאַרגענע טענער, געשליפן און איידל,
זיי האָבן די רער אין אַ גאָרטן פאַרוואַנדלט.
צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף, עס באַטרעלן, דערפרייען
אין גאָרטן, לבנהדיק־צאַרט, סאָלאָוויען.

און אָט איז דער צווייטער עדות, דער פרוש ר' נתן, וואָס האָט זיך אַ נאַכט פאַר יום־כיפור אַרויסגעגליטשט דורך אַ געעפנטער גראַטע און איז אַוועק זאָגן סליחות אויפן חרובן שול־הויף. אַזוי ווייט דער רעאַליסטישער סיפור המעשה, אָבער ר' נתנס גאַנג צו דער חורבה —

פון בערגל צו בערגל פאַרהוילן ער ציט זיך
ווי איבער אַן אָפּגרונט אַ שפּין אויף אַ פאָדים.
די שטערן זיי טראָגט ער אין האַרצן שוין מיט־זיך,

זיין לייכטן אַזש אונטער די פּאַרמעטנע בגדים.
עס וויגט אין דער לופט זיך די בלאַע גאַלעריע
מיט ניט קיין פּאַרגאַנגענער פידל און צימבל.
זי שפּילט פאַרן פרוש אַצינד איר מיסטעריע
אויף חרובער יידישער גאַס, ווי אַ סימבאַל.

איך האָב באַצייכנט די זעונגען ווי אַלימפּישע, ווייל זיי פאַרמאָגן מאָיעסטעטישן ריטעם, קלאַסישע פּרעציזקייט פון אויסדרוק און די ניכטערע עקזאַלטאַציע פון די אַלימפּישע באַוווינער, וואָס זי איז געווען דער מוזיקאַלישער גרונט־טאָן פון די גריכישע טראַגעדיעס. אַזאַ מין ניכטערע עקזאַלטירטקייט, אַזאַ דעמאַנישע עסטעטיק, אַזאַ מין קלאַסיש־שטרענגן טאָן און דערביי ערגעץ־ווו אַ ראָמאַנטישע סוגעסטיווקייט אין דער מיט פון ברוטאַלן נאַטוראַליזם האָט פאַרמאָגט שאַרל באָדלער אין זיין לידער־בוך „פלער די מאַל" (דאָס צעבליטע שלעכטס).

באָדלער, דער דיכטער פון „דעקאַדענץ", דער באַזינגער פון „צעפוילטן פלייש", באַגעגנט זיך אין זיין וועלט־בילד פון „שיינקייט איבער אַלץ" מיט דער לכאורה היפּוכדיקער וועלט־זעונג פון די אַלטע גריכן, וואָס איר עיקר איז געווען דאָס געזאַנג פון ליבע צום לעבן און צו אַלע פאָרמען פון לעבן דאָס לעבן. עס באַגעגענען זיך איבער ווייטע יאָרהונדערטער דער פראַנצויז באָדלער דער זינגער פון „צעבליטן שלעכטס" מיט, זאָגן מיר, דעם טעבאַנער פּינדאַר, דעם באַזינגער פון די געטער און פון העלדן — זיי באַגעגענען זיך אין דער אָדע צו רק שיינקייט, וואָס איז דער אידעאַל פון פּאָעטישן וואָרט קעגן און להכעיס דער מאָראַל (ביי באָדלערן) און טראָץ געוויסע מאָראַלישע ווערטן (ביי פּינדאַרן).

און אויב עס איז פאַראַן אין דער ליטעראַטור פון אונדזערעביידע לשונות אַן אַפּאָליניש געמיט און אַן אַפּאָלינישע וועלט־זעונג פון „רק שיינקייט", איז עס נישט געווען דער דיכטער פון „לנוכח פסל אפּולו", שאול טשערניכאָווסקי ז״ל, נאָר אים צו לאַנגע יאָר, דער פּאָעט פון „סיביר", פון „געהיימשטאָט", פון „אָדע צו דער טויב" און פונעם „גרינעם אַקוואַריום", אברהם סוצקעווער. (דער אמת וויכטיקער העברעיִשער דיכטער איז טשערניכאָווסקי נישט ווען ער באַזינגט די סטאַטוע פון אַפּאָלאָ, נאָר ווען עס זינגט פון אים אַרויס די אידיליע פון דעם יידישן שטייגער־לעבן).

איך האָב אויסגערעכנט נאָר עטלעכע פון סוצקעווערס לידער־סעריעס, אָבער יעדע אַנדערע פון זיינע לידער־זאַמלונגען קאָן צום גרויסן טייל באַשטעטיקן, אַז אַפּאָלאָ, דער גאָט פון שיינקייט, האָט אראָפּגענידערט פונעם אַלימפּ און איז געוואָרן אַ תושב אין סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס. ער ראַנגלט זיך דאָרט דראַמאַטיש מיט דעם יידיש־דיכטערס זעונגען, מיט זיינע

געשטאַלטן און אויך מיט דעם סיפּור המעשה און — איז מנצח. אַפּאָלאָ פּאַרוואַנדלט די מיאוסע, אויפן בויך פּויזנדיקע ווירקלעכקייט אין גראַנדיעזער באַפליגלטער מיטאָלאָגיע.

נאָך קיין מאָל האָט אַפּאָליניש געמיט נישט אַזוי אָרגאַניש געהויזט אין די „טייערע יידישע אותיות" ווי אין די לידער פון דעם מיכאַלישאָקער רבס אייניקל אברהם סוצקעווער. עפּעס איז דאָ אויפן שטח פונעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט געשלאָסן געוואָרן אַ מעמאָראַבלער ליבע־זיווג, וואָס דערמאָנט אין יענעם שידוך, וואָס אַ גרויסער פּאַרצייטישער יידישער טראַכטער האָט געפּרוווט דורכצופירן צווישן יידישקייט און העלעניזם אויף דער ליניע פון געדאַנק.

אַז די דאָזיקע באַהעפטונג איז נישט געווען סוצקעווערס בלויז אַ דיכטערישע שטימונג, נאָר אַ קינסטלערישער וועלט־באַנעם אויסגעלייגט אין פּאָעטישע בילדער און רייד, דאָס קאָן מען צום בעסטן זען פון דעם ליד „אַ דיכטער ביי נאַכט", וואָס סוצקעווער האָט געשריבן אין 1937. דער פּאָעט האָט אין יענעם ליד אָנגעצייכנט פאַר זיך דעם שאַפונגס־וועג: ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַוועקגעשטעלט דעם דירעקטיוו פאַר זיין דיכטערישער וויזיע. דער דאָזיקער דירעקטיוו איז נישט געווען קיין אויסגעמוחטע טעאָריע, נאָר דער אָנטפּלעקטער „אַנדער מין כוח" פון זיין פּאָעטישן געמיט —

שטעפּטנס שטילעניש. ווייסע באַהילעניש. מאָכיק
שאַרן זיך שווייגיקע שאָטנס אין ליבשאַפט און שרעק.
אָבער דער שאָטן פון דיכטער, געזאַנגיק און קנאָכיק,
וואַקסט זיי אַריבער און לייגט זיך בריטהאַרציק אַוועק
אויף די פּאַרגליוועטע לימיקע בערג ווי אַ טלית.
אַלץ ווערט פּאַרוואַנדלט אין קאָסמישן בלוט. און עס קוועלט
האַסטיק אַריין אין זיין לייב מיטן ריטעם פון כוואַליעס.
דורך זיינע אָדערן רוישט די צעשטערנטע וועלט,
ביז עס צעשיטן זיך, פינצטערן אויס די פּמליות.
ליכט פון די וועגן צעהעלט
דורך די נאַכטיקע וועלדער.

און פון דעמאָלט איבער אַלע פינף און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט און ביז היינט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו יום־טובן זיין ערשטן יובל פון לעבן, האָט דאָס ליכט פון שיינקייט צעהעלט די „נאַכטיקע וועלדער", די סיבירער און די געטאָ־פּאַרטיזאַנישע וועלדער, אין סוצקעווערס ליד —

אַ האַנט איז געשווומען פון קאָסמישע ברעגעס,
פּאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.

און נישט אַנדערש נאָר לעגענדע איז אויך סוצקעווערס פּאָעטיש לשון פון זיין ערשטן בוך „לידער״ אין 1937 און ביז צו זיין נייעסטן בוך „גייסטיקע ערד״ פון פּאַראַיאָרן.

עס איז געוואָרן אַן אָנגענומענע קריטישע טעזע צו זאָגן, אַז אברהם סוצקעווער איז אַ שפּראַך־ווירטואָז. מיר געפעלט בפירוש נישט דאס וואָרט אין שייכות מיט סוצקעווערס פּאָעטיש לשון. ווירטואָזיטעט איז אַפילו אין בעסטן זינען בלויז אַ הויכע מדרגה פון טעכנישער געניטשאַפט, ד. ה. א היפּש דרויסנדיקער ענין.

סוצקעווערס פּאָעטיש לשון זע איך בבחינת פון די לעגענדאַרישע „אותיות פּורחות״. עס זענען „אותיות פּורחות״ צעפלויגענע נישט פון עפּעס אַ דרויסנ־דיקער שריפה נאָר פון אַן אינעווייניקסטן שעפערישן פלאַם. סיי די אויסטער־לישע גראַמען מיט אַ מערקווירדיקער מיסטיש־בראשיתדיקער קרובהשאַפט ווי „דאָרטן״ מיט „דער קבר ווי גדליה וועט אָרטן״ און דער „קאַבל מיט מחבל״ און סיי די אומצייליקע חידושי לשון (מיין געברענגעריך, מיין אומלעבן, ווייסע באַהילעניש וכו׳) זענען נישט דער געניטער אויפשפּיל פון מוזיק, נאָר טאַקע די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע גופא. קאָן מען זאָגן וועגן אַן אָדלער, אַז ער איז אַ ווירטואָז פון פליען? ניין! דאָס פליען איז מער, אַ סך מער, ווי ווירטואָזיטעט. עס איז דער אָדלער גופא.

סוצקעווערס פּאָעטישע פּראָזע באַשטייט פון ווערטער אָנגעלאָדענע מיט געדאַנק און געפיל, וואָס עס ווינט אין זיי פון לכתחילה די ליידנשאַפט און די מסירות נפש פון פלי צו שיינקייט.

וועגן וואָס פאַראַ וועלט עס זאָל נישט דערציילן סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט, שוועבט עס אין די הויכן. עס בלענדט מיט אומגעאַנטע קאָלירן און באַצויבערט מיט אומגעריכטע קלאַנגען. אין טרויער און אין פרייד איז עס אַלע מאָל אַ וואָרט, וואָס באַרויקט, אַפילו ווען עס שוידערט אויף און עס דערהויבט אַפילו ווען עס צעטרייסלט. עס איז שיין סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט. עס איז אויסטערליש שיין. עס באַצויבערט.

און נישטאָ קיין בעסערער פּירוש צו שיין ווי צו דערפילן און אויפצונעמען די שיינקייט מיט די אייגענע חושים.

*

פּאַר וואָס האָב איך צום יובל פון אונדזער פּאָעט גראָד זיך אָפּגעשטעלט אויף „געהיימשטאָט״? איך האָב עס געטאָן, ווייל פון אַלע וועלטן איבער וועלכע עס האָט געוואַנדלט סוצקעווערס ליד, איז קיין מער גיהינומדיקע, קיין מער גראָבע, קיין מער ברוטאַלע און מערדערישע וועלט גאָר נישט געמאָלט. זי איז אַן אויסנעמלעכע אין פּרט פון תלינישן נאַטוראַליזם אין דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע און אויך אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט.

אַוודאי איז גערעכט פּאַליע, אין סוצקעווערס פּאָעמע, אַז —
פאַרגעסן? זאָגט פּאַליע, זאָל ווערן ביי יענעם
פאַרגעסן דער נאָמען ווער ס׳וועט נישט געדענקען
דעם תלין און רויזן פאַרזייען אין גיהנום.

אָבער געבענטשט זאָל זיין — זאָג איך — דער פּאָעט, וואָס האָט דאָס „פּאַלק זאַלבעצענט" דערהויבן איבער אָט דער פינצטערניש און האָט זיי אַלע סיי ביים לעבן און סיי נאָכן טויט געשענקט די שיינקייט פון גאָטס נאַטור און דעם כוח פון געטלעכן דמיון. די קומענדיקע דורות זאָלן נישט נאָר נישט פאַרגעסן דאָס גיהנום, נאָר זאָל אויך געדענקען די שיינקייט פון די „זאַלבע־צענט", וואָס אויך דאָרט אין דעם שמוץ פון די ווילנער קאַנאַלן, וווהין דער תלין האָט זיי פאַרטריבן, האָט אין „זייערע אָדערן געוווישט די צעשטערנטע וועלט".

*

און צום סוף עטלעכע פּערזענלעכע ווערטער וועגן דיכטער. איך האָב סוצקעווערן צום ערשטן מאָל געזען אין ווילנע, אין דעצעמבער 1935. איך האָב דעמאָלט באַזוכט צום ערשטן און צום לעצטן מאָל ירושלים דליטא. ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך האָב נישט פאַרשפּעטיקט אויפצונעמען אין מיר דאָס לעבעדיקע בילד פון דער יידישער ווילנע און קאָן מיך לפי כוחותי דערמאָנען ביי דער דאָזיקער לעבעדיקייט איצט נאָכן חורבן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט די זכיה, אַז נאָך מיינער אַ לעקציע אין איינעם פון די יידישע זאַלן אין שטאָט זאָלן אויפטרעטן די פּאָעטן פון „יונג ווילנע" און לייענען זייערע לידער. צווישן די פּאָעטן איז אויך געווען אברהם סוצקעווער. איך געדענק גוט זיין געשטאַלט. אַ מיטלוווקסיקער, אַ דינער מיט ברילן און — היינט ווייס איך אַז זיין פּנים האָט געשיינט מיטן „ליכט פון די וועגן צעהעלט". איך האָב זיך נישט אויפגעהערט נאָכצופרעגן אויף אים ביי די חברים אויף דער טריבונע: זלמן רייזען, ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי און דניאל טשאַרני זכרונם לברכה. ער איז דער יינגסטער פון דער חברה און ער וואַקסט אַ גרויסע כלי — האָט מיר איינגערוימט אין אויער זלמן רייזען און דער פאַרזיצער קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי האָט דערהערט רייזענס ווערטער און האָט מיט אַ פריידיקן פּנים צוגעשאָקלט זיין הסכמה.

אברהם סוצקעווער האָט, דאַכט מיר, געלייענט זיין ליד שטילער ווי די אַנדערע און מיט מער שעמעוודיקייט ווי זיי. און איך געדענק, אַז נאָך מיין אומקער קיין בוקאַרעשט האָב איך דערציילט דער שרייבערישער חברותא וועגן ווילנע און זיי איבערגעגעבן מיין איינדרוק וועגן די יונגע דיכטער. וועגן סוצקעווערן האָב איך געזאָגט (אַזוי שטייט פאַרצייכנט אין מיינס אַ טאָגבוך), אַז

„אַ פּרוכטיקביימל איז ער, אַ פּרוכטיק ביימל ביי אַ קוואַל" (בן פּורת, בן פּורת עלי עין) און אַז מיר האָבן צוויי יאָר שפּעטער אום זומער 1937 באַקומען זיין ערשטלינג „לידער" האָט ביי אַ מסיבה עמעצער פון די חברים, וואָס האָט שוין געהאַט מעיין געווען אין די לידער, אַ נעם געטאָן דאָס דינע בוך פון קנאַפּע הונדערט זייטן אין האַנט אַריין און עס געבלעטערט און געלייענט —

אַט בין איך דאָך, אַן אויפגעבליטער אין מיין גאַנצער גרייס
פאַרשטאַכן מיט געזאַנגען ווי מיט פייערדיקע בינען,

און געזאָגט בקול רם: איר זענט געדעכט, ביקל, אַ פּרוכטיק ביימל, דער סוצקע־ווער. ער וואַקסט אַ גרויסער בוים, ער וואַקסט אַ פּאָעטישער גדול.

איצט צו סוצקעווערס פופציק יאָר זע איך פאַר מיר אַ באַרג מיט פּאָעטישע פּרוכטן און אַ גרויסן פּאָעט. איך שטיי פול מיט באַוווּנדערונג און התפּעלות און עס ווילט זיך זאָגן ווערטער פון געבעט און פון דאַנק.

ביידע, אי די תפילה און אי דער דאַנק זענען אין נוסח פון יום־כּיפּור, וואָס איז פאַרבליבן פון מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין געמיט.

די תפילה איז אַז „על עמך ישראל ועל פליטת סופריהם יהמו נא רחמיך" (זאָל ברויזן, גאָט, דיין רחמים אויף דיין פאָלק ישראל און אויף זיינע געראַטע־ווטע שפּעטער).

און דער לויב און דאַנק איז וואָס די מי פון אונדזערע שרייבערישע דורות איז נישט געווען אומזיסט (לא ניגע לריק). אַזויפיל שפּעטער זענען אומגעקומען, אָבער דאָס יידיש־דיכטערישע וואָרט איז געבליבן לעבן און דאָס ייִנגסטע פּרוכט־ביימל פון ווילנע איז געוואָרן אַ צעדערבוים צווישן די צעדערביימער אין אונדזער פּאָעטישן גאָרטן.

תשכ"ג

יידישער שיקזאַל אין דייטשן ליד

די קולטור־באַהעפטונג צווישן יידן און דייטשן איז איינציקאַרטיק אין דער לאַנגער געשיכטע פון ישראל בין העמים. מיט קיין שום אַנדערן פאָלק, וואָס אין זיין מיט האָבן יידן געוווינט אין משך פון הונדערטער יאָרן, איז דער שפּעטערי־שער קולטור־צונויפלעב נישט געווען אַזאַ נאָענטער, און מען קאָן אַפילו ריזי־קירן צו זאָגן, אַזאַ קעגנזייטיק השפּעהדיקער, אַזאַ אָרגאַנישער, אַזאַ ווי ס'הייסט אויפן לשון פון דער וויסנשאַפט, סימביאָזישער, ווי צווישן יידישן און דייטשן פאָלק.

ווען איך זאָג דאָס, האָב איך אין זינען, אַז די יידיש־שעפערישע קרובה־שאַפט מיט אַראַביש אין מיטלאַלטער איז אויך געווען רייך אין קעגנזייטיקע השפּעות און אַז אין אונדזער צייט זענען אויך אין רוסיש, אין פּויליש און אין רומעניש אויפגעקומען שרייבער מיט פאַרנעם פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין די פעדערשטע שורות פון זייערע לאַנד־ליטעראַטורן.

אָבער אין קיין איינער פון די דערמאָנטע שפּראַכן איז דאָס פּראָבלעם פון יידישן אָפּשטאַם נישט געווען אַזאַ פיינפול־אַנגעווייטיקטע, אַזאַ מאָראַליש דין־שפּירעוודיקע און אַזאַ קרענקלעך־אַקטועלע ווי אויף דעם געביט פון דער דייטשער וואָרט־קונסט.

אויך ערב מלכות היטלער האָט די צאָל יידן אויף דעם אייגנטלעכן שפּראַך־שטח, דייטשלאַנד, עסטרייך און די סודעטן־טעריטאָריע איינגעשלאָסן, נישט באַטראָפן מער ווי אַן ערך אַ קנאַפּן מיליאָן נפשות, און זייער צאָל איז דעמאָלט געווען גרעסער ווי ווען ס'איז אין דער געשיכטע.

טאַקע נישט מער ווי אַ מיליאָן יידן אויפן אייגנטלעכן דייטשן שפּראַך־געביט, אָבער קיין שום אַנדער לשון אין אייראָפּע האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ ברייטע און ווייטע פּעריפעריע פון צייטונגס־ און בוך־לייענער צווישן יידן אין אַנדערע לענדער ווי דאָס דייטשע לשון. אַ דייטשע צייטונג און אַ דייטש בוך האָבן יידן געקויפט און געלייענט אויך אין ליטע און אין לאַטוויע, אין פּוילן און אין טשעכיע און אין די מייסטע באַלקאַנישע מדינות.

קען זיין, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם אין דער דייטשער שעפערישקייט האָט צו זיך געצויגן די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פון יידן איבער גאָר דער וועלט אויך דערפאַר, ווייל אַחוץ געאָרג בראַנדעסן אין דעניש, האָט בלויז די ליטע־ראַטור אויף דייטש אַרויסגעבראַכט אַזעלכע יידישע וועלט־נעמען ווי היינריך היינע, לודוויק בערנע, קאַרל קראַוז, עלזע לאַסקער־שילער, יאַקאָב וואַסערמאַן, פראַנץ ווערפעל און פראַנץ קאַפקאַ.

אָבער דאָס איז נאָר אַן אוי ך־פאַקטאָר. דער עיקר האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג דער עפנטלעכער געראַנגל פון די יידישע שעפער אויף דייטש מיט זייער יידישקייט, פון וועלכער זיי האָבן געגאַרט זיך אָפּצורייסן, און זייער קאַמף אַקעגן די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע מכשולים, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג צו דער אויסגעבענקטער און קיין מאָל נישט פול־דערגרייכטער דייטשקייט.

פאַראַן אין אונדזערע יידישע קרייזן אַ פאַרשפּרייטע מיינונג וועגן דעם, אַז דער דיכטער פון „יהודה בן הלוי" און פון „פּרינצעסין סאַבאַט" האָט פיינט געהאַט דייטשלאַנד. אָבער אין דער אמתן איז די דאָזיקע מיינונג נישט מער ווי בלויז אַ באַרעכטיקטער וווּנטש־געדאַנק, הגם ער קאָן באַשטעטיקט ווערן דורך אַזוי פיל און אַזוי פיל בייזע ווערטער און זאָגענישן קעגן דייטשלאַנד אין היינעס דיכטונג און פּראָזע.

היינע איז געווען פּאַרקאַכט אין דייטשקייט פּונקט ווי זיין מיטצייטלער לודוויג בערנע און ווי די דיכטעריך עלזע לאַסקער־שילער און דער ראָמאַניסט יאַקאָב וואַסערמאַן פון אונדזער צייט. דער היסטאָריקער פון ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש האַנס קאָהן, וואָס איז אַחוץ אַ טיפער קענער פון אייראָפּעיִשער געשיכטע אויך אַ ראַפינירטער קאָנאַסער פון דייטשער ליטעראַטור, האָט אין זיין דאָ נישט לאַנג דערשינענער אַרבעט וועגן היינריך היינע * געצייכנט אַ בילד פון דעם יידיש געבוירענעם דיכטער, וואָס איז געווען פאַרליבט אין זיין דייטשקייט און האָט זיך מיט איר שטאַרק איבערגענומען. דער יונגער היינע פון פאַר די דרייסיק שרייבט צו אַ פריינד אין 1824, אַז „איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז דייטש מער ווי וואָס ס'איז אויף דער וועלט. דאָס (די ליבע צו דייטשקייט) מאַכט מיך שטאָלץ און פריידיק. מיין ברוסט איז אַ רעגיסטער פון דייטשע געפילן, פּונקט ווי מיינע ביכער זענען אַרכיוון פון דייטשן געזאַנג". און דער רייפער היינע, דער מאַן פון איבער פערציק, וואָס האָט געלעבט אין פּאַריז, האָט געיאָמערט אויפן אָנווער פון זיין דייטשן פאָטערלאַנד, וואָרעם ערשט איצט פאַרשטייט ער, וואָס ס'מיינט „ליבשאַפט צו פאָטערלאַנד מיט אַלע אירע זיסע קלעפּ און צערדיקע בענקענישן". און עס פאַרגייט זיך ווייטער אין געוויין דער פּאָעט: „גליקלעך זענען יענע, וואָס שמאַכטן רויִק אין די תּפיסות פון זייער פאָטערלאַנד, ווייל די תּפיסות אין דער היים האָבן טאַקע אייזערנע שטאַבעס, אָבער דורך זיי בלאָזט אַריין דייטשע לופט און דער תּפיסה־וועכטער, אויב ער איז נאָר נישט שטום, רעדט ער דייטש".

ביי ביידע, ביי היינען און ביי בערנען און ביי זייערע ליטעראַרישע ווערק, האָט די געשיכטע פונעם יידישן פאָלק נישט אויפגעהערט צו זיין אויך דער פּערזענלעכער שיקזאַל פונעם יידיש־דייטשן דיכטער און פּראָזע־שרייבער, „אַפילו דער פון יידנטום סאַמע אָפּגעפרעמדסטער, וואָס האָט געפּרוּווט צו פירן, אַ „פּריוואַט" פּערזענלעך לעבן מצד פון דער יידישער פאָלקס־געשיכטע אָנשטאָט אין איר מיט, איז סוף־כּל־סוף געוואָר געוואָרן, אַז ער שטייט אונטער דעם זעלבן שיקזאַל־שטערן ווי זיינע איבעריקע ברידער".

דעם נאָר וואָס געבראַכטן ציטאַט, וואָס טרעפט אין סאַמע פּינטל אַריין, האָב איך גענומען פון דער הקדמה צו אַן אַנטאָלאָגיע פון דייטשע לידער, וואָס הייסט „יודישעס שיקזאַל אין דויטשען געדיכטען" און איז דערשינען אין „יידישן פאַרלאַג" אין בערלין.**

* Heinrich Heine: The Man and the Myth by Hans Kohn, Leo Beck Institute, New York, 1959.

** Jüdisches Schicksal in deutschen Gedichten, eine abschliesende Antologie, gesammelt und herausgegeben von Siegmund Kazenelson, Jüdischer Verlag, Berlin, 1959.

פון די היפשע עטלעכע צענדליק דיכטער, וואָס זענען פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע, האָבן ביי מיר געוועקט אַן אַן ערך וויניקער אינטערעס יענע, וואָס זייער יידישקייט האָט זיך צעברויזט אונטערן איינדרוק פון די היטלער־געשעענישן.

ווען פראַנץ ווערפעל ווערט אין 1938, נאָך היטלערס אַריינמאַרש קיין ווין, געוואָר, אַז דער יידישער בית־עלמין (איך גיב איבער אין פּראָזע אַ סטראָפע פון זיין ליד „דער גוטע אָרט צו ווין") האָט אין די לאַנג פאַרשוווּנדענע צייטן פון אונדזערע זיידעס געהייסן דער „גוטער אָרט" און איז איצט ווי אַ באַהעלטעניש פאַר פחדנותדיקע האַרדעס ווידער געוואָרן אַ גוטער אָרט, פיל איך מיט, ווי אַ ייד, פאַרשטייט זיך, ווערפעלס צערדיקע איראָניע, וואָס איז פול מיט פאַראַכטונג צום דייטשן תלין, אָבער אויך ווי אַ ייד קאָן זיך מיין געמיט נישט באַפרייען פון די קאָמישע, גראָטעסקע צויטן, וואָס הענגען נאָך דעם דיכטער ווערפעלס יידישן צער אין די דערמאָנטע פערזן וועגן ווינער בית־עלמין. איך לייען ווערפעלס ליד און איך קאָן נישט פּטור ווערן פון דער אַסאָציאַציע צו יענעם אַנעקדאָטישן ייד, וואָס האָט דערציילט בתמימות, אַז איינער אַ מגושמער גוי מיט אַ רוצחיש פּנים איז אים פון לכתחילה, ווי באַלד ער האָט אים נאָר דערזען, נישט געפעלן, אָבער „ער איז מיר געוואָרן פאַרדעכטיק ווען ער איז צו מיר צוגעקומען און האָט מיר דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים".

מיך האָט וויניקער, אַ סך וויניקער, זאָג איך, אינטערעסירט אין דער אַנטאָלאָגיע דאָס יידישע ליד, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערשט אונטערן גוייִשן „זעץ אין פּנים". וואָרעם אָט דעם ליד, ווי טרויעריק, טיף טרויעריק עס זאָל נישט זיין די פּערזענלעכע איבערלעבעניש, וואָס שטייט הינטער אים, פעלט אָבער דעם ליד די טראַגישע מיסטעריע פון שיקזאַל. שיקזאַל איז אַ זאַך פון נסתר און נישט פון נגלה און אַוודאי נישט פון אַזאַ פּשוטן נגלהדיקן „איינאונדרייסיק" ווי — דער גוי האָט דעם דיכטער פון יידישן אָפּשטאַם דערלאַנגט מיטן שטיוול אין האַרץ אַריין, האָט זיך דעם דיכטערס ליד צעוויינט און צווישן טרערן זיך דערמאָנט אין דער יידישער גייסטיקייט פון טאַטע־מאַמע, וואָס איז שוין געווען כמעט ווי פאַרווישט אין זונס זכרון.

אין די יאָרן איידער דער תלין האָט אויפגעהויבן זיין רוצחישע האַנט און נאָך איידער דער „פאַרדעכטיקער גוי" האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָבן אַ סך פון די פּאָסט־היטלער־קלאָגערס, ווינערס און שעלטערס נישט דערשפּירט, אָדער אפשר בכלל נישט געהאַט די אַנונג פון דעם טראַגישן יידישן גורל. עס איז מיט די מייסטע פון זיי געשען אַזוי ווי בערנע האָט עס אַמאָל פאָרמולירט נישט דווקא וועגן יידן, נאָר וועגן דייטשע שעפער בכלל: „זיי מיינען, אַז זיי זענען פריי, ווייל זיי קלינגען מיט זייערע קייטן; זיי האַלטן זיך פאַר מוטיק, ווייל זיי בושעווען אין זייערע קערקערס און זידלען דעם תפיסה־וועכטער".

דאָס דייטשע ליד און אויך די דייטשע פּראָזע, וואָס אין זייביידע איז אויפגעגאַנגען די מיסטעריע פון יידישן שיקזאַל שטאַמט פון יענע „רויקע צייטן", ווען ס'האָט אויסגעזען, און ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז דעם יידס אָרגאַנישע באַהעפטונג מיט דער דייטשער קולטור און שעפערישקייט איז נישט קיין חלום, נאָר ליגט אין תחום פוןווירקלעכקייט.

דער יידישער אומרו פון דער יידישער שעפערישקייט אויף דייטש האָט געהאַט צוויי אַספּעקטן, אַ דרויסנדיקן און אַן אינעווייניקסטן.

א) דער דרויסנדיקער אַספּעקט איז געווען די צוגעשפּיצטע מענטשלעכע ווערדע פון דעם יידיש־דייטשן שעפער. היינע און בערנע און אויך די וויכטיקע יידיש־דייטשע דיכטער און פּראָזע־שרייבער פון אונדזער צייט האָבן געגאַרט צו זיין פאָלנע דייטשן. צו זיין — אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אָן שום חשד, אָבער אויך אָן שום פּאַטאַקעכץ מצד עמעצן. בערנע האָט געוואָלט זיך פילן אַזוי דייטש ווי זשאַן פּאָול, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר גרעסער פון געטען, און היינע האָט געוואָלט קענען זיין אַזוי „שטאָלץ און פריידיק" מיט זיין פולער דייטשקייט ווי אַנאַסטאַסיוס גרין, וואָס איז לויט געטעס מיינונג געווען אַ וויכטיקערער פּאָעט פון היינען.

וואָלט אַ דייטשן קריטיקער געקאָנט איינפאַלן צו לייקענען זשאַן פּאולס און אַנאַסטאַסיוס גרינס דייטשקייט אָדער (נאָך משונהדיקער!) אונטערצושטרייכן זייער דייטשקייט און צו זאָגן עדות אויף איר? און אַוודאי וואָלט קיין דייטשן קריטיקוס און פּובליציסט נישט געקומען אויפן זינען צו קלאַפּן זשאַן פּאולן און אַנאַסטאַסיוס גרינען אויף דער פּלייצע און זיי צו טרייסטן, אַז הגם זיי זענען נישט אַלע הונדערט פּראָצענט פון דייטשן אָפּשטאַם, זעט זיך דאָס נישט אָן אין זייער שעפערישקייט.

דער פריינדלעכער לויב און דער קניפּ אין באַק האָבן פּונקט אַזוי געמינערט פון דעם יידישן שרייבערס דייטשקייט ווי דער גרעבסטער אַנטיסעמיטישער אָנפאַל, אָבער אין איין פּרט האָט די הסכמה און די ברכה צו דעם יידס דייטשקייט אָן אַן ערך מער צערודערט און באַליידיקט ווי דאָס וואָרט פון שנאה און פון קללה.

די פריינדלעכקייט האָט מער באַליידיקט, ווייל זי האָט געטראָפן אין יידישן שעפערס ווייטיק־פּינטעלע, דעם פּינטעלע פון מענטשלעכער ווערדע. בערנע און היינע און אַלע זייערע וויכטיקע אייניקלעך אין דער דייטשער ליטעראַטור, האָבן, מיט רעכט, געשפּירט, אַז דער שבח אויפן חשבון פון זייער דייטשקייט טראָגט זייער יידישקייט, מינערט פון זייער מענטשלעכער חשיבות. ערגעץ ווו האָט דער שפּירעוודיקער יידיש־דייטשער שרייבער דערפילט, אַז הינטער די לויב־ווערטער שטייט אַ פּריקרע טאָלעראַנץ צו זיין דייטשקייט און אַ פּיינפולע דערמאָנונג צו זיין יידישקייט, און סיי אונטער דער טאָלעראַנץ און סיי אונטער דער

דערמאָנונג האָט זיך זיין מענטשלעכע חשיבות געקאָרטשעט אין פּיין: ער איז אַ דייטש נישט בחסד עליון, נאָר בחסד אביון, נישט פון גאָטס, נאָר פון דעם דייטשן קריטיקערס גנאָד און געוואָרן איז ער אַ דייטש דורכן אָנווער פון יידישקייט, ד. ה. דורך פאַרראַט צו זיין אייגענער מענטשלעכער גאַנצקייט און עכטקייט.

קלאָגט זיך דערפאַר מיט ביטערקייט לודוויג בערנע אין זיין באַרימטן זעקס און צוואַנציקסטן פּאַריזער בריוו פון 7טן פעברואַר 1832, אַז „איינע וואַרפן מיר אויף, אַז איך בין אַ ייד; אַנדערע זענען מיר מוחל מיין יידישקייט און אַ דריטער לויבט מיך אַפילו דערפאַר, אָבער אַלע טראַכטן וועגן דעם, זיי שטייען אַלע ווי פאַרכישופט אין דעם דאָזיקן מאַגישן יידן־קרייז. קיינער קאָן פון אים נישט אַרויס". און בערנע ווייסט — אַזוי זאָגט ער אונדז — פון וואַנעט עס נעמט זיך דער כישוף. די אָרעמע דייטשן מיט זייער שפלות־געפיל צו די אייגענע העכערע סאָציאַלע קלאַסן אין דייטשלאַנד דאַרפן נייטיק אַ שיכט פון מענטשן, אויף וועלכע זיי זאָלן קאָנען אַראָפּקוקן. „דאָס וואָס ער איז נישט קיין ייד טרייסט דעם דייטש פאַר נישט זיין לכל הפחות אַ האָפראַט".

מיט אַנדערע ווערטער, ווי באַלד מע דערמאָנט נאָר דאָס וואָרט ייד לשבח אָדער לגנאי, איז מען אויסן צו מינערן פון דעם יידישן שעפערס מענטשלעכער חשיבות. אַזוי האָט געטראַכט און געפילט בערנע, און דאָס זעלבע געפיל ווערט אויך אויסגעדריקט אין היינעס ליד „זי האַבען מיך געקוועילעט", וואָס ווערט געבראַכט אין זיגמונט קאַצענעלסאָנס אַנטאָלאָגיע.

די ערשטע סטראָפע פון היינעס ליד לייענט זיך אַזוי —

זי האַבען מיך געקוועלעט
געערגערט בלאַו אונד בלאַס,
די איינען מיט איהרער ליעבע,
די אַנדערען מיט איהרעם האַס.

דער יידיש־דייטשער סאַטיריקער קאַרל קראַוז האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון דעם דיכטער סטעפאַן געאָרגע, וואָס איז אין דער צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות אָנגעגאַנגען אויב נישט ווי דער גרעסטער דייטשער ליד־מייסטער פון אונדזער דור. קראַוז האָט נישט איין מאָל שאַרף קריטיש שטעלונג גענומען סיי קעגן געאָרגעס מיסטישן דענקערטום און סיי קעגן דער היפּש געקינצלטער פאָרעם־שטרענגקייט פון זיין פּאָעטישן סטיל. ביי קראַוזן איז ליטעראַרישע קעג־נערשאַפט אָפט געווען אידענטיש מיט טיפער פּערזענלעכער אַנטיפּאַטיע. אָבער ווען איך זאָל זוכן נאָר אַ באַרעכטיקונג פאַר קראַוזס טיפער פּערזענלעכער אַנטיפּאַטיע צו סטעפאַן געאָרגען, וואָלט איך זי געקענט געפינען אין געאָרגעס ליד „גערמאַנען אונד יודען", וואָס איז געווען געדרוקט אין 1914 און איז איצט איבערגעדרוקט געוואָרן אין קאַצענעלסאָנס אַנטאָלאָגיע.

סטעפאַן געאָרגע, דער פון בראשית אַן גערמאַנער, האָט אין דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ליד גוטע ווערטער פאַר „איך פון דעם גליענדיקן מדבר, דעם שטאַם־אָרט פון דער גאָט־זעונג" און ער שטרעקט אויס די האַנט צו די „נישט־דערקענטע ברידער, וואָס מיר זוכן אייך און האַסן אייך". קאָן מען זיך משער זיין ווי שווער געאָרגעס ליד אין נוסח פון „מיר און איר" און פון גוטע און ווילע ווערטער פאַר די יידיש־דייטשע שעפער האָט געמוזט טרעפן קראַוזן, וואָס האָט באַגלייך מיט היינען און מיט בערנען נישט געוואָלט, אַז מע זאָל דערמאָנען זיין יידישקייט נישט לגנאי און נאָך ווייניקער לשבח. וואָרעם אין ביידע דערמאָנונגס־פאָרמען, און דער עיקרשט אין דער צווייטער, האָט ער געזען אַן אַטאַק קעגן זיין מענטשלעכער חשיבות.

אַלע דריי, היינע, בערנע און קראַוז, האָבן אַ סך מאָל אָפּגעענטפערט שאַרף און בייז אויף די דייטשע טאָלעראַנץ־ און ליבע־דעקלאַראַציעס. פון די „אַ סך מאָל" וועל איך ברענגען בלויז דריי ביישפּילן: היינעס לעצטע סטראָפע פון זיין סאַרקאַסטישן ליד „אַן עדאָם", וואָס זאָגט צו זיינע דייטשע פריינד, אַז —

יעצט ווירד אונזערע פרוינדשאַפט פעסטער
אונד נאָך טעגליך נימט זי צו;
דען איך זעלבסט בעגאַן צו ראַזן,
אונד איך ווערדע פאַסט ווי דו.

בערנעס ווענדונג צו די דייטשן מיט די ווערטער: „כ׳בעט אייך, פאַראַכט מיר נישט מיינע יידן. וואָלט איר געווען ווי זיי, וואָלט איר געווען בעסער ווי איר זענט". און קראַוזעס אויסרוף, אַז לויט אים פאַרמאָגט „אַן אַלטער בראָנפן־שענקער אין אַ קאַפּטן מער קולטור ווי אַ מיטגליד פון דער דייטש־עסטרייכישער שרייבער־חברותא".

האָבן זיי זיך געקילט דאָס האַרץ, די דריי גרויסע יידן אין דער דייטשער וואָרט־קונסט, אָבער זייער ווונד פון בענקשאַפט צו דייטשקייט, צו פולער דייטשקייט, האָט זיך דאַדורך מיט גאָרנישט פאַרהיילט.

ב) איצט קומען מיר צום צווייטן אַספּעקט פון דער דראַמע „ייד אין דער דייטשער שעפערישקייט". און אָט דער צווייטער מאָמענט האָט צו טאָן מיט דער אַטאַוויסטישער צוגעבונדנקייט צו יידישן גייסט און צו יידיש פאָלק, וואָס די יידישע שעפער מיט אַ פרעמדער דערציִונג און אין אַ פרעמדער שפּראַך וויסן פון דעם פאָלק ווייניק אָדער גאָרנישט און זייער איינציקער באַגער איז דערפון פּטור צו ווערן. אָבער אויף ערגעץ אַ סודותפולן אופן פון געמיט און נשמה פאַר־שפּינען זיך אַלץ פון דאָס ניי שוין גאַנץ איבערגעריסענע פעדים. עס איז, דאַכט זיך, שוין גאָר נישט געווען און עס איז שוין גאָר נישט דאָ און פּלוצעם וועקט זיך ערגעץ אַן עכאָ און רופט און מען קען זיך דעם רוף נישט אַקעגנשטעלן.

עלזע לאַסקער־שילער האָט אין דער צייט פון דייטשלאַנדס ווײמאַר־רעפובליק, ד. ה. אין דער צייט פון דער אפשר סאַמע נאָענטסטער יידיש־דייטשער קולטור־באַהעפטונג, פּאָעטיש געפּאָרשט און אַנאַליזירט איר געמיט און האָט אויסגע־פינען, אַז דער פעלדז, פון וועלכן זי שטאַמט, ברעקלט זיך און „איך האָב מיך אָפּגעשטראָמט פון דעם ניי־ווײַן־ברויז פון מיין בלוט" און פון דעסטוועגן —

אונד אימער, אימער נאָך דער ווידערהאָל
אין מיר".

אָט דער „ווידערהאָל", דער עכאָ פון עפּעס אַ היסטאָריש־סדותדיקן קול, וואָס לאָזט נישט צו רו דעם יידיש־דייטשן שעפער און לאָזט אים נישט דערגיין צו דייטשקייט, וואָס ער טרוימט פון איר, בענקט נאָך איר און קאָן צו איר נישט דערגרייכן איז דער לייט־מאָטיוו פון אַ גרויסן טייל פון די לידער אין זיגמונד קאַצענעלסאָנס אינטערעסאַנטער און באַלערנדיקער אַנטאָלאָגיע.

צווישן די צוויי גרונט־מאָטיוון: דער באַגער צו דייטשקייט, וואָס מאַכט מיך „שטאָלץ און פריידיק" און דעם ווידערקול פון יידישקייט, וואָס זאָגט דיר, אין די ווערטער פונעם דיכטער פעליקס בראָון מיט זיין אייגענעם מויל „דו ווערסט דיך, ווילסט אַנטלויפן, זיי (די אבות) ווייזן דיר מיט אַ שמייכל זייער געהיימען צייכן" — צווישן אָט די מאָטיוון איז אין משך פון יאָרהונדערטער געוואָן איינגעקלעמט דאָס יידיש־שעפערישע געמיט אין דייטשלאַנד.

מען מעג זיך משער זיין, אַז אָט דער יידיש־דייטשער געראַנגל דערנענטערט זיך צום סוף. אונדזער דור און אפשר נאָך אַ האַלבער דור — און וואָס פאַר אַ ייד וועט זיך דאָס נעמען זינגען אויף דייטש?

עסייאיסטן

שמואל ניגער און שלום אַש

א

דער קריטיקער און דער פּראָזע־קינסטלער זענען געווען נאָענטע פרײַנד. זיי זענען דורכגעגאַנגען אין איינעם אַ לעבן.

ווען פּרץ, שלום־עליכם און מענדעלע זענען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (אַ יאָר נאָך אַ יאָר) נפטר געוואָרן, איז דער קריטיקער שמואל ניגער געווען אַ יונגערמאַן אין זײַנע ערשטע דרײַסיק. ניגער איז טאַקע פרי אַרײַן אין דער יידיש־קריטיק, אָבער ווען ער האָט געשריבן זײַנע ערשטע קריטישע מאמרים וועגן מענדעלען, פּרצן און שלום־עליכמען זענען יענע שוין געווען נישט בלויז אָנערקענט, נאָר אָנערקענט ווי די קלאַסיקער פון דער יידיש־ליטעראַטור.

מיט שלום אַשן אָבער איז שמואל ניגער מיטגעגאַנגען פון זײַן ערשטן ווערק אָן. ש. ניגער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק אין 1907 מיט אַ מאמר וועגן שלום אַשס דראַמע „משיחס צײַטן" און זינט דעמאָלט האָט ער אין משך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט ביז 1955, דעם יאָר פון זײַן פּטירה, נישט פאַרפעלט זיך אָפּצורופן וועגן שלום אַשס אַ בוך.

און אָפּגערופן האָט זיך ש. ניגער וועגן שלום אַשן דורכויס מיט גרויס באַוווּנדערונג און ליבשאַפט אַפילו אין די געציילטע עטלעכע פּאָלעמישע אַרטיק־לען. שלום אַש איז פון סאַמע אָנהייב אָן פונעם „שטעטל" און ביז צו „גראַסמאַן און זון" געווען און געבליבן ש. ניגערס באַליבטער שרײַבער. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ניגער איז קיין מאָל נישט געווען נעגאַטיוו צו אַשס אַ ווערק. דאָס נישט. אַשס באַוווּסטע דראַמע „שבתי צבי" האָט ניגער, דער רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע מאָנאַט־העפטן", אָפּגעדרוקט אין 1908 אין זײַן צײַטשריפט (ער האָט פאַר דער פּיעסע אָפּגעגעבן איין גאַנץ העפט פונעם זשורנאַל), אָבער דערנאָך האָט דער קריטיקער ניגער זי היפּש צו נישט געמאַכט און נאָכגעוויזן, אַז די דראַמע וועגן „שבתי צבי" האָט זיך אַשן „נישט אײַנגעגעבן נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט אויף זײַן טעמע אפשר ווייניק געאַרבעט, ווייניק אַרײַנגעטראַכט זיך אין איר, נאָר אויך — און פריער ווי אַלץ — דערפאַר, וואָס די טעמע איז נישט זײַנע".

און אַוודאי האָט ניגער נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען אַשס ראָמאַן וועגן שאול פון תרשיש, וואָס איז געווען לויט זײַן טרעפלעכן אויסדרוק „דער ערשטער און גרעסטער אָוועקגייער פון יידישן פאָלק". דער קריטיקער פּאָלעמיזירט אויך מיט זײַן באַליבטן שרײַבער אין 1937, ווען אַש האָט אין וואַרשעווער „היינט" זיך

אַראָפּגערעדט פון האַרץ און זיך געפּיעשטשעט, אַז ער איז פון זיין אָנהייב אָן „געוואַקסן על אפם ועל חמתם פון די וואָרט־פירערס פון דער יידישער ליטעראַ־טור", און אַז די וואָרט־פירער האָבן געפּרוווט אים נישט צו לאָזן „אַרויספּליען פון דער ענגער שטייג, וועלכע די מורי מורינוס האָבן פאַר אים באַשטימט".

און אין 1945 האָט זיך ניגער געזען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן עפנטלעך קעגן אַשן פאַר זיין באַוווּסטן פּייערלעכן בריוו צו די קריסטן אונטערן נאָמען „וואָן דעסטיני" („איין גורל") און אים שאַרף געטאַדלט, וואָס מיט זיין יודעאָ־קריסטלעכער שליחות שטעלט ער אויף „אַ וואַנט פון שטעכעדיקע דראָטן צווישן זיך און דעם... גיהנום, אין וועלכן מיר יידן לעבן".

אָבער אַפילו אין דער דאָזיקער סאַמע שאַרפסטער פּאָלעמיק קעגן אַשן פאַרגעסט ש. ניגער נישט אונטערצושטרייכן, אַז —

„די מיטלסטע דריי פון די פינף קאַפּיטלעך האָב איך, מיט דעם אויסנעם פון איינציקע שורות, געלייענט מיט אמתער אַנטציקונג. כ׳האָב דערפילט אין זיי אייער געבענטשטן טאַלאַנט צו זאָגן אַלץ, וואָס איר ווילט זאָגן, קלאָר, שיין און מיט האַרץ. דאָרט זענען דאָ זייטן, ווו אייערע רייד עטעמען מיט אינעווייניקסטן פייער, נישט מיט פאַרפּוצטער פייערלעכקייט. און עס איז מיר געווען אַ פרייד צו זיין ווידער נאָענט צו דער וואַרעמער טיפעניש און דעם פאַרנעם פון אייער שאַפערישער פּערזענלעכקייט".

אַפילו אין דעם דאָזיקן, ווי געזאָגט, סאַמע שאַרפסטן איבעררייד בלייבט ניגער, דער קריטיקער, מלא התפעלות צו אַשן, דעם קינסטלער, און האָט אַ באַ־דערפעניש צו לאָזן וויסן, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין באַגייסטערט פאַר זיין באַליבטן שרייבער.

פון צייט צו צייט עקספּלאָדירט שלום אַש מיט טיפן דאַנק צו זיין קריטיקער, וואָס „גייט נעבן מיר האַנט אין האַנט, פון דער ערשטער דראַמע, פון דער ערשטער דערציילונג" און ער שרייבט צו ניגערן אַ בריוו דאַטירט פעברואַר 1922, ווו ער גיט אויסדרוק צו דעם גליק „וואָס איר זייט דאָ, וואָס איך ווייס, אַז ערגעץ ווו אין אַ שטיבל געפינט זיך אַן אויג וואָס זעט מיך גייסטיק, געפינט זיך אַן אויער, וואָס הערט זיך צו צו מיין מוזיק, געפינט זיך אַ נשמה, וואָס דורך איר ווער איך דערלויכטן" און „איך קוש אייך, ליבער פריינד, דיין שלום אַש".

דאָס שרייבט אַש, דער צוויי און פערציק־יאָריקער. דער עלטערער און אַלץ באַרימטערער שלום אַש איז שוין היפש איינגעהאַלטענער מיט זיינע עמאָציעס, אָבער אין אַ בריוו פון מיאַמי ביטש, דאַטירט אָקטאָבער 1947, עקספּלאָדירט נאָך אַש, דער זיבן און זעכציק־יאָריקער, מיט אַן אמת גרויסן און, בלי ספק, טיף פאַרדינטן קאָמפּלימענט צו זיין קריטיקער. ער שרייבט: „פאַר אייער פּרייטיק־דיקן אַרטיקל „איסט־ריוועך" אַ האַרציק דאַנק. איך באַוווּנדער אייער מוט! נאָר איר האָט שטענדיק מוט געהאַט".

אָבער אַשס „איך קוש אייך, ליבער פריינד, דיין שלום אַש" פון פעברואַר 1922 און „איך באַוונדער אייער מוט" פון אָקטאָבער 1947 זענען, ווי געזאָגט, בלויז עמאָציאָנעלע דאַנק־עקספּלאָזיעס פון אַ דיכטער, אַן עגאָצענטריקער, וואָס קאָן אויך לייכט עקספּלאָדירן מיט עמאָציאָנעלן אומדאַנק, וויבאַלד ס'גיט אים אַ ברי עפּעס אַ קריטיש וואָרט און אים נעמט זיך אויסדאַכטן, אַז אַלע חברים־שרייבער, לייענער און קריטיקער האָבן זיך פאַרשווירן אים רק צו באַעוולהן. ווי מען קאָן דאָס זען פון דעם מאמר, אין וועלכן שלום אַש האָט זיך אָראָפּגערעדט פון האַרץ אין וואַרשעווער „היינט" אין 1937, ד. ה. נאָך איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ טייל יידישע קרייזן די קעגנערשאַפט צו אַשן אויפן סמך פון זיינע קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען.

ניגערס טיפע פריינדלעכע באַציִונג צו אַשן — זי איז פון אַן אַנדערן קאַליבער. ניגערס פריינדשאַפט צו אַשן איז פון דעם מין גייסטיקע לאָיאַליטעט, וואָס זי איז אי שיין און אי דערהויבן און מאַכט אַן איינדרוק מיט איר געדויערדיקייט. עס איז אַ לאָיאַליטעט, וואָס פילט זיך איבער אַלע מכשולים פון כאַראַקטער און פון „מענטשלעך־אַלצומענטשלעכקייטן" פאַרבונדן מיט געוויסע אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע ווערטן און קאָן דערפאַר נישט רוען ביז אויך אַנדערע וועלן זיך באַקענען מיט די גרויסע קונסט־דערגרייכונגען און זיי נעמען באַוונדערן.

דער קריטיקער אין דער ליטעראַטור איז אין דער בחינה פונעם פּובליציסט אין דער געזעלשאַפטלעכקייט. ער זעט ווערטן, ער זעט זייער פּאָזיטיווקייט אָדער שעדלעכקייט און ער ווערט געטריבן פון עפּעס אַ מין „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" איבערצוגעבן זיין זעונג אין דער עפנטלעכקייט. דער קריטיקער מוז בעל כרחא דערציילן וועגן זיינע התפּעלותן און פאַרדראָסן אַרום ביכער און שעפער. און אָט דער בעל כרחא, וואָס זיצט אין דעם קריטיקער איז, בלי ספק, דער אָנהייב פון זיין קינסטלערישקייט.

אָן דעם שעפערישן בעל כרחא אין מענטשן איז נישט געמאָלט נישט בלויז קיין קינסטלער, נאָר אויך קיין קריטיקער און קיין פּובליציסט. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס שרייבן ליטעראַטור־קריטישע מאמרים און נעמען אַ שטעלונג אין פּובליציסטישע אַרטיקלען צו געזעלשאַפטלעכע ענינים, אָבער דורך דעם ווערן זיי נאָך נישט קיין קריטיקער און פּובליציסטן. וואָרעם נישט זיי האָבן די זעונג און דעם חלום פון דעם וואָס „ס'איז" און „ס'זאָל זיין" און נישט ס'זיצט אין זיי דער „דיבוק" פון מוזן זאָגן, מוזן שרייבן, מוזן דערציילן.

ווי דער ראָמאַניסט איז געטריי צו די געשטאַלטן פון זיין דמיון, אַזוי איז דער קריטיקער געבונדן אין געטרייִשאַפט צו דעם שעפער פון די דאָזיקע געשטאַלטן, אויב די געשטאַלטן זענען אויך זיינע, כ'מיין, אויב זיי זענען די פאַרקערפּערונג פון זיין קינסטלערישן און אידעיִשן אמת.

וואָס זשע איז געווען די ספּעציפיש אַשישע טעמע, וואָס צו איר איז ש. ניגער

געטריי געבליבן פון זיין ערשטן אַרטיקל אין 1907 וועגן „משיחס צייטן״ ביז צו זיין סאַמע לעצטן מאמר וועגן „גראַסמאַן און זון״, קורץ פאַר זיין טויט, אַכט און פערציק יאָר שפּעטער, אין 1955?

אַן ענטפער אויף דער פראַגע קאָן מען, גלייב איך, געפינען אין ניגערס צוויי יסודותדיקע אַש־מאמרים — אין דעם מאמר „דער נביא פון דער ערד״, וואָס טראָגט די דאַטע 1897—1908 און איז, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, אַ באַאַר־בעטונג פון ניגערס אַרטיקלען וועגן אַשס ערשטע ווערק („דאָס שטעטל״, „משיחס צייטן״, „גאָט פון נקמה״, באַנד דערציילונגען „יוגנט״ וכו׳), און אין דער אויס־געצייכנטער, אַפּאָלאָגעטישער, אָבער אויך פיין אַנאַליטישער און דער עיקרשט זעלבסטאַנטפּלעקערישער עסיי וועגן „דער מאַן פון נצרת״, וואָס איז געשריבן מיט אַן ערך פערציק יאָר שפּעטער.

אַוודאי איז וואָס שייך סטיל און געדאַנק־פאָרמולירונג פאַראַן אַ מהלך צווישן דעם בריליאַנטן קריטיקער־אָנפאַנגער פון 1907 און דעם סאָלידן, קולטור־רייפן מאַן פון פערציק יאָר שפּעטער. אָבער סיי אין סטיל פון 1907 און סיי אין די דעמאָלטיקע ליטעראַטור־קריטישע וויזיעס און מחשבות קאָן מען ממש בחוש זען דעם מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט עלטערן ניגער, דעם מחבר פון זיין קרוין־ווערק, פון דער מאָנאָגראַפיע וועגן פּרצן.

אין סטיל פון 1907 איז שוין פאַראַן, און צומאָל פאַראַן מער ווי מען דאַרף, דער אופן פון אַרויסאַרבעטן געדאַנקלעכע ניואַנסן און קאָנטראַסטן מיט וואָרט־שפּילן. שוין דעמאָלט איז עס ביי ניגערן כמעט מאַניער צו נוצן אַזאַ לשון נופל על לשון ווי „ס׳איז פייערווערק, נישט פייער״, אָדער „מיר קאָנען דעריבער פאַראַכטן, און קאָנען נישט אַכטן״, צי גאָר „ער גיט אונדז נישט קיין אידעאַל, אָבער ער עפנט פאַר אונדז דעם קוואַל פון אידעאַליזאַציע״. שפּעטער האָט ניגער די דאָזיקע וואָרט־שפּילן גענוצט ווייניקער געדיכט און אָן אַן ערך שטילער, און זיי זענען ביי אים געווען נישט מער קיין חנדל, נאָר דער פולער חן און אַ מאָל אויך די באַפליגלטקייט פון זיין סטיל.

(מערקווירדיק איז, וואָס ניגער, וואָס האָט אין פּריוואַט־שמועסן פאַרמאָגט אַ פיינעם, שטילן און זייער איידעלן הומאָר, האָט אָט די באַגאַבונג כמעט ווי נישט אַריינגעבראַכט אין זיין בכתב. און ס׳איז בפירוש אַ שאָד. זיין סטיל וואָלט דורך דעם געווען געוווּנען אין לעבעדיקייט, אין דינאַמיזם).

אָבער נישט וועגן סטיל גייט עס דאָ. עס האַנדלט זיך וועגן דער אַשישער טעמע, וואָס האָט ניגערן אַזוי גערעדט צום האַרץ און אים צוגעבונדן צו אַשס ווערק מיט באַוווּנדערונג, מיט ליבשאַפט, מיט התפּעלות.

„יעדע אמתע קונסט — שרייבט דער יונגער ניגער אין 1907 — שטרעבט צו דאָס גרויסע, צו דאָס הויכע און באַפליגלטע. דער ראָמאַנטיזם (נישט ווי סטיל, נאָר ווי שטימונג) איז, דוכט מיר, גיכער אַ מדרגה ווי אַ ריכטונג אין דער קונסט.

צו דער דאָזיקער מדרגה שטרעבט זיך אויפצוהייבן אויך די יידישע ליטעראַטור״.

און שלום אַש איז, לויט ניגערן, געווען דער, וואָס האָט די דאָזיקע מדרגה דערגרייכט און דערמיט מיטגעהאָלפן אויפצוהייבן די יידישע ליטעראַטור.

אָט איז דער סך־הכל פון שלום אַשס שעפערישן גאַנג, ווי ש. ניגער פאָרמו־לירט אים פערציק יאָר שפּעטער אין זיין עסיי וועגן „מאַן פון נצרת״ —

„שוין אין „שטעטל״ האָט אַש געזוכט דערהויבנקייט. שוין דאַן האָט ביי אים די וואָך געמוזט קריגן דעם חן פון שבת... ביי אַשן איז שטענדיק און אומעטום געווען אַ צווייטער שטאָק — אַן אויבן, אַ שטרעבן צו עפּעס העכערס... כמעט אין אַלע זיינע ראָמאַנען ראַנגלען זיך די הויפּט־העלדן מיט זיך אַליין און ציען זיך אַרויף, אַרויף. זיי רייסן זיך פון צעריסנקייט צו גאַנצקייט, פון זינד צו ריינ־קייט, פון זייערע ווירקלעכקייטן צו זייער אידעאַל. יאָ, כמעט אויף אַלע הויפּט־העלדן פון זיינע ווערק פאַלט דאָס ליכט פון גלויבן. מער ווי אין אַלע זיינע ראָמאַנען פילט זיך עס אין „תהלים־ייד״, אין אָט דעם בוך פון העלסטן ליכט און טיפסטן גלויבן. און אָט דער „תהלים־ייד״ איז נישט קיין אַנדערע זאַך ווי אַן אַריינפיר צום „מאַן פון נצרת״; „דער מאַן פון נצרת״ איז פריער ווי אַלץ, דער המשך, די פאַרפולקומונג און די קרוינונג פונעם „תהלים־ייד״.

אַשס גאַנג צו דער אידעאַלער געשטאַלט האָט באַגייסטערט ניגערן און אים אַריינגעבראַכט אין התפעלות. „עס איז אַ גאַנג — זאָגט אונדז ניגער — פון ר׳ שלמה נגיד איבער ר׳ יחיאלן, דעם תהלים־ייד, צום מאַן פון נצרת. שלמה נגיד איז געווען אַ פּשוטער ייד. אויך ר׳ ירחמיאל, דער תהילים־ייד, איז געווען פּשוט, אָבער זיין פּשוטקייט איז שוין פון אַ העכערער מדרגה, ס׳איז — זאָגט ניגער און ער איז גערעכט — אַ געהויבענע און אַן איידעלע סאָרט פּשוטקייט. דאָס איז די פּשוטקייט פון אַ הייליקן. און אויב מע גייט נאָך דער לעגענדע איז דער „מאַן פון „נצרת״ געווען אַ הייליקער און — אויב נישט נאָך העכער״.

פאַר אַשן איז עס אפשר געווען טראַגיש, וואָס זיין דיכטעריש אויג האָט בלויז געזען די הייליקייט פון אגדה און נישט פון הלכה. טראַגיש דערפאַר, ווייל ס׳האָט אים דערפירט צו די קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען זיינע און ווען ער האָט גענומען געשטאַלטיקן אַ מאַן פון הלכה, איז דאָס געווען שאול פון תרשיש, „דער ערשטער און גרעסטער אַוועקגייער״ — דערשינען נישט אויף יידיש, נאָר בלויז אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. אָבער פאַר דער יידיש־ליטעראַטור איז ניגער בפירוש גערעכט, אַז אַשס געשטאַלטן פון שלמה נגיד איבער יחיאל, דעם תהלים־ייד און ביז צום, און איינשליסלעך, דעם מאַן פון נצרת — זענען געווען דער גאַנג באַרג־אַרויף און צו גרויס־קינסטלערישער דערהייבונג.

געדאַנקלעך איז ש. ניגער געווען גערעכט צו אַ סך, צום רוב פון די יידיש־שעפער. עמאָציאָנעל איז ער אַחוץ אפשר פון לייוויקן און אהרן צייטלינען, דער עיקרשט פאַרכאַפּט געוואָרן פון שלום אַשן.

די „געהויבענע און אײדעלע סאָרט פּשוטקייט", די שבתדיקייט פון אַשס געשטאַלטן, זענען פאַר אים געווען דער יסוד פון דער יידיש־ליטעראַטור. אַפילו ליטעראַטור־פאַרשעריש איז דער קריטיקער ניגער געגאַנגען אויף אַט דער אַשישער ליניע, וואָס איז געווען זיינע. אַש האָט קינסטלעריש געמאָלן דעם שבת פון דער יידישער וואָך אין „שטעטל"; ש. ניגער האָט דעם שבתדיקן יסוד פון אונדזער יידיש־וואָך אַוועקגעשטעלט צען יאָר נאָך אַשס „שטעטל" אין זיין עד היום פונדאַמענטאַלער, נישט פאַרעלטערטער אַרבעט „די יידישע ליטעראַטור און די לעזערין".

*

ש. ניגער האָט געחלומט אַרויסצוגעבן אַן אַש־מאָנאָגראַפיע. די וואַרשעווער „קולטור־ליגע" האָט ביי ניגערן באַשטעלט אַ בוך וועגן אַשן צו זיין פופציקסטן געבוירנטאָג אין 1930, אָבער דאָס בוך איז נישט צושטאַנד געקומען.

דעם 29סטן יוני 1938 שרייבט ניגער צו אַשן, אַז „איצט איז מיין ווונטש צו פאַרעפנטלעכן אַ בוך וועגן אייך. איך וואָלט וועלן עס ברענגען אַ מתנה צו אייער זעכציקסטן געבוירן־טאָג". און פון אַשס בריוו צו ניגערן פון אָקטאָבער 1947 ווערן מיר געוואָר, אַז צו אַשס זיבעציקסטן געבוירן־טאָג האָט געדאַרפט דער־שיינען ניגערס אַן אַש־מאָנאָגראַפיע אויף ענגליש אָבער „מיינע פאַרלעגער בעטן אייך אָפּצוואַרטן אַ שטיקל צייט ביז דער ביכער־קריזיס וועט זיין פאַרביי".

צי איז די ענגלישע מאָנאָגראַפיע טאַקע נישט דערשינען מחמת דעם ביכער־קריזיס אָדער דערפאַר, וואָס ניגער האָט אין דעם אַש־בוך אויסגעלאָזט די קריס־טאָלאָגישע ראָמאַנען און דער ניו־יאָרקער פּוטנאַם־פאַרלאַג איז דווקא געווען פאַראינטערעסירט אין אַשס קריסטאָלאָגישן עפּיזאָד מער ווי אין אַשן פון „שטעטל", „די דריי שטעט" און פונעם „תהלים־ייד" — איז אין תוך נישט אינטערעסאַנט. ויהיכטיק איז, וואָס דער יידישער מאַנוסקריפּט פון דער געפּלאַנטער ענגלישער מאָנאָגראַפיע האָט זיך אָפּגעזוכט אין ניגערס ליטעראַרישן עזבון און דאָס שלום־אַש־בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פונעם „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" אונטער דער רעדאַקציע פונעם דיכטער מלך ראַוויטש.

1960

מעמואַרן וועגן שלום אַש

שלום אַש איז אַוועק פון אונדז מיטזומער 1957. און אין משך פון די זעכצן חדשים זינט דעמאָלט זענען שוין אַרויס דריי ביכער וועגן נפטר.

אַזאַ שפע פון מעמואַרן־ביכער וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם שרייבער אין אַזאַ קורצער צייט נאָך זיין פטירה איז ביי אונדז אַ זעלטנקייט, אַ זעלטנקייט שבזעל־טנקייט.

איך האָב דאָס וואָרט שפע נישט גענוצט איראָניש, נאָר אין פולן ערנסט. דריי ביכער אויף דער זעלבער טעמע אין קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָר מעג מען אין אונדזערע יידיש־פאַרלעגערישע באַדינגונגען בפירוש באַצייכענען מיט דעם וואָרט שפע. מ'האָט נישט געשריבן אַזוי גיך און אַזאַ סך מעמואַרן־ביכער נישט נאָך פּרצעס, נישט נאָך מענדעלעס און אויך נישט נאָך שלום־עליכמס טויט.

די איצטיקע אַנדערשקייט נאָך שלום אַשס פטירה באַווייזט, אַז ער איז מער ווי יעדער אַנדערער פון אונדזערע ליטעראַרישע גדולים געווען אַ פּיקאַנטע טעמע פאַר זכרונות, אַ טעמע פאַר אַ „בעסטסעלער".

איך האַלט אין איין רעדן וועגן דריי ביכער, הגם ביכער צווישן באַזונדערע טאָוולען זענען בלויז פאַראַן צוויי: שלמה ראָזענבערגס „שלום אַש פון דער נאָענט", וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק, און יצחק פּאַנערס „שלום אַש אין זיין לעצטער היים", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב. מיין פאַרענטפער איז, אַז דאָס שלום אַש־קאַפּיטל אין מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן" (מאָנטרעאָל, 1958), מעג באַצייכנט ווערן ווי דאָס דריטע אַש־בוך.

דאָס אַש־קאַפּיטל אין מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן", טיילט זיך אויס (עס ווערט פונעם מחבר מיט כוונה אויסגעטיילט), סיי מיט דער לענג (עס האַלט אַ קנאַפּן דרוק־בויגן, בעת די פען־פּראָפילן וועגן די עטלעכע צענדליק אַנדערע שרייבער שפּאַנען נישט אַריבער די גרענעץ פון העכסטנס פינף זייטן), און סיי מיט דעם אופן שרייבן. דאָס קאַפּיטל וועגן אַשן איז בפירוש נישט קיין פען־פּראָפיל, נאָר אַ היפּש בינטל זכרונות וועגן שלום אַשן אין אַנפאַס.

אַלע דריי מעמואַרן־ביכער זענען געשריבן מיט אַ סך באַציִונג צו שלום אַשן. שלמה ראָזענבערג איז געווען אַשס לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר אין אייראָפּע און האָט אויך געהאַט אַ שטיקל משפּחהדיקע קרובהשאַפט מיט אים דורך זיין פרוי. יצחק פּאַנער האָט פאַר די לעצטע צוויי יאָר פון אַשס וווינשאַפט אין ישראל געטאָן פאַר אים סעקרעטאַר־אַרבעט, און מלך ראַוויטש איז אפשר דער איינציקער יידיש־שרייבער פון אונדזער דור, וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרן אויפגעהיט נישט בלויז אַ נאָענטע פריינטשאַפט מיט אַשן, נאָר ערגעצוווּ אויך אַ נשמהדיקע שייכות צו אים ווי פון אַ חסיד צו אַ רבין.

מלך ראַוויטשעס זכרונות וועגן אַשן לייענען זיך מער ווי ראָזענבערגס און

פּאַנערס, עלעהיי מעשׂיות פון אַ חסיד וועגן זיין רבין. עס איז אין דעם, וואָס ראַוויטש האָט צו דערציילן וועגן אַשן פאַראַן עפּעס אַן אַטמאָספער פון מופת־דיקייט, אַן אַטמאָספער פון סודותדיקע אָנווינקענישן און פון אומגעריכטער התגלות.

שלמה ראָזענבערגס זכרונות זענען געשריבן צום טייל שוין צו פון דער נאָענט. ס׳דאָמינירט אין ראָזענבערגס בוך דער טאָן: „איך און אַש". ער קריגט זיך מיט אַשן, אָבער ער נעמט זיך אויך אָן פאַר אים. און אָננעמען, נעמט ער זיך אָן פאַר אַשן מיט הייסער אַפּאָלאָגעטיק און אין אַ שפּראַך פון מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן אַלע, וואָס האָבן זיך ווען ס׳איז אַמאָל דערוועגט צו האָבן אַ קריטישע מיינונג וועגן אַשן, דעם שריפטשטעלער, און וועגן אַשן, דעם מענטש. וואָס איז צומייסט פריקרע אין שלמה ראָזענבערגס אַגרעסיווער פּאָלעמיק איז דאָס, וואָס ער איז חושד די כוונות פון אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן קעגנער־שאַפט צו אַשס קריסטלעכע ראָמאַנען, אָדער האָבן בכלל געהאַט אַ קריטישן איינשטעל צו אַשן, דעם שרייבער.

איך בין דווקא מסכּים מיט שלמה ראָזענבערגן, אַז שלום אַש איז געווען אַ גרויסער יידישער פּראָזע־שרייבער (עדות דערויף זענען מיינע אַרטיקלען וועגן אַשן ביי זיין לעבן און נאָך זיין טויט), אָבער ראָזענבערג זאָגט אַזויפיל מאָל און אַזוי הויך, אַז אַש איז געווען דער גרעסטער יידישער פּראָזע־קינסטלער, אַז מ׳האָט אַ רעכט צו טראַכטן ווי גוט, ווי אַ סך בעסער, עס וואָלט געווען ווען ער איז מוסיף צו דעם בוך אַן עטוואָס שטילער קאַפּיטל, ווו ער זאָל געווען פּרווון באַגרינדן אַשס גרויסקייט מיט ליטעראַטור־קריטישע ראיות פון אַשס ווערק, אַנשטאָט מיט פּאָלעמישע טענות צו די אַרטיקלען פון זיינע קעגנער.

וואָס שייך אַשן, דעם מענטש, האָבן, דאַכט מיר, די מחברים פון אַלע דריי אַש־ביכער נישט געקאָנט פאַרדעקן די אומאָנגענעמע זייטן פון אַשס כאַראַקטער. וויפיל שלמה ראָזענבערג זאָל נישט שרייען: אַזאַ סיע, און מלך ראַוויטש זאָל נישט איינהילן אַשס כאַראַקטער־דעפעקטן אין אַ טלית פון גרויס־קינסטלערישער זעלבסטפּיין און יצחק פּאַנער זאָל נישט פּרוון זיי פאַרגלעטן מיט אַן איידל כאַרשעמטן און פאַרגיבערישן שמייכל, איז פריקרע צו לייענען און ממש נישט אַראָפּצושלינגען, וואָס פּאַנער דערציילט אין קאַפּיטל „כאַראַקטער־שטריכן" בשם אַשס פרוי.

„ביים אַריינציען זיך אין דעם נייעם הויז אין בת־ים — שרייבט פּאַנער — האָט מאַטילדאַ אַש געזאָגט צו זייער נאָענטסטן (און באַלד אינטימסטן) שכן און פריינט ,בן־ארי׳: כדי עס זאָל אייך אַ מאָל נישט אויסזען מאָדנע, אָדער איר זאָלט אייך נישט אַ מאָל פילן באַליידיקט, מוז איך אייך שוין אין פאָרויס זאָגן, (אַז) אַש איז אַ קינסטלער, און ווי אַזוינער איז ער פול מיט סתירות, שטימונגען און קאַפּריזן. ער קאָן אייך אַ מאָל אין מיטן דרינען לאָזן שטיין און אַריינגיין צו זיך

אין אַרבעטס־צימער; אָדער ער קאָן אייך אַ מאָל נישט ענטפערן אויף אייער באַגריסונג. ס׳קאָן אויך טרעפן, אַז ער זאָל אייך איבערהויפּט נישט דערקענען אויף דער גאַס...״

מוז איך מודה זיין, אַז איך בין אַ פּאַרצייטישער און איך קאָן ביי מיר דער־פאַר פאַר קיין פאַל נישט פועלן, אַז קינסטלערישקייט זאָל האָבן די פּריווילעגיע מחמת קאַפּריז מבייש צו זיין אָדער צו באַליידיקן אַ מענטש. איך בין אַזוי פאַר־צייטיש אין דעם פּרט, אַז ביי מיר קומט אויס, אַז באַשאַפן אַ גרויסע געשטאַלט אין דמיון איז אַ קינסטלערישע מצווה, וואָס קאָן פאַר קיין פאַל נישט אויסקויפן די מאָראַלישע עבירה פון מבייש זיין אַפילו דעם קלענסטן מענטש אויף דער וועלט.

און אַז אַשס „קינסטלערישע קאַפּריזן״ זענען נישט געווען בלויז אַ טעאָרע־טישע מעגלעכקייט, נאָר אַז ער האָט זיי אויך היפּש אכזריותדיק מקיים געווען, וועגן דעם וויסן צו דערציילן די מחברים פון אַלע דריי זכרונות־ביכער, דער עיקרשט שלמה ראָזענבערג און יצחק פאַנער. זיי האָבן דעם טעם פון אַשס קאַפּריזן געשפּירט אויף זייער אייגענעם לייב.

איך טראַכט, אַז די סימפּאַטישסטע געשטאַלט פון אַשן, וואָס האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט נאָך זיין פּטירה, איז געווען די, וואָס וואַקסט אַרויס פון זיינע בריוו צו אב. קאַהאַנען (די בריוו האָט מענדל אַשעראָוויטש געדרוקט מיט אַן אַריינפיר און אויפקלערונגען קורץ נאָך אַשס טויט אין „פאָרווערטס״).

פון יענע בריוו קומט אַרויס אַ קינסטלער מיט ווערדע אָבער אָן אַראָגאַנץ, אַ שרייבער, וואָס פאַרטיידיקט זיינע אינטערעסן, אָבער פאַלט נישט אַריין אין קליינלעכקייט. מיט איין וואָרט: אין די בריוו צו אב. קאַהאַנען באַגעגענען מיר אַן אַש־געשטאַלט, וואָס וועקט סימפּאַטיע צו זיך.

האָבן, חלילה, די זכרונות־שרייבער נישט דערציילט די ריכטיקע פאַקטן, אָדער האָט אַש אין זיינע בריוו דעם אמת צוגעפאַרבט? ס׳איז לא הא ולא הא.

ביידע אַש־געשטאַלטן זענען אמתע: אי דער אַש ווי עס טייטלען אויף אים די זכרונות פון די שרייבער און אי דער צווייטער אַש, ווי ער לאָזט זיך צו אונדז דערקענען אין זיינע בריוו צו קאַהאַנען.

די צוויייִקייט פון דער אַש־געשטאַלט אין די זכרונות פון חברים און אין די אייגענע בריוו נעמט זיך דערפון, וואָס אַש איז אַנדערש בין אדם לחברו און לגמרי אַנדערש מיט דער פעדער אין האַנט. דאָרט הערשט דער „קאַפּריז פון אַ קינסטלער״ און דאָ — דאָס קינסטלערישע געזעץ; דאָרט איז פאָעזיע און דאָ — אחריות.

אַ בריוו שטייט שוין האַלבוועגס אין תחום פון געשטאַלטערישקייט און עס הערט דאָרט אויף די הערשאַפט פון די „שטימונגען און קאַפּריזן״, וואָס זענען די כלומרשטע פּריווילעגיע פון קינסטלער. און מ׳מעג זיך משער זיין, אַז די בריוו

צו אב. קאַהאַנען זענען נישט די ערשטע קאַפּיע, נאָר זיי זענען ווי יעדעס אחריותדיקע געשריפט איבערגעשריבן געוואָרן איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל, ביז ס׳איז אַרויסגעקומען דאָס אמתע און פּאַסיקע וואָרט.

די זכרונות האָבן, בכן, דערציילט דעם פולן אמת, אָבער דער אמת פון אַשס קאַפּריזן, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם פילטער פון אַשס קינסטלערישער, אָדער אַפילו בלויז בריוו־שרייבערישער פעדער, האָט ער באַקומען אַן אַנדער פּנים — דאָס פּנים נישט פון „ס׳איז״, נאָר „ווי ס׳זאָל זיין״, דאָס פּנים נישט פון דרויסנדיקער צעשויבערטקייט, נאָר פון אינעווייניקסטער שרייבערישער געזעצלעכקייט.

און אָט דער דין פון צוויי־געשטאַלטיקייט איז חל נישט בלויז אויף שלום אַשן, נאָר אויף יעדן אמתן שרייבער.

*

דאָס בלייבנדיקע פון מלך ראַוויטשעס זכרונות איז, ווי געזאָגט, די אַמטאָספער פון שמועס צווישן אַ געהויבענעם חסיד און דעם רבין. פון שלמה ראָזענבערגס „שלום אַש פון דער נאָענט״ איז דאָס נאָענטסטע און געדויערדיקסטע די משפּחהדיקע אינפאָרמאַציע וועגן אַשן.

אין יצחק פאַנערס באַריכט וועגן „שלום אַש אין זיין לעצטער היים״ איז דאָס אינטערעסאַנטסטע דער אופן פון אָבסערוואַציע און צום טייל אויך דער אופן פון דערציילן. פאַנער איז נישט קיין מקורב און תורה־פאַרשרייבער ווי מלך ראַוויטש און אויך נישט קיין בן־בית ווי שלמה ראָזענבערג. פאַנער איז בלויז אַ שכן מיט די אַשס אין זייער נייער היים אין בת־ים. ער איז אין די צוויי יאָר פון זיין באַקאַנטשאַפט און סעקרעטאַרשאַפט נישט געוואָרן צו נאָענט מיט אַשן, אָבער גענוג נאָענט, כדי צו קענען קוקן אויף אים (פאַנער זאָגט „באַאָבאַכטן״. דאָס איז אַ דייטשמעריזם, וואָס האָט, לפי דעתי, נישט קיין ווינ־רעכט אין יידיש, פונקט ווי דער דייטשמעריזם „לייסטן״, וואָס פאַנער נוצט אים אַזוי גערן), און אויפצוכאַפּן עטלעכע פּאַטעטישע מאָמענטן און אויך עטלעכע „קינסטלערישע קאַפּריזן״ און זיי צו פאַרצייכענען.

יצחק פאַנער איז אַ באַלאַנסירטער קולטור־מענטש. ער האָט עגמת־נפש פון אַשס שוואַכקייטן, אָבער ער האָט דעם כוח אָנצוהאַלטן דאָס פּסיכישע גלייכגעוויכט, אַפילו ווען ער אַליין איז געטראָפן געוואָרן פון די דאָזיקע שוואַכקייטן. פאַנער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם קינסטלער אַש און ער ווערט דערפאַר נישט אָן קיין מאָל זיין ווילגעגנייגטקייט צו אים. פאַנער היילט זיך זיין אַנטוישונג מיט אַזאַ אויסגעפּרוּווטער „באַבסקער רפואה״ ווי שטילער איראָנישער שמייכל. און דער איראָנישער שמייכל העלפט פאַנערן צו בלייבן אי נאָענט און אי מן הצד און צו זאַמלען דערפאַרונגען און צו ווערן — היפּש קלוגער און טרויעריקער.

און וואָס שייך די פּאָעטישע מאָמענטן — פּאָלגט זיי פּאַגער נאָך מיט ציטערדיקער זאָרג און פּאַראינטערעסירונג. ער ווערט נישט היסטעריש אין זיין זאָרג און ווערט נישט צודרינגלעך אין זיין פּאַראינטערעסירטקייט.

און טאָקע אָט די פּסיכישע עלעמענטן אין פּאַגערס באַריכט וועגן אַשס לעצטע צוויי יאָר לעבן, און דער עיקרשט וועגן די טעג פון אַשס קראַנקייט, גיבן צו פּאַגערס בוך אַ באַזונדערע חשיבות פאַר דעם וואָס וועט שרייבן אַשס ביאָגראַפיע. פּאַגערס פיין און איידל געשריבענער באַריכט, איז נישט בלויז גוטער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל, נאָר אויך אַ מאַטעריאַל, וואָס איז פון לכתחילה קריטיש געריייניקט געוואָרן אין געמיט פונעם פאַרצייכענער.

1958

בעל מחשבות און אוקראַיִנישע יידן

מיר איז דאָ אַנומלט אויסגעקומען צו לייענען פון דאָס ניי בעל־מחשבותן. איך בין דורכגעגאַנגען דעם אָפּקלייב פון זיינע ליטעראַרישע עסייען און פעליע־טאָנען, וואָס דער פאַרלאַג „ציקאָ״ ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אַרויס־געבראַכט מיט זיבן יאָר צוריק. איך האָב געלייענט און באַוווּנדערט וואָס פאַר אַ פיינער און ראַפינירטער ליטעראַטור־מבין עס איז געווען דער פּריצייטיק פאַרשניטענער ד״ר עליאַשעוו, וואָס איז אונטער דעם פּסעוודאָנים בעל־מחשבות מיט רעכט, און אפשר אויך מיט אומרעכט, געוואָרן אַ קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק.

אויף דעם „אפשר מיט אומרעכט״ וועל איך זיך איצט נישט אָפּשטעלן, ווייל דאָס וואָלט מען געדאַרפט ברייטער אַרומרעדן און אויספירלעך באַגרינדן. דער־מאָנט מען אָ חסרון פון אַ וויכטיקן שרייבער, מוז מען האָבן ל״ב פּירושים אויף אַליין צו קאָנען גלייבן אין דעם חסרון און, דער עיקרשט, אויך אַנדערע צו מאַכן גלויבן דערין.

אָבער אויף גוט, אויף אַ מעלה, דאַרף מען קיין פּירושים נישט האָבן. גוט איז אַזוי איינפאַך, אַז עס זעט זיך אָן אָן אַ שפּאַקטיוו. און אַז מען ווייזט דערויף אָן, גלויבן אַלע.

וויל איך דאָ זאָגן, אַז בעל־מחשבות ווערט מיט רעכט פאַררעכנט פאַר אַ קלאַסיקער פון אונדזער קריטיק, ווייל קודם כל און פאַר אַלעמען האָט ער געהאַט די זעונג פון דער גאַנצקייט פון אונדזער ליטעראַטור און ער האָט פאַר־מאָגט די דרייסטקייט צוצוגיין צו דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק מיט אַ פעסטער טעאָרעטישער איבערצייגונג.

די טעאָרעטישע איבערצייגונג זיינע איז געווען אַ פעסטע, הגם צו מערסט אָן איינזייטיקע. בעל־מחשבות איז אין דער קריטיק געווען אַן אָנהענגער פון היפּאָליט טענס סביבה־טעאָריע. היפּאָליט טענס סביבה מיינט קלימאַט, צייט־גייסט, קאָלעקטיוו־היסטאָרישע ירושה און ראַסישער אָפּשטאַם. אָט די אַלע עלעמענטן, וואָס זייער שם־הכולל איז סביבה, געשטאַלטיקן, על פּי טען, דעם גייסט און די פּסיכיק פון דעם ליטעראַרישן שעפער.

די דאָזיקע סביבה־טעאָריע, וואָס געטע האָט נאָך פאַר איר אייגנטלעכן באַגרינדער, היפּאָליט טען, פּאָעטיש פאָרמולירט אין די שורות:

„ווער דען דיכטער וויל פערשטעהען,
מוז אין דיכטערס לאַנדע געהען" —

איז אַן איינזייטיק־געניאַלע. די באַצייכענונג „איינזייטיק־געניאַלע" האָט אַ מאָל חיים וויצמאַן געניצט וועגן מאַרקסיזם. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זי איז אויך צוגעפּאַסט צום טעניזם. די טעאָריע איז איינזייטיק־געניאַל, ווייל זי באַלויכט און באַהעלט ווונדערלעך קלאָר און אַנטפּלעקעריש איין זייט פון אַ שעפע־רישער געשטאַלט. די אַנדערע זייט, די ריין־אינדיווידואַליסטישע זייט, פון די פּלאָנטערס און קאָמפּליצירטקייטן אין דער געשטאַלט פונעם שעפער, קאָן מען מיט דער סביבה־טעאָריע קוים פאַרשטיין. דאָ מוז מען האָבן אַנדערע פּירושים, אַנדערע סטעזשקעס און — אַנדערע לאַמטערנס.

די דאָזיקע סביבה־טעאָריע האָט בעל־מחשבותן געפירט נישט איבער איין וועג, נאָר איבער צוויי וועגן צו דער זעונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור־גאַנצקייט.

ראשית האָט בעל־מחשבות, על פּי דער סביבה־טעאָריע, גענומען זוכן נישט בלויז די טעריטאָריאַלע באַדינגונגען פון קלימאַט און צייט־גייסט פאַר די יידישע שעפער, נאָר אויך דאָס איבער־טעריטאָריאַל היסטאָרישע וועטער. ער האָט, ווי אין זיינע גרעסטע אַרבעטן וועגן מענדעלען, שלום אַשן און ביאַליקן, געפאָרשט, און מיט הצלחה געפאָרשט, און אַרויסגעבראַכט, וואָלט איך געזאָגט, אינטערעסאַנטע געאָלאָגישע דעטאַלן וועגן אונדזער איבער־טעריטאָריאַלער פאָל־קישער ערד און אויך אַסטראָנאָמישע פּרטים וועגן אונדזערע גייסטיק־נאַציאָנאַלע הימלען.

און שנית האָט בעל־מחשבות געהאַט די וויזיע פון אונדזער ליטעראַטור־גאַנצקייט דערפאַר, ווייל ער האָט, אַ דאַנק דער סביבה־טעאָריע, געזען די רע־גיאָנאַלע שאַפונגס־באַזונדערקייט פון יעדן יידישן ישוב, און נישט נאָר האָט ער די באַזונדערקייט געזען, נאָר זי אויך אונטערגעשטראָכן און אָנערקענט.

עס קאָן אַפילו קלינגען פּאַראַדאָקסיש, ווען איך זאָג, אַז ווייל ער האָט געהאַט אַ בליק פאַר דער רעגיאָנאַלער באַזונדערקייט, האָט ער דערפאַר געזען

און דערמיט באַפּעסטיקט זיין וויזיע פון נאַציאָנאַלער שאַפונגס־גאַנצקייט. אָבער אין דער אמתן איז אָט די פּאַראַדאָקסישקייט גערעכנט ריכטיק און איר ריכ־טיקייט איז געבויט אויף היסטאָרישער דערפאַרונג נישט בלויז ביי יידן, נאָר ביי אַלע פעלקער.

איך געדענק אַ מסיבה מיט עטלעכע העברעיִשע שרייבער אין תל־אביב, ביי וועלכער עס איז אַרויפגעשווומען די פראַגע, צי מען קאָן שוין ריידן וועגן אַן איינהייטלעכער ליטעראַריש־העברעיִשער שפּראַך אין ישראל און וועגן אַ ישראלדיקער עברית־ליטעראַטור.

פון די פּראָ און קאָנטראַס, וואָס זענען ביי דעם שמועס געווינטעוועט גע־וואָרן, איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דאָס וואָרט פון איינעם אַ שרייבער, וואָס האָט זיך ווייניק וואָס געהיצט און האָט מיט קילן ישוב הדעת אַ זאָג געטאָן צו די מסובים:

„כל זמן מען דערקענט נישט אין רעדן ווער פון אייך ס׳איז פון תל־אביב, ווער פון ירושלים, ווער פון גליל און ווער פון נגב, כל זמן עס הערט זיך נישט קיין חילוק אין אייערע אויסשפּראַכן, הגם יעדער פון אייך וווינט אין אַן אַנדערער געגנט פון לאַנד — קאָן נישט זיין קיין ריד פון אַן איינהייטלעכער ליטעראַ־רישער שפּראַך אין ישראל. איינהייטלעך ווערט די שפּראַך, ווען זי האָט הינטער זיך דיאַלעקטישע פאַרשידנקייטן און זי איז זיי גובר, נעמט זיי אויף אין זיך און באַרייכערט זיך מיט זיי. אָבער איינהייטלעכקייט אָן פאַרשידנאַרטיקייט הינטער זיך איז אין תוך נישט איינהייטלעך, נאָר פאַרבלאָזט. מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט פאַרבייטן אָט די צוויי אַדיעקטיוון, ווייל זיי קערן זיך נישט אָן איינער מיטן אַנדערן, נאָר פאַרקערט, זיי זענען איינער צום אַנדערן אַ ווידערשפּרוך.“

דער געדאַנק האָט געטראָפן אין קאַרב אַריין. ער האָט אַלעמען איבערצייגט און כמעט אַלעמען פאַרכאַפּט און געצויגן אים נאָכצוגיין מיט אויסבעסערונגען און צוגאָבן.

„מיר וועלן ערשט דעמאָלט קאָנען זיין זיכער“ — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער — „אַז אונדזער פאָלקישע באַנייונג אין לאַנד פון די אבות איז אַן אָרגאַנישע, ווען מיר וועלן אין ישראל צוריק האָבן ,ליטוואַקעס׳ און ,גאַליציאַ־נער׳. כ׳מיין צו זאָגן: ווען די ישובים אין גליל, אין נגב און אין עמק השרון וועלן נישט בלויז זיין יידן, וואָס וווינען גראָד אין יענע געגנטן, נאָר וועלן נשמהדיק האָבן געוויסע פאַרב־ניואַנסן, וואָס וועלן זיך לאָזן דערקענען אין זייער שפּראַך, אין זייער התנהגות און אויך אין זייער ליטעראַרישער שאַפונג.

„אַ פאָלק באַשטייט גייסטיק פון שבטים, און ערשט די באַזונדערקייט פון די שבטים באַשאַפט די אָרגאַנישע פאָלקס־גאַנצקייט“.

אַ דריטער ביים טיש האָט מוסיף געווען, אַז ס׳איז נישט געמאָלט קיין נאַציאָ־נאַלע ליטעראַטור ביי אַ פאָלק, אויב די נאַציאָנאַלקייט איז נישט דער אויסדרוק

פון רעגיאָנאַליסטישע באַזונדערקייטן. דער דריטער האָט זיך פאַררופן אויף מיינער אַן עסיי וועגן איציק מאַנגערן, אין וועלכן עס ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז נישט בלויז איז דאָס ווערק פון שרייבער אַלץ מער אוניווערסאַל, וואָס מער נאַציאָנאַל עס איז, נאָר עס איז אַלץ מער נאַציאָנאַל, וואָס מער רעגיאָנאַלן קאָליר עס האָט אין זיך.

עס איז נישט געמאָלט קיין מער אוניווערסאַלער שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי שלום עליכם, דער באַשאַפער פון אַזעלכע טיף־נאַציאָנאַלע יידישע געשטאַלטן, ווי טביה דער מילכיקער און מנחם מענדל, אָבער דאָס נאַציאָנאַלע פון שלום עליכמען שטייגט אויף פון זיין שבטימדיקער באַזונדערקייט, פון זיין אוקראַיניש־יידישער אַנדערשקייט לגבי אַלע אַנדערע שבטי ישראל.

י. ד. בערקאָוויטש, דער גרויסער קענער פון שלום עליכמען און זיין איבערזעצער אויף העברעיש, דערציילט אין זיין בוך „הראשונים כבני אדם" פון איינער פון די דאַנערשטיקע מסיבות ביי פּרצן, ווו ס'איז געקומען צו רייד וועגן שלום עליכמען, און ביאַליק, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע, האָט גענומען אַ וואָרט און האָט נישט מורא געהאַט אַוועקצולייגן אַזאַ מין רעגיאָנאַליסטישע טענה:

„איר פאַרשטייט נישט און איר זענט נישט מסוגל צו פאַרשטיין דעם חן פון שלום עליכמען. איר, פּוילישע, און איר, ליטוואַקעס, קאָנט נישט כאַפּן דעם אמתן טעם זיינעם. איר קאָנט נישט פילן דעם טעם פון שלום עליכמס זיסקייט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיין שפּראַך; דעם ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין אַרויס פון דעם שטראָם פון זיינע רייד; דעם אַראָמאַט פון דעם ליכט און פון דער לופט, וואָס שוועבט איבער די יום־טוב־דערציילונגען פון זיינע קינדער־יאָרן. ס'איז אַ ריח, וואָס גייט אויף פון צווישן די שורות — און דאָס אַלץ פילט נאָר אַזאַ איינער, ווי איך, וואָס איז מיט אים געוואַקסן אויף איין ערד, אונטער איין הימל, האָט געאָטעמט מיט אים איין לופט, האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין איינעם מיט אים דעם ריח פון די אוקראַינישע גערטנער און זומערדיקע פאַרנאַכטן... אָבער וואָס זאָל איך מיט אייך רעדן, אַז איר וועט דאָס נישט פאַרשטיין!"

ביאַליק, וואָס האָט מיט זיין טיפן דיכטערישן אויג אַריינגעקוקט אין אַזוי פיל שעפערישע פאַרבאָרגנקייטן פון אונדזער געשיכטע, האָט אויך געזען דעם שעפערישן כח פון אונדזער ליטעראַרישן רעגיאָנאַליזם און האָט נישט מורא געהאַט נישט בלויז צו זאָגן יאָ דערצו, נאָר אויך צו באַזינגען, ווי ער האָט עס געקאָנט, דעם רעגיאָנאַליסטישן יצר טוב אין אונדזער ליטעראַטור.

איך זאָג, אַז ביאַליק האָט נישט מורא געהאַט, נאָר האָט פאַרמאָגט אַ געבענטשטע דרייסטקייט פון געדאַנק און פון היסטאָרישער אינטויציע, ווייל איך וויל דערמיט אונטערשטרייכן, אַז שמואל ניגער, ע"ה, דער יידיש־קריטיקער פאַר עקסעלאַנס, האָט זיך יאָ געשראָקן פאַר דעם געדאַנק פון רעגיאָנאַליזם אין

אונדזער ליטעראַטור. וואָס מער עס ווערן אויפגעזאַמלט ניגערס שריפטן, אַלץ מער אַנטפּלעקט ער זיך מיטן זיינע גרויסע פאַרדינסטן און אויפטוען פאַר אונדזער קריטיק. אָבער שמואל ניגער איז נישט געווען קיין מאַן פון וויזיע, נאָר אַ מאַן פון סאָלידער געדאַנקלעכער קאָנסטרוקציע. און געדאַנקלעכער אויפבוי איז אַלע מאָל וויניקער רעאַליסטיש, ווי דיכטערישע וויזיע.

און די אומרעאַליסטישע געדאַנקען־קאָנסטרוקציע האָט זיך, ווייזט אויס, געשראָקן פאַר דעם וויזיאָנערישן באַגרינדעטן פאַקט פון רעגיאָנאַליזם. אין שמואל ניגערס קריטישן געדאַנקען־בנין איז רעגיאָנאַליזם ערגעץ־ווו געשטאַנען אין אַ היפּוך צו דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור־גאַנצקייט, וואָס ער איז געווען איר געטרייער שומר. שמואל ניגער האָט אין זיינע שריפטן נישט פאַרפירט קיין מלחמה קעגן רעגיאָנאַליזם. ער האָט דעם פאַקט פון רעגיאָנאַליזם כמעט קיין מאָל נישט דערמאָנט. ער האָט דעם פאַקט פאַרשוויגן. ניגער איז כל ימיו געשטאַנען געטריי אויף דער פּאָזיציע פון אַל־יידישקייט, אָבער דער אַל־יידישקייט פון זיין קריטישער קאָנצעפּציע האָט אַ סך מאָל פאַרפעלט בלוט. זי איז געווען נישט מער ווי אַן אַבסטראַקציע, אויב נישט פאַר אים אַליין, פאַרן קריטיקער, איז זיכער פאַר דעם לייענער, וואָס האָט אין דעם אַמעריקאַנישן „קיבוץ גלויות" נישט אָנגעוווירן די רעגיאָנאַליסטישע חושים פון דער „אַלטער היים".

בעל־מחשבות, ש. ניגערס עלטערער חבר און מיט־קלאַסיקער פון אונדזער קריטיק, האָט ווייט נישט באַוויזן אויסצובויען אַזאַ שיינעם און פאַרנעמיקן בנין פון ליטעראַטור־קריטיק, ווי זיין מיט צען יאָר ייִנגערער חבר, וואָס איז מיט זיינע ווערק, מיט זיינע איבער צוויי טויזנט אָפּשאַצונגען פון ביכער, און מיט זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן דער אַלטער און נייער יידיש־ליטעראַטור, געוואָרן דער רעפּרעזענטאַטיווסטער און וויכטיקסטער קריטיקער ביי אונדז.

אָבער בעל־מחשבות האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס מער פּאָעטישע וויזיע פון ניגערן, און ער האָט דערפאַר געפּרווווט געדאַנקלעך און מיט פאַקטן צו באַפעסטיקן די אידעע פון רעגיאָנאַליזם אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס ביאַליק האָט צו איר, ווי פריער דערמאָנט, געזונגען אַן אָדע.

אין זיין ראשונדיקער אַרבעט וועגן „דאָס דרום־רוסישע יידנטום און די יידישע ליטעראַטור", וואָס איז היינט, פערציק יאָר נאָך דעם ווי זי איז געשריבן געוואָרן, נאָך מיט גאָרנישט פאַרעלטערט, באַווייזט דער „פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ר ליטוואַק" בעל־מחשבות, די שעפערישע באַזונדערקייט פון דעם אוקראַיניש־יידישן ישוב. ער ברענגט דאָרט אַרויס געדאַנקען און פאַקטן, וואָס פילן אונדז אָן מיט התפעלות צו די אוקראַינישע יידן און צו זייערע שעפער. און — דער רעזולטאַט איז, אַז אין דער דאָזיקער באַזונדערקייט פון דעם אוקראַינישן שבט דערזעען מיר בולטער די שיינע און גרויסע גאַנצקייט פון אונדזער יידיש־ליטעראַטור.

„ווען מען קוקט זיך צו נענטער צו דער ווירקונג פון אוקראַינער יידנטום, ווערט מען פשוט נשתומם, ווי איז דאָס מעגלעך געוועזן אַזוי לאַנג נישט צו האָבן באַמערקט. דאָס נעמט זיך דערפון צוליב צוויי טעמים. ערשטנס דעריבער, וואָס דער פּראָסטער שכל קאָן נאָך אַלץ נישט אָפּטיילן דאָס ווערק פון זיין דער־שיינונגס־אָרט, און צווייטנס דעריבער, וואָס די פאַלשע כלל־ישראל־פאַרשטעלונג דערלויבט נישט צו פאַרבינדן דאָס ווערק פון אַ יידישן שרייבער מיט דעם טעריטאָריאַלן קיבוץ, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. ,אַלע יידן האָבן איין שכל', זאָגט אַ יידיש שפּריכוואָרט, און אַזוי ווי דאָס רוב שפּריכווערטער זענען פון דעם מין חכמות, וואָס ווערן אויף דער עלטער פאַרוואַנדלט אין נאַרישקייטן, דעריבער מאַכט מען אויף דעם סמך נישט קיין חילוק וועגן אַ יידישן שרייבער וואָס באַקומט זיינע ערשטע איינדרוקן אין אַ ווילנער פּאַרשטעטל, שניפּי־שאָק, אָדער אין פּוילישן קאַזשימיערזש, אָדער אין אַ קליין רוסיש אָרט, ווי אין טשערנאָביל, בראַצלאַוו, אָדער מעזשיבוזש."

און בעל־מחשבות מאָלט פאַר אונדז די ספּעציפישקייט פון דעם אוקראַיִנישן יידנטום אין דער שפּראַך, אין געמיט און אין לעבנס־באַנעם פון ר' נחמן בראַצ־לאַווער, פון ישראל אַקסנפעלד, פון ר' מענדל לעפין, פון שלום עליכמען, פון ביאַליקן און פון בערגעלסאָנען, און — דער ליטוואַק בעל־מחשבות פאַלט אַריין אין אַ התפעלות און רייסט מיט מיט זיין התפעלות און מיט דער טרעפלעכקייט פון זיינע באַמערקונגען אויך דעם לייענער.

1960

אברהם ליעסין

א

וואָס עס זאָל נישט געווען זיין די סיבה, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אברהם ליעסינען ביים לעבן אַרויסצוברענגען זיינע ווערק אין בוך־פאָרעם, צי די „לײדנ־שאַפטלעכע שטרעבונג נאָך פולקאָמענקייט אין זיין שאַפן", ווי עס מיינט הלל ראָגאָף, אָדער די לײדנשאַפט צו צאָלן מיט לידער שולדיק־געבליבענע „חובות" צו די „העלדן, געשטאַלטן און ספרים, וואָס האָבן אים געגעבן שטאַרקע איבער־לעבונגען אין זיין קינדהייט און יוגנט", ווי ס'איז געווען זיכער דער פאַרשטאַר־בענער ב. ריווקין — אַ פאַקט איז, אַז ביי ליעסינס לעבן איז דערשינען בלויז איינס פון זיינע ביכער, אַ העקטאָגראַפירט העפטל מיטן נאָמען „מאָדערנע לידער", אי דאָס אַזוי לאַנג צוריק ווי אין די סוף אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

וואָס שייך די לידער האָט, פון דעסטוועגן, אברהם ליעסין אין לעצטן יאָר פון

זיין לעבן באַוויזן צוצוגרייטן צום דרוק די דריי בענד „לידער און פּאָעמען", וואָס זענען דערנאָך, קורץ נאָך זיין טויט, דערשינען אין פאַרלאַג פון „פאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן", און ער האָט אַפילו, ווי עס דערציילט אונדז ב. ריוואָקין אין זיין הקדמה צום דריטן באַנד, „געלעבט צו זען אָפּגעדרוקט דעם צווייטן און די ערשטע העלפט פון ערשטן באַנד". אָבער וואָס אָנבאַטרעפט די אָן אַ שיעור פובליציס־טישע מאמרים, פאַרטרעטן־עסייען און זכרונות פון אברהם ליעסין, דעם שרייבער, וואָס איז איבער פערציק יאָר געשטאַנען נישט בלויז אין מיט פון דער יידיש־פּאָעזיע, נאָר אויך אין צענטער פון דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער מחשבה אין דער אַלטער און אין דער נייער היים — אַן אָפּקלאַנג פון אָט דער ליטעראַרישער ירושה, איז אַזוי שפּעט ווי זעכצן יאָר נאָך ליעסינס טויט צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער מ. ל. שטיין־פאָלקס־ביבליאָטעק פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

קודם כל עטלעכע באַמערקונגען וועגן אָפּקלייב.

ראשית: עס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַנטאָלאָגיע (איך ווייס נישט צי בכיוון אָדער נישט) מוסטערן אי פון דעם סאַמע בעסטן און אי פון דעם סאַמע שוואַכסטן פון דער ליעסין־פּראָזע. עס זענען אַריין אין אָפּקלייב אַזאַ שעדעווער־עסיי פון אַלץ געזאָגט, ווי דער דרייסיק־שורהדיקער נעקראָלאָג „אויפן פרישן קבר פון מאָריס הילקוויט" און אַזעלכע בלויז זשורנאַליסטישע אינפאָרמאַציע־אַרטיק־לען ווי די נעקראָלאָגן וועגן מרים דייטש און וועגן צמח קאַפּעלזאָן, אַזאַ אויסנעמ־לעך אינטערעסאַנטע און מיט קינסטלערישער סאָלידקייט געשריבענע זכרונות־עסיי ווי „באַגעגענישן מיט יודין־אייזענשטאַט" און אַזאַ בלאַס קאַפּיטל דערמאָ־נונגען ווי „מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דוד פינסקי".

שנית: עס זענען ביי אייניקע נעקראָלאָג־אַרטיקלען איבערגעלאָזן געוואָרן די צייטונגס־צויטן, כ'מיין, אַזעלכע „אַקטועלע עמאַציאָנעלישקייטן" ווי „און זאָל פאַלן הייס מיין טרער אויפן פרישן טייערן קבר", וואָס מינערן אין אַ געוויסער מאָס פון דעם ליטעראַריש־געדויערדיקן ווערט פון די אַרטיקלען.

ב

אָבער אַפילו בלויז אין די עטלעכע גוטע עסייען, וואָס זענען אריין אין דער אַנטאָלאָגיע, אַנטפּלעקט זיך סיי די זעלטענע קראַפט און סיי די ליטעראַרישע מייסטערשאַפט פון אברהם ליעסינען, דעם פובליציסט און דעם זכרונות־שרייבער.

די עיקר־עלעמענטן פון ליעסינס מאָראַלישן כוח זענען געווען די אומאָפּ־הענגיקייט פון זיין געדאַנק און זיין טיף־יידישע פאַרוואָרצלטקייט. ער אַליין דעפי־נירט אָט די צוויי עלעמענטן אין זיין שוין דערמאָנטער פרעכטיקער זכרונות־עסיי „באַגעגענישן מיט יודין־אייזענשטאַט" (געדרוקט אין „צוקונפט" סוף 1937, אַ יאָר פאַר ליעסינס טויט).

מכוח זיין אומאָפּהענגיקייט דערציילט ליעסין ווי אַזוי ער האָט נאָך אין די

גאָר יונגע יאָרן, נאָך אַן אַמפּערניש מיט יודינען, ביי זיך באַשלאָסן, אַז „מאָרגן, אין מינסק, וועל איך זיך שוין גאָר נישט רעכענען מיטן „קאָראַן".

און פון יענעם „מאָרגן אין מינסק" ערגעץ אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט זיך ליעסין, ווי מען קאָן זען פון די עסייען און זכרונות אין דעם בוך, כמעט דורכויס נישט געדעכנט מיטן פאַרהייליקטן „קאָראַן" פון סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין געדאַנקלעכע דרייסטקייט און אומאָפּהענגיקייט אין די טעאָרעטישע וויכוחים פון די יאָרן פאַרן „בונד" און אויך אין די דיסקוסיעס מיט דער אָפיציעלער ליניע פונעם „בונד" גופא, הגם ער האָט אַ לעבן־לאַנג געדינט דער דאָזיקער פּאַרטיי געטריי און מיט ליב־שאַפט.

די ליבע צום „בונד" אָטעמט ממש אַרויס פון ליעסינס אַלע זכרונות־עסייען, אָבער אַז ס'האַנדלט זיך וועגן ליעסינס באַזונדערן איינשטעל צו יידישער פאָלקס־גאַנצקייט און צו ארץ־ישראל, ווו ער איז נישט געווען שוה בשוה מיטן „בונד", האָט ער אַלע מאָל דעם מוט נישט בלויז קלאָר און איינדייטיק און הייס צו פאַרמולירן זיין אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויך קריטיש שאַרף צו באַלייכטן די יידישע חסרונות פון זיין פּאַרטיי (זע די זכרונות־עסיי „די אַמאָליקע אָפּאָזיציע אין מינסק").

וואָס שייך זיין יידישער פאַרוואָרצלטקייט און זיין זעליש־טיפער פאַרבונדנקייט מיט יידישער היסטאָריע און מיט ארץ־ישראל האָט ליעסין זיך צום בעסטן אַליין כאַראַקטעריזירט ווען ער דערציילט וועגן זיינס אַ שמועס מיט יודין־אייזענשטאַט אַזוי: —

„נאָכן צוזאמענפאַר האָב איך זיך געקליבן — שרייבט ליעסין — קיין זשענעווע, זאָגט צו מיר אייזענשטאַט: „ווי אַ פּאָעט, מוזט איר נישט אַנדערש נאָר זען מילאַן". זאָג איך אים, אַז עס איז פאַראַן איין שטאָט, וואָס איך גאָר אַמשטאַרקסטן צו זען. און דאָס איז ירושלים".

„ירושלים" האָט אַרויסגערעדט פון ליעסינען ווען ער האָט ערגעץ אין די ניינציקער יאָרן, אין אַ שמועס מיט יודינען, געטענהט, אַז „לואי בלאַנקס פּרעכטיקע שילדערונג פון יאָהאַן הוס וואָלט אַזוי גוט געפּאַסט, און אפשר נאָך בעסער, צו די הונדערטער טויזנטער, צו די מיליאָנען יידישע קדושים, אַפילו פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק" און אַז באַקלס „אינטעלעקטועלער פאַקטאָר", פון וועלכן עס הענגט אָפּ דער גאַנצער פּראָגרעס, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דער יידישער קולט פון „חכמה" אין די לעצטע ספרים פון תנ"ך און דער קולט פון „תורה" אין תלמוד און אין מדרש.

„ירושלים" האָט אַרויסגערעדט פון ליעסינען ווען ער האָט פאַרגליכן יודזשין דעבסעס באַזוך ביים פּרעזידענט האַרדינג נאָך זיין באַפרייונג פון טורמע, מיטן

היסטאָרישן בילד פונעם נביא ירמיה, וואָס איז נאָך זיין באַפרייונג פון תפיסה געבראַכט געוואָרן אויף אַ שמועס צום קיניג צדקיהו.

און מיט „ירושלים" איז פול ליעסינס געמיט ווען ער זעט ווי מאַרקס פון טריער האָט ווי זיין אור־אור־זיידע עמוס פון תקוע איבערראַשט אַלע „זאָרגלאָזע אין ציון און זיכערע אויפן באַרג שומרון" מיט זיין נבואה פון אונטערגאַנג, און אַז פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווייעט מיטן אַן אויסדערוויילטקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיטן אתה בחרתנויזם פונעם יידישן פאָלק לויט די נביאים.

ג

אברהם ליעסינס זכרונות און פובליציסטישע מאמרים לעבן כמעט אַלע אין אַ הייסער אַטמאָספער פון פאַטאָס און פון פאָליטישער דיאַלעקטיק. אָבער פאַטאָס איז אין תוך בלויז דער דאָמינאַנטער שטריך אין די עסייען, אַ שטריך, וואָס אוזורפירט אַ סך מאָל מיט אומרעכט די הערשאַפט איבער ליעסינס פובליציסטיק און זכרונות־פּראָזע, אַזוי אַז ס׳באַקומט זיך פון איר בלויז דער איינזייטיקער איינדרוק פון פאַטעטיק.

אין דער אמתן אָבער איז ליעסינס פּראָזע אין די עטלעכע מוסטער־עסייען, וואָס זענען אַריין אין דער איצטיקער אַנטאָלאָגיע, אַ סך רייכער אין געמיטס־עלעמענטן. אין דער אמתן זענען גאָר די הויפּט־עלעמענטן: דער לירישער גראָ־טעסק און דער מחיהדיקער הומאָר, דערעיקרשט ביי דער פּאָרטרעטירונג פון מענטשן־יחידים, פון מענטשן־גרופּעס און פון געזעלשאַפטלעכע געשעענישן.

איך וועל ברענגען צוויי ביישפּילן פון זייער סוגעסטיווער ליריש־גראָטעסקער פּאָרטרעטירונג ביי ליעסינען.

אין ביישפּיל איז דער באַוווסטער יידיש־רוסיש־פראַנצויזישער רעוואָלוציאָ־נער שאַרל (חנן) ראַפּאָפּאָרט, מיט וועמען ליעסין האָט זיך באַקאַנט אין די ניינ־ציקער יאָרן און האָט אים דעמאָלט געזען אַזוי: —

„אַ שטערן פון אַ ריכטיקן תלמיד־חכם. אַלץ איז אויף אים געהאַנגען ווי אַ זאַק — די קליידער, די געדאַנקען, די באַנעמונג, אַפילו זיין אויבן־אַראָפּיקע צוגעלאָזטקייט האָט מיר אויסגעזען ווי עס וואָלט הענגען — עפּעס נישט גאָר אויפריכטיק, שווער".

און דער צווייטער ביישפּיל איז דער באַקאַנטער בונדיסט א. ליטוואַק, וועמען ליעסין מאָלט ווי ער „ליגט צעוואָרפן מיטן שווערן גוף אויף איין שטול, מיט דעם קראַנקן פוס אויף אַ צווייטער שטול, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס אויפן רויטן שטערן און מיט גראָבע יאָרגאַנגן „צוקונפט" האַרט פאַר די קורצזיכטיקע אויגן. און איך טראַכט ביי זיך — שרייבט ליעסין — ווי די נאַטור קען עס מיס־טרעווען — אַזאַ האַרמאָניע אין דער דיסהאַרמאָניע, אַזאַ דינקייט אין דער האַ־

מעטנעקייט, אַזוי פיל „פּאָלק", עמך, אין דעם אויסדערוויילטן און אויסגעטײלטן".
דאָס האָט נישט נאָר די נאַטור אַזוי גוט געמייסטרעוועט, נאָר ליעסין דער פּאָרטרעטיסט, וואָס האָט מיט זיין סוגעסטיע פון „מאָדנע" היפּוכים אין ליטוואַקס געשטאַלט אים אַזוי ווונדערלעך אויפגעלעבט פאַר די, וואָס האָבן אים געקענט, און אַפילו פאַר די, וואָס האָבן אים, ווי איך, פּערזענלעך נישט געקענט און אים קיין מאָל נישט געזען.

אַזאַ צמצום פון געמעל און דעפיניציע איז אויך פאַראַן אין דעם שוין דער־מאָנטן נעקראָלאָג וועגן מאָריס הילקוויט, ווו ליעסין גיט איבער אין איינע דרייסיק אויסגעהאַקטע שורות וועגן דעם קאָנפליקט צווישן גאָמפּערסעס אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אָן אַן אידעאַל און דע ליאָנס אידעאַל אָן אַן אַרבעטער־באַוועגונג און עס וואַקסט אויס נישט בלויז די געשטאַלט פון מאָריס הילקוויט, וואָס האָט „אומדערמידלעך געאַרבעט צו שאַפן אין אַמעריקע אַן אַרבעטער־באַ־וועגונג מיט אַן אידעאַל", נאָר אויך די גאַנצע אַטמאָספער אַרום אָט דעם קאַמף.

וואָס שייך ליעסינס פיינעם, שפּילעוודיקן הומאָר קומט ער אין דעם בוך צום בעסטן אויסדרוק אין דער עסיי „ב. וולאַדעק אַמאָל און היינט", ווו ער באַשרייבט דעם „איבערפלוס פון בערדלעך" אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". איין פיר מיטן פענדזל און עס באַוויזן זיך „בערדלעך אַלערליי, קלוגע און נאַרישע, שפּי־ציקע און קיילעכדיקע, אויסגעכאַליעטע און אָפּגעלאָזענע", און — מע דערזעט מיט דער הילף פון דער דאָזיקער הומאָריסטישער סוגעסטיע אַ גאַנץ קהל פון אידעיִש פאַרקאָכטע און אידעאַליסטיש דערהויבענע מענטשן, וואָס יעדער פון זיי איז אָבער מעשה שפּיצל פון דער נאַטור צוגעבונדן מיט זיין בערדל ווי מיט עפּעס אַ חן־בענדל צו דער הבלימדיקייט פון מענטש און צייט.

עמנואל רינגעלבלום

דער היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום הי"ד, האָט באַגליך מיט זיינע על־טערע חברים, מאיר באַלאַבאַן און יצחק שיפּער, און באַגלייך מיט זיינע חברים פון זעלבן עלטער, פיליפּ פרידמאַן ז"ל און רפאל מאַהלער, אים צו לאַנגע יאָר, באַלאַנגט צו דער גרופּע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, צו די גרופּעס גאַליציש־יידי־שע אינטעלעקטואַלן, שרייבער, לערער און וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה „אינוואַזירט" די שטעט פון קרוינפּוילן. ווי די ליט־וואַקעס אין דער צייט פון צאַרישן רעזשים, אַזוי האָבן די גאַליצישע יונגעלייט אין די יאָרן פון דעם זעלבשטענדיקן פּוילן זיך געצויגן קיין וואַרשע און קיין לאָדזש. זיי האָבן אין די צענטערן פון פּוילישער פּאָליטיק און אינדוסטרי געזוכט

פרנסה. אָבער נאָך מער ווי דאָס האָבן זיי געזוכט אויסצולאָדענען זייערע גייסטיקע ענערגיעס; זיי האָבן געזוכט די דערגרייכונג און אָנערקענונג פאַר זייערע שעפערישע באַגאַבונגען.

ווי אויף די ליטוואַקעס אַזוי האָט מען אויך אויף גאַליציאַנער געקוקט היפש קרום אין דעם יידישן פוילן. צו די ליטוואַקעס האָבן די פרומע געהאַט תרעומות פאַר זייער השכלה און די פאַליאַקן פון משהס גלויבן — טענות פאַר זייער כלומרשטן גייסט פון רוסיפיקאַציע. די טענה צו די גאַליציאַנער איז געווען, פון איין זייט, אַז ווי לערער אין די פויליש־העברעיִשע גימנאַזיעס, דינען זיי דער פאַלאָניזאַציע פון דער יידישער יוגנט; און פון דער אַנדערער זייט, אַז ווי די זעלביקע לערער פרעמדן זיי אָפּ די פויליש־רעדנדיקע יידישע יוגנט פון פוילן און „פאַרסמען" זיי מיט פאַלעסטיניזם.

אָבער אונטער די דאָזיקע היפּוכדיקע אידעאָלאָגישע תרעומות האָט זיך באַהאַלטן און צום טייל פון דאָרט היפש אָפּן אַפּירגערעדט די אמתע טענה, דהיינו, אַז די גאַליציאַנער גייען צו גיך פאָרויס; אַז זיי „פאַרכאַפּן". פון אַט דער אוראַלטער „טענה" ליידן, געוויינלעך, יידן צווישן גויים, אָבער אַ מאָל — אויך צווישן יידן.

יידן קאָנען, פאַרשטייט זיך, מגזם זיין, אַז ס'קומט צו תרעומות קעגן אייגענע ברידער, אָבער קיין בלבולים וועלן זיי, חלילה, נישט אויסטראַכטן. און די פאַקטן וואָס שייך די פראַנט־פּאָזיציעס, וואָס די גאַליציאַנער יידישע אינטעליגענץ האָט פאַרנומען אויף אַ טייל יידישע קולטור־געביטן זענען, בפירוש, נישט געווען אויסגעטראַכט.

עס איז בלויז דאָס, וואָס מען טאָר אָביעקטיווע הנחות נישט פאַרפלאָנטערן אין סוביעקטיווע עמאָציעס. אויב מען וויל פון די הנחות אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן לאָגישן אויספיר. און דער לאָגישער אויספיר איז, אַז דאָס פוילישע יידנטום איז דער גאַליציש־יידישער אינטעליגענץ שולדיק געווען אַ היסטאָרישן דאַנק דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געפעדערט, האָט „פאַרכאַפּט פּאָזיציעס" און האָט אין די צוואַנציק יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות אָפּגעטאָן אַ גוואַלדאָוונע שטיק אַרבעט אויפן געביט פון יידישער דערציִונג און אויפן געביט פון יידיש־הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

די היסטאָרישע פאַרש־אַרבעט איז כמעט דורכויס געלעגן אין יידיש־גאַלי־ציִשע הענט. וואָרעם אַפילו דער וואַרשעווער יעקב שאַצקי ז"ל איז אַ דאַנק זיין שול־אויסבילדונג אין קראָקע, אויך געווען אַ שטיק גאַליציאַנער. פון צווישן די אויסגערעכנטע איז מנחם, דער זון פון פּיוויש רינגעלבלום, געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פאָלנער, דער כוללדיקער גאַליציאַנער. ער איז געבוירן געוואָרן און האָט געלערנט ביז פערצן יאָר (ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה) אין דער מזרח־גאַליציִשער שטאָט בוטשאַטש (יידן האָבן זי גערופן בעטשוטש

מיטן אַקצענט אויפן לעצטן טראָף) און האָט פאַרענדיקט זיין מיטלשול־בילדונג אין דער מערב־גאַליצישער שטאָט נאָווי־סאָנטש (יידן האָבן זי גערופן ניי־סאַנדז). איך דערמאָן אָט־דעם פאַקט, ווייל מזרח־ און מערב־גאַליציע זענען צוויי פאַרשי־דענע געמיט־צושטאַנדן, צוויי פאַרשידענע פסיכישע פאָרמאַציעס.

מזרח־גאַליציע — דאָס איז אַ געקרייץ פון דריי קולטורן (פויליש, אוקראַי־ניש און דייטש, אַחוץ דער אייגענער יידישער) און דערפאַר דער אייגנטלעכער פסיכישער וואַרשטאַט פון דעם „האָמאָ גאַליציאַנוס״ אין אונדזער ליטעראַטור. דער „האָמאָ גאַליציאַנוס״ פּרוּווט צו־נישט צו מאַכן, אָדער לכל הפחות צו פאַרקלענערן זיין שרייבערישן פּאַטאָס און ליריזם מיט ניכטערקייט, מיט איראָ־ניע, מיט סאַרקאַזם און אַ מאָל בלויז מיט הומאָר. מיט אַנדערע ווערטער און אויך פשוט מאַמע־לשון הייסט דאָס — האָט מיר מיינער אַ קלוגער בן־עיר אַ זאָג געטאָן און ער קאָן גריילעך זיין גערעכט — אַ מזרח־גאַליציאַנער איז אַ גאַלי־ציאַנער, וואָס פּרוּווט צו זיין אַ ליטוואַק.

מערב־גאַליציע אָבער איז פּסיכיש אידענטיש מיט פוילישער ראָמאַנטיק, מיט פאַרליבטקייט אין פוילן, מיט אידעאַליזאַציע פונעם יידיש־פוילישן און טאַקע פונעם פוילישן מענטש.

מאַכט נישט אויס, וואָס די יידיש־פּוילישע היסטאָריקער פון מערב־גאַלי־ציע, שיפּער, שאַצקי און אַפילו רפאל מאַהלער רעדן אַזוי אָפט קעגן דעם היס־טאָריקער הײנריך גרעץ, דעם באַזינגער פון יידישע געשטאַלטן. זיי אַליין זענען אין אַ היפּשער מאָס נישט ווייניקער געשיכטע־אידעאַליזירער ווי עס איז דאָס געווען הײנריך גרעץ.

דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם „וואָס״ פון דער אידעאַליזאַציע. הײנריך גרעצס העלדן זענען געווען די יום־טובדיקע פּירער פון יידישן גייסט און פון יידישער שעפערישקייט, אָנגעהויבן פון ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ עקיבאַן איבער רש״יִן, ר׳ יהודה הלוין און דעם רמב״ם ביז צו שפּינאָזען און מענדעלסאָן און די באַרימטע יידיש־דייטשע שרייבער און השכלה־פאָרשטייער פון נײַנצנטן יאָרהונ־דערט, בעת די הערא־ישע געשטאַלטן פון די קעגנער פון גרעצס אידעאַליזירונג זענען געווען סאָציאַלע און וועלטלעך־נאַציאָנאַלע קעמפער און דער יידישער קאָלעקטיוו.

דער נאָענטסטער צו גרעצס היסטאָרישער שיטה און אויך צו גרעצן, דעם וווּנדערלעכן נאַראַטאָר, איז מיט זיין געשיכטע־שרייבונג געווען ד״ר מאיר באַלאַ־באַן. שאַצקי, שיפּער און נאָך מער זייערע יינגערע חברים רפאל מאַהלער און דער קדוש עמנואל רינגעלבלום, האָבן געהערט צו דער סאָציאָלאָגישער שול פון היסטאָריאָגראַפיע. פאַר זיי איז די געשיכטע נישט געווען קיין ליטעראַטור־געשיכטע און אויך נישט קיין זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס לויטן מוסטער פון פּלוטאַרך און גרעץ, נאָר אַ סאָציאַלע וויסנשאַפט, וואָס אַנטפּלעקט דעם סאָציאַלן

קאַמף, וואָס ער איז דאָס דער יסוד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דער אויסגעהאַלטנסטער, אין פּרט פון דעם דאָזיקן בליק אויף דער יידישער געשיכטע, איז, בלי ספק, רפאל מאַהלער, וואָס וווינט היינט אין ישראל און שרייבט אַ נייע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק על פי דברי תורה פונעם היסטאָרישן מאַטע־ריאַליזם.

אָבער די אַלע היסטאָריקער פון דער סאָציאָלאָגישער שול זענען בפירוש אידעאַליזירער, זיי אידעאַליזירן די יידישע וואָך, די מסירות נפש פונעם קאָלעק־טיוו, אַנשטאָט פון גרויסע יחידים, ווי הייגריך גרעץ.

עס זינגט שאַצקי ווען ער שרייבט וועגן די מסירות־נפשדיקע יידן, וואָס האָבן געזוכט קולטור־באַהעפטונג מיט פּוילן, און עס זינגט נישט ווייניקער שיפּער, ווען ער שרייבט אין זיין „ווירטשאַפט־געשיכטע פון די יידן אין פּוילן" וועגן „יענע הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן נישט פון דער עשירות פון גייסט, נאָר פון אַרבעט־הענט, אָדער פון זייערע ספּעקולאַטיווע פעיִקייטן געוועבט וועגן זיך אַ זכר לעתיד", און אויך ווען ער דערציילט אין זיין „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט", וועגן „דער אַנאָנימער מאַסן־קונסט און וועגן דעם אומבאַקאַנטן שפּילער, וואָס איז געוואַקסן פון דער מאַסע פאַר דער מאַסע".

און אַ טרובאַדור איז אויך, ווי מאָדנע דאָס זאָל זיך נישט אויסדאַכטן, דער אויסגעהאַלטענער אידעאָלאָג פון דער מאַרקסיסטישער היסטאָריאָגראַפיע רפאל מאַהלער, ווען ער פּרוווט אין זיין זייער סאָלידער היסטאָרישער אַרבעט וועגן די קאַראַימער אַרויסצושיילן „דעם אמתן סאָציאַלן מהות פון די רעליגיעזע באַוועג־גונגען אין דער יידישער געשיכטע".

מאַהלער איז דער אמתער טרובאַדור פון דעם סאָציאַלן מהות אין דער יידישער געשיכטע, וואָס ער האָט עס מיט אַ סך התמדה און לומדות קאָנסטרויִרט אין אַ גרויסן טייל פון זיינע ווערק.

דער מיט צוויי יאָר פון מאַהלערן יינגערער ניי־סאַנדזער בן־עיר עמנואל רינגעלבלום האָט אויך געהערט צו דער סאָציאָלאָגישער שול פון יידישער געשיכטע־שרייבונג און האָט זיך אַפילו געהאַלטן פאַר אַ מאַרקסיסט (אין זיין באַריכט וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון היסטאָרישער וויסנשאַפט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַרשע אין זומער פון יאָר 1933, דערציילט רינגעלבלום, אַז ער איז געווען דער איינציקער פון צווישן אַלע יידישע דעלע־גאַטן, וואָס „האָט געשטיצט ד"ר מאַהלערס מיינונג און (האָט) אים געוווּנטשן דערפאָלג אין די ווייטערדיקע פאָרשונגען איבער דער יידישער געשיכטע פון שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם").

אָבער ער אַליין, רינגעלבלום, איז על פי זיין געמיט, על פי זיין פּסיכישער פאָרמאַציע, נישט קיין מאַרקסיסטישער היסטאָריקער, נאָר אַ פאָלקיסטישער, אַ היסטאָריקער, וואָס לעבט אין מיטן פון זיין פאָלק און די געשיכטע־שרייבונג

איז פאַר אים אַ געזעלשאַפטלעכער אַקט, אַ געזעלשאַפטלעכע התחייבות (דאָס געמיט פון אַ מענטש, נעמט, ווייזט אויס, די אויבערהאַנט נישט בלויז אין דער בעלעטריסטיק, נאָר אויך אין דער היסטאָריאָגראַפיע, וואָס וויפל זי זאָל זיך נישט איבערנעמעריש ווען אַפגרענעצן פון דער קינסטלערישער פּראָזע, קער זי זיך אָן מיט איר נאָענטע קרובהשאַפט).

ווען מען נעמט דורך רינגעלבלומס היסטאָרישע ביכער פון זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביז צום יאָר 1527, ד. ה. ביז צום גירוש פון יידן פון וואַרשע, און ביז צו זיינע אויפטרייסלענדיקע „כתבים פון געטאָ״, ווערט קלאָר, פאַר וואָס ער איז כל ימיו געווען אַקטיוו אין אַ יידישער מאַסן־פּאַרטיי, אין אַ פּאַרטיי (לינקע פּועלי־ציון), וואָס האָט להלכה און למעשה אַריינגענומען אין זיך די אַספּיראַציעס פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה, די אַספּיראַציעס פון אַ פאָלק מיט אַ קיין מאָל נישט אויסגעלאָשענעם חלום פון שיבת ציון.

רינגעלבלומס געשיכטע־שרייבונג דערקלערט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און נישט פאַרקערט. דאָס געמיט פון דעם היסטאָריקער רינגעלבלום האָט אים געפירט צו דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און צו לערעריי אין די אָוונט־קורסן פון דער פּאַרטיי, און נישט די פּאַרטיי־אידעאָלאָגישע איבערצייגונג צו געשיכטע־שרייבונג. היסטאָריאָגראַפיע איז פאַר עמנואל רינגעלבלומען געווען געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט. ער איז אין דעם פּרט געקומען צום נאָענטסטן צום געמיט פון אונדזער גרויסן פאָלקיסטישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו הי״ד. רינגעלבלום האָט פאַרמאָגט דובנאָווס ליידנשאַפט נישט בלויז צו געשיכטע־שרייבונג, נאָר צו מאַטעריאַל־זאַמלונג פאַר יידישער געשיכטע.

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע הייבט זיך ערשט אָן אין ניינצנטן יאָרהונ־דערט, אָבער ציגל פאַר די גרויסע בנינים פון גרעץ, דובנאָוו און פון זייערע נאָכפאָלגער האָבן יידן, די פשוטע יידן, די עמך־יידן, געברענגט אין משך פון לאַנגע דורות. די חברה קדישאס, די בעל־מלאכהשע צעכן, די שולן פון אַלערליי חברות פון צדקה און הילף, האָבן מיט זייערע פּנקסים און מיט זייערע געדענק־ביכער געזאַמלט די מאַטעריאַלן פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער.

קיינער נאָך דובנאָוון איז נישט געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אָרגאַני־זיר־אַרבעט פון היסטאָרישע מקורים ווי עמנואל רינגעלבלום. ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די אַקציע פון פאַררעגיסטרירן די פּנקסים פון קהילות, פון אויפהיטן אַלטע יידישע אַלטערטימלעכקייטן און פון קאָפּירן אַלטע דאָקומענטן. ער איז געווען פון די גרינדער פונעם קרייז פון יונגע יידישע היסטאָריקער אין איינעם מיט פיליפּ פרידמאַן און מנחם לינדער זכרונם לברכה און מיט ישעיה טרונק, אים צו לאַנגע יאָר. ער איז געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער געזעלשאַפט

„פריינד פון ייווא״ אין וואַרשע און אַן אַקטיווער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין די אויסגאַבעס פונעם אינסטיטוט.

די קרוין, צו דער זעלבער אַרבעט, די זהב טהור־קרוין און אויך דערנער־קרוין, פון רינגעלבלומס וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזיר־אַרבעט איז געווען די עונג־שבת־חברה, ווי עס האָט זיך סגי־נהורדיק גערופן די גרופּע אַרכיוויסטן פון וואַרשעווער געטאָ אונטער רינגעלבלומס פירערשאַפט.

אין צווייטן באַנד פון רינגעלבלומס „כתבים פון געטאָ״ ווערט פאַרצייכנט אונטער דער דאַטע פון יאַנואַר 1943, אַז „דעם ערשטן ציגל פאַרן אַרכיוו האָב איך געלייגט אין אָקטאָבער 1939״, און אַז אַזוי ווי „די באַראַטונגען פון דער דאָזיקער גרופּע פלעגן פאַרקומען אין שבת, האָט מען די גאַנצע אינסטיטוציע, צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, אָנגערופן „עונג שבת״. און וויכטיק איז די אינסטרוקציע, וואָס רינגעלבלום האָט געגעבן זיינע מיטאַרבעטער, ווייל אָט די אינסטרוקציע כאַראַקטעריזירט צום בעסטן די היסטאָריאָגראַפישע שיטה נישט בלויז אין די אויף דער הייסער מינוט מיט אַ צעשויבערטן געמיט געשריבענע פאַרצייכענונגען אין געטאָ, נאָר אויך אין די פריערדיקע היסטאָרישע שריפטן פון דער נאָך, אַזוי צו זאָגן, רויקער צייט.

אונדזערע מיטאַרבעטער, פאַרזיכערט רינגעלבלום, האָבן געשריבן דעם אמת. ער, רינגעלבלום, האָט זיי מסביר געווען, אַז „יעדער דאַרף שרייבן אַזוי ווי עס וואָלט שוין געווען נאָך דער מלחמה. ער דאַרף נישט מורא האָבן פאַר די דייטשן און נישט פאַר די יעניקע יידן פון דער קהילה, וואָס ווערן אָנגערופן אין דעם באַריכט פון דער געגעבענער שטאָט״.

ער אַליין, עמנואל רינגעלבלום, איז נישט געווען אַן מורא. ער רעדט אָפּט וועגן דעם פחד, אין וועלכן מען איז אַריינגעטאָן אין געטאָ, אָבער ער איז געווען פול מיט מוט צום אמת. ער דערציילט וועגן דער שרעקלעכער אויפפירונג, וועגן דער אומדערהערטער ברוטאַליטעט פון דער יידישער פּאָליציי. קיין גרעסערער יידישער זעלבסט־אָנקלאָג ווי דאָס קאַפּיטל וועגן דער יידישער פּאָליציי, ווו מען זעט ממש ווי דער שרייבער כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ און שלאָגט מיט אים קעגן אַלע ווענט פון דער יידישער געשיכטע און פון יידישן גורל און פרעגט די סאַמע ביטערסטע פראַגע נישט צום פאַרענטפערן: „פון וואַנעט האָט זיך גענומען אַזאַ רציחה צו אונדזערע יידן? ווען האָבן מיר דאָס אויפגעהאָדעוועט אַזוי פיל הונ־דערטער רוצחים, וואָס כאַפּן אין די גאַסן קינדער און וואַרפן זיי אויף די וועגע־נער און שלעפּן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ?״

דער ספּעקטאַקל פון יידן־מערדער, פון יידן־רוצחים, וואָס העלפן די מערדער פון יידן, איז מן הסתם די שרעקלעכסטע שטראָף, וואָס יידן האָבן אין משך פון זייער לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע געהאַט איבערצוטראָגן. הרב קוק, וואָס איז, לפי עניות דעתי, געווען איינער פון די טיפע טעאָלאָגישע דענקער פון אונדזער

דור, האָט די דאָזיקע שטראָף פאָרמולירט מיט דעם אויסטייטש פון וירעו אותנו המצרים, אַז דאָס ערגסטע איז געווען נישט דאָס, וואָס די מצרים האָבן אונדז שלעכטס געטאָן, נאָר וואָס זיי האָבן אונדז שלעכט געמאַכט.

בכלל שרייבט רינגעלבלום אין זיינע געטאָ־פאַרצייכענונגען נישט מיט זיין אייגענער שפּראַך, נאָר מיטן לשון פון דורות, און אַנטפּלעקט אין געטאָ־בוך, ווי הערצל אין זיינע טאָגביכער, די טיפע יידישע אינטימקייט, פון וועלכער מנחם בן פיווזיש פון בעטשוטש און נייסאַנדז האָט געשעפּט זיין היסטאָריאָגראַפיע און זיין לײדנשאַפט צו היסטאָריאָגראַפיע. נישט אין „אַלטנייילאַנד" און נישט אין „יודענשטאַט" האָט הערצל אַזוי אינטים און עכט און אמתדיק געטרוימט זיינע יידישע חלומות ווי אין זיינע „טאָגביכער". אין קיין איינער פון זיינע היסטאָרישע שריפטן, ביכער און עסייען, האָט עמנואל רינגעלבלום נישט אַזוי פון דורותדיקע טיפענישן אַרויסגעשריבן יידישע געשיכטע ווי אין די „כתבים פון געטאָ".

ווען איך האָב געלייענט ביי רינגעלבלומען אַזעלכע פאַרצייכענונגען (אונטער דער דאַטע פון 6טן מערץ 1940 און 15טן מערץ פון זעלבן יאָר) אויף האַלב־יידיש און האַלב־לשון־קודש (אין אַ נישט גראַמאַטיקאַלישן לשון־קודש) ווי „ביום הראשון רק אכזריות בחדר מיוחד אחר כך איבונגען על דבר האופן צו כאַפּן פאות. איש אחד געפילט הידים עוד חמים. הם הורגים באוזן ובראש. אנשים באים משם חצי משוגע. עובדים שני שבועות, כאשר הורגים היהודים העובדים פנים לכותל. ...שמעתי שזה שלושה ימים לקחו הכל אצל הברזל־באַן מהגויים אשר באו לעירנו אויסגעטון נאַקעט ולקחו הכל. שמעתי שבשבוע האחרונה נסע לא"י הרבי מגער". — ווען איך לייען די שורות דערפיל איך דעם גאַנצן פּחד, וואָס הויערט הונדערטער יאָרן איבער יידישע הערצער און אין דער זעלבער צייט דעם אומגעוויינלעכן סוווערענעם ביטול, וואָס די דאָזיקע מלכות־דיקע יידישע הערצער האָבן אין זיך געהאַט צו די אַלע גויישע רציחות און רשעותן, וואָס זענען נישט מער ווי שטויב און רויך אין אָנבליק פון דער גרויסער און אייביקער משיח־וויזיע.

פון איין זייט איז דער פּחד אַזוי גרויס, אַז מען רעדט אַפילו פאַר זיך אַליין אַזוי, אַז דער גוי זאָל נישט פאַרשטיין, און פון דער אַנדערער זייט זינגט פון דעם דאָזיקן לשון אַרויס אַ ממעמקימדיקער „אני מאמין בביאת המשיח".

און צו די דורותדיקע אינטימקייטן, וואָס שפּאַנען אַריבער איבער אַלע אידעאָלאָגיעס און פּראָגראַמען און דערציילן וועגן דער סאַמע אויטענטישער מיראַכטעניש פונעם היסטאָריקער רינגעלבלום, אַ טראַכטעניש, וואָס זי איז דער יסוד פון זיין געשיכטע־שרייבערישער שיטה, געהערט אויך די פאַרצייכענונג פונעם 14טן דעצעמבער 1942, אַז — „איין זאַך איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך וועגן יידן, שפּילן ווירטשאַפטלעכע מאָמענטן קיין שום ראָל נישט. מען נייטיקט

זיך אין אַרבעטער, אָבער נישט אין יידן. יידן האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן".

אַלע געשיכטע־שרייבערישע „איזמען" ווערן בטל, אַז עס קומט צו דער שנאת עולם לעם עולם. קיין שום צוגעטראַכטע שיטות קאָנען איבער איר נישט אַריבערשפּאַנען און קאָנען זי נישט אויסמיידן. די דאָזיקע שנאה שטייט ווי אַ באַרג אין דער מיט פון דער מענטשלעכער געשיכטע און זאָגט עדות ווי נישט דערגאַנגען, ווי נישט אָנגעהויבן אַפילו צו גיין עס האָט די קולטור פון בן אדמען, וואָס האָסט אין דעם יידישן פאָלק נישט דאָס פאָלק גופא, נאָר דעם ד' אחד, וואָס דאָס פאָלק האָט געשענקט דער מענטשהייט.

דריי ביאָגראַפיעס זענען געשריבן געוואָרן וועגן עמנואל רינגעלבלומען. די ערשטע שטאַמט פון דעם פּועלי־ציוניסטישן וועטעראַן יעקב קענער ע"ה, וואָס איז געווען רינגעלבלומס קוואַטער אין דער פּאַרטיי. די צווייטע איז אהרן אייזענבאַכס הקדמה צום ערשטן באַנד „כתבים פון געטאָ", און די דריטע — און בלי ספק די גרינטלעכסטע און אַרומנעמענדיקסטע — פון רינגעלבלומס עלטערן חבר היסטאָריקער יעקב שאַצקי ז"ל. שאַצקי האָט צו זיין זאַמלונג פון רינגעל־בלומס עסייען געשריבן אַ ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר און האָט מוסיף געווען אויך אַ ביבליאָגראַפיע פון רינגעלבלומס שריפטן, וואָס איז כולל 134 איינסן.

וויל איך פאַרענדיקן מיט דעם סוף־פּאַראַגראַף פון שאַצקיס רינגעלבלום־ביאָגראַפיע, וואָס גיט איבער אויך מיינע טראַכטענישן וועגן דעם אָנפירער פון „עונג שבת" אין וואַרשעווער געטאָ.

„דער גרויסער אַרכיוואַר פון פיין און בלוט איז געוואָרן איינער פון די שענסטע געשטאַלטן פון אונדזער מאַרטיראָלאָגישער געשיכטע. רינגעלבלומס געטאָ־נאָטיצן וועלן ווערן מיט דער צייט די נאַציאָנאַלע מגילה, וואָס איז מגלה די העלדישקייט פונעם יידישן פאָלק אין פּוילן". איך פון מיין זייט גיב נאָך צו, אַז רינגעלבלומס מגילה ווערט נאָך דערמיט גרעסער, וואָס זי אַנטפּלעקט אויך מיט זעלבסטקריטישן מוט די אומיידישקייט, איך מיין, „די מענטשלעכקייט אַלצו מענטשלעכקייט" פון אַ טייל יידן (גאָט צו דאַנקען אַ קליינעם טייל יידן) אין קלעם פון יענער אכזריותדיקער צייט.

שמעון ראַווידאָוויטש

1

דאָס „גאַנצע געפּעק"

שרייבן איז אַזאַ העכסט־אינדיווידואַליסטישער ענין, אַז נישט בלויז דער דיכטער, נאָר אויך דער דערציילער, דער עסייִסט און דער קריטיקער זענען אין תוך אויטאָביאָגראַפיש און אויטאָ־אַפּשאַצעריש. מען דערציילט אַ מעשה, מען שפּינט אַ געדאַנק, מען ברענגט אַ משל, מען פאָרמולירט אַ קריטישע טעזע וועגן ליטעראַטור און וועגן געזעלשאַפט און אין די אַלע אָביעקטיווע „מען'ס" פון דיכטונג און דאַכטונג, פון קינסטלערישער און מחשבהדיקער פּראָזע באַהאַלט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אַן אויטאָביאָגראַפישער מאָמענט, וואָס גיט דעם שליסל צום געמיט פונעם שרייבער. דער קריטיקער זוכט אַנאַליטיש אַרום דעם שליסל צו דעם דאָזיקן געמיט אויף די ברייטע, העלע שליאַכן פונעם שרייבערס ווערק — און דאָ מן הצד ליגט פאַר דיר אַ שליסעלע אָנגעגרייט פונעם שרייבער אַליין, כאַטש נעם און עפן און שפּאַציר אַריין.

עפּעס דאַכט זיך, אַן אומוויכטיקער עפּיזאָד, אַ זייטיקע מחשבה — אָדער גאָר אַ בלויז סתם אַזוי דערציילטע מעשה — און דווקא דאָ אין דער דרך־אַגבדיקייט און אין דער בהיסח־הדעתדיקייט פון איינעם אַ בלעטל, פון איינעם אַ פּאַראַגראַף אין שרייבערס ווערק איז פאַראַן אַן אויטאָ־אַפּשאַצעריש וואָרט, וואָס פירט אַרום דעם קריטיקער ווי מיט אַ לאַמטערן און ווייזט אים אָן, קלערט אים אויף און גיט אים צו פאַרשטיין.

אָט אַזאַ מין באַלויכטנדיק בלעטל וועגן דעם טראַכטער און שרייבער שמעון ראַווידאָוויטש איז בלי ספק די מעשה וועגן אַ פראַנצויזישן מלוכה־מאַן, וואָס ער, ראַווידאָוויטש דערציילט איבער אין איינער פון זיינע פיין־געשליפענע קליינע עסייען, אָדער ווי ער האָט זיי גערופן „שברי דברים" (וואָרט־בראָכוואַרג), גע־דרוקט אין זיבעטן און לעצטן באַנד פון די „מצודה"־זאַמלביכער, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעבראַכט צווישן די יאָרן 1943 און 1954. די מעשה גייט אַזוי:

ווען די דריטע פראַנצויזישע רעפּובליק איז זומער 1940 חרוב געוואָרן, האָבן אַ סך דעמאָקראַטישע פּאָליטיקער פאַרלאָזט דאָס לאַנד. אָבער אויב עס איז געווען עמעצער, וואָס האָט פאַר קיין פאַל נישט געטאָרט בלייבן אין פראַנקרייך איז דאָס זיכער געווען דער פילמאָליקער מיטגליד פון פראַנצויזישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, זשאָרזש מאַנדעל. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען די רעכטע האַנט פון פּרעמיער קלעמאַנסאָ, דער זיגער איבער דייטשלאַנד און

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון וווּרסאַילער שלום־טראַקטאַט. און ער, מאַנדעל, איז אין די יאָרן פון ערב דעם צווייטן וועלט־קריג געווען דער הויפּט־קעגנער פון הנחות לגבי היטלערן. און ער, מאַנדעל, האָט געהאַט אַ דריטן, אַ נאָך מער קאַרדינאַלן חסרון: ער איז געווען אַ ייד.

און דווקא מאַנדעל איז פאַרבליבן אין פראַנקרייך. שליחים פון דער ענגלישער רעגירונג זענען געווען גרייט אים מיטצונעמען מיט לעצטן עראָפּלאַן, וואָס איז אָפּגעפלויגן פונעם לאַנד פון פעטען צום לאַנד פון טשערטשיל.

— איך קען מיט אייך נישט מיטפאָרן — האָט געטענהט מאַנדעל, — ווייל מיין געפּעק איז צו גרויס.

און אַז שליחים האָבן מסכים געווען אַריינצונעמען מאַנדעלס באַגאַזש, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, האָט מאַנדעל אָפּגעווערט זייער גרייטקייט מיט אַזאַ מין שאַרפן און קלאָרן ענטפער.

— מיין געפּעק איז צו גרויס פאַר אַן עראָפּלאַן. מיין געפּעק איז פראַנקרייך.

אויך שמעון ראַווידאָוויטשעס באַגאַזש איז געווען צו גרויס, אַז ער זאָל געווען קענען טראַכטן וועגן וואָסער נישט איז אידעישער רעטונג. זיין געפּעק איז געווען דער קיום פונעם גאַנצן עם ישראל, אַ קיום ללא תנאי, און אַ קיום אומאָפּהענגיק פון לאַנד. ער האָט נישט מוותר געווען אויף קיין קוצו של יוד פון דער דאָזיקער עם־ישראל־אידעע.

ראַווידאָוויטש, דער פאָרשער פון יידישן געדאַנק, וואָס העברעיִש איז געווען די שפּראַך פון זיין טראַכטן; דער שריפטשטעלער און פּובליציסט, וואָס דאָס העברעיִשע וואָרט איז געווען זיין שאַרפסטער כלי־זיין און זיין אינטימסטער שפּיל פון שעפערישקייט — האָט זיך אויך מיט העברעיִש נישט אַריבערגעראַטעוועט אין לאַנד פון העברעיִש־אויפקום, מדינת ישראל.

איך שטרייך אונטער דעם העברעיִש־מאָמענט, ווייל אין דעם פּרט פון העברעיִש־שעפערישקייט האָט די היטלער־קאַטאַסטראָפע נאָך מער ווי אין פּרט פון פיזישער פאָלקס־עקזיסטענץ און פון אַנדערע טיילן פון יידיש־גייסטיקן קיום, אַ וואַקל געטאָן די אידעע פון גלות און האָט קאָנצענטרירט די האָפענונגען פון המשך און דויער אַרום דעם מקוים־געוואָרענעם חלום פון מדינת ישראל. אָבער שמעון ראַווידאָוויטש איז אויך, וואָס שייך העברעיִש־לשון, געבליבן אפשר דער איינציקער העברעיִש־שעפער, וואָס האָט זיך אידעיִש נישט אַריבערגעראַטעוועט קיין ארץ־ישראל.

ווען איך זאָג דער איינציקער, מיין איך נישט, אַז ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז צוליב פּערזענלעכע טעמים געבליבן וווינען אין די גלות־לענדער און האָט דאָ ממשיך געווען זיין פאָרשערישע און ליטעראַרישע אַרבעט אויף העברעיִש, נאָר איך מיין דער איינציקער, וואָס האָט אויך העברעיִש נישט אַרויסגעלאָזט פון דער אידעע פון א י י ן פאָלק ישראל, וואָס נעמט אַריין און

איז מחייב צו העברעיִש־דערציִונג און צו העברעיִש־שעפערישקייט די יידן אין אַלע ווינקלען, פונקט אַזוי ווי די יידן אין מדינת ישראל.

ס׳איז דערפאַר זעלבפאַרשטענדלעך, וואָס ראַווידאָוויטש איז געווען דער אידעאָלאָג פון העברעיִש אין גלות און דער מיטגרינדער און מיטפירער פון דעם העברעיִשן וועלט־פאַרבאַנד, דעם „ברית עברית עולמית". אָבער אָט דער, אַזוי צו זאָגן, ראַדיקאַלער העברעיִזם האָט ביי מענטשן, וואָס זענען אידעיִש איינגעשטעלט אויף איין צד, געקאָנט שאַפן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז ראַווידאָוויטש געפינט זיך אין אַ נעץ פון סתירהדיקייט.

דער צד פון ציוניזם און העברעיִש האָט געקוקט קרום, אָדער לכל הפחות קרימלעך, אויף ראַווידאָוויטשעס חיוב־הגלות־טעאָריעס און האָט אין זיי געזען אַ ווידערשפּרוך צו דער געשטאַלט פון ראַווידאָוויטשן, דעם ציוניסט און העברעיִשן שריפטשטעלער; דעם צד ווידער פון גלות־פּאָזיטיוויִזם און פון יידיש האָט זיך געגלוסט אויסדאַכטן, אַז ראַווידאָוויטש איז אַ „משלנו" און זיין העברעיִש־קעמפערישקייט איז נישט מער ווי אַן אידעיִשע סתירה, פון וועלכער ער קאָן זיך נישט באַפרייען.

דער איינדרוק אָבער פון אַ כלומרשטער סתירהדיקייט ביי ראַווידאָוויטשן איז אַ דורכויס פאַלשער שוין דערפאַר אַליין, ווייל ראַווידאָוויטשעס עיקר־אידעע איז געווען דער היפוך פון צדדימדיקייט. פאַר אים האָט אידעיִש עקזיסטירט בלויז איין צד, דער צד פון דער אייביקער און איינציקער יידישער קולטור־אומאָפּהענגיקייט פון צייטן און פון לענדער און אומאָפּהענגיק אין תוך אויך פון די אַרומיקע ציוויליזאַציעס.

ראַווידאָוויטש האָט נישט אָנערקענט קיין פונאַנדערטיילונג פון יידישער געשיכטע און פון יידישער קולטור, נישט על פי זיין איבערצייגונג און אויך נישט על פי זיין געמיט, וואָרעם אידעיִשע איבערצייגונג איז אין לעצטן סך־הכל נאָר דעמאָלט עכט און אמתדיק און האָט אַ גייסטיקן ווערט, ווען זי פאַלט צונויף מיטן טראַכטערס אינעווייניקסטער וועלט־זעונג (יעדער געדאַנק האָט אין זיך קינסטלעריש ליכט).

און געזען און געטראָגן אין זיך האָט ראַווידאָוויטש די היסטאָרישע גאַנצקייט פון עם ישראל. כ׳מיין, דאָס גאַנצע געפעק, וואָס איז צו שווער פאַר אַ רעטונגס־עראָפּלאַן. ער האָט דערפאַר אַפילו אין פּרט פון העברעיִש נישט אָנערקענט אַז די תפוצות דאַרפן זיך באַגנוגענען מיט ווייניקער ווי ארץ־ישראל און פּרווון בלויז קאָעקזיסטירן. אויך דאָ איז, לויט ראַווידאָוויטשעס זעונג, נישט געמאָלט קיין קאָעקזיסטענץ, וואָרעם אברים פון אַ גוף קאָעקזיסטירן נישט. זיי זענען אַלע אינאיינעם און יעדעס פאַר זיך איין און דאָס זעלבע לעבן.

„אין חלקי עם המעמידים את ישראל אך ורק על מדינת ישראל ויהדות אמריקה" (איך האַלט נישט, הייסט עס, מיט יענע, וואָס שטעלן ישראל בלויז

אויף דער יידישער מדינה און אויף אַמעריקאַנער יידנטום). ס׳איז פֿאַראַן אַ ישראל אויך אין אייראָפּע — האָט ראַבינאָוויטש ממש מיט וויטיק אויסגעשריען אין איינעם פון זיינע עסייען אין „מצודה" און ס׳וועט זיין ישראל אין אייראָפּע.

ער האָט נישט מוותר געווען אויף גאָרנישט און אַוודאי נישט אין זינען פון יידיש־גייסטיקער אייגנקייט.

און די דאָזיקע אידעע און זעונג פונעם „גאַנצן געפּעק", פונעם עם־ישראל־קיום ללא תנאי, איז נישט געקומען צו ראַבינאָוויטשן ערשט אין זיינע רייפע שרייבער־ און פאָרשער־יאָרן.

מען לייענט דעם אַריינפיר צו די כתבי רנ״ק, צו די שריפטן פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, וואָס דער יונגער 27יאָריקער ד״ר ראַבינאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט אין 1924 אין בערלין, אין זיין אייגענעם פאַרלאַג „עיינות", און מען זעט דעם אמת פונעם ווערטל, אַז וואָס ס׳דאַרף ווערן אַ האַק קרימט זיך שוין באַצייטנס.

די אייביקייט־אידעע און די גאַנצקייט־אידעע פון יידישן פאָלק, די אידעע, וואָס ראַבינאָוויטש, אין רייפן עלטער פון „לעצה", האָט באַצייכנט מיט זיין אייגענעם טערמין ווי דער „קיום ללא תנאי", דער קיום אָן שום באַדינגונגען — אָט די אידעע האָט דעם יונגן געלערנטן מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק געפירט צו דער היסטאָריאָגראַפיע פון ר׳ נחמן קראָכמאַל.

ראַבינאָוויטשעס אַריינפיר צו רנ״קס שריפטן איז פאַר זיך אַליין אַ בוך פון איבער דריטהאַלבן הונדערט זייטן און איז עד היום, סיי אין פּרט פון ביאָגראַפישער אינפאָרמאַציע און סיי אין פּרט פון אַנאַליז און אויסטייטש פון רנ״קס היסטאָריאָזאָפישער שיטה, דאָס אויספירלעכסטע און פונדאַמענטאַלסטע ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אָט דעם וויכטיקסטן העברעישן דענקער פון 19טן יאָרהונדערט.

אין ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן" האָט דער יונגער געלערנטער שמעון ראַבינאָוויטש געזוכט און געפונען אָט דאָס „גאַנצע געפּעק" פון יידישער גייסטיקייט און פון יידישער קיום־אייביקייט, וואָס איז פאַר דעם רייפן פאָרשער און שרייבער ראַבינאָוויטש געווען און געבליבן דער ווינקלשטיין פון זיין מחשבה.

ביי ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט דער יונגער שמעון ראַבינאָוויטש געלערנט, אַז „וואָס שייך קיום איז לכאורה טאַקע נישטאָ קיין חילוק צווישן ישראל און צווישן די אומות העולם. צום אויסדרוק קומט דער אונטערשייד ערשט דעריך, וואָס ישראל איז גובר דעם היסטאָרישן אונטערגאַנג; וואָס עם ישראל איז מנצח דעם דריטן ציקל פון יעדער פאָלקס־געשיכטע, דעם ציקל פון ירידה און אונטער־גאַנג. וואָס קיין שום אומה אין דער וועלט איז דאָס נישט בכוח. בלויז ישראל האָט דעם כוח אָנצוהאַלטן דעם קיום אויך נאָך דעם דריטן ציקל און אָנצו־הייבן פון בראשית, ווייל ישראל איז באַהעפט מיט דעם „רוחני מוחלט" (גייס־

טיקער אַבסאָלוט) און איז דערפאַר אַ „בן נצח ואַלמות״ (אייביק און אומ־שטערבלעך) ווי ער, דער „רוחני מוחלט״.

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געווען אַ וועלטלעכער היסטאָריקער, דער ערשטע יידיש־וועלטלעכער היסטאָריקער, וואָס האָט אָנערקענט די אויסדערוויילטקייט פונעם עם ישראל און האָט דעם יידישן „אתה בחרתנו״ געפּרוּווט באַגרינדן נישט טעאָלאָגיש, נאָר פילאָזאָפיש, און נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגיש.

דער פילאָזאָפישער געדאַנק פון דער יידישער אַנדערשקייט, פון דער יידי־שער נישט „ככל״, נאָר „מכל העמים״־דיקייט האָט ראַווידאָוויטשן געפּירט זיך צו פאַרטיפן אין רנ״קס היסטאָריאָגראַפישן ווערק און אונדז צו געבן אַ גוט־דורכ־געטראַכטן, קלאַסישן אַנאַליז פונעם „מורה נבוכי הזמן״. די ליבשאַפט פון דעם יונגן געלערנטן צו דער יידישער אַנדערשקייט און אָריגינעלקייט און זיין טיפער גלויבן אין איר, איז געווען דער יסוד פון ראַווידאָוויטשעס קאַמף קעגן דער אָנגענומענער טעזע פון העגעלס השפעה אויף ר׳ נחמן קראָכמאַל.

דעם קאַמף קעגן דער פאַרשפּרייטער טעזע פון רנ״קס העגעליאַניזם האָט דער יונגער ראַווידאָוויטש געפירט מיט אַן אויסנעמלעכער ברילאַנטישקייט וואָס שייך די פּרטים און מיט אַ זייער דינער, הגם נישט תמיד איבערצייגנדיקער געדאַנק־ניואַנסירונג ווען ער קומט מאַכן דעם אויספיר, אַז ר׳ נחמן קראָכמאַל איז אין זיין קאָנצעפּט וועגן דער גייסטיק־היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון יידנ־טום געווען דורכויס אָריגינעל. וואָרעם, אויב השפעות, ברענגט ראַווידאָוויטש ראיות, איז רנ״ק באַאיינפלוסט געוואָרן פונעם רמב״ם, פון ר׳ עזריה מן האדומים, פון ר׳ אבן עזרא און אַנדערע יידישע דענקער, וואָס ער רופט אָן זייערע נעמען, אָבער נישט פון העגלען, וואָס ער דערמאָנט אים בלויז איין מאָל, אי דאָס ברמז, אַז „א ו י ך דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף פון אונדזער דור האָט רעדנדיק וועגן דעם ענין באַמערקט א. אַז. וו.״. ראַווידאָוויטש שטרייכט אונטער מיט יוגנטלעך־פּאָלעמיסטישן עלאַן דאָס וואָרט א ו י ך, כדי צו באַווייזן, אַז אפילו אין דעם איינעם מאָל, ווען העגעל ווערט דערמאָנט, איז ער נישט מער ווי אַ תנא מסייע צו ר׳ אברהם אבן עזרא. דער עיקר איז דער אבן עזרא און העגעל איז נישט מער ווי א ו י ך.

דער דאָזיקער יונגער ברען פון אַרגומענטירונג מיטן כוח פון אַ וואָרט, מיטן כוח פון אַריינגעטייטשטע מיינען און ניואַנסן פון מיינען אין אַ וואָרט, איז ראַווידאָוויטשן פאַרבליבן אויך אין זיין שפּעטערדיקער פאָרשונג און דער עיקר אין פּובליציסטיק.

ווען איך שטעל זיך דאָ אָפּ אויף ראַווידאָוויטשעס טעמפּעראַמענטפולן קאַמף אַפּצווווישן פון רנ״קן דעם „בילבול״ פון העגעליאַניזם, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט, האָב איך נישט אין זינען צו פּסקענען די שאלה ווער ס׳איז

דאָ גערעכט: פּראָפעסאָר ראַווידאָוויטש אָדער זיין הויפּט־קעגנער אין דעם פּרט, פּראָפעסאָר קלויזנער.

איך בין בלויז אויסן אָנצוווייזן, אַז ראַווידאָוויטש איז פון סאַמע בראשית אָן, אַ דאַנק זיין באַציִונג, אַ דאַנק זיין געמיט און געדאַנקען־גאַנג, געווען אינ־טענסיוו אַריינגעטאָן אין דער אידעע פון יידיש־פאָלקישער אַנדערשקייט, פון יידיש־היסטאָרישער נצחיות און פון יידיש־גייסטיקער אָריגינעלקייט. פון אָט דעם געמיט־צושטאַנד איז דאָס סיי אין זיין פילאָזאָפיש־פאָרשערישער און סיי אין זיין פּובליציסטיש־וועגווייזערישער אַרבעט אַרויסגעוואַקסן דער אומווילן צום שבת־גוי. ראַווידאָוויטשעס געמיט האָט רעבעלירט קעגן דער הסכמה, וואָס מיר זוכן אין שעפערישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן ביים געלערנטן און ביים פּאָליטיקער פונעם פרעמדן אַרום, מיט איין וואָרט, ביים שבת־גוי, דעם נישט־יידישן און אויך ביים יידישן שבת־גוי, ווי ראַווידאָוויטש האָט אָנגערופן דעם ייד, וואָס זיינע וואָרצלען זענען דרויסנדיקע, מחוץ פון העברעיִש און יידיש.

מיר דאַכט, אַז שמעון ראַווידאָוויטש איז פון צווישן די טראַכטער און שריי־בער פון אונדזער דור געווען דער מאַן מיטן סאַמע אינטעגראַלסטן, אָדער ריכ־טיקער געזאָגט, אינטעגראַליסטישן יידישן געמיט און געדאַנק.

קיין מאָל איז מיר אַזוי נישט קלאָר געווען שמעון ראַווידאָוויטשעס ממש עפּאָפּייִשער קאַמף קעגן דעם נאָמען ישראל פאַר מדינת ישראל ווי איצט, ווען איך האָב ווידער אַ מאָל געלייענט זיין אויסגעצייכנטן אַריינפיר צו די „כתבי רנ״ק". ישראל, ווי דער נאָמען פאַר מדינת ישראל, האָט אין ראַווידאָוויטשעס אויגן געמוזט זיין אַ מינערונג פונעם גאַנצן היסטאָרישן געפעק. ס׳איז פאַר אים געווען גלייך ער זאָל צוקוקן ווי מען רייסט אַרויס אַ טייל פון דער יידיש־היסטאָרישער גאַנצקייט, כדי מען זאָל מיט דעם טייל אונטערן נאָמען פון גאַנצקייט קענען אַרויף אויף אַן אידעיִשן רעטונגס־אַעראָפּלאַן.

עס איז פאַרשטענדלעך דער שווערער און אומדערמידלעכער קאַמף, וואָס ראַווידאָוויטש האָט געפירט קעגן אָט דעם, ווי אים האָט זיך געדאַכט, גרויסן אומרעכט מצד די מינערער פונעם „גאַנצן נאַציאָנאַלן געפעק". ער האָט די מלחמה געפירט אין העברעיִש, אין יידיש און אויך אין ענגליש, אין אַלע דריי שפּראַכן מיט גרויס אויספירלעכקייט און ברילִיאַנטישקייט, דער עיקרשט אויף העברעיִש און אויף יידיש.

קיין מצמצם איז ראַווידאָוויטש און קיין איינער פון זיינע פאָרשערישע און פּובליציסטישע אַרבעטן נישט געווען. אָבער מיט אַזאַ פּרטימדיקייט ביז צום סאַמע דנאָ פון די פּרטים האָט ער, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל געפירט זיין וויסנשאַפטלעכן און פּובליציסטישן קאַמף אַרום דעם ענין פונעם נאָמען ישראל פאַר מדינת ישראל.

און אויך די דאָזיקע פּרטימדיקייט פאַרשטייט מען צום בעסטן ווען מען

מעסט זי מיט דער קריטישער מאָס, וואָס ראַווידאָוויטש האָט אין איינער אַ שטעלע פון זיין רנ״ק־מאָנאָגראַפיע אָנגעווענדט צום מחבר פון „מורי נבוכי הזמן״.

רעדנדיק וועגן דער פּרטימדיקייט פון רנ״ק, וועגן די צופיל דעטאַלירטע הערות און וועגן דער נטיה צו פּעדאַנטישער פּרעציזקייט פון שפּראַך און סטיל, וואָס ער געפינט דאָ און דאָרט ביי רנק״ן, ווייזט ראַווידאָוויטש אָן אויף דעם חילוק צווישן קריטיק און היסטאָריע. די קריטיק — זאָגט מיט רעכט ראַווידאָוויטש — קומט אַנאַליזירן און אַרויסהייבן די אונטערשיידן, בעת די אויפגאַבע פון היסטאָריע איז צו באַהעפטן און צו בויען דעם בנין. דער היסטאָריקער, וואָס איז בטבע אַ סיסטעמאַטיקער, זוכט דעם מיין פון דער נויטווענדיקער גענעראַליזירונג; דער קריטיקער, וואָס איז אַן אַנאַליזירער זוכט דעם אמת אין די פּרטים.

וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן מיטן רבין ר׳ נחמן קראָכמאַל, האָט אויך נישט אויסגעמיטן זיין געטרייען תלמיד און ביאָגראַף ר׳ שמעון ראַווידאָוויטש. וואָרים אין די פּרטים, דורך וועלכע ראַווידאָוויטש האָט פאַר אונדז אַזוי בולט געמאַכט דעם אונטערשייד און די מעגלעכע קאָנפוזיע אַרום דעם נאָמען ישראל פאַר מדינת ישראל, איז געלעגן דורכויס אמת. יעדער פּרט — אמת.

קריטיש איז ראַווידאָוויטש אַזוי אַרום געווען גערעכט, אָבער נישט היסטאָריש. וואָרעם היסטאָריש האָט דווקא די נויטווענדיקייט פון דעם „עם ישראל אחד״ געמוזט איינגיין אויף קאָנפוזיע אין די פּרטים, כדי עס זאָל וואָס קלאָרער און איינדייטיקער זיין פאַר דער וועלט און טאַקע פאַר אונדז, אַז מדינת ישראל געהער דעם גאַנצן יידישן פאָלק און איז איצט, אין דעם נייעם בראשית־־ציקל פון אונדזער געשיכטע, דער סימבאָל פון אויפקום נישט בלויז פאַר דער יידישער מדינה, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל.

עס קאָנען דערפאַר זיין אַזעלכע, וואָס טראַכטן (און איך געהער צו זיי), אַז ראַווידאָוויטשעס פּאָלעמיסטישע פּרטימדיקייט האָט אין אַ געוויסן זין פאַרפעלט צו דערזען די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון דעם נאָמען ישראל פאַר דער יידישער מדינה און פאַרפעלט צו דערזען וויפל אָט דער נאָמען טוט אויף און וועט נאָך אויפטאָן דווקא פאַר דער קאָנצעפּציע פון עם אחד, פאַר דער אידעע פון אייביקן יידישן וועלט־פאָלק, פון דער אידעע, וואָס ראַווידאָוויטש איז געווען אין אונדזער דור איינער פון אירע געטרייע בויער און אויסבויער.

אָבער עס איז זיכער נישט פאַראַן קיין איינער, וואָס זאָל נישט בלייבן שטיין מיט דרך ארץ פאַר דער גייסטיקער עשירות און ברילאַנטישער פאָרמולירונג פון די פּרטים סיי אין העברעיִש אין דער „מצודה״ אין סיי אין יידיש אין דער „צוקונפט״. און ס׳איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל נישט פילן דאַנק און ליבע צו דעם אומדערמידלעכן פאָרשער, שריפטשטעלער און פּובליציסט, וואָס האָט נישט בלויז באַרייכערט אונדזער פילאָזאָפישע ליטעראַטור מיט זיינע אַרבעטן וועגן סעדיה גאון, וועגן רמב״ם און וועגן רנ״ק און האָט נישט בלויז

אידעי׳ש באַלויכטן אונדזער געזעלשאַפטלעכן גאַנג מיט זיינע אַרטיקלען און עסייען, נאָר איז אויך געווען אַן ערשטקלאַסיקער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרשעריי־שער און ליטעראַרישער אַרבעט.

ראַוויִדאָוויטש, דער עילוי פון מחשבה און וואָרט, איז אויך געווען אַן עילוי פון מעשים. פון בערלין אין די צוואַנציקער יאָרן, איבער לאָנדאָן אין די פער־ציקער יאָרן, איבער שיקאַגאָ און וואָלטהעד אין די לעצטע ניין יאָר פאַר זיין פטירה, האָט דער יונגער און מיטלאָריקער ראַווידאָוויטש געגרינדעט פאַרלאַגן, אַרויסגעגעבן זאַמלביכער, מיטרעדאַקטירט און מיטגעאַרבעט אין העברעי׳שע און אין יידישע צייטשריפטן און געקנעלט מיט צוויי דורות יונגע יידן יידישע מחשבה. אַפילו אַ „פנקס שיקאַגאָ" האָט געוואָרט ביז ער וועט קענען אויפגע־ריכט ווערן פון ראַווידאָוויטשעס פלייס, פון ראַווידאָוויטשעס גרייטקייט צו טאָן די עבודת הכינוס.

2

נייע אויפלאַגע פון „מורה נבוכי הזמן"

אין דעם גרויסן שפּעטרישן רענעסאַנס, וואָס די יידישע גאַליציע האָט איבערגעלעבט אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, האָט איינעם פון די סאַמע ערשטע פלעצער פאַרנומען דער פילאָזאָף און היסטאָריקער ר׳ נחמן קראָכמאַל. ער איז געווען דער הויפּט־וואָרטזאָגער, הגם ער האָט ביי זיין לעבן קיין בוך נישט אַרויסגעגעבן.

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז בטבע געווען אַ שטילער, צוריקגעצויגענער און קרענקלעכער ייד, וואָס האָט געמיטן דאָס עפנטלעכע לעבן. דער איינציקער אַמט, וואָס ער האָט פאַרנומען איז געווען דער אַמט פון ראש הקהל אין דער אַלטער, אָבער קליינער שטאָט זשאָלקעוו. ער האָט געלעבט נישט מער ווי פינף און פופציק יאָר און די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ מחוסר פרנסה און האָט פאַרלאָזט זשאָלקעוו, כדי צו זוכן אַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער אין זיין געבוירנ־שטאָט בראָד. ער איז דאָרט פאַרבליבן עטלעכע יאָר און אַז ער האָט מער קיין אַרבעט נישט געהאַט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין טאַרנאָפּאָל און האָט געוווינט די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן ביי זיין טאָכטער קוינע, וואָס איז געווען די פרוי פון דעם משכיל און באַוווסטן שטאָט־מעדיקער, ד״ר נתן האָראָ־וויץ. געשטאָרבן איז ר׳ נחמן קראָכמאַל דעם 31סטן יולי 1840 און איז געקו־מען צו קבורה אויפן טאַרנאָפּאָלער בית־עלמין.

באַרימט געוואָרן איז ר׳ נחמן קראָכמאַל ערשט נאָך זיין טויט, ווען די יורשים און תלמידים האָבן אויף זייער חשבון אָפּגעדרוקט דאָס פילאָזאָפישע הויפּט־ווערק פון זייער פאָטער און רבין. דעם מאַנוסקריפּט האָט איבערגעקוקט

און רעדאַקטירט דער זייל פון דער „חכמת ישראל״ אין דייטשלאַנד, ר׳ יום־טוב ליפּמאַן צונץ. דאָס בוך איז דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1851 אונטערן נאָמען „מורה נבוכי הזמן״. שוין דער נאָמען אַליין, וואָס צונץ האָט געגעבן דעם בוך באַווייזט, וואָס פאַר אַ הויכע מיינונג דער גרינדער פון דער „חכמת ישראל״ האָט געהאַט וועגן דעם גאַליציאַנער משכּיל. צונץ האָט קראַכמאַלס ספר געשטעלט אין איין ריי מיטן „מורה נבוכים״ פון רמב״ם. צו דעם נאָמען „מורה נבוכים״ האָט ער (דער וועגווייזער פאַר די צעמישטע) בלויז צוגעשטעלט „הזמן״ (פון דער צייט). ער איז דערמיט אויסן געווען צו זאָגן, אַז ווי דער רמב״ם אין צוועלפטן יאָרהונדערט, מיטן כוח פון אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע, אַזוי האָט ר׳ נחמן קראַכמאַל אין נייצנטן יאָרהונדערט מיט דער הילף פון פרידריך העגעלס פילאָזאָפישער שיטה אונטערגענומען צו ווערן און איז געוואָרן דער וועגווייזער פון די צעמישטע אין זיין צייט.

ר׳ נחמן קראַכמאַלס „מורה נבוכי הזמן״ האָט, ווייזט אויס, געהאַט לייענער און קויפער, וואָרעם צוועלף יאָר נאָך דער ערשטער אויסגאַבע איז דערשינען אַ צווייטע אויפלאַגע אין 1863, אויך אין לעמבערג, אין פאַרלאַג פון מיכאל וואָלף, וואָס איז געווען אַ חבר פון רנ״קס זון אברהם. און ס׳איז אויך אַרויס אַ דריטע אויפלאַגע פון רנ״קס ספר, דאָס מאָל אין וואַרשע, אין יאָר 1894.

אָבער אויף אַן אמת האָט דעם פילאָזאָף ר׳ נחמן קראַכמאַל און זיין היסטאָריאָזאָפיע, ערשט מיט 30 יאָר שפּעטער, פּרעזענטירט דער יונגער דענקער, פאָרשער און שריפטשטעלער פון אונדזער אייגענעם דור — ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש.

די אויסגאַבע פון דעם „מורה נבוכי הזמן״, וואָס שמעון ראַווידאָוויטש ז״ל האָט אַרויסגעבראַכט מיט אַכט און דרייסיק יאָר צוריק, האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם און האָט געוווּנען אַ סך אָנערקענונג — אַ סך אָנערקענונג אויך מצד די, וואָס האָבן פּאָלעמיזירט מיט ראַווידאָוויטשן מכּוח אַ טייל פון זיינע פּירושים. ביאַליק און אחד העם האָבן גערעדט מיט התפּעלות וועגן ראַווידאָוויטשעס אַריינפיר צום „מורה נבוכי הזמן״. און ראַווידאָוויטשעס אויסגאַבע פון רנ״ק איז געווען אַ מין „בעסט־סעלער״. אין משך פון פינף יאָר האָט זיך די גאַנצע אויפלאַגע אויספאַרקויפט.

איצט, נאָך שמעון ראַווידאָוויטשעס פריציייטיקער פּטירה, אין עלטער פון זעכציק יאָר, האָבן זיין אַלמנה אסתר און זיין בן־יחיד בנימין חיים־יצחק, אַרויסגעבראַכט אַ צווייטע אויפלאַגע פון יענער אויסגאַבע פון 1924. פון זייער הקדמה ווערן מיר געוווּר, אַז שמעון ראַווידאָוויטש ז״ל האָט געפּלאַנט און געגרייט אַזאַ צווייטע אויפלאַגע און האָט אַפילו אָנגעשריבן אַן אַריינפיר־וואָרט, וואָס ווערט געבראַכט ביים אָנהייב פון דעם ספר. אין אָט דער צווייטער אויפלאַגע ווערן אויך איבערגעדרוקט יום־טוב ליפּמאַן צונצס הקדמה צו דער

ערשטער אויסגאַבע פון יאָר 1851, און ראַווידאָוויטשעס אַ מאמר וועגן צונצס נאָטיצן אַרום דער רעדאַגיר־אַרבעט פון דעם „מורה נבוכי הזמן״ . פון גרויס וויכטיקייט איז דער אינדעקס פון די מראה מקומות פון די מאמרי חז״ל, תנ״ך־פסוקים און טייטשן פון מפרשים, וואָס ווערן געבראַכט אין „מורה נבוכי הזמן״. דעם דאָזיקן אינדעקס האָט צוגעגרייט, לויט ראַווידאָוויטשעס פּלאַן, זיינער אַ תלמיד, דער ביבליאָטעקאַר פון דער סעמיטישער אָפּטיילונג אין בראַנדייס־אוני־ווערסיטעט, אברהם גרינבוים פון באָסטאָן, און ער האָט געטאָן אַ גוטע און גרינטלעכע אַרבעט. ביים סוף פון דעם בוך איז צוגעגעבן אַן אָפּקלייב פון אַ ראַווידאָוויטש־ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון דעם נפטרס אַלמנה און בן־יחיד.

פון באַזונדערן אינטערעס איז די הקדמה, וואָס ראַווידאָוויטש האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ יאָר פאַר זיין טויט. די הקדמה איז כמעט אַ פאַרענדיקטע. עס זענען דאָ בלויזע ערטער אין אַ טייל שורות, וואָס ער האָט געהאַט בדעה אויס־צופילן מיט ציטאַטן, אָדער, ווי זיין פרוי און זון זענען זיך מיט רעכט משער, מיט געוויסע פּאָלעמישע פרטים קעגן שרייבער און פאַרשער, וואָס האָבן זיך מיט ראַווידאָוויטשן מתוכח געווען נאָך דער אויסגאַבע פון 1924 וועגן די פילאָ־זאָפישע השפעות אויפן „מורה נבוכי הזמן״. איין נאָמען דערמאָנט ראַווידאָוויטש אין זיין נישט־פאַרענדיקטער הקדמה. עס איז דער נאָמען פון דעם באַוווסטן יידיש־דייטשן פילאָזאָף יוליוס גוטמאַן, וואָס איז אַ מאָל געווען דאָצענט פאַר פילאָסאָפיע אין ברעסלאַוער אוניווערסיטעט, האָט דערנאָך געלערנט פילאָסאָפיע פון יידנטום אין דער בערלינער „האָכשולע פיר וויסנשאַפט דעס יודענטומס״ און האָט אין 1934 עולה געווען קיין ארץ ישראל און זוכה געווען צו פאַרענדיקן זיין וויסנשאַפטלעכע קאַריערע ווי אַ פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

דאָס קאַפּיטל רנ״ק — דאַווידאָוויטש — יוליוס גוטמאַן איז אויסנעמלעך אינטערעסאַנט. דאָס קאַפּיטל האָט אַחוץ זיין פילאָסאָפישן, אויך אַ געזעלשאַפט־לעך־מאָראַלישן אינטערעס.

נאָך דעם ווי דער יונגער 27יאָריקער שמעון ראַווידאָוויטש האָט אָפּגעדרוקט דעם „מורה נבוכי הזמן״ אין איינעם מיט זיין מאָנאָגראַפיע וועגן רנ״ק, האָט ער זיך געווענדט צום פּראָפ. יוליוס גוטמאַן און האָט אים פאַרגעלייגט, אַז די יידישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, וואָס ער איז געווען איר פאָרזיצער, זאָל אַרויסגעבן אַ בוך וועגן רנ״קן אויף דייטש.

יוליוס גוטמאַן האָט זיך זייער געוווּנדערט אויפן פאָרשלאָג : „אַ בוך וועגן רנ״ק ? איז רנ״ק דען געווען אַן „אָריגינעלער פאָרשער ? וואָס האָט ער אויפגע־טאָן ?״

דער יונגער, אין רנ״ק אַריינגעטוענער, שמעון ראַווידאָוויטש, האָט זיין

עלטערן חבר געפּרוווט אויסרעדן זיין אומבאַגרינדעטן ביטול און אים נאָכוויזן ר׳ נחמן קראָכמאַלס באַדייט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געדאַנק.

אָבער יוליוס גוטמאַן האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. ער האָט געענטפערט ראַווידאָוויטשן היפּש פון אויבן אַראָפּ און צו אים געזאָגט בזה הלשון (ראַווידאָוויטש ציטירט דעם דייטשן אָריגינאַל פון די ווערטער און איך גיב זיי דאָ אין מיין יידישער איבערזעצונג):

„ווען מען מאַכט אַן אַרבעט וועגן דער שלעזישער לייוונט־אינדוסטרי דאַרף מען גיין קיין ברעסלאַו, אַז מען שרייבט וועגן דער ריינישער דיכטונג דאַרף מען גיין קיין קעלן, און אַז איר ווילט אַרבעטן איבער קראָכמאַל דאַרפט איר גיין קיין וואַרשע, דאָרט איז דער ריכטיקער פּלאַץ דערפאַר״.

אין וואַרשע, הייסט עס, איז דער ריכטיקער פּלאַץ ווו אַן „אָסט־יידישער״ יונגערמאַן דאַרף אַרבעטן איבער דעם ווערק פון אַן „אָסט־יידישן״ דענקער, וואָס סך־הכל — „וואָס האָט ער אויפגעטאָן?״

אָבער יידישער גורל איז אַזאַ גוטער און בייזער לערער, וואָס אַפילו אַ פילאָזאָף דאַרף זיך היטן איידער ער זאָגט אַרויס עפּעס „האָפּערדיקס״, וואָרעם אָט קומט דער „גורל״ און לאַכט דערפון אָפּ און מאַכט דערפון פּונקט קאַפּויער.

אין יאָר 1934 האָט פּראָפעסאָר יול״וס גוטמאַן געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד און ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דאָרט האָט ער, ווי שוין דערמאָנט, אין גיכן איבערגענומען די ירושלימער קאַטעדרע פאַר יידישער פילאָזאָפיע און אין יאָר 1953 האָט דער „מוסד ביאַליק״ אַרויסגעגעבן אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון פּראָפ. גוטמאַנס הויפּט־ווערק „די פילאָזאָפיע פון יידנטום״, וואָס איז דערשינען אויף דייטש אין יאָר 1933 אין בערלין.

דאָס נייע אין יוליוס יצחק גוטמאַנס העברעיִשן תרגום פון זיין ספר איז, וואָס אין דער „הפילוסופיה של היהדות״ זענען צוגעקומען צוויי נייע פּרקים: אַ פּרק וועגן רנ״ק און אַ צווייטער וועגן פראַנץ ראָזנצוויג.

עס ווייזט אויס, אַז אין ירושלים איז פּראָפ. יוליוס גוטמאַן (ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1950, אין עלטער פון זיבעציק יאָר, דריי יאָר איידער ס׳איז דערשינען דער העברעיִשער תרגום פון זיין „די פילאָזאָפיע פון יידנטום״) דאָך געוווּיר געוואָרן, אַז רנ״ק איז געווען אַן אָריגינעלער דענקער און וואָס ער האָט מחדש געווען.

פאַר מיר ליגט פּראָפ. גוטמאַנס בוך „הפילוסופיה של היהדות״ און איך זע דאָרט, אַז נאָך איידער ער גייט צו צו קראָכמאַלס ווערק גופא, גיט ער אים שוין אַ לויב־אַוואַנס אין דעם אַריינפיר־קאַפּיטל „דער נאָכקאַנטישער אידעאַליזם אין דער יידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע״. אויף ז. 275—276 זאָגט פּראָפעסאָר גוטמאַן וועגן ר׳ נחמן קראָכמאַל, אַז ער איז געווען איינער פון די „באַנבּרעכער פון היסטאָרישער פאָרשונג פון יידנטום״ און אַז קראָכמאַלס „היסטאָריש־פילאָ־

זאָפישע שיטה האָט שטאַרק משפיע געווען אויף די רעליגיעזע פילאָזאָפן, וואָס זייער שול איז געווען דער טעאָרעטישער אידעאַליזם".

וואָס שייך די אָפּהאַנדלונג גופא וועגן רנ"ק קומט פּראָפ. גוטמאַן אין תוך כמעט צו דעם זעלבן אויספיר, וואָס ראַווידאָוויטש אין זיין מאָנאָגראַפיע אין יאָר 1924. פּראָפ. גוטמאַן נעמט אָן ראַווידאָוויטשעס טעזע, אַז רנ"ק איז נישט געווען קיין העגעליאַנער, הגם העגעל איז דער איינציקער נאָמען פון אַ נאָך־קאַנטישן פילאָזאָף, וואָס ווערט דערמאָנט אין „מורה נבוכי הזמן".

ראַווידאָוויטש זאָגט אין זיין מאָנאָגראַפיע פון יאָר 1924, וואָס איז איצט איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער רנ"ק־אויסגאַבע פון יאָר 1961, אַז ר' נחמן קראָכמאַל איז „נישט געקומען צום „גייסטיקן אַבסאָלוט" (הרוחני המוחלט) ווי אַ דיאַלעקטיקער, וואָס זוכט שלום צו מאַכן צווישן דעם סוביעקטיוון און אָביעקטיוון גייסט און אויסצוגעפינען, אַז זיי שטאַמען ביידע פון דעם „גייסטיקן אַבסאָלוט". ער איז דערצו געקומען ווי אַ מענטש פון גלויבן, ווי אַ יורש פון אַלטער יידישער טראַדיציע און ווי אַ תלמיד פון מענדעלסאָן און קאַנט. דעם רנ"קס „גייסטיקער אַבסאָלוט" איז אין זיין עיקר נאָר אַ יידישער. ער איז אַ קנין פון דער כנסת ישראל. ער איז די סיבה פון ישראלס אייביקייט, וואָרעם ער איז דער וועכטער פון זיין קיום אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דעם איז פאַראַן אַ גאַראַנטיע אויך פאַר דער צוקונפט".

„וואָס־זשע קער זיך אָן — פרעגט ראַווידאָוויטש — אָט דער „רוחני מוחלט" מיט העגעלס „אַבסאָלוטן גייסט"? אין העגעלס „אַבסאָלוטן גייסט" איז דאָ אַן אָנווונק אויף דער קריסטלעכער דריי־אייניקייט (דער פאָטער, דער זון און דער גייסט), בעת רנ"קס „רוחני מוחלט" איז געלייטערטער מאָנאָטעיזם".

און וואָס ענטפערט פּראָפעסאָר גוטמאַן נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט רנ"קן און ווייס וואָס דער זשאָלקעווער פילאָזאָף האָט אויפגעטאָן? ער זאָגט כמעט דאָס זעלבע וואָס ראַווידאָוויטש (זע ז. 291 און הערה 765). אַחוץ איין קאַפּיטל וועגן די הנחות פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וואָס שטאַמען פון דער „לאָגיק", קען מען ביי רנ"קן „נישט געפינען נישט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד ביים אַנטוויקלען פון געדאַנקען און נישט דעם דיאַלעקטישן באַנעם פון דעם גאַנג פון געשיכטע". ווייטער האַלט פּראָפעסאָר גוטמאַן, אַז רנ"ק איז אין זיינע עיקרדיקע מעטאַפיזישע אָנשויונגען גיכער נענטער צו שעלינגן איידער צו העגעלן.

מיט איין וואָרט, אין דער פלוגתא צווישן קלויזנערן און ראַווידאָוויטשן וועגן דער העגעלישער אָדער נישט־העגעלישער השפעה אויף רנ"קן, שטייט פּראָפעסאָר גוטמאַן מיט קליינע אָפּנייגן אויף דער זייט פון ראַווידאָוויטשן.

דער צוזאַמענשטויס צווישן גוטמאַנען און ראַווידאָוויטשן האָט, בכן, אַ

פילאָזאָפיש־פיקאַנטן טעם און אויך, ווי געזאָגט, אַ געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישן אַספּעקט, וואָס איז היפּש פּריקרע.

צום פּאָסיקסטן, גלייב איך, וועט זיין צו פאַרענדיקן מיינע עטלעכע באַמער־קונגען וועגן ראַווידאָוויטשעס רנ״ק־מאָנאָגראַפיע מיט אַ ציטאַט פון איר שלוס־קאַפּיטל, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„יאָסט און גרעץ, (אייזיק הירש) ווייס און (שניאור זלמן) שעכטער, אחד־העם און בערדיטשעווסקי און אַ סך אַנדערע פון די חכמי ישראל און שרייבער פון די דורות נאָך רנ״קן האַלטן, אַז רנ״ק איז איינער פון די גרויסע יידישע וועג־ווייזער און אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ שלימות, וואָס זעלטן עמעצער פון די שפּעטערדיקע האָט דערגרייכט״. און איך בין מוסיף, אַז קיינער האָט בעסער און מיט מער איבערצייגונג נישט פּרעזענטירט פאַר אונדזער דור די שלימותדיקע פּערזענלעכקייט פון רנ״ק, ווי שמעון ראַווידאָוויטש האָט עס געקאָנט טאָן מיט אַזוי פל הצלחה, ווייל ער האָט געהאַט אַלע טאַלאַנטן דערצו. ער איז געווען אַ מאַן פון טיפן פילאָזאָפישן וויסן; ער איז געווען אַ גרינטלעכער און געוויסנהאַפטער פאָרשער, אַ פיינער דענקער און דערצו אַן אויסגעצייכנטער שרייבער.

3

יידישע שריפטן

שמעון ראַווידאָוויטש איז געווען קודם כל און פאַר אַלעמען אַ העברעיִשער שרייבער.

איך שטרייך אונטער, אי שרייבער און אי העברעיִש, אַ ש ר י י ב ע ר — ווייל וואָס ער זאָל נישט האָבן געשריבן: גרינטלעכע פאָרשונגען וועגן רמב״מס און רנ״קס פילאָזאָפישע שיטות, אָדער ענציקלאָפּעדישע אַרבעטן וועגן דער השכלה־ליטעראַטור, היסטאָריאָזאָפישע עסייען וועגן גאַנג פון אונדזער געשיכטע צווישן ירושלים און בבל, צי גאָר פּובליציסטישע מאמרים וועגן אַקטועלע ענינים פון קולטור־פּאָליטיק, האָט ראַווידאָוויטש אַלע מאָל פאַרמאָגט אַ הייסן סטיליסטישן אָטעם, האָט אַלע מאָל געדאַגהט וועגן פאָרעם־שיינקייט און פון זיינע שורות האָט תמיד געוויעט מיט זעלישן אומרו. און די אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע זאַכן זענען, לפי דעתי, אַ הויפּט־סימן, אַז נישט נאָר מען שרייבט גוט אָדער בעסער, נאָר אַז מען געהערט אויך על פי פּסיכישער פאַר־מאָגיע צו דעם אויסטערלישן, שעפערישן קלאַן, וואָס הייסט שרייבער.

און געווען איז שמעון ראַווידאָוויטש אַ העברעיִשער שרייבער נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט ביז צו זיין אָנקום קיין אַמעריקע, אין 1948, דורכויס געשריבן בלויז העברעיִש און צום טייל דייטש, און נישט יידיש, נאָר ווייל אין

העברעיִש קומען צום אויסדרוק די שוין פריער דערמאָנטע גוטע סימנים פון ראַווידאָוויטשן, דעם שרייבער. אין העברעיִש האָט ראַווידאָוויטש זיין אייגענעם סגנון. ער איז צמצומדיק און דערביי אויספירלעך, ער פינקלט מיט וואָרט־שפּילן און מיט שפּראַך־חידושים, און עס איז דאָ אַרום זיין שרייבן עפּעס אַ באַזונדערע אַטמאָספער, אין וועלכער עס באַהעפט זיך גרינטלעכע פאָרשונג מיטן פרייען פלי פון פאַנטאַזיע.

ראַווידאָוויטש, דער יידיש־שרייבער פאַרמאָגט נישט אָט די מעלות. ער איז קלאָר, ער איז סאָליד און ער איז באַרעדעוודיק. זיין שרייבערישער דמיון האָט אויך אין יידיש פליגל, נאָר עס טרעפט, אַז ביי אַ סטיליסטיש־קינסטלערישן פלי פאַרטשעפּען זיך די פליגל צומאָל אין מליצה. די וויכטיקסטע אַרבעטן אין ראַווידאָוויטשעס יידישע שריפטן (בוענאָס־איירעס 1962) — די עסייען וועגן רמב״ם און וועגן תנ״ך — זענען פון אים געשריבן געוואָרן אין העברעיִש און בער קרימסקי האָט זיי איבערגעזעצט אויף יידיש פאַר דער בוענאָס־איירעסער צייט־שריפט „דוקא״.

ראַווידאָוויטש האָט גענומען שרייבן יידיש ערשט אַכט יאָר פאַר זיין פּטירה, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז יידיש איז פאַר דעם נישט געווען אין קרייז פון זיין מחשבה וועגן יידישער פאָלקס־גאַנצקייט.

דער גרויסער אויפטו פון ראַווידאָוויטשן, דעם יידישן שרייבער און דעם יידישן היסטאָריאָזאָף איז געווען, וואָס ער האָט נישט אָנערקענט די אַלע פאַלשע אידעען־פאַרבינדונגען, וואָס זענען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט גע־ווען בבחינת דאָגמען. איז איינער געווען אַ קעמפער פאַר העברעיִש האָט ער על פי דער פאַלשער אידעען־פאַרבינדונג אויך געמוזט זיין אַ פאַרניינער פון גלות און אַ שונא פון יידיש, און טאָמער האָט עמעצער געלאָזט הערן זיין שטים פאַר יידיש האָט ער לויט דער זעלבער לאָגיק במילא געמוזט זיין כאָטש אַ סאָציאַליסט, און צווישןביידע וועלט־מלחמות, אויב נישט נאָך לינקער.

ד״ר ראַווידאָוויטש איז אַלט געווען פיר און דרייסיק יאָר ווען עס איז אין יאָר 1931 לויט זיין איניציאַטיוו צונויפגערופן געוואָרן אין בערלין די גרינ־דונגס־קאָנפערענץ פון דעם העברעיִשן וועלט־פאַרבאַנד (ברית עברית עולמית), און אויף אָט דעם צוזאַמענפאָר פון די העברעיִסטן איז דער איניציאַטאָר ראַווי־דאָוויטש אַרויסגעטראָטן קעגן די גלות־פאַרניינער און קעגן אחד־העמס „גייס־טיקן צענטער״ אין ארץ־ישראל און האָט געפאָדערט אַ גלייכבאַרעכטיקטע „שותפות״ צווישן גלות און ארץ־ישראל און אַ פרידלעכן שעפערישן צוזאַמענלעב צווישן יידיש און העברעיִש.

ראַווידאָוויטש האָט אין פּרט פון מחלוקה צווישן ציוניזם און העברעיִש, וואָס איז געווען די זינד פון אַ סך, פון די מייסטע פון אונדזער דור, נישט געדאַרפט ווערן קיין בעל־תשובה. ער האָט פון לכתחילה, שוין פון זיינע ערשטע

שרייבערישע און געזעלשאַפטלעכע טריט, געטראַכט נאָרמאַל, ד. ה. אַנדערש ווי די מייסטע פון זיינע בני־דור און האָט פון זיין יוגנט אָן געלעבט נישט מיט א יין אידעע, נאָר מיט אַלע אידעען, וואָס אין איינעם זענען זיי „דער אויפשטאַנד קעגן דער גרויער סטאַטיק און דעם ווילן צו פּאָלקישן לעבן און צו אויפּ־שטייג".

איך האָב די ווערטער געשטעלט אין ציטיר־צייכנס, ווייל זיי זענען אַ פּאַ־ראַפראַזע פון די פּאַטעטיש־דערהויבנדיקע און פּאַר ראַוויִדאָוויטשן זייער כאַ־ראַקטעריסטישע שורות פון זיינס אַ בריוו צום ברודער פון אַנהייב מאַי 1930. ער שרייבט דאָרט: „וואָלט איך געלעבט אין די צייטן פון שבתי צבי וואָלט איך צוגעשטאַנען צו זיינע אַנהענגער, כאָטש אין אים גופא וואָלט איך זיכער נישט געגלייבט. ווען יידן קומען אום צוליב דעם, ווייל זיי האָבן געוואָגט צו לעבן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַרויפשטייגן אויף דעם לעבנס־באַרג, ווייל זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער גרויער סטאַטיק — וויל איך, אַז מיין טייל זאָל זיין מיט זיי".

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז שמעון ראַווידאָוויטש איז מיט זיין גאַנצן האַרץ געווען מיט די בויער פון ארץ־ישראל. אין יאָר 1933 איז ער אין איינעם מיט זיין פרוי געפאָרן זיך באַזעצן דאָרט. זיין חלום איז געווען אַ פּראָפעסאָר־שטעלע אין ירושלימער אוניווערסיטעט. ער האָט דערצו נישט זוכה געווען, ווי עס האָבן נישט זוכה געווען דער ווינער אויבערראַבינער צבי פרץ חיות און דער הלכה־פאָרשער רב צעיר. יוסף קלויזנער קאָן אויך צוגערעכנט ווערן צו די, וואָס האָבן נישט זוכה געווען, וואָרעם באמת האָט ער זיך וועגן דער קאַטעדרע פון גע־שיכטע פון בית שני, וואָס ער איז געווען איינער פון אירע אַנערקענטע אויטאָ־ריטעטן און געוואָרן איז ער פּראָפעסאָר פון העברעיִשער ליטעראַטור־געשיכטע, וואָס אויף דעם געביט האָבן אים ערשט זיינע אויפגעזאַמלטע אוניווערסיטעט־לעקציעס געשאַפן אַ גרויסן נאָמען.

האָט ראַווידאָוויטש מיט זיין תורה־פאָרשפּרייטונג געמוזט וואָגלען פון בערלין קיין לאָנדאָן און קיין לידס און פון דאָרט קיין שיקאַגאָ, און פון שיקאַגאָ צו דער ענד־סטאַציע: בראַנדייס־אוניווערסיטעט אין וואָלטהעם, אין דער מדינה מאַסאַטשוסעטס.

און דאָ, אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט, האָט זיך ראַווידאָוויטש, ווי זאָגט מען דאָס, ערשט רעכט צעפירט די הענט. ער האָט אויפגעזאַמלט זיינע היסטאָ־ריאָזאָפישע אַרבעטן אונטערן נאָמען „בבל וירושלים", ווו ער איז אַרויסגע־קומען מיט עסייִסטיש־בליציקע און אויך פאָרשעריש היפּש סאָליד באַגריינ־דעטע חידושים, אַז דער בית שני איז נישט דער המשך פון בית ראשון, נאָר אַז די ביידע היסטאָרישע עפּאָכעס שטייען איינס צו ס'אַנדערע אין אַ ווידער־שפּרוך. די תורה שבעל פה איז לויט ראַווידאָוויטשן, נישט דער פירוש צו דער

תורה שבכתב פון דער צייט פון ערשטן בית המקדש. דער פירוש פון דעם תלמוד אויף דער תורה שבכתב, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער תורה שבעל פּה איז לגמרי אַן אַנדערע ווי זי איז אין אָריגינאַל.

דער בית ראשון און דער בית שני זענען צוויי באַזונדערע היסטאָרישע וועגן פון יידישן לעבן, און דאָס יידישע פאָלק הייבט זיך, על פּי ראַווידאָוויטשן, נישט אָן פון בית ראשון, נאָר פון בית שני. דער בית ראשון מיטן תנ״ך איז געווען דער יסוד פון דער גוייִשער רעפאָרמאַציע און פון דער יידישער השכלה, און אויך די יידישע מדינה איז אַ מין „קאַראַימישער״ פּרוּוו זיך אומצוקערן צו דער וועלט פון בית ראשון. דער בית שני אָבער, מיטן תלמוד, איז דער פונדאַמענט פונעם יידישן לעבן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, דער פונדאַמענט פון דער כנסת ישראל און פון איר קיום אין דער צעשפּרייטונג איבער די לענדער פון דער וועלט.

ראַווידאָוויטש האָט, צום באַדויערן, נישט דערלעבט צו זען די פּראַקטיקע צוויי בענד „בבל וירושלים״ (פאַרלאַג „אררט״, לאָנדאָן־וואַלטהעם, 1957). ער איז געשטאָרבן עטלעכע חדשים איידער דאָס ווערק איז אַרויס פון דרוק. אַ טייל פון די „בבל וירושלים״־מחשבות האָט ראַווידאָוויטש אַרויסגעבראַכט בעל פּה און בכתב אויך אין אַרטיקלען, וואָס דרייען זיך אַרום דער טעמע פון גלייכער פאָלקישער שותפות פון מדינת ישראל און די תפוצות און אַרום דעם, וואָס די יידישע מדינה טאָר נישט צונעמען דעם נאָמען ישראל ביים יידישן פאָלק און מוז זיך באַגנוגענען צו הייסן ארץ־ישראל אָדער מדינת ישראל — אָט די לעקציעס און מאמרים שטעלן צונויף דעם דריטן טייל פון קנאַפּע הונדערט פופציק זייטן אין ראַווידאָוויטשעס יידישע שריפטן. דעם פערטן טייל פון איבער פערצן זייטן פאַרנעמען דרייסיק בריוו פון ראַווידאָוויטשן צו ש. ניגער און צו די פאַר־וואַלטער פון דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע״ און אַ ביבליאָגראַפיע צונויפגע־שטעלט פון יעפים ישורין. פון די בריוו זענען אַ טייל אין גדר פון דער „בבל וירושלים״־טעאָריע און די איבעריקע האָבן מער אָדער ווייניקער (עטלעכע פון זיי ווייניקער) געזעלשאַפטלעכן אינטערעס.

אין צווייטן טייל זענען פאַראַן אַרבעטן וועגן רמב״ם, רנ״ק, משה מענדעל־סאָנס פילאָזאָפיע, וועגן משה העס און וועגן נחום סאָקאָלאָוו. די וויכטיקסטע זענען די עסייען וועגן רמב״ם און רנ״ק.

די צוויי עסייען וועגן רמב״ם זענען, ווי מיר דאַכט, נישט בלויז די גרינט־לעכע און אַרומנעמענדיקסטע אין דעם באַנד פון ראַווידאָוויטשעס יידישע שריפ־טן, נאָר זיי דערציילן אונדז פונקט ווי די גרויסע אַרבעט איבער רנ״קן, וועגן שמעון ראַווידאָוויטשעס צוגאַנג צו געדאַנקלעכער פאָרשונג און וועגן זיין, וואָלט איך געזאָגט, פאָרשונגס־ציל.

די יידישע וועלט האָט אָנערקענט דעם רמב״מס גרויסקייט, אָבער נישט

אַלע האָבן אָקצעפּטירט דעם גאַנצן רמב״ם. די ריזן־קאָדיפיקאַציע פון יידישער הלכה אין פערצן בענד, אונטערן נאָמען „משנה תורה״, האָט אין משך פון פינף און צוואַנציק דורות זינט דעם רמב״מס פּטירה, נישט געוווּסט פון קריטיק און האָט אַרויסגערופן אַלגעמיינע באַוווּנדערונג ביי די יידישע תורה־לערנערס.

אַנדערש איז עס געווען מיטן רמב״מס פילאָזאָפישן ווערק „מורה נבוכים״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף אַראַביש און עס איז צו די שפּעטערדיקע דורות דערגאַנגען אין די העברעישע איבערזעצונגען פון אבן תבון און אלחריזי. דער „מורה נבוכים״ האָט געהאַט שאַרפע קעגנערס פאַר דער גאַנצער צייט, פונעם צוועלפטן יאָרהונדערט ביזן היינטיקן טאָג. אַזאַ שאַרפער רעליגיעזער פּאָלע־מיקער, למשל, ווי דער גאון ר׳ יעקב עמדין פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט אַנדערש ווי אַ ליגן, אַז דער רמב״ם איז דער מחבר פון „מורה נבוכים״. וואָרעם ווי איז געמאָלט, אַז „משנה תורה״ און „מורה נבוכים״ זאָלן האָבן איין און דעם זעלביקן מחבר?

און שמעון ראַווידאָוויטש גיט ריכטיק צו פאַרשטיין די שטעלונג פון אַזאַ גאון ווי ר׳ יעקב עמדין און פון אַ סך פאַר אים און נאָך אים. וואָרעם אין רע־ליגיעזן אַספּעקט פון דער גאָט־דערקענטעניש הויערט ממש אַ תהום צווישן „משנה תורה״ און דעם „מורה נבוכים״. אין „משנה תורה״ איז גאָט דער בורא עולם, דער באַשעפער, בעת פאַרן מחבר פון „מורה נבוכים״, דעם תלמיד מובהק פון אַריסטאָטלען, איז גאָט דאָס „דענקען פון דענקען״. ער איז אַ גאָט, וואָס „דענקט זיך אַליין, און אין דעם וואָס ער דענקט זיך אַליין איז ער דער ערשטער באַוועגער״. ער איז די סבה פון כל הסיבות, דער ערשטער באַוועגער, די ערשטע אורזאַך, אָבער נישט דער באַשעפער, נישט דער בורא עולם.

זוכט ראַווידאָוויטש צו באַווייזן, אַז דער אָנגענומענער תהום צווישן די גאָט־קאָנצעפּציעס פון „משנה תורה״ און „מורה נבוכים״ איז גאָר נישט פאַראַן. ראַווידאָוויטש פּרווט נאָכווייזן, אַז אויך אין „מורה נבוכים״ איז דער רמב״ם געווען אַ סינטעז פון אמונה, הלכה און געדאַנקלעכער ספּעקולאַציע. און אַז ווער עס זעט דעם רמב״ם נאָר פון איינער פון די דריי זייטן, דער זעט אים אין גאַנצן נישט. ווייטער — אַז אויך אין דעם „שלטון־השכל״דיקן ווערק „מורה נבוכים״ האָט דער רמב״ם געהאַט אַ דבקותדיק פּערזענלעכע באַציִונג צו גאָט נישט ווייניקער ווי זיינע קעגנער ר׳ יעקב עמדין און ר׳ שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל). נאָר וואָס דען? פאַרן רמב״ם זענען ראשית און סיבה (בראשית ברא און ערשטער באַוועגער) געווען איינס. „ער האָט געפונען יענע הייכן, ווו הימל און ערד זענען זיך מתיחד, ווו אַ סך סתירות ווערן פאַרשוווּנדן״.

ווייס איך נישט, צי איז ראַווידאָוויטשן טאַקע געלונגען צו באַווייזן, אַז דער רמב״ם האָט אויסגעגליכן יענע פונדאַמענטאַלע סתירות, וואָס לאָזן זיך אין תוך נישט אויסגלייכן. איך בין אַפילו נוטה נישט צו פאַרקוקן די טעזע פונעם

פילאָזאָף איסאַק הוסיק (געשט. 1942), אַז ס'איז נישט געמאָלט קיין יידישע פילאָזאָפיע (זע „פילאָזאָפישע עסייען", אָקספאָרד, 1952 ענגליש), וואָרעם עס איז נישט מעגלעך קיין צונויפפּאָר פון אמונה מיטן פרייען קריטישן געדאַנק.

אָבער ראַווידאָוויטש האָט מיט זיין רמב"ם־עסיי זיכער קלאָר געמאַכט זיין אייגענע הייסע ליידנשאַפט אָפּצווישן סתירות און צונויפצופירן היפּוכדיקע באַגריפן צו אַ גרויסן סינטעז פון פילאָזאָפישן און געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

דער רמב"ם — איז אונדז מסביר ראַווידאָוויטש, און איך גלייב, אַז יעדער מיט אַ ביסל קענטעניש פון יידישער מחשבה וועט מיט אים מסכים זיין — האָט מיט זיין „מורה נבוכים" געלערנט יידישע דורות דענקען און האָט פאַר זיי געשטעלט אַ פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אונדז יידן אַן אומגעלייזטער פון דור צו דור.

דעם רמב"מס גרונט־פּראָבלעם — זאָגט ראַווידאָוויטש — דאָס גרונט־פּראָבלעם פון זיינע פאָרגייער און נאָכפאָלגער איז אויך אַ פראַגע פון אונדזער דור: זיין אַן עם לבדד ישכון און גלייכצייטיק לעבן אין דער וועלט ווי אַ טייל פון דער וועלט — אָפּהיטן ישראלס אור־שפּרינגלעכן מהות און געשטאַלט ביז צום לעצטן פּינטעלע, און גלייכצייטיק זיין איינס מיט נאַטור, מיט וועלט".

אין דעם זין איז דער דענקער שמעון ראַווידאָוויטש געווען אַ געטרייער תלמיד פון רמב"ם. ווי זיין גרויסער רבי דער נשר הגדול ר' משה בן מימון, האָט אויך דער וווּנדערלעכער ייד פון גראַיעווע, ר' שמעון ב"ר יחיים יצחק געפּרוווּט אין זיינע ווערק זיין אַ וועגווייזער פאַר די צערודערטע פון אונדזער דור, אָדער זיי לכל הפּחות צו צערודערן.

1962

דב סדן

צום יום־טוב פון זיינע זעכציק יאָר

דער בעלעטריסט

א

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, דעם 23טן פעברואַר 1937, איז מיר קיין בוקאַרעסט, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, אָנגעקומען אַ בריוו פון תל־אביב, געחתמעט דב שטוק.

דער קורצער בריוו פון דב שטוק, דעם הייַנטיקן פּראָפעסאָר פאַר יידיש אין ירושלימער אוניווערסיטעט, דב סדן, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ודאי אין אתה צריך הקומפלימנטים שלי; אָבער אייער בוך „אינזיך און אַרומזיך" גרם לי רוב תענוג, פשוט כ'האָב מיך מחיה געווען. ודאי לא יהיה בלבך עלי אם אתרגם מאמר אחד, הכוונה לוואַריאַנט הנפלא שלך לדיוקן של מנחם מנדיל ואפרסמו בכאן. על פי התיאור נראה לי שאותה עיר שהרכבת עוברת באמצעיותה איז גאַר קאָלאָמיי ונמצא כי בן ארצי אתה. בקיצור, ס'איז שוין איינמאָל אַ פיינע זאַך; ואיני יודע אם אתה ממחבבי לשון הקודש או לא — אבל ודאי לא תקטרג על התרגום שלי".

איך דריק דאָ איבער דעם בריוו נישט דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דב סדנען און איך וויל מקיים זיי די מצווה פון זכרונות, ווען ער האָט דערגרייכט צו דער עלטער פון זקנה און איך בין שוין אויפן האַלבן וועג צו שיבה. איך האַלט עס פאַר נויטיק דעם בריוו איבערצו־דריקן, ווייל אַפילו פון אַט־די ליבע און האַלב־שפּאַסיקע שורות צו אַן אומבאַקאַנטן איז צו זען, אַז דער דעמאָלט פינף־און־דרייסיק יעריקער ליטעראַרישער רע־דאַקטאָר פונעם תל־אביבער „דבר" האָט שוין געהאַט אַן אויג פאַר אונדזער־שעפערישער גאַנצקייט; און אַז זיין פאַראינטערעסירטקייט האָט געגרייכט אויך צו אַזאַ יידיש־פעריפעריע, ווי אין דער רומענישער הויפּטשטאָט, וואָס איז געלעגן היפּש הינטער די הרי־חושך פון דער געאָגראַפיש נאָענטער יידיש־וואַרשע און פון דער ליטעראַריש נאָענטער יידיש־ניו־יאָרק.

אין משך פון דעם פערטל יאָרהונדערט זינט דעמאָלט האָב איך געטריי נאָכ־געפאָלגט דעם שרייבער און דעם פאַרשער דב שטוק און פּראָפעסאָר דב סדן און האָב געזען אים זיך פונאַנדערוואַקסן און ווערן איינע פון די סאַמע צענ־טראַלסטע פיגורן אין אונדזער יידישער שעפערישקייט אויףביידע שפּראַכן. איך האָב באַוווּנדערט זיין וווּקס, אָבער איך בין נישט געווען פאַרוווּנדערט, ווייל

פון יענעם ערשטן בריוו און דערנאָך פון דעם ערשטן ספר זיינעם, וואָס איז מיר געקומען אין האַנט און נאָך דערנאָך פון די שיחות חולין, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט צום ערשטן מאָל מיט צוועלף יאָר צוריק אין זיין דירה אין תל־אביב אויף רחוב פרוג — איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אונדזער שעפערישקייט איז רייך געוואָרן מיט אַ פאַליהיסטאָר־געשטאַלט ווי קיין מאָל פריער.

דאַכט זיך, אַז וועגן סאָקאָלאָוון האָט ביאַליק געזאָגט, אַז ער איז אַ שרייבער, וואָס איז אַליין אַ גאַנצע מחנה שרייבער. דער זאָג פּאַסט זיך אויך אויף דב סדנען, אָבער מיט דעם צוגאָב און אונטערשטרייך, אַז קיינער פון דער מחנה שרייבער, וואָס ער איז, האָט נישט געזינדיקט מיט דילעטאַנטישקייט און אַז קיין איינער פון זיי וואָס זייער שם הכולל איז דב סדן, האָט נישט געזינדיקט מיט פּאַרזען דעם שאַפונגס־היקף, וואָס שייך זשאַנער, לשון, אידעיִשע סביבה און ליטעראַרישע אַטמאָספער.

דער געמיטלעכער און קלוגער דערציילער פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן („ממחוז הילדות" און „ממעגל הנעורים") אין זיין היימשטאָט בראָד, דער ביאָגראַף פון דעם שקלאָווער מוזיקאַלישן גאון יוסף מיכאל גוזיקאָוו און פונעם זשאָלקעווער עילוי בנימין גריל און אַ פשיטא שוין דער ליטעראַטור־קריטיקער, דער חריפות־דיקער שפראַך־ און פאָלקלאָר־פאָרשער, דער מוטיקער פובליציסט און שפּע־דיקער איבערזעצער — אָט די גאַנצע מחנה דב סדנס לאָזט קיין מאָל נישט אַרויס פון אויג די גאַנצקייט פון דער יידישער שאַפונג איבער איר געאָגראַפישן און צייטלעכן אויסשפּרייט.

און הגם סדנס אופן שרייבן איז בדרך כלל אַ רויִקער, מיט אַ דורכויסיקן תלמיד־חכמישן ריטעם, און זיינע רייד, ווי די רייד פון הכמים על פי קוהלת, הערן זיך מיט געלאַסנקייט און זייער אָפט מיט אַ מילדן שמייכל, פילט מען הינטער זיינע ווערטער די שטאָלענע עקשנות פון אַ קעמפערישער איבערצייגונג, וואָס איז נישט גרייט מוותר צו זיין אויף קיין שום דורכגעטראַכטן געדאַנק און אַוודאי נישט אויף קיין שום עיקר פון זיין גלויבן אין יידיש־נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס און פון זיין אופן פאָרשן די אויפגעלעבטע יידישע שעפערישקייט.

דער יונגער דוב שטוק האָט אָט־די גייסטיקע עקשנות, וואָס איז נאָך געווען אין איר באַגינען, פאָרמולירט אין דער הקדמה צו זיין „ממחוז הילדות" (תל־אביב, 1938).

„ווען איך האָב איבערגעלייענט" — האָט סדן געשריבן אַ לירישן משל מיט אַ שאַרף פּאַטעטישן מוסר השכל — „די צוואַנציק פּרקים, וואָס איך האָב דאָ אַרויסגעשניטן פון אַ ברייטער קאַנווע, האָט זיך מיר געדוכט, אַז פון דעם בוך הערט זיך עפעס פון אַ קינדער־געזאַנג אויף דער שוועל פון דער וועלט־שריפה. דאָס קינדער־געזאַנג שטילט נישט איין די שיסעריי פון די האַרמאַטן, אָבער די האַרמאַטן קאָנען אויך דאָס געזאַנג נישט איינשטילן".

ב

מיט דער איבערצייגונגס־פעסטקייט, וואָס קיין שום אידעאָלאָגישע האַרמאַטן קאָנען זי נישט אַריבערליאַרמען און איינשטילן, האָט דב סדן אַוועקגעשטעלט די טעזן פון זיין ליטעראַטור־קריטיק. אין אַ בראָשור פון זיבעציק זייטן, אונטערן נאָמען „על ספרותנו" (וועגן אונדזער ליטעראַטור, ירושלים, 1950), האָט דער איצטיקער פּראָפעסאָר פון יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט, אָנגעצייכנט, וואָס עס איז, לויט זיין מיינונג, דער היקף פון דער יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט און ווי אַזוי מען דאַרף זי פאַרשן.

סדן זעט די יידישע שעפערישקייט אין איר פולן היסטאָרישן פאַרנעם און ער איז נישט גרייט צו מינערן פון איר קיין שום שטח פון יידישן ישוב און קיין שום שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען. שוין אין די סאַמע ערשטע שורות פון זיין עסיי „וועגן אונדזער ליטעראַטור" טרעט סדן אַרויס קעגן די שרייבער פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור־געשיכטע, וואָס האָבן אַריינגענומען אין דער ליטעראַרישער היסטאָריע נישט אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף העברעיִש אין די לעצטע דורות, נאָר בלויז אַ טייל פון דעם. די היסטאָריקער פון דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור הייבן־אָן מיט דער השכלה און לאָזן אויס אַלץ, וואָס איז שעפעריש געשען איידער משה מענדעלסאָן האָט געשריבן זיין דייטשן תרגום און ביאור צו דער תורה; און איידער נפתלי הערץ וויזעל האָט געזונגען זיינע „שירי תפארת", און אַפילו די, וואָס גייען אָפּ פון דעם, אַזוי צו זאָגן, אָפיציעלן ליטעראַטור־היסטאָריקער, יוסף קלויזנער, און זענען מכבד נישט ווייזלען, נאָר ר' משה חיים לוצאַטאָ מיט דער פאָטערשאַפט פון דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור, באַגרינדן די פאָטערשאַפט בלויז מיט לוצאַטאָס פּיעסעס „מגדל עוז" און „לישרים תהילה" און לאָזן אין אַ זייט זיינע אַנדערע קבלה־ און מוסר־ספרים.

דאָס איז איין מינערונג פון דעם היסטאָרישן פאַרנעם פון דער יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט. די צווייטע האָט צו טאָן מיט דער שפּראַך־פאַרשידנקייט. דב סדנס טענה אין דעם פּרט איז, אַז „אין מערב־איראָפּע איז דער גרויסער און עיקרדיקער צושטייער צו אונדזער שעפערישקייט געמאַכט געוואָרן אין תחום פון דער סימביאָזע, אָבער אין מזרח־איראָפּע איז דער דאָזיקער גרויסער און עיקרדיקער צושטייער פאַרבליבן אין אונדזער מיט און האָט זיך פאַרטיילט אויף די צוויי יידישע שפּראַכן, דער שפּראַך פון דער אייביקייט (העברעיִש) און דער גערעדטער שפּראַך (יידיש)". די ראָם פון דער יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט, וואָס דער ערשטער געראָטענער פּרוּוו צו שרייבן איר היסטאָריע, איז ישראל צינבערגס „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" ווערט ביי סדנען אויסגעברייטערט קודם אין כמות אויף אַלע קלענערע אייגענע (לאַדינאָ וכו') און אויך פרעמדע שפּראַכן, אין וועלכע יידן האָבן געשריבן; און עס ווערט אויך

אויסגעברייטערט דער פּאָרש־מעטאָד פון דער ליטעראַטור און איר היסטאָרישע סינטעטיזירונג.

די פּאָרשונג דאַרף לויט סדנען זיין אין מערב אויפן וועג פון אַ קאָנפראָנ־טאַציע מיט די שרייבער אויף דער פרעמדער שפּראַך. אַזוי אַרום וועט מען קאָנען אויסגעפינען, אַז אין די פרעמד־שפּראַכיקע שרייבער קומען צום אויסדרוק יידיש־פּסיכישע גרונט־אייגנשאַפטן; און אַז די שרייבער האָבן אין דער פרעמדער שפּראַך אַרויסגעבראַכט אינטימע באַוועגונגען פון אונדזער מימיק און זשעסטי־קולאַציע. מיר וועלן דאָס אין דער אַסימילאַטאָרישער תקופה געפינען אין די ווערק פון לודוויג בערנע און פון קאַרל קראַוז און אַריבערגייענדיק צו דער נאָך־אַסימילאַטאָרישער צייט וועט אונדז קלאָר ווערן, אַז דווקא אין די פרעמד־שפּראַ־כיקע ווערק זענען צייטיק געוואָרן גרויסע אַנטפּלעקונגען פון יידישן מהות, וואָס זענען מיט אַזאַ טיפקייט נישט בנמצא אין דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור. דער בעסטער בייִשפּיל דערפאַר איז די שאַפונג פון פראַנץ קאַפקאַ.

און אין מזרח ווידער דאַרף די ניי־העברעיִשע ליטעראַטור קאָנפראָנטירט ווערן מיט דער ליטעראַטור אין יידיש, וואָס אַפילו אירע העכסטע שפּיצן, ווי למשל, שלום עליכם, האָבן נאָך נישט באַוויזן אַ שעפּ צו טאָן מיט אַ פולן עמער פון אירע טיפע באַהאַלטענע פאָלקס־אוצרות.

ביידע שפּראַכן: די פרעמדע אין מערב און די אייגענע: יידיש אין מזרח זענען געוועזן שווערע פיינטלעכע קאָנקורענץ פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור, אָבער ביידע זענען אין דער זעלבער צייט געווען אירע אָנרעגערס, אירע סטימו־לירערס און — אירע מאָסשטאַבן, ד. ה. די מאָסן מיט וועלכע זי אַליין האָט געקאָנט מעסטן אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

איך האָב אָנגערירט בלויז אויבנאויף סדנס געדאַנקען־גאַנג וועגן דער יידי־שער שעפערישקייט און וועגן דעם אופן זי צו פאָרשן און היסטאָריש צו פאַר־שטיין. די בראָשור „וועגן אונדזער ליטעראַטור" איז אַ מועט המחזיק את המרובה, ד. ה. אַ קליין געפעס מיט אַ סך אינהאַלט און מיט אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים אויף צו באַגרינדן אַ שיטה, וואָס קאָן הייסן: היסטאָריש אויסברייטערן און פאַרשטיין.

כדי קלאָרער צו מאַכן סדנס ליטעראַטור־היסטאָרישע טעזע, וואָס מאַכט אים, ווי מיר דאַכט, פאַר אַ קרוב צום נעאָפאָלער פילאָזאָף און קונסט־קריטיקער בענעדעטאָ קראָטשע, וועל איך בלויז ברענגען אַ טייל פון סדנס איבערשמועס מיט די ביאַליק־אויסטייטשער.

עס זענען פאַראַן צווייערליי טייטשער פון ביאַליקן. די ערשטע און סאַמע פאַרשפּרייטסטע זעט אין ביאַליקן דעם נאַציאָנאַלן דיכטער, דעם דיכטער פון חיבת ציון און פון די צער־ און צאָרן־פּאָעמעס. די דאָזיקע אָפּשאַצונג האַלט סדן — איז אַן אומגערעכטע, ווייל זי שטעלט אַוועק ווי דעם עיקר פון ביאַליקס

פּאָעזיע נאָר די לידער, וואָס זענען געווען אין הסכם מיט דעם פּראָגראַם פון זיין דור. אָבער די פאַרבייגעגאַנגענע צייט און די געביטענע פּראָגראַמען ברענגען אַריין אַ צעטיילונג צווישן דער פּאָעזיע און דער פּובליציסטיק. די צעטיילונג באַשטייט אין דעם, וואָס דער טעמפּעראַמענט פון די לידער גיט זיי געדויערדיקייט איבער די דורות און זייער אינהאַלט באַגרענעצט זיי בלויז אויף זייער אייגענעם דור.

קומען די אַנדערע טייטשער און מאַכן ביאַליקן פאַרן דיכטער פונעם יחיד און פון זיין טרויער. אויך די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אַן אומגערעכטע. אויך זי ברענגט אַריין אַ ריס צווישן דעם אייביק־פּאָעטישן אין ליד און דער צייטווייליקער יחידישער שטימונג פון אַ דור.

וואָס איז סדנס פּסק פאַר די קריגערישע צדדים אין דער ביאַליק־אָפּשאַצונג? סדנס אורטייל איז, ווי געזאָגט, נאָענט צו קראָטשעס פילאָזאָפיע פון געשיכטע און קונסט. אין ביאַליקן האָט זיך, לויט סדנס גערעכטער פאָרמולירונג (מיר געפעלט די פאָרמולע זייער), אויסגעצייטיקט דער ליטעראַרישער אָנשטרענג פון די לעצטע דורות. ביאַליק איז די שעפערישע זעלבסטרעקאַפּיטולאַציע פונעם יידישן מענטש, אַ רעקאַפּיטולאַציע פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס און פון זיינע גייסטיק־קינסטלערישע אינספּיראַציעס. עס איז אויך אַ מין געאָגראַפיש־שעפערישע רעקאַפּיטולאַציע פון זשיטאָמיר, פון וואָלאָזשין, פון דער שחיטה־שטאָט און פון דעם היסטאָרישן לאַנד פון די „גאָלדענע אינדזלען", ווו עס קומען זיך צונויף און עס באַהעפטן זיך גייסטיק אַלע געאָגראַפיעס פונעם שעפערישן מענטש.

בענעדעטאָ קראָטשע, וואָס איז אפשר פון אַלע פילאָזאָפן, אַחוץ דעם בייזן שאָפּענהויער און דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנישן פּרוש סאַנטאַיאַנאַ, על פּי זיין געמיט און געדאַנק געווען צום נאָענטסטן צו ליטעראַטור און קונסט, האָט דאָס אויף זיין אופן פאָרמולירט אין „די געשיכטע איז די געשיכטע פון פרייהייט", מיט די ווערטער:

„עס איז נישט גענוג צו זאָגן, אַז געשיכטע איז היסטאָרישער אורטייל. ס'איז אויך נייטיק מוסיף צו זיין, אַז יעדער אורטייל איז אַ היסטאָרישער אורטייל, אָדער, פּשוטער געזאָגט, געשיכטע גופא".

דב סדנס פאַרמעסט אויסצוברייטערן און צו באַפעסטיקן די היסטאָרישע באַזע פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג איז, לפי דעתי, אַ פּרוכטיקער רעיון, וואָס וועט משפּיע זיין, און משפּיע זיין לטובה, סיי אונדזער ליטעראַטור־היסטאָריע און סיי אונדזער ליטעראַטור־קריטיק. סדנס אַרבעטן וועגן ביאַליקן און וועגן עגנונען זענען גוטע און סאָלידע ווינקל־שטיינער פון דער דאָזיקער קריטיק, וואָס איר נאָמען איז „היסטאָריש פאַרשטיין".

ג

איך טראַכט, אַז דוב סדנען (דעמאָלט, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק נאָך דוב שטוק) איז דערפֿאַר געפעלן מיין עסיי „מנחם מענדל־וואַריאַנטן“, ווייל איך האָב מיט מיינע מעדיטאַציעס ביים אַריינפיר צו דער עסיי אַריינגעטראָפן אין סדנס היסטאָרישער קאָנצעפּציע וועגן ליטעראַטור, וועגן ליטעראַרישע שעפער און וועגן ליטעראַרישע העלדן.

„די מעלה פון קינסטלערישער טיפיזירונג איז“ — האָב איך אין יענער עסיי געשריבן — „וואָס זי נעמט אַ סך, זייער אַ סך, אַרום, אָבער איר חסרון, וואָס זי לאָזט נאָך מער אין דרויסן. עס געוועלטיקט דער העלד. עס גייט פאַרלוירן דער מענטש. איין טאָפּאָגראַפישער פונקט האָט באַקומען אויסשפרייטונג אין רוים. טויזנטער אַנדערע פאַרזינקען אין געאָמעטרישן גאַרנישט.

פאַרזען די נישט־דערגאַנגענע, נישט־רעאַליזירטע שעפערישע געשטאַלטן איז נישט נאָר אַן אומרעכט, נאָר עס איז אויך אַ מינימיזירונג, אַ היסטאָרישע פאַר־שמעלערונג פון דעם שעפערישן שטח און נאָך מער אַ פאַרפלאַכונג פון דער שעפערישער טיף. למה הדבר דומה? עס איז געגליכן צו איינעם, וואָס קוקט אויפן ים און איז באַגייסטערט פונעם וואַסער־שפיגל און הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין די טיפענישן פון ים. ווען ער ווייסט דאָס, וואָלט זיין התלהבות מיט דער אויבערשטער פראַכט פון די מעכטיקע ים־כוואַליעס נאָך געוואַקסן“.

אַ גרויסן טייל פון זיין בוך „אבני זכרון“ (קאַפּיטלעך זכרונות), האָט דוב סדן אָפּגעגעבן פאַר אַזעלכע וואַריאַנט־געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך שעפעריש נישט רעאַליזירט, אָבער זענען ווערט, אַז מען זאָל וועגן זיי דערציילן. ס׳איז אַוודאי זיך נישטאָ וואָס צו שעמען מיט דערמאָנען פאַרגעסענע און האַלטן וואַך דעם פאָלקס־זכרון צו זיי. דאָס איז בפירוש אַ שיינע מידה. אָבער די עסיי־מעמוארן וועגן דער יידיש־פוילישער שרייבערין צעציליאַ קומאַרנער, און וועגן דעם יידישן קריטיקער מאיר בינענשטאָק, וועגן דעם העברעיִשן זשורנאַליסט יצחק בן־דור, וועגן ישכר לאַנדאַו, וואָס האָט געאַרבעט יאָרן אויף אַ חיבור וועגן דעם פּאָעט און מערקוויר־דיקן לייוויק־קענער י. אדם (כאַצקעלעוויטש), וועגן דעם דייטש־יידישן אינטע־לעקטואַל מרדכי געאָרג לאַנגער, וואָס איז געוואָרן אַ בעלזער חסיד און וועגן משה שפּיק־שפּי דעם ברונעריאַנער, וואָס האָט ווי אַ דאָרשטיקער געטרונקען פון דעם קוואַל פון קאָנסטאַנטין ברונערס פילאָזאָפיע און האָט נישט געקאָנט אָראָפּ־שלינגען דעם רבינס קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל און צו יידישער פאָלקישקייט און האָט זיך דורכגעשריבן מיט זיין באַליבטן פילאָזאָף ביז רוגזה און איבערברייס פון באַציִונגען — ביז זעלבסטמאָרד. אָט די עסייען האָבן טאַקע אין זינען צו פאַרריכטן אַן אומגערעכטיקייט צו פאַרגעסענע מענטשן פון שעפערישן וואָרט, אָבער פאַר אַלעמען זענען זיי אויסן די גאַנצקייט־זעונג פון אונדזער קולטור־

אויפלעב, וואָס יעדער פאַרלוירענער פונק מינערט פון זיך פאַרנעם, פון זיין היסטאָרישן היקף.

און נישט בלויז וואָס שייך ליטעראַרישע געשטאַלטן איז סדנס איינשטעל פון אין זינען האָבן דאָס פאַרבאַרגענע, ווייל דורך די פאַרהוילנקייטן ווערט בולטער, גרעסער, פאַרנעמיקער און טיפער דער נגלה, כ׳מיין, דאָס רעאַליזירטע. אָט איז אַ באַנד שפּראַך־פאָרשונג „אבני שפה" און סדן דערציילט אונדז אין דער הקדמה וועגן זיין אופן פאָרשן:

„נישט געגאַנגען אין דער מיט פונעם מאַרק אין דער גרויסשטאָט, נאָר אַ זייטיקער שפּאַציר איבער די צניעותדיקע און פרומע געסלעך פון דער הינטער־שטאָט. וואָרעם אויך וועגן שפּראַך־געוויקסן גילט דאָס אַלטע וואָרט: היט אייך פאַר די אָרעמע קינדער, וואָרעם פון זיי קומט אַרויס תורה".

ד

ס׳איז שווער אין איין קורצער עסיי אַרומצונעמען דאָס ווערק פון דוב סדנען. איך וואָלט געדאַרפט רעדן וועגן די מיט צער און סובטעלקייט געשריבענע עסייען אַרום דער יידיש־דייטשער סימביאָזע, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אונטערן נאָמען „דער טיגער און זיין דרימלענדיקער פריינד" (הנמר וידידו המנמנם), וועגן די ממש אַנטפּלעקערישע אויסטייטשן פון פאָלקס־ווערטלעך, וואָס זענען דערשינען אין „הפועל הצעיר" אונטערן נאָמען „אויפן ראַנד פון פאָלקס־ווערט־לעך" (בירכתי פתגמים) און זענען ביז איצט נישט אויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַ בוך, און וועגן סדנען דעם שפּראַך־קינסטלער, וואָס איז פול מיט וואָרט־ און בילד־נייקייטן נישט נאָר אין העברעיִש, נאָר אויך אין יידיש, וואָס ער האָט אין די לעצטע צען יאָר פון דאָס ניי געגומען שרייבן, אָבער פאַר דעם אַלעם איז, ווי געזאָגט, די ראָם פון אַ קורצער עסיי צו ענג.

וועל איך פאַרענדיקן דערמיט, וואָס כ׳וועל זאָגן, אַז דוב סדן „העמיד תלמידים הרבה". ער האָט געהאַט די זכיה אויפצושטעלן תלמידים אין אוניווער־סיטעט און אין דער ליטעראַטור. פאַר הונדערטער, וואָס האָבן ביי אים געלערנט און וואָס ער האָט אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור, איז ער דער געאַכפּערטער „מורה ורב". ער האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש צענדליקער ווערק פון יידיש און געשריבן ביאָגראַפיש־קריטישע אַריינפירן צו די איבערגעזעצטע ווערק.

איך וויקל דורך אין זכרון נעמען נאָך נעמען, ווערטפולע און זייער ווערט־פולע, און — בלויז געציילטע האָבן באַוויזן אָפּצוטאָן אַזאַ שטיק אַרבעט פאַר אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן ווי דב סדן.

1962

אַ שיסל מיט ראָזשינקעס

נישטאָ קיין שווערערס ווי דאָס גרינגע. און טאַקע דערפאַר איז עס, מיר דאַכט, אַ היפּש שווערער ענין אָפּצוקלייבן און מסדר צו זיין אַ זאַמלונג פון אַזעלכע ליטעראַריש־גרינגע זאַכענישן ווי אַנעקדאָטן.

ווען דער זאַמלונג פון טויזנט און איינס אַנעקדאָטן, וואָס דב סדן האָט אָפּגעקליבן און אויסגעלייגט אין זיין „שיסל מיט ראָזשינקעס״ קאָן מען אָן איבע־ריקע באַוואָרענישן זאָגן, אַז זי איז אַ געראָטענע, אַ זייער געראָטענע.

ראשית, איז זי געראָטן דערמיט, וואָס סדן האָט באַוויזן זיך אויסצוהיטן פון די צוויי עיקר־סכנות, וואָס לויערן אויף אַזאַ אַרבעט.

פאַר אַ מחבר, וואָס כאַפּט איבער די מאָס פון להוטקייט נאָך דערפאָלג ביים לייענער, ווערט דער אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל אָפט אַ לילית, וואָס פאַרפירט אים אויף די זינדיקע וועגן פון גרינג־דערציילעניש און פון הנאה־גלוסט. דער עונש פאַר אַזאַ חטא איז געוויינלעך אַ האַרבער: די אַנעקדאָטן־זאַמלונג האָט נישט קיין ליטעראַרישע וואָג און עס פאַרפעלט איר גייסטיקער טאָלק.

פאַר אַן אויטאָר, ווידער, וואָס פאַרגעסט אין דעם לייענער און איז צו פיל אַריינגעטאָן אין וויסנשאַפטלעכער נזירות, באַשטייט די געפאַר, אַז אין די פענ־טעס פון מעטאָדיק, פון טייטש־ווערטער און פון „פוסנאָטן״ זאָל די זאַמלונג אָנ־ווערן איר הומאָריסטישן געמיט און די צונויפגעקליבענע אַנעקדאָטן זאָלן אויפ־הערן צו דערפילן די שליחות, וואָס לודוויק בערנע האָט אויף דעם וויץ אַרויפגע־לייגט.

מיין באַליבטער לודוויג בערנע (איך בין חושד, אַז ער איז סדנס נישט ווייני־באַליבטער שרייבער) האָט אין דעם אַנעקדאָט געפילט דעם „גלויבן, וואָס זעט גאָט, ווען אַן אַנדערער הויבט אים נאָך נישט אָן צו אָנען״ און איז דער פאָלקס־טריבון, וואָס האָט די דרייסטקייט צו זאָגן: נ י ש ט אַפּילו ווען דער קעניג י אָ. טריבון, וואָס האָט די דרייסטקייט צו זאָגן: נ י ש ט אַפּילו ווען דער קעניג זאָגט: י אָ.

סדנס „שיסל מיט ראָזשינקעס״ האָט די גרויסע מעלה, וואָס זי איז ליטע־ראַריש וואָגיק און איז דערביי פאַר קיין פאַל נישט איבערגעלאָדן מיט יענע וויסנשאַפטלעכע האַרבקייטן, וואָס טרייבן אָפט אַרויס דעם לעבעדיקן אָטעם פון אַזאַ לעבעדיקער באַשעפעניש ווי הומאָר.

סדן האָט אין זיין זאַמלונג דוקא געגעבן אַ היפּש ביסל וויסנשאַפטלעכע הסברות אַרום דעם אָפּשטאַם און דער אַנטוויקלונג פון דעם און פון יענעם אַנעקדאָט, אָבער די דאָזיקע לעקציעס פון קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר, וואָס פאַר־נעמען אַ מאָל צוויי און דריי מיט פּעטיט געדרוקטע זייטלעך צווישן איין בדיחה און דער אַנדערער, האָבן קיין מאָל נישט קיין זויער מלמדישן חיתוך הדיבור. סדנס אַסאָסיאַציעס פלאַטערן איבערן ברייטן שטח פון קוועלן־מאַטעריאַל און ספרים, אַלטע און נייע, העברעיִשע, יידישע און דייטשע, אַלע מאָל — גוט־אויפגעלייגט און שמייכלענדיק, גרינג און סטימולירנדיק.

און ער קאָן זיך עס פאַרגינען, סדן, וואָרעם ער דאַרף זיך מיט זיינע אַסאָ־ציאַציעס אין ערגעץ נישט אַריינרייסן. זיין זכרון איז היימיש אין אַלע געצעלטן פון תורה, פון יידישער און נישט־יידישער.

אָט, למשל, ברענגט סדן דריי זייטלעך הסברות אַרום דעם אַנעקדאָטישן

באַוויז פונם בראָדער משכּיל אַלטער קליטניק, אַז די יידישע ווערטלעך „אַ נאַרישקייט געדענקט זיך" און „אין אַ פּעלץ שוויצט מען" זענען מן התורה. איז ווי שפּאַרט נישט אַן סדנס לייכט־שוועבנדיקע און אָנרעגנדיקע דערמאָנונג פון פאַרגלייכענישן? פון בערנשטיין־זעגעלס זאַמלונג פון ווערטלעך צו מגילת אסתר, פון דער צייטשריפט „די יידישע שפּראַך" צום „המגיד" פון 1891, פון באַסטאָמסקי צו הוגאָ פאַן האָפמאַנסטאַל און פון אליעזר שטיינמאַן צו אַ דרש פון הרב ר׳ חיים לבשאי צו עמנואל הרומי, צו דער גמרא פּסחים און צום נביא זכריה — איר גייט מיט לייכט און איר פילט נישט, אַז איר זאָלט האָבן פאַרלאָזן דאָס מלכות פון לעבעדיקן הומאָר.

סדן איז נישט בלויז גוט און נאָענט אויסגעבונדן מיט דער פאָלקלאָריסטישער ליטעראַטור בעל־פּה און בכתב, נאָר ער איז אויך אַן אינטימער בן־בית אין אַלע ווינקלען פון לעבעדיקן יידישן שטייגער און פון לעבעדיקער יידישער גייסטיקייט.

חסידות און השכלה, פרום־יידישקייט און נאַציאָנאַלע וועלטלעכקייט זענען סדנס אייגנס נישט בלויז עקס ליבריס, פונם ביכל אַרויס, נאָר פון לעבעדיקער געמיט צו געמיט באַקענטשאַפט. און וואָס שייך די לענדער פון יידישער וווינשאַפט און שעפערישקייט זענען אים טאַקע די סאַמע נאָענטסטע גאַליציע און ארץ־ישראל, אָבער ער איז אויך אַן אייגענער ייד צווישן ליטווישע און אוקראַאינישע און אפילו דייטשע יידן. אויך די קענטשאַפט מיטן נוסח ליטע און אשכנז, איז ביי סדנען קודם כּל אַ לעבעדיקע און נישט קיין ביכלדיקע.

די דאָזיקע נאָענטקייט און ליבשאַפט צום יידישן לעבן לאָזט זיך פילן אין סדנס זאַמלונג. מען הערט ממש איר דופק. און אַ דאַנק דער אינטימער קענטשאַפט פונם יידישן שטייגער און פון יידישן מענטשן, האָט סדן באַוויזן אַריינצוברענגען אין זיין „קערת צימוקים" מער ווי בלויז טויזנט און איינס אַנעקדאָטן. עס איז געלונגען צו סוגעסטירן דעם לייענער די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער, וואָס שטייט הינטער די מעשיות, צו סוגעסטירן דאָס געמיט, וואָס שטייט הינטער די מענטשן וואָס דערציילן דעם אַנעקדאָט און וועגן וועלכע ער ווערט דערציילט.

אַ גאַנצע גאַלעריע פון געשיכטעס גייט דורך איבער די טיילן פונם בוך. יידן זיצן אין בתי־מדרשים און ישיבות (אהלי תורה), ביים רבין אין הויף (חצרות צדיקים), אין די לערנזאַלן פון ראַבינער־סעמינאַרן (אסיפת־חכמים), אין די רעדאַקציע־שטיבער פון צייטשריפטן און פאַרלאַגן (פליטת סופרים), אין קינסטלער־אַטעליערן (כת אמנים), אין פּאָליטישע קלובן (כנסת דברים), צי גאָר שוין אין קאַפע־הייזער אָדער „תנובה"־לאָקאַלן פון תל־אביב און — גיבן איבער „דבר בשם אומרו", האָבן אין זינען, אַז די גאולה זאָל נישט דערווייטערט

ווערן דאָדורך, וואָס מען וועט דערציילן די מעשה און פאַרשווייגן דעם נאָמען פון יענעם, וואָס האָט די מעשה צום ערשטן מאָל דערציילט.

און פאַר אַלעמען האָבן זיי אין זינען די נאָענטקייט פון דער גאולה און גיבן אַכטונג, אַז עס זאָל נישט אָפּגעטיילט ווערן אַ גוט יידיש וואָרט פון זיין גייסטיקן בעל־הבית, דער צונויפשטעלער פון דער „קערת צימוקים" דב סדן אַליין.

אַלע טויזנט און איינס אַנעקדאָטן פון דער „שיסל מיט ראָזשינקעס" ווערן פאַרצייכנט מיט דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט סדנען דערציילט די מעשה. צענדליקער, אויב נישט הונדערטער מענטשן דערציילן און כמעט ביי יעדן באַקומט דער אַנעקדאָט דורך דער פאַרצייכענונג פונעם נאָמען לעבעדיקייט אין אָטעם און מער ליכט אין סיפור המעשה.

אַ מאָל גיט די מעשה אַ ליכט און עס ווערט העל אָדער העלער אַ גע־שטאַלט, אַ מאָל אַ זייטיק־מאָראַלישע שיטה, אָדער גאָר אַ שטיק לעבן.

דערציילט דער באַוווסטער העברעיִשער שרייבער ש. עגנון וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט געפּרוווט דערנענטערן ר' שלמה ברויער דעם אַלטן רב פון די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסן צום ציוניזם. עגנון האָט ר' שלמהן דערציילט וועגן דער שיינער און גרויסער פּערזענלעכקייט פונם לידער רב ר' יעקב יצחק ריינעס, וואָס איז געווען אַ ציוניסט. ר' שלמה האָט זיך געדולדיק צוגעהערט און צום סוף בנעימותדיק און זיכער אַ זאָג געטאָן: אַבער דאָס וואַר דאָך איין אפּיקורס.

ווערט דאָ נישט העל און נאָך העלער באַלויכטן אַ געשטאַלט, אַ שיטה און אַ ווונדערלעך און טרויעריק שטיק יידישע עקשנות?!

דערציילט ד"ר עקיבא סימאָן וועגן אַ געשפּרעך מיט דעם יידישן פילאָזאָף און בעל־תשובה פראַנץ ראָזענצווייג. האָט געזאָגט דער פאַרשטאָרבענער ראָזענ־צווייג צו סימאָנען: איך האָב אַ נאָמען געגעבן מיין זון רפאל און דו האָסט אַ נאָמען געגעבן דיין זון אוריאל. דאָס מיינט אַז די מלאכים זענען שוין געקומען צו אונדז, אָבער די אבות האָבן זיך נאָך צו אונדז נישט אומגעקערט.

דאַרף מען אַ בעסערע און שאַרפערע כאַראַקטעריזירונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן דרך מיט זיינע אַסימילאַטאָרישע באַוואָרענישן? און ווערט ראָזענ־צווייג דורך אָט די ווערטער זיינע נישט מאָראַליש נאָך נענטער ווי פריער?

און לאָמיר נישט אויסלאָזן גאַליציע און ארץ־ישראל.

ד"ר מארעק שערלאַג גיט איבער אין נאָמען פונם פאַרשטאָרבענעם גאַלי־צישן ציוניסטן־פירער אַדאָלף שטאַנד אַזאַ כאַראַקטעריזירונג פון דער אַסימי־לאַציע און פון איר מאָראַלישער ירידה. דער טאַטע — האָט שטאַנד געזאָגט — האָט געגלויבט אין אַלטן טעסטאַמענט, דער זון — אין נייעם טעסטאַמענט און דאָס אייניקל אין טאַטנס טעסטאַמענט.

קיין בעסערע און קירצערע געשיכטע פון דריי גענעראַציעס איז נאָך

נישט געשריבן געוואָרן, און וואָס שייך שטאַנדן — שטייט פאַר מיר מיט אַ מאָל אויף שטאַנד דער געליבטער און באַוווּנדערטער אָראַטאָר פון מיין יוגנט.

און לאה, די זקנה פון בערשאַד האָט — ווי עס דערציילט איר זון אהרון חרמוני — אַזוי פאָרמולירט איר חידוש און איר קריטיק וועגן דעם נייעם מין ווירטשאַפט, וואָס איז איר אַנטקעגנגעקומען אין עין־חרוד.

דאָ — האָט לאה געזאָגט — דאַרף מען בעטן בלויז אויף געזונט, ווייל אַלץ איבעריקע באַקומט מען אין מחסן (מאַגאַזין).

קען דער געמיט־צושטאַנד פון אַלט־אוקראַיִנע אין גיי־אַרץ־ישראל בעסער באַשריבן ווערן, קלאָרער אַרויסגעבראַכט ווערן ווי אין דעם אַנעקדאָט פון דער בערשאַדער זקנה לאה?

עסייען וועגן יידישע שרייבער

שמואל ניגער ז״ל האָט נישט באַוויזן אָנצושרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אַלע בוי־מאַטעריאַלן זענען ביי אים געווען גרייט. ער האָט פאַרלייגט ווינקלשטיינער און געהאַט די נייטיקע ציגל צו דער האַנט. ער האָט אין אַ היפּשער מאָס אַפילו ווענט אויפגעשטעלט, אָבער דעם בנין פון אַ יידישער ליטעראַטור־געשיכטע איז אים נישט באַשערט געווען אויסצובויען און פאַרטיק צו מאַכן.

די סיבה? די הויפּט־סיבה איז זיכער געווען די מערכה פון אונדזער ליטעראַטור. כמעט פולע זעכציק יאָר האָט שמואל ניגער באַאַרבעט דאָס פעלד פון יידיש־ליטעראַטור־קריטיק און מיט אַל זיין אומגעוויינלעכער התמדה האָט ער נישט געהאַט די צייט אָנצושרייבן דאָס ווערק, וואָס ער איז מיט זיין וויסן און מיט זיין טאַלאַנט געווען בכוח אָנצושרייבן און וואָס מיר אַלע האָבן געהאָפט, אַז ער וועט עס אָנשרייבן.

ס'האָט ניגערן געפעלט די אוניווערסיטעט־קאַטעדרע פאַר סיסטעמאַטישע לעקציעס פון יידיש־ליטעראַטור, וואָס ער זאָל זיי דערנאָך קענען צונויפזאַמלען צו אַ געשיכטע פון דער ליטעראַטור. איז דען די גרויסע, זעקסבענדיקע געשיכטע פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור נישט אַ זאַמלונג פון די לעקציעס, וואָס פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער האָט געגעבן זיינע תלמידים פון דער קאַטעדרע אין העברעישן אוניווערסיטעט? און ביי די אומות העולם זענען זייערע ליטעראַטור־היסטאָריעס צום גרעסטן טייל נישט אַנדערש געשריבן געוואָרן.

איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, וואָס איצט האָבן מיר אין ירושלימער אוניווערסיטעט אונדזער אייגנס אַ קאַטעדרע פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור און

מיר האָבן דאָס מזל, וואָס די קאַטעדרע פאַרנעמט נישט אַ דרויסנדיקער געלערנ־טער, וואָס לערנט מיט זיינע סטודענטן אַ פרעמדן לימוד, נאָר אַ חוקר און אַ סופר, וואָס איז אַ בן־בית אין דער יידיש־שעפערישקייט נישט ווייניקער ווי אין דער העברעישער — און מיר האָבן אַ רעכט צו האָפן, אַז דאָס ווערק, וואָס מיר האָבן נישט זוכה געווען, אַז עס זאָל אָנשרייבן שמואל ניגער פון דוקאָר און ניו־יאָרק, וועט אונדז געבן פראָפ. דב סדן פון בראָד און ירושלים.

די זאַמלונג וועגן יידישע שרייבער, וואָס פראָפ׳ דב סדן האָט אָקאָרשט אַרויסגעבראַכט אונטערן נאָמען „אבני מפתן", זענען אַן ערשטער טראָט אויפן וועג צו גרעסערע און מער אַרומנעמענדיקע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור — אויפן וועג צו אַ יידישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אין אַ געוויסער מאָס ווערן מיר זיכערער, מיט אונדזער האָפענונג און מיט אונדזער סברה, לייענענדיק די צווייטע באַמערקונג פון די דריי באַמערקונגען אין סדנס הקדמה צו זיין בוך.

ער האָט געגעבן דעם בוך אַ נאָמען „אבני מפתן", ווייל זיין כוונה איז אַליין אַריבערצוטרעטן און אַנדערע אַריבערצופירן די שוועל צו יידיש־שעפערישקייט און אָנצורעגן דעם לייענער אַריינצוגיין אינעווייניק און זיך נאָענט צו באַקענען מיט דער יידיש־שעפערישקייט און צו ווערן אַ בן־בית אין איר. און ער, סדן, איז מוסיף דערצו אַ זאָץ בזו הלשון: „און הלוואי איך זאָל דעם לייענער קענען באַהילפיק זיין דערביי ווען עס וועט קומען די צייט אויפצוזאַמלען מיינע פאָר־שונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און איר שפּראַך אין איינעם מיט מיינע ציקלען לעקציעס אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים".

אָבער איך זע אין די עסייען אין „אבני מפתן" פאָראַרבעטן צו אַ יידישער ליטעראַטור־געשיכטע נישט בלויז, ווייל איך בין זיך סומך אויף דעם נאָר וואָס ציטירטן צוזאָג פון פראָפ סדן, נאָר קודם כל און פאַר אַלעמען דערפאַר, וואָס אַ טייל פון די עסייען און מאָנאָגראַפיעס זענען אידעיש און מעטאָדיש אַן אָנוואָרף צו אַ יידישער ליטעראַטור־היסטאָריע. עס קומט אין זיי צום אויסדרוק סדנס קאָנצעפּט ווי אַזוי מע דאַרף פאָרשן און שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך וועל פּרוּוון אַרויסאַרבעטן אייניקע עיקרים פון דעם סדנישן קאָנצעפּט:

1) די געשיכטע איז אַ וואונדער־טוערין. זי בייט נישט בלויז דעם ליטעראַ־רישן געשמאַק, נאָר זי אַנדערשט איבער אויך עסטעטישע באַגריפן און אויך די צורה פון די געשטאַלטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין צייכן פון די דאָזיקע עסטעטישע באַגריפן.

די סאַטירע, לערנט אונדז די ליטעראַטור־וויסנשאַפט, זוכט אויף אַן אַפּלאַ־כערישן אָדער שטראָפערישן אופן אָנצוווייזן אויף דעם אונטערשייד, נײַן, אויף דעם תהום צווישן דער ווירקלעכקייט ווי זי איז און ווי זי דאַרף זיין. די סאַטי־

ריקער, וואָס האָבן זינט דעם רוימער יוּווענאַל אין צווייטן יאָרהונדערט און ביז צו מענדעלען, דעם זיידן פון אונדזער יידיש־ליטעראַטור, אָפּגעחוזקט פון מענטשן און פון זייערע גייסטיקע און מאָראַלישע דעפעקטן, האָבן דאָס געטאָן, ווייל זיי האָבן די מענטשן, פון וועלכע זיי האָבן אָפּגעשפּעט, געמאָסטן מיט אידעאַלע געשטאַלטן, וואָס זייער דמיון האָט אויסגעפאַנטאַזירט.

דוב סדן גייט אַרויס פון אָט דער אַלגעמיין אָנגענומענער פאָרמולירונג פון סאַטירע און איז מוסיף דערצו זיין צוגאָב וועגן דער וווּנדער־טועריי פון דער היסטאָריע.

„קוק זיך צו — זאָגט ער אונדז — צו דעם שפּיל, וואָס עס שפּילט מיט אונדז דער שר פון די צייטן: די סאַטירע, וואָס מער זי דערווייטערט זיך פון איר צייט און פון דער צייטס כוונות קומט פון איר אַרויס דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס איר שעפער האָט אין זינען געהאַט. די אידעאַלע געשטאַלט און די אידעאַלע ווירקלעכקייט, וואָס דער שרייבער האָט מיט איר געמאָסטן דעם אָביעקט פון זיין סאַטירע, פאַרציט זיך מיט אַ נעפּל פון פאַרגעסעניש, און אויב אָפילו זייער אָנדענק ווערט אויפגעהיט, האַלט זיך זייער ווערט און זייער גרייס אין איין מינערן, ביז זיי ווערן בטל סיי אין כמות און סיי אין איכות. די אָביעקטן אָבער פון דער סאַטירישער געשטאַלטיקונג, אַנטפּלעקן זיך און פאַרוווּנדערן אונדז מיט דער קראַפט פון זייער שלימות. דאָן קישאָט שטייט פאַר אונדז אין זיין פולער געדויערדיקייט, הגם מיר פילן די שטעך פון זיין באַשאַפערס סאַטירישער כוונה. עס פאַלט פון זיך אַליין אַראָפּ יעדע סאַטירישע כוונה פון דער דאָן קישאָט־געשטאַלט און זי בלייבט שטיין פאַר אונדז מיט איר באַזונדערער אומפאַרמינערטער שיינקייט״.

און פון דעם שפּאַנישן דאָן קישאָט איבער דעם ענגלישן גוליוועוער פירט אונדז סדן צו אונדזער יידישן פישקע דעם קרומען, און ער זאָגט אונדז, אַז „עס איז געגנוג די קליינע צאָל יאָרן זינט פישקע איז ליטעראַריש געבוירן געוואָרן און ביז צו אונדזערע טעג, כדי צו זען אויף וויפל גרעסער עס איז פישקע פון דער פאַרהוילענער, אידעאַלער געשטאַלט, וואָס אין איר נאָמען און אין איר ליכט האָט דאָס מענדעלע געשמיסן מיט שטראָף און מיט שפּאָט זיין סאַטירע־אָביעקט פישקע״. און סדן איז זיכער, אַז אויף וויפל פישקע וועט האָבן קינסטלערישן כוח אַריינצוגעדויערן אין די ווייטערע דורות, וועט די סאַטירישע כוונה פון זיין באַשאַפער פאַרגעסן ווערן און עס וועט זיך אין אים אַנטפּלעקן דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיינע גרויסע ברידער דאָן קישאָט און גוליווער, דהיינו, עס וועט אויך אין פישקען בולט ווערן דער אמת, אַז גרויסע לכתחילהדיקע סאַטירע־געשטאַלטן ווערן בדיעבד גרויסע הומאָר־געשטאַלטן.

איך בין ווייט נישט אַזוי זיכער ווי דב סדן, אַז פון פישקען, דעם סאַטירישן אָביעקט, קאָן אַמאָל, אין גאַנג פון די דורות, ווערן אַ הומאָר־געשטאַלט. איך

בין אין דעם מסופק צוליב דעם, ווייל מענדעלע האָט, לפי דעתי, נישט בלויז אָפּגעשפּעט פון זיינע סאַטירע־אָביעקטן, נאָר זיי אויך אין אַ היפּשער מאָס פאַר־מיאוסט. און פאַרמיאוסן איז נישט די זעלבע קינסטלערישע מדרגה ווי סאַטירע און האָט אַפילו אין דער וויטסטער היסטאָריע נישט קיין שאַנס מגולגל צו ווערן אין הומאָר.

אָבער סיי ווי איז די ליטעראַטורא־סאָפישע אידעע וועגן היסטאָרישן אויס־גלייך צווישן סאַטירע און הומאָר מיט אירע ביישפּילן פון דאָן קישאָט און גולי־ווער, נישט בלויז אַ שיינע און אַ ריכטיקע, נאָר זי זאָגט אויך און קודם כל עדות אויף סדנס הויכע ליטעראַרישע מאָסן, אויף זיין צילזיכערער היסטאָרישער פּערס־פּעקטיוו ביי דער אָפּשאַצונג פון ווערק און פון שרייבער.

און אין די ראַמען פון סדנס צוגאַנג צו געשיכטע ווי אַן עסטעטישע וואַנדער־טועריןן, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן זיין טעזע פון היסטאָרישער אימאַנענץ פון די קינסטלערישע טעמעס.

די גולם־לעגענדע, ווי לייוויק האָט איר געגעבן אַ תיקון, האָט נישט בלויז געגרייכט ביז צום איצט אפשר העכסטן פּונקט פון גאולה־געשטאַלטיקונג, נאָר זי האָט, לויט סדנס טרעפיקן וואָרט, מיט איר קינסטלערישן כוח אויך אויסגע־לייזט פון פאַרגעסעניש די פריערדיקע ליטעראַרישע גואל־געשטאַלטן. און לייוויקס גאולה־געשטאַלטיקונג ווידער האָט געשעפּט אירע כוחות פון ליטעראַרישע ווערק אויף דער זעלבער טעמע, וואָס זענען אים טאַקע נישט געווען באַקאַנט, אָבער סיי ווי פירט דער וועג פון זיי צו אים, וואָרעם די טעמע איז אַ היסטאָריש־אימאַ־נענטע.

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1915, אין אָנהייב פון דער יידישער חורבן־תקופה אין אונדזער יאָרהונדערט, האָט דער יונג־פאַרשני־טענער גאַליציש־יידישער שרייבער צבי ביקעלס־שפּיצער, אָנגעשריבן אַ דראַמע „דער גואל", וואָס איז געבליבן ליגן צווישן דעם פאַרשטאָרבענעמס כתב־ידן און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט מיט דרייסיק יאָר שפּעטער.

דער מחבר פון „דער גואל", צבי ביקעלס־שפּיצער, האָט נישט זוכה געווען צו זען דעם „גולם" און דער דיכטער פון „גולם", ה. לייוויק, האָט נישט געקאָנט זען דעם „גואל", אָבער עס פאַרבינדט זיי ביידע אַ פאָדעם פון „היסטאָרישער אימאַנענץ" בנוגע דער טעמע.

אין ביקעלס־שפּיצערס דראַמע פון 1915 ווי אין לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע פון 1921, דרייט זיך די האַנדלונג אַרום דעם באַשאַף פון האָמונקולוס, פון אַ מין במקום משיח בצורת גולם, וואָס זאָל מיט זיין אומבאַגרענעצטער מאַכט ראַטעווען די קהילה פון דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט אויף איר. און אויך אין ביקעלס־שפּיצערס דראַמע „דער גואל" ווייזט זיך אַרויס, אַז דער רב, דער באַשאַפער קאָן נישט באַהערשן זיין באַשאַף און האָמונקולוס ווערט נישט קיין

העלפער, נאָר דער היפּוך דערפון — אַ צעשטערער, און דעם רבס טאָכטער צעהאַקט דעם האָמונקולוס מיט אַ האַמער און דאָס פאָלק מוז זיך אַליין העלפן. דאָס פאָלק מוז צוריקקומען צום אַלטן יידישן דרך פון בטחון און אַליינהילף.

דב סדן האָט אַזוי אַרום בפירוש באַגרינדעט די ריכטיקייט פון זיין טעזע וועגן „היסטאָרישער אימאַנענץ" פון דער גולם־טעמע. וואָרעם מען קאָן דאָך נישט לייקענען, אַז מחוץ פון אַ סכום אידעיִשע ניואַנסן און מחוץ פון פאַרשיידענעם קינסטלערישן ניוואָ זענען דיביידע דראַמעס אידענטיש וואָס שייך כוונה, נסיון פון כוונה און דורכפאַל פון נסיון.

אָבער מיר דאַכט, אַז אַחוץ דער „היסטאָרישער אימאַנענץ" פון טעמע און אידעע איז אויך פאַראַן אַ ביאָגראַפישע אימאַנענטקייט, וואָס איז זיכער נישט ווייניקער שטאַרק און אַ מאָל אויך שטאַרקער אין געמיט פונעם דיכטער. געוויסע טיפע פערזענלעכע איבערלעבענישן פונעם קינסטלער זענען גורם, אַז די אָדער יענע אידעע און טעמע זאָל נישט בלויז אויפקומען אין אים, נאָר זאָל זיך אויך שטענדיק איבערחזרן אין זיינע ווערק און ווערן זיינס אַן „אידעע־פיקס".

צווישן די דריי דראַמאַטישע פּאָעמעס, וואָס דער מוסד ביאַליק האָט אַרויס־געגעבן, מיט אַן הקדמה פון דב סדן, איז אויך דאָ דער איינאַקטער „משיחס קייטן", וואָס לייוויק האָט געשריבן צווישן 1907 און 1908 אין מינסקער תפיסה. דער ניינצניאָריקער לייוויק, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם סאָציאַליסטישן גאולה־טרוים און איז פאַר דער זינד פון זיין טרוימשאַפט געזעסן אין תפיסה, האָט זיך דעמאָלט נישט בלויז שפּעריש „איינגעהאַנדלט" אויף אַ לעבן לאַנג די משיח־אידעע, נאָר ערגעץ ווו, מיטן כוח פון דער שאַרפער מאָראַלישער דיאַ־לעקטיק, וואָס האָט אין אים דאָרט און דעמאָלט גענומען אויפגיין, אויך דעם ווידעראַנאַנד פון דער פּראָבלעמאַטיק אַרום דער משיח־אידעע.

שוין אין יענער דראַמאַטישער פּאָעמע איז פאַראַן דער שטן, וואָס דער דיכטער נוצט אים אין זיינע שפּעטערדיקע דראַמעס סיי אונטערן נאָמען שטן און סיי, אַזוי צו זאָגן, אונטער פּסעוודאָנימען פאַר אַ מין אַלטער־עגאָ אויף אַוועקצושטעלן אין דער פולער שאַרפקייט פּראָבלעמען און סתירות פון מאָראַל און גורל. לייוויק מאַכט דעם שטן אין יענער יוגנט־דראַמע פאַרן היטער פון משיח און לאָזט דורך אים וויסן, אַז —

יאָ, יאָ — כ׳וועל היטן.
צווישן צוויי — אַ דריטער,
צווישן צוויי אין מיטן. —
איינער — אויף קייטן,
דער צווייטער — אין שפּאַנען,
וועט איינער פון צווייטן

אַפילו ניט אַנען. —
בין היטער. מיין ווילן
איז: נאָענטסטע צעשיידן;
כ'וועל אייביק זיך שפּילן
מיט בענקשאַפט פון ביידן.

לייוויק האָט זיך דערנאָך, אין זיין „גולם" און אין זיין „גאולה־קאָמעדיע", ווי אַנגעזאָגט, פיינפול „געשפּילט" מיט דער „בענקשאַפט פון ביידן", פון משיחן און פון אַלע במקום־משיחס. פערציק יאָר שפּעטער, ווען ער האָט אָט דעם יוגנט־לעכן, קיין מאָל פריִער נישט געדרוקטן איינאַקטער, אַריינגענומען אין דער יובל־אויסגאַבע (צווייטער באַנד: דראַמאַטישע פּאָעמעס), איז אים אַליין שוין קלאָר געווען, אַז דאָ גייט וועגן אַ „ביאָגראַפישער אימאַנענטקייט" און ער האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער געפינט פאַר נייטיק די פּאָעמע אַריינצונעמען אין זיינע געזאַמלטע ווערק, „ווייל איך האַלט, אַז זי איז אַ פאָרשפּיל צו מיינע ווערק „דער גולם" און „גאולה־קאָמעדיע" און אויך צו אַ גרויסן טייל פון מיינע לידער".

איך שטרייך אונטער אָט די „ביאָגראַפישע אימאַנענטקייט" אַקעגן דער „היסטאָרישער", ווייל איך וויל דערמיט פאַרענטפערן ש. ניגערן אַקעגן אַ סתירה, וואָס דב סדן געפינט אין זיין לייוויק־בוך.

בדרך כלל, בין איך מסכים מיט דער טעזע, אַז די ווערק פון אַ דיכטער גייען נישט, און אַוודאי גייען זיי נישט תמיד, אין די טריט פון זיין ביאָגראַפיע. איך האַלט, אַז אין דעם פּרט איז די ניגער־קריטיק פון סדנען אין זיין לייוויק־עסיי און אויך פון אליעזר גרינבערגן אין זיין מאָנאָגראַפיע „צענטראַלע מאָטיוון אין ה. לייוויקס שאַפן", דורכויס באַרעכטיקט.

אָבער דער פאַקט, וואָס לייוויק האָט באַזוכט סאָוויעט־רוסלאַנד אין 1926 און האָט געזונגען זיינע לידער וועגן „היים סאָוויעטישע", פינף יאָר נאָך דעם ווי ס'איז דערשינען זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם", איז נישט מבטל ניגערס קריטישן פּרווו נאָכצושפּאַנען מיטן „תחום פון קונסט" דעם „תחום פון ביאָגראַפיע". איך מיין, אַז די טעזע איז נישט קיין פעסטע און נישט אַלע מאָל באַוויז־קרעפטיק, נאָר וואָדען? אויב מיר נעמען אָן דעם קריטישן פּרינציפּ, וואָס איך רוף „ביאָגראַפישע אימאַנענץ", פאַרלירט דער כראָנאָלאָגישער מוקדם ומאוחר אַ גרויסן טייל פון זיין אַרגומענטאַציע. עס גייט אַ דירעקטע שעפערישע ליניע פון דער גרויסער איבערלעבעניש אין דער מינסקער תפיסה, וואָס איר רעזולטאַט איז דער איינאַקטער „די קייטן פון משיח", און זי ציט זיך איבער „גולם" און „גאולה־קאָמעדיע" צו יענע לידער־פּאָעמעס, וווּ עס ווערט דיאַלעק־טיש שאַרף און אַ סך מאָל „ביז אין ביין אַריין" דורכגעפירט אַ קאָנפראָנטאַציע פון „ביידע בענקשאַפטן" ד. ה., נישט בלויז פון די אויסלייזער, משיחים און

תלינים, נאָר אויך פון די אויסגעלייזטע און פון די קרבנות, מיט דער וואָר פון אַבסאָלוטער מאָראַל.

די טעזע פון דער „ביאָגראַפישער אימאַנענץ״ בלייבט גילטיק. און דער פאַקט פון האָבן קודם קריטיקירט די רעוואָלוציע (אין „גולם״) און דערנאָך באַזונגען „היים סאָוויעטישע״, און אויך די אַנדערע זיגזאַגן צווישן די תחומים פון לעבן און קונסט זענען פון קריטישן שטאַנדפּונקט נישט פון באַזונדערער און אַוודאי נישט פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג.

2) דעם געדאַנק וועגן דער היסטאָרישער פאַרוואַנדלונג פון סאַטירע ברענגט סדן אַרויס אין זיין גרעסערער עסיי וועגן דעם „פירשט פון הומאָר״, שלום עליכם. עס קומט דאָרט צו רייד וועגן סאַטירע אין אַקעגנשטעל און אין פאַרגלייך מיט הומאָר. און דער דאָזיקער פאַרגלייך איז דער אָנהייב פון דעם קאָמפּאַראַטיוון קריטישן מעטאָד, מיט וועלכן סדן אָפּערירט אַזוי גליקלעך אין פינפטן קאַפּיטל פון זיין שלום־עליכם־עסיי.

מענדעלעס רחבותדיקע דערציילונג — זאָגט סדן — איז דער באַגינען פון דער אַנטוויקלונג פון פּראָזע, וואָס איר עיקר איז דער ראָמאַן אין זיין רעאַליסטישער געשטאַלטונג; מיט פּרצס צימצומדיקע מעשות הייבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פון דער פּראָזע, וואָס איר עיקר איז די פּסיכאָלאָגיסטישע נאָוועלע, אָבער שלום עליכם איז לא הא ולא הא. זיינע געשטאַלטונגס־עלעמענטן זענען: דער מאָנאָלאָג, דער בריוו און די קאָמעדיע.

פון די דריי האָבן מיך דער עיקרשט פאַרכאַפּט סדנס באַמערקונגען און פאַרגלייכן אַרום דעם עלעמענט פון קאָמעדיע. עס איז קלאָר, אַז דער קאָמעדיע־זשאַנער איז אַ ירושה פון דער השכלה, אָבערביידע שפּראַכן אונדזערע: העברעיִש און יידיש האָבן געהאַט פאַרשיידענע געשטאַלטונגס־פונקציעס אַרום איר.

אין דער העברעיִש־געשריבענער קאָמעדיע איז דער עיקר געווען מליצהדיקע פּאַטעטיק; אין דער יידישער ווידער איז דער עיקר די קאָנקרעטע קאָמיק.

אין דער יידישער קאָמעדיע האָבן די דראַמאַטיס פּערסאָנע גערעדט אַ רייכן, אידיאָמאַטישן יידיש דעמאָלט, ווען זיי זענען על פּי דעם מחברס משכילישער אידעאָלאָגיע געווען נעגאַטיווע געשטאַלטן (ווי אַביישפּיל ברענגט סדן די פון ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט וויכטיקע אַנאָנימע קאָמעדיע „גענאַרטע וועלט״). דאַקעגן האָבן די פּאָזיטיווע געשטאַלטן (ביי וואָלפסאָנען און אַפילו ביי עטינגערן) גערעדט דייטשמעריש.

נישט אַנדערש — באַמערקט סדן און זיין באַמערקונג טרעפט זייער אין פינטל און ווייזט צום ווייפלטן מאָל, אַז די יידישע און העברעיִשע שרייבער זענען געגאַנגען איין און דעם זעלבן היסטאָריש־שעפערישן וועג — נישט אַנדערש איז עס מיט די מחברים פון די געשריבענע ווערק אין העברעיִש. די נעגאַטיווע געשטאַלטן, למשל, אין מאַפּוס „עיט צבוע״ רעדן די געשמאַקע רייד

פון חז״ל, וואָס איז אויפן פלאַן פון יידיש דאָס אידיאָמאַטישע לשון, בעת די פּאָזיטיווע העלדן נוצן די ריינע שפּראַך פון תנ״ך, וואָס אין אַ יידיש געשריבן השכלה־ווערק וואָלט דאָס געמיינט דייטשמעריש.

מיט אַנדערע ווערטער: ווי עס יידישט זיך, אַזוי לשון קודשט זיך און אויך פאַרקערט, און על פי דער דאָזיקער טעזע — האַלט סדן און איך בין מיט אים פון גאַנצן האַרץ מסכים — דאַרף געפאָרשט און געשריבן ווערן די געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן.

3) די גרעסערע עסייען אין סדנס „אבני מפתן״ זענען געשריבן געוואָרן ווי הקדמות צו די ווערק פון יידישע שרייבער אויף העברעיִש. עס זענען דאָס די אַריינפירן צו אַן אָפּקלייב פון לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמעס (חזיוני גאולה), פון לעיעלעס, יהואָשס און בעריש ווײַנשטיינס לידער און פון הערץ בערגנערס דערציילונגען. די אַריינפיר־עסייען זענען אויסן צו פּרעזענטירן די דערמאָנטע שרייבער פאַרן העברעיִשן לייענער־עולם. דאָ באַנוצט זיך דב סדן מיט אַ מעטאָד, וואָס איז, ווי מיר דוכט, פּאַסיק און עפעקטיוו דערפאַר, ווייל אי ער פּרווט אויפן קירצסטן וועג צו געבן אַ כוללדיק בילד וועגן שרייבער און וועגן זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן הינטערגרונט, און אי ער האָט די מעלה, וואָס איז אפשר די סאַמע נייטיקסטע ביי דער פּרעזענטירונג פון אַ שרייבער פאַר אַ לייע־נער־עולם „אשר לא ידע את יוסף״, כ׳מיין, די מעלה פון אינטערעסאַנטקייט.

איך וואָלט דעם דאָזיקן מעטאָד באַצייכנט ווי אַ ביבליאָגראַפיש־פּאָלעמישן, ווי אַ ביישפּיל וועל איך נעמען די אַריינפיר־עסיי צום אָפּקלייב פון יהואָשס לידער. דאָ, אין פאַל יהואָש, איז סדנען לייכטער געווען די ביבליאָגראַפיע, וואָרעם בערטשי וויטקעוויץ איז אים געקומען צו הילף מיט זיין ביבליאָגראַפישן בוך וועגן יהואָשן. ביי די אַנדערע האָט ער די ביבליאָגראַפיע אַליין צונויפגעטראָגן.

סדן גייט דורך כמעט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן יהואָשן און טיילט אויס די פּאָזיטיווע און די נעגאַטיווע אָפּשאַצער און צעגלידערט ביידע פּאָלעמיש אַזוי, אַז וווּ ער ווערט פאַרטיק קריטיש מיט דעם, וואָס עס האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן יהואָשן אַלגין און חיים ליבערמאַן, ב. ריווקין און אברהם טאַבאַטשניק, קאָן דער העברעיִשער לייענער נהנה זיין צוויי מאָל, אי ער האָט פאַר זיך דאָס בילד פון יהואָשן דעם דיכטער, פון זיינע פאַרמעסטן און דערגריי־כונגען, אי ער איז היפּש היימיש געוואָרן אין די ליטעראַטור־קריטישע קאָנטראָ־ווערסיעס אַרום דעם דיכטער. דער לייענער ווערט געוווּר מער ווי ער וואָלט זיך געקאָנט דערוויסן פון סתם אַן עסיי וועגן יהואָשן. און נאָך עפּעס גיט סדן דעם אינטעליגענטן לייענער: ער גיט אים אַן אָנרעג צו ווערן אַ צד צווישן די קריטישע צדדים, אָדער גאָר זעלבשטענדיק אַליין אַ טראַכט צו טאָן. און דאָס איז דער דין אויך ביי די אַריינפיר־עסייען וועגן לעיעלעסן און וועגן בעריש ווײַנשטיינען.

4) אַחוץ די אָפּהאַנדלונגען וועגן די שוין דערמאָנטע שרייבער, זענען אין סדנס בוך פֿאַראַן אויך גרעסערע און קלענערע מאמרים וועגן די בראָדער זינגער, אברהם גאָלדפֿאַדען, שמ״ר (איז שלום עליכמס משפט איבערן שמ״רן געווען אַ גערעכטער ? איך בין, מיט געוויסע קליינע רעזערוואַציעס, מסכים מיט סדנען און מיט יעקב גלאַטשטיינען, אַז סוב ספּעציע היסטאָריע איז דער משפט געווען אומגערעכט), דוד פּינסקי, איציק מאַנגער, איטשע מאיר ווייסענבערג, יואל מאַסטבוים, יוסף אָפּאַטאָשו, א. מ. פוקס, ישעיהו שפּיגל, יוסף ערלעך, יידיש־דיכטונג אין גאַליציע, משפחה בערגנער, שמואל יעקב אימבער, דבורה פאָגעל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, יחיאל לערער, ישראל צינבערג, שלמה ביקל, מיכאל ווייכערט, א. אלמי, מנשה האַלפּערן און שמואל ניגער.

די ערשטע עסיי וועגן ניגערן אונטערן נאָמען „דרכו של פּוסק" גייט ווי די אַנדערע אַריינפֿיר־עסייען צו די מוסד־ביאַליק־ביכער, אויפֿן וועג פֿון ביבליאָגראַפֿישער און צום טייל אויך ביאָגראַפֿישער אַרומנעמערישקייט און פֿון פּאָלעמיק לשם קלאָרמאַכונג פֿון ניגערס קריטישער שיטה. וואָס איז געווען ניגערס קריטישע שיטה ? כ'האָב דאָס געפֿיל, אַז סדן איז נוטה אָנצונעמען ג. ב. מינקאָווס שטאַנדפּונקט אין דעם פּרט, דהיינו, אַז ש. ניגערס שיטה איז געווען אַ פּלוראַליסטישע, אַן עקלעקטישע. ד״ר יעקב שאַצקי האָט מסכים געווען מיט מינקאָוון און האָט נאָך דערצו געפּרוווט באַווייזן, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז קיין אַנדערער סיסטעם ווי ניגערס נישט מעגלעך געווען.

איך אַליין האָב אין מיין עסיי וועגן ניגערן (זע „שרייבער פֿון מיין דור", ניו־יאָרק, 1958, ז״ז 239 ביז 246) אַרויסגעבראַכט און געפּרוווט באַגרינדן אַן אַנדערע קאָנצעפּציע וועגן ניגערס קריטישער שיטה. אָבער מיך דאָ אינטערעסירט מער סדנס צווייטע עסיי וועגן ניגערן ווי די ערשטע.

די דאָזיקע עסיי „תנופה והישג" איז אונטערן נאָמען „ש. ניגער — פֿאַרמעסט און אויפֿטו" געווען געדרוקט קודם אין „שמואל־ניגער־בוך" (ביבליאָטעק פֿון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1958). אין אָט דער עסיי פּרוּווט סדן, און מיר דאַכט, אַז מיט היפּשער געלונגענשאַפֿט, צו פֿאָרמולירן די עיקרים, וואָס זענען אין איין און דער זעלבער צייט פּסיכישע, אידעאָלאָגישע און אויך מעטאָדיש־פֿאָרשערישע פֿאַרן קומענדיקן יידישן ליטעראַטור־היסטאָריקער.

איך צייכן אָן די עיקרים, ווי סדן פֿאָרמולירט זיי, און אויף ווי וויט זיי אימפּליצירן די אָרגאַנישע חסרונות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז ניגער זאָל נישט אָנשרייבן די פֿיל דערוואַרטע געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, נעם איך נישט צו זיי קיין דעפֿיניטיווע שטעלונג. איך קען דאָס נישט טאָן, ווייל עס וואָלט געמיינט קודם דורכמישן די משנה ניגער און זוכן אין איר אַ ספּעפּאַראַטע באַשטעטיקונג פֿאַר יעדן פֿון די אימפּליצירטע חסרונות.

אָבער ווי גרונד־פּרינציפּן, אויף וועלכע עס דאַרף זיך אָנשפּאַרן דער קומענ־

דיקער יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, זענען מיר די עיקרים צום טייל בדרך כלל נאָענט און צום טייל זייער נאָענט.

אָט זענען די עיקרים און איך פאַרענדיק מיט זייער אויסרעכענונג מיינע באַמערקונגען וועגן פּראָפ. דב סדנס אָנגעוואָרפענע פאַראַרבעטן צו אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

א) „ליטעראַטור איז נישט נאָר אַ מנין אָדער אַ פּאָר מנינים שלאָנק און ריזיק אויסגעוואַקסענע דעמבעס, נאָר אויך (און פון באַשטימטע אַספּעקטן: בעיקר) די גרויסע צוזאַמענגעשלונגענע געדיכטעניש פון כמעט הויכע און מיטעלערעביימער, פון די נידעריקע צעפּאַטלטע קוסטעס און פון דעם איבעריקן עניוותדיק־מאָכיקן געוויקס, ווייל זיי אַלע זענען צוזאַמען דער וואַלד". ניגער, האַלט סדן, האָט זיך אין זיינע ווערק אפשר נישט ווילנדיק פּרעזענטירט אַזוי „גלייך ער וואָלט געווען אַ חסיד פון אַ העראָיסטישן יחידי־סגולה־באַנעם".

ב) וועלטלעכקייט און טראַדיציע. „ניגער האָט געבויט שולן און נישט קיין בתי־מדרשים; ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקע סימפּאַטיע פאַר די רעליגיעזע, סיי קאָנפעסיאָנעלע, סיי אומקאָנפעסיאָנעלע, וויבראַציעס אין דער יידישער ליטעראַטור".

ג) יידיש און העברעיש. ביי ניגערן זענען די צוויי שפּראַכן אין תוך נישט געווען קיין סינטעז, נאָר זיי האָבן געלעבט אין אַ „שכנות פון אויטאָנאָמע תחומים — צוויי שפּראַכן, צוויי ליטעראַטורן". דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אַזאַ שכנות פאַרשמעלערט אַלץ מער און מער די צווייִשפּראַכיקייט אין אַ שעפערישער פּערסאָנאַלער אוניע פונעם שרייבער. ניגער איז דערפון נישט געווען צופרידן. זיין אידעאַל איז געווען צווייִשפּראַכיקייט, אָבער די דיספּראָפּאָרציע פון זיין אינטערעס פאַר ביידע שפּראַכן האָט זיכער נישט געהאָלפן צו סטימולירן די צווייִשפּראַכיקייט פון איין ליטעראַטור.

ד) גלות און ישראל. אויך די צוויי האָבן ביי ניגערן בלויז געלעבט אין שכנות און זענען קיין מאָל קיין סינטעז נישט געוואָרן. ניגערס אידעאָלאָגישער און פּראָגראַמאַטישער אויספיר איז — דער גלות ווי אַ באַזע פון יידישן קיום און ישראל ווי איר אָנשפּאַר. וועלטלעכקייט, יידיש, עם עולם — זענען געייען און געבליבן פאַר ניגערן די דריי באַזע־אַטריבוטן פון דעם צענטראַלן וועג פונעם פאָלק און זיין קולטור; מסורה, העברעיש, ישראל — זענען בלויז שטיצן פון דעם דרייִלינג".

שלמה ביקל

אליעזר גרינבערגס קריטישע עסייען

וואַר, נישט גרויסע מעשים בלויז גרייכן ביי די ראַנדן פון די רוימען,
נאָר אויך גראַשנדיקע מצוות קאָנען אַנקלאַפּן אין די טויערן פון הימל!
(איך האָב געזען אין ברוכוואַרג זשאַווערן צוגלייך —
אַ צעבראָכענע קוליע און אַ פאַרבלוטיקטע קרוין.)
הייליק, הייליק אין דער וועלט איז דאָס וואָס קליין —
פונקט ווי דאָס וואָס גרויס.
דער וואָס האָט דעם לייב ס׳לעבן אָנפאַרטרויט —
האָט עס אויך אָנפאַרטרויט דער מילב.
און ביידן צוגלייך —
ס׳געהיימעניש פון טויט!

די ציטירטע שורות זענען פון אליעזר גרינבערגס פּאָעמע „דיאַלאָג מיט זיך אַליין אין שפּעטן הארבסט" (געדרוקט אין „צוקונפט", יאנואר, 1961).

ציטירט האָב איך די פערזן אי פאַר זייער געמאָסטענער און געלייטערטער שיינקייט און אי, און נאָך מער, ווייל איך גלויב, אַז נאָר דיכטער, וואָס זענען בכוח צו אָביעקטיוויזירן זייער לירישן וואָרט, וואָס זענען בכוח גובר צו זיין דעם לאַמענט און די עלעגיע פון זייער פּאָעטיש געמיט און זיגעריש, און צו דער זעלבער צייט הכנעהדיק, אַ שמייכל טאָן צו דעם הבל־הבלים און צו דער באַגלייכער הייליקייט פון אַלץ וואָס קליין, פונקט ווי אַלץ וואָס גרויס — בלויז די דיכטער קאָנען באַהערשן דאָס פעלד פון ליטעראַרישער קריטיק, וואָרעם אויב „פערזן זענען נישט, ווי מענטשן טראַכטן, בלויז געפילן, נאָר לידער זענען אויך אלע מאָל דערפאַרונגען" (גרינבערג דערמאָנט אין זיין גלאַטשטיין־עסיי די דאָזיקע געראָטענע פאָרמולירונג פונעם דייטשן דיכטער ראַינער מאַריאַ רילקע) — אויב אַ ליד, זאָג איך, איז משמע נישט סתם געפיל, נאָר אויך דערפאַרונג, אַ פשיטא שוין אַ קריטישער אָפּשאַץ פון ליד. דער קריטישער אָפּשאַץ איז כולל אין זיך אַ טאָפּלטע דערפאַרונג: די סוביעקטיווע געניסערישע הנאה פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט דעם אָביעקטיוון אָנשטרענג אָנצוהאַלטן די נייטיקע עלעגישע דיסטאַנץ צום קונסטווערק, כדי צו זיין בכוח פונאַנדערצוגלידערן און זיך קלאָר צו מאַכן די פּראָצעסן פון דער קינסטלערישער שאַפונג און איר דערגרייך.

עס זענען דאָ געציילטע דיכטער אין יעדער ליטעראַטור, וואָס זענען ראוי צו טראָגן דעם כתר קריטיק אין איינעם מיט דער קרוין פון שירה. צום דערגרייך פון אָביעקטיוויזירטן געמיט קומט ביי אַזעלכע דיכטער געוויינלעך אויך צו אַ ברייט

ליטעראַריש וויסן, וואָס העלפט קלאַסיפיצירן די פאָרמען און אַריינברענגען אַ סדר אין די אַסאָציאַציעס.

די ליטעראַטור־קריטיק איז טאַקע ווייט נישט קיין וויסנשאַפט, אָבער זי נויטיקט זיך אין וויסנשאַפטלעכקייט, כדי זיך צו ספּראַווען מיט דעם מוקדם ומאוחר, מיט דעם וואָס פריער און וואָס שפּעטער, מיט דעם ווער דער פאָטער און וועער דער זון אין דער וועלט פון מאָטיוו און פאָרעם אין דער דיכטונג. גייסט האָט האָלד לעגיטימקייט, און איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער קריטיק איז צו לעגיטימירן יעדע שעפערישקייט, אויסצוגעפינען איר גענעאַלאָגיע, איר יחוס אבות און אַזוי אַרום לייכטער און זיכערער צו דערגיין צו דעם שעפערס יחוס עצמו.

איינער פון די געציילטע דיכטער ביי אונדז, וואָס קאָן פאַררעכנט ווערן נישט ווי סתם אַ שרייבער פון גוטע און אַפילו בעסערע רעצענזיעס, נאָר ווי אַ קריטיקער אין דעם פריער אָנגעצייכנטן זינען, איז דער דיכטער אליעזר גרינבערג.

גרינבערג איז נישט קיין איבעריק־פּראָדוקטיווער קריטיקער. ער האָט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר בייגעשטייערט צו דער יידיש־ליטעראַטור בלויז דריי גרעסערע קריטישע אַרבעטן, אָבער די דריי זענען היפּש אויסשעפּנדיקע און פאַרטיפטע שטודיעס און זייער ווערט איז אַ פונדאַמענטאַלער, און דערפאַר אויך אַ געדויערדיקער.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אליעזר גרינבערג אַרויסגעבראַכט זיין מאָנאָגראַפיע וועגן „משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור״ (ניו־יאָרק, 1942). דאָס הונדערט פינף און דרייסיק זייטן שטאַרקע בוך איז אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר און עד היום געבליבן די אויספירלעכע קריטישע אַרבעט וועגן דעם אַזוי פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם יידיש־דיכטער. די אַרבעט איז רייך אין ביאָגראַפישע דעטאַלן; זי פאַרמאָגט געלונגענע געמעלן פון דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פון וועלכן עס זענען אַרויסגעוואַקסן האַלפּערנס פּאָעטישע מאָטיוון; זי האָט אָפּט טרעפיקע פּסיכאָלאָגישע אַריינבליקן אין דעם דיכטערס זעלישן צושטאַנד, וואָס האָט געשפּייזט זיין שנאה צו דער אוממענטשיקייט פון קולטור און צו דער באַלע־בעסלדיקער און צו דער זעלבער צייט ברוטאַלער ריזן־שטאָט, „וואָס פרעסט מענטשן־פלייש פון פרי ביז אָוונט״.

און אַ באַזונדערע מעלה פון גרינבערגס ביאָגראַפיע איז, לפי דעתי, וואָס עס רוישט אין איר מיט דער אַטמאָספער און מיט די שעפערישע געשטאַלטן פונעם האַלפּערן־דור. דער דיכטער משה לייב איז אַ „יתום צווישן יתומים״, ער האָט שעפערישע ברידער און שוועסטער ארום זיך, וואָס האָבן אים ליב און זענען אים מקנא, רוגזן זיך מיט אים און זענען פול מיט אָנערקענונג און באַוווּנדערונג צו אים.

ווען אליעזר גרינבערג שטעלט זיך אָפּ אין זיין לייוויק־מאָנאָגראַפיע

(צענטראַלע מאָטיוון און גרונט־פּראָבלעמען אין ה. לייוויקס שאַפן, ניו־יאָרק 1961) אויף ש. ניגערס בוך וועגן לייוויקן, קומט ביי אים אויס, אַז דער הויפּט־חסרון פון ש. ניגערס פאַרנעמיקער אַרבעט איז, וואָס זי נוצט זיך „צו אויספירלעך און צו אויגנשיינלעך מיט לייוויקס ביאָגראַפיע אויפן חשבון פון אַן אַנאַליז פון זיין דיכטונג״.

איז גרינבערג מיט זיין קריטישער באַמערקונג צום טייל גערעכט. איך זאָג „צום טייל״, ווייל גרינבערג אַליין שטרייכט דאָרט אונטער, און מיט רעכט, אַז לייוויקס פּאָעזיע איז „אומצעשיידבאַר פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. זיין דיכטונג איז אַ פירוש אויף זיין לעבן און זיין לעבן איז אַ פירוש אויף זיין דיכטונג״. נאָר וואָדען? דער ביאָגראַפישער צופיל אין ניגערס אַרבעט איז אין אַ דיספּראָפּאָרץ צום קריטישן אַנאַליז. דאָס ביאָגראַפישע אין ניגערס בוך איז נישט קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגיש פאַראַרבעטער און פאַרטיפטער מאַטעריאַל, נאָר רויע אינפאָרמאַציע אַריבערגענומען אין בוך אַריין דירעקט פון שמועסן מיט לייוויקן.

און דאָס צו פיל ביאָגראַפישע אין ניגערס בוך, וואָס איז דערשינען אין 1951, איז מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין 1959, אַזוי צו זאָגן, געוואָרן נאָך צופילער, ווען עס איז אַרויס לייוויקס אויטאָביאָגראַפיע „אויף צאַרישער קאַטאָרגע״, וואָס האָט אין פּרט פון קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישער פאַראַרבעטונג פונעם לעבנס־באַשרייבערישן מאַטעריאַל ממלא געווען דעם מאַנגל אין ניגערס ביאָגראַפיע.

אָבער אַחוץ דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן חסרון, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט ביי גרינבערגן, ליידט ניגערס לייוויק־בוך, לפי דעתי, דערפון, וואָס עס פעלט די אַטמאָספער פון לייוויקס דור. עס פעלט די אַטמאָספער פון לייוויקס ליטעראַרישע יאָרן אין ניו־יאָרק, עס פעלן די ליטעראַרישע ברידער, מיט וועלכע ער האָט זיך שעפעריש געחברט און צונויפגעשטויסן. מיט איין וואָרט: לייוויק איז אין ניגערס בוך אַ יתום, אָן נאָענטער משפחה, וואָס זאָגט קדיש נאָך זיין שטורמישער אָבער יונג־פאַרשניטענער יוגנט אין איהומען און אין סיביר.

איך דערמאָן אָט דעם מאַנגל פון ניגערס לייוויק־ביאָגראַפיע, ווייל איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אליעזר גרינבערג איז פריי פון אָט דעם חסרון. דער עיקרשט אין זיין האַלפּערן־מאָנאָגראַפיע, און אַז דערפאַר וועט גרינבערגס בוך וועגן דעם דיכטער משה לייב צוגעץ קומען נישט בלויז די, וואָס וועלן שרייבן וועגן האַלפּערנען, נאָר אויך אין אַ ברייטערן פאַרנעם די וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע, ד. ה. אין דעם וווּנדערלעכן און וויכערדיקן שעפערישן קלעטער פון אַ דור יידיש־דיכטער, פאַרוואָגלטע צו די ברעגעס פון האַדסאָן.

*

אויף וויפל איך ווייס, איז אליעזר גרינבערג, וואָס שטאַמט, אין איינעם מיט זיינע עלטערע שעפערישע חברים יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן און

מיט זיין רבין אליעזר שטיינבערג ז״ל, פונעם „ליפּקאַנער אַלימפּ״ אין צפון־בעסאַראַביע, נישט געווען קיין בית־המדרש־בחור, ער איז דער פּראָדוקט פון חדר מתוקן (באַרימטער ליפּקאַנער מלמד איציק שקאָלניק) און פון יידיש־וועלטלעכע לימודים (דער פּאַבל־דיכטער און לערער אליעזר שטיינבאַרג). אָבער ער „קומט אָפּ״, ווי עס שטייט געשריבן, פאַר די „זינד פון די אָבות״ וואָס זענען געשווומען אין ים פון תלמוד. פון יענע זיידעס זיינע, וואָס זענען מן־הסתם געווען אַזוי היימיש אין דער גמרא ווי זייער אייניקל אין יידישער און אין וועלט־ליטעראַטור, האָט אליעזר גרינבערג געירשנט דעם גלוסט נישט סתם אַליין צו זאָגן, נאָר זיך סומך צו זיין אויף זאָגערס, ד. ה. וואָס מער צו ציטירן אויטאָריטעטן און צו ברענגען אַ דבר בשם אומרו, הגם דאָס געלייענטע און פאַרגעדענקטע איז שוין לאַנג געוואָרן זיין אייגנס און איז אין אַ היפּשער מאָס שוין דורכגעגאַנגען דעם פילטער פון זיין אייגענער טראַכטעניש וועגן ליטעראַטור און וועגן ליטעראַטור־קריטיק.

עס קאָן דערפאַר זיין, אַז אין פּרט פון „אמר רב אמר שמואל״, כ׳מיין אין פּרט פון ברענגען צו פיל ציטאַטן אויף אָנצושפּאַרן זיך אויף זיי, האָט אליעזר גרינבערג אין אַלע זיינע דריי וויכטיקע קריטישע עסייען (דער דריטער איז דער עסיי וועגן יעקב גלאַטשטיינס דיכטונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט״ און איז נאָך נישט דערשינען אין בוך־פאָרעם) אפשר איבערגעכאַפּט די מאָס, ווארעם אַ טייל פון די ציטאַטן זענען נישט נייטיק אויף מחזק צו זיין זיין קריטישן אַנאַליז. עס קאָן אַפילו די איבעריקע ציטאַטן, וואָס זענען בלויז דעקאָראַטיוו, פּילן־אויס, לויט מיין פעסטן איינדרוק, זייער דעקאָראַטיווע פונקציע. דער בנין קאָן זיך אמת אָן זיי באַגיין, אָבער די דעקאָראַציעס באַלאַסטן נישט די קאָנסטרוקציע אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן בייטן דעם סטיל און דעם אויפבוי פון דעם עסיי, וואָס דער מחבר איז פון *לכתחילה* אויסן געווען.

אָבער פאַראַן נאָך אַ באַזונדערקייט, מיט וועלכער גרינבערג, דער קריטיקער אָפּערירט און איך וויל די באַזונדערקייט אַרויסהייבן, ווייל זי איז מיר צום האַרצן און ווייל עס איז אַ מעטאָד, וואָס ברענגט אַריין אַ סך קלאָרקייט אין דעם אַנאַליז (למען האמת איז דאָס אַ קלאָרקייט, וואָס עס קאָנען פון איר נהנה זיין אין דער ערשטער ריי נאָר יענע, וואָס האָבן אַ ביסל צוגרייטונג אין נאָכ־טראַכטענישן וועגן ליטעראַטור).

עס איז דאָס דער אַלטער און אַלע מאָל פון דאָס ניי עפעקטיווער מעטאָד פון קאָמפּאַראַטיווער ליטעראַטור־קריטיק, ווען גרינבערג פירט אַדורך אין זיין האַלפערן־בוך אַ פאַרגלייך צווישן באַדלערן, דעם מחבר פון „פלער דימאַל״ (בלומען פון שלעכטס) און דעם דיכטער משה לייב, דעם מחבר פון „אין ניו־יאָרק״, ווערט דאָס געמיט און דער מאָטיוון־קאָמפּלעקס פון אונדזער יידיש־

דיכטער נישט בלויז קלאָרער, נאָר ער באַקומט דורך דער קרובהשאַפט מיט פרעמדער צייט, מיט פרעמד־פאָלקישער אַמטאָספער און מיט פרעמד־שעפערי־שער געשטאַלט, אי אַ מער זיכערן און אי אַ מער ברייטערן פסיכאָלאָגישן האָריזאָנט. מען פאַרשטייט דורך דעם פאַרגלייך, אויב נישט בעסער, איז מיט ווייניקער מורא, מיט ווייניקער אַנגסט דעם „באַוווסטזיניקן אויסוואַל פון שאַקי־רנדיקע אָביעקטן" און דעם „שאַרפן, אָפּט מאָל גרויליקן אופן פון באַהאַנדלען זייער טעמאַטיק" סיי ביים ייד משה לייב האַלפּערן און סיי ביים פראַנצויז שאַרל באָדלער.

פונקט אַזוי פיל שאַרפע קלאָרקייט ווערט אַריינגעבראַכט אין לייוויקס מאָטיוו וועגן דער אַבסאָלוטער עטיק, וואָס קאָן נישט מאַכן קיין שום הנחות נישט צו מענטשלעכע געזעצן און אַפילו נישט צו געטלעכע געבאָטן, ווען גרינ־בערג קאָנפראָנטירט דעם דאָזיקן מאָטיוו פון לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמעס: „עקידה" און „אין די טעג פון איוב" און פון אַ סך זיינע לידער מיט דער עקזיסטענציאַליסטישער פילאָזאָפיע פון דעם סימפּאַטישן און טראַגישן דענישן דענקער סאָרען קירקעגאַרד.

פאַר קירקעגאַרדן מיינט גלויבן — גרייטקייט אָנצונעמען דאָס איראַציאָ־נעלע, די גרייטקייט אַריינצושפּרינגען אין דעם וואָס איז שכלדיק און עטיש אַבסורד. ווען גאָט האָט געהייסן אברהמען ברענגען זיין זון יצחק אויף דער עקידה, האָט דאָס געמוזט זיין פאַר אברהמען אי אומשכלדיק און אי אומעטיש. אָבער גלויבן על פּי קירקעגאַרד הייסט האָבן דעם כוח אין אַזעלכע איראַציאָנעלע מאָמענטן צו „סוספּענדירן דאָס עטישע" און אויסצופירן גאָטס אומשכלדיקן און אומעטישן באַפעל.

לייוויק אָנערקענט נישט קיין שום „סוספּענדירטע עטיק". פאַר אים איז דאָס עטישע אַבסאָלוט. און צו דעם אַבסאָלוט איז נישט נאָר געבונדן דער מענטש, נאָר אויך גאָט אַליין. לייוויק רעוואָלטירט „אין די טעג פון איוב" נישט בלויז קעגן דער אומעטיק פון דעם וואָס יצחק איז שיִער נישט געוואָרן קיין קרבן פון אַ געטלעכן קאַפּריז, נאָר וואָס דער שעפּס איז טאַקע געוואָרן.

סאָרען קירקעגאַרד איז אויפגעשטאַנען קעגן דער קירך, קעגן צביעות און קעגן דעם ווידערשפּרוך צווישן ווערטער און מעשים, אָבער זיין קאָנצעפּציע פון גלויבן ווי אַ גרייטקייט אָנצונעמען דאָס איראַציאָנעלע און דעם אַבסורד פון אוממאָראַל, נעמט צו, ווי מיר דאַכט, דאָס דראַמאַטישע ביי זיין רעליגיעזן געדאַנק. קירקעגאַרדס רעליגיעזע מסירת נפש איז טאַקע טיף און עכט, אָבער זי ווערט דאַדורך אָן איר גרויסקייט, וואָרעם זי ווערט קנעכטיש הכנעהדיק.

און רעליגיעזער גלויבן מוז האָבן דראַמאַטישן אויפבראַוז, מוז האָבן אין זיך כוח פון רעוואָלט נישט בלויז קעגן דעם מענטש און זיין קירך, נאָר טאַקע קעגן גאָט און זיינע געבאָטן, כדי צו זיין גרויס, דערהויבנדיק און שעפעריש.

די דאָזיקע אַנטיעקזיסטענציאַליסטישע רעליגיעזע דראַמאַטיק קומט צום אויסדרוק אין לייוויקס ווערק און זי איז אויך בולט אין די לידער פון אַזעלכע דיכטער אונדזערע ווי אהרן צייטלין און ישראל שטערן ז״ל.

*

וואָס פאַר אַ נאָמען וואָלט מען געקאָנט געבן דעם קריטישן מעטאָד, וואָס אליעזר גרינבערג נוצט אים צומייסט אין זיינע דערמאָנטע דריי אַרבעטן?

איך האָב, מוז איך זאָגן, דעם נאָמען פון לאַנג שוין געהאַט. גרינבערגס האַלפערן־מאָנאָגראַפיע פון צוריק מיט איבער צוואַנציק יאָר האָט מיר אים אונטערגעטראָגן און איך האָב דעם נאָמען פאַרנאָטירט אויפן ראַנד פון יענעם בוך. אָבער ביים סוף פון דעם לייוויק־עסיי דעררעדט זיך אויך גרינבערג אַליין צו דער באַצייכענונג, ווען ער גיט פלוצים אַ זאָג נישט האָבנדיק דערמאָנט דאָס וואָרט פריער, אַז „מיט דעם פאַרענדיק איך מיין קריטישן אינווענטאַר פון לייוויקס גרויסער דיכטערישער שפע״.

יאָ, גרינבערגס מעטאָד איז אויפנעמען קריטישן אינווענטאַר. ער גייט נאָך געטריי די טעקסטן פון די דיכטערישע ווערק, אידענטיפיצירט זיי און שטעלט צונויף דעם בילאַנס פון דעם פּאָעטס אידעען, מאָטיוון און קינסטלערישע דער־גרייכונגען. ער זוכט די צענטראַלע אידעע אין דעם דיכטערישן גאַנג. אַזוי ביי האַלפּערינען, ווו ער געפינט אויס די „וואָרצלען, ענלעכקייטן און די עוואָלוציע פון אַ צענטראַלער אידעע״; אַזוי ביי לייוויקן, ווו ער גייט נאָך דעם דיכטערס ווערק און שטעלט מיט גרויס פּינקטלעכקייט צונויף דאָס געביי פון זיינע „צענטראַלע מאָטיוון און גרונט־פּראָבלעמען״ און נישט אַנדערש אויך אין דעם עסיי וועגן יעקב גלאַטשטיינען.

מיר דאַכט, אַז דווקא אין דעם גלאַטשטיין־עסיי, ווו דער קריטישער אינ־ווענטאַר איז, אַזוי צו זאָגן, בוכהאַלטעריש וויניקער קענטיק, איז די קאָנסטרוק־ציע די סאַמע געראָטנסטע. אין דעם גלאַטשטיין־עסיי פאַרהאַקט זיך קיין איין מאָל נישט די אַרכיטעקטור. עס איז דאָרט נישטאָ קיין איין איבערגעלאָדענער ווינקל. עס איז דאָרט געדאַנקלעך און, מען מעג זאָגן, אויך עמאָציאָנעל ליכטיק פונעם אָנהייב ביזן סוף.

שלמה ביקל

א. אַלמי

א

איינזאַמקייט און טויט

די טראַגישקייט פון דעם מין מענטש, און אַ פשיטא שוין פונעם שעפערישן מענטש, איז אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון די פסיכישע ווידעראַנאַנדן, וואָס באַהערשן אים.

ביי קיינעם, דאַכט זיך, זענען די ווידעראַנאַנדן נישט געווען אַזוי פאַרשפּיצט ווי ביים שרייבער אליהו חיים שעפס, וואָס איז אין משך פון צענדליקער יאָרן געווען באַקאַנט דעם יידישן לייענער אונטערן פּסעוודאָנים א. אַלמי. און דערפאַר איז דער טראַגיזם פון אַלמיס פּערזענלעכקייט געווען אַזוי אויבנאויפיק, אַזוי בולט און האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן יעדן, וואָס איז מיט אים געווען באַקאַנט שרייבעריש און פּערזענלעך.

אַלמי איז געווען, וואָס מען האָט גערופן אין מיינע גאַליצישע מקומות, אַ בעזליודניק, דאָס הייסט אַ מענטש, וואָס מען האָט אים קיין מאָל נישט געזען אויף חברישע מסיבות, אויף געזעלשאַפטלעכע אָדער ליטעראַרישע אונטערנע־מונגען. ער אַליין, אַלמי, באַצייכנט זיך אין דער הקדמה צו זיין בוך „לעצטע געזאַנגען", ווי „איינער, וואָס איז אַלע מאָל געגאַנגען אַליין, נישט מחמת וועלכע עס איז זייטיקע כוונות און חשבונות, נאָר מחמת אַזוי איז זיין טבע פון קינדוויין אָן".

און ער, דער אַליינגייער, דער פורש מן הציבור, האָט שרעקלעך געליטן פון איינזאַמקייט. צו איינזאַמקייט קאָן, בלי ספק, זיין אַ שטיק רפואה דער רעצעפּט, וואָס אונדזערע חכמים האָבן פאַרשריבן קעגן יצר הרע: שלעפּ אים אין בית־המדרש, גיי צווישן מענטשן. אָבער אַלמי האָט די רפואה נישט גענוצט. ער האָט זיין איינזאַמקייט נישט געוואָלט היילן. ער האָט פון איר געקאָנט נאָר ליידן.

אַלמי איז געווען, און ווידער בטבע, אַ שטיק נחבא אל הכלים, אַ באַהאַל־טענער און אַ פאַרשלאָסענער און אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט אַ מער ווי אומגעוויינלעך שטאַרקן באַגער זיך צו אַנטבלויזן, זיך אַוועקצושטעלן אַ זעליש נאַקעטער פאַר זיינע לייענער.

אָן אַזאַ גוזמאַדיקן באַגער זיך צו אַנטבלויזן איז נישט געמאָלט, אַז עמעצער זאָל קאָנען אָנשרייבן אַ בוך, ווי „חשבון און סך הכל", וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי דאָס זעליש־נאַקעטסטע מעמואַרן־בוך אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַחוץ די צוויי קאַרדינאַלע פּסיכישע ווידעראַנאַנדן, וואָס זיי אַליין זענען שוין ביכולת צו צעברעכן אַ מענטש און אים טרייבן צו פאַרצווייפלונג, האָט אַלמי, וואָס איז געווען אַ שרייבער בישראל פון פופצן ביז צו זיין פרייוויליקן

טויט אין עלטער פון איין און זיבעציק, ד. ה., אַ קימא לן פון זעקס און פופציק יאָר, האָט אַרויסגעגעבן צוויי און צוואַנציק ביכער (לידער, עסייען, קריטיק און פּאָלעמיק, דערציילונגען, מעמואַרן און פּאַראַדיעס) און איז פּאַר אַט דער צייט פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען איינער פון די סאַמע געלייענטסטע צייטונגס־לייט אויף יידיש. געליטן פון עפּעס אַ באַזונדער מין אומזיכערקייט לגבי דעם לייענער.

אונדז אַלעמען דאַכט זיך, אַז מיר שרייבן ווי אין חלל אַריין, אַז קיינער הערט אונדז נישט און אַז אונדזער וואָרט האָט נישט דעם היסטאָרישן עכאָ, וואָס מיר וואָלטן זיך געוווּנטשן. אַזאַ דוכטעניש (און זי איז בפירוש אַן אומבאַרעכ־טיקטע), פירט דעם שרייבער צו ביטערניש און פאַרביטערט זיינע באַציִונגען אי צום לייענער און אי צום חבר־שרייבער.

פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב רעגלמעסיק נאָכגעפאָלגט דעם שרייבער א. אַלמי, האָב איך געהאַט דעם פעסטן איינדרוק, אַז אַלמי ליידט נישט ווי איינער פון אונדז אַלע בלויז פון דער מורא טאָמער הערט מען אונדז נישט און טאָמער לייענט מען אונדז נישט. אַלמי איז געווען ברוגז אויפן לייענער און אויך אויפן חבר־שרייבער, וואָס מען הערט זיך צו אים צו בלויז אין דער צייטונג. אַלמי האָט געהאַט דעם באַגער און האָט געחלומט מען זאָל דערהערן זיינע ביכער. און געפילט האָט ער, מן הסתם, אַז וואָס ער זאָל נישט שרייבן: פילאָזאָפיע, קריטיק, מעמואַרן, דערציילונגען, צי גאָר אַפילו לידער, בלייבט ער ביים לייענער און אויך ביים חבר־שרייבער נישט מער ווי אַ צייטונגס־מאַן מיט אַן עכאָ פון טאָג און נישט פון יאָרן.

עס איז געווען נישט לייכט צו שרייבן וועגן אַלמיס אַ בוך. טאָמער איז די רעצענזיע נישט אויסגעפאַלן אַלע הונדערט פּראָצענט לויט אַלמיס ווונטש און חלום, האָט דער קריטיקער זיך געמעגט ריכטן אויף אַ פּריוואַטער פּאָלעמיק און גאָר נישט זעלטן אויך אויף אַן עפנטלעכן וויכוח און צומאָל אַ היפּש שאַרפן פון אַלמיס זייט. איך ווייס נישט ווי אַנדערע קריטיקער, אָבער איך בין זיך מודה, אַז איך האָב, ווי ווייט מעגלעך, זיך געפּרוּווט אויסהיטן סיי פון דער פּאָלעמי־שער קאָרעספּאָנדענץ און סיי פון עפנטלעכן וויכוח און בלויז זעלטן געשריבן וועגן זיינע ספרים. און איך ווייס, אַז מיט אַלע זאַכן האָט מען אַלמין וויי געטאָן. מען האָט אים וויי געטאָן מיט נישט שרייבן און אים לייד געטאָן ווען דאָס, וואָס מען האָט געשריבן איז נישט געווען הונדערט פּראָצענטיק, און מען האָט אים פאַרשאַפט פּיין, ווען מען האָט נישט אָנגעהאַלטן די פּריוואַטע און די עפנטלעכע פּאָלעמיק מיט אים.

אַזוי אַרום האָט זיך דער חבר־שרייבער, לכל הפחות דער, וואָס שרייבט וועגן ביכער, פאַרזינדיקט, געמוזט פאַרזינדיקן קעגן אַלמין. דער חבר־שרייבער האָט קעגן זיין ווילן באַפעסטיקט ביי אַלמין דאָס געפיל פון באַעוולטקייט און

פֿאַרשטאַרקט זיין איינזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך איבערגענומען און — פֿון איר אַזוי אינטענסיוו געליטן.

און אויך דער לייענער האָט בלא יודעים געקרייוודעט אַלמין. ווי געזאָגט, האָט אַלמי, אין וואָסערער ציטונג ער זאָל נישט געווען מיטאַרבעטן, געהערט צו די סאַמע געלייענטסטע שרייבער. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ לייכטן רעפּאָרטערישן סטיל, וואָס האָט איבערגעגעבן געשעענישן, איבערלעבונגען און אויך געדאַנקען אי קלאָר און אי אַ סך מאָל מיט פֿעליעטאָניסטישן חן. זיין שפּראַך איז געווען פּליסיק און דינאַמיש, הגם זי האָט זעלטן גענומען אַ העכערן טאָן און זיך אויך זייער זעלטן אַרויפֿגעשרויפֿט צו הויכער טעמפּעראַטור.

אין די לעצטע יאָרן איז אַלמי געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע" און אַלע רעדאַקטאָרן, וואָס די ציטונג האָט דורך דער צייט געהאַט, האָבן אים עפּנטלעך געקעכלט און געצערטלט, ווייל ער איז געווען אָנגענומען ביי די לייענער. אָבער אַט די אָנגענומענקייט ביי די רעדאַק־טאָרן און ביי די לייענער פֿון דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע", האָט צומאָל אַרויסגערופֿן פֿאַרדראָס ביי אַלמין. דער דאָזיקער דערפֿאָלג אין דער ציטונג האָט אין אים, ווייזט אויס, דערוועקט און געשטאַרקט דעם חשד, אַז עס פֿעלט אים אַ לענגערער שעפּערישער עכאָ און ער איז געוואָרן פֿול רוגזה אויף די לייענער אי פֿאַר דעם, וואָס זיי האַלטן אים פֿאַר אַ מענטש פֿון ציטונג און אי וואָס מען הערט פֿון זיי נישט קיין דונערן פֿון אַפּלאָדיסמענטן וועגן דעם וואָס זיי לייענען.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט אַלמי אַ סך מאָל באַשלאָסן צו שרייבן דעם „לעצטן אַרטיקל" און דאָס צו מעלדן זיינע לייענער. אויף ווי וויט איך ווייס, האָט ער וועגן דעם „לעצטן אַרטיקל" געמאָלדן צום לעצטן מאָל אין דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע" פֿון 1טן מאַי 1959.

„דאָס היינטיקע אַרטיקל", האָט אַלמי געשריבן, „איז דאָס לעצטע, וואָס איך פֿאַרעפֿנטלעך אין דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע", אָדער אין וועלכער ס'איז ציטונג". און ער באַגרינדעט זיין באַשלוס דערמיט, וואָס ווען ער האָט זיך ביים סוף פֿון 1957 צוריקגעצויגן פֿון זיין אַמט אין „יו־דזשעי־עי", „בין איך געווען מוכן ומזומן גלייכצייטיק זיך צוריקצוציען פֿון „דרוק", כדי צו ווערן פֿולשטענדיק פֿריי (אונטערגעשטראָכן פֿון אַלמין), אָבער דער אומגעריכטער האַרציקער אָפּרוף פֿון דער יידישער פּרעסע איבער דער וועלט אויף מיין פֿופֿציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובל האָט אָפּגעשאָפּט דעם באַשלוס".

פֿריי זיין פֿון שרייבן האָט אַלמי, פֿאַרשטייט זיך, אי נישט געקאָנט און אי נישט געוואָלט ווערן. אויב ס'איז פֿאַראַן אַ שרייבער, וואָס די ליידנשאַפֿט צו שרייבן איז געווען אידענטיש מיט דעם אינסטינקט און מיט דעם ווילן צו לעבן, איז דאָס געווען א. אַלמי. נישט פֿריי פֿון שרייבן האָט ער געוואָלט זיין, נאָר ערשטנס

דערמאָנען, אַז זיין שרייבערישער עכאָ איז אַ לענגערער ווי ציימונג און צווייטנס, האָט ער געגאַרט איבערצוררייסן די שטילע אָנערקענונג מצד זיינע לייענער און הערן פון זיי אַ פּאַטשערײַ מיט די הענט ווי אַ צייכן פון באַוווּנדערונג. עס האָט זיך דאָ אויסגעווירקט איינער פון די שווין דערמאָנטע פּיל שאַרפע פּסיכישע ווידעראַנאַנדן אין אַלמין. דער מאַן פון בטבעדיקער שטילקייט און דער גאַרער נאָך אינטימקייט האָט געגלייבט נאָר אין דעם הויכן קול פון אָנערקענונג און ער, אַלמי, וואָס לויט זיין אייגענער אויטאָכאַראַקטעריסטיק איז ער געווען „אַזאַ פויגל, וואָס קהלט זיך נישט און גייט נישט צו באַנקעטן״, האָט פּאַקטיש נישט געקאָנט שרייבן און ס׳איז אים שווער געווען צו לעבן אָן דעם ליאַרעם פון אַ פּערמאַנענטן „טעסטימאָניעל־דינער״.

און אַלע מאָל, ווען אַלמי האָט געשריבן דאָס „לעצטע אַרטיקל״, האָבן רעדאַקטאָרן און לייענער געזאָגט צו אים אין דער הויך פּאַרדינטע ווערטער פון לויב און אָנערקענונג און — אַלמי האָט זיך ווידער אומגעקערט צו זיין באַלעמער. עס האָט זיך פון דאָס ניי אויף אַ צייט פאַרבונדן אַ ליבע צווישן דעם עולם און זיין באַליבטן בעל־תפילה.

אַנדערש איז עס געווען מיט די לידער. אין 1915 האָט אַלמי אַרויסגעגעבן זיין פינפטע זאַמלונג לידער און האָט זי אָנגערופן „לעצטע געזאַנגען״. אין דער הקדמה האָט ער אומדירעקט און אַ סך מאָל אויך דירעקט אַרויסגעבראַכט זיין פּאַרדראָס קעגן דער קריטיק און בכלל קעגן דער ליטעראַרישער סביבה, וואָס אין איר „אויב מען שטופּט זיך נישט מיט די עלנבויגנס, קומט מען נישט אָן״.

ער, אַלמי, האָט זיך בפירוש נישט געשטופּט מיט די עלנבויגנס, אָבער די הקדמות צו זיינע ביכער און צו זיינע מעמואַרן זענען געווען איין גרויסער קרייצ־צוג קעגן אַזוי פיל חברים־שרייבער און פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אָנער־קענונג, וואָס האָט קיין מאָל נישט געקאָנט קומען.

ב

אַלמיס זכרונות

וועגן דעם זכרונות־בוך „חשבון און סך הכל״, וואָס איז געווען אַלמיס לעצט בוך, האָט מען, אויף ווי ווייט איך ווייס, כמעט ווי נישט געשריבן. דער אָפּרוף אויף דעם בוך איז בלויז געווען אַ פּריוואַטער און דורכויס נישט קיין גינציקער. און מען קאָן פאַרשטיין, פאַר וואָס דאָס בוך איז געבליבן אָן אַן עפנטלעכן אָפּ־קלאַנג. שרייבן וועגן אַלמיס „חשבון און סך הכל״ האָט געמוזט מיינען זיך אַריינלאָזן אין פּערזענלעכע עוולות און אומגערעכטיקייטן און אויסהערן דערביי בלויז איין צד און ועל כולם זיין אַ געצוווּנגענער עדות צו סצענעס און געשיכ־טעס, וואָס זענען, ווי זאָגט מען דאָס, פּיקאַנט, אָבער קינסטלעריש נישט פאַר־הילט און דערפאַר פּריקרע. אין אונדזער יידיש־ליטעראַטור, וואָס שטייט נישט

אין צייכן, נישט פון אַ האַפּערדיקן און אויך נישט פון אַן אומגליקלעכן דאַן זשואַן, נאָר אין צייכן פון אַ פרומען אָדער אַ וועלטלעכן ישיבה־בחור, איז דער מין קונסט און אַ פשיטא שוין מעמואַרן, אַ יוצא דופן, אַ פרעמדער אויסנאַם.

און מחמת אַט די שטאָפּלעכע מניעות, האָט מען פשוט נישט געקאָנט צוגיין צו דעם „ווי אַזוי" פון די זכרונות־ביכער, און דאָס איז אַ שאָד. וואָרעם ביידע בענד זכרונות האָבן אין זיך אַלע מעלות פון אַלמיס סטיל: דעם כוח צו דערציילן גרינג, אינטערעסאַנט און אָפּט פאַרכאַפּנדיק און מיט חן אַפילו אין דער קריגע־רישקייט.

וואָס שייך דעם ערשטן באַנד פון אַלמיס מעמואַרן „מאָמענטן פון אַ לעבן", וואָס איז אַרויס מיט עלף יאָר פאַר „חשבון און סך־הכל" זענען דאָרט פאַראַן בלעטער פון שטייגער־שילדערונג און פון געשטאַלטן־געמעל, וואָס שפּאַנען אַריבער די גרענעצן פון גוט־געשריבענעם רעפּאָרטאַזש און האָבן אַ מער געדויער־דיקן ליטעראַרישן ווערט. וויפל איך זאָל נישט האָבן געלייענט וועגן דער אָרעמ־קייט אין וואַרשעווער יידישע גאַסן, האָט דאָס בילד, וואָס ס׳גיט אונדז אַלמי אין די ערשטע קאַפּיטלען פון זיינע „מאָמענטן פון אַ לעבן" אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק. און נאָך עפּעס איז פאַראַן אין דעם בוך. עס איז פאַראַן די געשטאַלט פון דעם בחורל אליהו חיים שעפּס, וואָס איז אויפגעשטיגן פון טיפּס־טער אָרעמקייט דורך באַגאַבונג, דורך ליידנשאַפט צו לערנען און דורך זעלבסט־לערנונג — צו ווערן אַ שרייבער בישראל. די קאַפּיטלען, ווו מען זעט דעם צענ־יאָריקן אליהו חיים שעפּס אַרויסשפּאַנען צו דער וועלט פון אַ דירה „אין שטוב אין גאַנצן — און איין פענצטער, אויף אַ דיקער גרויער וואַנט אַרויף... קיין ליכט, קיין טראָפּן זון קומט קיין מאָל אין אונדזער שטוב נישט אַריין. ביי טאָג אַפילו, אַז מ׳וויל עפּעס טאָן, מוז מען אָנצינדן דאָס נאַפּט־לעמפּל, ווערט אַזאַ קאַפּיטש און דער נאַפּט לייגט זיך אויפן האַרץ, אַז מ׳מוז וואָס שנעלער פאַר־לעשן" — די דאָזיקע קאַפּיטלען מאַכן אונדז טרויעריק מיט דעם מענטשלעכן עלנט און פילן אונדז אויך אָן מיט שטאָלץ, ווייל מיר פילן דאָס מקוים ווערן די מימרא פון אונדזערע חכמים, אַז „זייט געוואָרנט פאַר די קינדער פון אָרעמשאַפט, וואָרעם פון זיי קומט אַרויס תורה" (הזהרו מבני עניים, כי מהם תצא תורה).

אין יענער שטוב אויף ניזקע 43 איז דאָס בחורל אליהו חיים שעפּס געוואָרן אַלמי, דער פּאָעט און אַריינטראַכטער, הגם דעם נאָמען אַלמי האָט ער זיך ביי־געלייגט מיט היפּשע יאָרן שפּעטער.

אַלמי דערציילט, אַז שוין דעמאָלט, יינגלוויז, „האָב איך אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן טויט", און פון ניזקע 43 ביז זיין לעצטער דירה אין ניו־יאָרק האָט ער אין זיינע זכרונות פאַרצייכנט אַ היפּש ביסל טראַגישע טויטן פון נאָענטע מענטשן, וואָס מאַכן פאַרשטענדלעך דעם פאַקט, וואָס דער טויט פאַרנעמט אין אַלמיס לידער נישט בלויז אַ פּלאַץ אין מזרח, נאָר טאַקע די גאַנצע מזרח־וואַנט.

דער פּסעוודאָנים אַלמי שטאַמט, ווי מיר דערוויסן זיך אין די „מאָמענטן

פון אַ לעבן" פון אַ ווינער מײדל אַלמאַ, וואָס — אין אײנעם אַ טאָג, ווען אליהו הײם שעפּס איז צו איר געגאַנגען, האָט ער אַרום דעם הויז געזען אָנקומען אַ טויטן־וואָגן. עס איז געווען אַלמאַס לוויה. און דערנאָך קומען אין „חשבון און סך־הכל" אַ גאַנצע רײ פון פרויען־נעמען, וואָס די פאַרבינדונג מיט זײ האָט זיך געענדיקט טראַגיש, מיט גײסטיקן אָדער פיזישן טויט.

עס איז דערפאַר קײן חידוש נישט, וואָס אַלמי זינגט אין זײנע „לעצטע געזאַנגען" אַ „לחיים צום טויט":

איז חכמה דער טויט,
און אמת און דין,
איז לעבן דער טויט
באַשיידונג און זין.

אַז דער טויט איז „הכמה, באַשיידונג און זין" און דאָס לעבן אַ שטיק פאַר־ראַט צום טויט, איז פאַר אַלמין געווען נישט בלויז אויסגערײפטער געדאַנק, נאָר געוואָרן אַ מין פיקס־אידעע נישט צום גובר זײן.

ג

אַלמיס עסייען

אויפן סמך פון אַלמיס צווײ־און־צוואַנציקסטן בוך, וואָס ער רופט עס „אין געראַנגל פון אידעען" מיט דעם אונטערקעפּל „עסייען", קאָן מען, לפי דעתי, זאָגן, אַז אַלמי איז נישט אַזוי אַן עסייִסט ווי אַ פּאָלעמיקער.

וואָרעם אויב עס זענען פאַראַן זאַכן, פון וועלכע די עסײ דאַרף זיך, ווי גאָט איז איר ליב, אויסהיטן, זענען דאָס, דאַכט מיר, פּאָלעמיק און דידאַקטיק.

און אַלמי פירט אין זײנע עסייען אַ שטענדיקן וויכוח מיט עמעצן און ער האַלט אין אײן קנעלן מיט זײנע לײענער, אַ מאָל בלויז אַ געדאַנקלעכן חומש מיט רש"י, און אַ מאָל אַ מחשבהדיק שטיקל גמרא מיט תוספות, אָבער אַלע מאָל איז ער בבחינת קנעלער מיטן טײטל אין דער האַנט.

איך וואָלט נישט וועלן מען זאָל מיך שלעכט פאַרשטײן. אַן עסייִסט קאָן אויך פּאָלעמיזירן מיט אַנדערע און מיט זײנע אידעען, אָבער דער תמצית פון אַן עסײ, כ'מיין, דאָס וואָס ס'מאַכט די עסײ פאַר אַ קונסט־זשאַנער איז דער מעדי־טאַטיווער איבערשמועס מיט זיך אַלײן. דער עסייִסט איז אַן עקספּלאָרירער פון זײן אײגן געמיט און נישט אַ פּובליציסטישער אַפּווענדער פון פרעמדע אידעען. אַלמי איז אָבער בטבע אַ וויכוח־פירער, אַ דעבאַטאַנט. ער פאַרמאָגט, אַלמי,

אַברייט פילאָזאָפיש וויסן, אַ גענײטקייט אין דיאַלעקטישער אַרגומענטאַציע, אַ פײַנעם כוח הסברה און אַ לײַכטע פּעדער.

מיט אַזאַ געדאַנקלעכן און שרײַבערישן באַגאַזש קומט עס אַלמין אָן גרינג זיך צו ראַנגלען, כ׳מיין צו פֿאַרפֿירן וויכוחים און צו באַווײַזן אי זײַן אַדוואָקאַ־טישן און אי זײַן פּראָקוראָרישן כוח פֿאַר און קעגן אידעען.

לײענענדיק אַלמיס בוך „אין געראַנגל פֿון אידעען" קומט מיר אויפֿן זינען די מעשה, וואָס ווערט געבראַכט ערגעץ אין אַן אַלטן ספר און ווערט איבער־דערציילט פֿון מישעל מאָנטען, דעם פֿאָטער פֿון דער עסייִסטיק. די מעשה איז אַ קורצע און אַ זינפֿולע. זי גייט אַזוי: דער קיניג פֿון ספּאַרטאַ, אַרכידאַמאָס, האָט געפֿרעגט טוקידידעסן (נישט צו פֿאַרבײַטן מיטן באַוווּסטן היסטאָריקער טוקידידעס) ווער ס׳איז אַ בעסערער ראַנגלער, ער, טוקידידעס, צי זײַן ריוואַל, דער באַרימטער מלוכה־מאַן פּעריקלעס. האָט דערויף דער געפֿרעגטער געענט־פֿערט: דאָס איז שווער צו וויסן, וואָרעם ווי באַלד איך וואָרף אים אום, נעמט ער רעדן צום עולם און איבערצייגט באַלד אַלעמען, אַז נישט ער איז אומגע־פֿאַלן, נאָר איך און — ער געווינט דעם פּרײַז.

אַ ניצוץ פֿון פּעריקלעסן איז בפֿירוש פֿאַראַן אין אַלמיס דיאַלעקטיק און אַרגומענטאַציע, סײַ ווען ער איז דער פּראָקוראָר, וואָס שטעלט אויף די ממש סענסאַציאָנעלע באַשולדיקונג, אַז דער פֿילאָזאָף ספּינאָזאַ איז זונטיק, דעם 21סטן פֿעברואַר 1677, נישט געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט, נאָר פֿאַרסמט געוואָרן; און סײַ ווען ער אַרבעט אויס אַ גוטן פֿאַרטיידיקונגס־אַקט פֿאַר דעם אַמעריקאַנישן שרײַבער עדגאַר עלען פּאָ קעגנען זײַנע קריטיקער, וואָס באַשולדיקן פּאָ׳ן, אַז ער שטייט מיט זײַן ווערק מחוץ פֿון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אַז ער האָט זײַנע פּאָעמעס געשאַפֿן אויף אַ ריין מעכאַניסטישן אופֿן און אַז ער האָט זיך סאָציאַל און פּאָליטיש באַטראַכט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דעם קלאַס פֿון שקלאַפֿן־אייגנטימער און האָט שרײַבעריש אָפּגעשפּיגלט זײַן גלויבן אין אָט דעם קלאַס.

אַלמי שלאָגט אָפּ קלאָר און לאָגיש די טענות פֿון פּאָס קריטיקער און ער איז באַזונדערס שאַרף און איבערצײַגנדיק ווען ער קומט אַרויס מיט דער ראיה, אַז אויב מען „זאָל דערלאָזן די סאָציאַל־פּאָליטישע באַגריפֿן פֿון אַ שעפֿערישער פּערזענלעכקייט משפּיע זײַן אונדזער צוגאַנג צו זייערע שאַפֿונגען, וואָלטן מיר זיך באַדאַרפֿט אָפּקערן פֿון יענע גריכישע פֿילאָזאָפֿן, וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט שקלאַפֿערײַ". און וואָס וועלן מיר טאָן, פֿרעגט אַלמי מיט רעכט, מיט די ווערק פֿון אַזאַ רעאַקציאָנער ווי דאָסטאָיעווסקי און פֿון אַזאַ היטלעריסט ווי קנוט האַמסון?

דעם פֿאַר־פּראָצעס האָט אַלמי בפֿירוש געוווּנען. און טאָמער וועט עמעצן אײַנפֿאַלן צוריקצומישן פֿון דער 167סטער זײַט צו דער 152סטער און צו לייענען ווי אַלמי רוגזהט אין זײַן עסיי וועגן „קונסט, קינסטלער און קונסט־געניסער"

קעגן דעם, אַז „לידער זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי פאַרכלינעט און פאַרשיכורט מיט דער קונסט, אַז זיי שטעלן די קונסט העכער פון לעבן, פון דעם לעבעדיקן מענטשן (און) דער קינסטלער מעג, לויט זייערע באַגריפן, אָפּטאָן די מיאוסטע מעשים אין קינסטלערישע פאָרמען — און אַבי ס'איז קונסט, מוזן מיר אונטערטעניק בייגן אונדזערע קעפּ מיט יראת הכבוד" — וועט דער עמעצער נישט כאַפּן אַלמין ביי קיין סתירה.

עס איז קיין סתירה נישט, וואָרעם דאָסטאָיעווסקי און פּאָו איז איין פּראָצעס און שלום אַש אָדער בכלל די פאַלשע אידעע וועגן דער קונסט, וואָס איז העכער פון לעבן, איז אַ צווייטער משפּט. נישט דער „וואָס" פאַרכאַפּט אַלמין, דעם דעבאַטירער פון אידעען, נאָר דער דיאַלעקטישער „ווי אַזוי".

און אַזוי ווי אַ ראיה דאַרף זיך על פּי יידישן דין סומך זיין אויף „שנים עדים", וויל איך פאַר מיין צווייטן עדות נעמען די לעצטע צוויי עסייען פון בוך.

אַלמיס דיאַלאָג צווישן „דיאָגענעס און באַנטשע שוויג" איז, ווי מיר דאַכט, צום גאָענטסטן צו יענעם ליטעראַריש־מעדיטאַציון געמיט, וואָס מען קאָן עס אָנרופן עסייִסטיש. עס איז, אייגנטלעך, נישט קיין דיאַלאָג, נאָר אַ מאָנאָלאָג, וואָרעם דער פילאָזאָף פון סינאָפּע אין קליין־אַזיע רעדט און דער טרעגער פון די וואַרשעווער נאַלעווקעס „הערט און שוויגט".

דיאָגענעס כאַפּט אין הימל אַ שמועס מיט באַנטשען און פאַרזיכערט אים, אַז ער פילט זיך צוגעצויגן צו אים, ווייל אין תוך האָבן זיי דאָך איין און די זעלבע נאַטור. זיי האָבן ביידע גאַרנישט געדאַרפט, גאַרנישט געוואָלט און צו גאַרנישט געגלוסט.

און דיאָגענעס גיט באַנטשע שווייגן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין אונטער־שייד צווישן אים, דיאָגענעסן, דעם געבוירענעם פון אַ מוטער־טראַכט און אים, באַנטשען, דעם געבוירענעם פון אַ דיכטערס פאַנטאַזיע. וואָרעם — טענהט אַלמי דורכן מויל פון דיאָגענעסן (און ער איז גערעכט) — „די אידעע פון שעפערישן געדאַנק איז אַזוי רעאַל, אַזוי אייביק, ווי דער געלעבטער מענטש, וואָס איז, ווי געזאָגט, אויך אַן אידעע".

שעקספּיר און האַמלעט, פּרץ און באַנטשע שוויג, שלום עליכם און טביה, זענען אַלע גלייך רעאַל און לעבעדיק, וואָרעם זיי זענען אַלע אידעען און באַגעגענען זיך סוף כל סוף אין דער אייביקער וועלט פון אידעען.

די געדאַנקלעך ריכטיקע און שרייבעריש היפּש חנעוודיקע עסיי פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס באַנטשע, ווען ער זאָל זיך איצט דאַרפן עפּעס ווינטשן, וואָלט זיך ווונטש געווען צו קענען פאַרשטיין דיאָגענעסעס רייד.

אָבער באַלד נאָך דער עסיי קומט אַ לענגערער מאמר, וווּ אַלמי לאָזט זיך אַריין אין אַ פּרטימדיקן וויכוח מיט פּראָפעסאָר איי. אי. טיילאָר פון ענגלאַנד, וועגן דעם, צי סאָקראַטעס איז געווען אַ היסטאָרישע פיגור, אָדער אַ לעגענדע. און עס גייט

אַלמין ממש אין לעבן אַריין צו באַוויזן (און דער באַוויז געלינגט אים צום גרויסן טייל), אַז סאָקראַטעס לא היה ולא נברא, אלא משל היה. עס האָט העכסטנס געלעבט עפּעס איינער אַ סאָקראַטעס, וואָס האָט געדינט פּלאַטאָנען ווי אַ מאָדעל פון דער סאָקראַטעס־געשטאַלט, וואָס ער פּרעזענטירט אונדז אין זיינע ווערק.

אַלמי האָט, ווי געזאָגט, געוווּנען דעם סאָקראַטעס־פּראָצעס, אָבער צו וואָס דער באַוויז וועגן סאָקראַטעסעס אומעקזיסטענץ, אויב אַלמי האָט אונדז ערשט דורך דיאַגנעסעס מויל באַוויזן, אַז באַנטשע און האַמלעט זענען פּונקט אַזוי לעבעדיק און ראַיעל ווי פּרץ און שעקספּיר? דער ענטפער איז: עס זענען צוויי פאַרשידענע משפּטים און ביי יעדן פון זיי באַווייזט אַלמי זיין דיאַלעקטיש־פּאָלע־מישן כוח.

*

אַלמיס פּאָלעמיק איז בדרך כלל שאַרף און צומייסט אויף אַ פיינעם אינטע־לעקטועלן ניוואָ און צומאָל אַפילו עלעגאַנט. אָבער עס טרעפט, אַז אַלמי פאַרלירט ניוואָ אין זיין אידעישן וויכוח און ער דערלאַנגט דעם קעגנער, אָדער דער קעגנע־רישער אידעע, די קלעפּ „אונטערן גאַרטל“.

אין די עסייען וועגן „„פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט“ און וועגן „לייכט און שווער“, ווו אַלמי שטעלט זיך אײן פאַר לייכט און פאַרשטענדלעך, ווערט אָן זיין דיסקוסיע די אידעישע און ליטעראַרישע מדרגה, ווען ער נעמט אונדז מסביר זיין שווערן סטיל און אומפאַרשטענדלעכקייט פון לידער מיט אַזעלכע סימפּליסטישע פאָרמולעס, ווי אַז די שווערקייט פון סטיל איז נישט מער ווי קאַמופלאַזש, „כדי מען זאָל מיינען מי יודע וואָס פאַראַ רזין דרזין עס שטעקן אין די טונקעלע נישט דערזאָגענישן“. דאָס גאַנצע ליטעראַרישע פּראָבלעם ווערט אַזוי אַרום רעדוצירט צו אַ מין אוממאָראַלישן פאָרטל פון פּראָפּעסיאָנעלע אַפּנאַרערס, וואָס מען דאַרף זיי משפּטן אין געריכט און נישט זיך אויסטענהען מיט זיי אויף די הייכן פון אַ ליטעראַרישן וויכוח.

די אינטערעסאַנטסטע עסייען אין בוך זענען, בלי ספק, יענע, ווו אַלמי פּאָלעמיזירט מיטן פאַרשטאָרבענעם ד״ר גלאַבוס וועגן „מאַרקס און זיין תורה“; מיט י. י. טרונקן וועגן „פּרווידיאַניזם און יודאַיזם“ און מיט ראובן אַגושעוויטשן וועגן „דער איבערמענטש פון פרייען ווילן“. אין אָט די עסייען, און דער עיקרשט אין דער ערשטער און לענגסטער עסיי פון בוך וועגן „טויט און אומשטערב־לעכקייט“, קומט צום אויסדרוק א. אַלמיס בקיאות אין פילאָזאָפישע ענינים און אין זיין כוח נישט בלויז אַנטקעגנצושטעלן געדאַנקען, נאָר אויך צו סינטעטיזירן אידעען און צו געבן וועגן זיי אַ מין היסטאָרישן איבערבליק.

וואָס ס׳פעלט אין די דאָזיקע עסייען איז עסייִסטישער אַראָמאַט, עסייִסטי־שער ניגון, וואָס דערנעענטערט דאָס געשריבענע צום געמיט פונעם לייענער און בויערט אַריין ווערטער און זאַצן אין זיין זכרון.

י. ראַפּאַפּאָרטס „תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס״

יהושע ראַפּאַפּאָרט, וואָס שטאַמט פון ביאַליסטאָק, האָט געוווינט פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע אין וואַרשע, האָט די קריגס־יאָרן פאַרבראַכט אין גלות שאַנכאַי און איז היינט אַ תושב אין אויסטראַליע, געהערט צו די וויכטיקע שרייבער־געשטאַלטן אין אונדזער ליטעראַטור.

ער איז אַ מאַן פון גרויס ליטעראַרישער בקיאות און פון שאַרפן קריטישן אַנאַליז און אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער פּאָלעמיקער וועגן מאָראַלישע ענינים פון געזעלשאַפט און ליטעראַטור. אַזאַ איז ער געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק אין וואַרשע און אַזאַ איז ער פאַרבליבן עד היום אין די ביכער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אויסטראַליע און אַרויסגעבראַכט צום טייל דאָרט אָדער אין דרום־אַמעריקאַנישע פאַרלאַגן.

אַן אויסנאַם פון אַלע זיינע אַנדערע ביכער, איז דאָס בוך מיט צוויי־און־פופציק אימפּראָוויזאַציע־קאַפּיטלען וועגן תנ״ך און מיט אַ צוגאָב פון פיר און צוואַנציק קלענערע קאַפּיטלעך, וואָס ראַפּאַפּאָרט רופט זיי מיט דעם שם הכולל „פונעם רייכן תנ״ך־טיש״ און וואָס זענען אין תוך אויך נישט עפּעס אַנדערש ווי אימפּראָוויזאַציעס וועגן געשטאַלטן און געשעענישן פון תנ״ך. אחוץ דעם זענען אין בוך פאַראַן אַ הקדמה פונעם מחבר מיט עטלעכע פיינע באַמערקונגען וועגן ספר הספרים און דערעיקרשט וועגן יידישן גורל, און אַ נאָכוואָרט, וואָס פאַרצייכנט ווען און אין וואָס פאַר אַ געמיט דער מחבר האָט אויסגעטראָגן און געשריבן זיינע אימפּראָוויזאַציעס.

די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס זענען יהושע ראַפּאַפּאָרטס אַן אויסנעמלעך בוך, נישט ווייל עס איז בעסער (ער איז אַלע מאָל אַ גוטער שרייבער), נאָר ווייל עס איז אַנדערש געשריבן ווי זיינע אַנדערע ביכער. און דאָס אַ נ ד ע ר ע באַשטייט אין דעם, וואָס איבער די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס שוועבט ליבשאַפט און עס שוועבט צאַרטקייט און דאָס בוך פאַרמאָגט אַ באַזונדערן אינטימען טאָן, און עס רעדט כמעט דורכויס מיט דעם קול פון „דינער שטילקייט״, וואָס ראַפּאַפּאָרט שרייבט וועגן איר מיט באַרעכטיקטער התפעלות אין דעם קאַפּיטל וועגן אליהו הנביא.

אויך אין זיינע אַנדערע ביכער האָב איך אונטער דעם שטרענגן און בייזלעכן טאָן חושד געווען היפש צאַרטקייט און ליבשאַפט, אָבער דאָ אין די „אימפּראָוויזאַציעס״ איז דער חשד איבעריק. מען נעמט לייענען און מען דערשפּירט באַלד די ליבשאַפט־טעמפּעראַטור פונעם מחבר. די תנ״ך־געשטאַלטן זענען ראַפּאַפּאָרטן ליב און זיי זענען אים איינגעבאַקן אין האַרצן און ער איז ביים תנ״ך פאַרגיבעריש צו מידות און אידעען, וואָס ער וואָלט זיי אין קיין שום אַנדערע ביכער בפירוש נישט אַקצעפּטירט.

ראַפּאַפּאָרט פאַרגייט אַזוי ווייט, אַז ער ציטירט פאַר אונדז שורות פון אייך־

און־צוואַנציקסטן קאַפּיטל פון ספר דברים, ווו עס ווערט אָנגעזאָגט — אַז „כי תצא למלחמה", אַז דו וועסט אַרויסגיין אין מלחמה און וועסט וועלן נעמען אַ געפאַנגענע פרוי פאַר אַ ווייב, זאָל זי קודם אַ חודש צייט באַוויינען איר פאָטער און מוטער און דערנאָך ערשט ווערן דיין ווייב. און טאָמער וועט זי דיר דערנאָך נישט געפעלן, זאָלסטו זי נישט פאַרקויפן, נאָר לאָזן גיין ווו זי וויל — און ער ווערט דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האַלט אין איין באַוואונדערן „ווי שיין עס זענען די ליבע־געבאָטן פון תורת משה! ווי פסיכאָלאָגיש טיף זיי זענען!"

און דאָס איז אים נאָך ווייניק און ער שרייט־אויס פּאַטעטיש —

„דעם גאַנצן אימפּאַטענטן ליבע־גאַוועד פון צוויי טויזנט יאָר קריסטנטום פאַר די דאָזיקע פינף ערשטע פסוקים פון „כי תצא".

נו, ס'איז אַוודאי נישטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן פון די צוויי טויזנט יאָר „ליבע" פון קריסטנטום, אָבער ס'איז אויך זייער שווער צו זען די באַזונדערע שיינקייט און די פסיכאָלאָגישע טיפקייט פון די שורות אין „כי תצא".

אויב שיינע און פסיכאָלאָגיש־טיפע שורות, וואָס זאָלן באַווייזן די העכער־קייט פון דער עטיק אין דעם יידישן דת, וואָס איז אַ מער־שכלדיקע, קלאַסישע רעליגיע, לגבי דער מאָראַל אין דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס איז מער אַן עמאָציאָנעל־צעהיצטע, אַ ראָמאַנטישע (די געלונגענע קלאַסיפיקאַציע פון קלאַ־סיש ווערסוס ראָמאַנטיש שטאַמט פון דעם באַוווסטן בערלינער אָבער־ראַבינער לעאָ בעק ז"ל) זענען, בלי ספק, פאַראַן גענוג אַנדערע שורות אין חומש, וואָס קאָנען דינען ווי אַ ראיה. גראָד די „כי תצא"־פסוקים באַווייזן נישט צו פיל. זיי האָבן אין זיך, וואָלט איך געזאָגט, קילע פּראַגמאַטישקייט, אָבער זיי זענען ווייט פון אַ העכערן געפיל, ווייט פון מאָראַלישער דערהויבנקייט.

ווייזט אויס, אַז ס'העלפט נישט: ליבע מוז אַ מאָל צוזינדיקן מיט אומקרי־טישקייט. אָבער איך מוז זאָגן מיט צופרידנקייט, אַז דאָס געשעט ביי ראַפּאַפּאָרטן אַפילו אין דער פאַרליבטקייט נישט צו־אָפט. עס איז צום גרעסטן טייל מנצח ראַפּאַפּאָרט דעם קריטיקער, וואָס זעט קלאָר, אַנאַליזירט דין און האָט ביי די „אימפּראָוויזאַציעס" אויך די מעלה, וואָס ער איז דורכויס צאַרט און ליבעפול צום תנ"ך און צו זיינע געשטאַלטן.

איך בין נאָך מוסיף: אין זיין פולן פאַרנעם קומט צום אויסדרוק ראַפּאַ־פּאָרט דער שרייבער און טראַכטער ווען ער איז דער קריטיקער און דער עקשנותדיקער אמת־זוכער. ווען ער לאָזט זיך אַריין אין מאָראַלישער אַפּאָלאָ־געטיק פון יידנטום און וויל באַווייזן די העכערקייט פון דער יידישער תורה, איז ער אייך (איר זענט דאָך אויך אַ ייד!) סימפּאַטיש און נאָענט, אָבער עס גייט פאַרלוירן אַ שטיק שיעור קומה פון ראַפּאַפּאָרטן, דעם שרייבער און קרי־טיקער.

אַ ביישפּיל פון אַזאַ מין מאָראַלישער אַפּאָלאָגעטיק איז ווען ראַפּאַפּאָרט

נעמט זיך אָן פאַר דעם האַרטן געזעץ פון תורת משה, אַז אַ ממזר זאָל נישט קומען אין דער עדה פון גאָט ביז צום אַזויפילטן דור. „האָט מען דאָך געקענט", שרייבט ראַפּאַפּאָרט, „גלייכצייטיק אָנהייבן מיט דער לערע, אַז אַ ממזר אַ תלמיד חכם איז חשובער פאַר אַ כהן גדול אָן עם־הארץ? מ'האָט פריער געמוזט איינ־וואָרצלען אַן עקל־געפיל צו אַ ממזר, עס זאָל ווערן אַ וואָרט, וואָס קאָן גאָר ווי געהעריק (מיט אַלע זיינע שפּראַך־ניואַנסן) נישט איבערגעזעצט ווערן אויף קיין שום אַנדער שפּראַך".

ביים בעסטן ווילן מוז איך זאָגן, אַז דאָס איז נישט מחשבה, ווי מיר דער־וואַרטן פון ראַפּאַפּאָרטן, נאָר העכסטנס ליבע־מגידות.

און אַז איך בין שוין דערביי צו דערמאָנען וואָס מיר ריכטן זיך נישט פון ראַפּאַפּאָרטן, וויל איך זאָגן, אַז מיר ריכטן זיך נישט אויף אַזאַ הומאָריסטיש־ביליק לשון ווי ער נוצט וועגן שלמה המלך, דהיינו, אַז „אויב ער האָט געקאָנט פאַרדייען טויזנט ווייבער, האָט ער די ריזיקע פאָרציע שבחים אויך אַראָפּגע־שלונגען און פאַרדייט". עס איז נישט וויניקער פריקרע צו לייענען אַזאַ מין חכמה, אַז „איך ווייס גאָר נישט ווי אַזוי יידן וואָלטן זיך עקאָנאָמיש געוועזן אַן עצה געגעבן אין גלות ווען נישט דאָס ווערטעלע „ישקנו" פון „שיר השירים", וואָס האָט טויזנטער און טויזנטער סוחרימלעך און קרעמערלעך געשפּייזט מיט חיונה, געלאָזט אויסגעבן קינדער און אַ מאָל טאַקע פאַרזאָרגן אויך קינדס־קינדער". ראַפּאַפּאָרטן געפעלט די דאָזיקע „חכמה" אַזוי שטאַרק, אַז ער זופט זי אויס ביז צום דנאָ, כ'מיין נישט בלויז ביז צו די סוחרימלעך, נאָר אויך ביז צו זייערע קינדס־קינדער.

*

אָבער חסל. כ'האָב געמוזט אַרויסברענגען דאָס ביסל שאָטנדיקע, כדי צו קענען דערציילן וועגן דעם שיינעם ליכט פון געדאַנק און געפיל, וואָס ראַפּאַ־פּאָרט שפּרייט איבער זיינע „אימפּראָוויזאַציעס". עס זענען פאַראַן קאַפּיטלען, וווּ ראַפּאַפּאָרטס קריטישער געדאַנק איז אי דיך און אי אָריגינעל אַרויסגעאַרבעט.

צו ערשט האָט מיך פאַרכאַפּט מיט דער געדאַנקלעכער חריפות די דרייצנטע אימפּראָוויזאַציע וועגן דעם קוואַל פון דער יידישער נבואה. ראַפּאַפּאָרט פרעגט זיך, פאַר וואָס איז דער סאָציאַלער מאָטיוו ביי די נביאים אַזוי מאָראַליש אויפ־געברויזט איבער די „וואָס ווילן איינשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד". אַז ער שרייט אויס —

זאָל איבער דעם נישט ציטערן די ערד,
און טרויערן איטלעכער וואָס וווינט אויף איר?*

דער מאָראַלישער אויפברויז ביים נביא איז אַזוי גרויס — זאָגט מיט רעכט ראַפּאַפּאָרט — אַז עס איז פאַר אים נישט קיין מליצה ווען ער זאָגט, אַז די ערד דאַרף ציטערן ווי ער, דער נביא, ציטערט.

אָבער פאַר וואָס איז דער סאָציאַלער אויפבראַוז פונעם נביא אַזוי שטאַרק? מיר געפעלט זייער ראַפּאַפּאָרטס אויסטייטש. ס'איז ממש ווי, מיר דאַכט זיך, אַן אַנטפּלעקערישער אויסטייטש.

דער אויפבראַוז פון די נביאים — האַלט ראַפּאַפּאָרט — איז דערפאַר אַפּט אומגעצוימט, ווייל זייער סאָציאַלער בונט ווערט נישט געמילדערט פון אַ גלייכגעוויכטיקן גלויבן אין דעם סוף־כל־סופיקן זיג פון דער גערעכטיקייט.

די נביאים זענען געווען סאָציאַלע פּעסימיסטן און זיי מאָלן אַזוי ליידנשאַפטלעך די שטראָף פאַר סאָציאַלער רשעות, ווייל זיי ווילן די שטראָף, אָבער זיי גלייבן נישט אין איר מיט דער רויקער אמונה פון פרום גלוביקע.

דער נביא איז ממש געטריבן געוואָרן צו אַ מין משוגעת פון דערצערנטקייט (משוגע איש הרוח), ווייל ער האָט נישט געהאַט אין זיך דעם גלויבן פונעם בעל־התהילים, וואָס דער „אויפבראַוז קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט ווערט (ביי אים) געמילדערט דורך דעם גלייכגעוויכטיקן פעלדזנפעסטן גלויבן, אַז דער סוף־כל־סופיקער זיג פון גערעכטיקייט איז פּונקט אַזוי זיכער ווי דער צייטווייליקער טריומף פון רשעות".

און דער קעגנזאַץ צווישן נבואה און תהלים ווערט נאָך קלאָרער און נאָך מער איבערצייגנדיק, ווען ראַפּאַפּאָרט שטעלט אַקעגן עטלעכע שורות פונעם הונדערט פינף און צוואַנציקסטן קאַפּיטל תהלים און פונעם ערשטן קאַפּיטל חבקוק.

שטורעמט דער נביא חבקוק —

ביז וואַנען, גאָט, וועל איך רופן,
און דו וועסט נישט הערן?

ענטפערט דער בעל התהלים —

גערעכט איז גאָט אין אַלע זיינע וועגן
און גנאָדיק אין אַלע זיינע מעשים.

די אימפּראָוויזאַציע וועגן דער „טאָפּלטער קוואַל פון נבואה" איז, לפי דעתי, אַ קריטישער אַנאַליז אויף אַ פיינעם ניוואָ פון געדאַנק און געפיל. עס איז דין און דערביי סאָליד געטראַכט און עס רעגט־אָן צום נאָכטראַכטן.

איך מוז זיין זייער שפּאָרעוודיק ביים איבערגעבן די גרויסע צאָל פון „אימפּראָוויזאַציעס", וואָס האָבן מיך פאַרכאַפּט אין ראַפּאַפּאָרטס בוך. אַ טייל פון די אימפּראָוויזאַציעס האָבן אַ צו־באַשיידענעם נאָמען, וואָרעם אין דער אמתן זענען זיי גוט דורכגעטראַכטע עסייען, ווי, למשל, דאָס קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע פון פאַלשע און אמתע נביאים און קומט צו צוויי אויספירן וועגן דעם ווי אַזוי צו אונטערשיידן צווישן פאַלשער און אמתער נבואה.

די ערשטע קריטעריע איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ פּרינציפּיעלע, און די אַנדע־

רע האָט צו טאָן מיט דעם נביאס געזעלשאַפטלעכן טאַקט, מיט זיין סאָציאַלער התנהגות און מיט זיין כאַראַקטער.

דער פּרינציפּ איז, אויב די סימנים און די פּאָרויסזאָגונגען פון דעם נביא ווערן אַפילו מקוים, איז דאָס נאָך נישט קיין באַווייז פון זיין אמת. אין קאַפּיטל דרייצן פון ספר „דברים" ווערט אָנגעזאָגט, אַז דער איינציקער באַווייז פאַרן אמת פון אַ נביא איז די תורה. וואָרעם — שרייבט ראַפּאָפּאָרט, און איך האָב זיך מיט אים אין דעם פּרט נישט איין מאָל מחשבהדיק באַגעגנט — דער יידי־שער גאָט אַליין איז געפּענטעט דורך זיין תורה, ווי שפּינאָזאַס גאָט דורך זיינע נאַטור־געזעצן.ביידע האָבן זיי זיך אַליין באַגרענעצט אין זייער אומבאַגרע־נעצטקייט.

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער באַגרענעצטער אומבאַגרענעצטקייט — בין איך מוסיף — האָט דער מענטש בחירה חפשית. סיי די תורה און סיי שפּינאָזאַס קאָסמאָס זענען געדאַנקלעך און מאָראַליש גענוג גרויס און רחבות־דיק, אַז דער מענטש זאָל קענען אויסקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס און צווישן שכלדיקער דערקענטעניש און עמאָציאָנעלער בלינדקייט.

די צווייטע, די טאַקטישע קריטעריע, פאָרמולירט ראַפּאָפּאָרט אין אַן אַפאָריזם, וואָס איז, ווי אַלע אַפאָריזמען, מער ווי אמת און אויך אַ ביסל ווייני־קער. ער שרייבט —

„די פאַלשע נביאים זאָגן פאָרויס גוטס בלויז די מעכטיקע, כדי זיך איינ־צוקויפן אין זייער גנאָד; די אמתע זאָגן כמעט תמיד פאָרויס גוטס נאָר די צעבראָכענע, וועלכע קאָנען זיי באַלוינען בלויז מיט דאַנקבאַרקייט פון צעבראָ־כענע געמיטער..."

אַחוץ די צוויי נאָר־וואָס דערמאָנטע קאַפּיטלען זענען פאַראַן צוויי, דריי צענדליק מער, וואָס פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי נישט פאַרבייגיין. פון אַ באַזונ־דערן ווערט זענען די אימפּראָוויזאַציע־עסייען וועגן די נביאים ירמיה און יחזקאל, וועגן די „נישט קוהלתדיקע געדאַנקען וועגן קוהלת", וועגן דעם „שטילן פּאַטאָס" און וועגן די מאַסן־סצענעס אין דעם ספר נחמיה. אין די אַנדערע ספרים פון תנ"ך דערציילן אונדז די נביאים וועגן די ליידן פונעם פאָלק, אָבער אין פינפטן קאַפּיטל פון ספר נחמיה רעדט דאָס פאָלק אַליין. עס ווערט דאָרט געמאָלן אַ סצענע פון פאָלק אין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. דאָס פאָלק פאַר־לאַנגט ברויט צום עסן.

און איך וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויפן קאַפּיטל „די געבורט פון יחיד" אין ספר יחזקאל. עס איז אַ זייער פיין־אויסגעאַרבעטע טעזע וועגן דעם בליק אויף דעם יחיד, וואָס האָט זיך געביטן פון דעם פּרינציפּ, אַז די קינדער דאַרפן ליידן פאַר זינד פון די פאָטערס ביז צום עיקר, אַז יעדער יחיד טראָגט די אחריות בלויז פאַר זיינע אייגענע זינד, און קיין שום זינדיקער איז נישט אָן האָפענונג, ווייל ער קאָן זיין אַ חוזר בתשובה.

שלמה ביקל

די רעדאַקציע „יידישער קעמפער" (1939—1953)

אין די ערשטע יאָרן נאָך מיין אָנקום קיין ניו־יאָרק, אום פרילינג 1939, פלעג איך זיין אַן אָפטער גאַסט אין דער רעדאַקציע פון „יידישער קעמפער". די רעדאַקציע אין איינעם מיט אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דעמאָלט געווען אין אַ הויז אויף דער זיבעטער עוועניו נאָענט צום „גאַרמענט סענטער".

מען זאָגט, אַז אין אַ רעדאַקציע „זידט עס", אויך אין די צימערן פונעם „קעמפער" האָט עס געזאָטן. אָבער געווען איז דאָס עפּעס א געקאָכעריי אַ שטומע, אָן פּאַרע.

אין די שטובן פוןביידע רעדאַקטאָרן האָט עס געזאָטן מיט שטילקייט. אין דעם קליינעם צימער לינקס איז געזעסן שלמה גראָדזענסקי, דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, אַ פּאַרטיפּטער אין לייענען. איך האָב אין די פופציק יאָר פון מיין באַוווסטזיניקן לעבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ היפּש ביסל לייענערס מיט תאווה, אָבער אַלעמען האָט אין מיין דערפאַרונג אַריבערגעיאָגט שלמה גראָדזענסקי מיט זיין התמדה, מיט זיינע לאַנגע שעהען און מיט זיין ברענענדיקן גלוסט צו לייענען. ער איז אין יענע יאָרן פון זיין רעדאַקטאָרשאַפט ביים „קעמפער" געווען אַן אמתער בעל־תאווהניק פון לייענען.

ווען איך האָב זיך מיט גראָדזענסקין באַגעגנט מיט דריי יאָר צוריק אין ישראל, האָט ער זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז די דאָזיקע לייען־תאווה האָט אים נאָך נישט אָפּגעלאָזט. און בשותפותע פריינד האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז אויך פאַרבליבן דער וווּנדערלעכער בעל־השגה, וואָס כאַפּט אויף גיך דעם פאַרפלאָנטערסטן געדאַנק פון אַ בוך און זיין לייענען איז אַלע מאָל אַ העכסט־פּערזענלעכער איבערשמועס מיטן מחבר פון מחשבה צו מחשבה. אין גראָדזענסקיס איבערשמועס, סיי בעל־פה און סיי בכתב, איז נישט געמאָלט קיין שום מאָמענט פון נייטראַליזם. עס איז נישט געמאָלט, ווייל עס איז „סואַ רעס אַגיטור", דער ענין פון קולטור־ווערטן איז נישט סתם אַן ענין, וואָס מען קען אים פאַרבייגיין מיט אַ צופרידענעם שמייכל אָדער מיט אַ גרימאַס פון אומצופרידנקייט.

געדאַנק און וואָרט זענען אַן ענין פון אינטימער, פון משפחהדיקער איבער־לעבעניש, און ס'איז דערפאַר נישט מעגלעך צו האָבן צו זיי אַזוי זיך אַ „גוט מאָרגן, גוט יאָר"־באַציִונג ווי צו אַ שכן אָדער צו עפּעס אַ באַקאַנטן אין גאַס.

דער געדאַנק און דאָס וואָרט, וואָס דו באַגעגנסט אין דער עפנטלעכקייט (בוך, צייטשריפט, טריבונע), קאָן, פון ווי ווייט עס זאָל נישט קומען, זיין דיינס אַ קרוב, אַ קולטוריש־משפחה־קינד, וואָס דו האָסט שוין לאַנג געוואַרט צו באַגעגענען און צו הערן דערציילן. אָבער עס קאָן זיך טרעפן, און עס טרעפט זיך אָפט, אַז דאָס וואָרט, וואָס רעדט פון בוך אַרויס לעסטערט דיין קולטור־געפיל מיט דער

אוממעכטיקייט פון איבערלעבעניש און איז דיר דערווידער מיט דעם אומערנסט, מיט דער מוסר־זאָגערישער ווולגאַריטעט און — מיט דער ליגנערישער ראָמאַנטיק.

פון אָט־דעם מאַנגל פון נייטראַליזם צו ווערט אָדער אומווערט פון געדאַנק און געפיל איז אַרויסגעוואַקסן שלמה גראַדזענסקי, דער פּאַלעמיסט, אַרויסגעוואַקסן דער שרייבער, וואָס איז גרייט דורס צו זיין דאָס פאַלשע, דאָס ווולגאַרע, דאָס געשמאַקלאָזע ווו ער זאָל עס נישט געפינען און ביי וועמען ער זאָל עס נישט טרעפן. גראַדזענסקי האָט זיך געפילט ממש פּערזענלעך באַליידיקט פון קולטור־לאָזיקייט און — זיין פּען האָט געענטפערט מיט אַן אויפברויז פון איראָניע און סאַטירע דעם שולדיקן און דעם צוממייסט אויך אומשולדיקן (די אומשולדיקע קולטורלאָזיקייט מאַכט די סכנה נאָך גרעסער און געדויערדיקער) אַן ערנסט, אַן געדאַנק און אַן געשמאַק — זאָגער און שרייבער.

ס׳האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז איך האָב געטראָפן גראַדזענסקין ביי זיין שרייבטיש אין אַזאַ מין סאַטיריש־איראָנישן איבערשמועס מיט אַ בוך. ער האָט דעם שמועס מיטן מחבר נישט איבערגעריסן. ער האָט אים ממשיך געווען מיט מיר באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער פון באַגריסונג.

— איך האָב אַ פּלאַן — האָט ער צו מיר איין מאָל אַ זאָג געטאָן אין דעם מיט פון אַ רוגזהדיקן איבערדעד מיט אַ בוך אויפן שרייבטיש — איך וויל מירביידע זאָלן ערגעץ באַקומען די נייטיקע פּאָר גראָשן און זאָלן אַרויסגעבן פון צייט צו צייט העפטן פון קאַמף קעגן קולטורלאָזיקייט און קעגן אידעאָלאָגישן אומערנסט. כ׳האָב אַפילו שוין אַ נאָמען פאַר אַזאַ צייטשריפט. זי וואָלט געדאַרפט הייסן פשוט: בית גימל. מיר ביידע: ביקל און גראַדזענסקי גייען אַרויס אין אַ מלחמת מצווה אויסצוראָטן די אָנגעבלאָזענע וואַסערדיקע רייד אין די כלערליי מאמרים און אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און געזעלשאַפט, און דער עיקרשט אויסצורייסן מיטן וואָרצל די אידעאָלאָגישע זעלבסטצופרידנקייט אין אַלע יידישע לאַגערן: ביי די יידישיסטן, ביי די גענאָסן און אויך ביי די ציוניסטן.

און גערעדט האָט גראַדזענסקי די דאָזיקע קאַמף־גרייטע רייד שטיל, פעסט אָבער בניחותא, און דאָס קיילעכדיקע פּנים זיינס, דער כמעט נאַקעטער שאַרבן זיינער און די גראָ־בלאָע אויגן (אפשר איז די פאַרב פון זיינע אויגן אַן אַנדערע, אָבער פאַר מיר מינען זיי איצט בעתן שרייבן און תמיד ווען איך זע פאַר מיר גראַדזענסקין, מיט גראָ־בלאָקייט) האָבן דערביי געלויכטן מילד און נח־לבריותדיק.

מיר איז דער דאָזיקער קאָנטראַסט צווישן גראַדזענסקיס מילדן פּנים און שטילע רייד פון איין זייט און דער שאַרפער פּאָלעמיק פון דער צווייטער זייט, זייער ניחא געווען. איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט און דאַכט זיך אים אַפילו אַ מאָל געזאָגט דעם „גאַנצן שבח" אין פּנים אַריין, אַז נאָר אַ מענטש, וואָס איז אין תוך אַ מילדער און אַ גוטמוטיקער האָט אַ רעכט צו זיין אַ שאַרפער פּאָלע־מיקער מיט אַזאַ בריִענדיקער סאַטירישער פּען ווי ער, גראַדזענסקי. און דאָס

איז אפשר אויך פּאַר וואָס אַ שוחט בישראל מוז זיין אַ פרומער און אַ געהוי־בענער ייד אַ למדן, וואָרעם דעמאָלט קען ער טאָן זיין עבודה נישט בלויז כהלכה, נאָר אויך מיט יענעם נשמהדיקן ציטער פון לשמה, וואָס באַפרייט די שחיטה פון דער מינדסטער בלוט־פּאַרגיסערישער פּניה.

שלמה גראָדזענסקיס שאַרפע פּאָלעמיקעס אין „יידישן קעמפער" זענען נישט אַלע מאָל געווען גערעכט, אָבער זיי זענען תמיד געווען באַרעכטיקט, ווייל הינטער זיי איז געשטאַנען אַ זויבערע כוונה פון קאַמף קעגן מאַנגל פון געשמאַק און קעגן מאַנגל פון אידעיִשן ערנסט און קיין מאָל נישט קיין פּניה עמעצן פער־זענלעך צו דערנידעריקן אָדער זיך אַליין אַרויסצוהויבן.

אוודאי האָט פּאַסירט, אַז דער און יענער נוגע בדבר האָט זיך געפילט געטראָפן, אָבער דאַן איז דאָס געשען קעגן גראָדזענסקיס כוונה און געשען איז עס, ווי ער פלעגט מיר זאָגן מיט אַ ליבן שמייכל פון באַדויער, ווייל דער גע־טראָפענער איז געווען ממש אַ סיאַמעזער צווילינג מיט דעם ציל פון זיין (גראָ־דזענסקיס) פּאָלעמיק.

און טאָמער האָט עמעצער דאָך חושד געווען גראָדזענסקיס ריינע קולטור־כוונות, קאָן דער דאָזיקער עמעצער פּאָסט פּאַקטום לייכט פּטור ווערן פון זיין חשד אויב ער פאָלגט נאָך גראָדזענסקיס העברעיִשע פּובליציסטיק אין תל־אביבער „דבר" פּאַר די לעצטע צען יאָר זינט ער איז געוואָרן אַ תושב אין ישראל. וואָרעם וואָס קאָן זיין אַ בעסערע ראיה ווי דאָס, אַז דאָ אין „יידישער קעמפער" האָט גראָדזענסקי אומברחמנותדיק געשמיסן דעם אידעאָלאָגישן אומ־ערנסט און די קולטור־לייכטזיניקייט פון די גלותיסטן און יידישיסטישע ראַדי־קאַלן, און דאָרט אין „דבר" לאָזט ער אויס זיין גאַנצן סאַטירישן כּוח צו דעם פּונקט קאַפּוירן אידעיִשן לייכטזין פון די ישראלדיקע אַנטי־גלותיסטן און צו דער אַנטי־היסטאָרישער און קולטורלאָזער פּאַרריסנקייט פון כלערליי ראַדיקאַלע און געמעסיקטע כנענים? די אַנגעבלאָזענע פּראַזע, די וואַסערדיקע האָפערדיקייט און דער תקיפותדיקער „יאָ טעבע דאָם" האָבן אויף העברעיִש און אין מדינת ישראל נישט ווייניקער צו ליידן פון גראָדזענסקיס פעדער ווי זיי האָבן געליטן אויף יידיש דאָ אין אַמעריקע.

גראָדזענסקי איז אין „יידישער קעמפער" געווען אַ זייער געלייענטער שרייבער (ער איז עס איצט אויך אין „דבר"). אַפילו די געטראָפענע האָבן, דאַכט זיך, לעבן דעם פאַרשטענדלעכן עגמת־נפש געהאַט אַ ביסל הנאה פון גראָדזענסקיס מאמרים. די הנאה האָט זיך אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען. וואָרעם שלמה גראָדזענסקיס אַרטיקלען זענען קיין מאָל נישט געווען קאַלט און אַקאַדעמיש. זיי זענען געווען סאָליד, לעבעדיק און וואָרעם און האָבן אַפּעלירט צום לייענערס געמיט, אַפילו צום געמיט פון אַ קעגנערישן לייענער.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער דרייסטער און הייסבלוטיקער פּובליציסט

גראַדזוענסקי איז אין תוך געווען און איז עד היום פאַרבליבן אַ מענטש אַ צוריק־געצויגענער, פול מיט „אימתא דציבורא״. בעל־פה האָט ער די דאָזיקע פאָרכט פֿאַר דער עפנטלעכקייט אויך הייגט נישט גובר געווען. איך האָב אים דאָ אין ניו־יאָרק קיין מאָל נישט געהערט עפנטלעך רעדן און עס איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען ערגעץ־ווו פאַרצייכנט אַז גראַדזוענסקי זאָל האָבן גערעדט פון אַ טריבונע אין די איבער צען יאָר פון זיין וווינשאַפט אין מדינת ישראל.

חיים גרינבערג האָט צומאָל געהאַט עגמת־נפש פון גראַדזוענסקיס פּאָלעמיק. די געטראָפענע האָבן זיך געווענדט צו גרינבערגן, ווייל ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר און נאָך מער ווייל ער איז געווען חיים גרינבערג, און האָבן פון אים פאַרלאַנגט „צער, ריפּוי און בושת״ פאַר גראַדזוענסקיס „אָנפאַל״, און ס'האָט גרינבערגן געקאָסט נישט איין מאָל אַ היפּש ביסל האַרצווייטיק און דיפּלאָמאַטיע אַרויסצוקומען בשלום פון אַזאַ מאָראַלישער מצודה.

אָבער נישט געקוקט אויף די אינצידענטן אַרום גראַדזוענסקיס פּאָלעמיקעס, איז נישט געווען קיין מער הונדערט־פּראָצענטיקער חסיד פון גראַדזוענסקיס פּובליציסטיק ווי חיים גרינבערג. און גרינבערג פלעגט מיט אַ געפיל פון נחת ביי אַ געלעגנהייט ליב האָבן צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט גראַדזוענסקין אַריינגענומען אין „קעמפער״, ווי אַזוי ער האָט באַלד דערקענט זיין שרייבערישע באַגאַבונג און, דער עיקרשט, וויפל מי ער האָט געמוזט אָנווענדן אַרויסצוציען גראַדזוענסקין פון זיין ווינקל פון שעמעוודיקייט און ביי אים פועלן אַז ער זאָל אָנהויבן שרייבן געחתתמעטע אַרטיקלען. גרינבערג האָט, ווי זיין שטייגער וועגן ער האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט, בעסאַראַביש אַ צמאָקע געטאָן מיט דער צונג צום גומען און אַ צי געטאָן דעם רויך פון זיין שטענדיקן ציגאַרעט אין מויל — און פאַרענדיקט: שוין מיט די ערשטע אַרטיקלען זיינע האָט גראַדזוענסקי שטאַרק אויסגענומען.

*

פון די אַלע פאָטאָגראַפיעס פון גרינבערגן, וואָס איך קען, געפעלט מיר צום בעסטן דאָס בילד, וואָס ווערט געבראַכט פאַרן שער־בלאַט צום באַנד „בלעטלעך פון אַ טאָגבוך״ (דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1954, אַ יאָר נאָך גרינבערגס פּטירה). די פאָטאָגראַפיע האָט, אויף וויפל איך ווייס, גענומען ד״ר שאול הראלי, וואָס איז געווען גרינבערגס אַסיסטענט אין קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער סוכנות און איז הייגט פּראָפעסאָר פאַר העברעיִשער ליטעראַטור אין „אינסטיטוט פאַר יידישער רעליגיע״.

ד״ר הראלי האָט מיט זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אויפגעכאַפּט אַ פּאָזע,

וואָס איז געווען כולו גרינבערג. אַזוי ווי אויף הראליס בילד האָב איך אים געזען זיצן ביי זיך אין דער היים, אויף אַ באַנק אין אַ זומער פאַרנאַכט ביים האָדסאָן און פאַר אַלעמען ביי זיך אין צימער אין דער רעדאַקציע פון „יידישער קעמפער".

ער איז געזעסן מיט ביידע אָרעמס אָנגעשפּאַרט אויף די פאַרענטשעס פונעם שטול, אין מויל אַ ציגאַרעטל, וואָס שלענגלט מיט רויך און איבער דעם לעגגלעכן פּנים — צווייערליי שטימונגען, צווייערליי אַטמאָספערעס, וואָס איינע איז אין ווידערשפּרוך צו דער אַנדערער: די אַטמאָספער פון שטרענגער מאָראַלישער פייערלעכקייט און להיפוך צו איר אַ מילדע אַטמאָספער פון מעשה און הומאָר.

ביי סתם אַ שמועס האָט די פּריאָריטעט געהאַט די מעשה און דער אַנעקדאָט. חיים גרינבערג איז געווען אַ וווּנדערלעכער מעשה־דערציילער. ער האָט פאַרמאָגט דערצו אַלע טאַלאַנטן. ער האָט געהאַט אַן אָפּטישן זכרון. ער האָט פאַר זיך געזען בולטע געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין לעבן און זיי האָבן אים באַאיינדרוקט מיט עפּעס אַ וואָרט אָדער אַ זשעסט; ער האָט געהאַט די פאַנטאַזיע פון אַ בעלעטריסט און האָט אַרום די געשטאַלטן, וואָס זענען אין אים אַרויפגעשווומען דורך עפּעס אַ געדאַנקלעכער אַסאָציאַציע, געקענט שפּינען אַן אינטערעסאַנטן, אָפּט פאַרכאַפּנדיקן נאַראַטיוו; ער האָט געהאַט אַ לירישן געמיט און אַ נויגונג צו הומאָריסטיש־טעאַטראַלישע סצענעס און בילדער, וואָס ער האָט אַלע מאָל געהאַט צו דער האַנט ווי אַ הינטערגרונט פאַר זיינע געשטאַלטן און זייערע דיאַלאָגן, און ער איז געווען דער האַר איבער אַ טיפער, וואַרעמער באַריטאָן־שטימע, וואָס זי אַליין, אָן שום ווערטער, האָט שוין געשאַפן אַ לירישע שטימונג אַרום די צוהערער.

און מיר פאַרזענלעך האָט נאָך עפּעס געערגט און געררייצט ווען גרינבערג האָט דערציילט. איך האָב געפילט, אַז מיט אַלץ וואָס ער דערציילט אַנטפּלעקט ער בלויז געשטאַלטן פון אַנדערע און געשעענישן מיט אַנדערע, אָבער כמעט גאָרנישט וועגן זיך אַליין. ער איז ביי דעם אַלץ וואָס ער האָט דערציילט געווען בלויז אַן עדות און צומייסט אַפילו נישט קיין עדות אונטער אַ שבועה.

איך האָב גרינבערגן ביי זיין עבודה פון מעשה־דערציילן געזען ווי אַ שטיק נאַטור וואָס שפּילט מיט די מענטשן און מינעט צו זיי מיט אַלע אָפּנקייטן, אָבער בלייבט פאַרשלאָסן אויף אַלע זיבן שלעסער און אַנטפּלעקט פאַר זיי נישט קיין שום סוד פון אירע טיפערע סודות.

גרינבערג האָט דערציילט, האָט באַשריבן געשעענישן און געשילדערט מענטשן, אָבער ער אַליין איז דערביי געבליבן אַ פאַרהוילענער. זיינע מעשות האָבן קוים וואָס אָנגעווונקען וועגן אים אַליין, וועגן גרינבערגן.

און אָט־די פאַרהוילנקייט פון זיין אייגענער געשטאַלט ביים דערציילן האָט אויך געערגט און געררייצט דעם צוהערער. דער צוהערער האָט געוואַרט אויף

אומגעריכטע אַנטפּלעקונגען, וואָס וועלן פּלוצים אַפּירקומען פון אונטער גרינבערגס סיפּור המעשה מיט די מענטשן, געשעענישן און סצענעס און מען וועט קאָנען זען אים אַליין, גרינבערגן.

ווען מען איז געוואָרן נענטער מיט גרינבערגן האָט מען אַנטדעקט, אַזוי דאַכט מיר, אַז ער האָט טאַקע ליב געהאַט די קונסט, אָבער ער האָט פאַר איר אויך מורא געהאַט. די קונסט איז פאַר אים געווען אַ געליבטע וואָס מען לעבט מיט איר, אָבער מען פאַרטרויט איר נישט צו פיל סודות.

דאָס שעפעריש־סאַמע אינטימסטע אין גרינבערגן איז געווען די רעליגיעזע פראַגע, איז געווען, ווי ער אַליין האָט עס דעפינירט אין זיין עסיי „אַ הסכמה אויף דער וועלט" — „די פראַגע פון ווערט, נישט פון ווערט, נאָר פון ווערט, פונעם איין און איינציקן, צענטראַלן, וויכטיקסטן און אַלץ־אַרומנעמענדיקן ווערט, וואָס אויב ער איז פאַראַן, זענען פאַראַן אויך אַנדערע לעבנס־ווערטן, האָבן זיי אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן און פון וואַנען צו שעפּן יניקה".

דער וואָס נעמט זיך די מי טיפער אַריינצוגיין אין גרינבערגס שריפטן און זיי צו לייענען מיט קאָפּ און מיט האַרץ וועט, גלויב איך, נישט האָבן קיין צו פיל שוועריקייטן אויסצוגעפינען, אַז דער וויכטיקסטער פון די דריי בענד, כ'מיין, דער באַנד וואָס אין אים שפּיגלט זיך אָפּ מער ווי אין די צוויי אַנדערע דעם מחברס פּערזענלעכקייט און דער עיקר פון זיינע טראַכטענישן, איז דער באַנד „מענטשן און ווערטן". דאָס וואָס גרינבערג האָט געהאַט צו זאָגן אין דעם בוך איז דער „אבות" פון זיין מחשבה און פון זיין איבערלעבעניש. אַלץ איבעריקע אין „תולדות".

חיים גרינבערג האָט ביי זיין לעבן צונויפגעקליבן די ערשטע צוויי בענד „ייד און וועלט" און „מענטשן און ווערטן" (איינעם פון זיי, איך געדענק נישט וועלכן, האָט ער באַוויזן צו זען אָפּגעדרוקט און איינגעבונדן). די עסייען פון דעם דריטן בוך „בלעטלעך פון אַ טאָגבוך" האָט אויפגעזאַמלט מרדכי שטריגלער און צונויפגעשטעלט אין הסכם מיט ה. לייוויקן און דעם שרייבער פון די שורות.

גרינבערג איז שוין געווען טויטלעך קראַנק, הגם נאָך נישט צוגעבונדן צום בעט, ווען ער האָט מיר אין איינעם אַ טאָג טעלעפאָנירט און זיך מיט מיר שואל עצה געווען וועגן דעם נאָמען פון דעם באַנד „ייד און וועלט". וועגן „מענטשן און ווערטן" — האָט ער מיר געזאָגט — האָב איך קיין ספק נישט. דאָס איז אַזוי צו זאָגן אַן אָרגאַנישער נאָמען, אָבער „ייד און וועלט" איז, דאַכט זיך, אַ ביסל אַן אָפּגעריבענע מטבע און דער נאָמען איז, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, פאַראַן ביי זשיטלאָווסקין. נאָר וואָדען? איך ווייס נישט צי איז דאָס טאַקע זשיטלאָווסקיס אָריגינעלער נאָמען פון זיינס אַ בוך, אָדער דאָס איז בלויז דער שם הכולל פון אַ באַנד געזאַמלטע עסייען, וואָס שטאַמט פונעם צונויפשטעלער פון זשיטלאָווסקיס שריפטן נאָכן מחברס טויט.

גרינבערג איז פאַרבליבן ביי „ייד און וועלט", ווייל נאָך אַלע שקלא וטריהס און ספקות, האָט זיך די באַצייכענונג אַרויסגעוויזן פאַר דער פּאַסיקסטער, וואָרעם זי דעקט צום בעסטן דעם גרונט־געדאַנק פון די עסייען אין דעם בוך.

אָבער וואָס איך וויל דאָ אונטערשטרייכן איז, אַז גרינבערגן אַליין זענען די עסייען אונטער דעם נאָמען „מענטשן און ווערטן" און טאָקע דער נאָמען אַליין געווען צום נאָענטסטן, צום אינטימסטן. עס קאָן זיין, אַז טאָקע ד׳ערפאַר האָט ער דעם באַנד געווידמעט דעם נאָענטסטן מענטש, זיין פרוי לאה.

חיים גרינבערג איז געווען אַ פּראָמינענטער שרייבער און אַ גרויסער רעדנער, אָבער איבער דעם אַריבער און פאַר אַלעמען איז ער געווען אַ מאַן מיט דראַמאַטישע איבערלעבענישן פון מאָראַלישע פּראָבלעמען. ער האָט נישט געהיט קיין מצוות מעשיות על פּי ר׳ יוסף קאַראָס „שולחן ערוך", אָבער זיינע „מענטשן און ווערטן" זענען אין תוך די בלאָ־שריפט צו אַן אייגענעם שולחן ערוך פון מאָראַלישע געבאָטן, וואָס זאָלן אין יעדער שעה און אין יעדער רגע פון לעבן רעגולירן די באַציִונג צו גאָט, דעם „צענטראַלן און אַרומנעמענדיקסטן ווערט", און צו מענטשן, די ווערטן, וואָס מוזן זיך אָנשפּאַרן און שעפּן יניקה פון אים.

אין דעם פּרט איז חיים גרינבערג געווען נישט קיין וועלטלעכער שרייבער, נאָר אַ פרומער יידישער למדן, וואָס זיין לומדות איז קיין מאָל נישט אויסער־מאָראַליש און איר באַרעכטיקונג איז בלויז צו זיין אַזוי צו זאָגן די אגדה צו דער הלכה פון דער מאָראַלישער שעה־איין און שעה־אויס התנהגות.

ווי ביי אַ פרומען ייד, האָט ביי חיים גרינבערגן דער מאָראַלישער קאָדעקס פון „מענטשן און ווערטן" באַלויכטן יעדע קלענסטע טוּונג און יעדן מינדסטן שעסט.

אויך די רעדאַקציאָנעלע פּרינציפּן זענען, ווי איך האָב געזען, ביי אים נישט געווען דער אויסדרוק פון אַזאַ אָדער אַנדערער שטימונג און אַפילו נישט דער רעזולטאַט פון אַ ספּעציעלער טעאָריע, אַז אַזוי און נישט אַזוי דאַרף מען צונויפ־שטעלן דעם „יידישער קעמפער".

אויך גרינבערג, דער רעדאַקטאָר, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער מאַן פון „מענטשן און ווערטן" און אין יעדער מינדסטער רעדאַקציאָנעלער אַנטשיידונג האָט זיך געשפּירט דער פּאַרסאַפּעטער אָטעם פון „ווייס פאַר וועמען דו שטייסט". דער „וועמען" איז אי גאָט און אי זיין דעריוואַטיווער ווערט, דער מענטש.

דער „קעמפער", וואָס גרינבערג איז געווען זיין רעדאַקטאָר, האָט נישט געקענט זיין, נישט נאַציאָנאַליסטיש און אוודאי נישט פּאַרטייִש, דער „יידישער קעמפער" האָט לכל הפּחות געמוזט געהערן צום גאַנצן פאָלק. גרינבערג האָט זייער דרך־ארץ געהאַט פאַר דער אַרבעט פון די פּאַרטיי־האָרעפּאַשניקעס, אָבער

ער האָט זיך אויסגעהיט צו דרוקן יובל־אַרטיקלען און להבדיל נעקראָלאָגן וועגן זיי, וואָרעם ער האָט געפילט, אַז דעמאָלט ווערט פאַרשמעלערט דער אַלגעמיין־פּאָלקישער האָריזאָנט פון דער וואָכנשריפט.

און נאָך מער האָט ער שטרענג געהיט, אַז אין דער צייטונג זאָל חלילה נישט דערמאָנט ווערן זיין אייגענער נאָמען. עס האָט אים געשראָקן דער חשש פון רעדאַקטאָרישער תקיפות. און עס האָט אים נישט אַזוי געאַרט וואָס אַנדערע וועלן דאָס חושד זיין (דאָס אויך, וואָרעם עס איז וויכטיק וואָס אַנדערע טראַכטן), נאָר קודם־כל האָט ער מורא געהאַט אַז ער אַליין זאָל נישט נכשל ווערן. פון דעם, אַז אין „קעמפער" זאָל געדרוקט ווערן אַ לויבוואָרט פאַר אים, איז אָפּגערעדט, אָבער ער האָט אויך נישט דערלאָזן עס זאָל דערמאָנט ווערן בכלל זיין נאָמען, וואָרעם פון דעם אַליין קען מען דרינגען די כוונה פון אַ שבח.

איך געדענק אַן אינצידענט אַרום אַן אַרטיקל נאָכן טויט פון יוחנן לעווין, וואָס איז געווען באַליבט ביי אַ סך חברים און זיין פריצייטיקער טויט, אין עלטער פון זיבן און פערציק יאָר, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן, אַן אויפטרייסלענדיקן רושם. יוחנן לעווין איז געווען אַ הייסער פאַרערער פון גרינבערגן און האָט ממש געלעבט מיט גרינבערגס אַרטיקלען און אויך מיט זיין חברשאַפט. עמעץ (איך גלויב, אַז דאָס איז געווען ראובן פינק ע"ה) האָט אָנגעשריבן אַ מאמר וועגן יוחנן לעווין און האָט דאָרט אַרויסגעבראַכט לעווינס פאַרערונג און ליבשאַפט צו גרינבערגן. די רעדאַקציע האָט דאָס אַרטיקל נישט אָנגענומען. דעם מחבר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז עס זאָל געדרוקט ווערן און ער האָט אַרויסגענומען אַלץ וואָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ שבח פאַר גרינבערגן. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל אויך אַרויסנעמען גרינבערגס נאָמען. גראָדזענסקי האָט זיך אַריינגעלייגט אין שלום און גרינבערגס נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אין אַרטיקל בלויז מיט די ראשי־תיבות ח. ג.

אויף דער ליניע פון זיין פּרינציפּ, אַז דער „קעמפער" איז נישט קיין פּאַרטיי־בלאַט און אַפילו נישט קיין ציוניסטישע צייטונג, אויב עס גייט וועגן „מענטשן און ווערטן", האָט חיים גרינבערג נישט געדולדעט קיין שום משוא פנים פאַר עמעצן, ווייל דער עמעצער האָט פאַרדינסטן פאַר פּאַרטיי, פאַר ציוניזם אָדער אַפילו פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל. אויב זיין געוויסן האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עבירה קעגן דער מאָראַל פון גאָט און מענטש, האָט די דאָזיקע עבירה געמוזט אויפגעדעקט און געטאַדלט ווערן.

את חטאי אני מזכיר. אין די לעצטע חדשים פאַר זיין פּטירה איז חיים גרינבערג געווען פאַרוויקלט אין אַ פּאָלעמיק מיט שמואל דיין פון נהלל וועגן נישט צולאָזן אַראַבישע אַרבעט אין אַ טייל פון די מושבים אין גליל. אויף דיינס לעצטן אַרטיקל איז גרינבערגן שוין געווען שווער צו ענטפערן. ער האָט זיך געפילט שוואַך, וואָרעם די ביטערע מחלה האָט גענומען שפּאַנען מיט געאיילטע שריט

צו איר נצחון. איז ער צו מיר צוגעטראָטן, אַז איך זאָל ענטפערן אָנשטאָט אים. איך האָב דורכגעלייענט דעם מאַטעריאַל און האָב אויסגעפונען, אַז שמואל דיין איז טאַקע אומגערעכט, אָבער איך האָב געפילט, אַז איך פון ניו־יאָרק בין עפעס נישט מאָראַליש באַרעכטיקט צו ענטפערן אים, דיינען, אין נהלל. פאַר מיר איז די פּראָבלעם — האָב איך געזאָגט גרינבערגן — אַ מאָראַליש־טעאָרעטישע און פאַר דיינען אַ פּראָבלעם פון היים־ און פאָלק־בויונג.

גרינבערג האָט דאָס באַין אופן נישט אָנערקענט. נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר דיינס עבירה און איך, און אַזאַ מענטש ווי איר, דאַרפן ענטפערן. גרינבערג האָט זיך ערנסט געברוגזט אויף מיר. ער האָט מיר דעם ענין ביז אין ד׳ סאַמע לעצטע טעלעכע וואָכן פאַרגעהאַלטן.

און היינט, ווען איך טראַכט וועגן דעם, פיל איך ווי שטאַרק גרינבערג איז געווען גערעכט און ווי גרויס עס איז געווען מיין מאָראַלישע עבירה, און דאָס דאָזיקע געפיל באַוואָרנט מיך קעגן איבערחזרן אַזאַ זינד, און עס פאַרשטאַרקט מיין ליבשאַפט צום אָנדענק פון חיים גרינבערג.

זשיטלאָווסקי אויף העברעיש

א

דער אָפּגעקליבענער באַנד שריפטן, וואָס איז אַרויס אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג אין תל־אביבער פאַרלאַג „ספרית פועלים" צו חיים זשיטלאָווסקיס צוואַנציקסטן יאָרצייט, איז נישט בלויז אַ געראָטענער, נאָר טאַקע זייער אַ געראָטענער.

דער אָפּקלייב פון די עסייען איז בדרך כלל אַ געלונגענער; דער ביאָגראַפיש־קריטישער אַריינפיר פון פּראָפעסאָר רפאל מאַהלער איז געשריבן גרינטלעך און קלאָר, קריטיש און מיט פאַרערונג. און וואָס שייך דעם איבערזעצער יעקב ראַבי, וואָס איז היינט־צו־טאָג איינער פון די סאַמע באַגאַבסטע העברעיִשע צייטונגס־לייט פון דער יינגערער פּלעיאַדע אין ישראל, האָט וועגן זיין תרגום זשיטלאָווסקי שוין געפסקנט אַ זשורי. די ליטעראַרישע בוררים־קאָלעגיע פון דריי שרייבער (ברוך קרוא, שלמה גראָדזענסקי און שלמה שנהוד) האָט יעקב ראַבין צוגעטיילט די בערגמאַן־פּרעמיע פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס. ווען די ריכטער זאָלן מיך געווען צונעמען פאַר אַ פערטן וואָלט איך נישט בלויז מסכים געווען צו זייער פסק, נאָר איך וואָלט צו זייער קורצער באַ־

גרינדונג מוסיף געווען נאָך איין שבח און דהיינו, אַז זעלטן איז אַן איבערזעצער געלונגען איבערצוגעבן אַזוי די אַטמאָספער פונעם איבערגעזעצטן טעקסט ווי יעקב ראַבין ביים תרגום זשיטלאָווסקי.

זשיטלאָווסקי דערציילט ערגעץ, אַז ווען ער האָט זיך יינגלווייז באַקענט און באַפריינדט מיט ש. אַנסקין, אוןביידע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שרייבטיש איז ער, זשיטלאָווסקי, געווען דער בעלעטריסט און אַנסקי דער אידעישער וואָרטזאָגער. שפּעטער האָט זיך דאָס איבערגעקערט: דער שרייבער פון שיינער ליטעראַטור איז געוואָרן ש. אַנסקי, און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם, אויב און וויפל אַנסקי האָט אויף דעם געביט דערגרייכט. די ראָל פונעם טעאָרעטיקער האָט איבערגענומען דער יינגערער פון די צוויי פריינד: חיים זשיטלאָווסקי, און ער איז געוואָרן איינער פון די סאַמע השפּעהדיקסטע אידעישע וואָרטזאָגער פון אונדזער דור.

לכאורה, קאָן זיך דאַכטן, אַז חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעריסן פון בעלעטריסטיק, אַז אַפילו ווען ער האָט געשריבן זיינע זכרונות איז דאָס געווען בלויז די געשיכטע פון אידעען און נישט פון אַ קאָנקרעטן מענטש און פון אַ קאָנקרעטער סביבה. ווען מען לייענט זשיטלאָווסקיס זכרונות, קומט אויס, גלייך ער וואָלט זיך אַליין געזען אי בבחינת פון אַן אידעען־פאַבריק און אי בבחינת פון אַ פאַבריק־פאַרוואַלטער, וואָס קלערט אויף פאַר אַן עולם צוהערער דעם אופן ווי אַזוי דער רוישטאָף ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַבריק־פּראָדוקט און ווי אַזוי עס זעט אויס דער פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז זשיטלאָווסקיס זכרונות זענען אין תוך בלויז אידעאָגראַפיע.

אָבער ווי אַבסטראַקט עס זאָלן נישט זיין ד״ר זשיטלאָווסקיס מעמואַרן, האָט זיין סטיל פון דעסטוועגן דעם חן פון קערנדיקער בעלעטריסטיק. זשיטלאָווסקי האָט די אויסנעמלעכע סטיליסטישע באַגאַבונג צו רעדן בילדעריש און מיט היפּש דערציילערישער שפּאַנונג אויך וועגן אַזעלכע אַבסטראַקטע ענינים ווי די פלוגתא צווישן בית־שמאי און בית־הלל און וועגן „גלויבן אין משיח און די נאַטור־געזעצן“.

דאַרף מען לייענען די קאַפּיטלעך ביים אָנהייב פונעם באַנד אונטער דער כוללדיקער איבערשריפט „אור מפרקי עבר“, קאַפּיטלען, וואָס זענען אַרויסגענומען פון זשיטלאָווסקיס אידעאָגראַפישע זכרונות, כדי צו זען ווי אַזוי יעקב ראַבין איז געלונגען אין עברית אָנצוהאַלטן אי די שטרענגע אידעישקייט, אי די מחיהדיקע קלאָרקייט און דערצו דאָס בעלעטריסטישע געמיט פון זשיטלאָווסקיס סטיל.

אַחוץ אָט דער קונסט פון אַזוי איבערזעצן, אַז עס זאָל נישט פאַרלוירנגיין די אַטמאָספער פונעם אָריגינאַל, האָט יעקב ראַבי נאָך אַ באַזונדערע מעלה ווי אַ זשיטלאָווסקי־מתרגם. און די מעלה באַשטייט אין דעם, וואָס ער קען די

מקורים, דערעיקרשט די יידיש־לומדישע, פון זשיטלאָווסקיס עסייען און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט, און זיך גענומען די מי, נאָכצוקאָנטראָלירן די קוועלן און, לכבודו של זשיטלאָווסקי, ריכטיק צו שטעלן דאָ און דאָרט אַ טעות אָדער אַ פּליטת־הקולמוס, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אָריגינאַל.

צוויי פון צווישן אַנדערע ביישפּילן:

א) אין דער עסיי, וואָס גייט אונטערן נאָמען „די תלמודישע הלכה און יידן־רדיפות״ (ההלכה התלמודית ורדיפות היהודים), דערמאָנט זשיטלאָווסקי רש״ין, וואָס האָט געלעבט צווישן 1040 און 1105 אין צפון־פראַנקרייך, אין דער שטאָט טראָאַ אין דער שאַמפּאַן־געגנט, און זאָגט, אַז „אין רש״יס אויגן איז יעדע זילב אין דער משנה און אין דער גמרא געווען הייליק ווי תורת משה״.

ברענגט דערצו דער איבערזעצער אַ פוסנאָטע, ווו ער גיט איבער, אַז אין אָריגינאַל איז געשטאַנען, „דער רופא יצחקי״ האָט געלעבט אין דרום־פראַנקרייך, און ער האָט זיך דערלויבט דאָס ריכטיק צו שטעלן, ווייל רש״י איז קיין מאָל קיין דאָקטאָר נישט געווען און האָט, ווי שוין געזאָגט, געוווינט נישט אין דרום־, נאָר אין צפון־פראַנקרייך. און וואָס שייך רש״יס הייליק האַלטן יעדע זילב אין דער גמרא, באַמערקט יעקב ראַבי מיט רעכט, אַז אַזאַ צוגאַנג מצד זשיטלאָווסקין צו רש״יס אויסטייטש פון פאַרהוילענע שטעלן אין תלמוד, איז „אַ סימפּליסטישער און פאַלשער״ (גישה פשטנית, מוטעית).

ב) ווען זשיטלאָווסקי רעדט אין דער זעלבער עסיי וועגן דעם, פאַר וואָס די בעלי־אגדה האָבן מיט דער צייט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די בעלי־הלכה, פאַררופט ער זיך אויפן מדרש שיר־השירים רבה און ציטירט פון דאָרט על־פּי גרעץ, אַז „ווער ס׳איז עוסק אין תלמוד איז געגליכן צו אַ מענטש, וואָס האַלט אין זיין האַנט אַ שטאַבע גאָלד. עס טרעפט, אַז אַזאַ איינער הונגערט און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן, אָבער אַ בעל־אגדה איז געגליכן צו איינעם, וואָס האָט אין דער האַנט אַ סך קליינגעלט און קאָן זיך דערמיט קויפן שפּייז״. האָט זיך דער איבערזעצער יעקב ראַבי גענומען די מי, איז דורכגעגאַנגען דעם מדרש שיר־השירים רבה און האָט אַזאַ מעשה נישט געפונען. אַן ענלעכע מעשה געפינט זיך בלויז אין תלמוד ירושלמי, מסכתא הוריות. זעט מען דערפון, אַז צוויי גדולים זענען נכשל געוואָרן: היינריך גרעץ מיט אַ ציטאַט אָן אַ מקור און חיים זשיטלאָווסקי מיט אַ נישט דורכגעקאָנטראָלירטן ציטאַט פון צווייטער האַנט.

און דער אויספיר דערפון איז, אַז די אַלע, וואָס עוסקן זיך ביי אונדז מיט איבערדרוקן, אַרויסגעבן, צונויפשטעלן און אָפּקלייבן די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער, וואָלטן פון דעם יונגן זשיטלאָווסקי־איבערזעצער געמעגט לערנען אַחריות און גרינטלעכקייט ביים צוגאַנג צו אַזאַ אַרבעט.

ב

דער באַנד זשיטלאָווסקיס שריפטן אויף העברעיִש האָט דריי אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער גייען אַריין די שוין פריער דערמאָנטע מעמואַריסטישע עסיי וועגן „קלאַסן־קאַמף אין תלמוד", „די תלמודישע הלכה און יידן־רדיפות", און אויך די לענגערע עסיי וועגן „אָנהייב פון דער אַריסטאָטעלישער תקופה אין דער יידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע".

אין דער צווייטער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „פאָלק און וועלט" געפינען מיר די עסייען וועגן „סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם" און דערעיקרשט די עסיי „ייד און מענטש", וואָס איז פון שטאַנדפונקט פון אַרכיטעקטאָניק און פון געדאַנק־לעכער קלאָרקייט און איבערצייגונגס־קראַפט בלי־ספק איינע פון זשיטלאָווסקיס בעסטע אַרבעטן. דער ריטעם פון רעדן און פון שרייבן פאַרטראָגן זיך געוויינלעך נישט. אויב ס'איז צווישן די צוויי ריטמען פאַראַן אַמאָל אַ חברשאַפט, איז זי דאָ אין דער דאָזיקער זשיטלאָווסקישער עסיי „ייד און מענטש", וואָס באַשטייט פון צוויי לעקציעס און אין איר קומט צום אויסדרוק כמעט אין דער זעלבער מאָס זשיטלאָווסקי דער קינסטלער־רעדנער און קינסטלער־שרייבער.

די לעקציעס וועגן „ייד און מענטש" זענען, בלי ספק, געווען דער יסוד פון זשיטלאָווסקיס השפעה אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. דער געדאַנק, אַז סאָציאַליסטישער באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין זענען נישט קיין ווידערשפּרוך, נאָר פאַרקערט, אַז „וואָס מער מענטש אַלץ מער ייד, און וואָס מער ייד אַלץ מער מענטש", וואָס זשיטלאָווסקי האָט אים געקנעלט מיט די אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, האָט פאַקטיש גורם געווען אַן אידעיִשע איבער־קערעניש אין די מוחות פון טויזנטער און אָבערטויזנטער יידן אין אַמעריקע. יידן־סאָציאַליסטן, וואָס זענען אַריבערגעקומען פון דער אַלטער היים מיט דער דאָגמע, אַז סאָציאַליזם און פּראָגרעס זענען אידענטיש מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבן אונטערן רושם פון זשיטלאָווסקיס לעקציעס זיך אומגעקערט, לכל־הפּחות, געדאַנקלעך צו יידישקייט. און די דאָזיקע יידן — דערמאָנט מיט רעכט פּראָפ׳ מאַהלער אין זיין הקדמה — האָבן ביי זשיטלאָווסקין אויך געלערנט דעם אמת וועגן דער איינהייט און וועלט־פאָלקישקייט פונעם עם ישראל.

אין דער אָפּטיילונג פון „פאָלק און וועלט" וואָלט, ווי מיר דאַכט, אויך אַריינגעהערט זשיטלאָווסקיס באַרימטע עסיי „היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונ־גען", וואָס איז טראַכטעריש און שרייבעריש אפשר ד"ר זשיטלאָווסקיס בעסטע אַרבעט און מען קאָן זי דערפאַר נישט אויסלאָזן פון אַן אָפּקלייב פון זיינע שריפטן.

איך בין מיר משער, אַז די נאָר וואָס דערמאָנטע עסיי איז אַרויסגעפאַלן דערפאַר, וואָס זי איז, קען זיין, זשיטלאָווסקיס וויכטיקסטע אַנטי־מאַרקסיסטישע אַרבעט, און פּראָפעסאָר מאַהלער אין זיין אַריינפיר־וואָרט (ז. 28) באַטראַכט עס

פאַר איינעם פון די טראַגישע אַספּעקטן פון זשיטלאָווסקין, דעם דענקער, וואָס ער האָט „פון לכתחילה־אָן נעגירט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און האָט אויסגעמיטן דעם גרויסן כלל פון דער דאָזיקער שיטה, דעם כלל, וואָס זאָגט אָן, אַז „דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוווסטזיין", און נאָך קאָנקרעטער, אַז „עס איז נישט געוווּג, אַז דער ווילן זאָל זיך צונויפשטויסן מיט דער ווירקלעכקייט, נאָר עס איז נייטיק, אַז די ווירקלעכקייט זאָל זיך אויך צונויפשטויסן מיטן ווילן".

אויב דאָס איז געווען די סיבה פאַר נישט אַריינגעמען די „היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען" אין דעם אָפּקלייב איז דאָס, לפּי דעתי, אַ טאָפּלטער טעות מצד דעם אַנטאָלאָגיסט. ס'איז איין מאָל אַ טעות צוליב דער טראַכטערישער און סטיליסטישער קוואַליטעט פון דער עסיי און אַ צווייטער טעות דערפאַר, ווייל טראַגיש ווערט זשיטלאָווסקי, דער דענקער, נישט דעמאָלט ווען ער גייט אויף זיין אַלטן וועג פון אַנטי־מאַרקסיזם, נאָר ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך, אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן, גענומען טוליען אי להלכה און אי למעשה צום מאַרקסיזם אין זיין סאָוויעטיש־רוסישער פאָרעם. ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט, בעת די מאָסקווער פּראָצעסן, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און געהאַט אַ באַזונדערן ווילן צו פאַרשטיין, אַז „פאַר מיר איז דער טעראָר מיט די פּראָצעסן דער אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז איר לשון", און דעמאָלט, ווען דער, וואָס האָט צוריקגעפירט אַ דור מיט יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע צו יידיש־פאָלקישקייט, האָט זיך ליבערשט געוואָלט טועה זיין מיט די אַכזריותן פון דער רעוואָלוציע, איידער מיט די ליידן פון זיין אייגן יידיש פאָלק.

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז רפאל מאַהלער גייט אין זיין פיין־דורכגעטראַכטער הקדמה נישט פאַרביי אומקריטיש זשיטלאָווסקיס מוסר צום יידישן פאָלק, וואָס „האָט אין זיך געהאַט אַ ניצוץ פון ברענעריזם. אָבער ברענער (יוסף־חיים) האָט געוויזן דעם פאָלק דעם וועג פון מי, וואָס פירט צו באַנייוּנג און האָט דעם דאָזיקן וועג רעאַליזירט דורך זיין אייגן לעבן, דורך עליה קיין ארץ־ישראל און דורך איינוואָרצלונג אין דעם לאַנד דורך אַרבעט, בעת זשיטלאָווסקי האָט זיך באַגנוגנט מיט טייטלען אויף די דערהויבענע אידעאַלן פון אמת, גערעכטיקייט און שיינקייט, וואָס אויף זיי דאַרף דאָס פאָלק בויען זיין צוקונפט" (ז. 29).

פּראָפ. מאַהלער דערמאָנט אויך היפּש קריטיש זשיטלאָווסקיס גלויבן, אַז „די יידישע פּראָדוקטיוויזאַציע וועט פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַ טעריטאָריאַלן צענטער אין ביראָ־בידזשאַן און בכלל די סימפּאַטיע צום ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס מחמת איר האָט ער זיך דערנענטערט אין דער קולטור־אַרבעט צו די יידישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע". נאָר וואָדען? מאַהלער קאָן, ווייזט אויס, די דאָזיקע קריטיק נישט פאַרענדיקן אָן צינז־צאָלונג צו זיין אייגענעם לינקיזם. גיט ער דערפאַר אַ זאָג, אַז די דאָזיקע סימפּאַטיע צו סאָוויעט־רוסלאַנד „האָט אים (זשיטלאָווסקין) געמאַכט פאַר אַ „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ" (הבאישה את ריחו) אין

לאָגער פונעם אָפּאָרטוניזם און פון דער יידישער רעאַקציע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן". דער דאָזיקער סוף־פּסוק קלינגט אין מיינע אויערן ווי אַ מין סטערעאָ־טיפּער לינקער „ונאמר אמן", וואָס איז זיכער נישט פּאַסיק פּאַר אַ מענטש פון רפאל מאַהלערס אינטעלעקטועלער סטאַטור.

איבעריקנס, קומט באַלד נאָך דעם „ונאמר אָמן" אַ מין „עיקר שכחתי" מצד מאַהלערן. און אין דעם פּ. ס. איז פּראָפ. מאַהלער מודה, אַז לאָ די זשיטלאָווסקי „האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די ירידה־דערשיינונגען פון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פּאַרבאַנד, וואָס מען האָט שוין דעמאָלט געקענט זען קלאָר, האָט ער נאָך געהאַלטן פּאַר ריכטיק צו באַרעכטיקן אַלע נבלות פונעם סטאַליניזם, וואָס האָבן אויפגעברויזט דאָס געוויסן פון דער וועלט, ווי, למשל, די דערמאָרדונג פון די צוויי פירער פון „בונד", אַלטער און ערליך, וואָס דאָס האָט מיט רעכט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמע־ריקע".

איז, אויב פּראָפ. מאַהלער גיט צו, אַז זשיטלאָווסקי האָט באַרעכטיקט די סטאַליניסטישע נבלות און אַז דאָס האָט מיט רעכט גורם געווען גרויס פאַרבי־טערונג ביי די אַמעריקאַנער יידן — וואָס זשע טויג יענער „ונאמר אָמן" קעגן יידישן אָפּאָרטוניזם און קעגן דער יידישער רעאַקציע אין אַמעריקע? פּראָפ. מאַהלער האָט צו יענער צייט געוווינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און ווי עס ווייזט אויס פון זיינע נאָר וואָס ציטירטע רייד, איז זשיטלאָווסקי ביי אים אַליין נישט געווען ווייניקער „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ" ווי ביי די „אָפּאָרטוניסטן און ביי די רעאַקציאָנערן".

און וואָס שייך די רדיפות, וואָס די „רעאַקציאָנערן" האָבן כלומרשט גערודפט ד"ר זשיטלאָווסקין, איז די „הויפּט־רדיפה" באַשטאַנען דערין, וואָס זיינע תלמי־דים און פאַרערער האָבן זיך (די מייסטע האָבן דערביי איבערגעלעבט אַ סך צער) פון אים דערווייטערט. זשיטלאָווסקיס כבוד האָט, ווי ווייט איך ווייס, קיינער נישט אָנגערירט עפנטלעך, נישט בכתב און נישט בעל־פּה.

ג

אין דער דריטער און לעצטער אָפּטיילונג פון דעם אָפּקלייב, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די פּראָבלעם פון מענטש" (שאלות אדם) גייען אַריין די עסייען „איוב, אַ פּאָעמע פון מענטשלעכן פרייען גערדאַנק", „וועגן „אַנאַטעמאַ" פון לעאָניד אַנדרעיעוו" און „דער זין פון מענטשלעכן לעבן".

עס זענען דאָס אַרבעטן, ווי זשיטלאָווסקי איז דער וואָרער עסייִסט, כ'מיין, נישט בלויז אַ מאַן פון מחשבה, נאָר אַ שרייבער, וואָס זיין געדאַנק טראָגט דעם „כתונת פּסים" פון געמיט און פון לירישן אויסדרוק. דערביי ווייזט זשיטלאָווסקי אַרויס אַ היפּשן כוח פון ליטעראַטור־קריטישן אַנאַליז. און דער ליטעראַטור־

קריטישער אַנאַליז זיינער מיטן צוגאָב פון לירישער אַטמאָספער, מאַכן די עסייען אין מיינע אויגן פאַר מער אָריגינעלע אַרבעטן ווי זיינע אידעאָלאָגישע און צום טייל אויך זיינע סתם פילאָזאָפישע מאמרים.

סיי על־פּי תוכן און סיי על־פּי פאָרעם וואָלט אין דער דריטער אָפּטיילונג אויך אַריינגעהערט די עסיי „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע", וואָס איז געדרוקט אין דער צווייטער אָפּטיילונג „פּאָלק און וועלט".

איך שטעל מיר פאָר, אַז דער אָפּקלייבער האָט די דאָזיקע עסיי אַריינגענו־מען צווישן די אידעאָלאָגישע עסייען, ווייל די טעזע וועגן דער „נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע", האָט געהאַט געזעל־שאַפטלעכע השפּעות — אַ דערעיקרשטע און דירעקטע השפּעה אויף די יידיש־וועלטלעכע קרייזן אין אַמעריקע, וואָס זשיטלאָווסקיס עסיי האָט זיי געגעבן אַ היתר צו פּראַווען יידישע יום־טובים. אָבער אומדירעקט האָט זשיטלאָווסקיס נאָך אין 1911 געשריבענע אָפּהאַנדלונג מן הסתם געווירקט אויף די ראַדיקאַלע קיבוצים אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין מדינת ישראל, וואָס האָבן זיך אונטערן רושם פון די געשעענישן אין אייראָפּע, און אפשר אויך מחמת גלוסט צו נאַציאָנאַלן צערעמאָניאַל פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער, אומגעקערט האַלבוועגס צו די יידישע יום־טובים. פאַר די דאָזיקע ראַדיקאַלן אין די קיבוצים איז זשיטלאָווסקיס עסיי ממש אַן אידעאָלאָגישער יסוד פאַר זייער צוריקגאַנג צו די יידישע יום־טובים און פאַר זייער שווערער רעפאָרם־האַרעוואַניע אַרום זיי.

און דאָס האָט פאַרן צונויפשטעלער פון דעם העברעיִשן זשיטלאָווסקי־אָפּ־קלייב באַרעכטיקט די אידעאָלאָגישע פּאָזיציע פון דער עסיי „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע".

דערציילער

אין צייכן פון פּרץ

(שטריכן צו דער יידיש־פּוילישקייט אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור)

אין ערגעץ אין דער יידיש־וועלט איז דאָס שעפערישע וואָרט נישט געווען אַזוי געדיכט און טיף פאַרוואַקסן מיט די דערגרייכונגען אויף די געביטן פון אָביעקטיווער קולטור ווי אין פּוילן. באַנאַנד מיטן יידיש־שעפערישן וואָרט האָבן דאָרטן געקלעטערט אין באַרג אַרייַן פון אייביקע פאָלקס־ווערטן אויך דאָס אויפקלערעריש־קעמפערישע וואָרט פון דער יידישער פּרעסע און דאָס זיס־דידאַקטישע וואָרט פון דער יידישער שול.

דער אידעאַליזם און די מסירות־נפש פון דעם יידישן לערער, דער פלייס און דער קוראַזש פונעם יידישן זשורנאַליסט, די קינסטלערישע ליידנשאַפט פונעם יידישן שוישפּילער און דער טאַלאַנט און די באַוווסטזיניקייט פונעם יידישן ליטעראַט, האָבן געשפּונען דאָס גרויסע קולטור־ווערק אין פּוילן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט אין גאָר דער יידיש־וועלט. אין ערגעץ האָבן זיך נישט געדרוקט אַזוי פיל ביכער דורכן יאָר, אין ערגעץ האָט די יידישע פּרעסע נישט געהאַט אַזאַ אויסשפּרייט און אין ערגעץ איז די יידישע שול נישט געווען אַזוי אויטענטיש און נשמהדיק ווי אין פּוילן. אָבער הונדערטער ביכער וואָלטן זיך נישט געקאָנט דרוקן, הונדערטער זשורנאַלן און צייטונגען וואָלטן נישט געקאָנט אויפשפּראָצן אין די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך און הונדערטער יידישע שולן וואָלטן זיך נישט געקאָנט איינבייסן מיט אַזאַ הייליקן כוח אין יידישן לעבן, ווען דער פריער־דערמאָנטער פאָדעם „אין פירן" פון יידישע קולטור־שעפערס זאָל זיך נישט געווען באַהעפטן מיט אַ פינפטן פאָדעם, וואָס איז אין שאַפונגס־פּראָצעס נישט ווייניקער וויכטיק פון זיי: איך מיין דעם אומבאַקאַנטן זעלנער פון יידישער קולטור־האָרעוואַניע. ער, דער יידישע פאָלקסמענטש, האָט דאָס צוגעשטעלט דעם טויזנט־פאַכיקן קורא ותיק פאַר ליטעראַטור, ער איז געווען דער געטרייער קולטור־טוער, דער איבערגעגעבענער ביבליאָטעקאַר, דער קויפער און פאַרשפּרייטער פון דער יידישער צייטונג.

ווי אין אַ בינשטאָק האָט עס געראָיעט און געזשומעט אין דעם יידיש־גייסטיקן פּוילן. עס האָבן געברויזט אידעיִשע מחלוקתן און דינאַמיזירט דעם געזעלשאַפטלעכן צוקונפט־חלום. עס האָבן זיך צונויפגעשטויסן ליטעראַרישע שולן און באַרייכערט, פאַרביקער געמאַכט דאָס יידישע וואָרט. עס האָבן געקריגט מיטאַנאַנד פּעדאַגאָגישע סיסטעמען און אינדיווידואַליזירט, פאַרטיפט די יידישע דערציִונג.

אַלץ אין איינעם: דאָס טראַדיציאָנעלע חדר און די ראַדיקאַלע ציש״אָ־שולע, יונג־ווילנע, יונג־לאָדזש, יונג־אָרטאָדאָקסיע און יינג־יידיש, חלוציות, בונד און ציו־

ניזם — אַלץ אין איינעם האָט געדינט דעם קיום פונעם פאָלק, דעם קיום פון זיינע גייסטיקע ווערטן. פון יידיש־פוילישן חשבון ווילן מיר אויסלאָזן דעם ווילנער קאַנט, וואָס האָט אין משך פון די צוואַנציק יאָר צווישןביידע וועלט־מלחמות באַלאַנגט צו דער פוילישער מלוכה. ווילנע האָט זיך קיין מאָל נישט אָנגעקערט מיט דער יידיש־פוילישער פסיכישער און קולטורעלער פּראָווינץ. ווילנע האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין נטיה צו יידיש־פּוילישן רעגיאָנאַליזם. זי איז אַלע מאָל געווען און געבליבן אַ טייל פון דעם אַלייִדיש־לאַנד. ווילנע אַסאָציאירט זיך ביי מיר אין מוח צו דער שטאָט באַזעל אין די ערשטע דריי יאָרצענדליקער פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען ס׳האָט דאָרט געוווינט און געשאַפן דער הומאַ־ניסט עראַזמוס פון ראָטערדאַם. די אַלהומאַניסטישע פיגור פון עראַזמוס האָט דערהויבן דאָס דעמאָלטיקע באַזעל צו אַ צענטראַלן געאָגראַפישן פונקט פון אייראָפּע, צו דער הויפּטשטאָט פון הומאַניסטישן פאָטערלאַנד. די גייסטיקע און מאָראַלישע איבערדימענסיאָנעלע געשטאַלט פונעם ווילנער גאון האָט אַוועקגע־שטעלט דאָס ווילנע פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פונעם אַכצנטן יאָר־הונדערט אין יידישן געמיט ווי אַ שטענדיקע איבערטעריטאָריעלע דעקאָראַציע פאַר דעם ספּעקטאַקל פון תורה־אַמביציעס אין אַלע יידישע ישובים.

נישט אַרויסלאָזן פון די גרענעצן פון יידיש־פוילישקייט ווילן מיר מזרח־גאַליציע. יידישע אינטעליגענץ האָט, אמת, דאָ נישט געלעבט אין אַ פּויליש לאַנד, האָט דאָ נישט מיטגעברענט אין די פלאַמען פון דער פוילישער אויפלעב־ראָמאַנטיק. זי איז אָבער אַריינגעשטויסן געוואָרן, צום גרויסן טייל, אין דער פסיכישער פוילישער לאַנדשאַפט, צוליב פּראָזאַישע מאָטיוון פון קאַריעריזם, וואָס האָט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פון עסטרייכיש־פוילישער הערשאַפט אין גאַליציע טיף צעפרעסן די דאָרטיק יידישע אינטעליגענץ. די שטענדיקע אָנגע־סטראָיעטקייט אויף תיכפדיקע דערגרייכונגען האָט געשאַרפט דעם אינטעלעקט און געבראָכן די שפּיציקייט פון מאָראַל, האָט געדושעט דעם פּאַטאָס און געלאָזט ריזלען די איראָניע, האָט מאַסקירט די טראַגיק און געשטשירעט מיט גראָטעסק. אפשר איז אָט דאָ אין דעם קאָנפליקט צווישן געזונטער פּראַקטישקייט פון שכל, וואָס דערלויבט יעדן אָפּאָרטוניזם, און דער מאָראַלישער וויכהאַרציקייט, וואָס ווערט פאַרצערט אין פייער פון אייביקייטס־בענקשאַפט, אפשר איז אין אָט דעם געראַנגל מיט דעם וואָלף אין זיך און אין אָט דעם חוזק פאַרן שעפּעלע אין זיך, צו זוכן דאָס היינישע פון דער יידיש־גאַליצישער ליטעראַטור פון שמואל יעקב אימבערס פּיאָנערישע יידיש־לידער ביז צו די העכסטע פונקטן פון דער גאַלי־צישקייט אין אונדזער ליטעראַטור, איך מיין, ביז צו דער לירישער גבורה און דעם אויפטרייסלענדיקן גראָטעסק פון משה לייב האַלפּערן און דער פאַרשווענ־דערישער זעלבסט־איראָניע און סקעפּטישקייט פון משה נאַדיר.

און איצט צום תוך. וואָס מיינט דער צושטייער פון דער יידישער ליטעראַטור

אין פוילן צו אונדזער אַל־יידיש שאַפונג? מיר וועלן אָנווייזן אויף דריי כאַראַקטע־ריסטישע שטריכן פונעם פוילישן רעגיאָנאַליזם, שטריכן, וואָס באַדייטן נישט נאָר צושטייער פון אַ טייל, נייערט דירעקטיוו פאַר אַ גאַנצקייט.

1

ש. ל. ציטראָן גיט איבער אין זיינע אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע זכרונות וועגן אַ באַגעגעניש מיטן אַלטן אייזיק מאיר דיק. ער טרעפט דעם גרייז־גראָען השכלה־שרייבער אין אַ פאַרכמאַרעטן טאָג אויף די ווילנער גאַסן און פרעגט אים:

— פון וואַנען קומט איר, ר׳ אייזיק מאיר?

— איך קום פון וואַנען איך קום, — ענטפערט דער אַלטער אַ צעטומלטער.

— וווהין גייט איר, ר׳ אייזיק מאיר?

— איך גיי וווהין איך גיי, — ענטפערט דער זקן און זיין צעטומלונג גייט איבער אין אָפּהענטיקייט און גלייכגילט.

דער דאָזיקער דיאַלאָג סימבאָליזירט, דאַכט מיר, די נישט־אָריענטירטקייט פון דער פאַר־פּרצישער ליטעראַטור. עס איז אויך פאַר פּרצן געווען יידישע שאַפונג, אָבער ערשט מיט פּרצן נעמט אויפגיין די באַוווּסטזיניקייט פון דער דאָזיקער שאַפונג, דער פון וואַנען און וווהין פון דער יידיש־ליטעראַטור. אויך די משכּילים פאַר פּרצן און אויך פּרץ אַליין אין זיין אייגענער משכּילישער פּרע־היסטאָריע, האָבן געפרעגט די פראַגע וווהין, אָבער יענער פרעג און יענער ענטפער איז פון לכתחילה נישט אַריבער די ראַמען פון אידעאישער טענדענץ. פּרצעס פראַגע „וווהין״, אָבער, האָט זיך פאַרמאָסטן און דערשלאָגן צו דער העכערער לעבנס־און גייסט־ריכטונג.

נישט נאָר צוליב וואָס שרייב איך, נאָר ווי אַזוי דאַרף איך שרייבן, כּדי מיין וואָרט זאָל זיין גורלדיק באַרעכטיקט — דאָס איז געווען די פּרצישע פּראָבלעם. דאָס נישט־גורלדיק באַרעכטיקטע וואָרט קאָן בליצן מיט אַלע צופעליקייטן, אָבער זיין סוף איז — דער מיסטקאַסטן פון דער וועלטס צונויפגעוואָרפענע גייסטרייכ־קייטן. דאָס וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך די טיפע נויטווענדיקייטן פון יחידיש־נאַציאָנאַלן און קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלן שיקזאַל, בלייבט ווינען אין דער אייביקייט פון פאָלקס־גייסט, וואָס איז אידענטיש מיט וועלט־גייסט.

אַזוי אַרום איז ביי פּרצן נישט געווען קיין פראַגע פון טענדענץ, נאָר פון שליחות. טאַלאַנט איז ביי פּרצן אַרויס פונעם גדר פון משכּילישער „כתבא רבה״ש־קייט און געוואָרן דאָס, וואָס עס האָט אַזוי וווּנדערבאַר פאָרמולירט טאָמאַס מאַן: טאַלאַנט, דאָס איז שיקזאַל־פעיִקייט, די פעיִקייט צו דערקענען און אָנצונעמען דעם גורל.

אָט די שיקזאַלהאַפטיקייט איז אין די יאָרן פון יידיש־פּוילישער ליטעראַטור, וואָס הייבט זיך אָן מיטן שפּיץ־באַרג פון פּרצס ליטעראַרישער גלאָריע ערב

דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון אייגענער גייס־טיקער ירושה פון וועלכער פרץ האָט אַרויסגעפירט זיין פאָרמולע:

„מיר טאָרן נישט קיין לצנות טרייבן... לאָמיר נביאים און פירער ווערן, נישט מאַרשעליקעס" (פון אַ בריוו צו יהואָשן פונעם יאָר 1907).

נאָר זי איז אויך אַרויסגעדרונגען פונעם צוזאַמענלעבן צווישן צוויי פעלקער אויף דעם זעלבן ערד־שטח אין משך פון הונדערטער יאָרן.

אין קיין איינעם פון די לענדער אין וועלכע יידן האָבן געוווינט אין משך פון זייער לאַנגער גלות־געשיכטע, אפשר אַחוץ שפּאַניע, איז נישט פאָרגעקומען אַזאַ ענגער זעלישער קאָנטאַקט מיט פאָלק, צווישן וועלכן מ'האָט געלעבט, ווי אין פוילן. די טיפע באַטייליקונג פון יידן אין פויליש־מלוכהשע לייד און פרייד אין משך פון יאָרהונדערטער האָט ערגעץ ווו געשאַפן אַן ענלעכקייט צווישן די פעלקער־גורלות און אַריינגעוועבט אין די הערצער פון פוילישע יחידי־סגולה דעם יידישן אויסלייז־ניגון.

אין אַ צייט פון פּאָליטישער נויט און פון גייסטיקן קלעם איז פאַרן גרויסן פוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש אויפגעגאַנגען די אויסלייז־זעונג פון זיין פאָלק און די זעונג איז ווי ביי יעדער גרויסקייט געווען אויפריכטיק. זי האָט גאָר נישט פאַרבאַהאַלטן און גאָר נישט געלייקנט, אויך נישט איר יידיש בלוט.

און „ישראלן, דעם עלטערן ברודער" האָט עס אַרויסגעטייטלט פון מיצקע־וויטשס „ביכער פונעם פויליש פילגערטום" — „כבוד און דרך־ארץ". און ווי ביי די אַמאָליקע נביאים פון ישראלן דעם עלטערן ברודער, האָט זיך צעפלאַ־קערט ביים גרויסן דור פון דער פוילישער דערלייזונגס־וויזיע אַ ברענענדיקע ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק, אַ ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק, וואָס איז ביי יידן פאָרמולירט געוואָרן אין דעם ליריש־עמאָציאָנירנדיקן וואָרט „אהבת ישראל". ליבשאַפט צו לאַנד, פּאַטריאָטיזם, פאַרגלייבטקייט אין מלוכה־גרענעצן האָבן פאַרמאָגט אַנדערע פעלקער. אהבת ישראל, די צעפלאַמטע ליבע צום אייגענעם פאָלק, ווייל צו אַן אייגן שליחות האָבן אַרויסגעבראַכט די יידן און זי איבערגעענטפערט צום צעפּאַסעוועטן פראַנקרייך פון דער גרויסער רעוואָלוציע און צום צעשונדענעם פוילן פון די נאַציאָנאַלע אויפשטאַנדן.

„איך הייס מיליאָן", ווייטיקט מיצקעוויטש אין דער גרויסער אימפּראָוויזאַציע פון זיין בוך „דזיאַדי" (געשפּענסטער) — „ווייל איך לייד פאַר מיליאָנען. איך וויל מיין פאָלק דערהייבן, איך וויל מיין פאָלק באַגליקן", און ער צייכנט אויף דער וואַנט פון דער תפיסה: Hic Mortuus est Gustavus (דאָ איז געשטאָרבן גוסטאַוו, דער סימבאָל פון פערזענלעכע, יחידישע יסורים) און Hic natus est Conradus (דאָ איז געבוירן געוואָרן קאָנראַד, דער סימבאָל פון כללישע ליידן). קאָנראַדוס־מיצקעוויטש, וואָס איז אויסגעפילט פון אהבת פוילן, ווי זיין עלטע־רער ברודער און מיטצייטלער לוי יצחק פון באַרדיטשעוו מיט אהבת ישראל.

אַט די אַטמאָספער פון ליבשאַפט צו אייגן פאָלק, אַט די ערד אויף וועלכער ס׳האָבן זיך אַזוי גוט אָנגענומען די יידיש־מיטללענדישע פלאַנצן פון משיחיזם, פון אויסלייז דורך יסורים, דורך מאָראַלישער דערהויבנקייט, האָט אויך אין דער יידיש־ליטעראַטור, ווי באַלד זי איז געקומען צו איר ערשטער באַוווסטזיניקייט, נישט געלאָזט בראַיען דעם גייסט פון קריטיק און סאַטירע.

דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין דער יידיש־פוילישער ליטעראַטור איז געוועזן דאָס גייסטיק־פּאַטעטישע און דאָס גייסטיק־העראָאישע — דאָס פּרצישע.

2

די העלדן פון שלום עליכם און מענדעלע האָבן זיך צו דער יידישער לייענער־עפנטלעכקייט נישט באַוויזן מיט זייערע אמתע נעמען. נישט נאָר די מחברים אַליין האָבן גענוצט פּסעוודאָנימען, נאָר אויך זייערע העלדן האָבן זיך, גלייך זיי זאָלן געוועזן האָבן צו טאָן מיטן גאָראָדאָוואָי און נישט מיט אחינו בני ישראל, פאַלש געמעלדעט. גלופּסק און קאַסרילעווקע און יעהופּעץ וועט איר אומזיסט זוכן אויף דער מאַפּע פון יידישן תחום המושב. מענדעלע דער פינקטלעכער, דער וואָס זיינע ווערק זענען פון לכתחילה שוין געווען נישט נאָר קונסט, נאָר אויך קולטור־געשיכטע, האָט, דאַכט זיך, איין זאַך פאַרגעסן אָנצוגעבן: דעם אַדרעס פון זיינע פאַרשוינען.

ערשט ביי פּרצן, דווקא דעם סימבאָליסט, דווקא דעם דערציילער פון טראַנס־צענדענטאַלע מעשים, געפינט איר צום ערשטן מאָל נעמען פון רעאַלע שטעט און ממשותדיקע אַדרעסן. דער אַדרעס פון „ביים גוסס צו קאָפּנס״ איז לייבל קאָנסקיוואָליער אין דער שטאָט קאָנסקע־וואָליע. די געשיכטע מיט די „זיבן גוטע יאָר״ איז זיך פאַרלאָפן אין שטעטל טורבין, און באַשע גיטל פון די „תאוה צו קליידער״ האָט געוווינט אין שטעטל שעברעשין הינטער זאַמאָשטש. פּרץ האָט געמאַכט די התחלה מיט דער געאָגראַפישער פאַרפיקסירונג פון דער „מעשה שהיה״ און מיט דעם אויף אַ מייל די ווייט פוילישן קאָליר פון זיין „חסידיש״. ביי אַשן און אָפּאַטאָשון און דערנאָך ביי זינגערן, זענען זייערע העלדן אַזוי פאַר־וואָרצלט אין ספּעציפישן פוילישן קולטור־פּייזאַזש, אַזוי אויסגעבאַדן אין די ריחות פון פוילישער ערד און אַזוי פּסיכיש פאַרפעדעמט אין דעם היסטאָרישן געוועב פון פויליש־יידישער באַנאַנדקייט, אַז קיין שום פאַלשמעלדונג מצד די אייגענע באַשעפער וואָלט שוין נישט געווען בכוח צו פאַרווישן ביי זיי די שפּורן פון זייער אייגנאַרטיקן פוילישן רעגיאָנאַליזם.

פון וואַנעט זשע נעמט זיך עס, וואָס גראָד די פויליש־יידישע שרייבערס זענען עס געווען די, וואָס האָבן אויסגעביטן די אַזוי צו זאָגן, באַגריפלעך־סימבאָלישע געאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף אַ קאָנקרעטער לאַנד־שאַפט מיט טייכן, שטעט און שטעטלעך, וואָס זייערע יידישע נעמען זענען נישט

מער ליטעראַריש צוגעטראַכטע, נייערט זיי שווימען אַרויס פון דעם יידישן שפּראַך־וואָקאַליזם אָדער גאָר פונעם געשיכטלעכן פלייץ פון יידישער פריידּ און לייד אַרום די דאָזיקע מקומות?

עס נעמט זיך, דאַכט מיר, פון דער באַזונדערער ישיבת־קבע פון פּוילישן יידנטום. אפשר נעמט זיך די איינגעוואָרצלטקייט דערפון, וואָס זינט דער שוועדישער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1655—1657 און ביז צו די גזירות ת״ש—תש״ה, האָט דאָס פּוילישע יידנטום נישט געהאַט צו פאַרצייכענען קיין ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן קאַטאַקליזם, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט דער קאַטאַסטראָפע, וואָס די אוקראַיינישע יידן האָבן איבערגעלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט בשעת דעם אויפשטאַנד פון כמעלניצקי אָדער מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער אונטער דער הערשאַפט פון פּעטליורע. וועגן די גזירות ת״ח אין אוקראַינע בימי כמעלניצקי, דערציילן אונדז די היסטאָריקער, אַז „אַלע שטעט אין אוקראַינע, וואָלין און פּאָדאָליע זענען, מער אָדער ווייניקער, פאַרניכטעט געוואָרן". דערנאָך איז פאַר די אוקראַיִנישע יידן, ווי געזאָגט, געקומען דער קאָזאַקן־אויפשטאַנד אין אַכצנטן יאָרהונדערט און די פּעטליורע־שחיטות. פּוילישע יידן זענען געבליבן אויף די ערטער. די מסורה פון דורות האָט דערפאַר דעם פּוילישן ייד געוויזן זיך אַליין נישט אין דער ראָל פון אַ שטענדיק־גרייטן־צו־לויפן פאַר רציחות פון פריצים, נייערט אין דער געשטאַלט פון אַן עקשנותדיקן קעמפער קעגן אומרעכט. די כלי־זיין פון קאַמף זענען געווען ווי אַ מאָל: ווערדיק און אומווערדיק. אומווערדיק ווען דער פּוילישער ייד האָט זיך אָפּגעבעטן ס׳לעבן מיט תחנונים און מה־יפית־געזאַנג; ווערדיק, ווען יידישע קהילות האָבן יאָרן לאַנג געריכטלעך געקעמפט קעגן גזירות און יחידישער און צומאָל אויך קאָלעקטיווער אויפברויז האָבן אויף אומרעכט געענטפערט מיט האַרטער פויסט. זאָל דאָ אין דעם פּרט דערמאָנט ווערן דער פאַל פון דעם פּוילישן ייד מיט דעם סימבאָלישן נאָמען פון פּנחס בן אלעזר, וואָס האָט, לויט ווי עס דערציילט אונדז דער היסטאָריקער מאיר באַלאַבאַן, אין די זיבעציקער יאָרן פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט רעבעלירט אין דער שפּיץ פון אַ מחנה יידן קעגן דער גרויזאַמקייט פון אַ פּוילישן שטייער־אויפמאָנער און דערפאַר באַצאָלט מיטן טויט אויף דער תליה.

וואָס עס זאָלן נישט זיין די היסטאָרישע סיבות, זיכער איז, אַז אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור שוועבט נישט דער ייד אין דער לופטן פון אומגליק צו אומגליק, נייערט ער איז אַ תושב אָן מחיצות צווישן זיך און דער פּוילישער געשיכטע, אָן מחיצות צווישן זיך און דער פּוילישער נאַטור.

כדי צו דערנענטערן די נאַטור צום תחום המושב, האָט מענדעלע אויף איר אַרויפגעוואָרפן רעקוויזיטן פון דער יידישער רעליגיע און זי געלאָזט פּראַווען יידיש־רעליגיעזן צערעמאָניאַל.

אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור, און רעפּרעזענטאַטיוו זענען אין דעם

פרט שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו און, אים צו לאַנגע יאָר, מענדל מאַן, האָט די נאַטור פון לכתחילה אָקצעפּטירט דעם פּרינציפּ פון מינאָריטעטן־שוץ און פון פרידלעכן באַנאַנד פון פעלקער. די ווייסל זי ברומט פון לכתחילה פונקט אַזוי יידיש ווי פויליש און די וואָלקנדלעך, די באַרימטע אַשישע וואָלקנדלעך, זיי שפּאַצירן איבער יידיש־גבירישע קליינשטעטלדיקע פּאַלאַצן נגידיש־חסידיש, פונקט ווי איבערן קראָקעווער וואַוועל ווער זיי נישט איינפאַלן זיך צו ציען אַנדערש ווי עפּיסקאָפּיש־פרום אָדער קעניגלעך־מאַיעסטעטיש.

בקיצור, אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור האָט מען נישט פאַריידישט פרעמדע לאַנדשאַפט, נאָר מ׳האָט זיך אָפּגענומען ס׳איינן שטיקל חלק אין אַלעמענס נאַטור. עס איז אין דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור געקומען צום אויסדרוק אַ פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אויף פּוילישער ערד. אויף וויפל די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג האָט אויסגעפּעלט אין לעבן, אויף אַזוי פיל איז זי, אַזוי־צו־זאָגן, פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער ליטעראַטור.

און איצט דער דריטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור.

3

דווקא פרץ און אַ גרויסער טייל פון זיינע יידיש־פּוילישע תלמידים, וואָס האָבן אונדזער ליטעראַטור געוויזן דעם קינסטלערישן און אידעיִשן וועג צו אַלט־יידישקייט, דווקא ער און די אַנדערע יידיש־פּוילישע שרייבער, וואָס האָבן זיך נישט סאַטיריש געשראָקן פאַרן געברויך פון רעליגיעזער יידישקייט ווי ליטעראַרישע טעמאַטיק, נייערט זיך דיכטעריש געפרייט מיט די קערנער פון אייבי־קער שיינקייט, וואָס זענען באַהאַלטן אין איר, זענען געווען די עקספּערימענטן־מאַכער בנוגע נייע קונסטפאָרמען און שפּראַך.

פרץ אַליין האָט זיך געחברט מיט אַלע אייראָפּעיִשע קונסטפאָרמען, נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום ליטעראַרישע השפעות און דרייסט זיך באַגעגנט מיט די פרעמדסטע פּאָעטישע שטימונגען פון דער קינסטלעריש־זאַטער מערב־אייראָפּע.

אפשר דערפאַר וואָס די פּוילישע יידן האָבן צום אונטערשייד פון די רוסישע אויך געמעגט וווינען און געוווינט אין גרויסע שטעט, אין שטעט פון אינדוסטריעלן אויפשטייג, וואַרשע און לאָדזש, אפשר איז אויך דערפאַר פון דאָרט, פּאַראַלעל מיטן געיעג נאָך נייע ווירטשאַפטלעך־טעכנישע דערגרייכונגען, געקומען דער פאַרלאַנג נאָך נייע קונסט־כלים פאַרן אַלטן יידישן ווין...

אָבער יידיש־פּוילישע שרייבער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט זייערע עקספּערימענטן בנוגע נייע קונסטפאָרמען, זיי האָבן עקספּערימענטירט אויפן געביט פון יידיש־שפּראַך און האָבן דאָ צו פאַרצייכענען גרויסע און וויכטיקע דערגרייכונגען אין פרט פון פעסטיקונג, אויסברייטערונג און אויסאיידעלונג

פונעם שפּראַך־אינסטרומענט. דער אויפטו אויפן געביט פון שפּראַך איז פון וויכטיקער נאַציאָנאַלער חשיבות, ווייל ער ווייטערט אויס דעם האָריזאָנט פון דער יידישער דיכטונג און דאַכטונג.

מענדעלע און שלום־עליכם זענען געווען גרויסע שפּראַך־קינסטלער. אין וואָס איז באַשטאַנען זייער שפּראַך־גאונות? עס איז באַשטאַנען אין אויפזוכן און אַריינברענגען דעם גאַנצן שפּראַך־מאַטעריאַל פון דורות רעדערס און שמועסערס. מענדעלע האָט מיט גרויס פלייס צונויפגעטראָגן אַלע ווערטער־פּערל און פאַרהאַלפן צום נצחון דעם אויטענטישן סינטאַקס פון פאָלקס־מויל איבער דער סטיל־אומבאַהאָלפנקייט פון דער פאַר־מענדעלע־ליטעראַרישקייט. שלום־עליכם האָט פאַר אונדז אויפגעוויקלט דעם גאַנצן שפּראַך־טעקסט אין עקסטענסאָ, אָן שום קיצורים. ער האָט דורכגעפירט די גענעראַל־מאָביליזאַציע נישט נאָר פון אַלע יידיש־ווערטער, נאָר אויך פון אַלע יידיש־ווערטלעך, פון אַלע אַנדנאָיקע פאָלקס־זאָגעכצער און פאָלקס־רעדעכצער.

אויף אָט דעם גרויסן אָנגעהויפטן שפּראַך־מאַטעריאַל האָט פּרץ דער ערשטער געגומען עקספּערימענטירן. קליינע מוסקל־אָפּעראַציעס אויפן פלייש פון ווערטער, סמיכותן און זאַצן, האָבן אַרויסגעבראַכט, אַרויסגעכישופט נייע אומ־געאַנטע ניואַנסן און געוויזן דעם וועג צו קינסטלערישער שפּראַך־אויסברייטערונג. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס יידישע וואָרט, ווען אָפּט אַפילו אומבאַהאָלפן, זיך געלאָזט איבערווינקען מיטן נעאָלאָגיזם. אמת איז, אַז אונדזער סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע האָט זיך נאָך פאַר דעם און גלייכצייטיק בפרהסיה געקושט מיט נעאָלאָגיזמען. נאַציאָן און רעוואָלוציאָן — דער אפּיקורסישער סמאָטשקע מיט די ליפּן האָט זיך געלאָזט הערן ביז אין סאַמע צניעותדיקסטן אָלקער פון דעם פרומען יידישן געסל אָבער דאָס איז דאָך געווען געוואָלטע צו־להכעיס־הפקרות, אָ מין אויפשטאַנד קעגן יידיש מיטן כוח פון באַוואָפנטע פרעמדע קולטור־אינטערווענציעס. דאָס חברן זיך מיטן נעאָלאָגיזם מצד פּרצן און די יידיש־פּוילישע פּרציסטן איז געווען לגמרי עפּעס אַנדערש. דאָס פרעמד־וואָרט האָט אויפגעהערט צו זיין פרעמד, ס'האָט אויפגעהערט הפקרדיק צו דעמאָנסטרירן און האָט זיך געגומען שטיל און באַשיידן איינגלידערן אין דעם אַלטן שפּראַך־אָרגאַניזם, געטריי און ערלעך דינען די געדאַנק־ און געפילס־אינטערעסן פון דער יידישער שפּראַך.

בערגעלסאָן און אָפּאַטאָשו

א

הײַ־יאָר, דעם 12טן אויגוסט, זענען געוואָרן צען יאָר זינט דער סטאַלי־ניסטישער תלין האָט צוגעשטעלט צום ווענטל דוד בערגעלסאָנען און מיט אַ קויל פון ביקס אויסגעלאָשן ס׳לעבן פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע און טיפּסטע יידישע פּראָזע־מייסטער פון אונדזער צייט. אין פאַרגאַנגענעם יום־כיפּור זענען פאַרפולט געוואָרן אַכט יאָר זינט אַ פלוצימדיקער טויט האָט אַוועקגעריסן פון אונדז אַ צווייטן פון די סאַמע וויכטיקסטע פּראָזע־שרייבער פון אונדזער דור — יוסף אָפּאַטאָשו.

און אין די יאָרן זינט אָפּאַטאָשוס פּטירה און אין די יאָרן זינט מיר ווייסן שוין אויף זיכער וועגן בערגעלסאָנס אומקום איז עפּעס מאָדנע שטיל געוואָרן סיי אַרום בערגעלסאָנען און סיי אַרום אָפּאַטאָשון. אויב בערגעלסאָנס נאָמען הערט זיך פון דעסטוועגן מער אַרויס פון דער דאָזיקער שטילקייט, איז דאָס מחמת דעם וואָס עס לאָזט נישט רוען די יידישע טראַגיק פון זיין טויט. בערגעלסאָנס נאָמען ווערט מער דערמאָנט, ווייל ער שטייט אין צענטער פון געזעלשאַפטלעך־יידישן פּראָטעסט קעגן דעם סטאַליניסטישן תלין וואָס האָט רוצחיש אָפּגעמעקט די יידיש־ליטעראַטור און די יידיש־שעפער אין ראַטן־פאַר־באַנד.

אָבער אַרום דעם ליטעראַרישן ווערק פון דוד בערגעלסאָנען איז פאַר די לעצטע יאָרן נישט ווייניקער, נאָר טאַקע פונקט אַזוי שטיל ווי אַרום אָפּאַטאָשוס.

עטלעכע חדשים נאָך אָפּאַטאָשוס פּטירה איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון זיין ראָמאַן „דער לעצטער אויפשטאַנד" און זינט דעמאָלט, קיין שום אַנדער בוך, וואָס זאָל ברענגען, לכל הפחות, אַ קליינעם אָפּקלייב פון די הונדערטער דערציילונגען, וואָס זענען פאַרבליבן אין אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישן עזבון. און וועגן אָפּאַטאָשון האָט מען זינט זיין טויט נישט געזען נישט בלויז קיין איין גרעסערע אַרבעט, נאָר זעלטן ווען אויך סתם אַן אַרטיקל.

דאָס זעלבע וואָס שייך דוד בערגעלסאָנען. עס קומט אויס, אַז ביים ווענטל, צו וועלכן דער תלין האָט געשטעלט בערגעלסאָנען, זענען אויך אומגעקומען בערגעלסאָנס ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס האָבן אים אין זיין פאַר־סאָוויעטישער תקופה געגעבן אַ פּלאַץ אין סאַמע אויבנאָן פון דער יידיש־ליטעראַטור און האָבן אויך אין דער סאָוויעטישער צייט נישט געלאָזט צו פיל מינערן פון בערגעלסאָנס שעפערישער חשיבות. וואָרעם אויך אין די ראַטן־פאַרבאַנדישע יאָרן, ווען ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך פון סאָוויעטישער טענדענץ און האָט געפּרוּווט צוליב טאָן דער פּאַרטיי־ליניע און חוזק מאַכן פון דער פרום־

יידישער טראַדיציע און זיך איזדיעקעווען איבער דעם „בורזשואַזנעם" יידישן לעבנסשטייגער און זיינע מענטשן — אויך אין יענע יאָרן און אין יענע ווערק האָט בערגעלסאָן אַ סך מאָל געמוזט בענטשן זײַנע ייִדישע געשטאַלטן, הגם ער האָט זיך פאַרמאָסטן זיי צו שעלטן. ער האָט געמוזט — זאָג איך — ווייל בער־געלסאָן האָט אין תוך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין דער עכטער און גרויסער יידישער קינסטלער, וואָס ער איז פון גאָטס גנאָד געווען.

איז עס בפירוש אַ חידוש, און אפשר גאָר סימפּטאָמאַטיש פאַר אונדזער ליטעראַטור־קריטישער מערכה, וואָס אַרום דיביידע פּראָזע־מייסטער איז באַלד נאָך זייער טויט אויסגעוואַקסן אַזאַ באַרג מיט שווייגעניש.

וואָס שייך דעם חידוש, איז ער נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די שווייגעניש הויערט נישט סתם אַרום צוויי וויכטיקע פּראָזע־שרייבער, נאָר אַרום צוויי שריי־בער־פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען אין אונדזער נאָכקלאַסישן פּעריאָד געווען די שעפעריש־השפעהדיקסטע אין דער יידיש־פּראָזע.

שלום־עליכם, וואָס זײַן הונדערטסטער געבוירנטאָג איז געיום־טובט געוואָרן אין דער גאָרער יידישער וועלט אין אַ פאַרנעם, וואָס קיין שום אַנדערער יידישער און העברעיִשער שרייבער האָט דערצו נישט זוכה געווען, און שלום אַש, וואָס אין די יאָרן זינט זיין פּטירה זענען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אים אַ שפע אַרטיקלען און אַפילו פיר ביכער (לויט אונדזערע מאָסן הייסט דאָס בפירוש אַ סך), זענען, אָן ספק, געווען די ריזן פון דער יידיש־ליטעראַטור. אָבער שעפערישע השפעה אויפן יינגערן דור פּראָזע־שרייבער האָבן זיי ביידע נישט געהאַט. שלום־עליכם איז געווען אַן איינמאָליקע ליטעראַרישע דערשיינונג. מיט דער שלום־עליכמשער פאַרעם האָט זיך נאָר שלום־עליכם געקאָנט באַנוצן. ער און קיינער נישט מער. ער האָט קיין תלמידים נישט געהאַט, נישט געקאָנט האָבן. שרייבן אַלאַ שלום־עליכם האָט קיין ערנסטער שרייבער נישט געפּרוווט, ווײַל ער האָט געוווסט, אַז דאָס קאָן נאָר מיינען פּראָפאַנאַציע פון טביהס געשטאַלטער, אָבער צו אייגענע קינסטלערישע רעזולטאַטן וועט עס נישט דערפירן.

שלום אַש ווידער — אויך ער איז ביז איצט געווען איינמאָליק אין אונדזער פּראָזע. ער האָט קיין „שולע נישט געמאַכט". קיינער האָט זיך נישט אַרויסגעלאָזט אויפן וועג פון זיין לירישן אָדע־סטיל און פון זיין אַ סך מאָל אומגראַמאַטיקאַלישער שפּראַך. די אַשישע טעמע און דער אַשישער סטיל זענען כמעט ווי נישט ניכר אין די ווערק פון דעם יינגערן דור שרייבער. איך וויקל דורך אין זכרון נעמען פון יידיש־בעלעטריסטן און ביי קיינעם פון זיי גייט נישט אויף דער ריח פון אַשישער השפעה.

אָבער ווען עס קומט צו בערגעלסאָנען און אָפּאַטאָשון זענען, דאַכט מיר, נישט פאַראַן קיין סך צווישן די שרייבער פונעם יינגערן דור, וואָס זאָלן מיט סטיל, מיט טעמאַטיק, מיט געשטאַלטיקונגס־אופן אָדער בלויז מיט זייער שטימונג

נישט האָבן אַריינגעשמעקט אין בערגעלסאָנס אָדער אָפּאַטאָשוס גאָרטן.

ביי מענדעלען האָבן אַלע שרייבער פון זיין דור און פון דעם דור נאָך אים געלערנט שרייבן. און נישט נאָר די בעלעטריסטן זענען געגאַנגען אין חדר אַריין צו מענדעלען און געלערנט ביי אים דעם נוסח יידיש, נאָר אויך אַלע פובליציסטן, רעפּאָרטערן און אַפילו פּאַרטייִישע צירקולאַרן־שרייבער. מענדעלע האָט געלערנט נישט נאָר די פּראָזע־קינסטלער, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק שרייבן. פון מענדעלען שטאַמט דער ערשטער גלאַטיקער (אמת אַ סך מאָל בלויז צוויי־דימענ־זיאָנעלער) לאָגיש־קלאָרער און צו־דער־זאַכיקער זאַץ אין דער מאָדערנער יידיש־פּראָזע. מענדעלע האָט געלערנט שרייבן און פּינקטלעך רעאַליסטיש באַשרייבן זאַכן און מענטשן. ער האָט דער ערשטער, ווי ער זאָגט דאָס אַליין אין דער הקדמה צו „שלמה ר׳ חיימס״, גענומען צוקלייבן די פּאַסיקע ווערטער, „געזעצט זיי ווי פּערל איינס צום אַנדערן מיט ישוב־הדעת, מיט דער כוונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלן ווי די נשמה מיטן גוף פּאַסן איינער צום אַנדערן, נישט מער — נישט ווייניקער וויפל מען באַדאַרף.״

אין פרט פון שפּראַך זענען אַלע מענדעלעס אייניקלעך אָדער אור־אייניקלעך — אויך בערגעלסאָן און אָפּאַטאָשו און קיינער קאָן מענדעלעס השפּעה נישט מינערן.

אָבער אין דור פון בערגעלסאָנען און אָפּאַטאָשון האָט קיינער נישט ווי זיי משפּיע געווען דעם ייִנגערן דור יידיש־בעלעטריסטן. קיינער, מיטן אויסנאַם פון איטשע מאיר ווייסענבערגן, וואָס האָט אין וואַרשע באַוווסטזיניק געקליבן אַ „חדר״ און האָט געקנעלט מיט די יידיש־שעפערישע יונגעלייט פון דער פּוילישער פּראָווינץ זיין ליטעראַרישע תורה.

ב

בערגעלסאָן און אָפּאַטאָשו — צוויי וועגן אין דער יידיש־פּראָזע. בערגעל־סאָנס וועג הייבט זיך אָן ערגעץ ווו פון מענדעלעס באַשרייבערישער פּרטימדיקייט און פון זיין געזעלשאַפט־סאַטירע און דערפירט צו דין ניואַנסירטן פּסיכאָלאָגיזם און צו טרייסטלאָזער וויזיע פונעם יחידס נשמה. אין זיין ראָמאַן „אָפּגאַנג״, וואָס איז, לפי דעתי, אויב נישט דאָס גראַנטסטע ווערק פון זיין פּאַר־סאָוועטישער עפּאָכע, זיכער דאָס צומייסט אַנטפּלעקערישע פאַר בערגעלסאָנס שרייבערישן גייסט, פאַר זיין סטיל און פאַר זיין אופן פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, האָט דער מחבר אָנועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ די ווערטער פון נביא יחזקאלס גרויסער וויזיע: „און איך האָב געזען — ערשט איין לאָך אין דער וואַנט... און איך האָב געגראָבן אין דער וואַנט, ערשט איין איינגאַנג״ (ואראה והנה חור אחד בקיר... ואחתר והנה פתח אחד).

און מיט אָט די מאָטאָ־ווערטער האָט בערגעלסאָן צום בעסטן כאַראַקטע־ריזירט זיין קינסטלערישן דרך. וואָרעם קיינער פון אונדזערע מאָדערנע פּראָזע־

שרייבער האָט נישט אַזוי אין זינען געהאַט ווי בערגעלסאָן זיך צו דערגראָבן צו דעם פּסיכאָלאָגישן טירל, וואָס קאָן אַדורכפירן דורך דער נשמה, דורך דער התנהגות און דורך דער לעבנס־זעונג פון זיינע געשטאַלטן.

בערגעלסאָנען האָט אין זיינע ראָמאַנען „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" און אויך אין אַ סך אַנדערע, אינטערעסירט וויניקער דער סיפור המעשה און אַפילו וויניקער דער געזעלשאַפטלעכער פּייזאַזש, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס די געשעענישן, און ער איז מער און דערעיקרשט להוט געווען צו דערגרונ־טעווען זיך צו דעם סאַמע פּאָרטרעטיסטישן תמצית פון זיינע געשטאַלטן.

בערגעלסאָן — גיט איבער בעל־מחשבות אין איינעם פון זיינע קורצע, אָבער זייער אַריינבליקערישע עסייען וועגן בערגעלסאָנס דערמאָנטע ראָמאַנען — האָט זיך אַ מאָל אין אַ פּריוואַטן שמועס אויסגעדריקט, אַז ער באַטראַכט „אָפּ־גאַנג" ווי אַ מצבה אויפן חורבן פון אוקראַינער יידישן שטעטל. און בעל־מחשבות, דער קריטיקער, איז מוסיף, אַז דאָס מיינט אַ מצבה נישט אויפן פיזישן חורבן (בערגעלסאָן האָט יענע ראָמאַנען געשריבן איידער פּעטליורעס באַנדעס האָבן פּאָגראָמירט די יידישע שטעטלעך) נאָר אויפן גייסטיקן אונטערגאַנג, און ווייטער — אַז אַלץ וואָס איז אַרויס פון אונטער בערגעלסאָנס פּעדער איז אין תוך „אַ בעלעטריסטישע סימפאָניע פון אַן אוקראַיינישן יידישן שטייגער... וואָס ווערט ביסלעכווייז בלאַס און בלאַסער, צערינט ווי אַ נעפּל און ווערט אויסגעלאָשן..."

קאָן מען בפירוש מסכים זיין מיט בעל־מחשבותעס פאָרמולע וועגן בער־געלסאָנס אויפשריפט אויף דער קאָלעקטיווער שטעטל־מצבה, אָבער מע מוז, דאַכט מיר, צוגעבן אַז ערגעץ־ווו זענען די געשטאַלטן, וואָס בערגעלסאָן ברענגט אַרויס אין זיינע ראָמאַנען, אַ געזעמל פון יחידישע מצבות, אַ יעדע מיט איר קורצער, צמצומדיקער אויפשריפט וועגן דעם מענטשן, וואָס ליגט אונטער איר באַהאַלטן. עס מאַכט דעם איינדרוק גלייך אַלץ, וואָס בערגעלסאָן האָט צו דער־ציילן וועגן גדליה הערצן, וועגן זיין טאָכטער מירל און די מאַנצביל־געשטאַלטן אַרום איר אין „נאָך אַלעמען", און וועגן מלכן, משה חיימען און יצחק בערן און וועגן די מיידל־געשטאַלטן אַרום זיי אין „אָפּגאַנג" האָט ער דערציילט בלויז כדי צו דערגיין צו דעם סך־הכלדיקן פּאָרטרעטיסטישן תמצית פון זייערע געשטאַלטן — צו דעם סאַמע וואָרסטן אויף זייערע מצבות.

בערגעלסאָן איז אפשר דערפאַר נישט אַזוי דער ראָמאַן־שרייבער ווי דער גרויסער פּאָרטרעטיסט פון דער יידישער ליטעראַטור. עס גייט אים נישט אַזוי אין דער פאַבולע, ווי קודם כל און פאַר אַלעמען, אויסצושעפּן פּסיכיש דעם מענטש און אַרויסצוברענגען די פאָרמולע זיינע, זיין פּאָרטרעטיסטישן שם המפורש. און בערגעלסאָנס אופן פון געשטאַלטיקונג אויף אַרויסצופּרעסן פון זיינע מענטשן דאָס סאַמע עסענציעלסטע נשמה־פּינטעלע (דאָס סאַמע תמצית־

דיקע איז געוויינטלעך ערגעץ־ווו קראַנק) איז, וואָלט איך געזאָגט, אַן אויספּאָר־שערישער, אַ דיאַגנאָסטיצירנדיקער. עס ווערן פאַרצייכנט פאַקטן, אינעווייניקסטע און אויך דרויסנדיקע, עס ווערן צונויפגעקליבן סימפּטאָמען און עס ווערן אַרויס־געאַרבעט פּראָוויזאָרישע סך־הכלען — אַלץ אויפן וועג צו דעם דעפיניטיוון דיאַגנאָז.

אויך מענדעלע האָט פּינקטלעך פאַרצייכנט פאַקטן, אָבער די איינאָרדענונג, די גרופּירונג און דערעיקרשט דער אָפּשאַץ פון זייער וויכטיקייט איז געווען אַ לגמרי אַנדערער ווי ביי בערגעלסאָנען. וואָרעם ביי מענדעלען איז דאָס געווען אַ פאַרשרייבן לדורות פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער, און ביי בערגעלסאָנען אַ פאַרצייכענונג צוליב אַ תיכפדיקן באַריכט, וואָס דאַרף צוגעשטעלט ווערן וועמען? — דעם ריכטער, דעם דאָקטער און זיך אַליין. דער זיידע מענדעלע באַשרייבט אַ לעבנסשטייגער און לאָזט איבער צו דער געשיכטע צו מאַכן דעם בילאַנס. בערגעלסאָן נעמט אויף פּראָטאָקאָל און שטעלט אויס דעם קראַנקן־צעטל פאַר זיך אַליין, וואָרעם ער נייטיקט זיך דערין פאַר דעם ספּעציעלן געריכטלעכן אָדער מעדיצינישן „פאַל", וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיין קינסטלערישע השגחה.

אין בערגעלסאָנס מאָלן און דערציילן וועגן זיינע געשטאַלטן קומט דערפאַר פאַר עפּעס אַ שלאַכט פאַר אידענטיפיקאַציע, אַ מין געראַנגל אויף צו דערהאַלטן די הונדערט־פּראָצענטיקע געוויסהייט, אַז די געשטאַלטן זענען טאַקע זיי אַליין. וואָרעם אָט די געוויסהייט, די אַלע מאָל אויף ס'ניי געוויסהייט וועגן דער אידענ־טיטעט פון זיינע פאַרשוינען, איז פאַר אים, דעם קינסטלערישן געשטאַלטער זייערן, אויך די זיכערקייט, אַז ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן וועג צו דער סך־הכלדיקער צמצום־פאָרמולע פון זייערע פאָרטרעטן.

ביי מלכס לוויה אין „אָפּגאַנג" באַקענען מיר זיך צווישן אַ רעדל יידן מיט דעם גרויסגופיקן קאַסיר פון ראַקיטנער וואַלד, יצחק בער און אָט זענען עטלעכע אויסגעפאָרשטע סימנים צו זיין אידענטיפיקאַציע —

„אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגעץ אַ שוחט צי אַ רב, אָט דער יצחק בער, ער האָט געקענט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אַן אפּיקורס, קיין מאָל נישט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פיינט געהאַט פרומע יידן".

דערנאָך אַלע מאָל ווען מיר באַגעגענען זיך מיט יצחק בערן וועט אונדז בערגעלסאָן צוליב אידענטיפיקאַציע נישט פאַרפעלן צו דערמאָנען דאָס גאַנצע פּעקל פּרטים: „גרויס־גופיק, איז אַ מאָל געווען אַ שוחט, צי אַ רב און האָט פיינט פרומע יידן און גייט קיין מאָל נישט אין שול..." און אַז מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן שפּעטער קומט צו נאָך אַ פיזישער צייכן „זיינע גרויסע אויסגע־קוליעטע אויגן", וועט שוין אָט דער סימן „פיגורירן אין די אַקטן" אַלע מאָל ווען עס וועט דערמאָנט ווערן דער נאָמען יצחק בער.

און יאָסל באַמפּעלדס ווייב פּייגע אין בערגעלסאָנס דערציילונג „שונאים" ווערט אידענטיפיצירט דורך די סימפּטאָמען פון איר משונהדיקער שלאָפקייט: „עס מלויעט זי שטענדיק אויפן האַרצן און איר מויל גענעצט פון זיך מיט אָפטע קורצע גענעצלעך".

און אָט דער סטיל פון פּראָטאָקאָלאַרישער פאַרצייכענונג פון סימנים און סימפּטאָמען איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר בערגעלסאָנען, דעם שרייבער פון „אָפּגאַנג" נאָר אויך פאַר דעם באַשאַפער פון „פּענעק". שוין ביים סאַמע אָנהייב, ווען בערגעלסאָן נעמט מאָלן זיינע צוויי הויפּט־געשטאַלטן, מיכאל לעווין און פּענעקן, גייט עס אַוועק אין נוסח פון אַ באַריכט, וואָס דאַרף צוגעשטעלט ווערן צו עמעצן: „דער עלטסטער אין הויז — מיכאל לעווין (מעכל גבריאלס) — איז אַלט פיר־פינף־און זעכציק. דער יינגסטער — פּענעק (מיכאל לעווינס מעזיניק) איז אַלט אַ יאָר זיבן. דעם עלטסטן רופט מען אונטער די אויגן — אין דער היים, אין נאָענטע גרעסערע און קלענערע שטעט — רעב מיכאל; דעם „רעב" צאָלט מען אים צו זיין חכמה..." און דווקא אָט די פּראָטאָקאָלאַרישע זאַכלעכקייט פון סימנים ברענגט, גלויב איך, אַריין אין בערגעלסאָנס סטיל יענעם שטיל־נאָגנדיקן טאָן, יענעם עלעגישן ניגון פון זיין שפּראַך, וואָס מע קאָן דערהערן אין יעדער שורה זיינער.

ביי מענדעלען גייען דאָס לירישע און דאָס זאַכלעך באַשרייבערישע איינס לעבן ס׳אַנדערע און איינס נאָך ס׳אַנדערע. ביי בערגעלסאָנען איז דאָס עלעגישע דער גרונט־ריטעם פון זיין פּראָטאָקאָלאַרישער פאַרצייכענונג. די זאַכלעכע ווערטער וויברירן מיט עפּעס אַ געזאַנג, מיט עפּעס אַ טרויעריקער אַנונג, אַז דאָס תוכיקסטע, וואָס וויל דערגרייכט ווערן וועט אין דער אמתן אויך גאָר נישט אויפקלערן. עס וועט גאָר נישט אויפקלערן, אומאָפּהענגיק דערפון צי עס פאַרשפּיצט זיך אַנעקדאָטיש (ווי אין נישט איינער פון בערגעלסאָנס דערציילונגען) אָדער עס צעשטראַלט זיך מיט צער (ווי אין בערגעלסאָנס מייסטע נאָוועלן און ראָמאַנען), וואָרעם דער סאַמע מענטשלעכער תמצית איז נישט מער ווי אַ צופאַל און בן־אדם האָט איבער זיין טיף אייגנס קיין שליטה נישט.

„ווער ס׳זאָגט די וועלט איז קיילעכדיק — לאָזט בערגעלסאָן איינעם פון די העלדן אין „פּענעק"־ראָמאַן דעקלאַרירן זיין לעבנס־חכמה — און איך זאָג: די וועלט איז גליטשיק; וואָרעם מען זעט דאָך: מ׳גייט און מ׳פאַלט — ס׳העלפן נישט אַפילו קיין גאָלדענע פּאַדקאָוועס".

זיין קינסטלערישער ציל איז צו דעפינירן דעם סאַמע פּסיכאָלאָגישן עסענץ פון זיינע מענטשן, פון זיינע זאַכן און פון זיינע אַטמאָספערעס האָט בערגעלסאָן געקאָנט דערגרייכן אויפן חשבון פון זיין געשטאַלטונגס־דינאַמיק און פון זיין סטיל־אימפּעט. וואָרעם די דעפיניציע קאָן נישט געכאַפּט ווערן אין פלוס פון זאַכן און פּאַסירונגען. דער מאָדעל מוז פאַרפיקסירט ווערן, כדי דער קינסטלער

זאָל קענען אַרויסזען און אַרויסשמעקן דאָס תמציתדיקע פּינטעלע. ראיה און ריח האָבן די אויבערהאַנט אין בערגעלסאָנס שפּראַך, זיי זענען די בעסטע אויס־פאָרש־אינסטרומענטן פאַר אומבאַוועגלעכקייט.

און דערפאַר הערשט אַזאַ שטילקייט אין בערגעלסאָנס ראָמאַנען און דער־ציילונגען. מען הערט נישט קיין הויך קול אין דער שילדערונג פון מענטשן און זעלטן ווען, אַז דער דיאַלאָג זאָל ביי אים נעמען אַ העכערן טאָן. און גלייך ער זאָל זיך וועלן באַוואָרענען אַז די צייט, די געאיילציקע און רעשיקע לויפעריין צווישן אָנהייב און סוף, זאָל נישט אַריינברוישן אין דער שטילקייט פון זיין קינסטלערישער וועלט, נעמט ער זי אַיין און גליווערט זי איין מיט זיין דיכט־רישער זעונג.

אין דער דערציילונג „שבת גדליה" בלייבט די צייט אונטער בערגעלסאָנס אויג אַן אומבאַוועגלעכע. זי איז „אַ שטילע און אַ זויערע ווי אַן אַלטע מויד, וואָס האָט נישט חתונה און איז פרום און לעבט יאָרן לאַנג אָן שום אומגליקן און אָן שום גליקן". אין דער נאָוועלע ווידער „מיט אַ נאַכט וויניקער" איז די צען־אַ זייגער־אָוונט־שעה אין בערלין נישט אַנדערש ווי „אַ דערוואָרגענע". און דאָס זענען בלויז צווייביישפּילן פון צווישן אַ סך, וווּ בערגעלסאָן פּענטעט די צייט און „פאַרמאַכט איר דאָס מויל".

אין סך־הכל קאָן געזאָגט ווערן, אַז בערגעלסאָנס דערציילונג איז דער „שטיל־לעבן" פון יחידישן נשמה־געשפּין אין אונדזער ליטעראַטור, פּונקט ווי מענדע־לעס — דער „נאַטיר־מאָרט" פון כללישן שטייגער־געוועב. דער חילוק באַשטייט אָבער נישט אין די קינסטלערישע אָביעקטן, נאָר אויך אין די געשטאַלטונגס־מיטלען און אין די רעזולטאַטן. אויף בערגעלסאָנס פּאָרטרעטן קאָן מען לאַנג קוקן און נישט מיד ווערן צו אַנטדעקן אין דער געשטאַלט דעם געשטאַלטער. מענדעלעס מייסטערהאַפטע שטייגער־בילדער, זיי איילן זיך אָפּט אַוועק פון אונדזער אויפ־מערקזאַמקייט — אין פאַנטעאָן פון קולטור־געשיכטע.

ג

היינט, ווען דאָס ליטעראַרישע ווערק פון יוסף אָפּאַטאָשון ליגט אָפּגעשלאָסן פאַר אונדז, און די יאָרן, וואָס זיינען פאַרביי זינט זיין פּטירה, האָבן אין אַ געוויסער מאָס אויסגעלייטערט דעם קריטישן צוגאַנג צו זיינע פריינד און צו זיינע קעגנער מיט און אָן פּערזענלעכע פּניות — היינט איז מער באַרעכטיקט די פראַגע: „ווי האַלטן מיר מיט אָפּאַטאָשון?" ווי דעמאָלט ווען דער קריטיקער ב. ריווקין ז"ל האָט זי מיט איבער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק אַוועקגעשטעלט ביי דער געלעגנהייט פון אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישן יובילעי.

און דער סאַמע קורצסטער וועג אויף צו דערגרייכן דעם באַגער נאָך קריי־

טישער סך־הכלדיקייט, וואָס שטעקט אין ריווקינס דערמאָנטער פּראַגע, פּירט צומאָל, דאַכט מיר, איבער קאָנטראַסטן, כ׳מיין איבער פאַרגלייכיקער אַנטקעגנ־שטעלונג פון צוויי שרייבער־געשטאַלטן.

עס זענען גאָר נישט געמאָלט קיין צוויי מער היפּוכדיקע שרייבער ווי דוד בערגעלסאָן און יוסף אָפּאַטאָשו.

בערגעלסאָנס שאַפונגס־אופן איז געווען אַ רויִקער, אַ שטילער און כמעט אַ סטאַטישער. אים, בערגעלסאָנען, האָט אינטערעסירט מער דער פּסיכאָלאָגישער תמצית פון זיינע געשטאַלטן און די מוזיק פון דער גזועלשאַפטלעכער סביבה אַרום זיי, איידער דער גאַנג אָדער גאָר דער געלאַף פון די העלדן איבערן שטח פון געשעענישן.

דער עיקר פון אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישע פאַרשוינען איז געווען זייער באַ־וועגלעכקייט, איז געווען די דינאַמיק פון דעם סיפור־המעשה, אין וועלכן זייער באַשעפער האָט זיי פאַרוויקלט.

בערגעלסאָן האָט זיך מיט גרויס קלוגשאַפט און מיט אַ סך קינסטלערישער יכולת געגראָבן אין די טיפענישן פון מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע.

אָפּאַטאָשו האָט זיך מיט דער פאַרשפּיצטער אינטויִציע פון זיינע חושים און פון זיין אינטעלעקט און מיט זיין שטענדיק וואַכער וויזיע פון אַלע שעהען אין אונדזער געשיכטלעכן מעת־לעת געפּרווט אַריינשפּאַרן אין דער סאַמע אור־שפּרינגלעכקייט פון אונדזער נאַציאָנאַל־פאָלקישער קיום־אידעע.

בערגעלסאָן האָט זיך קינסטלעריש אָריענטירט אויף די אידעען פון זיין צייט; אָפּאַטאָשוס געשטאַלטערישע זעונג זענען געווען אַלע צייטן פון דער יידישער פאָלקס־אידעע.

בערגעלסאָן האָט געטראָגן די שווערע אחריות פון און פאַר זיינע אייגענע קינסטלערישע דערגרייכונגען; אָפּאַטאָשו האָט ממש געברענט מיט דעם ווילן צו נעמען אויף זיך און צו טראָגן דעם פיינפולן עול פון אַ יידישער ליטעראַטור־מיסיע.

איך זאָג דאָס נישט כדי צו שטעלן העכער איין שרייבער איבערן אַנדערן, נאָר כדי אונטערצושטרייכן די ספּעציעלע חשיבות פון דעם שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו אין אונדזער ליטעראַטור — אַ חשיבות וואָס שטעלט אים אין איין ריי מיט דעם מחבר פון „נאָך אַלעמען“ און פון „אָפּגאַנג“.

געשיכטע און אויך ליטעראַטור־געשיכטע האָט זיך ליב איבערצוחזרן. מיט אַ דור פריער שלום־עליכם און פרץ; אין אונדזער דור — בערגעלסאָן און אָפּאַטאָשו.

קריטישע פוסקים האָבן געפּסקנט און זייער פּסק איז אפשר אַ גערעכטער, אַז דער מחבר פון „טביה דער מילכיקער“ און פון „מנחם מענדל“ איז געווען

אַ גרעסערער קינסטלער ווי דער דערציילער פון „חסידיש" און פון די „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן". אָבער יצחק לייבוש פּרץ שטייט ליטעראַריש־היסטאָריש ניט בלויז אין איין ריי מיט שלום־עליכמען, נאָר ער טראָגט די קרוין פון דעם פאָטער פון ייִדיש־ליטעראַטור, ווייל ער איז געווען אַחוץ קינסטלער אויך אידעיִשער וועגווייזער און טרעגער פון דער שעפערישער מיסיע פון אונדזער ליטעראַטור.

אַ שטיק פון דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע קאָן אויך אָנגעווענדט ווערן אויף דעם פאַל בערגעלסאָן — אָפּאַטאָשו. בערגעלסאָן האָט מיט זיינע ווערק באַרייכערט אונדזער ליטעראַרישע מענטשן־גאַלעריע; אָפּאַטאָשו האָט מיט די באַשאַפענע מענטשן זיינע אַחוץ דעם אויך אויסגעברייטערט דעם געאָגראַפישן, דעם צייטלעכן און דעם אידעיִשן שטח פון אונדזער ליטעראַטור. אָפּאַטאָשו איז געווען אַ באַוווסטזיניקער בויער פון דער ייִדיש־ליטעראַטור. ער האָט אין זינען געהאַט און מיט אַ סך געלינגשאַפט מקיים געווען פּרצעס געבאָט צו די ייִדיש־שעפער אין זיין עסיי „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?" — די מצווה וואָס פּרץ האָט זי פאָרמולירט אַזוי — „און געפינען דעם תוך: דעם „עצם ענין" פון ייִדישקייט אין אַלע ערטער, אין אַלע צייטן פון צעזייטן און צעשפּרייטן וועלט־פאָלק; געפינען די נשמה פון דעם אַלעם און זען זי באַשטראַלט מיטן נביאישן חלום פון דער מענטשלעכער צוקונפט — דאָס איז די אויפגאַבע פון ייִדישן קינסטלער".

ווען מען פּרוווט כאַפּן אַ בליק אויף דעם געזעמל פון מענטשן, וואָס יוסף אָפּאַטאָשו האָט מיט אַזאַ שעפערישער ענערגיע און דינאַמישקייט אויפגעקליבן אין זיינע אַן ערך צוואַנציק בענד דערציילונגען און ראָמאַנען, דערזעט מען ממש אַ פאָלק פון געשטאַלטן איבער דער גאַנצער לענג פון דער ייִדישער געשיכטע און איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ייִדישער געאָגראַפיע.

און דאָס גאַנצע פאָלק באַשטייט פון צוויי מינים געשטאַלטן: פון יענע וואָס פּרעגן (דער סאַמע גרעסטער טייל) און פון די אַנדערע (די יחידי סגולה) וואָס פּרווון געבן אַ באַשייד.

דער צירונג־הענדלער פון קסריה, דער בעזעם־פלעכטער פון סאַלאָניקי, די לצים פון רעגענשפּורק, די פאַטראָנעסע פון ווענעציע, דער שאַפער פון תל־אביב און די אָן אַ שיעור קרעמערס, אַרבעטער, עמיגראַנטן און כלי קודש אין מלאָווע און אין די אַנדערע שטעט פון פּוילן, איידער און ווען פּוילן איז געפאַלן, ביז ניו־יאָרק — אָט די אַלע געשטאַלטן פון אַזוי פיל ייִדישע ישובים און פון אַזוי פיל ווינקלען פון דער ייִדישער היסטאָריע פּרעגן כמעט אַלע און זענען פול מיט גאַרונג צו וויסן דעם „פאַרוואָס" און „צוליב וואָס" פון זייערע טויזנטער יאָרן פּיין און יסורים, דעם מיין פון זייערע טויזנט־יאָריקע אַלץ אויף ס׳ניי טויטן פאַר דער זינד פון ייִדישקייט.

דאָס איז איין מין פון אָפּאַטאָשו־געשטאַלטן. דער צווייטער זענען זיינע יחידי־

סגולה־מענטשן, וואָס פּרוּוון אַחוץ פרעגן אויך געבן אַ באַשייד אויף דער פראַגע וועגן דעם „פאַרוואָס" פון יידישן קיום.

פון צווישן די באַשיידער־געשטאַלטן איז כדי צו דערמאָנען דעם יונגן מרדכי און פיליפּ קאַהאַנען, וואָס האָט „געלערנט די יוגנט ווי צו לייענען פּאָעזיע" און אויך דעם קנאותדיקן ישראל, דעם באַרוועסן — אַלע דריי פון אַפּאַטאָשוס גרויסן דערפּאָלג־ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער", דעם וואַלד־ייד שבתי פון ראָמאַן „די טענצערין", אליהו בחור אין דער דערציילונג „ביים קאַרדינאַל", דעם בראַסלאַווער חסיד ר' וואָלף, וואָס גנבעט מיט מסירת נפש די רוסיש־פּוילישע גרענעץ צום ציון פון ר' נחמנס קבר אין אומאַן און דעם דייטשן ייד, וואָס שפּאַנט אַרויס פון דער באַן אין דער היטלער־צייט מיט דער שווערער וואַליז אין האַנט און מיט דער זיכערקייט אין האַרצן, אַז „גאָט האָט חרוב געמאַכט נינוה, חרוב געמאַכט אשור, ער וועט אויך די רשעים אומברענגען". און באַשיידער זענען אויך יהשע און פּאַפּיאַס פון ראָמאַן „ערב אויפשטאַנד", וואָס חברן זיך אין באַגער נאָך העלדישע מעשים פאַר דער פרייהייט פון זייער לאַנד און קרייצן מיט אַ נאַנד מחשבות און חלומות וועגן פאָלק און וועלט־פאָלק. פון די געשטאַלטן פון באַשייד זענען די מייסטע פאַרשוינען פון ווייטערן און נאָענטן עבר און אויך פון דער היטלעריסטישער חורבן־צייט, וואָס אַפּאַטאָשו האָט פאַר אונדז אָפּגעמאָלן אין זיינע זאַמלונגען „וועגן פּוילן איז געפאַלן" און „יידן־לעגענדע".

און קאָפּ־העכער איבער די אַלע נאָר וואָס יחידיש און כוללדיק דערמאָנטע באַשיידער־געשטאַלטן דערהויבן זיך צוויי אויף אַ דיסטאַנץ פון טויזנטער מיילן אין שטח און פון זיבעצן הונדערט יאָר אין צייט. איינער איז דער טיפער ר' מענדל, דער רבי פון קאָצק, וואָס זיין צוואה איז אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג איבערן גייסטיקן און מאָראַלישן חורבן פון עם ישראל מיט איין און איינציקן שטראַל פון האָפענונג אויף נצחון: עטלעכע הונדערט יונגעלייט אָנגעטאָן אין שטריימלעך פון קרויט, וואָס זאָלן פון די דעכער שרייען טאָג ווי נאַכט און האַלטן אין איין דערמאָנען און וואָרענען אַז „ד' הוא אלהים".

און דער צווייטער איז דער גרויסער ר' עקיבא בן יוסף, דער תנא פון בני־ברק, וואָס זעט די שוואַכקייט פון זיין פאָלק און זיין ענטפער דערויף איז: ער נעמט די שיף קיין קאַרטאַגע, ברענגט פון דאָרט אַראָפּ בר־כוכבאן, גרייט צו און באַטייליקט זיך אין אויפשטאַנד קעגן רוים און — קומט אום אויף קידוש השם מיט „שמע ישראל" אויף די שטאַרבנדיקע ליפּן.

איך האָב בכיוון זיך אָפּגעשטעלט אויף די געשטאַלטן מיט מאָראַליש־פאָלקישע פרעגענישן און באַשייד־פּרוּוון אין אַפּאַטאָשוס ווערק, ווייל די מייסטע קריטיקער אונדזערע בראש מיט דעם קריטישן הויפּט־וואָרטזאָגער שמואל ניגער ע"ה, האָבן געהאַלטן, אַז דער געשטאַלטערישער כוח פון דעם בעלעטריסט יוסף אַפּאַטאָשו ליגט אין אָפּמאָלן מענטשן מיט עולם הזהדיקע ליידנשאַפטן און אין

דערציילן וועגן געשעענישן און קאָנפליקטן אויף דער קאַנווע פון אָט די מענטש־לעכע תאוות אוןליידנשאַפטן.

מיט אַנדערע ווערטער, אונדזערע קריטיקער האָבן אָפּאַטאָשוס שרייבערישע וויכטיקייט געזען מער אין זיין קינסטלערישער יכולת פון אַ רעאַליסט מיט היפּש שאַרפע נטיות צו נאַטוראַליזם און האָבן ווייניקער אָנערקענט אָפּאַטאָשון דעם ראָמאַנטישן רעאַליסט, וואָס איז להוט אַרויסצוברענגען דורך זיינע גע־שטאַלטן היסטאָריאָזאָפישע אידעען וועגן יידישן קיום ווי אַ פאָלק. אָפּאַטאָשו, דער ראָמאַנטישער רעאַליסט, האָט געטענהט ש. ניגער און מיט אים אויך אַנדערע קריטיקער, איז מער אַן אילוסטראַטאָר פון אידעע איידער אַ געשטאַלטער פון לעבעדיקע מענטשן. קאָן מען אוודאי נישט לייקענען, אַז אָפּאַטאָשו איז אַ באַזונ־דערער קינסטלערישער מאַדים צו מאָלן אַזעלכע ווי זאַנוועל פון „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" און זיינסגלייכן יידן מיט פיזישער גבורה און מיט לעבעדיקע וואַכע תאוות. אַפילו אין זיין ראָמאַן „בר־כוכבא" איז אים מער געלונגען איבערצוגעבן און לעבעדיק צו האַלטן אַזאַ געשטאַלט ווי יוחנן דער שמיד פון כפר חרובא, איידער די אינטעליגענטן פּאַפּיאַס און יהשע.

אָבער פונקט ווי ביי פּרצן אַזוי מוז מען אויך ביי אָפּאַטאָשון אין זינען האָבן נישט צו משפּטן זיין ווערק בלויז אויפן סמך פון יענע איינגעגעבענע רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע געשטאַלטן, נאָר דער אורטייל וועגן אָפּאַטאָשון דעם שרייבער מוז דווקא נעמען אין אַכט יענע מחנה פון נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע גייערס און קעמפּערס, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען פון ווייטער און נאָענטער היסטאָריע איינגעשפּאַנט אין יאָך פון אַ אידעישער שליחות, דער אידעע פון אונדזער פאָלקס־קיום איבער דורות.

דווקא אָט דער נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער אָפּאַטאָשו האָט מער, אַ סך מער, משפּיע געווען אונדזער בעלעטריסטיק און אין אַ געוויסער מאָס אויך די טראַכ־טערישע פּראָזע פון אונדזער דור.

מיר איז אויסגעקומען דאָ אַנומלט צו לייענען אַ זייער גערעכטע און זייער שיינע עסיי פון דעם דיכטער און עסייסט, דעם קדוש ישראל שטערן, וועגן דעם דערציילער איטשע מאיר ווייסענבערג. צווישן אַ סך אַנדערע ריכטיקע באַמער־קונגען איז מיר זייער געפעלן ישראל שטערנס זאָג, אַז איטשע מאיר ווייסענ־בערגס העלדן האָבן געשריגן, אָבער זייער געשריי איז געווען נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ. די פאַרשוינען אין ווייסענבערג דערציילונגען האָבן זיך אַראָפּגעשריגן פון האַרץ.

מיר דאַכט, אַז אויף דער ליניע פון ישראל שטערנס ריכטיקער באַמערקונג קאָן מען מוסיף זיין, אַז שלום אַשס פּאַטאָס איז געווען אַרויף. אַשס העלדן האָבן זיך מיט זייער קול געריסן אַרויף צו די הימלען, צו גאָט ברוך הוא.

דער געשריי פון אָפּאַטאָשוס אידעישע משולחים־געשטאַלטן איז געווען

אַ געשריי נישט אַרויף און נישט אַראָפּ; נאָר אין דער ברייט איבער די יידישע ישובים און איבער די יידישע צייטן. דאָס קול פון אָפּאַטאָשוס העלדן און פון זייער באַשאַפער איז געווען די שטים, וואָס האָט ווי עפּעס אַן עכאָ פון וואַלד אַרויס געפרוווט אַ מאָל מיט פאַרצווייפלונג און צו מייסט האָפענונגספול צונויפ־צורופן יידישע ישובים און יידישע צייטן צו אַ דרינגענדיקער אסיפה אויף די בלעטער פון יידיש־שעפערישן וואָרט.

אָט דער דאָזיקער שעפערישער געשריי אויף צו פאַרבינדן יידישע צייטן און יידישע לענדער האָט אָפּאַטאָשון געמאַכט פאַר אַ גרויסן בעל־השפעה אויף יידישע פּראָזע־שרייבער, וואָס זענען געווען מיט אַ האַלבן און מיט אַ גאַנצן דור אָפּגערוקט פון אים, און האָט אָפּאַטאָשון אויך געמאַכט פאַר דעם צו מייסט אויף העברעיש איבערגעזעצטן (אפשר אין דער זעלבער מאָס ווי שלום אַש און קאָן זיין אַז נאָך מער) און אויך פאַר דעם צו מייסט געלייענטן יידיש־בעלעטריסט אין ישראל.

און אַ גרויסן טייל פון זיין השפעה אויף יינגערע חברים יידיש־לייענער און אויף דעם יוגנטלעכן לייענער אין מדינת ישראל האָט אָפּאַטאָשו זיכער אויך צו פאַרדאַנקען דער דינאַמישקייט פון זיין סיפור המעשה און פון זיין סטיל.

אָפּאַטאָשוס סטיל, וואָלט איך געזאָגט, איז דער סטיל פון צייטווערטער, דאָס הויפּטוואָרט פּרעזענטירט זיך אין אָפּאַטאָשוס שפּראַך צום סאַמע גרעסטן טייל נישט מיטן גרים פון זיין אייגנשאַפט, נאָר מיטן ריטעם פון זיין טווּנג.

דער אַדיעקטיוו, אַפילו דער ריכטיקסטער, איז דאָך פאַרן הויפּטוואָרט ערגעץ־ווו אַ מאָמענט פון מער אָדער ווייניקער געקינצלטער שטייפקייט פאַר דער הנאה וועגן פון אַ פּרעמדן אויג. דאָס צייטוואָרט דאַקעגן, אַפילו אַזאַ גלי־זערנדיקס ווי „רוען", האָט אין זיך דעם ברויז פון דינאַמיק, פון נאַטירלעכער באַוועגלעכקייט לשם לעבן.

אַפילו „רוען" איז ביי אָפּאַטאָשון נישט קיין סטאַטיש וואָרט, נאָר אַ צונויפּ־שטעל פון סטאַטישע טוונגען.

אָט האָט מען, למשל, ביי שמעון פויער אין הויף פרי נאַכט געמאַכט און אין שטאַל האָט זיך באַזעצט רו. ווי אַזוי זעט אויס אָט די רו ווי אָפּאַטאָשו מאָלט זי?

„אין די שטאַלן האָבן די קי געאַרבעט מיט די בייכער ווי מיט בלאָז־זעק. פערד זענען נישט איינגעשטאַנען, זיך געריבן אָן די ווענט, צעשאָטן די פּאַשע מיט די נאָזלעכער, געריסן פון בענקעניש די קאָרעטעס."

אַזוי בהמות. און די מענטשן?

„די פאַראָבקעס זענען געלעגן אויף בינטן שטרוי מיט פאַרריסענע קעפּ, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון בהמה־מיסט, פון צעפאַרעטן ווייבער־לייב, וואָס איבער די ווענט, געלאָזט קנוילן פאַרע צו די באַלקנס און די אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן געוויינט פאַר צו פיל שפע."

די סטיליסטישע שפּאַרעוודיקייט פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער געשטאַל־טיקונג איז אַ היפּש שווערע פּראָזע־דערגרייכונג, וואָרום דער צמצום ווערט דאָ פאַרווירקלעכט אין סאַמע מיט פון שפּראַך־רחבות. עס ווערן דאָ נישט גענוצט קיין סינטעטישע אַדיעקטיוון אויף איינצופּאַנגען און אַרויסצוברענגען די נאַכט־רו אין שטאָל. פאַרקערט, די שפּראַך צעלאָזט זיך דאָ מיט דעם גאַנצן פלייץ פון נאַטוראַליסטיש־קאָנקרעטע צייטווערטער אויף צו צעשטערן, דאַכט זיך, די שלוה. און עס געשעט ווי אין דער נאַטור: דער טייך מורמלט ליאַרעמדיק, דיביימער ניט זיי שושקען זיך, נאָר זיי רעדן זיך איבער מיט זייערע בלעטער הויך און אויף אַ קול, און גאָטס לעבעדיקע באַשעפענישן האַלטן אויך נישט איין דעם אָטעם, נאָר זיי רייסן זיך די העלדזער, אַ יעדעס אויף זיין אופן — און אַזוי, פון אָט דער שפע פון רעש, באַקומט זיך דאָס די אַזוי פיל באַזונגענע נאַכטישע שטילקייט אין וואַלד. פון אָט דער דרויסנדיקער באַוועגלעכקייט פון אירע טיילן גייט אויף די אינעווייניקסטע מיסטעריע־שוויגעניש פון דער נאַטורס גאַנצקייט.

יעדער סובסטאַנטיוו יאָגט זיך ביי אָפּאַטאָשון האַפּערדיק פאַנאַנדער מיט דריי און מיט מער צייטווערטער און יעדער פּרעדיקאַט ברענגט צו טראָגן אַזוי פיל און נאָך מער הויפּטווערטער. די שם־עצם׳ס „פאַראַבקעס" און „פערד" אין דער דערציילונג „יוגנט" טוען דריי טווונגען מיט אַ מאָל און ביי אַ נאַנד. און אַפילו אַזאַ דומם ווי פעסלינס קלייד אין דער נאָוועלע „אליהו בחור" ווערט אויך דינאַמיזירט פון כלערליי באַוועגונגען. פעסלינס קלייד האָט „פאַלדן און פעלדלעך, וואָס שווילן, צעבלאָזן זיך ברייט און ברייטער" און דאָס קלייד איז „אַ גאַנץ געשטעל, וואָס רעדט, צישעט ביי יעדן ריר, ביי יעדן קער."

אָפּאַטאָשוס אופן פון געשטאַלטיקונג, אָפּאַטאָשוס סטיל, האָט אַזוי אַרום עפּעס ווי געפּרוווט נישט צו דערלאָזן קיין אײן ליידיקגייערישן מאָמענט, נישט אין דער דרויסנדיק־פיזישער און אויך נישט אין דעם אינעווייניקסט־נשמהדיקן פאַרמאָט פון זיינע ליטעראַרישע פאַרשוינען און זאַכן, און אַפילו נישט אין זייער אַרום פון נאַטור און געזעלשאַפט.

אין אַשס סטיל דאָמינירן דער לירישער טאָן און דער פּאַטאָס פון אַן אָדע. בערגעלסאָנס שפּראַך איז כמעט דורכויס אַ שטיל און כישופדיק געזאַנג פון עלעגיע.

אָפּאַטאָשוס סטיל איז אַ סאָליד רעאַליסטישער. עס איז אַ שפּראַך אַ ניכ־טערע מיט דער וואַרעמקייט פון נאָרמאַלער טעמפּעראַטור. עס איז אין אָפּאַטאָשוס סטיל פאַראַן די פולע גאַנצקייט פון דער יידישער שפּראַכלעכער מאַסע, כ׳מיין, די מאַסיווע קאָנקרעטקייט פון ווערטער, פון אידיאָמען און שפּראַך־ווענדונגען פון רעגענשפּורק, פון מלאָווע און פון ניו־יאָרק.

ווו קומט אין דער דאָזיקער שפּראַך־קאָנקרעטקייט צום אויסדרוק דאָס גייסטיקע, דאָס ספּעציפיש גייסטיקע, וואָס מאַכט אָפּאַטאָשון פאַר איינעם פון די

סטיל־מייסטער אין אונדזער יידיש־פּראָזע? דער גייסט ליכטיקט זיך דורך אין די אינעווייניקסטע באַוועגונגס־ליניעס פון דער שפּראַך־גשמיות. ער קומט צום אויסדרוק אין די דין און ראַפינירט אויסגעמאָסטענע דיסטאַנצן פון זאַץ און בילד; ער דריקט זיך אויס אין דעם אַלע מאָל נישט געפעלשטן מוזיקאַלישן ריטעם פון די ווערטער און פון דער וואָרט־אַרקעסטראַציע.

איך האָב מיט יאָרן צוריק באַצייכנט אָפּאַטאָשוס פּראָזע־סטיל ווי דעם וווּנדער פון לייכטקייט, מיט וועלכער עס באַוועגט זיך די שווערקייט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך געהאַט די צופרידנקייט צו זען, אַז אויך דער פּאָעט פּרץ מאַרקיש האָט געטראַכט וועגן אָפּאַטאָשוס סטיל ערגעץ ווו אין שכנות מיט מיין דערמאָנטער באַמערקונג.

אין אַ בריוו צו אָפּאַטאָשון פון ריגע פון 20סטן אויגוסט 1948 (כמעט צום טאָג, פיר יאָר פאַר זיין אומקום אויף קידוש השם און קידוש מאַמע־לשון אין סטאַלינס קאַזעמאַטן) דאַנקט פּרץ מאַרקיש פאַר צושיקן אים דאָס בוך „פאַרן אויפשטאַנד" און לויבט אָפּאַטאָשוס אופן פון געשטאַלטיקונג ווי דעם אופן פון „זייער יונגער אַלטקייט" (דער בריוו איז געדרוקט אין אָפּאַטאָשו־לייוויקס זאַמלביכער נומ. 8, ז' 113).

ד

ווער זענען די שרייבער פונעם יינגערן דור, וואָס גייען אויף די צוויי הויפּט־ליניעס פון דער יידיש־פּראָזע? דער „ווי אַזוי באַאיינפלוסט" אָדער „ווי אַזוי פּאַראַלעל" אין דעם אופן פון געשטאַלטיקונג איז אַ טעמע פאַר אַ באַזונדערער דעטאַלירטער שטודיע.

דאָ וועל איך זיך בלויז באַגנוגענען מיט געציילטע נעמען און מיט בקיצור־דיקע באַמערקונגען.

פּאַראַלעל מיט בערגעלסאָנען און ערגעץ ווו אויך אונטער זיין שעפערישע השפעה, שפּאַנט אין ערשטער ריי יצחק באַשעוויס. באַשעוויס און בערגעלסאָן קערן זיך אָן געשוועסטערקינדער דער עיקרשט דורך דער מוזיק פון זייער שפּראַך און דורך די עסייִסטישע טראַכטענישן אין מויל פון זייערע העלדן.

דער חילוק אין דער סטיל־מוזיק צווישןביידע דערמאָנטע פּראָזע־שעפער איז, ווי מיר דאַכט, דאָס, וואָס בערגעלסאָנס שפּראַך־געזאַנג איז שווערגעמיטיק ווי אַן אוקראַאינישע דומקאַ, בעת באַשעוויסעס איז כמעט דורכויס די פאַרשייטע מוזיק פון דעם וועג אַראָפּגעפירטע מיסטיקער.

ביי בערגעלסאָנען דערגייען די עסייִסטישע רעפלעקסיעס פון זיינע העלדן נישט העכער ווי צו שאַרפער, פעפערדיקער לעבנס־חכמה, בעת די איבער־טראַכטעניש פון באַשעוויסעס פאַרשוינען האָט אַ סך מאָל דעם טעם פון פילאָ־סאָפישער מחשבה.

אין איינעם מיט באַשעוויסן גייען אויף דער בערגעלסאָן־ליניע אָדער פּאַראַ־לעל צו איר משה אַלטמאַן אין זיין ראָמאַן „מדרש פּנחס", יאָסל בירשטיין אין זיין ראָמאַן „אויף שמאָלע טראָטואַרן", בערל גרינבערג אין זיינע אַרגענטינישע דערציילונגען און דער יונג־פאַרשטאָרבענער הערש לייב קאָזשבער אין זיין זייער געראָטענער ערשטלינג־דערציילונג „קאַזיאַנע גימנאַזיע".

קרובהשאַפט מיט אָפּאַטאָשון קער זיך אָן דער פּראָזע־שרייבער חיים גראַדע. די אָנקערעכץ איז קודם־כל דורך דער בשותּפותער שטורעמדיקער אַטמאָספער אין זייער בעלעטריסטיק. ביי גראַדען איז די זאַווערוכע געווינטלעך אָן אינטענ־סיווערע און אַ מער שטענדיקע. עס איז דאָס מן הסתם דערפאַר, ווייל ביי גראַדען וואַקסט דער שטורעם אַרויס פון זיין ספּעציפישן קריגערישן געמיט־קלימאַט, בעת ביי אָפּאַטאָשון, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין קריגער, נאָר בלויז אַ צונויפּרופער, ווערט די זאַווערוכעדיקייט אַ סך מאָל נאָר טעמאַטיש אָנגעווייעט. גראַדע האָט מער בילדערישקייט אין זיין שפּראַך, אָבער אָפּאַטאָשו האָט דערפאַר אין זיין סטיל די זיכערע האַנט און דאָס צוגעפּאַסטע מעסער אויף צו טרייבערן מיט געניטשאַפט דאָס שפּראַך־פלייש.

אין איינעם מיט אָפּאַטאָשון גייען אויף דער ליניע פון דינאַמישן סיפור המעשה און פון אויסברייטערונג פון יידיש־טעמאַטישן שטח הערץ בערגנער אין אויסטראַליע, יוסף אָקרוטני אין אַרגענטינע, ל. טרייסטער און שמואל איזבאַן אין אַמעריקע און צום טייל אויך רחל קאָרן און י. מעצקער.

1962

י. מ. ווייסנבערג

און עס איז געווען אין די אָנהייב־טעג פון אונדזער יאָרהונדערט. אין די טעג, ווען עס האָט זיך פונאַנדערגעבליט די יידיש־שעפערישקייט און די יידישע יוגנט אין פּוילן איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ הונגער נאָך נייע גייסטיקע ווערטן און פון עפּעס אַ נייער באַוווסטזיניק־געוואָרענער ליבשאַפט צו מאַמע־לשון, האָבן פון די שטעטלעך אין דער ליטווישער און פּוילישער פּראָווינץ געוואַנדערט קיין וואַרשע ניי־אויפגעקומענע יונגע יידישע ליטעראַטן. זיי זענען געגאַנגען קיין וואַרשע נתגלה ווערן און נאָך סמיכה ביים מורה הוראה פון דער יידיש־ליטעראַטור, ביי יצחק לייבוש פּרצן.

עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין פּרצעס דירה אויף צעגלאַנאַ 1 און האָבן זיך פאַרהערט ביים רבין: דער שרייבערישער זון פון קוידאַנאָוו, וואָס האָט

אינגיכן געדאַרפט הייסן איבער גאַר דער יידישער וועלט אברהם רייזען; דעם לאָדזשער רבס אייניקל, דער עילוישער יונגערמאַן פון אַמשינאָוו, דער שפּע־טערדיקער שעפער פון דער פליגלמאַן־געשטאַלט און ברילִיאַנטענער יידיש־עסייִסט הערש דוד נאָמבערג, און דער שלאַנקער באַלעבאַטישער בחור פון קוטנע, וואָס ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און ער איז געוואָרן שלום אַש.

אָבער די אַלע זענען, ווי געזאָגט, געווען כלי קודשדיקע און באַלעבאַטישע קינדער, קינדער פונעם אויבערן און מיטעלערן שיכט פון דער יידישער גע־זעלשאַפט און אינטעלעקט.

דער אמתער סימן, אַז דאָס סאַמאָראָדנע פאָלק, אַז „עמך״ האָט זיך גע־מעלדעט צום שעפערישן וואָרט, איז געווען דער אָנקום פונעם בעל־מלאכהשן געזעלן איטשע מאיר ווייסנבערג פון זשעליכאָוו. ער, ווייסנבערג, האָט נישט געזען זיין טאַטן שרייבן שירים, ווי רייזען. ער האָט נישט געהערט זיין פאָטער לערנען „תנו רבנן״, ווי נאָמבערג, און ער איז נישט געווען דער מוזינעק פון אַ נגידיש־חסידישער שטוב, ווי אַש. הינטער ווייסנבערגן איז נישט געשטאַנען די ישיבה און די קלויז. פונעם וואַרשטאַט, פון שווערער פיזישער האָרעוואַניע איז דער יונגערמאַן אָנגעקומען קיין וואַרשע און האָט זיך מיט זיין נישט־געצוימטער, קינסטלערישער גבורה אַריינגעריסן אין דער ליטעראַטור און האָט געשטאַלטעריש אַזאַ געשריי געטאָן: איך בין דאָ, אַז אַלע האָבן באַלד דער־הערט זיין באַזונדער קול, האָבן דערקענט אין אים אַ שרייבער פון אייגענעם אינהאַלט און פאָרעם און האָבן אים אָנערקענט.

איטשע מאיר ווייסנבערג האָט זיך לפי ערך אַ סך ווייניקער ווי אַנדערע געדאַרפט ראַנגלען וועגן אָנערקענונג. אָנערקענונג האָט ווייסנבערגן נישט געפעלט. עס האָט אים געפעלט רו און זעלישע מנוחה. און נישט דערגרייכן האָט ער געקאָנט די רו, ווייל ער איז בטבע געווען אַ מענטש, וואָס דער נביא ירמיהו האָט אים, רעדנדיק וועגן זיך אַליין, באַצייכנט, וואָ אַן „איש ריב ומדון״, אַ מענטש פון קריג און אַ מענטש פון שטרייט קעגן גאַנצן לאַנד. ווייסנבערג איז געווען אַ מאָנער, אַ מאָנער פון מאָראַלישער גאַנצקייט ביי זיך און ביי דער יידישער ליטעראַטור. עס מאַכט נישט אויס צי די מאָנונג איז געווען גערעכט אין די אויגן פון זיינע חברים און צי די מאָנונג האָט אין זיך געהאַט דעם ווערט פון אָביעקטיווקייט. דער פּאַמפלעטאַר מוז נישט זיין גערעכט. ער מוז זיין קודם און דערנאָך און תמיד באַרעכטיקט צו זיין מאָראַלישער מאָנונג. און אַ באַרעכ־טיקטער איז ווייסנבערג אַלע מאָל געווען, וואָרום זיין רעבעלישקייט איז אַרויס־געוואַקסן פון געוויסן.

געוויסן, מיינען אַ סך, איז אַ פראַגע פון טאַקטיק צו זיך אַליין. עס איז אַ פראַגע ווי אַזוי פאַרענטפער איך מיך פאַר מיר אַליין און פאַר מיין געוויסן־מאָנונג. ביי אַזאַ איינשטעל איז באמת נישט שווער פטור צו ווערן פון געוויסן

און צו האָבן פרידן מיט זיך און מיט דער וועלט. איטשע מאיר ווייסנבערג איז אָבער געווען פון יענעם טיפּ שעפערישן מענטש, וואָס געוויסן מיינט פאַר אים נישט ווי אַזוי פאַרענטפער איך מיך, נאָר ווי אַזוי הער איך מיך אויף פרעגן. און דאָס איז אָן אַן ערך שווערער, וואָרעם אַ וואָך געוויסן הערט אויף צו פרעגן און איבערפרעגן און צו האַלטן אין איין פרעגן ביז —

עס איז קיין ביז נישט פאַראַן. דער ביז דאָס געוויסן הערט אויף צו פרעגן איז געגליכן צו משיחן. ער קומט קיין מאָל נישט היינט, נאָר מאָרגן, און ביז מאָרגן — ליידן און פּיין פון ספקות און פון האָפענונג און אויך פון זיכערקייט, אַז משיח וועט קומען, אַפילו ווען ער פאַרזאַמט זיך.

אַזוי אַרום ווערט דאָס געוויסן פאַר דעם מענטש, אומאָפּהענגיק צי ער איז גערעכט, אויב ער איז נאָר דערצו באַרעכטיקט, אַן ענין פון מאַרטירער־שאַפט. קיינער האָט מער נישט געליטן אָרעמקייט און פּיינטשאַפט אין דער יידישער ליטעראַטור און לטובת איר, ווי איטשע מאיר ווייסנבערג, דער פון דער ערשטער מינוט אָנערקענטער שרייבער, וואָס האָט, אויב נישט קיין מאַ־טעריעל לייכט לעבן, געקענט האָבן, לכל הפּחות, אַ רויִק לעבן אין דער ליטעראַטור.

ער האָט אָפּגעשטויסן די אָנערקענער און געטריבן פון זיך די באַרויִקער, ווייל ער האָט געהאַט אַן אייגענע וויִזיע סיי פון ליטעראַרישער געשטאַלטיקונג און סיי פון מאָראַל אין דער ליטעראַרישער סביבה. ער האָט פון זיין זעונג נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָפּגיין.

וואָס איז געווען ווייסנבערגס זעונג? זיין זעונג איז געווען דער רעבעלישער מענטש. די געזעלשאַפט, די אַלגעמיין־מענטשלעכע און אויך די יידישע, איז נישט קיין שאַפּקעלע פון פאַרצעלאַן־פיגורן, ווו עס שטייען אויסגעשטעלט מיט איידעלער שטילקייט די ר׳ שלמה נגידס און די תהלים־יידן. ניין. די סאָציאַלעווירקלעכקייט זענען (נישט אומזיסט האָט ווייסנבערג דעם ערשטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע שריפטן אין 1925 אַ נאָמען געגעבן „ווירקלעכקייט״) שלמה גראָבער קאָפּ פון „אַ טאַטע מיט בנים״ און יאַנקל סטאָליאַר פון „אַ שטעטל״.

און די מאָראַלישע זעונג פון דער ליטעראַרישער סביבה איז געווען די זעונג פון שרייבער, וואָס זענען אין גאַנצן אָפּגעגעבן צו זייער שעפערישקייט און פאַרשווענדן נישט אַ טאָג און אַפילו אַ שעה אויף זשורנאַליסטישער אַרבעט, וואָס איר לוין איז פּרנסה, אָבער נישט דאָס שעפערישע געוויסן.

מיר איז נישט קיין חידוש, וואָס אַזעלכע לירישע דיכטער און לירישע טראַכטער ווי ישראל שטערן ז״ל און איציק מאַנגער, אים צו לאַנגע יאָרן, האָבן געהאַט אַזאַ באַציִונג צו דעם להיפּוך פון זיי לכאורה געשטאַלטעריש־ליאַרעמדיקן דערציילער איטשע מאיר ווייסענבערג. עס איז מיר נישט קיין חידוש, ווייל דווקא זיי, וואָס זייער ליד גייט אויף די שפּיץ־פינגער פון קאָסמישער

שטילקייט (דער עיקר מאַנגערס ליד) און פון וואָרט־ראַפינירטקייט זענען אָבער צו דער זעלבער צייט די דראַמאַטיקער פון שטילקייט. זייער שטילקייט איז קיין מאָל נישט אידיליש, נאָר אַלע מאָל דראַמע, אַלע מאָל טראַגיש.

די שענסטע עסיי, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען וועגן וויסנבערגן, איז די עסיי פון ישראל שטערן און זי איז אויך בלי ספק די גרעסטע פון ישראל שטערנס אויפגעזאַמלטע עסייען.

שטערנס טעזע וועגן וויסנבערגן איז, אַז „ער האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם געשריי".

וויסנבערגס רבי, פרץ — זאָגט ריכטיק שטערן — איז געווען צו־אַריסטאָקראַטיש ער זאָל שרייען; זיין חבר אברהם רייזען — צו גוטמוטיק; זיין חבר הערש דוד נאָמבערג — צו רעזיגנירט, און זיין חבר שלום אַש צו ליריש.

וויסנבערג איז געקומען מיט דער ריכטיקער פּאַרציע ליאַרעמדיקייט אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער ווי פּאַר יעדן אמתן קינסטלער, איז אויך פאַר וויסנבערגן דער ליאַרעם געווען בלויז דער חומר אויף צו געשטאַלטיקן און אָנצוקומען צום קינסטלערישן ציל — צו שטילקייט.

וויסנבערגס ליאַרעמדיקייט איז אין תוך, וואָלט איך געזאָגט, נישט מער ווי אַ „ספּאַזמאַטישע שטילקייט". דער אויסדרוק „ספּאַזמאַטישע שטילקייט" איז טאַקע וויסנבערגס. ער נוצט אים אין זיין דערציילונג „ווי דער גורל פירט", וואָס איז די ערשטע אין דער זאַמלונג פון די נייע דערציילונגען, וואָס איז אַרויס מיט דער הילף פון די זשעליכאָווער לאַנדסלייט און מיט אַ הקדמה פון וויסנבערגס טאָכטער פּערל (געקליבענע ווערק, שיקאַגאָ, 1959).

אין די נייע ווי אין די אַלטע דערציילונגען פאַרמאָגן וויסנבערגס געשטאַלטן ערגעץ ווו די דראַמאַטישע רעליגיאָזיטעט פון דעם דיכטער און עסייִסט ישראל שטערן.

„וויסנבערגס פּאַרשוינען", זאָגט ישראל שטערן, „שרייען נישט אַזוי אַרויף, נאָר אַראָפּ. זיי שרייען זיך אַראָפּ פון הארץ".

און אָט־דער „געשריי אַראָפּ" איז, לפי דעתי, אפשר דער העכסטער אַרויף. וואָרים ביי „געשריי אַראָפּ" איז דער רבונו של עולם נישט קיין שטראָפער און נישט קיין באַלוינער. ער איז בלויז די גרעסטע אין־סופיקע עדותשאַפט פונעם מענטשנס „מן המצר". אַזאַ מין „אַראָפּ", וואָס דער העכסטער „אַרויף" איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. איז פאַראַן עפּעס העכערס און העראָישערס, ווי דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס איז געווען די „ספּאַזמאַטישע שטילקייט", דאָס אַראָפּרעדן זיך פון הארץ פון דעם נאָך פאַרבליבענעם און פאַרצווייפלטן הייפל יידן אין וואַרשע?

*

ווען איטשע מאיר ווייסנבערג איז מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק, דעם 13טן אויגוסט, 1938, נפטר געוואָרן, איז דער סך הכל פון זיינע 57 יאָר געווען אַ רייכע ליטעראַרישע ירושה, וואָס שטעלט אים אַוועק אין דער פראָנט־רייע פון אונדזער יידיש־פּראָזע און — אַ לעבן פון אָרעמקייט און מאַטערניש.

זיין לוין איז געווען, וואָס ער איז געשטאָרבן פאַר דער צייט און האָט נישט געמוזט צוזען דעם חורבן פון דער יידישער וועלט אין פוילן און דעם אומקום פון זיינע אייגענע שטיל־ליאַרעמדיקע העלדן, און זיין לוין איז געווען, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט קינדער נישט בלויז מיט פיעטעט צום פאָטערס אָנדענק, נאָר אויך מיט זאָרג צו זיין ליטעראַרישן ווערק.

די ייִנגערע פון ווייסנבערגס צוויי טעכטער, די איינציק־לעבן געבליבענע טאָכטער, פּערל, איז די אלמנה פון דעם סאָוויעטיש־יידישן פּאָעט, דעם קדוש זעליג אַקסעלראָד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרן חטא פון „יידישן נאַציאָנאַליזם". זי, פּערל, איז אַליין אַ שרייבערין, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן איר פאָטער אין וואַרשע, אין מינסק און אין תל־אביב, און האָט אויך געשריבן דערציילונגען, וואָס איינע פון זיי איז אין העברעישער איבערזעצונג פּרעמירט געוואָרן.

פּערל ווייסנבערג האָט אויך, ווי שוין דערמאָנט, געשריבן די הקדמה צו דעם ערשטן באַנד „געקליבענע ווערק", וואָס די זשעליכאָווער לאַנדסלייט האָבן פאַראיאָרן אַרויסגעגעבן אין שיקאַגאָ. די הקדמה פון פּערל ווייסנבערג איז געשריבן מיט היפּש קריטישער געניטשאַפט. זי אַנאַליזירט, און צום גרויסן טייל מיט געלינגשאַפט, אַ טייל פון פאָטערס געשטאַלטן און פּרוּווט אויך אויסטייטשן ווייסנבערגס שרייבערישן ווי־אַזוי. אָבער זי האָט, ווייזט אויס, געירשנט פון איר פאָטער נישט בלויז זיין סתם שרייבערישע באַגאַבונג, נאָר אויך זיין פּאַמפלעטאַרישן טעמפּעראַמענט.

אירע פּאַמפלעטאַרישע טענות זענען נישט בלויז ווייט פון אָביעקטיוויקייט, נאָר זיי זענען אויך אַ דבר שלא בעתו, אַ זאַך, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט נישט אין דער ריכטיקער צייט. אַזעלכע טענות, ווי אַז „ווייסנבערג, דער קינסטלער פון אַזאַ געוואַלטיקער פּאָטענץ, איז ביי אונדז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה", אָדער, אַז „דער באַיקאָט האַלט נאָך אַלץ אָן, משמעות, אַז די מיטל־מעסיקייט האָט פון אים צו־שטאַרקע אמתן געהערט..." האָבן קיין מאָל נישט געזינדיקט מיט אָביעקטיווער וואָרהייט, אָבער די געשטאַלט פון איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין פּאָזיציע אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער סביבה האָבן די טענות פּאַמפלעטאַריש באַרעכטיקט.

היינט, נאָכן מבול, האָבן אַזעלכע רייד אין מויל פון פּערל ווייסנבערג נישט קיין באַרעכטיקונג. דער מבול האָט נישט בלויז פאַרפלייצט און אומגעבראַכט

אַלע יידן אין פּוילן און אַלע יידישע שרייבער אין וואַרשע, נאָר ער האָט אויך אַראָפּגעלאָזט אין תהום אַלע אומבאַרעכטיקטע און אַלע באַרעכטיקטע טענות אין דער אומגעקומענער ליטעראַרישער וועלט. פאַרבליבן איז בלויז די לויטער־קייט פון די געשטאַלטן און די געלייטערטקייט פון רייד, וואָס גייט אויף אַ דור שפּעטער נאָך דעם ווי דער מאַנעקינען־שפּיל, וואָס מענטשן רופן לעבן, האָט זיך שוין פאַרענדיקט און עס קומט צום וואָרט דאָס אמתע לעבן און דאָס לעבן פון גייסטיקע ווערטן.

און איטשע מאיר ווייסנבערגס גוט־אָפּגעקליבענע דערציילונגען באַפעסטיקן אַלע מאָל פון דאָס נײַ זיין קינסטלערישע ווערטיקייט. מען דאַרף אַרויסגעבן ווייסנבערג ליטעראַרישע ירושה און — זיינע פּאַמפלעטאַרישע טענות, וואָרעם זיי זענען געווען באַרעכטיקט בלויז אין זיין שעפערישן מויל און ווייטער אין קיינעמס נישט — אפילו נישט אין מויל פון זיין געטרייער טאָכטער.

1960

אברהם רייזענס טריומף

דאָס ווערק פון אַ שרייבער האָט נישט בלויז ביי זיין לעבן, נאָר אויך נאָך זיין טויט זיינע דערפרייענדיקע אַרויפן און אַ סך מאָל טרויעריקע און אומפאַרשטענדלעכע אַראָפּן.

אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ געוויסער אונטערשיד ביי דער אָפּשאַצונג פון די אויפשטייגן און די אַראָפּפאַלן ביים לעבן און נאָכן טויט. ביים לעבן פון אַ שרייבער איז נישט געמאָלט קיין פעסטע, סטאַבילע פּאָזיציע. אַ שרייבער ביים לעבן מוז אַלץ שטייגן און שטייגן מיט זיין ווערק. יעדער שטילשטאַנד מיינט אַן אַראָפּ און יעדער אָפּרו, יעדע אָטעם־פּויזע קאָן אַזוי אויסגעטייטשט ווערן.

נאָכן טויט אָבער ווען דאָס ווערק בלייבט אָן זיין מייסטער איז שוין יעדער שטילשטאַנד אַ דערגרייכונג, אַן אַרויף. אויב נאָר נישט קיין אַראָפּ מיינט שוין דאָס אַליין אַן אויפשטייג, וואָרעם עס באַווייזט דעם כוח פון דעם ווערק זיך צו האַלטן איבער די רייסנדיקע וואַסערן פון פאַרגעסעניש, וואָס די בייזע צייט פּרוּװט מיט זיי אָפּשווענקען דעם זכר פון די געשטאָרבענע פונעם געמיט פון די לעבעדיקע. ווי אַזוי ווייסט מען ווער פון די געשטאָרבענע שרייבער איז מיט זיין ווערק אַרויף אָדער אַראָפּ? ווער און וואָס איז די מאָס?

פאַרשטייט זיך, אַז ווי ביי אַלע ליטעראַטורן אַזוי אויך ביי אונדזער יידיש־ליטעראַטור זענען די מאָס: דער קריטיקער און דער לייענער. דער קריטיקער

שרייבט וועגן די ווערק און ער איז דער שמידער און אויסשמידער פון אַן עפּנטלעכער מיינונג וועגן זיי. דער לייענער ווידער — ער קויפט, ער לייט, ער לייענט, אָדער ער קויפט נישט, לייט נישט און לייענט נישט די ביכער פון דעם און יענעם שוין זכרונו לברכהדיקן שרייבער און לאָזט דערמיט וויסן זיין באַציִונג צו די ווערק, צו די געשטאַלטן און בכלל צו דעם אופן שרייבן פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

אַזוי איז אין אַלע ליטעראַטורן. ביי אונדז אין דער יידיש־ליטעראַטור מוז מען צו דעם „אַזוי" צוגעבן אַ גרויסע באַוואָרעניש. וואָרעם מיר האָבן, ראשית, אַפילו ווייניק רעצענזענטן, אַ פּשיטא שוין קריטיקער, און דאָס ביסל וואָס ס'איז פאַראַן וואָלט געדאַרפט האָבן עוג מלך הבשנס כוחות צו טאָן אַרבעט פון אָפּשאַצונג און פון דאָס ניי אָפּשאַצונג, וואָס איז נייטיק, כדי די מיט אומרעכט פאַרגעסענע זאָלן נישט בלייבן פאַרגעסן און כדי עס זאָל נישט צעשטערט ווערן בנוגע זיי די ווערטן־היעראַרכיע, ד. ה. דער „ווער קודם און ווער ערשט דערנאָך", וואָס אָן דעם קאָן זיך גייסטיקייט נישט באַגיין. די שטענדיקע וואַכקייט פון דער ווערטן־היעראַרכיע איז די אָרדענונג, איז, אַזוי צו זאָגן, די לעגיטימע רעגירונג אין מלכות פון גייסטיקער שעפערישקייט.

די באַוואָרעניש וועגן די לייענער איז נאָך אַ גרעסערע, וואָרעם ווי פּאַראַ־דאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען איז עס אָבער אמת, אַז די צאָל לייענער ווערט אין דער פּראָפּאָרץ אַלץ קלענער ווי די צאָל יידיש־שרייבער. נישטאָ נאָך אַ ליטעראַטור ווו דער שרייבער זאָל זיין אַזוי לייענעריש און קריטיש בלויז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין און אַזוי ווייניק אויפן לייענער ווי אין אונדזער ליטעראַטור.

איך זאָג דאָס נישט לשם קלאָגעניש אָדער באַקלאָגעניש. אַ ליטעראַטור ווי אונדזערע, וואָס אין די טערמינען פון העגריק איבסענס געשטאַלטן־גאַלע־ריע, וואָלט איך זי אָנגערופן אַ ד"ר שטאָקמאַנישע, ווייל זי שטייט און פאַלט מיט דער עקשנות און מיט דעם אידעאַליזם און מיט דער מסירות־נפשדיקער „כאָטש אַזוי" און „דווקא אַזוי"־שעפערישקייט פונעם שרייבער — אַזאַ ליטע־ראַטור פאַרמאָגט אַ גרויסע מאָראַלישע דערהויבנקייט. און פאַר די וואָס קאָנען דאָס משיג זיין און אויפנעמען איז דאָס יענער שכרלאָזער שכר, מיט וועלכן עס האָבן זיך, ווי עס הייסט, דערפרייט אַ ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער און אַ ר' נחמן בראַצלאַווער ווען מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן קיין עולם הבא נישט האָבן, ווייל איצט קאָנען זיי דינען גאָט ברוך הוא מיט דעם „לעבדך באמת", אָן שום לוין־פּניות.

און אַז אַזאַ איז די מערכה פון אונדזער לייענערשאַפט קאָן די מערכה פון אונדזער פאַרלעגערשאַפט נישט זיין בעסער, נאָר ערגער.

ווו זשע איז דער „גאַלופּ פּאָל" אויף אויסצוגעפינען ווי עס האַלט מיט די

ווערק פון די שרייבער פונעם פריערדיקן דור אין גענמיט פון דעם ביסל יידיש־לייענער און פון דער היפשער צאָל פּאָטענציעלע לייענער פון יידיש־ליטעראַטור, און אויב נישט אַליין־לייענער, איז צוהערער ווי אַנדערע לייענען פאַר יידישע לידער און דערציילונגען. אַיעדן פון אונדז ברענגט די דערפאַרונג אַנטקעגן יידן, מאַנצבילן און פרויען, יונגע און עלטערע, וואָס ווערן געטריבן פון עפּעס אַ מאָדנער, פאַרהוילענער בענקשאַפט געוויר צו ווערן וועגן דער שעפערישקייט אויף יידיש.

מיר איז אַנטקעגן געקומען אין ניו־יאָרקער יידישן לערער־סעמינאַר די דערפאַרונג מיט אַ מנין יידישע פרויען, וואָס אַז מען וויל, קאָנען זיי, די צען פרויען, זיין אַ קווערשניט פון אונדזערע פּאָטענציעלע האַלבוועגס, דריי פערטל און גאַנץ אָפּגעפרעמדטע יידיש־לייענער מיט אַ בענקשאַפט זיך צו וואַרעמען ביי דעם הייסן קוואַל פון יידישער שעפערישקייט.

פון די צען פרויען האָבן צוויי געקאָנט נאָכגיין אין בוך די מעשה וואָס איך האָב פאַר זיי געלייענט. די איבעריקע האָבן צום טייל בלויז שווערלעך אויפגעכאַפּט מאַמע־לשון. לויט דער עלטער זענען זיי יונגע באָבעס, בכבודיקע מאַמעס און נאָך יינגער, און דער מוזיניק צווישן זיי — אַ מיידל אין די צוואַנציקער, וואָס גרייט אַ דאָקטאָראַט־טעזע וועגן יידישע דראַמאַטורגן.

מע האָט געלייענט די קלאַסיקער און די נאָכקלאַסיקער און צווישן זיי אברהם רייזענען. וויל איך דאָ איבערגעבן וועגן דעם רושם, וואָס אברהם רייזען האָט געמאַכט אויף מיינע הערערינס. עס איז אַ מצווה און אַ פרייד וועגן דעם צו שרייבן, ווייל אַרום אברהם רייזען האָט זיך אין די צען יאָר זינט זיין פטירה (די צען יאָר ווערן פאַרפולט אין דער סדר־נאַכט הבע״ל) געשפרייט אַ שווייגעניש, אַ טיף אומגערעכטע שווייגעניש, ווי, דאַכט זיך, אַרום קיין שום אַנדערן פון אונדזערע וויכטיקע שרייבער פון פריערדיקן דור.

איידער איך בין געגאַנגען אין קלאַס לייענען און איבעררעדן וועגן אברהם רייזען, האָב איך נאָך אַ מאָל מעיין געווען אין זיינע געזאַמלטע לידער און געזאַמלטע דערציילונגען.

איך מוז פון לכתחילה זאָגן, אַז באַאיינדרוקט האָבן מיך מער די דערציילונגען. אין די לידער איז אברהם רייזען אַ ראשון. ער איז דער ערשטער פעסטער און אַנטשלאָסענער שריט פונעם פאָלקס־ליד צום אינדיווידועלן ליד. דאָס אינדיווידועלע אין רייזענס ליד איז קודם כל דער נוסח „איך״. די טעמע איז בדרך כלל אַ פאָלקס־לידערישע, אָבער דער זינגער שטייט פאַר אייך מיט זיין פולן נאָמען. אין אַ סך פון די פאָלקס־לידערישע לידער איז פאַראַן אַ באַזונדערער קנייטש פון אברהם רייזענס צערדיקן הומאָר, אַ קנייטש פון זיין איראָניע און קלוגשאַפט, און אָט דער קינסטלערישער בייג דערהייבט רייזענס ליד און מאַכט פון אים אַ יחידיש ליד.

אָבער עס זענען דאָ צווישן די לידער אויך אַזעלכע פון פּאָלקאָמענער אינדיווידועלער זעלבשטענדיקייט, ווו עס רעדט און זינגט נאָר אברהם רייזען דער יחידישער ליריקער. דאָס איז אברהם רייזען אין זיך אַליין דורכגעגאַנגען אַ שטיק וועג פון דער יידישער ליריק פונעם ליד „צום העמערל" ביז צו אַזעלכע לידער, למשל, ווי „וועלט־טרויער", ווו

איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד —
עס האָט דער צער מיך ווייט געטריבן,
ביז וואַנען איך בין שטיין געבליבן,
איך האָב דערהערט דעם טרויער פון דער וועלט.
און וואָס די גאַנצע וועלט האָט דורכגעלעבט,
אין אַלע אירע צייטן דורכגעליטן —
האָט שטיל פאַרביי מיר דורכגעריטן
און דורכגעקלונגען, דורכגעשוועבט...

און ווי „דער פּאָעט" וואָס —

גאָט פאַרמאָגט דעם גרויסן הימל
ער — די קליינע לידער.

סוף ספּעציע היסטאָריע, אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, שטרייכט אונטער אברהם רייזען אַליין אַ הויפּט־אויפטו פון זיינע לידער. ער שרייבט אין דער הקדמה צו דער דערמאָנטער אויסגאַבע פון די געזאַמלטע לידער, אַז עס „גייען דורך אין די אַלע אָפּטיילונגען פון גרעסערן באַנד — די אַלע פּעריאָדן, פּאַסירונגען — וועלט־פּאַסירונגען פון יידישן פאָלק — אין פאַרלויף פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און נאָך מיט אַן עודף פון אַ צענדליק יאָר פון די נייַנציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט".

און דאָס איז הונדערט פּראָצענט ריכטיק. פונעם „דאָס העמערל" (קאָוונע, 1897) און „די קירכנגלאָקן" (מינסק, 1900) און איבער „מאַי קא משמע לן?" (וואַרשע, 1903) און אַ „ניו־יאָרקער אידיליע", „אַ נעגערל" און דער „סטרייק" (ניו־יאָרק, 1911 אין 1912) ביז צו דער אָדע צו איינשטיינען און דעם געזאַנג צום „דזשאָינט", איז אַ גרויסער טייל פון אברהם רייזענס לידער אַ געטרייער היסטאָרישער קוואַל פאַרן געשיכטע־שרייבער פון זעכציק יאָר יידיש לעבן אין דער אַלטער היים און אויפן נייעם קאָנטינענט, נישט אַנדערש ווי דאָס פּאָלקס־ליד.

אַ קלענערער טייל פון די לידער דערציילט טאַקע וועגן דעם יחידישן ליריקער אברהם רייזען, אָבער דער גרעסערער וועגן די אַלע פּאַסירונגען „וועלט־פּאַסירונגען פון יידישן פאָלק", ווי ער זאָגט אַליין, וואָס האָבן פּאַסירט אין

פאַרלויף פון דעם לעצטן יאָרצענדליק פון נײַנצנטן און פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווען עס קומט צו אברהם רייזענס דערציילונגען, ווי איך זע זיי פאַר מיר אויפגעזאַמלט אין דעם פריער דערמאָנטן באַנד פון דער ל. מ. שטיין־ביבליאָטעק, איז דער ענין גאָר אַן אַנדערער. דאָ, אין זײַנע דערציילונגען, איז אברהם רייזען נישט בלויז אַ ראשון אין אונדזער בעלעטריסטיק, נאָר אַ סך מאָל אַן אחרון, אַ העכסטער דערגרייכער.

עס זענען ביי אים פאַראַן דערציילונגען, ווי, למשל, „אברהם דער שוסטער", „דער שמעק טאַבעק", „דער בוים" „די רירנדיקע דרשה" און אַ היפּש ביסל אַנדערע וואָס מען מעג זיי אַן גוזמא באַצייכענען ווי שעדעווערן פון דער דערצייל־קונסט. עס איז אין זיי פאַראַן אַ שטיק ניכטערער צמצום פון געשטאַלטיקונג, וואָס איז נאָר צו טרעפן אין מאָפּאַסאַנס דערציילונגען, אַ שטיק פון דעם טיפן ליריזם, וואָס מ'קאָן באַגעגענען נאָר אין טשעכאָווס מעשות און דער צערפּולער הומאָר, און די העכסטע יידישע מידה פון רחמנות, וואָס נאָר אברהם רייזען האָט אַזוי דירעקט און אַזוי אוממיטלבאַר געקאָנט צוקומען צו אירע פאָלקס־קוואַלן.

אין זײַן אינטערעסאַנטן עסיי „פּרצס וועג" (זאַמלביכער, באַנד 3, מאַי, 1938) שרייבט יוסף אָפּאַטאָשו ז"ל, אַז — „אין דעם יידישן לעבן, אין דער יידישער ליטעראַטור איז רחמנות מער ווי אַ שיטה, רחמנות איז ביי שד"לן (שמואל דוד לוצאַטו) דער הויפּט־עיקר. מענדעלע האָט אים אָנגעטאָן אַ קינסטלערישע טאָרבע און רייזען האָט דאָס רחמנות אַרויסגעפירט פון יידישן תחום, עס געוואָלט פאַר־ווייַעלטלעכן".

לפי דעתי, איז אָפּאַטאָשו דאָ פולשטענדיק גערעכט. דאָס געמיט פון דער יידיש־ליטעראַטור איז דאָס געמיט פון לוי יצחקשער רחמנות, בעת דאָס געמיט פון דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור איז דער נביאישער נשמה־צושטאַנד פון צדק, פון גערעכטיקייט. און וואָס שייך אברהם רייזענען, האָט ער, ווי איך זע דאָס, נישט בלויז געוואָלט פאַרוועלטלעכן דאָס רחמנות־געפיל, נאָר ער האָט עס טאַקע פאַרוועלטלעכט.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ביי פּרצן פאַרבלייבט דער נעמיראָווער רבי (עס איז דאָס די דערציילונג, אין וועלכער עס בליט ביי פּרצן צום שענסטן און צום בולטסטן דער יידישער עיקר פון רחמנות) אין אַ געוויסער מאָס נאָך אַלץ אין זײַן רבישן קאָלפּאַק, וועלכן ער פאַרבייט אויף וואַסיליס קוטשמע, כדי מקיים צו זײַן די פולע מצווה פון רחמנות. דער נעמיראָווער פאַרבלייבט מיט זײַנע רבישע און וואַסילישע רעקוויזיטן, און דער פרעמדער און אָפּגעפרעמדטער לייענער כאַפּט אפשר אויף מער דאָס עקזאָטישע אָנשטאָט דאָס דערהויבענע פּראָסט־פּשוטע מענטשלעכע געפיל פון רחמנות, וואָס דאָמינירט ביים נעמיראָ־ווער איבער אַלע אַנדערע רעליגיעזע לאָיאַלקייטן.

אברהם רייזען האָט דאָס געפיל פון רחמנות פאַרוועלטלעכט, דאָס מיינט, אַז זיין פּעכאָטנע מגיד פון דער דערציילונג „די רירנדיקע דרשה" שטייט פאַרן אָפּגעפרעמדטן לייענער און לייען־צוהערער נישט אין יידישע בגדים, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַן אויסגעטוענער פון אַלע דרויסנדיקע עטנישע רעקוויזיטן. ער איז די פאַרקערפּערונג פון רחמנות.

ווען רייזענס פּעכאָטנע מגיד פּלאָנטערט זיך אַרויס פון זיין דרשה מיט אַ געשריי: „רבותי! איך בין אַ ייד פון אַכט קינדער (רייזענען גייט נאָך דאָס „געזינד זאַלבע אַכט"), איך בין שוין אַ יאָר פון דער היים... זיי הונגערן דאָרטן אוודאי. רבותי, רחמנים, בני רחמנים, האָט רחמנות אויף אַ טאַטן פון אַכט קינדער" — שטעלט זיך אויף און עס רעדט צום לייענער און צוהערער דאָס רחמנות אַליין, וואָס לאָזט וויסן, אַז רחמנות איז דער עיקר פון מענטשלעכן לעבן און דער הויפּט־אופן ווי אַזוי אַנטקעגנצושטעלן זיך דער נויט און דעם עלנט.

עס רעדט דער עיקר פון רחמנות דורכן פּעכאָטנע מגידס מויל און טרעפט צו אַלעמענס הערצער און רירט ביז טרערן, ביז אָפּענעם געוויין.

דאָס שיינע, סימפּאַטישע מיידל אין די צוואַנציקער, וואָס גרייט איר דאָקטאָראַט־טעזע, האָט אין איר לעבן קיין פּעכאָטנע מגיד נישט געזען און דאָס באַשריבענע לעבן סיי אין „דער שמעק טאַבעק" און סיי פון דער „רירנ־דיקער דרשה" איז איר לגמרי פרעמד, אָבער עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַזאַ טיף רחמנות צו בן־אדמן, צו זיין דערשלאָגנקייט, צו זיין עלנט און צו זיין נויט, אַז ווען איך האָב געענדיקט לייענען די צוויי דערציילונגען, איז זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

דעם מיידלס געוויין און אונדזער אַלעמענס טרערן אין די אויגן זענען געווען אברהם רייזענס טריומף, דער טריומף פון זיין רחמנות און פון זיין קונסט.

יידיש־סאָוויעטישע פּראָזע

א

דער נסתר

פּיניע קאַהאַנאָוויטש פון באַרדיטשעוו האָט אונטער דעם פּסעוודאָנים דער נסתר דעביוטירט אין דער יידיש־ליטעראַטור אין יאָר 1907, ד. ה. אין דעם זעלבן יאָר, וואָס דוד בערגעלסאָן. פון זיין ערשטן בוך „געדאַנקען און מאָטיוון" איבער זיינע ווייטערדיקע ביכער „העכער פון דער ערד", „געזאַנג און געבעט",

„מעשהלעך אין פערזן" און די צוויי בענד „געדאַכט" איז פּיניע קאַהאַנאָוויטש טאַקע געווען אַ נסתר, אַ פאַרהוילענער אין זיין שרייבן. ער האָט געפּרוּווט זיין און איז צום טייל געווען אַ נעאָמיסטיקער אין זיינע דערציילונגען און אַלע מאָל אַ סימבאָליסט, כ'מיין, אַזאַ שרייבער, וואָס די געשעענישן און געשטאַלטן אין זיינע ווערק אָטעמען מיט אָנווינקעניש אויף „העכער פון דער ערד".

אין איינער פון זיינע דערציילונגען אונטערן נאָמען „מוסר", אין דער זאַמלונג „געדאַכט", מאָלט דער נסתר אַ פאַרצעלייען הינטל אויפן שרייבטיש. דאָס הינטל האָט ציינוויטיק און איז פאַראומערט און פאַרזאָרגט, און מיט דעם־אָ הינטל האָט דער שרייבער אַן איבערשמועס. דאָס פאַרצעלייענע הינטל דער־ציילט זכרונות וועגן די פאַרצעלייענע יאָרן ווען מען האָט נאָך געלעבט, און דעם הינטלס זיידע האָט געגעסן די ערשטע סעודה ביים שרייבערס זיידע. דאָס הינטל זאָגט מוסר דעם שרייבער און זיינס גלייכן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אַריבער־צושפּרינגען איבער זיך אַליין און שפּרינגענדיק גייט ביי זיי פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל מזומן פון קעשענע. דאָס הינטל לאַכט פון דעם מין מענטש, וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז גרענעץ איז באַגרענעצט און אַז מען מוז מורד זיין, ד. ה. ווידערשפּעניקן קעגן באַגרענעצטקייט. דער אמת — פאַרזיכערט דאָס הינטל — איז געגעבן אין גרענעצן און נעמען אויף זיך מרידה, ווידערשפּעני־קייט הייסט נעמען אויף זיך אַ יאָך.

דאָס איז איין זייט פון דעם מוסר וואָס דאָס פאַרצעלייענע הינטל האָט געזאָגט דעם שרייבער, און די אַנדערע זייט איז געווען אַ היפּש פאַרקערטע. דאָס הינטל האָט דעם שרייבער דערמאָנט אין אַ חלום וואָס ער האָט געחלומט און דערביי געוויינט פון שלאָף (דאָס פאַרצעלייענע הינטל שטייט דאָך אויפן שרייבטיש און וואַכט איבערן שרייבערס וואָר און איבער זיין חלום). דער שריי־בער האָט געחלומט ווי אַ שטאָט האָלט זיך אין בויען. זי בויט זיך גיך און די אַרבעט גייט פלינק און אָט זענען די מויערן שוין פאַרטיק און — די פענצטער זענען געמאַכט מיט גראַטעס ווי אין תפיסות.

און פּלוצלינג — אַלע מויערן זענען איין מויער געוואָרן און אינעווייניק זיצט ער אַליין דאָרט...

און ער דערזעט זיך, דער שרייבער, אַ יונג אָדלערל וואָס האָט אויגן פאַר־בענקטע און פאַרמרה־שחורה־טע ווי ביי אַן אַלטן געפאַנגענעם און דאָס אָדלערל שרייבט אַ בריוו צו זיין טאַטן: כ'בין נאָך קיין מאָל אַזוי עלנט נישט געווען, כ'האָב נאָך קיין מאָל זיך אַזוי עלנט נישט געפילט און — טאַטע, קיין מאָל האָט נאָך, ווי איך דיך, אַ זון אַ טאַטן נישט ליב געהאַט.

איך האָב ציטירט די עטלעכע פּאַראַגראַפן פון נסתרס מעשהלע, אי ווייל עס כאַראַקטעריזירט, גלייב איך, דעם נסתרס אופן שרייבן און זיינע „העכער איבער דער ערד"־מעשיות. אָבער נאָך מער האָב איך געבראַכט דעם ציטאַט פון דעם

נסתרס בוך „געדאַכט״, וואָס איז אַרויס אין בערלין אין 1924, כדי צו ווייזן ווי דעם שרייבערס געמיט האָט זיך געראַנגלט צווישן אָנגעמען דעם סאָוויעטישן רעזשים, וואָס איז, „דער אמת וואָס ווערט געגעבן אין גרענעצן״ אין איינעם מיט דער הנאה פון דער בווּנג פון אייגן זייט, און דער אייגענער געפאַנגענשאַפט און אייגענעם עלנט און מיט דער אומענדלעכער בענקשאַפט נאָך טאַטע און ברודער פון הינטער די מויערן פון דער אַנדערער זייט.

דער נסתר האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געלעבט אין דייטשלאַנד, האָט געוווינט אין בערלין און אין האַמבורג. אין 1928 האָט ער זיך אומגעקערט קיין ראַטן־רוסלאַנד, אַ יאָר שפּעטער האָט מיט אים דער אוקראַיִנישער מלוכה־פאַרלאַג געטאָן אַ חסד און האָט דורכגעלאָזט זיינס אַ בוך מעשהלעך „פון מיינע גיטער״, וואָס זענען נישט ווייניקער פאַנטאַסטיש ווי די מעשהלעך פונעם בוך „געדאַכט״, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די סימבאָלישע אָנווינקענישן אין די מעשהלעך „פון מיינע גיטער״ זענען כשרע, ווייל זיי לאָזן זיך דרשענען דורכויס לטובת דער רעוואָלוציע און לטובת דעם סאָוויעטישן רעזשים. אין דער אמתן איז דער דאָזיקער באַנד מעשהלעך, וואָס אין איינעם פון זיי ווערט דערציילט וועגן אַ לייענער, וואָס האָט אין אַ בוך־וואָך געקויפט אַ ספר וואָס זייך „אויטאָר איז דער נסתר און דער נאָמען פונעם בוך „שריפטן פון אַ דולן״, געווען מער ווי אַ חסד. עס איז געווען ממש אַ נס, וואָס אַ סאָוויעטישער מלוכה־פאַרלאַג האָט דורכגעלאָזט אַזאַ ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי ווייט פון סאָציאַליס־טישן רעאַליזם, ווי פּרצס „חסידיש״ אָדער „פאָלקסטימלעכע מעשהלעך״. און אַ נס געשעט נאָר איין מאָל. ער חזרט זיך נישט איבער. אין זיין צווייטן בוך „הויפּטשמעט״ (אַרויס אין 1934) האָט דער נסתר געפּרווּט זיך צו דערנענטערן צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם דערמיט וואָס ער האָט אין דעם דערמאָנטן בוך געגעבן קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן וועגן סאָציאַליסטישן איבערבוי פון די סאָוויעטישע מעטראָפּאָליעס כאַרקאָוו, לענינגראַד און מאָסקווע.

אָבער דאָס איז בלויז געווען דער נסתר, וואָס האָט זיך געפּרווּט צופּאַסן. אינעווייניק אין דעם דיכטער האָבן ווי פריער, ווי אין אַלע יאָרן, געלעבט די געשטאַלטן וואָס ער האָט אין איינער פון זיינע מעשיות אונטערן נאָמען „נע ונד״ כאַראַקטעריזירט אין די ווייטערדיקע פערזן:

איך וואָגלערס אָן סטעזשקעס, איך שאָף, איך צעשפּרייטע
יתומים אָן היימען, פון לעבן פאַרזייטע,
איך קינדער פון אומרו, פון נעכט און פון בענקען,
פון אייביק וואָגלען, פון קלערן און דענקען,
פון אומגיין און טראַכטן פון אייביק לעבן,
פון אייביק גיין, פון אייביקן שטערבן...

די געשטאַלטן זענען געבליבן די איין און די זעלביקע „פון אייביק וואָגלען, פון קלערן און דענקען”, נאָר וואָדען? דער געפּאַנגענער הינטער דער גרויסער מויער האָט געפונען דאָס שטיקל יבשה ווו די וואָגלערס קאָנען אַוועקשטעלן אַ פוס. דער נסתר האָט זיך אונטערגעגעבן דעם „אמת פון געזעלשאַפטלעכער באַגרענעצונג” און האָט נישט געפּרווט מורד צו זיין קעגן דער דיקטאַטור. ער האָט זיך בלויז נשמהדיק אָפּגעשיידט און איז ווי דאָס אָדלערל פון זיין מעשהלע אַרויסגעפלויגן מיטן כוח פון זיין פאַנטאַזיע צוריק צו זיין שטאָט באַרדיטשעוו, צו איר יידישן עבר און צו אירע געשטאַלטן, וואָס ווייסן נישט פון קיין גרענעצן אין זייער טראַכטן פון אייביקן לעבן, אין זייער אייביקן גיין, אין זייער אייביקן אַרויף.

דער נסתר האָט אָנגעשריבן זיין צווייבענדיקן ראָמאַן „די משפחה מאַשבער” ווו ער האָט מיט ליבע און מיט בענקשאַפט אַרויסגעפירט בראַצלאַווער חסידים, פון לכתחילה־געוועזענע, און נאָך מער געוואָרענע בראַצלאַווער חסידים, ווי משה מנחם דער פאַרבער, יאַנקל, דער מלמד און שלום דער טרעגער און בראש פון זיי אַלע לוזי מאַשבער און סרולי גאַל. אַלע די דאָזיקע מענטשן האָבן הינטער זיך אַיעדער אויף זיין אופן שטורמישע לעבנס און אַלע זענען זיי דערגאַנגען צום האָפן פון מנוחה, און צו אַ געוויסער מדרגה פון אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה (ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק און פרייד פאַר די רעכטפאַרטיקע).

אַלע די דאָזיקע יידן זענען איבערגעאַנדערשט געוואָרן ווען זיי זענען אָנגעקומען צום האָפן פון טיפער אמונה, ד. ה. נישט צו דער אידיליע, נאָר צו דער דראַמע פון אמונה. זיי זענען אַפילו פיזיש אַנדערש געוואָרן.

שלום דער טרעגער, אַ גבר מיט אַ לעגענדאַרער, ברייטער ברוסט און פּלייצע, אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט אויפעסן זכריה דעם שענקערס שענק מיט אַלע פאַרגרייטע גוטע זאַכן אויף אַ גאַנצן טאָג פאַר אַלע טרעגערס אין מאַרק — אויף אים, שלום טרעגער, איז פּלוצים אָנגעפאַלן אַ פרומקייט, און מען ווייסט נישט פאַר וואָס ער האָט גראָד אָנגעטראָפן צו זיי, צו די בראַצלאַווער חסידים. אָבער זינט ער איז אַריבער צו זיי איז אים נישט צו דערקענען. שלום טרעגער ווייסט נישט וואָס מיט זיין גרויסן גוף צו טאָן, ער שעמט זיך מיט זיין גוף, ער האַלט די הענט אין שויס פון פאַרטעך, ער סטאַרעט זיך זיין הייך נידעריקער צו מאַכן און די פּלייצע איינצושרומפּן. זיין פּלייצע בעט זיך אַ שבתדיקע קאַפּאָטע.

שלום טרעגער איז אַרויס פון גשמיות און אַרויף צו רוחניות, ער איז אַרויס פון וואָך און אַריין אין שבת פון אייביקן גיין און אייביקן קלעטער אַרויף.

און באַגלייך מיט שלום טרעגער אויך די אַנדערע בראַצלאַווער געוועזענע העלדן פון דער נסתרס ראָמאַן.

אַוודאי איז זיך דער נסתר געווען באַוווסט פון די סכנות, וואָס לויערן

אויף זיין ווערק מצד דער פּאַרטיי־ליניע, און ער האָט זיך אין דער הקדמה צו „די משפּחה מאַשבער" באַוואָרנט, אַז „שילדערנדיק אָט די פּאַרשוינען, שוין פּיזיש און גייסטיק פּאַרענדיקטע, האָב איך זיך באַמיט נישט גלאַט צו „קעמפן" קעגן זיי, נאָר זיי געלאָזט אַליין שטיל און פּאַמעלעך גיין צו דער אָנגעצייכנטער באַשערטקייט, צו זייער געשיכטלעך־נויטווענדיקן לעצטן גאַנג — צום אָפּגרונט".

און ער באַוואָרנט זיך ווייטער, אַז „דער עיקר־ציל פון מיין אַרבעט איז געווען נישט נאָר צו פאַרענדיקן מיט אַן אַלטן דור, וואָס האָט געשטעקט איבערן האַלדז אין מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן, נאָר דער עיקר־ציל פון בוך איז ווייזן יענע פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס זענען דאָן געלעגן טיף דערניי־דעריקט אין „דריטן רינג" (דער „דריטער רינג" הייסט ביי דער נסתר דער שטאָט־טייל ווו ס'האָט געוווינט די יידישע אָרעמקייט) און וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אונטערן לאַסט פון יענעם לעבנס־יאָך".

די דאָזיקע באַוואָרענישן פון נסתרן אין זיין הקדמה האָבן אים גאָר נישט געהאָלפן. זיי האָבן אים נישט באַוואָרנט קעגן דער בייזער פּאַרטיי־ליניע. דער נסתר איז סוף 1948 אין איינעם מיט אַלע אַנדערע יידיש־שרייבער אַרעסטירט געוואָרן און — ואיננו. ער איז נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע, ס'איז געווען אַ באַריכט, אַז ער איז דערשאָסן געוואָרן. אָבער ווי עס גיט איבער די שוישפּי־לערין שיינע מרים בראָדערזאָן, די אלמנה פונעם מיטאַרעסטירטן דיכטער משה בראָדערזאָן, איז דער נסתר אין 1951, אָדער 1952 געשטאָרבן אין תּפיסה נאָך אַ לענגערער קראַנקייט.

כדי בעסער צו פאַרשטיין סיי די שוין דערמאָנטע העלדן פון דער „משפּחה מאַשבער" און דער עיקרשט די הויפּט־העלדן לוזי מאַשבער און סרולי גאָל, איז כדאי צו הערן פון איינעם, וואָס האָט מיטן נסתר מיטגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין רוסלאַנד וועגן דעם נסתרס פּירונג און וועגן דעם ווי אַזוי עס איז אים דאָך געשען אַ צווייטער נס און ער האָט געקאָנט אָפּדרוקן דעם ראָמאַן „משפּחה מאַש־בער", וואָס מיט אַלע באַוואָרענישן אין דער הקדמה, הערן מיר זיך נישט אויף צו חידושן ווי אַזוי איז ער דורך די צענזור פון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

וועגן דעם נסתרס פּירונג דערציילט אונדז יצחק יאַנאַסאָוויטש אין זיין בוך „מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד" אַזוי —

א) „דער נסתר האָט זיך אויסגעטיילט צווישן אַלע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער מיט זיין קאָנען זיך אָפּזאָגן פון סאָוויעטישן עולם הזה און אפילו מיט זיין קאָנען מוותר און מבטל זיין די שרייבערישע דערפאָלגן נאָך וועלכע עס זענען להוט געווען אַנדערע יידישע ליטעראַטור־שעפער אין רוסלאַנד.

דער נסתר האָט יאָרנלאַנג געהונגערט, יאָרנלאַנג געוווינט אין אַ קבר־דירה און יאָרנלאַנג זיך קוים געצײלט צווישן דער סאָוויעטישער שרייבער־

מחנה. ער האָט זיך נישט געבויגן, נישט געקלאָגט און נישט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו ענדערן זײַן לאַגע און אַפילו נישט געפּרוּווט מפּייס זײַן די דאָזיקע אין וועמענס הענט עס זענען געלעגן אַלע חסדים פון סאָוויעטישן ווילשטאַנד.

ב) דער נסתר האָט מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער ייִדישער שרייבער אין רוסלאַנד אויסגעוויטיקט אין זיך די טראַגעדיע פון ייִדישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט בפועל ממש געלעבט מיט איר 24 שעה אין מעת־לעת. דערבײַ האָט ער געהאַט דעם אין רוסלאַנד זייער זעלטענעם מוט צו מאַניפעסטירן די טראַגעדיע אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן באַוווּנדערונג און אויך רעספּעקט.

דעם נסתר איז דאָס וואָס מען לערנט נישט קיין תורה מיט ייִדישע קינדער אין רוסלאַנד אַ סך מער אַנגעגאַנגען ווי דאָס וואָס ווערגעליס, צי אַפילו מאַרקיש האָבן נישט גענוג מעגלעכקייטן זיך צו דרוקן, צי גענוג מעגלעכקייטן צו שנײַדן די פּרוכט פון זייערע שרײַבערישע דערפאָלגן.

און וואָס שייך דעם נס וואָס דער נסתר האָט געקאָנט דרוקן זײַן ראָמאַן „משפחה מאַשבער" דערציילט יצחק יאַנאַסאָוויטש בשם דער ייִדיש־סאָוויעטי־שער שרייבערין ר. אַז —

„ווען נישט די צופעליקע אַרײַנמישונג פון אַ גוי, וואָלט דעם נסתרס „משפחה מאַשבער" אפשר גאָר נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוסלאַנד. דער נסתר האָט זיך שוין עטלעכע יאָר נישט געהאַט געדרוקט און האָט געלעבט פון קאָרעקטור, פון איבערזעצונגען און פון כלערלײַ אַנדערע טעכנישע אַרבעטן. איין מאָל, אַרום דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן, האָט מען דעם נסתר געשיקט ברענגען פּאַפּיר פון עפּעס אַ שטאָט. דאָס פּאַפּיר האָט ער געדאַרפט ברענגען מיט אַ לאַסטאַויטאָ. ס'איז געווען אין טיפן ווינטער, אויפן וועג האָט דער נסתר געטראָפן אַ מענטש שטיין לעבן אַ צעבראָכענעם אויטאָ און ציטערן פון קעלט. דער נסתר האָט געהייסן דעם שאָפער אויפנעמען דעם מענטש און אים צופירן ביז צו אַ שטאָט.

און ווי אַלע ווונדער־מעשיות האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט געווען סתם אַ פּאַסאַזשיר, נאָר דער סעקרעטאַר פון קאַלינינען, וואָס האָט געשריבן צום פאַרלאַג „עמעס" און דער „עמעס" האָט געשיקט רופן דעם נסתר און נאָך לאַנגע דינגעניש'ן וועגן אַרומרײַניקן און אויסרײַניקן אַזעלכע שטעלן אין ראָמאַן, וואָס זענען בשום אופן נישט געווען כשר און וועגן צושטעלן געוויסע פּאַראַ־גראַפן, האָט מען דאָס בוך סוף־כל־סוף אָפּגעדרוקט און אַרויסגעגעבן און — זאָגט יאַנאַסאָוויטש — גאָט האָט געהאָלפן. עס האָט אַנגעריסן און געמאַכט אַ רושם. נאָך לאַנגע איבערטראַכטעניש'ן איז דער נסתר אײַנגעגאַנגען אויף די עטלעכע פאַראַגראַפן, וואָס זענען נישט זײַנע אַבי דאָס בוך זאָל אַרויסגיין.

די אַלע באַוואָרעניש'ן און הנחות אין דער הקדמה און אין ווערק גופא זענען

אָבער נישט געווען קיין אָפּהאַלט פאַרן נסתר צו באַשאַפן זיינע געשטאַלטן אַזוי ווי ער האָט זיי געזען. דער מחבר האָט טאַקע געפּרוּווט ווייזן ווי שווער און דער־נידעריקט עס האָט געלעבט דער אַלטער דור. אָבער די געשטאַלטן־גאַלעריע וואָס ער האָט באַשאַפן ווייזט, אַז די דערנידערונג איז בלויז געווען אַ דרויסנדיקע און זייער אָרעמקייט איז געווען בלויז אַ מאַטעריעלע. וואָרעם נשמהדיק זענען זיי געווען דערהויבן און רייך, און זיי, די טראַגיש אומגעקומענע זענען פון דאָס ניי אַ גייסטיקער אָנשפּאַר פאַר די יידיש און מענטשלעך אויסגעליידיקטע בויער פון די שטעט הינטער תפיסה־גראַטעס און אויך פאַר אונדז אויף די יידיש־סכנהדיקע כוואַליעס פון בירגערלעכער פרייהייט.

אין לוזי מאַשבער, דעם הויפּט־העלד פון „די משפחה מאַשבער”, האָט דער נסתר געשטאַלטיקט שטריכן פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער און אויך פון זיך אַליין, וואָס האָט לויט אַלע באַריכטן פון חברים און ווי געזאָגט, לויט דעם באַריכט פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, געלעבט ווי אַ פּרוש, ווי אַן אָפּגעשיידטער און אַן אַריינגעטוענער אין זיין אייגענעם מאָראַלישן תיקון און אין דער האָפענונג פון תיקון און ווידעראויפלעב פון יידישקייט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ב

משה קולבאַקס „זעלמעניאַנער”

משה קולבאַק איז אַלט געווען נישט מער ווי צוויי און דרייסיק יאָר און איז שוין געווען אַן אָנערקענטער דיכטער, דערציילער און דראַמאַטורג, ווען ער האָט אין 1928 באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין ווילנאַרט ווילנע ווו די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־לערנענדיקע יוגנט פון דער רעאַל־גימנאַזיע און פונעם לערער־סעמינאַר האָט אים ממש פאַרגעטערט נישט בלויז ווי איר באַליבטן דיכטער, נאָר אויך ווי איר נישט וויניקער באַליבטן לערער פון יידישער ליטע־ראַטור. ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין ראַטן־פאַרבאַנד און האָט זיך באַזעצט אין דער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק. עס איז אין קולבאַקס אויסוואַנדערונג קיין סאָוויעט־רוסלאַנד געווען עפּעס פון אַ חלוצישן באַגער נאָך „הגשמה עצמית”. דאָרט, פון יענער זייט גרענעץ, האָט געטראַכט דער יונגער, אידעיש־שפּירעוודיקער דיכטער, בויט מען סאָציאַליזם און ער וועט זיך נישט באַטיי־ליקן אין דער גרויסער דראַמע פון וועלט־ און מענטש־איבערבויונג? ער וועט זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס ער וועט זיצן אין פּוילן און נעמען פאַר ליב מיט רייד פון בענקעניש און פון התפעלות?

איז ער אַריבערגעפאָרן אין דעם לאַנד פון זיינע חלומות און — דאָרט האָט ער באַוויזן צו בלייבן אויף דער פריי נישט מער ווי נאָר ניין יאָר, אין 1937 (מען האָט דעמאָלט אין מאָסקווער טעאַטער געשפּילט קולבאַקס אַ פּיעסע

„בויטרע גזלן") האָט מען קולבאַקן אַרעסטירט. די פּיעסע אין טעאַטער האָט מען באַלד אָפּגעשטעלט. מען האָט דעם דיכטער אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקט קיין סיביר. לויט אַ טייל באַריכטן האָט קולבאַק נאָך געלעבט אין 1952 און איז אין איינעם מיט אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייבער דערשאָסן געוואָרן אין דעם טרויעריק־באַרימטן טאָג פון 12טן אויגוסט 1952.

משה קולבאַק האָט אָפּגעדרוקט אין ראַטן־פאַרבאַנד פיר ביכער: דריי לידער־זאַמלונגען און דעם צווייבענדיקן ראָמאַן „זעלמעניאַנער".ביידע בענד זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַלן פעלקער־פאַרלאַג פון ראַטן־פאַר־באַנד (באַנד איינס אין 1931 און באַנד צוויי פיר יאָר שפּעטער, אין 1935).

דער ראָמאַן דערציילט די מעשה וועגן דעם ווי אַזוי די רעוואָלוציע איז אָראָפּגעקומען און אויפגענומען געוואָרן אין הויף פון רעב זעלמעלע כוואָסט אין אַ שטעטל לעבן מינסק. רעב זעלמעלע איז געווען אַ פּשוטער ייד, וואָס האָט געשטאַמט ערגעץ פון „טיף ראַסיי" און האָט אין דעם הויף וואָס ער האָט אויפ־געשטעלט דערלעבט דעם פערטן דור. ער האָט איבערגעלאָזט פיר זין און דריי טעכטער.

און די פיר זין מיט זייער אַלטער מאַמען באַשעלע האָבן דערלעבט די רעוואָלוציע און פירן אויף זייער שטייגער אַ קאַמף קעגן איר און בעטן זיך צו מאָל מיט איר איבער. דער ערשטער באַנד ענדיקט זיך מיטן טויט פון דער באָבע באַשע און דער צווייטער מיטן אונטערגאַנג פון רעב זעלמעלעס הויף, פונעם „רעבזער הויף", ווי קולבאַק רופט אים אויפן נוסח פון די סאָוויעטישע פאַר־קירצונגען.

אין באַנד איינס מאָלט קולבאַק דעם ערשטן דור: רעב זעלמעלעס זין און אין דעם צווייטן — דעם דור פון זייערע קינדער בראש מיט בערע דעם פעטער איציעס, וואָס איז דער אָנזעעוודיקסטער אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע.

ווי אַזוי ס'פּראָוועט זיך קולבאַק מיט זיינע העלדן פונעם אַלטן דור, וואָס זענען קעגן עלעקטריפיקאַציע און קעגן אַלע אויפטוען פון נייקייט און מיט בערע כוואָסט און די קרובים פון זיין דור, וואָס זענען מיטבויערס פון דעם נייעם לעבן? ער ספּראָוועט זיך מיט ביידע דורות מיט איין און דעם זעלבן געשטאַלטערישן געצייג — מיט הומאָר.

סיי די אַלטע, די פאַרצייטישע, און סיי די יונגע, די רעוואָלוציאָנערן זענען אין קולבאַקס ראָמאַן נישט קיין העלדן. הומאָר פאַרטראָגט זיך נישט מיט העל־דישקייט, נישט מיט אויפגעבלאָזענער אָבער אויך אַפילו נישט מיט נאַטירלע־כער העלדישקייט. קולבאַקס פעטערס זענען נישט הערא־יש, און זייערע קינדער, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע — אויך נישט. די הערא־ישקייט פון קולבאַקס געשטאַלטן איז זייער פּראָסט און פּשוטע מענטשלעכקייט.

און ס'איז מאָדנע, פון די אַלטע לאַכט קולבאַק צו מאָל אויף אַ קול און

מאַכט אונדז אָפּט אויך לאַכן מיט אַ פול מויל. ער מאָלט פון זיי אָפט קאַריקאַטורן אָנשטאָט קינסטלערישע פאָרטרעטן און פון דעסטוועגן צי בכיוון, צי קעגן דער כוונה פון דעם דערציילער קומען זיי אַרויס גאַנצער און — פאַטעטישער ווי די יונגע.

אַלע פיר זין פון ר׳ זלמן עליע ב״ר לייב כוואָסט פאַרכאַפּן אונדז מיט דער פאַטעטישקייט פון זייער געשטאַלט אין סאַמע מיט פון אונדזער לאַכן וועגן זיי: ד׳ער פעטער איטשע, אַ שניידער, אַ לאַטוטניק מיטן צונאָמען דער מלך אביון, דער פעטער פאָליע, אַ ייד אַן אַכלער, וואָס מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ געדאַנקען ער שאַפט מחמת ער זאָגט זיי נישט אַרויס, ד׳ער פעטער יודע אַ סטאָליער, אַ פילאָזאָף און אַן אַלמן און דער פעטער זושע, אַ זייגערמאַכער, אַ יחסן אַ חלוש, אָדער ער מאַכט זיך פאַר אַ חלוש — זענען, ווי איך זע זיי, פונקען פון אַ פאָלקיש־יידישן לעבנסשטייגער, וואָס איז אויף אַזוי פיל אייביק, וואָס ער איז לגמרי אומאָפּהענגיק פון דעם צייטווייליקן רעזשים אין לאַנד, לגמרי אומאָפּהענגיק פון דעם ווער ס׳רעגירט אין „ראַסיי״, אַ שוואַרצער צי אַ רויטער צאַר. און זיי זענען אויך לגמרי נישט אונטערגעוואָרפן די גזירות און חסדים פון די דאָזיקע צאַרן. ווען איך זאָג נישט אונטערגעוואָרפן די גזירות און חסדים פון די צאַרן, מיין איך, אַז וויפל אָט דער לעבנסשטייגער פון דורות זאָל נישט זיין געפּענטעט דרויסנדיק פונעם רויטן צאַרס רשעות און גנאָד און וויפל ער זאָל נישט אָפּגעבן דעם קיסר וואָס דעם קייסער קומט, בלייבט ער לאָיאַל און געטריי צו זיך אַליין, צום אייגענעם אמת און צו די געבאָטן פון אייגענעם אמת.

דעם פעטער פאָליע איז שווער צו פאַרשטיין וואָס איינער דאָרט אַ וויכטיקער חבר, אַן אַראָפּגעקומענער מיט אַ שליחות וויל אים איינרעדן, אַז ער, פאָליע, איז איצט דער באַלעבאָס פון דער גאַרבאַרניע ווו ער אַרבעט. אָבער דערנאָך איז אים איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף נאָכגעבן מלכות — און ער האָט זיך פלוצים אַ וועגנד געטאָן צו זיין ווייב און איר געזאָגט:

— גיי אַראָפּ אין הויף און גיב איבער, אַז פאָליע איז שוין געוואָרן אַ באַלשעוויק.

די טרויעריקע יידענע איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט איבערגעגעבן און איז צוריקגעקומען.

— נו, וואָס זשע האָבן זיי געענטפערט?

— זיי האָבן געלאַכט — האָט זי טרויעריק געזאָגט.

אַוודאי האָבן זיי געמוזט לאַכן איבער פעטער פאָליעס באָלשעוויזם, אַזוי לאַכן ווי איך און די יוגנט פון מיין דור האָבן געלאַכט איבער די יידן מיט באָרד און פאות, וואָס האָבן אין מיין גאַליצישער היימשטאָט געשיקט זאָגן דעם סטאַראָסטע, אַז זיי זענען פאָליאַקן פון משהס גלויבן.

נישט בלויז פונעם פעטער פאַליע, נאָר אויך פון זיך אַליין האָבן די יונגע חברה, די „קאַמיוגלער״ געלאַכט.

דער פעטער זושע, וואָס האָט שווער, זייער שווער, איבערגעטראָגן דעם שידוך פון זיין טאָכטער מיט דעם גוי פּאַוועל אָלשעווסקי, איז נאָך דעם ערשטן באַזוך פון זיינע גויישע מחותנים, דעם פּויער מיט דער פּויערטע „מיט די האַרטע קאַרטאָפל־נעזלעך״, פּלוצים געשטאָרבן.

בעת מען האָט זיך געגרייט צו דער לוויה, האָבן צווויי זעלמעניאַנערלעך געכאַפּט אַ שמועס, זיי זענען אין יענעם אָוונט אויך געווען — דערציילט קול־באַק — אומעטיק, בלייך און פאַרזאָרגט.

— מאַטעלע, זאָג, און ווען וועלן מיר שטאַרבן ? — האָט געפרעגט ליפע.

— ס׳נאָך צייט — האָט געענטפערט מאָטעלע — מיר דאַרפן זיך נאָך פריער פאַרשרייבן, נאָך דעם גיין אויף מלחמה און נאָך דעם דאַרפן מיר הייבן די גערעטעניש.

— וואָס האָסטו געזאָגט דאַרפן מיר הייבן ?

— מיר דאַרפן הייבן די גערעטעניש.

— הער זיך איין — האָט ליפע געזאָגט — איך בין שוין גאָר אַ גרויסער. כ׳האָב שוין אַ מאַזאָל אויפן פוס. ווייסט וואָס טאַנקע זאָגט ?

— וואָס ?

— זי זאָגט : פאַר אַ פּיאַנער איז גענוג, אַז ער האָט אַ מאַזאָל אויפן פוס, נאָר אַ קאָמסאָמאָלעץ דאַרף האָבן אַ מאַזאָל אויפן האַנט אויכעט. דאָס איז זייער שווער צו האָבן.

דער שמועס איז טאַקע מפּי עוללים ויונקים. קולבאַק האָט דעם מענטש־לעכן שפּיל אין רעוואָלוציע, דעם שפּיל אין געזעלשאַפטלעכער איבערבויונג, נישט געקאָנט לאָזן רעדן אַ דערוואַקסענעם. דאָס וואָלט געווען צו געפערלעך. ער האָט די רייד געמוזט אַריינלייגן אין מויל פון קינדער. אָבער אין דער ליטע־ראַטור איז קינדער־מעשה נאָר דעמאָלט גוט, ווען זי איז אויך אַ מעשה פאַר דערוואַקסענע. און אָט דער הומאָריסטישער קינדערישער דיאַלאָג איז בפירוש קולבאַקס אַ גוטע מעשה מיט סימבאָלישע אָנצוהערענישן פאַר דערוואַקסענע.

ליריק מיט הומאָר איז זייער אַ גוטער שידוך, אָבער אַ זעלטענער. אָבער הומאָר אָן ליריק איז נישט געמאָלט, וואָרעם הומאָר אָן ליריק איז פלאַך, איז פאַרשייט און דערגייט נישט מער ווי ביז צו מוסקולן־גימנאַסטיק. די נשמה ווערט פון דעם אומלירישן הומאָר נישט באַרירט.

און אָט איז איינע פון די הומאָריסטישע און דערביי ליריש דערשיטערנדיקע און דערהויבנדיקע סצענעס אין קולבאַקס ראָמאַן.

כאַיקע דעם פעטער יודעס און בערע דעם פעטער איטשעס האָבן חתונה געהאַט אָן חופּה וקדושין. זיי האָבן זיך בלויז פאַרשריבן.

„די אַלטע זעלמעניאַנער זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַרויסגערוקטע בערד, געקרעכצט און געמאַכט מיט די פּלייצעס".

דער פּעטער יודע, דער כלהס פֿאָטער, וואָס איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין פון פריער אַ סטאָליער, אַ פילאָזאָף און אַן אַלמן האָט „מיט אַ מאָל אַוועקגעלייגט דעם הובל אויפן וואַרשטאַט, געבליבן שטיין אַ היפּשע ווײַלע מיט דעם רוגזהדיקן פּנים צו דער וועלט. ער האָט געטראַכט: פאַראַנען אַ קבלה פון רעב זעלמעלען אַז אַ חתונה זאָל מען פאַראַוון מיט קלעזמער".

האָט ער אַראָפּגענומען דאָס פידעלע פון דער וואַנט, איז צוגעגאַנגען צום הילצערנעם ווענטל, ווו ס'איז פון דער צווייטער זייט געלעגן כאַיקע און האָט גענומען שפּילן.

און קולבאַק דערציילט ווייטער אַזוי —

„פון אָנהייב איז טאַקע דער ניגון געגאַנגען פונקט ווי ביי אַ קלעזמער צו באַדעקנס, נאָר ס'האָט זיך שוין פון אים אויך געהערט אַ טויטער ריח, ווי פון אַ געזאַנג אויפן בית־עולם. עס האָט געצופּט ביים האַרצן, דערנאָך האָט ער אָבער גענומען שפּילן אַן „אל מלא רחמים", אַ ניגון וועגן דעם, וואָס די מומע העסיע איז אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט און האָט נישט זוכה געווען צו זיין ביי דער טאָכטערס חופּה. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. די נאַסע וויעס האָבן געפינטלט אויף די שפּאָקולן־גלעזלעך. און ער האָט שוין נישט געזען פאַר זיך גאָרנישט. בלויז צוגעהערט זיך צו דער פינצטערער התלהבות וואָס קומט אויף אינעווייניק".

און וואָס איז געווען די פּעולה פונעם פידעלע אויף יענער זייט פונעם הילצערנעם ווענטל?

„פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטיל כליפּען פון יענער זייט, אַ פאַרשטיקט געוויין, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן און מען האָט געפילט ווי כאַיעלע וואַרפט זיך אויפן קישן און ווערט פאַרגאַנגען אין טרערן".

דער פּעטער האָט געכאַפּט אַ קענדל וואַסער און איז אַריין אַהין. כאַיעלע האָט געיאָמערט אַ פאַרחלשטע. דער פּעטער יודע האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ אַלס צייכן, אַז ער איז צופרידן פון דער כלהס טרערן און איז אַרויס שטילערהייט צום וואַרשטאַט.

טרערן האָבן אין זיך אַזאַ סובסטאַנץ, וואָס רייניקט און באַרויִקט און יידישע טרערן האָבן אין דער לאַנגער געשיכטע פון פּריוואַטע צרות, וואָס זענען אויך געווען כללישע צרות, געהאַט אַ באַזונדערע פונקציע פון פאַרלאַטן געשעענישן וואָס ווערן אין תוך קיין מאָל נישט פאַרלאַטעט.

דער פּעטער יודע — פאַרענדיקט קולבאַק די אויפטרייסלענדיקע ליריש־דראַמאַטישע סצענע — האָט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אומגעראַטענעם שידוך און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, אָבער ערשט אין אָוונט האָט ער

זיך געכאַפּט, אַז אַנשטאָט דעם אַלמער וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן איז אַרויס־געקומען אַ פּראָסט בענקל.

די דאָזיקע סצענע וואָס לאָזט זיך אויס מיט פּעטער יודעס טעות איז קינסטלעריש זייער געראָטן און זי איז פול מיט אָנווינקעניש אויף די טעותים אין אונדזער יידיש לעבן.

ש. ניגער פאַרענדיקט זיין מאמר וועגן די „זעלמעניאַנער" (זע: „יידישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד", אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1958) דערמיט וואָס ער זאָגט נאָך קולבאַקן אַ שבח פאַר אָנהאַלטן „דעם טראַדיציאָנעלן ליטעראַרישן מאָטיוו, דעם מאָטיוו פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם". איז דער לויב בפירוש באַרעכטיקט. איך קאָן בלויז נישט מסכים זיין מיט ש. ניגערס באַגרינדונג פון דעם דאָזיקן שבח. לויט ניגערן קומט אויס, אַז קולבאַקס זעלמעניאַנער ווי מענדעלעס בנימין השלישי און שלום־עליכמל קאַסרילעווקער, זעען די וועלט מיט פרעמדע אויגן און ווילן זיך קודם נישט לאָזן „אויסניכטערן פון דער וואָרער ווירקלעכקייט" און מוזן זיך איר דערנאָך דאָך אונטערגעבן. און אָט די אַלע פּרוּוון — מיינט ש. ניגער — „צו פאַרלייקענען אָדער פאַרקאַסרילעווען (אונטערגעשטראָכן פון ש. ניגערן) זענען גראָטעסקהאַפט און משונה לעכערלעך".

און מיר דאַכט, אַז עס קאָן נישט זיין קיין רייד פון „גראָטעסקהאַפט און משונה לעכערלעך" נישט ביי די קאַסרילעווקער און נישט ביי די זעלמעניאַנער. מנחם מענדל איז אַ גרויס־פּאַטעטישע געשטאַלט, ווייל ער האָט ווי דאָן קיכאָט די זעונג פון אַן אייגענער ווירקלעכקייט און ער האָט דעם כוח אונדז מיטצורייסן מיט זיין זעונג און אונדז צו מאַכן גלייבן אין איר וואָרהייט.

מנחם מענדל איז אַ שטורמישער ריטער פון באַוועגלעכקייט. ער איז דער פאַרלייקענער פון דעם תכלית און אַ גלויבער און אַ גלויבן־מאַכער אין דער וואָרהייט פונעם חלום און פונעם פּלי גופא.

אַוודאי לאַכן מיר איבער מנחם מענדלען, אָבער אין תוך איז דאָס אַ געלעכטער פון באַוווּנדערונג און פון התפּעלות. אויב עמעצער קומט דערביי אַרויס „גראָטעסקהאַפט און לעכערלעך" זענען דאָס מיר די צוזעער פון מנחם מענדלס „פּלי אָן תכלית" און נישט ער, דער פּליער.

און קולבאַקס „זעלמעניאַנער" ווידער — אויך זיי, די פּעטערס, זענען דורכויס פּאַטעטישע געשטאַלטן. נישט ר׳ לייב כוואָסטס אייניקלעך, וואָס קהלן זיך אין דער רעוואָלוציע און לויפן אַקעגן אירע נייַיקייטן, זענען די רעוואָלו־ציאָנערן, נאָר ר׳ לייב כוואָסטס זין, וואָס פאַרשטייען נישט די רעוואָלוציע און ווילן נישט אָננעמען די עלעקטריפיקאַציע. ר׳ לייב כוואָסטס זין, די פאַרשטייער פונעם אַלטן דור אין קולבאַקס ראָמאַן, זענען רעוואָלוציאָנער דערמיט, וואָס זיי נעמען די נייַיקייטן נישט ערנסט. זיי גיבן זיך דאָ און דאָרט, כלומרשט אונטער

דער רעוואָלוציע, אָבער זיי בלייבן דורכויס געטריי זייער אייגענער דורותדיקער יידישער ווירקלעכקייט. זיי גייען נישט אָפּ פון דער אידענטיפיקאַציע מיט זיך אַליין און מיט זייער ירושהדיקן לעבנסשטייגער.

דעם פעטער איטשעס טאָכטער האָט חתונה מיט אַ גוי, פאַרלאָטעט דער בעטער דעם דאָזיקן ריס מיט זיין אייגענעם טויט. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער איז נישט געוואָרן אומגעטריי צו זיך.

דעם פעטער יודעס טאָכטער פאַרבינדט זיך מיט אַ מאַן אָן חופּה קידושין, גענמט דעס פעטער יודע אַרויס דאָס פידעלע פון זיין אייביקער לעבנס־וואָרהייט און שטעלט אַ חופּה און הייליקט דעם בונד פון זיין טאָכטער מיט אַלטער דורות־דיקער מוזיק.

ווער האָט מנצח געווען: די יידישע לעבנס־גאַנצקייט פונעם פעטער יודע, צי דער ריס, וואָס זיין טאָכטער כאַיקע האָט געפּרוווט איינרייסן אין דעם דאָזיקן שטייגער?

ס'איז טאָקע נישט איין מאָל פאַראַן אין קולבאַקס ראָמאַן אַ געלעכטער פון דעם מין, וואָס וויל אונדז איינרעדן, אַז ר' לייב כוואָסטס זין זענען „גראָטעסק־האַפט און משונה לעכערלעך" מיט זייער אַנטקעגנשטעלן זיך דער רעוואָלוציע, אָבער דאָס איז בלויז דער צינז, וואָס קולבאַק מוז צאָלן דער פאַרטיי־ליניע. און משה קולבאַק קאָן זיך דעם דאָזיקן אָפּצאָל לייכט מוחל זיין, וואָרעם אַפילו מיט אָט דעם פלאַכן הומאָר האָט ער פאַרשריבן אויף זיין קרעדיט אַ וויכטיקן און אַ מוטיקן קינסטלערישן אויפטו: ער האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל הומאָר אין דער אידעאָלאָגישער פאַרכמורעטקייט פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

ג

איציק קיפּניס

איציק קיפּניס איז איינער פון די לעבנגעבליבענע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער וואָס האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ באַנד דערציילונגען אויף יידיש אַזוי שפּעט ווי ערשט מיט אַ יאָר צוריק — אין 1960. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בוך איז דערשינען נישט אין מאָסקווע און נישט אין קיעוו, נאָר אין ניו־יאָרק — אין ניו־יאָרקער איקוף־פאַרלאַג.

דער הויפּט־אינטערעס, דער דורכויסיקער אינטערעס אין דעם דאָזיקן ניו־יאָרקער באַנד איז די צוויי הונדערט פּופציק זייטן שטאַרקע דערציילונג „אונטערוועגנס" און דער הספד אויף „באַבי־יאַר".

„אונטערוועגנס" איז די איינציקע נייע, נאָך נישט געדרוקטע דערציילונג אין דעם בוך. „מיר דרוקן (זי) איצט", שרייבט נחמן מייזיל אין זיין הקדמה, „פון אַ מאַנוסקריפּט, וועלכער געפינט זיך ביי אונדז פון די יאָרן 1947—1948.

איציק קיפּניס האָט, ווייזט אויס, אין יענער צייט פאַרענדיקט זי״ (זי פאַרענדיקט).

און וואָס שייך „באַבי יאַר״, שטאַמט איציק קיפּניסעס הספד אויפן אומקום פון די קיעווער יידן פונעם יאָר 1944, ווען נישט נאָר אַן אידעלער און מוטי־קער רוסישער פּאָעט ווי יעווטושענקאָ, נאָר אַפילו אויך אַ יידישער שרייבער האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו באַקלאָגן און צו באַוויינען דעם טויט פון די צענדליקער טויזנטער ברידער און שוועסטער, וואָס היטלערס באַנדיטן אין איינעם מיט די היימישע רוצחים האָבן דעם 29סטן סעפּטעמבער, 1941, אויסגעהרגעט און באַגראָבן אין דער קיעווער פאָרשטאָט.

דעמאָלט, אין 1944, האָט די פּאַטערלענדישע מלחמה באַהערשט דאָס געמיט און דעם אינטערעס פון די סאָוויעטישע פירער און האָט געשטעלט אין אַ זייט זייער געווינלעכע אידעאָלאָגישע רוטין. דעמאָלט האָבן אַפילו יידישע שרייבער געמעגט האָבן און אַרויסווייזן יידיש־פאָלקישע סענטימענטן. זיי האָבן געמעגט, און נאָך מער האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי מעגן. דער סאַמע תמימותדיקער אין דעם פּרט איז, בלי ספק, געווען איציק קיפּניס, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור אַ דאַנק זיין ראָמאַן „חדשים און טעג״ (אַרויס אין 1926) און אויך אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי דערציילונגען, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין די דרייסיקער יאָרן.

אין 1944 האָט איציק קיפּניס געפּראַוועט דעם דריטן יאָרצייט פון באַבי יאַר מיט ווערטער פון ליבשאַפט צו זיינע פאַרפייניקטע ברידער און מיט אַ געפיל פון האַס און נקמה צו די דייטשע רוצחים. ער האָט געשריבן: „אויף אַ יאָרצייט פלעגט מען ביי יידן צינדן ליכט, זאָגן קדיש. נאָר ס׳איז נאָך אפשר נישט אויסגעבויט געוואָרן דער זאַל, דער ריזיקער טעמפּל, וואָס זאָל אַרייננעמען אין זיך אַזוי פיל פייערן, אַזאַ צאָל אָנגעצונדענע ליכט... אָבער דאָ רוקט זיך אונטער אַ זייטיקער געדאַנק, וואָס רוימט אונדז איין: נאַרעלע, עס ברענען דאָך פייערן אויף גרויסע שטחים און אויף ווייטע שטרעקעס! עס ברענען ליכטיק און פּעכיק, עס פלאַמען אין עס פלאַקערן דעם שונאס אויסגעפּוצטע שטעט! באַרעכן עס! נעם עס אָן אויפן חשבון פונעם הייליקן גרויסן יאָרצייט״.

און אָט די איינרעדעניש, אַז מען מעג דעם פלאַקער פון דעם שונאס שטעט אויך שטעלן אויפן חשבון פונעם גרויסן יידישן יאָרצייט, איז געווען דער גרויסער טעות, וואָס האָט פאַרפּלאָנטערט אין זיין נעץ די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד און האָט אָפּגעשוואַכט אונדזער וואַכיקייט דאָ, אין די פריי־לענדער, צום גורל פון די יידיש־שעפער דאָרט, אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דער טעות איז געווען, וואָס נישט דאָרט און אויך נישט דאָ האָט מען זיך נישט געכאַפּט, אַז דער צייטווייליקער היתר פיינט צו האָבן די דייטשן איז נישט אויסן געווען אַראָפּצונעמען דעם אָפיציעלן חרם אויפן געפיל פון יידיש־פאָלקישקייט.

ווען מיר יידן זאָלן בכל דור ודור נישט זיין געפּענטעט מיט דער אָפּטימיס־טישער אילוזיע, אַז „אַזאַ זאַך קאָן נישט געשען", אַז ס'קאָן נישט פּאַסירן אַזוינס, וואָס ס'האָט דערנאָך פּאַסירט אין די טעג פון נאָוועמבער 1948, וואָלטן מיר אפשר געווען באַצייטנס דערהערט דעם סיגנאַל פון דעם, וואָס גרייט זיך צו קומען אין דעם אינצידענט פון איציק קיפּניסן בלויז מיט אַ יאָר פריער, פאַר דער פאַטאַלער דאַטע פון שפּעט־האַרבסט 1948. אין 1947 האָט איציק קיפּניס געשריבן אין איינער פון זיינע מלחמה־דערציילונגען, אַז „ס'וואָלט געווען גוט צו זען, אַז אַלע יידן, וואָס גייען איצט אַרום מיט אַ פעסטן זיגערישן טראָט איבער בערלינער גאַסן, זאָלן טראָגן אויף דער ברוסט באַנאַנד מיט די אָרדנס און מעדאַלן אויך אַ קליין, שיין מגן־דודל" און — מען האָט אים דערפאַר אויס־געשלאָסן פונעם אוקראַינישן שרייבער־פאַרבאַנד און ממילא האָבן זיך פון קיפּניסן, פאַרשטייט זיך, אָפּגעטרייסלט אויך די פירער פון דער יידישע סעקציע ביים פאַרבאַנד און אים געמוסרט בקול רם. דער מוסר איז געווען, למאי ער „וויל זיך נישט אַריינגעמען אין קאָפּ, אַז די סאָוויעטיש־יידישע סאָלדאַטן האָבן נישט געקעמפט פאַר דודן פונעם אַלטן טעסטאַמענט און פאַר זיינע אידעאַלן, נאָר פאַר זייער סאָוויעטישן שטייגער לעבן, פאַר זייער סאָוויעטישער מלוכה, פאַר זייער סאָוויעטישן פאָטערלאַנד".

דאָס איז געווען דער סיגנאַל, אַ קלאָרער, הויכער, אָבער נישט דערהערטער סיגנאַל. אַ יאָר שפּעטער האָט מען אַרעסטירט סיי קיפּניסן און סיי זיינע יידישע מוסר־זאָגער. איציק קיפּניס איז פאַרשיקט געוואָרן אין אַ צפונדיקן אַרבעט־לאַגער. ער האָט צום גליק איבערגעלעבט די גזירה. אין 1953 האָט זיך קיפּניס אומגעקערט פון דער פאַרשיקונג און וווינט היינט צו טאָג אין אַ פאַרשטאָט פון קיעוו.

ווען קיפּניסעס ראָמאַן „חדשים און טעג" איז דערשינען אין 1926, האָט נישט קיין אַנדערער ווי דוד בערגעלסאָן באַגריסט קיפּניסן און נישט געזשאַלעוועט קיין שבחים דעם 30יאָריקן מחבר. בערגעלסאָן האָט אין איינעם מיט די מייסטע סאָוויעטישע און לינק־געשטימטע קריטיקער אין אויסלאַנד טאַקע געהאַט טענות צו קיפּניסן פאַר דער קליינבירגערלעכער אַטמאָספער פון זיין ראָמאַן, אָבער ער האָט אין אים געזען (און קיין גרעסערער שבח קאָן, דאַכט זיך, נישט זיין) אַ המשך פון שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס. פאַר בערגעלסאָנען איז דער העלד פון „חדשים און טעג", אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, פונעם שטעטל סלאָוועשנע אַ מין אויסגעוואָקסענער מאָטל פּייסי דעם חזנס. שלום־עליכמס טאַלאַנטפולער יתום, שרייבט בערגעלסאָן מיט אַ געפיל פון פרייד, איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין אַמעריקע און איז נישט אומגעקומען אין די פּאָג־ראָמען פונעם בירגער־קריג. שלום־עליכמס אויסגעוואָקסענער מאָטל, וואָס איז געוואָרן קיפּניסעס אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, האָט חתונה געהאַט מיט אַ

היימיש מיידל בוזי, וואָס כאַפּט אויך דעם אָנבליק פון אַ העלדין פון שלום־עליכמס אַ דערציילונג און — אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, האָט זיך נאָך דערצו אויסגעלערנט צו דערציילן וועגן זיך און וועגן די אַרומיקע מיט זיין אייגן מויל און האָט גענומען פאַרשרייבן „זיינע באַאָבאַכטונגען — איצטיקס מאָל מיט דער הילף פון שלום־עליכמס ירושה“ (ציטירט לויט נחמן מייזילס הקדמה צו „אונטערוועגנס“).

די דאָזיקע טעזע וועגן שלום־עליכמס השפעה אויף קיפּניסן און וועגן געמיט־קרובהשאַפט צווישן קיפּניסן און שלום־עליכמען נעמט אין אַ געוויסער מאָס אויך אָן ש. ניגער, אָבער מיר דאַכט, אַז ווען ניגער זאָל געווען לעבן און איבערלייענען די דערציילונג „אונטערוועגנס“, וואָס קיפּניס האָט זי, לויט מייזילס עדותשאַפט, געשריבן און פאַרענדיקט אין עלטער פון אַרום פופציק, וואָלט ער, באַגלייך מיט מיר, איינגעזען, אַז דאָס שלום־עליכמדיקע ביי קיפּניסן איז אַ היפּש איבערגעטריבענער ענין.

דאָס וואָס איז ביי קיפּניסן שלום־עליכמדיק איז בלויז דער דרויסנדיקער שרייב־מאַניער. עס איז דער אויטאָביאָגראַפישער אופן דערציילן און דער עיקרשט איז דאָס סיי אין „חדשים און טעג“ און סיי אין „אונטערוועגנס“, וואָס איז סיפּור־המעשהדיק אַ המשך פונעם ערשטן ראָמאַן, דער כוח צו רעדן וועגן „אומגלויבלעכע מענטשלעכע ליידן אזוי רויק און שטיל, אַז אַ זייטיקער קאָן מיינען, אַז מיר רעדן גאָר פון איך ווייס וועלכע געמיטלעכע זאַכן“. אַזוי־אַ ווי פאַליע, די העלדין פון „אונטערוועגנס“, האָבן וועגן זייערע צרות דערציילט אי טביה דער מילכיקער, אי מנחם מענדל, און אי דער „טאַלאַנטפולער יתום“ מאָטל. אַוודאי רעדן שלום־עליכמס מענטשן טומלדיקער ווי קיפּניסעס. אָבער דער טומל פון זייערע רייד איז פון דעם אַרום, פון דער בירזשע, פון די בויבע־ריקער משא ומתנס און פון די שכנישע עצות. זיי אַליין, טביה, מנחם מענדל און מאָטל — זייערע רייד זענען שטיל און ליריש ווי אַ תפילה. און דאָס איז דאָך דער גרויסער ליטעראַרישער אויפטו פון שלום־עליכם, און ווער קאָן זיך צו אים פאַרגלייכן? קיפּניס, אָבער, ער מוז קודם שאַפן אַ שטילע סביבה, ער מוז איינגליווערן די סביבה, כדי זיינע מענטשן זאָלן קאָנען רעדן שטיל, געמיטלעך און רעזאָנירנדיק.

ווי אַזוי קאָן מען טאַקע אין דער יורדישער שטוב פון אַ משולם בראָקער, ווו ער, דער בעל הבית, זיצט פאַרמאַכט אין אַ צימער און קוקט אַריין אין אַ גמרא, און ווו אין די איבעריקע גרויסע און פוסטע שטובן זיצן צוויי טעכטער פאַראומערטע און וואַרטן — וואַרטן אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ מענטשלעך קול — ווי אַזוי קאָן מען אין אַזאַ שטוב רעדן אַ הויך וואָרט?

אויב אין „חדשים און טעג“ האָט מען נאָך מיט מער־וויניקער באַרעכטיקונג (מיט וויניקער ווי מיט מער) געקאָנט רעדן וועגן אַ שלום־עליכמדיקער השפעה

אויף קיפּניסן, איז אין „אונטערוועגנס" בולט און קלאָר, אַז דוד בערגעלסאָן, דער מחבר פון „נאָך אַלעמען" און פון „אָפּגאַנג", האָט שרייבעריש נישט געהאַט קיין נענטערן און געטרייערן תּלמיד ווי איציק קיפּניס, דעם אויטאָר פון „אונטערוועגנס". עס איז זייער געמאָלט, אַז בערגעלסאָנס געזונטער קריטישער חוש האָט שוין דעמאָלט אויפגעכאַפּט אין קיפּניסעס אופן שרייבן דעם בערגעלסאָנישן אַראָמאַט און קיפּניס איז אים דערפאַר געווען אַזוי צום האַרצן און ער האָט אים נישט געזשאַלעוועט קיין ליוב.

עס איז אין קיפּניסעס „אונטערוועגנס" פאַראַן אַ שטיק פון יענעם לירישן טרויער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר בערגעלסאָנס פּאַרסאָוויעטישע ווערק און וואָס האָט זיך אויך נישט אויסגעוועפּט אין זיינס אַזאַ פּאָלנעם סאָוויעטישן בוך ווי „פּענעק".

דער חילוק צווישן בערגעלסאָנס און קיפּניסעס טרויער איז, וואָס ביי בערגעלסאָנען איז דער טרויער אַ וועלט־אָנשויונג און ביי קיפּניסן אַ מין נאַטור־אידיליע, עלעהיי די טרויער־אידיליע פון ווערבעסביים ברעג פון אַ טייך.

בערגעלסאָנס טרויער שטאַמט פון זיין טיף־פּעסימיסטישער וועלט־זעונג און ווערט פון דער דאָזיקער וויזיע געצונדן אַלץ שטאַרקער און אַלץ קרענק־לעכער, בעת קיפּניסעס טרויער וואַקסט אַרויס פונעם שטייגער און פון דעם נאַטור־קאָלאָריט און ווערט דורך אים געהיילט.

קוקט אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, אַריבער אויף יענער זייט טייכל, ווו ס'ליגט דער באַרג מיטביידע הייליקע אָרטן. „דאָרטן", זאָגט ער צו זיך אַליין, „שלאָפן בוזיעלע מיינע מיט אַ זיסן שלאָף און דאָרטן איז איר מאַמע נאָענט און נאָך אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט און געדאַרפט לעבן. און ווייל עס וואַקסן אַרום זייערע קברים אַ סך גרעזער,ביימער און קרייטעכצער, ווערט ביי מיר אויסגעוועפּט די גאַנצע גרויליקייט פונעם וואָרט „טויט" און עס קרענקט מיך נישט פאַר מיינע נאָענטע. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן זיך זייער לעבן".

ס'איז אַ טרויער, וואָס דערהייבט טאַקע נישט דעם מענטש געדאַנקלעך איבער דער נאַטור, אָבער ער שליסט אים איין ווי אַן אייגענעם אין דעם פריידיקן אומעט, אָדער אין דער אומעטיקער פרייד, פון דער הויה. ס'איז נישט קיין דראַמאַטישער נאָר אַן אידילישער טרויער.

*

„אונדזער שטעטל", דערציילט אונדז קיפּניס, „אַז עס גייט אָפּ אַ ביסעלע פון די פרעסט מיט די זאַווערוכעס, פון די פּעטליוראָווצעס, מיט די באַלאַ־כאָווצעס, פון קרענק און פון אַנדערע אומגאַנגען, ווערט עס אַ שיין שטעטל. אַרום און אַרום איז גרין".

אָבער קיפּניסעס שטעטל איז אַלע מאָל געווען שיין. עס האָט נישט אָנגע־וווירן זיין שיינקייט אויך דעמאָלט, ווען עס האָבן דאָרט געבושעוועט פּעט־ליורעס און באַלאַכאָוויטשעס פּאָגראָמשטשיקעס. גראָד אין דער מיט פון יענער בהלהדיקער צייט האָט געבליט די ליבע־אידיליע צווישן אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, און זיין אויסדערוויילטער, דאָס שניידער־מיידל בוזיע. און אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, ד. ה. איציק קיפּניס, גיט אונדז איבער די כראָניק פון דער ליבע אין אַ טרויעריק געמיט, אָבער אין דער זעלבער צייט מיט ליכטיק־זואַרעמע פאַרבן. ס׳איז גרויס דער טרויער, וואָרעם די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן דערהרגעט בוזיעס מוטער און דריי קליינע קינדער און בוזיע אַליין איז אין גיכן געשטאָרבן פון טיפוס. אָבער ווי זאָגט דאָרט אייזיק אין אַ געשפּרעך מיט זיך אַליין, וואָס מיר האָבן עס אָקאָרשט ציטירט: אַז עס גייען אָפּ די פּרעסט, די כלערליי שלעק און פּורעניותן, דערזעט מען, אַז „אָרום און אַרום איז גרין".

גאָטס וועלט בלייבט אַ שיינע אידיליע, וויפל די מענטשן זאָלן נישט דראַ־מאַטעווען און רייסן קוליסן. די שפּיל אין טראַגיק איז גאָר נישט מיט גאָר נישט. בלייבן בלייבט און אַן אייביקע ווערט האָט נישט די אידעאָלאָגישע דראַמע, נאָר די ליבע־אידיליע צווישן אייזיקן און זיין בוזיען.

איז בכן, ווי מען זעט, קיפּניסעס קוק אויף דער וועלט לגמרי אַ היפּוכדי־קער צום „נאַבעלן פּעסימיזם" פון דעם מייסטער דוד בערגעלסאָן, אָבער פון דעסטוועגן זענען קיפּניסעס געשטאַלטונגס־מכשירים ענלעך צו בערגעלסאָנס, אָדער זיי פּרווון אַזוי צו זיין אין דעם צווייטן באַנד פון „חדשים און טעג" — אין דעם בוך „אונטערוועגנס".

אין „אונטערוועגנס" זענען בלויז נאָך פאַראַן קליינע פּאָגראָם־רעשטלעך. דאָ און דאָרט באַפאַלן די באַלאַכאָווצעס דאָס שטעטל סלאָוועשנע אָדער איינס פון די אַרומיקע שטעטלעך סטאַרבעניע, סענדעריווקע און קראַסנע, אָבער די רויטע אַרמיי האַלט זיי ביים אויסרייניקן און ביים איינשטעלן איר געזעלשאַפט־לעכן סדר. אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, איז מיטן גאַנצן האַרצן אויף דער זייט פון די סאָוויעטן, אָבער טרויער און בענקשאַפט טרייבן אים אָן אַ באַשטימטן ציל פון איין שטעטל צום אַנדערן. עס איז שווער צו פאַרגעסן אין דער פאַר־שטאָרבענער בוזיע, עס גלוסט זיך ווערן אַ שרייבער און וואָס גיכער דערגרייכן אָנערקענונג, און עס בענקט זיך — נאָך אַ נייער בוזיע.

וואַנדערט אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, אין פּרעסט און אין זאַוויערוכעס און — ער געפינט אַ נייע בוזיע. זי הייסט פאַליע און איז די טאָכטער פון דער יורדישער שטוב פון ר׳ משולם בראָקער. און סיי די יורדישע שטוב און סיי די קלוגע פאַליע האָבן ערגעץ ווו דעם אַראָמאַט פון גדליה הערצס שטוב און פון זיין טאָכטער מירעלע אין בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". קיפּניס איז נישט קיין געשטאַלטער פון בערגעלסאָנס פאַרנעם. קאָן ער דערפאַר נישט אָנהאַלטן דאָס

דינע יחוס־געוועב ווי בערגעלסאָן אַרום דער יורדישער שטוב און פּאַליעס זעלישע קאָמפּליצירטקייט איז ווייט נישט אַזאַ געזעצלעך־קינסטלערישע ווי ביי מירעלען פון „נאָך אַלעמען".

און ער אַליין, דער הויפּט־העלד אייזיק, לייב דעם גאַרבערס, איז אויך נישט על פּי קינסטלערישן מוז אַזוי קאָמפּליצירט ווי ער רעפּרעזענטירט זיך ווען ער דערציילט אונדז, אַז „איך האָב זי אויך ליב געהאַט, נאָר ערגעץ ווייט, ווייט אין דער נשמה האָב איך געפילט, ווי מאָדנע אומבאַהאָלפן און פּאַסיוו מיין לעבן איז. אַז מען הרגעט מיך נישט בלייב איך לעבן. שענקמאַן שיקט מיך לערנען — פאָר איך".

די קאָמפּליצירטקייט ביי קיפּניסעס העלדן איז אַ ביסל געקינצלט, אָבער אין אַלגעמיינעם סך הכל איז די דאָזיקע געקינצלטע קאָמפּליצירטקייט נישט קיין שטער אין קיפּניסעס בוך. זי שטערט נישט די לעבעדיקייט פון די גע־שטאַלטן און, וואָס איז נאָך וויכטיקער, זי פאַרנעפּלט נישט קיפּניסעס געמיט־אייגנקייט, וואָס קער זיך גיכער אָן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, מיט שלום־עליכמס „אָרגאַנישן אָפּטימיזם" איידער מיט בערגעלסאָנס „נאָבעלן פּעסימיזם".

געזעלשאַפטלעך איז אין „אונטערוועגנס" — רעוואָלוציע. די סאָוויעטן זיגן און נעמען איבער די מאַכט. קיפּניס איז פול מיט סימפּאַטיע צו די סאָוויעטן. ער איז אָן אייגענער ביי דעם נייעם רעזשים און — די קאָמיסאַרן, דער אוקראַי־נער וויטשענקאָ און דער ייד איציק שענקמאַן זענען ממש פאָלנע צדיקים, און פייטל, די ציג, דער שניטקרעמער און געוועזענער גביר פון סלאָוועשנע, איז כמעט אַ רשע. קיפּניס פּרוווט פון אים אָפּחוזקן ווען ער שטעלט אים זיך אויס־טענהן מיטן גלח וועגן „גאַש באָג" און „וואַש באָג", וואָס קאָנעןביידע איצט נישט העלפן, ווייל „אַז עס גייט אָן איז עס אַ סחורה און אַז נישט, איז כאַטש לייג זיך און לאַך".

אָבער דאָס איז קיפּניס, דער באָלשעוויק, אָבער ער, קיפּניס אַליין, וואָס זיין געמיט איז אַ רעזולטאַט פון דורות — ווען ער דערזעט אין דער פאַרלאָזענעם שטעטל ר' שמחה בענצלס פּאַרטיפּט אין דער גמרא, ווייס ער, אַז —

„פון הינטן — באַלאַכאָוועס, פון פאָרנט וועלף און אין מיטן — אַ ייד לעם אַ ברענענדיקן שפּענדל אַנטקעגן אַ גרויסער גמרא. אַז ס'וועלן קומען די באָלשעוויקעס, און אפשר זענען זיי שוין געקומען, וועלן זיי אויך אויף דעם דאָזיקן שמחהן קיין בייז וואָרט נישט זאָגן".

דאָס איז קיפּניסעס אינטימע מענטש־זעונג און דאָס איז זיין תפילה צום אידעאָלאָגישן גאָט.

דאָס וואָס די תפילה איז נישט דערהערט געוואָרן, איז נישט קיין באַווייז אַז קיפּניסעס וויזיע איז נישט קיין ממשותדיקע. משיח, אַפילו אַז ער פאַרזאַמט זיך, דאַרף מען אויף אים וואַרטן.

ש ל מ ה   ב י ק ל

יואל מאַסטבוים

דער דערציילער יואל מאַסטבוים, וואָס איז אַפּריל 1957 געשטאָרבן אין תל־אביב אין עלטער פון 75 יאָר, איז בלי ספק געווען אַ מערקווירדיקע געשטאַלט אין דער נאָך־קלאַסישער יידיש־ליטעראַטור.

יואל מאַסטבוים האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די אַזוי גערופענע רויע טאַלאַנטן ביי אונדז, דאָס הייסט, ער האָט באַלאַנגט צו יענעם סאָרט שרייבער, וואָס מען מוז אָפּט באַוואונדערן זייערע ליטעראַרישע דערגרייכונגען, אָבער נאָך אָפּטער מוז מען זיך חידושן ווי אַזוי דער שרייבער האָט מיט זיינע באַגרענעצטע מיטלען בכלל געקאָנט שעפעריש דערגרייכן. וואָרעם ווי סטי־כיש עס זאָל נישט זיין דעם שרייבערס באַגאַבונג, בלייבט זי באַגרענעצט אויב איר סטיכיע ווערט נישט באַוווסטזיניק געצוימט און קאָנטראָלירט.

די קאָמפּאָזיציע ביי אַ בילד און די אַרכיטעקטור ביי אַ ליטעראַריש ווערק זענען די הויפּט־עלעמענטן פון קינסטלערישן קאָנטראָל. דער באַוווּסטזיניקער אויפבוי פון אַ דערציילונג אָדער פון אַ ראָמאַן העלפט דעם בעלעטריסט צו עלימינירן דאָס אומנייטיקע און אונטערצושטרייכן דאָס עיקרדיקע.

ביי אַ „רויען טאַלאַנט" מוז מען געוויינלעך דאָס עיקרדיקע אויפזוכן און באַוואונדערן אין אַ ים פון אומנייטיקייטן. בלויז אין אומגעוויינלעכע פאַלן, ווען דער „רויער טאַלאַנט" פאַרמאָגט די שעפערישע שטויס־קראַפט פון אַ איטשע מאיר ווייסענבערג, דאַרף מען דאָס עיקרדיקע נישט אַרומזוכן, ווייל עס אַנט־פּלעקט זיך פאַר אונדז מיטן כוח פון דעם ליכט און פון דער טעמפּעראַטור, וואָס דער מחבר האָט פון זיין אייגן גרויס עשירות מיט אַ פולער האַנט נישט צוגע־טיילט, נאָר צוגעוואָרפן די באַשאַפענע געשטאַלטן.

יואל מאַסטבוים האָט געהערט, זאָג איך, צו דער גרופּע „רויע טאַלאַנטן" אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער ער האָט זיך פון זיי אויסגעטיילט מיט אַ געווי־סער באַזונדערקייט. מאַסטבוים האָט נישט פאַרמאָגט נישט דאָס שעפערישע ליכט און נישט די טיפע עלעמענטאַרע ליידנשאַפט פון אַ איטשע מאיר ווייסענ־בערג און אויך נישט פון אַ שמעון הוראָנטשיק און, אים צו לאַנגע יאָר, פון אַ פישל בימקאָ, אָבער דערפאַר איז ער צום אונטערשייד פון די פריער דערמאָנטע געווען אַ שטיק מוזישער מושלם.

מאַסטבוים איז אַ חוץ דערציילער אויך געווען אַ מאָלער און אַ מוזיקער. און די מאָלעריי, און דער עיקר די מוזיק זענען געווען זיין בעלעטריסטישער דער־קענונגס־צייכן.

די נגינה, וואָס שוועבט איבער מאַסטבוימס געשטאַלטן העלפט דעם לייענער אָפּצוזוכן דאָס עיקרדיקע אין מאַסטבוימס דערציילונגען און ראָמאַנען, אָפּצוזוכן

און עס אַרויסצוזוכן פון די אָפּט אָנגעהויפּטע אומנייטיקע דעטאַלן און פון די נאָך אָפטערע פאַרפּלאָנטערטקייטן פון סיפּור המעשה און לשון.

ווי די אַנדערע „רויע טאַלאַנטן" אונדזערע, פּרוווט יואל מאַסטבוים שרייבן אַ נאַקעטע, אַ ברוטאַלע פּראָזע און אין זיינע געשטאַלטן זוכט ער אַרויסצוברענגען עפּעס ווינטיקס און שטורעמדיקס, אָבער נישט דער שטורעם און דער וויכער פון אַזעלכע פאַרשוינען ווי זיין זיידע „גענעראַל שמחה גלעזעראָוויטש" און ווי זיין טאַטע דער סאָציאַליסטישער בונטאַר איטשעלע מעזריטשער, וואָס ער מאָלט זיי אין דעם אויטאָביאָגראַפישן בוך „מיינע שטורמישע יאָרן" (בוענאָס איירעס, 1950), זענען די אמתע העלדן פון מאַסטבוימס דערציילונגען און ראָמאַנען, נאָר ער אַליין, דער מחבר, וואָס „צווישן זיידנס צילן און מיין פאָטערס, האָב איך געהאַט אַנדערע צילן, אַ בליק צו טאָן וואָס עס טוט זיך אין דער סביבה און אַ שמעק טאָן צו די ריחות פון וויכע ליימען, פון דער פרישער זשיוויצע אין די וועלדער, הערן די קלאַנגען פון די פאַרבענקטע קוקוויקעס, פרעש וואָס בענקען פון טייכעלע זשעליאַנקאַ, און מאָרגן איז שבועות, טאָקע דער אמתדיקער טאָג פון מתן תורה, ווו אַלץ איז טאָפּלט שיין און טאָפּלט זינגענדיק ווי אַלע וואָכע־דיקע טעג".

וואָס איך וויל זאָגן איז — אַז ער, יואל מאַסטבוים, האָט זיך אין דער אמתן נישט אָנגעקערט מיט די שטורעמס און ווינטן פון זיינע העלדן פון „מאַריטאַס גליקן", פון „רויט לעבן" און פון „מיינע שטורמישע יאָרן". זיין געמיט האָט פון ששת ימי בראשית געלעבט אין אַן אַנדערער וועלט ווי זיי. און עס האָט מאַסטבוימען, מעג מען זיך משער זיין, געלאַנגווייליקט צו באַשרייבן זיינע געשטאַלטן. האָט ער זיך צווישן איין באַשרייב און אַן אַנדערן פאַרטראַכט וועגן זיך אַליין אָדער זיך גאָר דערמאָנט אין אַ ניגון און אים געגומען איבערזינגען. ער איז געווען פון די אַרבעטער, וואָס האָבן ליב זיך אונטערצוזינגען ביי דער אַרבעט. אָבער דער אונטערזונגען זיינער איז נישט פון דעם מין, וואָס העלפט זיך קאָנצענטרירן אויף דער אַרבעט, נאָר פאַרקערט, אַזאַ, וואָס ווענדט אָפּ דאָס געמיט פון איר און איז גורם אַלע צעשויבערטקייטן און נישט־געבונדנקייטן, וואָס זעען זיך אָן אין דעם פּאַרטיקן ווערק.

מען קוקט אויף דעם בילד, וואָס יואל מאַסטבוים האָט אָקאָרשט אָפּגע־מאָלט און אָפּדערציילט, און מען זעט דאָרט עטלעכע אינטערעסאַנטע געשטאַלטן. אָט איז דער גרויסער עקשן, דער זיידע שמחה, וואָס גלעזעריי איז פאַר אים ווי עפּעס אַ הייליקע שליחות און ער קאָן נישט פאַרטראָגן קיין „סמוטנע מענטשן". סמוטנע מענטשן, זאָגט דער זיידע שמחה, דאַרפן גיין קאָסען היי, אָבער זיי קאָנען נישט האָבן קיין עסקים מיט אים, דעם גלעזער פון שעדלעץ און גלאָז־פאַבריקאַנט פון זשעליאַנקע. און אָט איז דער פאָטער איטשעלע מעזריטשער, וואָס האַלט זיך אין איין קריגן מיטן שווער און שטעלט זיך איין פאַר די אַרבע־

טער אין דער גלאָז־הוטע, ווייל משה רבינו איז געווען אַ סאָציאַליסט, און אַחוץ דעם איז ער וועגן סאָציאַליזם געוווּר געוואָרן פון די כלערליי בראָשורן, וואָס מאַרעק און דער שמיד סולימאַן פלעגן ברענגען צו טראָגן אין וואַליזעס. און די שטוב ביי איטשעלע מעזריטשער איז ווי יענע שטוב, וואָס ווערט געמאָלן אין אַשס יוגנט־דראַמע „משיחס צייטן". איין טאָכטער איז אַ פּ.פּ.ס.־טוערין, די אַנדערע — אַ בונדיסטקע, און דער פאָטער מיטן זון יודל זענען עוסק אין טעראָר קעגן דעם צאַר און קעגן זיין בייזן פּאַרטרעטער אין שעדלעץ, דעם „סטאַטסקי סאָוויעטניק זאַשטשענקאָ".

און אָט איז די אויסגעפּוצטע און פריילעכע מינדעלע, דעם זיידע שמחהס געליבטע טאָכטער, און איר מאַן אָשר, וואָס איז פאַרקאַכט אין טעאַטער און עקזאַמינירט די אַקטיאָרן איידער ער גיט אַן הלוואה דער טרופּע. און שלמה גוי איז דאָ וואָס פירט דעם סטרייק קעגן זיידן שמחהן און טענהט זיך מיט אים אויס מיט אַרויסרופּעניש און זידל־ווערטער עלעהיי די האַמערישע העלדן אַכילעס און העקטאָר, איידער זיי הייבן אָן זייער קאַמף מיט שפּיז און פייל.

און עס זענען בפירוש אינטערעסאַנט אויך דער אַנדערער זיידע, געצל דער שענקער פון מעזריטש, און לייבל דער בלינדער, וואָס האָט פון ארץ־ישראל מיטגעבראַכט אַ האַלב טוץ פלעשער מיט וואַסער פון מרים הנביאה׳ס ברונעם, און „אַזאַ וואַסער, ווען מען טרינקט עס, האָט מען קינדער".

די צייכענונג ווידער ערגעץ אין אַ ווינקל פון דעם זעלביקן לייבל דער בלינדער, ווי ער קומט אַריין צו געצל שענקער, קריכט אַרויף אויף אַ שטול און קלאַפּט מיט די הענט אין יעדער פון די פּערצן צדקה־ און ארץ־ישראל־פּושקעס אויף דער וואַנט, אויף צו דערפילן, ווי שווער זי איז מיט מטבעות — איז רירנדיק און גיט ממש אַ ציפּ ביים האַרץ.

און די סצענע פון דעם שטאַרבנדיקן שמחה גלעזער, וואָס הייסט זיך דער־לאַנגען דאָס קלענערע לאַקשנברעט און פאַרשרייבט דאָרט זיין צוואה, האָט מיט אַ ביסל מער געדולד און מיט מער מאַלערישן אויסדויער געקאָנט ווערן פאַר זיך אַליין אַ געלונגען בילד פון טרויעריקן גראָטעסק.

אַפילו די „סמוטנע יידענעס", כ׳מיין די באָבע, די אשת חיל פון שמחה גלעזער, דעם „המן", ווי זי רופט אים, און די עלטסטע טאָכטער, וואָס האָט געליינט שמרס און בלוישטיינס ראָמאַנען און איז געווען די איינציקע אין הויז נישט צו וויסן וועגן איר מאַנס און אירע קינדערס שנאה צום צאַר — אויך זיי, די „סמוטנע יידענעס", האָבן לעבעדיקע שטריכן אויפן בילד.

דער סאַמע לעבעדיקסטער, וואָס בלייבט האַפטן אין געמיט פונעם לייענער־בילד־צוקוקער איז אָבער דער מחבר אַליין — יואל מאַסטבוים. דאָס בילד, ווי געזאָגט, האָט חסרונות, וואָס ליגן אויף דער האַנט: די סצענעס זענען צומייסט נישט דערצייכנט, נישט דערמאָלן און פון אַ קאָמפּאָזיציאָנעלער

אי׳דעע, וואָס זאָל פאַרבינדן די איינציקע טיילן פון די בילדער צו אַ גאַנצקייט, קאָן קיין רייד נישט זיין. אָבער מען פילט דעם מחבר און זיין ניגון. עס איז גלייך מען זאָל געווען שטיין דערביי, ווי דער מחבר מאָלט און שרייבט זיינע סצענעס און מען זאָל האָבן געהערט די כלערליי ניגונים און זמרלעך, וואָס ער האָט זיך אַ פאַרטראַכטער׳ אונטערגעזונגען. און אָט די מעלאָדיעס, שטיקלעך פון זיי, גייען נאָך און ווענדן אָפּ די קריטישע אויפמערקזאַמקייט פונעם בילד און מען שמייכלט בעל כורחא מיט סימפּאַטיע איבער דעם באַהעמיאַנישן מחבר, אַנשטאָט צו זען די צעשויבערקייטן און די נישט־צוגעפּאַסטקייטן פון פאַרב און פון לשון און די אָפּט זייער נישט געראָטענע קאָמפּאָזיציאָנעלע פּראָפּאָרציעס אין מאַסטבוימס בילד, אין מאַסטבוימס בוך.

מיר דאַכט, אַז דוד פרישמאַן און נח פּרילוצקי, וואָס האָבן דעם יונגן מאַסטבוים אַזוי ליטעראַריש מקרב געווען און האָבן וועגן אים נישט איין מאָל געזאָגט גוטע און צו גוטע ווערטער, זענען אויך פאַרכאַפּט געוואָרן מער פון דעם שרייבער, ווי פון זיין ווערק. זיי האָבן אים געקענט פּערזענלעך, האָבן לייענענדיק מאַסטבוימס אַ דערציילונג שטענדיק געזען פאַר זיך דעם לעבע־דיקן פאַרטראַכטן און היפּש צעטראָגענעם יונגן אַרבעטער מיט דעם בעטהאָווען־קאָפּ און האָבן צווישן איין סצענע און דער אַנדערער אין בוך געהערט ציען ניגונים און אונטערברומען אַריעס פון אַלערליי אָפּערעס. און דער שרייבער, דער „אָריגינאַל", האָט אין פרישמאַנס און אין פּרילוצקיס געמיט פאַרדעקט און אויסגעגליכן אַ היפּש ביסל חסרונות, וואָס בטבע קאָן מען זיי קריטיש נישט סובל זיין.

*

מען האָט געמוזט קענען פּערזענלעך דעם מחבר פון „מיינע שטורמישע יאָרן", כדי דערנאָך צו לייענען אַנדערש און מיט אַן אויג, וואָס זוכט און געפינט דאָס פּאָזיטיווע און דאָס אויסטערלישע און אָפּצושאַצן דאָס, וואָס ש. ניגער האָט אַמאָל אין זיינס אַ מאמר אָנגערופן „געמיש פון אָריגינאַליטעט און ווילדקייט" אין מאַסטבוימס אופן שרייבן.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט יואל מאַסטבוימען, איז ער געווען אַ מאַן פון פופציק און האָט שוין מיט גרויסע ווערדע און חשיבות געטראָגן דעם בעט־האָווען־קאָפּ, זיין קאָפּ, וואָס האָט סיי מיט דעם געביי און סיי מיט דער ווילדלעך־גרויער טשופּרינע און אויך מיט געוויסע שטריכן פון פּנים געכאַפּט דעם אָנבליק פון די באַקאַנטע בעטהאָווען־פּאָרטרעטן.

ס׳איז געווען אין די ערשטע נאָך־פּסח־טעג פון 1932, ביי מיר אין שטוב אין בוקאַרעשט. איך דערמאָן זיך גענוי די דאַטע, ווייל ס׳איז געווען אין די

שלושים נאָך אליעזר שטיינבאַרגס פּטירה און דער ערשטער פּאַדעם פון געשפּרעך צווישן אונדז האָט זיך געשפּונען אַרום יענער טרויעריקער געשעעניש.

איך געדענק גוט, ווי ס'האָט מיך שאָקירט מאַסטבוימס באַמערקונג וועגן שטיינבאַרגן. אַ שאָד — האָט מאַסטבוים אַ זאָג געטאָן וועגן נפטר און באַלד דערויף שוין אונטערגעברומט עפּעס אַ ניגון, — ער איז געווען אַ טאַלענטירטע בריאה.

„אַ טאַלענטירטע בריאה" — אָט דער געמיש פון „אָריגינאַליטעט און ווילדקייט" איז מיר נאָך אַנטקעגנגעקומען אין מאַסטבוימס ראָמאַנען, וואָס איך האָב מאַקע דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין רומעניע, צום ערשטן מאָל געלייענט, און ענלעכע כאַראַקטעריזירונגען פון אייגענע משפחה־מענטשן טאַנצן מיר ממש אַנטקעגן איצט, ווען איך בלעטער מאַסטבוימס ווערק „מיינע שטור־מישע יאָרן", וואָס איז דאָס פאַרלעצטע בוך זיינס (דאָס לעצטע איז געווען דער ערשטער באַנד פון אַ געפּלאַנטער טרילאָגיע „דער כוח פון דער ערד", וואָס אַ מאַסטבוים־יובל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן, אין 1951).

„טאַלענטירטע בריאה", און ענלעכע כאַראַקטעריזירונגען האָבן געשמעקט מיטן גלוסט פון דעם פּשוטן ייד מיטן בעטהאָוועךקאָפּ, פון דעם ייד, דעם נאָכ־זינגער פון אַלע אָפּערע־אַריעס צו אינטעליגענטישן אויסדרוק, האָבן געשמעקט מיט דעם גלוסט צו רעדן שענער און העכער ווי מיט די אייגענע ווערטער. אוודאי האָט אַ גרילץ געטאָן אין אויער פון מאַסטבוימס אַזעלכע אינטעליגענ־טישע זאָגענישן, אָבער מען קאָן פון דעסטוועגן נישט לייקענען, אַז די אַלע זאָגענישן מאַסטבוימס, בעל־פּה און אויך בכתב, האָבן געהאַט שאַרם, האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַ חן, וואָס צוליב אים האָט מען דעם גרילץ נישט דערהערט, און מען האָט סיי אין אַ שמועס מיט מאַסטבוימען און סיי אין זיינע ביכער בלויז געזוכט די אינטערעסאַנטע שטיקער געמעלן פון מענטשן און געשעענישן, וואָס ער האָט כבד־פּה׳יש אָנגעוואָרפן און מען האָט געהערט דעם ניגון פונעם דער־ציילער זיך פּלאָנטערן צווישן זיינע געשטאַלטן, דעם ניגון, וואָס האָט די געשטאַלטן געמאַכט אָנזעעוודיקער און נענטער צום געמיט פונעם לייענער.

קיין פאַרלאָזלעכע שילדערונג פונעם ייִדישן לעבן אין פּוילן האָט אונדז יואל מאַסטבוים נישט געגעבן, אָבער דער לייענער פון אונדזער דור, וואָס וועט זיך נעמען די צייט מעיין צו זיין אין מאַסטבוימס ראָמאַנען און אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וועט סיי אין קולטור־היסטאָרישן און סיי אין קינסטלערישן זין זיך האָבן פון דעסטוועגן באַרייכערט. ער וועט האָבן דאָס געפיל, אַז ער האַנדלט איבער אַן אויסשטעלונג פון שלעכט אַראַנזשירטע און אַ סך מאָל נישט פאַרענדיקטע פּאָרטרעטן און אויך גרעסערע לייוונטן, וואָס פון יעדער פון זיי איז ער עפּעס געוווּיר געוואָרן, און אַן דעם שכר פון הנאה איז ער כמעט פון קיין איינער פון זיי נישט געבליבן.

חיים גראַדעס „שולהויף"

א

פון די דריי דערציילונגען, וואָס חיים גראַדע האָט צונויפגעזאַמלט אין זיין צווייטן פּראָזע־בוך „דער שול־הויף", איז די דריטע מעשה וועגן דער קרעמערקע שפרהלע, וואָס האָט געלעבט אין גרויס שלום־בית מיט איר מאַן איסרל, האָט זיך אָבער אין איינעם אַ טאָג פאַרליבט אין דעם נאַכאַלניק טעווקע, האָט אָפּגעגט איר מאַן, האָט חתונה געהאַט מיט איר ליובאָוניק און האָט געהאַט איר פאַרדינטן פּסק, וואָרים „צען שונאים קענען אַ מענטשן נישט אָפּטאָן, וויפל ער טוט זיך אַליין" — אָט די מעשה וועגן „שפרהלע" איז אַ מאָראַליש „שוואַרץ און ווייס" צייכענונג אין פאָלקסטימלעכן נוסח.

כדי אָט די ווייס־צייכענונג פון איסרלען און דאָס שוואַרץ־געמעל פון שפרהלען זאָל געווען קענען דערגרייכן דעם ניוואָ פון גראַדעס קינסטלערישער געשטאַלטיקונג אין די ערשטע צוויי דערציילונגען פון בוך („דער ברונעם" און „ר' נחומל מלווה") וואָלט די מוסר־השכל־מעשה וועגן שפרהלען, ווי מיר דאַכט זיך, געווען געדאַרפט געשריבן ווערן נישט אין אַ רעאַליסטישן סטיל, נאָר אין נוסח פון תחינה.

דער דערציילער, חיים גראַדע, איז בטבע אַ דראַמאַטיקער. די דראַמע הויבט זיך ביי אים אָן פון דעם דרויסנדיקן קריגערישן זשעסט פון זיינע געשטאַלטן און זי דערגרייכט טיפע און וויכערדיקע ווידעראַנאַנדן אין דער אינעווייניקסטער צורה פון זיינע מענטשן און אויך אין דעם דיאַלאָג, וואָס דאָס מיינט, אין די באַציונגען צווישן זיינע מענטשן.

דאָרט ווו גראַדע האָט צו טאָן מיט סטאַטישן מאַטעריאַל פון געשטאַלטן און געשעענישן און ס'פאַרפעלט אים די דרויסנדיקע זאַווערוכע פון זשעסטיקולאַציע, וואָס איז ביי אים, ווי געזאָגט, געוויינלעך דער אָנהויב פון דער דראַמע, גיט זיך גראַדע אָן עצה, און, לפי דעתי, אַ זייער גראַטענע און עפעקטיווע עצה.

ער סטיליזירט די באַוועגונגען פון זיינע געשטאַלטן, ער נעמט ביי זיי צו זייערע אייגענע פאַוואָליעדיקע תנועות און הוויות און פירט זיי ווי אויף אַ שטריקל אין עפּעס אַ ליאַלקעדיקן גיכן און שפּרינגעוודיקן טראַט. גראַדעס מענטשן ווערן מאַנעקינען, וואָס באַוועגן זיך און באַגעגענען זיך נישט אַזוי לויט דער געזעצלעכקייט פון סיפור המעשה, ווי לויט דעם ווילן פון זייער דרויסנדיקן שפּיל־־אַראַנזשירער.

און גראַדעס קינסטלערישער אויפטו דערביי איז, וואָס די ליאַלקעדיקע באַוועגונגען פון שפרהלען און איסרלען אין די שלום־בית־קאַפּיטלען אין דער דערציילונג „שפרהלע", און אויך דער מאַנעקינישער טראַט, פון מענדע דעם טרעגער, פון דעם אָפּגעריסענעם חקרן ירוחמקען, פון לאָזער דעם סופר און

פון דער פֿאַרליבטער רבקהלע און די אַריינפֿיר־סצענעס צו דער דערציילונג „דער ברונעם", ווערן נישט אָן דעם אָטעם פֿון מענטשלעכער לעבעדיקייט. די אַלע דערמאָנטע געשטאַלטן זענען גאָרנישט ליאַלקעדיק. דאָס האָט בלויז דער קינסטלער גראַדע מיט עפּעס אַ געהיימען צויבער־שטריקל פֿאַרגיכערט זייער גאַנג און זייערע באַוועגונגען און דאַדורך באַשאַפֿן די דרויסנדיקע דראַמאַטישע אַטמאָספֿער ווי אַ פּרעליוד צו דער וויכערדיקער דראַמע פֿונעם סיפּור המעשה.

אויך די מעשה וועגן שפּרהלע שפּאַנט אַריין מיט גיכע מאַנעקינישע טריט אין די שלום־בית־סצענעס פֿון דער קרעמערקע מיט איר מאַן, אָבער די דאָזיקע סיטואַציע לשם באַוועגונג און לשם טעמפּעראַטור־העכערקייט דערפֿירט נישט צו אַזאַ דראַמאַטיש געמאָלענער פּרעסקע פֿון געשטאַלטן און פֿון געראַנגל צווישן געשטאַלטן ווי אין „דער ברונעם". דער פֿיינער ליאַלקע־שפּיל פֿון דעם שלום־בית צווישן שפּרהלען און איר מאַן איסרלען, באַרעכטיקט זיך נישט קינסטלעריש. ווייל אַלץ, וואָס ס'קומט דערנאָך ברויזט נישט מיט אינעווייניקסטער פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפֿטער דראַמע ווי, למשל, דער אָנקום פֿון די רבנים קיין ווילנע און די רבנים־אסיפֿה מיט ר' אהרן פּינסקער בראש און אַנדערע אַזעלכע וווּנדערלעכע קאַפּיטלען אין „דער ברונעם", נאָר איז בלויז טעאַטראַליש, רק טעאַטראַליש ווי אין דער גט־סצענע אין בית־דין־שטוב און ווי אין די סצענעס פֿון קרעמערישע מלחמות, וואָס שפּרהלע פֿאַרפֿירט קעגן איר געגטן מאַן.

ב

„דער ברונעם" איז די ערשטע און גרעסטע דערציילונג אין „דער שול־הויף". זי פֿאַרנעמט היפּש מער ווי די העלפֿט פֿונעם גאַנצן בוך און איז וואָס שייך קאָמפּאָזיציע פֿון געשטאַלטן אין סיפּור המעשהדיקן אויפֿבוי, אַ זייער געראָטענע דערציילונג, אפֿשר נאָך געראָטענער פֿון דער „מאַמעס שבתים", וואָס האָט גראַדען אַוועקגעשטעלט אין דער פֿאָרנט־ריי פֿון אונדזערע קינסטלערישע פּראָזע־שרייבער.

אַרום אַזאַ קליינעם, און אין תוך מאָגערן, נאַראַטיוון סוזשעט ווי מענדע דעם טרעגערס אונטערנעמונג, צונויפֿצוקלייבן נדבות אויף צו פֿאַרריכטן דעם ברונעם אין שול־הויף, געלינגט חיים גראַדען פֿאַנאַנדערצוּוויקלען אַ ברייטע קאַנווע פֿון געשטאַלטן אויפֿן הינטערגרונט פֿון ווילנער טאָפּאָגראַפֿיע און פֿון ווילנער יידישן פֿאָלקלאָר.

עס איז ממש אַ ברויגעליש בילד מיט אַ שלל סצענעס (פּאַטעטישע, גראָטעסקע, הומאָריסטישע) איבערן גאַנצן שטח פֿון דער לייוונט און ביז אין אַלע ווינקלען פֿונעם געמעל.

אָט זענען אַ טייל פֿון די הויפּט־געמעלן, וואָס אַ יעדעס פֿון זיי וואָלט געקאָנט זיין אַ בילד פֿאַר זיך: ר' בונימל, דער פּאַיאַנס־קרעמער און זיין ווייב צביה רייזע,

וואָס הערן נישט אויף צו טרויערן אויף זייערע יונג־פאַרשניטענע קינדער און זייער געמיט ווערט פיבערדיק אַרומגעשליידערט צווישן שולד און הכנעה־געפיל פון איין זייט און פון האַרבע טענות צום רבש״ע פון דער אַנדערער זייט; ר׳ אביגדור, דער מעל־סוחר, וואָס שדכנט זיך צו דער רביצין באַדאַנע און וואָס ווען ער רעדט מיט איר, ווערן זיינע „וואַנסעס קלעפּיק־פעט און תאווהדיק, ווי ער וואָלט אויסגעזופּט אַ טעלער מיט הינערשער יויך״; די אָפּשפּרעכערקע סערעלע, „אַ קליינינקע, מיט דאַרע פלינקע הענטעלעך און פריילעכע אייגעלעך, וואָס פאַררעדט שוין פופציק יאָר די חולאתן פון גאַנץ ווילנע״ און וואָס חיים גראַדעס באַשרייבונג פון אירע סגולות איז אַן אויסנעמלעכע באַרייכערונג פון דער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג. די באַשרייבונג איז געמאַכט אי קינסטלעריש־פּיקאַנט און אי מיט היפּש וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט.

די קאַפּיטלען, וווּ גראַדע שילדערט די אָנגעקומענע רבנים אויף די געסלעך פונעם „שול־הויף״ און דערנאָך די אסיפה פון די רבנים אין זאַל פון „פּאַלאַס״־טעאַטער, געהערן בלי ספק צו די שענסטע בלעטער פּראָזע פון אונדזער נאָך־קלאַסישן דור.

רבנים־געשטאַלטן האָט מען אַ היפּש ביסל געמאָלן אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער קיינער פאַר חיים גראַדען האָט נישט באַוויזן אָוועקצושטעלן די רבנים־פּראָפעסיע, אַזוי צו זאָגן, אין איר גאַנצקייט, די רבנים מיט זייערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען און מיט זייערע מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע דאגות. און דער עיקר האָט קיינער פאַר גראַדען נישט דורכגעפירט אַזאַ פאַנאַנדער־אַנדער־שונג פון די רבנים־געשטאַלטן. קיינער פאַר אים האָט פאַר אונדז נישט אַנט־פּלעקט אַזאַ שפע פון פאַרשידנאַרטיקע רבנישע כאַראַקטערן, טעמפּעראַמענטן און גורלות.

און פול מיט דראַמע זענען גראַדעס רבנים. דראַמאַטיש אויפן אויסזען, שפּאַנונג אין זייערע רייד און עקספּלאָזיווע דראַמאַטישקייט אין זייערע קליינע און גרויסע צונויפשטויסן מיטן לעבן.

לעבן ר׳ אהרן פינסקער זיצט אויף דער בימה פון דער אסיפת הרבנים אַ רב, וואָס געהערט נאָך צום „דור רבנים, וואָס פּאַטשן קצבים, סטראַשען מיט חרם און פּאַכען מיט דער בולאַווע ווי די אַמאָליקע פּרנסים אויפן וועד ארבע ארצות״; און ביי זיין זייט, דער דרוזגעניקער רב „אַ פייערלעכער זקן״, וואָס אין אַ מין ראיה, „אַז מען קען זיין אַ תלמיד חכם נישט קיין רגזן״; און דער קאַמעניצער ראש ישיבה, וואָס קאָן לויפן דריי ביינאַכט קלאַפּן אין לאָדן פון אַ סטאַנציע און בעטן מחילה ביי אַ ישיבה־בחור פאַר אַ האַרב וואָרט; און דער קליינוווקסיקער יונגערמאַנטשיק, אַ באַרימטער עלוי, וואָס „גאונים טרייסלען זיך פאַר אים, און מען זעט, אַז ער ווייסט עס״. און רעדן רעדט דער ניעמענ־טשינער רב, „אַ הויכער ביזקל באַלקן און מיט דער אויסגעוויקטער איידלקייט

פון אַ בן־תורה, וואָס האָט אויסגעלערנט אַלע חלקים שולחן ערוך, האָט זיך אָבער נישט אויסגעלערנט ווי אומצוגיין מיט פּראָסטע יידן״.

די דערמאָנטע זענען בלויז עטלעכע פון אַ גאַנצער גאַלעריע רבנים, איעדער מיט זיין אַנדערשדיקן אויסזען, אַנדערן טעמפּעראַמענט און אַנדערע פּראָבלעמען. אַזוי וויקלען זיך די בילדער און בילדלעך איבער גראַדעס ברייטן געמעל פון „שול־הויף״, מיט זיינע כּלי־קודש, זיינע קרעמערס און סתם אָרעמע יידן. און צווישן די אַלע בילדער לויפט אַהין און צוריק מיט מאַנעקינישע טריט, אויף צו פאַרגיכערן זיין באַוועגלעכקייט, מענדע טרעגער מיטן צונאָמען „די קו״. ער איז „אַ פאַרגולמט־שווערער און ווי אַן אויסגעקנאָטענער פון די נאַכטיקע שאָטנס אין פוסטן בית־מדרש״.

מענדע איז גראַדעס דערציילערישער קוריער צו אַלע געשטאַלטן און צו אַלע געשעענישן, ער גייט דורך די דערציילונג ווי עפּעס אין אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע. זיין וועג איז פול מיט אומגעריכטיקייטן, מיט גראָטעסקע איבערלע־בענישן און מיט ניסים.

מענדעס סאַמע מעשהדיקסטער גאַנג איז דער גאַנג דורך די הינטער־קוליסן צום זאַל פון טעאַטער „פּאַלאַס״, וווּ ס׳קומט פאָר די אסיפת הרבנים. ער באַגעגנט זיך דאָרט מיט כּלערליי טעאַטער־רעקוויזיטן: בערד, וואָנסעס, זשופּיצעס און סורדוטן און עס קומט אים פאָר, אַז ער געפינט זיך אין מלכות פון שדים. ער לעבט איבער, מענדע, שרעק אין איינעם מיט װוּנדער. עס איז אַ קאַפּיטל, וואָס פאַרשמעקט דאָ און דאָרט טשאַפּליניש.

מענדע, דער טרעגער, איז, ווי געזאָגט, אי די צענטראַלע פיגור און אי דער ניגון פון דער „ברונעם״־מעשה. גראַדע באַוווּסט דערפאַר, ווי מיר דאַכט, מענדעס צענטראַלקייט און אויך מענדע, דעם ניגון, ווען ער שליסט אָפּ די דער־ציילונג נישט בלויז מיט מענדעס שמחה פונעם פאַרריכטן ברונעם, נאָר אויך מיט אַ צווייטער אומגעריכטער שמחה פון מוראַוויאָוו, דעם בעטלערס ספר תורה.

מוראַוויאָווס השגת גבול פון מענדעס שמחה איז פון קינסטלערישן שטאַנד־פּונקט אַן עוולה דער עיקרשט דערפאַר, וואָס זי מאַכט אין אַ געוויסער מאָס צו נישט דעם ניגון פון דעם סיפור המעשה, וואָס ווערט דורך דער גאַנצער לענג פון דער דערציילונג געזונגען מיט מענדעס תמימותדיקער, שוואַכער און גראָטעסקער שטים.

עס איז דאָס דער ניגון פון געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמערישקייט און פון קהלשער אחריות. דער בעטלער „מוראַוויאָוו״ איז איינע פון די בולט און שאַרף סקולפּטירטע מאַסקעס אין דער דערציילונג, אָבער ער איז נישט מער ווי אַן עפּיזאָדישע געשטאַלט. און אויף וויפל מיר הערן זיין שטים, רעדט „מוראַוויאָוו״ נישט מיט דער שטים פון אַ קהלשער אידעע, נאָר מיטן בייזן, ליאַרעמדיקן קול פון מוסר.

מוראַוויאָוו — דאָס איז דער אָנהויב פון דעם מוסר־ניגון, וואָס צעכוואַליעט זיך מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ אכזריות אין גראַדעס צווייטער דערציילונג כּונעם שול־הויף — אין דער מעשה וועגן נחומל, דער מלווה.

איך האָב געזאָגט: דער ניגון פון מוסר. אין דער אמתן איז דאָס אויך, וואָס גראַדע ברענגט אַרויס דורך דעם „וויסטן כּוח הדיבור" פון דעם משוגענעם אַבעלסאָן אין דער דערציילונג „נחומל, דער מלווה".

ג

אַז ס'איז דאָ אַ גיהנום, ווו מען קאַטעוועט נאָכן טויט פאַר די זינד, וואָס מען איז באַגאַנגעןביים לעבן — אָט די באַוווסטזיניקייט פון מורא און וואָרענונג איז וואָך סיי ביי ר' נחומלען, סיי אין דעם משוגענעם אבעלסאָן, סיי אין דעם גבאי ר' נתן נטע און אין אַלע איבעריקע געשטאַלטן פוןביידע דערציילונגען אין בוך, אָבער דער עיקרשט בולט און ברענענדיק איז די דאָזיקע באַוווסטזיני־קייט אין דער מעשה וועגן נחומל, דער מלווה.

ווי אַזוי זשע באַוואָרנט מען זיך קעגן דעם שרעקלעכן יום־הדין, וואָס דער־וואַרט בן־אדמען אויף יענער וועלט?

די איינציקע באַוואָרעניש איז אַ לעבן פון מצוות און מעשים טובים. און ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש וויסן צי ער איז אויפן ריכטיקן וועג פון מצוות און פון גוטע טוונגען? איז דער ענטפער: דער דין. אַ ייד דאַרף היטן דעם שולחן ערוך. קיין בעסערער שומר ווי דער דין, וואָס זאָגט אָן, ווי אַזוי זיך צו פירן און אויך ווי אַזוי זיך נישט צו פירן קאָן גאָר נישט געמאָלט זיין.

דער דין האָט אין זיך די מידות פון גאָט ברוך הוא אַליין. ער איז שטרענג, האַרב און איז קיינעם נישט נושא פּנים. אָבער ער האָט אין זיך אויך גנאָד און באַרמהאַרציקייט. ווער עס לעבט לויטן דין האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, אַז ער איז עובר אויף חסד און רחמים.

דער אַכציק־יעריקער ר' נחומל, וואָס האָט קינדער אין אַמעריקע, לעבט און טוט צדקה מיטן געלט, וואָס זיי שיקן אים. ער פאַרלייט געלט אויף משכנות און איז זהיר אָפּצוהיטן די דינים פון הלוואות און משכנות. ער אַליין לעבט קאַרג, נישט ווייל ער זשאַלעוועט זיך, נאָר ווייל ער וויל זיך אויסהיטן פון צופיל עולם הזה. ער זשאַלעוועט אַ גראָשן זיין ווייב פעסיע און קלערט נישט איבער־צולאָזן צו פיל ירושה פאַר זיין זון זאַווע, דעם הערינג־סוחר. וואָרעם וואָס וועלן זיי טאָן מיט דעם געלט, וואָס ער וועט זיי איבערלאָזן? זיי וועלן עס אַוועקגעבן אויף פּראָצענט און עובר זיין אויף אַ לאו פון דער תורה.

ר' נחומל איז להוט צו קומען אויף יענער וועלט אַ פאַרפּאַנצערטער מיט מעשים טובים און אַ באַוואָרנטער מיט דער אָפּגעהיטקייט פון דין, וואָס באַ־וואָרנט די מעשים־טובימדיקייט פונעם מענטשנס טואונגען.

ער גרייט זיך, ר׳ נחומל, צו „דערשמעקן די גערוכן פון דיביימער אין גן־עדן אויף יענער וועלט״. ווען ר׳ נחומל מאַכט הבדלה שבת צו נאַכטס — גיט אונדז גראַדע איבער ר׳ נחומלס גן־עדן בענקשאַפט אין איינעם פון זיינע סוגעס־טיווע ליריש־גראָטעסקע בילדער, וואָס זענען שפּעדיק צוואָרפן איבער זיין בוך — „פאַרשטופּט ער די נאָז אין טירל פון (בשמים) ביקסל, ווי דאָס וואָלט געווען דער טויער פון גן־עדן״.

און אָט איז ר׳ נחומל טאַקע ממש ביים טויער פון יענער וועלט. ער ליגט אין בעט אַ שווער קראַנקער און לעבט אויס די לעצטע עטלעכע געציילטע טעג, וואָס צעשיידן אים פון דעם אַריינגאַנג אין גן־עדן, און אפילו „ווען ער גייט אין טאָל פון טויט, האָט ער קיין מורא נישט״, ווייל ער איז באַפּאַנצערט מיט מעשים טובים און די מעשים טובים זענען באַוואָרנט און באַפּעסטיקט מיטן דין.

אָבער עס יאָוועט זיך, נאָך פאַרן מלאך המות, דער מוסרניק אבעלסאָן און צעברעכט אַלע פּאַנצערס פון מצוות און מעשים־טובים, וואָס ר׳ נחומל האָט זיך מיט זיי פאַרפּאַנצערט און מאַכט צונישט אַלע דינים, אויף וועלכע ר׳ נחומל איז געגאַנגען ווי אויף אַן אייזערנער בריק צו זיין אויסגעבענקטן יענע־וועלטישן ציל.

עס פליט אַריין דער משוגענער אַבעלסאָן אין פּראַק און צילינדער מיטן גראָבן סידור אונטערן אָרעם ווי אַ בכבודיקער באַלעבאָס. בלויז די צעריסענע הויזן אויף די קני אין די צעפּאָרענע שיך גיבן אויס דעם „חסר־דעה״ און ער מאַכט מיט זיין „וויסטן כוח הדיבור״ ממש אַש און פּאָרעך פון אַלע ר׳ נחומלס זיכערקייטן.

— פּראָצענטניקעס — שרייט אַבעלסאָן צו ר׳ נחומלען — לאָזט מען נישט אַריין אין גן־עדן, פּראָצענטניקעס טרייבט מען אין גיהנום אַריין סטאַדעווייז ווי די גענדז אין שחיטה־שטיבל.

— איך האָב נישט גענומען קיין פּראָצענט — מורמלט ר׳ נחומל.

— דו האָסט גענומען פּראָצענט — טוט דער משוגענער אַ טופּע מיטן פוס — דו האָסט געגעבן הלוואות, כדי זיך אָנצוגרייטן עולם הבא, ביסטו אַ מלוה בריבית.

די וואַנט פון ר׳ נחומלס מאָראַלישן בנין, אין וועלכן ער האָט זיך געפילט אַזוי זיכער — האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. אין זיין מאָראַל, אין דער ריינער מאָראַל פון זיין אָפּגעהיטן לעבן האָט זיך באַוויזן אַ וואָרעם. דער משוגענער אַבעלסאָן האָט פאַר ר׳ נחומלען אויפגעדעקט די אוממאָראַל פון זיין מאָראַ־לישקייט.

ער, ר׳ נחומל, איז גאָר אַ פּראָצענטניק. און די אַלע משכנות, וואָס נחומל האָט גענומען ביי שעיה דעם תבואה־סוחר און ביי כאַסקל דעם באַקאַלייטשיק, כדי אויסצומיידן די אַלע לאָו׳ן און די אַלע קנייטשן פון לאָו׳ן נישט צו מאָנען

ביים אַנטלייער, טאָמער האָט ער נישט אָפּצוגעבן — אָט די אַלע משכּנות זענען אײנס ווי אײנס מיט גאָר נישט באַוואָרנטע עבֿירות.

— און פֿאַר וועמען זענען די אַלע דינים פֿון שולחן ערוך ווען מען מעג יאָ נעמען אַ משכּון און ווען מען טאָר נישט? — גיט זיך ר׳ נחומל אַ ריס פֿון געלעגער מיט כּעס.

— פֿאַר דיר, צדיקל, זענען די דינים פֿון שולחן ערוך, זאָגט אַבעלסאָן, דער שולחן ערוך האָט געזען, אַז אויב נחומקע וועט נישט זיין זיכער מיט זיינע ממתקים, וועט ער נישט לייען, און אַז ער וועט נישט לייען, וועט דאָך דעם ווילנער קרעמער זיין נאָך ערגער, האָט דער שולחן ערוך געגעבן נחומקען רשות צו נעמען בעת דער הלוואה אַ משכּון ביי אַן אלמנה און אַ מאַנטעלע ביי אַן אָרעמאַן.

— איר זענט אַ משוגענער — גיט ר׳ נחומל פּלוצים אַ געשריי אויס מיט גרימצאָרן.

דאָס טראַגישע אין דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס צווישן דער באַלעבאַטישער מאָראַל פֿון לעבן, וואָס איז פֿאַרפּאַנצערט מיטן דין און דער שאַרפֿער אָפּפֿרעגע־רישער דיאַלעקטיק פֿון מוסר, וואָס דעמאַסקירט די אוממאָראַל פֿון דער מאָראַל, איז נישט בלויז דאָס, וואָס אַבעלסאָן, דער מוסרניק, איז משוגע, נאָר וואָס ער איז אויך פֿון איין זייט אַ רשע און אַן אמת־זאָגער און פֿון דער אַנדערער זייט אַ רודף צדק, אַ מענטש פֿון געפּייניקטן געוויסן און — אַ שקרן.

די געשטאַלט, וואָס גראַדע וויל אין איר פֿאַרקערפּערן די סתּירותדיקייט און אין דער לעצטער שורה, דעם שקר פּונעם מוסרניק, מוז זיין די געשטאַלט פֿון אַ בעל־מום, פֿון אַ באַעוולטן. בלויז די בלינדקייט פֿון אַ „מוראַוויאָוו" און בלויז דאָס צעבראָכענע לעבן פֿון דעם אַמאָל רייכן און לומדישן באַלעבאָס אַבעל־סאָן, באַרעכטיקט דעם שאַרפֿן, מוסרדיקן אמת און די רשעות פֿון זיין וואָרט. און בלויז אין אַזאַ צערודערטן צושטאַנד ווי אַבעלסאָנס, קאָן דאָס דיאַלעקטישע וואָרט פֿון אמת און רשעות בלייבן די גאַנצע צייט אַזוי נאַקעט, כּ׳מיין, פֿאַר קיין איין מאָמענט נישט צוגעדעקט מיט קיין שום פֿייגנבלאַט פֿון קאָנווענציאָנאַליזם און צביעות.

דער קינסטלער גראַדע באַוואָפֿנט אַבעלסאָנס צונג מיט אַ שאַרפֿער, לאָגי־שער און פּסיכאָלאָגישער אַרגומענטאַציע. גאָר נישט קאָן קעגן אָט דער אַרגו־מענטאַציע באַשטיין. די מאָראַל ווערט צעשמעטערט, דער דין ווערט אויס באַוואָ־רעניש און איז נישט מער ווי עפּעס אַ שדיש שפּיצל, וואָס איז אויסן אָפּצולאָכן פֿון דער מאָראַל און ביי איר אַרויסצורייסן אַ מינימום פֿון האַרץ און מענטש־לעכקייט.

דער שאַרפֿער מוסר פֿון אַבעלסאָנען האָט אויפֿגעריסן אַלע פֿאַנצערס און אַלע באַוואָרענישן פֿון דעם לעבן קעגן די פֿייערן פֿון גיהנום. אָט ליגט ר׳ נחומל

אויפֿן טויטן־בעט און אַבעלסאָנס רייד האָבן פֿאַר אים פֿאַרשטעלט אַלע פּענצטער צום גן־עדן. ער זעט בלויז די פֿלאַמען פֿון די גיהנום־פֿייערן. ער ראַנגלט זיך מיט אַבעלסאָנס רייד, אָבער ער פֿילט זיך אַ באַזיגטער אויפֿן וועג צום גיהנום.

ווען נישט דאָס, וואָס דער לעצטער סך־הכּל פֿון אַבעלסאָנס רייד איז דער שקר פֿון דיאַלעקטיק קעגן דעם אמת פֿון לעבן, דער שקר פֿון צוגעטראַכטע אידעען קעגן דער דורותדיק אָרגאַניזירטער מאָראַל — וואָלט אַבעלסאָן טאָקע געבליבן דער זיגער און דער רעזולטאַט פֿון זיין נצחון וואָלט געווען אַ מין מאָראַלישער ניהיליזם, אַ מין אַהין און קעריק פֿון ווערטער און אַרגומענטן, וואָס האַלטן אין איין דעמאַסקירן, אין איין אויסטאָן דאָס לעבן אַנשטאָט עס מאָראַליש צו באַ־קליידן, כּדי עס זאָל האָבן די נייטיקע טעמפּעראַטור צו לעבן.

אַבעלסאָן איז נישט בלויז אַ גרויסע ליטעראַרישע געשטאַלט, ווייל ער פֿאַר־מאָגט דראַמאַטישן שווונג צו ליידן, צו קעמפֿן און צו צעשטערן, נאָר אויך דער־פֿאַר, ווייל גראַדען איז אין דער פֿיגור אַבעלסאָן ווערסוס ר׳ נחומל און אַבעלסאָן ווערסוס דעם גבאי ר׳ נתן נטע געלונגען אַזוי פּלאַסטיש צו געשטאַלטיקן גלייכ־צייטיק דעם מוסר און זיין קריטיק, אין דער זעלבער צייט דעם אמת און דעם שקר, דאָס דערהויבענע און דאָס ניהיליסטישע פֿון מוסר.

דאָס ניהיליסטישע, דאָס צעשטערערישע פֿון דער מוסר־געשטאַלט לאָזט זיך אויס אין אַ שווערד־שאַרפֿער דיאַלעקטיק, אָבער דער לייענער בלייבט מיט דעם געפֿיל, אַז געדויערדיק און אייביק איז נישט דער מוסר, נאָר דאָס לעבן.

ווען ר׳ נחומל האָט זיך אונטער אַבעלסאָנס מוסר־רייד גענומען קלאַפּן אין האַרץ „אשמנו, בגדנו“, ווי דער זינדיקסטער פֿון אַלע זינדיקע, האָט וועלע, דער אויבס־פּאַרקויפֿערקעס זון חייקל דערהערט „אַ נאָענט, וואַרעם, שטיל געוויין, וואָס איז איינגעוועבט אין מיין האַרץ און מוח נאָך פֿון קינדוויז: אַ געוויין, וואָס וועקט מיך אויף פֿון שלאָף יעדן שבת אינדערפֿרי ערב ראש חודש; אַ געוויין, וואָס דערגרייכט צו מיר פֿון ווייבער־שול ווען איך שטיי ימים־נוראים אין בית־מדרש. איך רייס אויף די טיר: ביי דער שוועל פֿון ר׳ נחומלס צימער שטייט און וויינט — מיין מאַמע“.

די מאַמע און איר ליריש, הכנעהדיק און גאָטספֿאַרכטיק געוויין — האָב איך געטראַכט אין איינעם מיט גראַדען — דאָס איז דאָס שטענדיקע, דאָס בלייבנדיקע און זיגערישע אין לעבן.

1959

א. מ. פוקס

ווען אברהם משה פוקס האָט אין 1924 אַרויסגעבראַכט זיין באַנד דערציי־לונגען „אונטער דער בריק", איז ער אַלט געווען פיר און דרייסיק יאָר. היינט ווען ס'איז אין ניו־יאָרקער פאַרלאַג „דער קוואַל" דערשינען זיין בוך דערציי־לונגען „די נאַכט און דער טאָג" איז פוקס, ביז הונדערט און צוואַנציק, שוין אַ בן שבעים.

צווישן איין בוך און דעם אַנדערן האָט בכן א. מ. פוקס געמאַכט אַן הפסקה פון זעקס און דרייסיק יאָר. ווער איז אין דעם שולדיק? ס'גרינגסטע, פאַר־שטייט זיך, איז צו זאָגן, אַז אין דעם איז שולדיק די פאַרלעגערישע מערכה פון אונדזער ליטעראַטור. און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס צו זאָגן איז נישט בלויז גרינג, נאָר אַז מען איז בדרך כלל היפש נאָענט צום אמת.

פון דעסטוועגן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ באַגאַבטן און דורכויס אָנער־קענטן דערציילער ווי א. מ. פוקס קאָן מען די צוויי מאָל ח"י־הפסקה צווישן איין בוך און דעם אַנדערן נישט אַרויפוואַרפן סתם אויף דעם מאַנגל פון יידיש־ליטעראַרישער פאַרלעגעריי. עס לייגט זיך גיכער אויפן שכל, אַז פוקס האָט אין די זעקס און דרייסיק יאָר נישט געהאַט קיין פאַרטיקן כתב יד צום דרוק.

אַז דאָס איז נישט פונעם וועג אַזוי צו טראַכטן קאָן מען זען פון דעם באַנד „די נאַכט און דער טאָג" וואָס מלך ראַוויטש און רחל אייזענבערג האָבן צוגע־גרייט צום דרוק פאַר ישראל לאַנדאַנס פאַרלאַג „דער קוואַל". פון די פיר און צוואַנציק דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, לייענען זיך איין און צוואַנציק ווי קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן וועגן אַ יידיש־דאָרפישער משפחה אין גאַליציע, וואָס פוקס האָט, מן הסתם, געהאַלטן אין שרייבן און נישט פאַר־ענדיקט. אַנדערע צוויי דערציילונגען, איינע וועגן דריי מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט פון פוטערוואַרג „אין קעלער", און די צווייטע וועגן דער ליבע צווישן דער „קליינער מאַגיע" און דעם הער ראַבינער לעבערהערץ, געהערן צו דער אַטמאָספער פון יידישער אָרעמקייט אין ווין, וואָס מיר קענען זי פון „אונטער דער בריק". און די סאַמע לעצטע, וואָס איז נישט מער ווי אַן ארץ־ישראלדיק לאַנדשאַפט־געמעל, האָבן די דרוק־צוגרייטער צוגעטשעפּעט צו די דריי און צוואַנציק, כדי, ווייזט אויס, צו באַרעכטיקן דעם נאָמען פון דעם בוך. דער טרויער פון דער אָרעמקייט אין גאַליצישן דאָרף און אין ווינער לעאָפּאָלדשטאַדט איז די נאַכט; די ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט איז דער טאָג: אין איינעם קאָן מען דערפאַר אָנרופן די פיר און צוואַנציק דערציילונגען „די נאַכט און דער טאָג".

איך מוז זאָגן, אַז אַזאַ מין געדאַנק פון צונויפשטעלן די דערציילונגען איז נישט קיין שעפערישער, נאָר אַ מעכאַנישער. נאָך מער מעכאַניש איז דער

געדאַנק ווען עס גייט וועגן א. מ. פוקסן, וואָס האָט זיך זיין אייגענעם פאַרעקשנטן קינסטלערישן דרך און מען קאָן אים נישט אַראָפּפירן פונעם וועג, פון זיין וועג פון טונקעלן מענטש און נאַטור־געמעל, צי עס איז דאָס די פאַרשנייטע און מיט אייז פאַרקאָוועטע לאַנדשאַפט פון אַ דאָרף אין גאַליציע, אָדער דער זון־באַגאָסענער ים־ברעג אין ארץ־ישראל.

ביידע לאַנדשאַפטן, סיי די ווינטערדיק־גאַליצישע און סיי די זומערדיק־ישראלדיקע זענען געמאָלן מיט עפּעס אַ קפּדנותדיקער געדיכטקייט און ענגשאַפט, אַז מע קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן.

דאָס גאַליצישע דאָרף און די מענטשן אין דאָרף האָט פוקס געזען אין איין צייט פון יאָר — אום ווינטער. עס ברענען פרעסט, עס בושעווען זאַווערוכעס און הויכע שנייען הילן איין די פעלדער און די וועגן, אַלע יידן אין טיזליקעס יגעלאַטעטע) און ווייבער — אין שווערע שאַלן (צעריסענע). מענטשן און להבדיל חיות אין קאַמף מיט דער בייזער נאַטור. און יידן — יידן אַחוץ דעם אין אַ ביטערן געראַנגל מיט גוישער פיינטשאַפט און פאַר אַ ביסל חיונה.

דער ריטעם פון פוקסעס געמעל איז דער ריטעם פון שווערן טראָט און פון שווערן אָטעם. פוקס האָט דעם ריטעם ווען ער מאָלט די זומערדיקע לאַנד־שאַפט פון ישראל מיט דעם שאַקאַל, וואָס זיינע אויגן זענען „געשאַרפט מיט גרינעם מערדערגלאַנץ פון זיין זיידן, דעם וואָלף", נישט ווייניקער ווי דעמאָלט ווען ער צייכנט פאַר אונדז די ווינטערדיקע פעלדער אין גאַליציע מיט דעם וואָלף גופא, וואָס טראָגט זיך פאַרביי „דעם קאָפּ אַנגעבויגן, די פעל צויטיק־צעשויבערט, ווי דאָס אַנטפּלעקטע בייז פון דער וועלט".

אין ביידע: אין דעם גאַליצישן ווינטער און אין דעם ישראלדיקן זומער, איז די לופט אַ שווערע, אַ גרימיקע, און דערפאַר טאַקע זענען זיי פוקסעס נאָענטע און באַליבטע לאַנדשאַפטן צום מאָלן. און מיר דאַכט, אַז ס'איז אַ היפּש שטיק קונסט־פרעמדע מליצה צו זאָגן, אַז די דערציילונגען פון גאַליצישן דאָרף זענען די „נאַכט" און דאָס געמעל פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט אין דער לעצטער, דער 24סטער דערציילונג, איז „דער ליכטיקער האָפענונגס־שטראַל", דער טאָג.

קאָן זיין, אַז דאָס איז פוקסעס אידעאָלאָגישע איבערצייגונג, באַגלייך מיט מיינער און באַגלייך אויך מיט דער מיינונג פונעם פאַרלעגער און פון די צוגרייטער צום דרוק, אָבער געשטאַלטעריש איז דער קינסטלער א. מ. פוקס נישט אַרויס פון „נאַכט", נישט ווען ער דערציילט אונדז וועגן די פאַרשנייטע פעלדער אין גאַליציע און אויך נישט דעמאָלט ווען ער מאָלט פאַר אונדז דעם זאַמדיקן ים־ברעג און די „נאַקעטע קופּאָלן פון די גראָ־געשאָטענע יהודה־בערג" אין ישראל.

די איינציקע, אַזוי צו זאָגן, זומערדיקע דערציילונג, כ'מיין געשטאַלטע־

ריש־זומערדיקע דערציילונג, איז די מעשה וועגן דער קליינער מאַניע און וועגן איר ליבע מיט דעם ראַבינער ד״ר מאַקס לעבערהערץ. עס איז אַ טרויעריקע, אַ טיף־טרויעריקע און היפּש טראַגישע מעשה ווי פּוקסעס אַלע אַנדערע דערציילונגען. אָבער דאָ אין דער דערציילונג וועגן דעם פּאַרזעסענעם פּאַבריק־מיידל מאַניע, וואָס לויפט „אַלע שבת אָוונט נאָך דער אַרבעט, אַהין, אין ראַבינער־סעמינאַר אין דער טאַבאָר־שטראַסע, הערן די פֿאָרטראַגן פונעם הער ראַבינער לעבערהערץ״ און „האָרכט פאַרגאַפט די געלערנטע דרשה פון דער וואָך־סדרה״ און דערנאָך אין דרויסן „גייט זי אים נאָך ווי אַפּגערעדט מיט פאַרגנבעטע שטילע טריט״ ביז — „גוטען אַבענד, גריס גאָט, פריילין מאַניאַ צוקערמאַן, ביכט וואַר, זאָ איז איר ווערטער נאַמען, וואָס? זי וואַרן הויטע ביי מיין פאָרטראַג, עס וואַר שיין, וואָס?״

„גוטען אַבענד, הער דאָקטאָר ראַבינאַט־קאַנדידאַט לעבערהערץ, — גיט זי אים אָפּ בכבודיק אַלע טיטולן אויף אַ מאָל — יאַוואָל, זי האַבן הויטע זער שיין געשפּראָכן, לויטער ערהאַבענע געדאַנקען... ווירקליך וואַר״ — אין אָט דער דערציילונג איז די קלימאַטישע לופט אַרום די געשטאַלטן און אויך די אַטמאָספער פון איר אייגן געמיט נישט אַזאַ שווערע, נישט אַזאַ צום דערשטיקן שווערע, ווי אין די אַנדערע מעשיות פונעם בוך. דער צוזאַמענשטויס פון מענטש מיטן גורל איז נישט אַזאַ מערדערישער, נישט אַזאַ אין ריטעם פון אַ זעץ אין די ציינער, ווי אין די דערציילונגען וועגן לייבע דעם שוואַרצן, און וועגן אַנדערע מענטשן אין דאָרף.

אין דער „זומערדיקער״ דערציילונג וועגן דער קליינער מאַניע ווערט די שילדערונג דורכגעליכטיקט מיט אַ ביסל הומאָר (דאָס איז דער איינציקער „האָפענונגס־שטראַל״ אין פּוקסעס בעלעטריסטיק). עס ריזלט דורך שטילער הומאָר די „קריגעריי״ צווישן מאַניען און איר חברטע שרה בינע, ווען מאַניע דערציילט וועגן די אַלע געשעענישן, וואָס זענען מיט איר געשען ביז „כ׳האָב געגעבן־טיקט אונטער דער דונאַי־בריק אויף די שטיינער. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה... כ׳געדענק, ס׳איז געווען פרייטיק־צו־נאַכטס, מיין ערשטער שוואַרץ־שבת אין דער פרעמדער שטאָט״ — און שרה בינע האָט איר איבער מיט אַ תיקון טעות „ס׳איז נישט ריכטיק, ס׳איז נישט געווען קיין פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָר אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אָוונט״. און שרה בינע האָט אַ גוטן סימן, וואָס העלפט ריכטיק צו פיקסירן די דאַטע: „מיר האָבן זיך דאָך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל באַקענט אונטער דער פערדינאַנד־בריק. דער פּאָליציייניק האָט אונדז ביידן געשלאָגן און אונדז ביידע אַרעסטירט״.

דער תיקון טעות אי ער מאַכט לייכטער דעם אייגענעם צער און אי ער איז זיך נוקם מיט אַ ביסל שפּאָט אין די פּאָליצייישע מאָראַל־היטער.

און אַז די קליינע מאַניע, וואָס האָט שוין געזוכט אַ וווינונג און געפּרוווט

צונויפשטעלן אַ באַלעבאַטישקייט פאַר נאָך דער חתונה מיטן הער ראַבינער־קאַנדידאַט, דערזעט זיך פלוצים אַ ביטער אָפּגענאַרטע און פאַרשעמטע, איז איר איבערדרייד מיטן גורל אויך נישט קיין צו שטורעמדיק־פּאַטעטישער, נאָר גיכער אַ שפּאַטיש־איראָנישער. דאָס האַרץ קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק, אָבער דער שטייך פון ווערטער, וואָס מאַניע הייבט אויף און וואַרפט אים דעם גורל און דעם ראַבינער אין קאָפּ אַריין איז אַ לייכטער. די ווערטער פאַרווונדן קיינעם נישט. זיי לאַכן בלויז אַריין דעם ראַבינער און זיך אַליין מיט טראָץ און האָפענונג אויף אַ נייער און בעסערער וועלט.

— אָ, זע נאָר — זאָגט מאַניע בלאַס און פאַרוווּנדערט — דאָס איז דאָך ער, דער הער לעבערהערץ, מיט זיין רייכער כלה, אָ, אַז אַ רוח אין זיין געפּגרטן טאַטן... כ׳לעבן.

און זי שרייט אַריבער צום ראַבינער — „הער דאָקטאָר ראַבינער לעבערהערץ, פרייהייט, האָך דער אַרבעטער־קלאַס, נידער מיט דער בורזשואַזיע, עס לעבע דער סאָציאַליזם, פרייהייט, רויט, רויט!״.

אָט די געראָטענע דערציילונג וועגן דער „קליינער מאַניע״ איז די איינציקע אָטעם־פּויזע וואָס א. מ. פוקס פאַרגינט זיך און זיינע לייענער אין דעם כולו פאַרקאָוועטן ווינטער פון קלימאַט און פון געמיט־אַטמאָספער אַרום די מענטשן אין שטוב און אין דרויסן און פון דער כמעט שטענדיקער זאַווערוכע אין די באַציִונגען צווישן יידן און גויים.

די צענטראַלע דערציילונג פון די איין און צוואַנציק מעשיות וועגן גאַליציִשן דאָרף איז בלי ספק די דערציילונג וועגן דעם לעצטן וועג פון מנחם דעם שלאַפנס פערד בילמע. דאָס פערד בילמע וואָס האָט אָפּגעדינט זיינס און איצט האָט מען עס פאַרטריבן פון שטאַל אין דער פינצטערער שניי־זאַווערוכעדיקער נאַכט, שפּאַנט אין פוקסעס שילדערונג איבער דער נאַכט און אירע שנייען ווי עפּעס איבער אַ גאַנץ לעבן. דאָס פערד זוכט אָנשפּאַר אין דער מינדסטער האָפענונג און ראַטונעק אין יעדן בליק פון אַ באַשעפעניש, ביז וועלף זענען אָנגעלאָפן און האָבן בילמען אויפגעפרעסן און „די נשמה פון דער באַשעפעניש הייבט זיך אַרויס, צאַפּלט און טראָגט זיך, ווי אַ ווייסער פויגל, צו די רויט־בלויע הימל־הויכן״.

די דערציילונג „דער לעצטער וועג״ איז די צענטראַלע, ווייל זי גיט צום בעסטן איבער פוקסעס וועלט־בילד, די טיף־פּעסימיסטישע זעונג פון אַ וועלט אָן האָפענונג, אָן אַ מעגלעכקייט פון ראַטונעק און פון בלויז איין זיכערקייט, דער זיכערקייט פון טויט און פון איין באַלוינונג — „די נשמה וואָס טראָגט זיך צו די רויט־בלויע הימלהויכן״.

„דער לעצטער וועג״ איז אָבער נישט בלויז פוקסעס טעמאַטיש צענטראַלע דערציילונג, נאָר זי איז אויך וואָס שייך אויפבוי פון די איינצלנע סצענעס און

פון אַלע אין איינעם, און דער עיקרשט וואָס שייך בילדלעכקייט נישט בלויז אַ גוטע דערציילונג, נאָר אַ דערציילונג, וואָס געהערט אַריין אין אַן אַנטאָלאָגיע פון די עטלעכע צענדליק בעסטע דערציילונגען אין אונדזער ליטעראַטור.

אַ. מ. פוקס איז דער קלאַסישער אימאַזשיניסט אין אונדזער בעלעטריסטיק. זיין דערציילונג, וואָס קאָן בדרך כלל באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַטוראַליסטישע שויך דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי להוט איבערצוגעבן די פיזיאָלאָגישע פּרטים פון די געשטאַלטן, לעבט פון דעסטוועגן מיטן כוח פון פוקסעס סוביעקטיוון אימאַזש און פאַרגלייך. דער אימאַזש איז זייער אָפט נישט בלויז שיין און אַנטפּלעקעריש, נאָר אויך אָריגינעל. און דער גרויסער אויפטו פון פוקסעס אימאַזשן אין די מייסטע דערציילונגען, און דער עיקרשט אין דער פריער דערמאָנטער „דער לעצטער וועג", איז דאָס, וואָס די פאַרגלייכן און בילדער זענען ביי אים קיין מאָל נישט מחוץ פון דער לעבנס־אַטמאָספער פון זיינע העלדן.

ווען בילמע ווערט אַרויסגעטריבן פון שטאַל און לאָזט זיך לויפן אין דער נאַכט אַריין איז דאָס „גלייך אויף זיין קנאַכיק־צעשווּנדענעם רוקן וואָלט זיך אַרויפגעכאַפּט און געריטן די בייזע נאַכט־חיה" און ווען שפּרינצע בלייבט שטיין „מיטן אונטערגעהויבענעם נאַקן און צעשפּרייטע הענט" אונטער די קלעפּ פון איר מאַן לייבע דער שוואַרצער, איז זי געגליכן צו אַ הון, וואָס דער האָן „דאַרף זיך אויף איר זעצן מיט פאַרהוילענעם תענוג פונעם באַשאַף". און דעם פּעטער לייזערס „געל־געשטופּלטע, קיילעכיקע נאָז (איז) ווי אַ צעגריבלטע לימענע" און דעם „פּעטער לייבס האַרטע באַקן־ביינער (זענען) ווי דעמבענע סענקעס".

איך האָב דאָ געבראַכט פירביישפּילן און איך וואָלט געקאָנט ברענגען אַ סך, אַ סך מער אויף צו באַווייזן די אָרגאַנישקייט פון פוקסעס פאַרגלייכן, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער אַטמאָספער און שפּאַנען זי קיין מאָל נישט אַריבער. אַ דאַנק אָט דער אָרגאַנישער צוגעפּאַסטקייט פון די פאַרגלייכן איז פאַראַן האַרמאָניע אין פוקסעס לכאורה צעשויבערטע געשטאַלטן אין די געלאַטעטע טיזליקעס, צעקרימטע שיך און צעריסענע שאַלן. עס איז אין זיי פאַראַן די האַרמאָניע פון ביימער אויפן פעלד.

די צופיל אימאַזשיניסטיק אין דער דערציילונג האָט אָבער אויך איר חסרון. דער חסרון איז, וואָס די פאַרגלייכן פאַרהאַלטן דעם סיפּור המעשה און נעמען ביי אים צו אַ סך פון דער דינאַמיק. און אָן נאַראַטיווער דינאַמיק ווערט אַ ראָמאַן און ווערט אַ דערציילונג, אויב זי פאַרמאָגט נישט אין זיך אַנדערן באַוועגלעכן מאַטעריאַל ווי, למשל, אַ ביסל עסייִסטישן פלי פון געדאַנק, נישט בלויז שווער און גליווערדיק, נאָר אויך אומאינטערעסאַנט.

דער אַדיעקטיוו, דער שם התואר, איז נישט דער וויכטיקסטער עלעמענט אין אַ פּראָזע־סטיל. דער גרויסער מייסטער פון פּראָזע נוצט נישט צופיל אַדיעקטיוון. ביי אים האָט צום גרעסטן טייל יעדער שם עצם זיין פאַרב און

מען דערקענט די פאַרב אַפילו דעמאָלט ווען דאָס הויפּטוואָרט איז נישט גרימירט מיט אַן אַדיעקטיוו.

א. מ. פוקס איז צווישן אונדזערע וויכטיקע פּראָזע־שרייבער, דאַכט זיך, דער צומייסטער נוצער פון אַדיעקטיוון. ער נוצט זיי אַזוי פיל, אַז ער האָט אַזש ניט־געוואָגן אַן מוז דערפֿאַר אַ סך מאָל איבערחזרן די שם־התוארס. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַלע טיזיקעס זענען ביי אים געלאַטעט און שאַלן צעריסן. אָבער דער עיקרשט קאָן זיך פוקס נישט קיין עצה געבן ווען ער וויל אַרויסברענגען דאָס נשמהדיקע פון באַגריפן און בילדער. דעמאָלט ווערט ביי אים נישט בלויז די פאַרקלערטע שטילקייט חלומדיק (ז' 89), נאָר אויך דער געקלאַפּ און דער ד"יבנע פערד־געטענצל (ז' 97) און דער געשאַל פונעם שופר (ז' 99) און דאָס געוויין פון א ניי־געבוירן קינד. אַלץ איז חלומדיק. אָבער די אַלע בילדער, דאַכט מיר, זענען חלומדיק אויך אָן דעם אַדיעקטיוו.

איך האָב געמאַכט די באַמערקונגען אין שייכות מיט דעם אַדיעקטיוו. ווייל די צופיל שם־התוארדיקייט איז ביי מיר קיין מאָל נישט געווען דער סימן מובהק פון גוטן פּראָזע־סטיל. און עס שטערט מיר נאָך מער ביי א. מ. פוקסן, וואָס איז מיט זיין אָריגינעלן אימאַזשיניזם בלי ספק איינער פון אונדזערע וויכטיקע פּראָזע־שרייבער, און זיינס א בוך, נאָך אַן הפסקה פון זעקס און דרייסיק יאָר, איז ביי אונדז זייער אָנגעלייגט. עס איז אַ געווינס פאַר אונדזער פּראָזע.

משה יודל שעליובסקי

א

די מעשה נורא פון זשירעווע

אין שכנות מיטן שטעטל בוטען, סמוך צו דער וויסרוסישער עיר ואם סלאָנים, איז געלעגן דאָס שטעטעלע זשירעווע, ווו ס'האָבן געלעבט נישט מער ווי צוועלף יידישע משפחות.

און וועגן אָט די צוועלף משפחות דערציילט אונדז משה יודל שעליובסקי אין זיינע צוויי מעשה־ביכער „אויף אַ פולער וואָך" און „אין דער וועלט אַריין".

איך זאָג מעשה־ביכער, ווייל דערציילונגען און ראָמאַנען בינדן זיך אין אונדזער געמיט מער אָדער ווייניקער מיט פּאַסירונגען אַרום רעאַלע געשטאַלטן, וואָס דער מחבר האָט זיי געקענט, אָדער האָט זיי פון זיין דמיון אַרויס באַשאַפן גלייך ווי ער וואָלט זיי געקענט.

אָבער אין שעליובסקיס דערמאָנונג און זעונג לעבט זיין היימשטעטל זשירעווע מיט די צוועלף יידישע משפחות נישט ווי אַ ישוב אויף דער וואָר, מיט זיינע וואָכעדיקע האָוועניסן און יום־טובדיקע דערהויבנקייטן, נאָר ווי עפּעס אַ שטיק לעגענדע, ווי עפּעס אַ מעשה נורא וועגן זשירעווער יידן.

„אַז איך דערמאָן זיך איצט די יידן פון זשירעווע", שרייבט שעליובסקי אין דעם אַריינפיר־קאַפּיטל צו זיין מעשה „דער פּאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד" — זע איך נישט די טריט, וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער דער אויסברו־קירטער גאַס נאָך פּרנסה און איך הער נישט דעם קלאַנג פון די קופּערנע מטבעות, וואָס די הענט האָבן געציילט אין קראָם, נאָר ס'אָנטפּלעקן זיך פאַר מיר די מעשיות, וואָס די יידן האָבן דערציילט ביים זיידן אין שטוב".

און משה יודל שעליובסקי, דער איבערדיכטער און איבערשפּינער פון די פּאַרכטיקע מעשיות פון זיין זיידנס שטוב, איז דווקא אַ רעאַליסטישער דערציילער, אַ גוטער רעאַליסטישער דערציילער מיט אַ ראָמאַנטישער באַציונג צו זיינע געשטאַלטן. די מעשהדיקייט שעליובסקי דערגרייכט מיט דער הילף פון פרומער שפּראַך־סטיליזאַציע, וואָס אידעאַליזירט און גלעט אויס די מאָראַליש־שאַרסטקע פלעצער אין זיינע מענטשן.

דער תחינה־לשונדיקער דיאַלאָג און די יראת־שמימדיקע פאָלקסטימלעכע אידיאָמען, וואָס ער האָט אין זיך אויפגעהיט און פאַרשטייט זיי אָפּט אַזוי פיין צו נוצן אין זיינע שילדערונגען פון מענטשן און געשעענישן — זיי העלפן שעליובסקין צו באַשאַפן געשטאַלטן, וואָס זענען אי רעאַל און אי אַ שטיק לעגענדע.

אַזאַ געראָטענער זיווג פון רעאַלקייט און לעגענדע זענען רחל און יעקב, די אומגליקלעכע חתן־כלה על פּי דעם תקיעת כף פון זייערע טאַטע־מאַמע, און דער עיקרשט די געשטאַלט פון דעם פאָלקס־רבי שעיה דער שמיד — אַלע דריי אין דער מעשה מיטן נאָמען „פּעדערן", וואָס איז, לויט מיין געשמאַק, די קינסטלעריש סאַמע בעסטע אין בוך. אַזעלכע געראָטענע רעאַלע געשטאַלטן, וואָס שעליובסקיס שפּראַך הילט זיין איין אין אַ שלייער פון לעגענדאַרישקייט, זענען אויך חנה לאה, די הייבאַם אין „פּאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד" און אברהמל ליידיקגייער, דער העלד פון דער איינציקער זשירעווער דערציילונג אין בוך, וואָס איר טאָפּאָגראַפיע איז נישט אַ וואַלד אַרום זשירעווע, נאָר ערגעץ אין שכנות מיט אַ יידישער דאַטשע אין די אַמעריקאַנער קעטסקיל־בערג.

אברהמל פון קאָונטריוויל אין די קעטסקיל־בערג, וואָס „גייט אַרום און טוט גאָרנישט; די וועלט לויפט, שרייט, קאָכט, און דאָ גייט אַרום אַ מענטש פּוסט און פּאַס און קוקט זיך איין אויף דיביימער", געהער פּסיכיש צו דער מעשה נורא פון זשירעווע. אַ ליידיקגייער איז אברהמל בלויז אין די אויגן פון דער דאַטשע־באַלעבאָסטע מרס. דאָרמאַן, וואָס שטייט „ווי דער בייזער שומר ביים טויער, און זי לאָזט נישט באַהעפטן זיך די נשמות, וואָס דער אויבערשטער

האָט מזווג געווען״. פאַר מרס. דאַרמאַן איז אברהמל אַ ליידיקגייער, ווייל זי איז מיט איר „קלאָרער שכלדיקייט״ אַ שטיק פון יענער בייזער באַשערטקייט, וואָס נעמט אָן פאַרשידענע געשטאַלטן אין דער פאַרכטיקער מעשה פון זשירעווע. אַ מאָל איז די בייזע גורלדיקייט, אָדער דער שטויס צו איר, רחלס מאַמע, זלאַטע אין די „פעדערן״; אַן אַנדערש מאָל שמואל חיים, דעם קרעמערס ווייב פון „דער פאַרוואָגלטער״, און נאָך אַן אַנדערש מאָל די אַלטע גראַפיניע פון „דער פאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד״. אין דער מעשה וועגן אברהמלען, דעם מענטש, וואָס פרווט זיך אַליין צו דערקענען אין דער שטילקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון יואַלד, איז מרס. דאַרמאַן אין אַ געוויסער מאָס דער בייזער גייסט פון דעם ליידיקגייערס גורל. איך זאָג: אין אַ געוויסער מאָס. ווייל זי איז נישט דער דירעקטער גורם פון דעם שווערן פסיכישן קלעם, אין וועלכן דאָס לעבן האָט אַריינגעטריבן דעם „ליידיקגייער״. מרס. דאַרמאַן מיט איר אַכזריותדיקער אומוויסיקייט וועגן אברהמלען און מיט איר חוזק און שנאה צו זיין פּוסט־און־פּאַסיקייט שטרייכט בלויז אונטער און אַנטפּלעקט פאַר אונדז נאָך בולטער די מעשה נוראדיקייט, וואָס האָט פּאַסירט מיט אברהמלען און האָט געשטויסן זיין לעבן צו אומפאַרשטענדלעכער און טראַגישער אַנדערשקייט.

די בענקשאַפט נאָך אַ פאַרלוירענער ליבע האָט הירשל פאַטשטערס זון, דעם שיעור נישט דאָקטאָר דוד לייב פון דער דערציילונג „אין בויד״, צוריקגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט קיין זשירעווע צום טאַטנס שטוב און צום טאַטנס פערד און וואָגן און אים סוף כל סוף דערפירט צו זעלבסטמאָרד. און די זעלבע, הגם נישט אַזוי פּרטימדיק באַשריבענע, בענקשאַפט האָט אויך אברהמלען אַוועק־געפירט פון זיין נאָרמאַלן לעבנס־דרך צו „ליידיקגייערישע״ איבערטראַכטענישן אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון וואַלד.

די פּרטימדיקייט פון פּאַסירונגען און איבערלעבענישן אַרום דער געשטאַלט פון דוד לייבן אין דער דערציילונג „אין בויד״, און דער עיקרשט פון די זינדיקע מחשבות און געשעענישן אַרום דעם קרעמער חיים שמואל („דער פאַרוואָגלטער״) און דעם וואַלד־סוחר שמואל יעקב („דער פאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד״), וואָס זענען ביידע מחמת גלוסט צו רייכקייט און פאַרטוענקייט אין עסקים אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון תאווה צו פרויען, און האָבן דערמיט פאַרשעמט זייערע משפּחות און פאַרלוירן ביידע וועלטן — אַט די פּרטימדיקייט איז אין די דערמאָנטע דערציילונגען נישט קיין מעלה, נאָר גיכער אַ חסרון.

גיכער אַ חסרון — ווייל שעליובסקי שפּאַנט אַריבער מיט די דאָזיקע דעטאַלן דעם גדר פון רעאַלער שילדערונג, וווּ ער איז ביי זיך אין דער היים און וווּ ער איז סיי סיפּור המעשהדיק און סיי בילדעריש קלאָר, און ער פאַלט אַריין ווּעלעטריסטיש אין אַ נעץ פון כלערליי פאַנטאַסטישע און אומרעאַלע פאַרשווינען

און פּאַסירונגען, וואָס פאַרנעפּלען בהכרח די געשטאַלטן און ברענגען אַריין אַ געוויסע צעריסנקייט אין דעם גאַנג פון דער דערציילונג.

דאָרט ווו שעליובסקי איז רעאַליסטיש און די מעשהדיקייט זיינע איז אין תוך נישט מער ווי ראָמאַנטישע באַציונג צו די געשטאַלטן ווי אין דער אידל געשפּונענער דערציילונג „פעדערן", אָדער אין דער ביז לאַכן און וויינען טרויעריקער מעשה וועגן פינקע, דעם שטאָט־משוגענעם, איז ער נישט בלויז אַ גוטער און צמצומדיקער צייכענער פון מענטשן און געשעענישן און אַ סך מאָל סטיליזירער פון פרום־יידישער שפּראַך־אידיאָמאַטיק, נאָר דאָרט שוועבט אויך די מאָראַלישע סימבאָליק ממש אַרום איבער די דערציילונגען. מען דאַרף זי נישט אַרויסדרינגען, זי שטייגט אויף פון די געשטאַלטן און זייערע טוונגען און באַהערשט אונדזער געמיט און רעגט אָן צו טראַכטעניש.

פינקע, דער זשירעוווער שטאָט־משוגענער, גייט צו דער גראָטעסקער פּורים־סעודה „פאַר אַלע אָרעמע לייט פאַר שבועות אויף ל"ג בעומר", וואָס אורחי־פּורחיניקעס האָבן פאַר אים אויסגעחלומט, מיט אַ מילכיקן און פליישיקן לעפל אין די הענט. צו איין האַנט איז צוגעבונדן אַ שטרוי און צו דער אַנדערער אַ היי, כדי פינקע, וואָס איז נישט מבחין צווישן רעכטס און לינקס, זאָל געדענקען וועלכער ס'איז דער פליישיקער און וועלכער דער מילכיקער לעפל. און גייענדיק אַזוי צו דער געטרוימטער „פּורים־סעודה פאַר שבועות" פאַרלירט פינקע די לעפל און בלייבט בלויז מיט זייערע סימנים — מיט אַ שטרוי און מיט אַ היי אין די הענט. אַזוי בלאָנדזשעט ער אַרום איבער פעלדער און וועגן, איבער שטעט און דערפער און — פאַרענדיקט שעליובסקי די מעשה וועגן פינקען — „עס באַפאַלט אַ שרעק, גלייך ווי מען וואָלט דערזען אַ משל אויף דער וועלט".

די מעשה וועגן דעם זשירעוווער שטאָט־משוגענעם פאַרמאָגט סאַטירישן שוווּנג. עס „באַפאַלט אַ שרעק" נישט נאָר ביים סוף פון דער דערציילונג, ווען פינקע „שפּאַרט זיך אַרום איבער פעלדער" מיט אַ שטרוי און מיט אַ היי, וואָס זענען ווי צוויי סאַטירישע חוזק־צייכנס איבער דער אילוזאָרישקייט פון דעם מענטשנס חלומות.

עס „באַפאַלט אַ שרעק" שוין ביים סאַמע אָנהויב פון דער מעשה, ווען מען זעט פינקען שטיין אויף דער זון און היטן יידיש לעבן אין פאַרמעג. „מען חורט איבער" דערציילט אונדז שעליובסקי, „מיט חוזק זיינע (פינקעס) רייד, נאָר ערגעץ־ווו, אין דער טיפער פאַרבאָרגעניש ציטערט אָן ערפורט פאַר די רייד, וואָס ער דערציילט" און די זשירעוווער יידן — ווייסן מיר היינט — האָבן ריכטיק דערפילט, אַז פינקע איז גאָרנישט אַזוי אומגערעכט מיט זיינע וואָרע־נונגען. זיי האָבן פיינפול געאַנט, אַז אפשר זעט ער, דער משוגענער פינקע, וואָס פון די מיושבע איז פאַרהוילן.

און פונקט ווי אין דער מעשה וועגן פינקע, דעם שטאָט־משוגענעם, אַזוי

קאָן מען די מאָראַלישע סימבאָליק ממש אָנטאַפּן אין דער רעאַליסטיש געשרי־בענער דערציילונג וועגן די חתן כלה, יעקב און רחל, וואָס זוכן זיך און קאָנען זיך נישט געפינען, ווייל דער גורל (ווען דער יידישער גורל ווערט אָבערגלויבעריש, כאַפּט ער דעם אָנבליק פונעם גריכישן פאַטום) טוט כלערליי תחבולות, אַז ס'זאָל צווישן רחל און יעקבן נישט זיין, נישט קיין זיווג און נישט קיין מחילה פאַרן געבראָכענעם תקיעת־כף.

עס איז פאַראַן אַ געוויסע טראַגישע דערהויבנקייט אי אין רחלס וואַנדער מיט די פויערישע פּילגרימען קיין זשירעווע צו געפינען איר באַשערטן און אי און נאָך מער, אין יעקבס יאַזדע מיט די זעק פעדערן אין וואָגן, וואָס דאַרפן אים ווייזן אַ וועג און דערפירן צו רחלען, אָבער זיי דערפירן אים נישט, וואָרעם — „אַז דו האָלסט נישט דעם תקיעת כף, טראָגט דער ווינט מיין אויסשטייער — די פעדערן..."

אין די מייסטע פון שעליובסקיס רעאַליסטישע דערציילונגען דאַרף מען, ווי געזאָגט, די „מאָראַל" נישט זוכן. די מעשות אָטעמען פון זיך אַליין מיט מאָראַלישער סימבאָליק. (שעליובסקיס סימבאָלישער פירוש ביים סוף פון די „פעדערן" איז דערפאַר איבעריק. ער ווירקט אַנטי־קלימאַקטיש). אָבער דווקא אין די פאַנטאַסטישע מעשות ווי „דער פּאַלאַץ פון פאַרשטערטער פרייד" און דער „פאַרוואָגלטער" און צום טייל אויך אין דער דערציילונג „אין בויד", וואָס זענען פון לכתחילה אויסן די סימבאָליק און די מאָראַל — ביי זיי בלייבט דער מוסר השכל ליגן אַ פאַרמאַטערטער אָן סימבאָלישן אָטעם. ער ווערט פאַרמאַטערט, דער מוסר השכל, פון די כישוף־געשעענישן און פון דער פאַנטאַסטישער טעאַטראַליק, וואָס שעליובסקי האָט דורכגעפירט אַרום דעם וואַלד־סוחר שמואל יעקב אין פּאַלאַץ אויפן באַרג און אַרום דעם קרעמער שמואל חיים ביים ברעג פון טייך.

און אויך שעליובסקיס שפּראַך־באַמיונגען און שפּראַך־געלינגנשאַפט, כ'מיין זיין אָפט געראָטענע סטיליזירונג פון תחינה־לשון און פון פאָלקסטימלעכער אידיאָמאַטיק, קומט בעסער און בולטער צום אויסדרוק אין זיינע רעאַליסטיש געשריבענע דערציילונגען, איידער אין די מעשיות וועגן מכשפים און מכשפות.

אין די פאַנטאַסטישע מעשות און אין די האַלוצינאַציע־בילדער פון „אין בויד" מוז שעליובסקי אָנקומען צו פּסיכאָלאָגיע וועגן רייד, בעת אין די רעאַליסטישע דערציילונגען ווימלט עס מיט רייד־בילדער, וואָס זענען אי פאָלקסטימלעך־מילד און אי אַפאָריזמיש פאַרשפּיצט. צוויי פון אַ שפּאַר ביסל אַנדערע ביישפּילן: „און אייזיק האָט דערזען, אַז די מראה פון פנים איז נישט קיין שפּיגל פון דעם האַרץ און יחוס איז נישט קיין ווייץ, וואָס גיסט זיך איבער פון איין כלי אין דער אַנדערער", אָדער „איך זע, אַז מיטן אמת קאָן אַפילו אַ דאַרן ווערן אַ מלך און קיניגן איבער די ארזי הלבנון".

די פאָלקסטימלעכע רייד־בילדער גיבן צו פליגל דער מעשהדיקייט פון שעליובסקיס דערציילונגען און העלפן זיי גלייכצייטיק רעאַליסטיש באַפעסטיקן.

ב

רעאַליזם און פאַנטאַסטיק

אין דעם דריטן מעשה־בוך „אין יאָרן אַרום" האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעלייטערט סיי דאָס פאַנטאַסטישע און סיי דאָס רעאַליסטישע אין שעליובסקיס אופן דערציילן. קודם האָט זיך דער סיפּור המעשה ביי שעליובסקין אויסגעקלאָרט דערמיט, וואָס די צוויי געשטאַלטונגס־עלעמענטן זענען זיך רוימלעך היפּש פאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָס פאַנטאַסטישע און רעאַליסטישע האָבן כמעט ווי אויפגעהערט ביי אים צו הויזן אין איין און דער זעלבער דערציילונג. די גרעסטע דערציילונג אין בוך „מיט מזל" איז מיט עטלעכע קליינע אָפּנויגן דורכויס אַ רעאַליסטישע. סיי הערי בערמאַן, דער יורש פון איטשע מאיר ראַבינאָוויטשעס רעגנמאַנטל־פאַבריק, וואָס וויל וואָס גיכער פּטור ווערן פון די „גרינהאָרנס" און זייער לעבנס־שטייגער און יאָגט זיך נאָך פאָלנער אַמעריקאַ־נישקייט, און סיי דער זשירעוועווער ישיבה־בחור בערעלע, וואָס וויל עקשנותדיק איינהאַלטן זיין „גרינקייט" זענען פּסיכאָלאָגיש גראָטן דורכגעפירט. בערעלע, וואָס אַרבעט אין הערי בערמאַנס פאַבריק נאָך מימי דעם אַלטן בעל־הבית האָט דווקא רייכע פּעטערס און געשוועסטער־קינדער, וואָס האָבן געוואָלט לערנען בערעלען „פאַרגעסן זיין זשירעוועווער יידיש, אָנהייבן רעדן ענגליש און רעדן ריכטיק מיטן „טי" און „אייטל" וועט ער נישט בלייבן קיין גרינער", אָבער צו אים, בערעלען, האָט „די זשירעוועווער אָרעמקייט געשיינט אין די אויגן, מיט די וועלדער, סעדער, בערג און פעלדער, שענער פון דעם זילבערוואַרג און גאָלדוואַרג, וואָס האָט געבלישטשעט ביים פּעטער אין דער רייכקייט" און ער האָט געוואָלט איינהאַלטן זשירעוועווע אין זיך און אויך און ווי ווייט מעגלעך אַרום זיך.

ביידע זאַכן אי דער פלאַטער צו אַמעריקאַניזם און אי די עקשנות פון „זשירעוויזם" קומען נאָך רעאַליסטישער אַרויס צוליב דעם, ווייל אין דער געשטאַלטיקונג פון די העלדן האָט זייער באַשאַפער אַריינגעטאָן אַ פיינע דאָזע פון הומאָר. און דער הומאָר, נישט נאָר ער מילדערט די שאַרפקייט פון די קאָנפליקטן, נאָר ער איז אויך אַ בפירושע מניעה פאַר פאַנטאַסטישקייט אין דעם סיפּור המעשה און אין דער שפּראַך.

אין אַזעלכע דערציילונגען אָבער ווי „די וועלט זוכט אַ קוימען" און די „אייביקע חתן־כלה" נעמט די אויבערהאַנט די פאַנטאַסטיק און דעקט צו דעם פאַראַנענעם רעאַליזם פון די געשטאַלטן און פון די געשעענישן.

לייבל קרינסקי, דעם פּאָסעסאָרס בר־מצווה־בחור און שיינדל, פּיניע, דעם

שוסטערס מיידל און זייערע טאַטע־מאַמע ווערן אַריינגעפירט אין דער דערציילונג „אייביקע חתן־כלה“ ווי רעאַליסטישע פּאַרשוינען, אָבער שוין פון סאַמע אָנהויב ווען די מעשה איז נאָך, דאַכט זיך, הונדערט פּראָצענט נגלהדיק פילט דער לייענער, אַז הינטער די דאָזיקע מענטשן אויף דער וואָר ציט זיך נאָך עפּעס אַ לאַנגער שלעפּ פון סודותדיקייט, וואָס פאַרשטעלט זייערע געשטאַלטן, פּענטעט זייער אייגענעם לעבעדיקן גאַנג און מאַכט זיי פּאַר ווילנלאָזע מאַנעקינען. די „אייביקע חתן־כלה“ גייען זיך אַנטקעגן, ווילן זיך באַגעגענען, ווילן זיך ליב האָבן, אָבער עפּעס אַ פאַרהוילענער גורל הינטער זייערע פּלייצעס האָט זיי פאַרטשעפּעט מיט זיינע דראָטן און די חתן־כלה ווערן ליאַלקעס, וואָס זייערע באַוועגונגען זענען אומבאַוועגלעך און טרוועריק־גראָטעסק, וואָרעם נישט לויט זייער אייגענעם ווילן.

שעליובסקיס העלדן פון אַזעלכע מעשות ווי די „אייביקע חתן־כלה“, „די וועלט זוכט אַ קוימען“ א. אַ. ענלעכע, קעמפן נישט מיטן גורל. זיי באַיאָען אים נישט און פאַרניינען אים אויך נישט. זיי זענען אין אים בלויז פאַרפּלאָנטערט און קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן. ערגעץ ווו זענען שעליובסקיס מענטשן אַ יעדער פאַר זיך אַ מין קאַפּקאַישער שלאָס אָן אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג־טירן.

די „אייביקע חתן־כלה“ און אויך דער העלד פון „די וועלט זוכט אַ קוימען“, דער רעאַליסטישער שלמה שמואל, וואָס ווערט דער פאַנטאַסטישער שלומיאל, זענען נישט קיין טראַגישע העלדן, וואָרעם טראַגיזם זעצט פאָרויס שולד, און טראַגיק איז כולל אין זיך דראַמאַטישן ווידערשטאַנד קעגן גורל. שעליובסקיס מענטשן זענען ווי דאָס שפּילצייג פון גורל. זיי זענען גאָטס באַשעפענישן וואָס שווימען געפּענטעטע אויף די כוואַליעס פון גורל און מאַכן דערפאַר צו מאָל דעם איינדרוק פון מבולבלדיקייט, וואָרעם זייערע רייד און זייערע באַוועגונגען זענען ביזאַר.

ערגעץ־ווו איז דאָ אַ סתירה, אַ געוואָלטע סתירה, צווישן שעליובסקיס פרום־יידישער און אָפּטימיסטישער שפּראַך און דער דאָזיקער טרויעריקער וויזיע זיינער פון לעבן, וואָס זעט די מענטשן אויף דער גרענעץ צווישן וואָר און פאַנטאַסטיק שטרעקן די הענט צו זיך און צו דעם ארום און נישט זיין בכוח צו דערלאַנגען.

ס׳איז אַ געוואָלטער ווידערשפּרוך, וואָרעם מיט דער פרומער תחינה־ווייכער שפּראַך העלפט שעליובסקי אַריבערפירן דעם סיפור המעשה פון צעשויבערטער באַשערטקייט צו ערגעץ אַ מאָראַלישן מוסר־השכל. אַ דאַנק דעם פאָלקסטימלעך־יאַרעמען לשון ווערט די באַשערטקייט פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפט און ווערט אין געמיט פון שעליובסקיס מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון אַן אָפּקומעניש פאַר פאַרהוילענע זינד.

און שעליובסקיס שפּראַך־געצייג העלפט אויך אַריינברענגען באַוועגונג אין

גאַנג פון זײַנע געשטאַלטן און אין דער סטאַטיק פון זײַן סיפּור המעשה. דווקא ווייל ס׳איז אַ לעבן ווי „אַ צעוואָרפענע סוכה״ (נוצנדיק די מוסר־רייד פון דער אשת חיל, גנענדל, צו איר מאַן, דעם פאַנטאַסטישן שלומיאל) אָן דער דינאַמיק אַפילו וואָס חורבן קאָן שאַפן, כ׳מיין אַ לעבן, וואָס ס׳איז אַ מאָל געווען און פון געשטאַלטן, וואָס די באַשערטקייט לאָזט זיי נישט ווערן, נוצט זייער באַשאַפער דעם פרעזענס נאַראַטיווום, דאָס לשון פון קעגנוואָרט. אַלע זשעסטן און באַוועגונגען און אויך טראַכטענישן ווערן איבערגעגעבן נישט, אַז זיי זענען געמאַכט, געשען און געטראַכט געוואָרן, נאָר זיי געשען איצט, ווען מיר לייענען זועגן דעם. און דאָס גיט דער האַנדלונג אַ מער טעמפּאָ און שטעלט אַ סך מאָל אַריין רעאַליסטישע ליכטלעך און דער פאַנטאַסטישער פאַרנעפּלטקייט.

ב. דעמבלין

א

איר מאַיעסטעט, די אָרעמקייט

די מאַיעסטעט פון דער ייִדישער נגידישאַפט אין פּוילן האָט אין אונדזער ליטעראַטור אַריינגעפירט שלום אַש. דער ליטעראַרישער אונטערפירער ווידער פון איר מאַיעסטעט, דער ייִדיש־פּוילישער אָרעמקייט, איז געווען דער פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענער איטשע מאיר ווייסענבערג.

אָבער די מאַיעסטעט פון ווייסענבערגס אָרעמקייט איז נישט בלויז געווען אַ פלעבעיִש־רעבעלישע, נאָר עפּעס אויך אַ קאַפּריזנע, אַ שטורמישע מיט ווילד־נעראַנישע שטיק.

שלמה, דער העלד פון ווייסענבערגס באַוווסטער דערציילונג „אַ טאַטע מיט בנים״, איז אַ שטיק נעראָן נישט בלויז דערמיט, וואָס ער מיט די בנים זעצן זיך אַוועק אויפעסן דעם גאַנצן טאָפּ מיט צוגעגרייטן שבתדיקן צימעס פּונקט פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ייִדן גייען אין שול אַריין, נאָר שלמה „דער גראָבער קאָפּ״ באַווייזט ערשט רעכט זײַנע נעראָנישע מענאָריעס, ווען ער שלעפּט זײַן ווייב חנה לאָה זיך גטן, ווייל זי האָט אים אַוועקגעהרגעט „שוין דעם צווייטן זון״.

די אָרעמקייט, ווי עס מאָלט זי אין זײַן ראָמאַן „ערב נאַכט״ ב. דעמבלין, פאַלט אויך נישט איין מאָל אַריין אין שטורעם און אין קאַפּריז, אָבער בדרך כלל קומט איר מאַיעסטעט צום אויסדרוק אין איר ווערדע, אין איר מענטשלעכן שטאָלץ און אין איר זעלבסטזיכערער אידעיִשער עקשנות.

איך זאָג: אידעיִשע עקשנות, ווייל דער בהמה־טרייבער יערמע־דוד, וואָס

איז לעבן זיין יינגל נתן־חיים די צווייטע צענטראַלע געשטאַלט אין ראָמאַן, האָט עפּעס אַ מין ספּעציעלע וועלט־אַנשויונג פון אָרעמקייט.

די הויפּט־עלעמענטן פון יערמע־דודס „וועלט־אַנשויונג״, ווי איך זע זיי, זענען, ראשית, דער באַוווּסטזיין, אַז קיינער קאָן קיינעם נישט העלפן. דער אָרע־מאַן איז אָנגעוויזן בלויז אויף זיך אַליין און העכסטנס אויף זיינס גלייכן.

יערמע־דוד — דערציילט זיין ליטעראַרישער שאַפער — האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי ס׳קומט אַ פּראָסטער שניידער ווי אייזיק צו די „שמייליקע יידן אין די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט די טכוירענע שטריימלען״ און צו זייערע רביים, און האָט נישט געקאָנט משיג זיין, אַז דער רבונו של עולם זאָל דאַרפן רביים, ווי, להבדיל, מלמדים דאַרפן באַהעלפערס.

דער שנית פון יערמע־דודס „וועלט־אַנשויונג״ איז די איינגעגעסענע קאָנסערוואַטיווקייט פון זיין געמיט און זיין סאָציאַלע השגהלאָזיקייט.

נישטאָ ביי יערמע־דודן דער אינעווייניקסטער באַגער צו געזעלשאַפטלעכן און אינטעלעקטועלן אויפקום דורך די קינדער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן מיטלשטאַנד און פאַר יענעם טייל פון דער אָרעמשאַפט, וואָס אָרעמקייט איז נישט געוואָרן ביי איר עפּעס אַ גורלדיקער געבאָט נישט צום אָפּפרעגן.

„גוטע קעפּ — האָט יערמע־דוד ווי נאָכגעשפּעט — יעך וויל בעסער גוטע יידן!״

און אַז נח לערער האָט שטיל און פאַוואָליע געפּרוּווט אָפּוּוענדן יערמע־דודן און אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט געמאָלט גוטע יידן אָן גוטע קעפּ, ענטפערט אים נתן־חיימס טאַטע מיט טראָציקער עקשנות און מיט עפּעס אַ סוווערענער זיכערקייט פון לעבנס־דערפאַרונג —

„יעך בין אַאַך מוחל אייערע גוטע יידן מיט זייערע גוטע קעפּ. יעך וויל נישט קיין יידן מיט שוואַרצע העמדלעך און רויטע פענדלעך. דער פורים־סוחר האָט געוואָלט אַזאַ זונדל, נישט יעך״.

דאָס, וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן מיטן פורים־סוחרס זון יצחק (ער איז גע־שטאָרבן אַ געטראָפענער פון אַ קאָזאַקישער קויל ביי אַ רעוואָלוציאָנערער דע־מאָנסטראַציע) האָט פאַר יערמע־דודן נאָך אַמאָל באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון זיין „וועלט־אַנשויונג״, דהיינו, אַז ס׳איז אַ סכנה זיך צו פאַרמעסטן מיטן גורל פון אָרעמקייט און צו וועלן ביי אים עפּעס אָפּדינגען.

אָבער ס׳איז אויך פאַראַ אַ שלישית אין יערמע־דודס געמיט, וואָס איז דער היפּוך צו די פריער דערמאָנטע צוויי עלעמענטן פון אינדיווידואַליסטישן פאַטאַליזם און פון סאָציאַלער השגהלאָזיקייט.

דער שלישית איז די בולטע שטאָלצקייט, וואָס פאַרטראָגט נישט, אַז עמע־צער זאָל טראַכטן וועגן אים, יערמע־דודן, ווי וועגן אַ שנאָרער, און אַז עמעצן

זאָל איינפאַלן, אַז ער, דער אָרעמער בהמה־טרייבער, וויל ביי אים עפּעס נהנה זיין. און דער שלישית איז אויך כולל דאָס שטיק רעבעלישקייט, וואָס דערוואַכט אין יערמע־דודן, ווען אים דאַכט זיך, אַז מע וויל אים נישט צולאָזן צו זיין פּלעצל ביי אַן אָקאָרשט געפונענעם יידישן פּרנסה־בייק.

„און יעד זאָג ענק פריער — האָט יערמע־דוד מיט רעבעלישער פאַרביסנקייט געוואָרנט די ליציטאַציע־קויפער אין דער מאַדזשיצער פעסטונג — אַז יעד וועל נישט שוואַגן, אַז עץ עט מיר נישט געבן קיין גלאַכן חלק, על יעד קלאַפּן אין געלט אַראָן!"

ב

יערמע־דוד און זיין זון נתן־חיים

די אַלע אויסגערעכנטע פּסיכישע עלעמענטן, וואָס ב. דעמבלין האָט צונויפגעוועבט אין נתן־חיימס פאָטער יערמע־דוד, מאַכן פונעם מאַדזשיצער בהמה־טרייבער און ליציטאַציע־קויפער נישט עפּעס אַ פיגור פון אַ קיניג פון דער אָרעמשאַפט, נאָר די טיפּישע געשטאַלט פון איר מאַיעסטעט, דער יידיש־פּוילישער אָרעמקייט מיט איר הכנעה און השגחלאָזיקייט און צו דער זעלבער צייט מיט איר שטאָלץ און רעבעלישקייט.

די יערמע־דוד־געשטאַלט, דאָס איז די היסטאָרישע געשטאַלט, די געשטאַלט פון אַלע זעקס אָרבעט־טעג פון דער יידיש־פּוילישער אָרעמשאַפט, נישט פון מאַדזשיץ אַליין, נאָר פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון דער חרוב־געוואָרענער פּוילן. עס איז אַ רעאַליסטישע געשטאַלט, אַ פאַרגאַנצטע, אַ האַרמאָנישע, אָן פּסיכאָלאָגישע צויטן פון אומוואָרשיינלעכקייט אָדער פון אַ קאָנסטרויִרטער און צוגעטראַכטער ווירקלעכקייט.

יערמע־דודן, וואָס סימבאָליזירט די שטעטלשע אָרעמשאַפט מיט איר געזעלשאַפטלעכער הכנעה און מיט איר טראָציקער קאָנסערוואַטיווקייט, ווערט אין ראָמאַן אַנטקעגנגעשטעלט די געשטאַלט פון זיין אייגענעם זון נתן־חיים, אַ ייִנגל איז די פאַר־בר־מצווה־יאָרן.

נתן־חיים איז אין תוך אַ געטרייער יורש פון אַלע די פּסיכישע עלעמענטן, וואָס ב. דעמבלין האָט פון זיי אויסגעשמידט זיין קינסטלעריש גראָטעסקע און רעפּרעזענטאַטיווע געשטאַלט פון יערמע־דודן. אָבער אים, נתן־חיימען, האָט זיין ליטעראַרישער באַשאַפער מוסיף געווען צו זיין קאָלעקטיווער פּסיכישער ירושה, עפּעס אַזוינס, וואָס דערהייבט אים קריטיש נישט בלויז איבער זיין פאָטער, און נישט בלויז איבער דער גאַנצער געשטאַלטן־גאַלעריע פונעם שטעטל, נאָר אויך איבער די רעבעלן, די אידעאַליסטישע פאַרטיידיקער פון דער אָרעמשאַפט, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט מסירות נפש אין קאַמף קעגן אומרעכט.

דעם ייִנגל נתן־חיים האָט ב. דעמבלין געשענקט אַ הומאַניסטיש געמיט, אַ געמיט פון צער און רחמנות, אַ געמיט, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין עוולות קעגן גאָטס באַשעפענישן און קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן קאָנען בלייבן גלייכגילטיק צו די ליידן פון לעבעדיקע באַשעפענישן.

אויך שבתי מלמד און דער שניידער אייזיק, דער חסיד, זענען מענטשן מיט הומאַניזם אין זייערע הערצער. אָבער דער הומאַניזם פון די דאָזיקע זייטיקע געשטאַלטן איז אַרויסגעוואַקסן פון שווערע לעבנס־דערפאַרונגען. דאָס צער־בעלי־חיים־געמיט פונעם ערב־בר־מצווה־ייִנגל נתן־חיים איז אַן אָרגאַנישס, אַ פון לכתחילהדיקס, און דאָס דאָזיקע געמיט איז דערפאַר דער סימבאָל פון דעם מענטש, וואָס איז נישט געבונדן דורך קאָנווענציאָנעלישקייטן, פון דעם מענטש מיט עכטער בראשיתדיקער מענטשלעכקייט.

זיי, די חבריה, מיט דריי היימישע בחורים בראש — דערציילט אונדז דעמבלין — זענען געוואָרן די באַלעבאַטים אין מאָדזשיץ. זייער וואָרט איז געווען געבאָט. צו זיי זענען דינסטמיידלעך געקומען זיך קלאָגן אויף זייערע באַלעבאָסטעס און ביי זיי האָבן קבצנים געזוכט יושר קעגן אַלערליי עוולות.

איז, אַז דער היצל האָט צוגענומען דאָס הינטל פון זיין חבר באַלעק, צו וועמען האָט נתן־חיים געקאָנט קומען נאָך הילף און נאָך יושר, אַז נישט צו דער חבריה מיט די דריי בראש?

אָן אָטעם איז דער צער פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש געלאָפן מאָנען יושר ביי די רעכטשאַפער דורכן מויל פון דעם בר־מצווה־ייִנגל נתן־חיים.

און אַז מען האָט זיך אויסגעלאַכט פון נתן חיימס „הומאַניסטישן געמיט", — אים געהייסן אַהיימגיין און פאַרלאַנגען ביי דער מאַמען געלט אויפן הינטל — איז דאָס „שוין געווען צו פיל פאַר נתן־חיימען. אויף אַזעלכעס האָט ער זיך נישט געריכט. מיט איין מאָל איז זיין גאַנצע וועלט געטאָן אים אַ פאַל־איין. ביז איצט זענען די לייט געווען אין זיינע אויגן די סאַמע גערעכטיקייט און איצט זענען זיי געטאָן אַ פאַל אַראָפּ און געוואָרן גלייך מיט אַלעמען. ניין, ערגער, גלייך, מיטן הינטשלעגער".

דאָס בר־מצווה־בחורל האָט רעאַגירט אויף דעם אומיושר פון די רעכטשאַפער מיט אַ שפיי אין זייער שטוב אַריין און מיט אַנטלויפן. דער שפיי און דער ויברח כאַראַקטעריזירט נתן־חיימס קינדערישן אימפעט, אָבער זיינע פילצאָליקע הומאַניסטישע אַנטוישונגען און דער עיקרשט די אַנטוישונג מיט דער חבריה — דאָס איז די קאָנפראָנטאַציע, וואָס ב. דעמבלין פירט דורך אין זיין ראָמאַן צווישן דער פרום־געזעלשאַפטלעכער און אידעאָלאָגיש־געזעלשאַפטלעכער מאָראַל פון איין זייט, און דעם הומאַניסטישן געוויסן פון דער צווייטער זייט.

די שורות, אין וועלכע עס ווערט באַשריבן די אַנטוישונג מיט די „לייט פון

דער סאַמע גערעכטיקייט", זענען פון די דורכנעמענדיקסטע און דערהויבנסטע אין דעמבלינס ראָמאַן.

מיר איז פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס דאָס הומאַניסטישע געוויסן ווערט געשטאַלטיקט אין אַ בר־מצווה־בחורל (דאָס איז, ווי שוין געזאָגט, דאָס געוויסן אין זיין סאַמע בראשיתדיקער עכטקייט און אומפשרהדיקייט) און מיר איז אויך קלאָר דערפאַר, פאַר וואָס דער ראָמאַן ענדיקט זיך מיטן אַנטלויפן פון דער היים פונעם צוועלף־יאָריקן אַנטווישטן.

די געשטאַלט פון דעם ייִנגל נתן־חיים האָט קינסטלעריש אָפּגעטאָן איר חוב, דעם חוב צו פאַרקערפּערן די הומאַניסטישע קריטיק פון דעם היסטאָריש פאַרפיקסירטן שטיק לעבן.

ב. דעמבלין געהערט צו דעם מין פּראָזע־שרייבער, וואָס פאַרדינען זיך ערלעך דעם שם התואר סאָליד. ער פאַרמאָגט צמצום און דערביי אַ נישט געהאַמעוועטע אויספירלעכקייט. ער פאַלט זייער זעלטן אַריין אין פאַטעטישן טאָן, אָבער זיין סטיל האָט טעמפּעראַטור, הגם אָפּט אַ צו איין און די זעלביקע טעמפּעראַטור.

בטבע האָט דעמבלין דעם כוח צו בלייבן אין זיינע שילדערונגען און אין זיינע מענטש־געמעלן אויפן פּלאַן פון היסטאָרישער אָביעקטיווקייט און פון באַלאַנסירטער כאַראַקטעריזירונג. עס טרעפט אָבער, ווי ביי דער געשטאַלט פון דעם אויפגעקומענעם גביר שמהלע פוטערפלאַם, אַז ער נעמט איבערחזרן צופיל אַזעלכע ריין סוביעקטיווע שם התוארס ווי „גוט־געכאַליעטע פּנים" און „גוט־געכאַליעטע לייב". אַ מאדים אויף איבערחזרונג פון אַדיעקטיוון איז, כידוע, געווען אַזאַ ראש המדברים פון אונדזער פּראָזע ווי דוד בערגעלסאָן, אָבער ביי בערגעלסאָנען איז עס אַלע מאָל לשם, אַזוי צו זאָגן, קינסטלעריש־„פּראָטאָקאָלאַרישער" אידענטישקייט און קיין מאָל נישט שטעכווערטלדיק.

בערל גרינבערג

א

אַרגענטינער ייִדן

פון די פינף ביכער דערציילונגען, וואָס בערל גרינבערג האָט אַרויסגעגעבן, מאָלט ער אין די לעצטע דריי („בלוט און וויין", בוענאָס איירעס, 1944, „דאָס בלויע שיפעלע", 1948, און „ליבשאַפט", 1952) דער עיקרשט יענע פּוילישע לאַנדסלייט זיינע, וואָס „גאָט האָט אין אַרגענטינע געהאָלפן, אויפגעריכט זיי מיט עשירות".

בערל גרינבערגס יידן האָבן זיך אין אַרגענטינע אַרויפגעאַרבעט, זענען אַריינ־געטאָן איבערן קאָפּ אין עסקים, לויפן נאָך דעם בליאַסק פֿן דער אַרומיקער קולטור און פֿאַרכלינען זיך מיט דער הנאה פון געלט און מיט דער הנאה פון די ציוויליזאַציע־באַקוועמלעכקייטן, וואָס מען קאָן קויפן פאַר געלט, אָבער —

בערל גרינבערגס העלדן זענען פון דעסטוועגן, בדרך כלל, פֿאַרבליבן האַרציקע יידישע פֿאָלקס־מענטשן, וואָס פֿאַרגעסן נישט זייער אָרעמען אַמאָל און פילן עד היום אַ טעם אין היימישקייט און אין גוטברודערישקייט.

און די דאָזיקע היימישע גוטברודערישקייט, דאָס דאָזיקע ביסל טרויעריקע מענטשלעכקייט, וואָס איז אין תוך די וואָך־געבליבענע ירושה־יידישקייט ביי בערל גרינבערגס דאָן נאָום, דאָן סאַלאָמאָן און ביי די מייסטע אַנדערע העלדן זיינע, האָט אַזוי פאַרכאַפּט דאָס געמיט פון זייער דערציילערישן געשטאַלטער און אים אַזוי טיף גערירט, אַז דאָס האָט אים קינסטלעריש געשטעלט פֿאַר אַ שווערן נסיון, דעם נסיון נישט אַריינצופאַלן אין סענטימענטאַלקייט.

בערל גרינבערג איז פון דעם דאָזיקן געראַנגל מיט דער „ליבשאַפֿט" אַרויס כמעט דורכויס אָן אומבאַשעדיקטער. אַחוץ אין אַזאַ דערציילונג ווי „חנהלע" און דער עיקרשט אין דער סוף־סצענע צווישן חנהלען און דער אַלטער לאהן, איז, אויף וויפל איך זע עס, די געזונטע רעאַליסטישע שטימונג אין בערל גרינבערגס דערציילונגען נישט קענטיק געניזוקט געוואָרן.

אָבער עס האָט פון דעם סענטימענטאַליזם דאָ און דאָרט יאָ געליטן שאָדן די בעלעטריסטישע אַרכיטעקטאָניק, דער עיקרשט אין אַזעלכע צוויי דערציילנגען ווי „דאָן נאָום" און „וויטער פון דאָרטן".

אין דער, מיט אירע געשטאַלטן און אויך מיט איר סיפור המעשה זייער איינ־טערעסאַנטער, דערציילונג „דאָן נאָום", האָט בערל גרינבערג צוליב „פריינדשאַפט־סענטימענטאַליזם" אַריינגעפירט אַזאַ פאַרשוין, ווי דאָן נאָומס אַלטן פריינד גרשון, וואָס לאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן און אַז ער קומט צו גיין האָט ער נישט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן, סיידן דאָס, וואָס ער העלפט אָוועקלייגן דעם פלוצים פאַר־שלאָפטן גאַסט אַשר און לויפט באַלד דערויף אַוועק אַ קינסטלעריש נישט געשטאַל־טיקטער, זיך זען מיט זיין כלה.

אין „וויטער פון דאָרטן" האָט בערל גרינבערג דעם דרוקער שלמה מיט דעם גוט און זייער גוט באַשריבענעם הינטערגרונט פון דרוקעריי און מיט דער קרעפטיק דערציילטער מעשה וועגן שלמהס רייזע, אַריינגעפירט אין אַ „בלינדן געסל" פון אַ קינסטלערישן גאַרנישט צוליב דעם וואָס ער איז גערירט געוואָרן פון די וואָרע אָדער צוגעטראַכטע ווערטער „וויטער ווי דאָרטן", וואָס עס האָלט אין איין איבערחזרן אַ צערודערטע פרוי.

בערל גרינבערג האָט געקאָנט אַרויס, ווי מע זאָגט דאָס, „ווי אַ קייסער" פון דער היפש אַרויפגעשרויפטער „ליבשאַפט", ווייל ער איז אַ געניטער און אויס־

נעמלעך־פיינער באַשרייבער פון הינטערגרונטן און אַ ליידנשאַפטלעכער רעאַליס־טישער צייכענער פון מענטשלעכע פּאָרטרעטן.

די דאָזיקע ביידע גוטע מעלות זיינע גייטראַליזירן צום גרויסן, און אַפילו צום סאַמע גרעסטן טייל, די סענטימענטאַלע איבערגעלאָדנקייט, וואָס איז ביי בערל גרינבערגן, ווי ביי אונדז אַלע אַ רעזולטאַט פון אַ נאַגנדיקן שולד־געפיל לגבי די געליטענע, אָבער איז קינסטלעריש נישט די סאַמע גערעכטסטע תשובה פאַר די זינד.

אַזעלכע באַשרייבונגען ווי עס גיט אונדז בערל גרינבערג פון דער דרוקעריי „בבל" ביים אַריינפיר צו דער שוין דערמאָנטער דערציילונג „ווייטער ווי דאָרטן", אָדער פון דער פּאַרט־זאָגנע ביים לאַפּלאַטאַ־טייך אין אָנהייב פון דער דערציילונג „אין נעפּל" מעגן, לפי דעתי, פאַררעכנט ווערן ווי מוסטערן פון ליטעראַרישער דעסקריפּציע, וואָס איז פּרעציז אין אירע דעטאַלן און פּלאַסטיש־סוגעסטיוו אין איר גאַנצקייט.

און ווי אויף דערגרייכונגען פון קרעפּטיקער, קורצער און קינסטלעריש „אומברחמנותדיקער" פּסיכאָלאָגישער פּאָרטרעטירונג, וויל איך אָנווייזן, ראשית, אויף דער געשטאַלט פון דאָניאַ סאַראַ אין דער דערציילונג „חלומות פון אַ פידל", וואָס „פאַרגרייט מיטאָג פאַר איר מאַן און זון" און זידלט בשעת מעשה איר נאַרישן הונט באַב, למאי ער לאָזט זיך טאַנצן אויפן קאָפּ פון דער קאַץ, דער מכשפה, עמאַ, און, שנית, אויף דער אפשר סאַמע גערעכטסטער, קורצער, אָבער אויסשעפנדיקער, אויפטרייסלענדיקער אָבער נישט סענטימענטאַלער דערציילונג וועגן דעם תמעוואַטן בחור כאַימיטאַ, וואָס „וועט שטענדיק צוריקקומען" כאָטש אַזוי פיל, און צווישן זיי זיין אייגענער פאָטער, וואָלטן וועלן, אַז ער זאָל נישט צוריקקומען פון די אַרומשיקענישן איבער די גרויסשטאָטישע גאַסן פול מיט סכנות.

ב

אונדזער באַגעגעניש

מיט חדשים צוריק אין בוענאָס־איירעס בין איך מיט אים געזעסן און געכאַפּט אַ שמועס אויף אַ באַנק אין דער גרויסער האַלע פון דער קהילה ווו ער איז לעצטנס געווען אַן אָנגעשטעלטער, און אויך צו מאָל אין אַ פרייער שעה ביי מיר אין האָטעל, וואָס איז געווען נישט ווייט פונעם קהילה־בנין.

אַלע מאָל האָט זיך דער שמועס געדרייט אַרום דער טענה, וואָס ניו־יאָרק פאַרזעט די יידישע שרייבער פון די אַנדערע לענדער און נעמט ביי זיי אַזוי אַרום צו דאָס ביסל אָנערקענונג, וואָס עס קומט זיי.

אָט האָט ער, בערל גרינבערג, אַרויסגעגעבן ביז איצט פינף ביכער דער־ציילונגען און מחוץ פון אַרגענטינע האָט מען זיך אויף זיי ווייניק וואָס אומגעקוקט. איך קען אייך דאָס זאָגן — האָט צו מיר גערעדט בערל גרינבערג — וויל איר אין

ניו־יאָרק און מלך ראַוויטש אין מאָנטרעאָל זענען די איינציקע, וואָס האָבן גע־שריבן וועגן מיינע ביכער און צו מאָל ביי אַ געלעגנהייט דערמאָנט מיין נאָמען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין בערל גרינבערגס רייד איז נישטאָ קיין ביטער־ניש. די ווערטער זיינע זענען געווען שטילע, ממש בלחשדיקע און צניעותדיקע, אָן דער מינדסטער שאַרפקייט קעגן וועמען עס איז. אָבער ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אויף זיין פּנים האָב איך דערזען יענע פּיין און ביטערקייט, וואָס גרינבערגס ווערטער האָבן נישט אויסגעדריקט. אויף בערל גרינבערגס פּנים האָט זיך גע־שפּרייט אַזאַ צער, וואָס נאָר שאַרפע פּיזישע ווייטאָגן זענען אים בכוח אין אַזאַ מאָס און אַזוי בולט אַרויסצוברענגען.

נישט ווילנדיק האָב איך אים ספּאָנטאַן אַ פרעג געטאָן: טוט אייך עפּעס וויי, גרינבערג?

עס האָט מיר געענטפערט זיינס אַ שטומער בליק און איך האָב זיך פּשוט פאַרשעמט פאַר מיין פראַגע. אוודאי טוט אים וויי, עס טוט אים וויי ביז צום שרייען געוואַלט, וואָס מען דערהערט נישט זיין שעפעריש וואָרט און מען דער־זעט נישט די געשטאַלטן פון די אַרגענטינישע יידן, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט אין זיינע דערציילונגען.

וויפל איך האָב נישט געפּרוווט אויסרעדן בערל גרינבערגן און אים דער־ציילן ווי פאַרנומען און ווי פאַרהאַוועט מען איז אין ניו־יאָרק און אַז דאָס נישט דערזען איז מערסטנס נישט קיין כוונה, נאָר פּשוט אַ צופאַל — האָט זיך גרינ־בערג נישט געלאָזט טרייסטן.

אַ ביסל טרייסט איז פאַר אים בלויז געווען וואָס איך האָב געדענקט זיינע יידן און צום טייל אַפילו זיך דערמאָנט אין זייערע נעמען. און גרינבערגס פּנים האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט ווען איך האָב כאַראַקטעריזירט די העלדן זיינע.

איך האָב נאָך, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ מצווה ווי דעמאָלט ווען איך האָב מיט בערל גרינבערגן גערעדט וועגן זיינע ליטעראַרישע העלדן. אַ מאָטע פריייט זיך נישט אַזוי צו הערן אַ לויב וועגן זיינס אַ קינד, ווי בערל גרינבערג האָט הנאה געהאַט און זיך געפרייט מיט דעם ביסל לויב און אַ ביסל קריטיק וועגן זיינע העלדן.

אָבער די גוטע ווערטער האָבן געהאַט אויך אַ פאַרקערטע ווירקונג. זיי האָבן גורם געווען נישט בלויז אַ ביסל פרייד, נאָר זיי האָבן אים מיט נאָך מער אינטענסיווקייט צוריקגעפירט צו דער טענה וועגן פאַרזען און וועגן פאַרהערן. אויב — האָט גרינבערג געזאָגט — מיינע געשטאַלטן לאָזן זיך פאַרגעדענקען, פאַר וואָס האָבן אַנדערע זיך צו זיי זיך נישט צוגעקוקט און צוגעהערט?

איך בין געשטאַנען פאַר אַ קוואַל פון צער, נישט צום אויסשעפּן און נישט צום אויסטרינקען, נישט מיט אַרגומענטן און מיט תירוצים און אויך נישט מיט גוטע ווערטער.

איר געדענקט — האָב איך צו אים איין מאָל אַ זאָג געטאָן — אייער העלד, דאָס בחורל כאַ:מיטאַ (חיימל), וואָס דער בעל־הבית פלעג אים שיקן אַ גאַנג און ביי זיך אין הארצן האָפן, אַז כאַ:מיטאַ וועט נישט צוריקקומען, מען וועט אים איבערפאָרן אָדער ער וועט אויף אַן אַנדערן אופן ניזוק ווערן. און כאַ:מיטאַ איז, ווי צו להכעיס, תמיד צוריק געקומען.

אויך מיט אייך, גרינבערג, וועט אַזוי זיין: איר וועט אַרויסגעבן ווערק און מען וועט איינס און נאָך איינס נישט דערזען אָבער איר וועט צוריקקומען און איר וועט אייך פון דאָס ניי לאָזן הערן און מען וועט אייך מוזן דערזען און דערהערן.

ער האָט זיך קודם דערפרייט און פאַר אַ מאָמענט ווידער אויסגעלייטערט, אָבער באַלד דערויף האָט ער מיר טרויעריק אַ זאָג געטאָן: „איך וועל נישט צוריקקומען".

איצט, ווען איך דערמאָן זיך אין די ווערטער, נעמט מיך דורך אַ דראָזש, ווייל איך ווייס, אַז בערל גרינבערג, דער שטילער און באַגאַבטער יידישער דערציילער, איז טאַקע נישט צוריקגעקומען. אין אַ פאַרשטאָט פון בוענאָס־איירעס האָט אים אַ באַן איבערגעפאָרן.

1962

יחזקאל פרייליך

צוויי ביכער האָט יחזקאל פרייליך אַרויסגעגעבן ביי זיין לעבן. דאָס דריטע, „דורות", האָט אויך ער אַליין צוזאַמענגעשטעלט און אַוועקגעשיקט צום דרוק קיין בוענאָס־איירעס. אָבער נאָך איידער דאָס ערשטע פּעקל פון דעם פאַרטיק געוואָרענעם ספר האָט דערגרייכט פון דאָרט קיין ניו־יאָרק, איז דער מחבר דאָ אויף אַן אומגעריכטן און טראַגישן אופן פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע פופציק יאָר לעבן.

„דורות" איז אַזוי אַרום פרייליכס אחרי־מות־בוך און די לעצטע סטאַנציע פון זיין קורצן יידיש־שעפערישן וועג. איך זאָג „קורצן", וואָרעם פרייליכס יידיש־שעפערישקייט האָט געדויערט נישט מער ווי אַן ערך צען יאָר.

פרייליכס ערשטע בוך, „ווידערקלאַנגען", איז אַרויס אין ניו־יאָרק אַזוי שפּעט ווי אין 1948. און פון די זיבעצן דערציילונגען, וואָס ער האָט דאָרט אויפגעזאַמלט, האָט ער נישט אַלע פון לכתחילה געשריבן אויף יידיש. אַ טייל פון די מעשות און „ווידערקלאַנגען" האָט דער מחבר, ווי מיר ווערן געוואויר פון זיינער אַן הערה צו דער דערציילונג „דער סופר", געשריבן אָריגינעל אויף

ענגליש און זיי געדרוקט אין אַן ענגלישער צייטשריפט. איז שוין, הייסט עס, מיט די אַלע איבערזעצונגען האָבן זיך ביי פרייליכן אין 1948 נישט אויפגעקליבן מער ווי זיבעצן דערציילונגען. ער האָט, בכן, געמוזט אָנהייבן שרייבן יידיש העכסטנס מיט אַ צוויי, דריי יאָר פאַר 1948 און האָט ביי זיין טויט אין פרי־האַרבסט פון 1955 קוים פאַרענדיקט אַ יאָרצענדליק פון יידיש־שעפערישקייט.

מיט דעם חשבון פון די יאָרן פון יחזקאל פרייליכס יידיש־שעפערישקייט בין איך אויסן זיך אַליין צו געבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס אין די זיבן און דרייסיק דערציילונגען, וואָס פרייליך האָט אויפגעזאַמלט און מן הסתם אויך אויפגעשריבן אין דעם רייפן עלטער צווישן פערציק און פופציק, האָט ער זיך, לפי ערך, אַזוי ווייניק געקאָנט באַפרייען פון פרעמדער ליטעראַרישער השפעה.

די הויפט־ און עיקר־השפעה אויף פרייליכס צוויי ביכער דערציילונגען און אויף פרייליכס ליטעראַטור־קריטישער מאָנאָגראַפיע „יוסף אָפּאַטאָשוס שאָפונגס־וועג” (טאָראָנטאָ, 1951), איז געווען יוסף אָפּאַטאָשו.

ס׳קאָן זיין, אַז מיט דער מאָנאָגראַפיע וועגן אָפּאַטאָשון האָט פרייליך געזוכט צו באַקומען קריטישע דיסטאַנץ צו אָפּאַטאָשון און אָפּצושטויסן פון זיך די משא פון זיין ליטעראַרישער השפעה. אויב די מאָנאָגראַפיע, זאָג איך, איז געווען אַזאַ פּרווו מצד פרייליכן, האָט ער מיט זיין פּרווו כמעט ווי נישט מצליח געווען. וואָרעם אויך איבער דער קריטישער אַרבעט „אָפּאַטאָשוס שאָפונגס־וועג” הויערט אָפּאַטאָשוס געשטאַלט נישט בלויז ווי אַן אויסשליסלעכע טעמע, נאָר אויך ווי אַ דורכויסיקע שרייבערישע השפעה מיט אָפּאַטאָשוס בליק אויף דער יידיש־ליטעראַטור און מיט זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור בכלל.

די אָפּאַטאָשו־השפעה אויף פרייליכן איז נישט געווען קיין צופעליקע, וואָרעם עס איז בלי ספק פאַראַן געווען אַ געוויסע שעפערישע געמיט־קרובהשאַפט צווישן דעם שטורמישן ליטעראַרישן שפרייזער, דעם רבין יוסף אָפּאַטאָשו און דעם שטיל־אומרויקן שפּאַנער, דעם תלמיד יחזקאל פרייליך.

ווי אָפּאַטאָשו, האָט אויך פרייליך פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ ליידנשאַפט זיך צו גריבלען אין אַלטע ספרים און אויך אַ ליידנשאַפט צו ליטעראַרישע „עקס ליבריס”־מאָטיוון, ד. ה., ער האָט געגרן געהאַט צו וועבן דערציילעריש אַרום געשטאַלטן, וואָס זייערע מאָדעלן געפינען זיך ערגעץ אין אַ מעשה פון פאַרצייטן.

ווי אָפּאַטאָשו, האָט אויך פרייליך געהאַט אַ פאַרשפיצטן חוש פאַר היסטאָריע און עס האָבן אים צוגעצויגן צו זיך און האָבן אים פאַרכאַפּט די בילדער און געשטאַלטן פון גייסטיקן הערא:זם אין דער יידישער געשיכטע.

און ערגעץ ווו איז אויך ביי פרייליכן, ווי ביי זיין רבין אָפּאַטאָשו, די עיקר־באַגאַבונג פון קינסטלערישער מאָלערישקייט געלעגן דווקא אין דער געשטאַלטי־קונג פון דער גשמיותדיקער זייט פון זיינע העלדן.

אַוודאי זענען די קינסטלערישע מאָסן און דער טעמאַטישער פאַרנעם אָן אַן

ערך גרעסערע ביים רבין אָפּאַטאָשו, ווי ביים תלמיד. אָבער וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען און אונטערשטרייכן איז, אַז פרייליכס תלמידשאַפט ביי אָפּאַטאָשון איז נישט געווען סתם נאָכגייערשאַפט אין פרט פון וואָס און ווי אַזוי צו דערציילן, נאָר אָרגאַנישער אָנקער, בלוט־קרובהשאַפט.

דער שטיל־צניעותדיקער פוילישער ייד פון אָסטראָוו האָט זיך געטוליעט ליטעראַריש צו דעם שטורמיש־פּאַרנעמיקן פוילישן ייד פון מלאָווע, ווייל אויך זיין געמיט, פרייליכס, האָט זיך מיט זיין אייגענעם כוח פון זעונג געטראָגן איבער יידישע ציטן און לענדער און זיך מיט אָנשטרענגונג געמיט, אַז עס זאָל פאַר זיין אויג נישט פאַרלוירן גיין עפּעס פון דער גרויסער גייסטיק־מאָראַלישער פּאַנאָראַמע איבערן אויסשפּרייט פון דער יידישער געאָגראַפיע און געשיכטע.

אין די צוויי צענדליק דערציילונגען פון זיין בוך „דורות" באַקענט אונדז יחזקאל פרייליך מיט אַ טייל פון די געשטאַלטן, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אויף זיין זעונג־וואַנדער איבער יידישע ציטן און לענדער. בלויז מיט אַ טייל, וואָרעם ווי מיר ווערן געוווירר פון אַן אָנמעלדונג ביים סוף פון „דורות", האָט דער פרי־פאַרשטאָרבענער בעלעטריסט געהאַט פאַרטיק צום דרוק אויך אַ היסטאָרישע דערציילונג „פון מסדה ביז רוים" און אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן „דער תורשתא נחמיה".

אין דער זאַמלונג „דורות" באַגעגענען מיר פוילישע יידן, וואָס זענען געוואָרן תושבים אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע; יידן, וואָס פאָרן פון אַרגענטינע און פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל; העלדישע יידישע יונגעלייט, וואָס משפּטן (מיט גערעכטיקייט און מיט איינזעעניש) בעדוינער אין נגב און נישט וויניקער באַהאַרצטע יידישע בחורים, וואָס זענען עולה פון „מאה שערים" אין ירושלים צו אַ קיבוץ אין עמק.

מיר טרעפן זיך מיט יידן פונעם „שבט יהודה" אַרויס, „יידן — קעגן גאָטס ווילן", וואָס לייכטן מיט זייער עקשנותדיקער יידישקייט און מיט זייער גרויס־מענטשלעכקייט, סיי ווען זיי שפּאַנען דורך אַ לעבן אונטער דער שווערער לאַסט פון גורל אין די „נאָרמאַלע ציטן" אין פוילן, און סיי ווען זיי גייען דורך די פּיין פון גיהנום, אונטער דער בייטש פון די היטלער־רוצחים.

און די באַגעגענישן אין פרייליכס „דורות" זענען, ווי שוין געזאָגט, נישט בלויז איבערן אויסשפּרייט פון שטח, נאָר אויך איבער אַ היפּשער לענג פון יידישער ציט. מיר טרעפן זיך מיט יאָסעפוס פלאַוויוסן, ווען ער שרייבט אין רוים, ביים סוף פונעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער ציטרעכענונג, זיין באַרימט־געוואָרענע אַפּאָלאָגעטישע שריפט קעגן דעם יידישן צורר אַפּיאָן. מיר באַגעגענען אין האַמבורג פון זיבעצנטן יאָרהונדערט מרת גליקל פון האַמעל, בעת זי נעמט פאַרצייכענען אירע זכרונות, כדי צו פאַרטרייבן די „מאַל־

קולישע געדאַנקען״. און מיר טרעפן זיך מיט יידן אין דער פּוילישער קהילה אָסטראָווע, פון אַכצנטן יאָרהונדערט, און זעען מיט וואָס פאַראַ גייסטיקער פעסטקייט זיי נעמען אויף די גזירה פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט וועגן אַ שטייער אויף יידישע פּאַפּירן און ספרים.

אי פריילּיכס אינטענסיווער לויף מיט דער פען איבער יידישע יאָרהונ־דערטער, און אי די מאָטיוון און געשטאַלטן גופא וועקן די אַסאָציאַציע צו אַפּאַטאָשון און זאָגן אָן, אַז מיר געפינען זיך אין פריילּיכס „דורות״ אין דער ליטעראַרישער השפעה־ספערע פונעם מחבר פון „אין פּוילישע וועלדער״.

*

אָבער יחזקאל פריילּיך איז, ווי שוין געזאָגט, געווען אַ שרייבער מיט אייגענע ליטעראַרישע אַמביציעס, אַ שרייבער מיט אַ טיפן פאַרלאַנג נאָך אַן אייגענער שעפערישער צורה, נאָך אַן אייגן שטיקל פלאַץ אין דער ליטעראַטור.

און דער דאָזיקער באַגער צו שעפערישער אייגנקייט קומט באַזונדערס אינטענסיוו צום אויסדרוק אין די צוואַנציק דערציילונגען פון דעם בוך „דורות״, וואָס אין אַ גרויסן טייל פון זיי גייט אָן אַ שווערער אָבער בולטער געראַנגל זיך צו באַפרייען פונעם רבינס השפעה און צו דערגיין צו די מיט אַפּאַטאָשון קרובהשע, אָבער דאָך אייגענע פונקען פון שעפערישקייט.

און ס׳קאָן אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווען איך וועל זאָגן, אַז דער גרעסטער שטרויכלשטיין אויף פריילּיכס וועג צו באַפרייונג איז געווען זיין אייגנס אַ ליטעראַרישער חסרון, וועלכן ער האָט געמוזט גובר זיין, כדי צו קענען קעמפן קעגן דער פרעמדער השפעה.

דער חסרון איז געווען פריילּיכס סענטימענטאַליזם, ס׳איז געווען פריילּיכס צו גיך און צו פיל גערירטקייט פון דעם גורל פון זיינע אייגענע העלדן, זיין צו פיל גערירטקייט פון די איבערלעבענישן, וואָס די העלדן האָבן איבערגעלעבט, ווען זיי זענען נאָך געווען געשטאַלט־מאָדעלן אין פריילּיכס זכרון.

אין דער לופט פון סענטימענטאַליזם צייטיקט נישט קיין דראַמע. די סיטואַ־ציעס געפירט פון „לולודיקע״ (פריילּיכס אַ באַליבטער אַדיעקטיוו) געפילן און פון „לולודיקע״ ווערטער דערגייען נישט ווייטער ווי צו מעלאָדראַמע. און מע־לאָדראַמע ברענגט נישט אַרויס די טרערן, וואָס דערהייבן און לייטערן מענטשן און געשעענישן. מען קאָן פון מעלאָדראַמע, פון דער גיכער „ווייבערישער טרער״ נישט דערוואַרטן דערהייבונג און לייטערונג. נישט אין לעבן און נישט אין דער קונסט. די מעלאָדראַמאַטישע טרער פאַרנעפּלט דאָס פנים פון דער קינסטלע־רישער געשטאַלט און נישט ווייניקער אויך דאָס אויג פונעם קונסט־געניסער, דעם לייענער.

און מעלאָדראַמע איז בטבע אַזוי פאַרקאָכט צו באַקומען וואָס גיכער איר

שכר פון טרערן, אַז זי האָט נישט קיין צייט פאַר פּסיכאָלאָגישע איבערגענג, פאַר פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפונג. און מחמת אָט דער איילעניש קומען ביי איר די געשטאַלטן אַרויס פּאַפּירענע און באַנאַלע, ווי המצאהדיק די סיטואַציע זאָל נישט זיין צוגעטראַכט.

איך האָב זיך עפּעס לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם סענטימענטאַליזם און דער מעלאָדראַמאַטישקייט אין פריילינכס דערציילונגען, ווייל גראָד דעמאָלט, ווען פריילין איז דער סענטימענטאַליסט, וואָס ער איז בטבע געווען, האָט זיך זיין פּען באַהאַלטן אונטער דער ברייטער פּאָלע פון פרעמדער השפּעה.

אַ קלאַסישער ביישפּיל פאַר פריילינכס מעלאָדראַמאַטישקייט איז די מעשה מיט די צוויי פּוילישע חברים פּעטער און יאַן, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ גלאָקנציער אין קלויסטער, און דער אַנדערער אַ וואַסערטרעגער אין שול. אָבער פּעטער, דער גלאָקנציער, הערט זיך צו דורכן אָפענעם פענצטער, ווי דער יונגער רב לערנט און ער ווערט פאַרכישופט, און אָט האַלט ער ביים שטאַרבן און קאָן נישט שטאַרבן ביז — דער רב וועט נישט קומען אים בענטשן.

דער רב האָט פּעטערן געבענטשט און דערנאָך „איז ער אַרויס מיט גע־איילטע טריט פון פּעטערס הויז. ער האָט געהערט ווי די קירכן־גלאָקן האָבן זיך מוראדיק צעקלונגען". אַלץ איז אין דער דאָזיקער דערציילונג געשען מיט גרויס איילעניש. די לעבעדיקע פּנימער פון די געשטאַלטן און די פּסיכאָלאָגישע באַ־טראַכטיקונג זענען געבליבן ליגן אין דרויסן.

אָבער ווען עס געלינגט פריילינכן גובר צו זיין די מעלאָדראַמע אין זיך און זיך אויסצוניכטערן פון איבעריקן סענטימענטאַליזם, דעמאָלט קען ער אָנשרייבן אַזאַ שיין און דראַמאַטיש אָנגעלאָדענע דערציילונג, ווי „אַן אייגענער מזומן". דעמאָלט קומען אַרויס אַזעלכע געשטאַלטן, ווי צירל, וואָס „אירע אויגן האָבן פאַרלוירן דעם גלאַנץ פון איידלשטיינער, האָבן זיי דערפאַר געקראָגן אין זיך אַזאַ מין טיפע פייכטקייט, ווי די טיפקייט פון אַ ברונעם", און ווי איר מאַן מענדל בראָקער, וואָס האָט נישט געוואָלט בעטן ביים רבין קיין פּרנסה, וואָרעם זיין איינציקע בקשה איז געווען, אַז דער בר־מצווה־בחור יוחנן זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען פון זיין זיידן, דעם תנא יוחנן הסנדלר, וואָס נאָך אים הייסט ער.

און דעמאָלט, ווען יחזקאל פריילין איז גובר זיין סענטימענטאַליזם, איז ער דערמיט נישט נאָר גובר די פרעמדע השפּעה, נאָר ער איז אויך אויפן וועג צו געפינען זיינע אייגענע, פון טרערן נישט פאַרנעצטע, שעפערישע פונקען. דעמאָלט באַשאַפט ער די געשטאַלט פון דער רביצין מיכעלשי, אין זיין דער־ציילונג „פּערל". די געשטאַלט פון דער רביצין איז גוט אַרויסגעבראַכט, הגם די דערציילונג אַליין איז נישט קלאָר אויפגעבויט און די הילפס־געשטאַלט פון ר' אַלטערן (דער שותף צו דער רביצינס סוד אַרום די פּערל), איז איבעריק און

איז ערגעץ ווו דער צינז, וואָס דער אויסגעניכטערטער דערציילער צאָלט דעם סענטימענטאַליזם.

און דעמאָלט, ווען פריילין רוקט אָוועק די וואַנט פון סענטימענטאַלישקייט און באַפרייט זיך צום טייל פון פרעמדער השפּעה, קומט ביי אים אַרויס אַזאַ סאָליד שטיקל פּראָזע, ווי די שילדערונג פון דער רייזע אין אַ „דזשיפּ" איבערן זאַמד פונעם נגב.

„דורות" איז פריילינס בוך פון גערנגל, פון אויסניכטערונג פון אייגענעם סענטימענטאַליזם און פון באַפרייונג פון פרעמדער ליטעראַרישער השפּעה.

עס זענען אין דעם בוך פאַראַן בולטע סימנים, אַז פריילין איז געווען אויפן וועג צו אַן אייגענעם קינסטלערישן איך.

די האַרבע טראַגיק פון פריילינס גורל איז געווען, וואָס זיין שעפערישקייט האָט זיך שפּעט אָנגעהויבן און דער טויט האָט זי צו פרי איבערגעהאַקט.

שמואל איזבאַן

א

יידישע שבטים

אין דעם בינטל זאַכן „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?" רעכנט פּרץ אויס דעם חסרון פון איר טעמאַטישער באַגרענעצטקייט.

— אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק, אַ וואַנדערפאָלק, אַן אייביק פאָלק — טענהט פּרץ אין זיין באַרימטער עסיי אונטער דעם דערמאָנטן נאָמען „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור"? — און זיין ליטעראַטור איז פאַרבליבן אויף איין געאָגראַפישן און היסטאָרישן שטח: אין וואָלינישן, אין ליטווישן און אין פּויליש שטעטל.

נו, זינט דעמאָלט, זינט באַלד נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, ווען פּרץ האָט געשריבן זיין עסיי, האָט זיך אונדזער ליטעראַטור היפּש אויס־געברייטערט אין צייט און אין רוים. דער היסטאָרישער ראָמאַן האָט איינגענומען גרויסע שטיקער פון דער יידישער צייט, און אונדזערע פּאָעטן און בעלעטריסטן האָבן גענומען באַזינגען און באַשרייבן דאָס לעבן אין די מדינות פון יידישער איינוואַנדערונג אויף יענער זייט ים.

און וואָס שייך די נישט־יידיש רעדנדיקע יידישע שבטים, איז פּרצס אַרויס־רופערישער פראַגע אין זיין עסיי — „אָבער ווו זענען די ספרדישע יידן?" אויך

שוין צום גרויסן טייל פֿאַרענטפֿערט געוואָרן און פֿאַרענטפֿערט אַפֿילו מיט אַ שמייכל אַריבער. איך זאָג: מיט אַ שמייכל אַריבער, וואָרעם פּרץ האָט זיך דעמאָלט, אַרום 1910, נאָכגעפֿרעגט בלויז אויף די ספֿרדים. ער האָט נישט געטראַכט פֿון קיבוץ גלויות אין ארץ־ישׂראל, ווו דער יונגער שפּעטער־ישער ייִד פֿון פּוילן און רומעניע וועט זיך צונויפֿטרעפֿן, נישט בלויז מיטן ספֿרדישן שבט, נאָר אויך מיט אַזעלכע לאַנג שוין נישט באַגעגנטע שבטים ווי די תּימנער, די בוכאַרער, די מאַראָקאַנער און די פּערסישע ייִדן.

איינער פֿון די סאַמע ערשטע, וואָס האָט זיך בעלעטריסטיש דערנענטערט צו די אויסגערעכנטע שבטים און זיי געגעבן אַ פּלאַץ אין אַ ייִדיש־רעדנדיק מויל אין זיינע דערציילונגען, איז געווען דער בן־עיר פֿון גאָסטינינער צדיק, דער בן־עיר פֿונעם „תּהלים־ייִד", שמואל איזבאַן.

איזבאַן האָט עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל תּיכּף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר, און האָט דאָרט פֿאַרבראַכט פּונקט אַזוי פֿיל יאָרן. די באַקאַנטשאַפֿט מיט די אָריענטאַלישע ייִדן פֿון ירושלים, פֿון צפֿת און פֿון יפֿו איז בכן פֿאָרגעקומען אין עלטער פֿון איזבאַנס פּסיכישער פֿאָר־מירונג. אַלץ, וואָס דער יונגער בחור פֿון פּוילן האָט זיך דעמאָלט דערוווּסט וועגן זיינע שפּעטערדיקע העלדן איז נישט געווען די אָבסערוואַציע פֿון דרויסן, נאָר אינטימע קענטעניש פֿון אינעווייניק, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון בשותּפֿותדיקן לעבן מיט די מענטשן, און ווערט רייף, אַזוי צו זאָגן, אין די זוניקע און רעגנדיקע טעג פֿונעם דאָזיקן לעבן.

נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס איזבאַן האָט די העלדן פֿון זיינע דערציילונגען „צווישן הונדערט טויערן" נישט בלויז געזען, נאָר איז מיט זיי אויך מיטגע־וואַקסן און האָט מיט זיי מיטגעלעבט, האָט ער זיי געקאָנט געשטאַלטיקן אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פּשוט לעבעדיק אָן דעם מינדסטן עקזאָטישן בייגעשמאַק. דער בעסטער סימן, אַז די ייִדן פֿון בוכאַרישן קוואַרטאַל, פֿון קאַראַימער הויף, פֿון דער מאַראָקאַנישער בית־דין־שטוב, פֿון דער משפּחה סאַפּורטאַ און די תּימנער פֿון „הונדערט טויערן" זענען פֿאַר איזבאַנען נישט אַזעלכע, וואָס „גאַט קוקט אויף זיי ווי אויף אַ חידוש", נאָר זיי זענען דעם שרייבערס היימישע מענטשן, זיינע באַ־קאַנטע און זיינע גוטע שכנים, וואָס ס׳איז דאָ וואָס צו דערציילן וועגן זיי און ס׳איז אויך דאָ וואָס צו הערן זיי דערציילן — אַזאַ גוטער סימן איז זייער ייִדיש לשון.

ישׂמח, דער בוכאַרער בעל־עגלה, דער ספֿרדישער שדכן בנבנישתּי, דער ספֿרדישער חכם מנשה עוזיאל, די צפֿתער אלמנה יוכבד, דער מאַראָקאַנער בית־דין־שמש ברכיהו, דער תּימנער למדן ר׳ סעדיה און אַפֿילו דער אַראַבישער אייזל־טרייבער רעדן אין איזבאַנס דערציילונגען אַזאַ וואָרצלדיקן ייִדיש, גלייך דאָס לשון זאָל נישט זיין בלויז דער שפּראַך־אינסטרומענט פֿון זייער באַשרייבער, נאָר טאַקע זייער אייגנס.

דאָס לשון, וואָס עס רעדן די העלדן פון איזבאַנס דערציילונגען אין „צווישן הונדערט טויערן" איז אַ וואָרצלדיקער יידיש מיט אָריענטאַלישע ריחות, די פאַרגלייכן, וואָס איזבאַן נוצט ביים שילדערן זיינע פאַרשוינען, האָבן דעם טעם פון אָריענטאַלישן לעבנשטייגער. און דער דיאַלאָג צווישן די דאָזיקע יידן פון די מזרח־עדות, איז דורכגעפלאָכטן מיט אידיאָמען און מיט גלייכווערטלעך, וואָס זענען נישט אייגן דעם יידיש־ר׳עדנדיקן פון מזרח־אייראָפּע, אָבער נאַטירלעך אין מויל פון אַן אַראַביש־רעדנדיקן ייד פון בוכאַרע, פון תימן און פון מאַראָקאָ.

עטלעכע ביישפּילן פון אַזעלכע פאַרגלייכן מיט אָריענטאַלישן טעם: ווי ס׳גלעטן בשמים דאָס לייב פון אַ האַרעם־ווייב; ווי די שפּרייזן פון אַ קעמל איבער אַ מדבר־פּלאַך; די פּאָזע פון אַן אַלעקסאַנדריער צוימען־שפּרינגערין; אַ בלינד אייזל האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונדז; די חניפה און גבורה פון א בעדויִנער, וואָס קען געוועלטיקן איבער אַ גאַנצן שבט; שכל פון אַן אַרמענער און חשק פון אַ טערק.

ביאַליקס שפּראַכלעכע גאונות אין זיינע „שירי עם" קומט צום אויסדרוק דע־רין, וואָס זיינע העברעיִשע פאָלקסלידער האָבן ערגעצווו דעם פאַרהוילענעם טאָן און ריטעם פון מאַמע־לשון. לייענענדיק ביאַליקס „שירי עם" איז מען איבער־צייגט, אַז די וואָלינער יוגנט האָט גערעדט נישט יידיש, נאָר טאַקע העברעיִש, און אַז דאָס פאָלקסטימלעכע, ווייכע און האַרציקע לשון פון זיינע „שירי עם" האָט ביאַליק אויפגעקליבן פון מויל פון זשיטאָמיר׳ער מיידלעך און בחורים.

דאָס איז אַזאַ אויפטו, וואָס האָט באמת נישט צו זיך קיין גלייכן. געבן דעם בלויז גערעדטן לשון פון אַ פאָלק דעם גלאַנץ פון אַ ראַפינירטער ליטעראַטור־שפּראַך, דאָס האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק געטאָן פּעטראַרקאַ און דאַנטע. אָבער געבן דער נישט־גערעדטער שפּראַך, דער בלויזער שריפט־שפּראַך, דעם כוח פון אַ לעבעדיקער פאָלקסטימלעכקייט — דאָס האָט באַוויזן ביאַליק אין זיינע „שירי עם".

אין דעם דור נאָך ביאַליקן האָט אין פּרט פון העברעיִשן געזאַנג אויף יידיש, דער פּאָעט שמשון מעלצער צו פאַרצייכענען אַ וויכטיקע דערגרייכונג אין זיין „ספר השירות והבלדות".

שמואל איזבאַנס אויפטו אין זיינע דערציילונגען וועגן מענטשן פון נישט־יידיש ר׳עדנדיקע שבטים איז, וואָס אים איז געלונגען מיט זיין באַשרייבערישער שפּראַך, און דערעיקרשט מיט די געוויִרצטע דיאַלאָגן פון זיינע געשטאַלטן, אונדז כמעט צו מאַכן גלויבן, אַז די העלדן פון זיינע מעשות האָבן נישט אַנדערש, נאָר גערעדט יידיש. און דאָס, וואָס דער יידיש זייערער איז דורכגעפלאָכטן מיט אָריענטאַלישע בילדער און גלייכווערטלעך און האָט אַן אָריענטאַלישן טעם — דאָס פאַרשטאַרקט נאָך אונדזער גלויבן און מאַכט נאָך גרעסער איזבאַנס אויפטו.

איך האָב זיך באַוואָרנט מיטן ווערטל „כמעט", וואָס שייך דאָס יידיש־לשון

פון איזבאַנס אָריענטאַלישע יידן, וואָרעם אַט קומט די מאַראָקאַנערין יוכבד פאַר־קלאָגן דעם צפתער טעפּיך־הענדלער סעיד פּאַרווילי צום מאַראָקאַנער חכם ר׳ עמנואל און בעט אים ער זאָל באַשטעלן דאָס בית־דין אויפן מזלדיקן דינסטיק, „ס׳איז דעמאָלט דער יאָרצייט נאָך מיין גאָטזעליקן מאַן״. און דאָס וואָרט „גאָטזעליק״ צעשטערט די אילוזיע פון דעם יידיש אין מויל פון דער מאַראָקאַנערין. „גאָטזעליק״ האָט געקאָנט זאָגן אַ פאַרשנעבלטע יידענע אין אַ גאַליציש שטעטל, אָבער נישט אַ מאַראָקאַנער סאַרווערין אין צפת. און עס איז אַ שאָד, וואָס איזבאַן לייגט דער מאַראָקאַנערין אַריין אַזאַ וואָרט אין מויל אַריין, ווייל עס צעשטערט די סטיליסטיש אויסגעהאַלטענע עלעגיע, מיט וועלכער יוכבד די סאַרווערין באַגרינדעט פאַר וואָס זי באַשטעלט דאָס בית־דין אויפן טאָג פון מאַנס יאָרצייט. „אַן אָרעמע אַלמנה — זאָגט יוכבד — קען נישט געפינען קיין באַשי־צער צווישן לעבעדיקע... און כ׳וויל, אַז זיין פרומע נשמה זאָל זיין אַ צד און אַ הילף צו מיינע טענות״.

אין דעם קנאַפּן צענדליק דערציילונגען, וואָס איזבאַן האָט אויפגעזאַמלט אין זיין „צווישן הונדערט טויערן״, ווערט געגעבן אויך אַ מין סאָציאַלע סטראַטי־פיקאַציע פון די אָריענטאַלישע שבטים אין ארץ־ישראל. עובדיה, דער פּערסישער ייד, איז אַ דינער, אַ נאַכטוועכטער; די ספרדישע משפחה סאַפּורטא — פּרוכעט־הענדלערס; דער קאַראַימער נחמיה — אַ קוישן־פלעכטער; די מאַראָקאַנערין יוכבד — אַ סאַרווערין און איר שוועסטער זאַהאַראַ — אַ פעדער־פליקערין; דאָס שול־געסל אין בוכאַרער קוואַרטאַל איז באַזעצט פון טליתים־נייערס, פּרוכת־שטיקערס און טעפּיך־וועבערס.

די שבטים זענען נישט בלויז באַזונדער׳קייטן פון געירשנטע מנהגים און פּירעכצער, נאָר יעדער שבט איז צום גרויסן טייל אויך אַ סאָציאַלע גרופּע. איך געדענק די דאָזיקע גרופּירונג פון פעלקערשאַפטן אויך לויט זייערע פּרנסות פון מיין געוועזענעם היימלאַנד אין רומעניע, ווו אַ גרעק איז געווען אַ פּרוכטהענד־לער, אַן אַרמענער אַ טעפּיך־סוחר, אַ בולגאַר — אַ גרינצייג־צושטעלער און אַן איטאַליענער איז געווען אויב נישט קיין פריזירער, איז אַן אַרבעטער ביי הייזער־בוי.

עס געלינגט איזבאַנען איבערצוגעבן אונדז אין זיינע געמעלן דעם באַזונדערן אַראָמאַט פון דעם שטייגער־לעבן ביי יעדן שבט און אונדז צו סוגעסטירן די פאַרדראָסן און היפּשע ביטול־באַציונג, וואָס איין שבט האָט צום אַנדערן. אַלע אין איינעם האָבן זיי איין גרויסע שנאה צו די מאָסקאָבן (רוסישע יידן), וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן אַהער „די ציונים און ברענגען אומגליק אויף אונדז״. און איבער די רוסישע יידן אַריבער צו די אשכנזים, וואָס זייערע ראשי תיבות מאַכן, על פּי דעם פּרוכטהענדלער סימן־טוב סאַפּורטאַ, „אנשים, שקרנים, כזבנים, נשיהם זונות, ילדיהם ממזרים״. און צווישן די שפּאַניאָלער גופא איז אויך פאַראַן אַ הילוק אין יחוס. דער יחוס פון די גולי ספרד, פון די אייניקלעך פון דאָן יצחק

אברבנאל, איז העכער פון די סירישע ספרדים, און די שפּאַניאָלער פון שפּאַניע קוקן אַראָפּ צו די שפּאַניאָלער פון סיריע.

די קולטור־היסטאָרישע מאָמענטן וועגן די באַציִונגען צווישן די שבטים זענען אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין די געשטאַלטן און אין דעם סיפור המעשה. די קולטור־היסטאָריע סטאַרטשעט נישט אַרויס. די אַטמאָספער און די געשטאַלטן באַקומען צו פאַרב דורך דער קולטור־היסטאָרישער אינפאָרמאַציע, אָבער זיי ליידן דערפון גאָרנישט אין זייער קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע.

און עס זענען וווּנדערלעך אָפּגעמאָלן די פיזיאָגנאָמיעס פון די שבטים־פאַרמזרעטער און דער קאָנטראַסט ווערט בולטער דורך דער דראַמאַטישער באַגעגעניש צווישן זיי.

דער מאַראָקאַנער חכם עמנואל „טונקל ווי אַ מאַראָקאַנער מדבר־רייטער" גייט זוכן דעם שפּאַניאָלישן חכם יצחק שאלתיאל, כדי אים מצרף צו זיין צום בית־דין זייַנעם, ווייל דער טעפּיך־הענדלער סעיד פּאַרווילי וויל זיך נישט לאָדן פאַר אַ מאַראָקאַנישן רב.

באַגעגענען זיך דיביידע רבנים אויף דער גאַס. איז אַט ווי איזבאַן מאָלט זיי אָפּ —

„דער שפּאַניאָלער חכם האָט געשטעלט ברייטע, זיכערע טריט. אַ שטאָלצער, דעם קאָפּ געהויבן. קיין פּגם אויפן בגד, קיין קנייטש אויפן פּעטן, אויסגעגלעטן פּנים און קיין איין גרויע האָר אין דער קאָנטיקער אַשורישער באָרד. פאַר אים האָט געשפּרייזט זיין שמש אין זיידענעם כאַלאַט, באַנייט מיט גאָלדענע און זילבערנע טאַשמעס. אויפן קאָפּ — אַ פעסקע מיט אַ טראָלד און ביי די לענדן אַ שווערד".

„און אַנטקעגן, אַ געבויגענער, אין זיין אָרעמען, צעקנאָדערטן בגד, האָט געשפּאַנט דער מאַראָקאַנער חכם, מיט דראָבנע טריט. זיין שמש נישט פאַרויס ווי אַן אָנזאָגער, נאָר נעבן אים, ווי אַ גלייכער באַגלייטער".

נישט צוויי רבנים באַגעגענען זיך דאָ, נאָר צוויי באַזונדערע שטיקער יידישע קולטור־געשיכטע.

שמואל איזבאַן איז אַ תלמיד פון יוסף אָפּאַטאָשו אין דעם אופן פון שילדערן און געשטאַלטיקן מענטשן. ער איז נישט אַריינגעטאָן צו פיל אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע מענטשן. ער באַמיט זיך אַרויסצואַרבעטן זיינע געשטאַלטן דורכן סיפור המעשה און דאָרט ווו דאָס געלינגט אים, איז נישט נאָר דער נאַראַטיוו אַ פאַרכאַפּנדיקער, נאָר די געשטאַלט דרינגט אַריין אין געמיט פונעם לייענער אויף נישט פאַרגעסן צו ווערן.

דאָס האָט זיך איזבאַנען, ווי מיר דאַכט, באַזונדערס איינגעגעבן אין דער דערציילונג „הינטער מויערן", ווו עס באַגעגענען זיך דריי תימנער יידן. שבח, אַ הענדלער מיט קאָקאָס־ניס און מיט געבראָטענע קאַשטאַנעס, וויל זיך מחמת די

נגישות פון דעם ישמעאלי האסאן בעק אַרויסציען פונעם פּאַשאַ־געסל און צוריק־גיין אין דער תימנער שכונה. ער נייטיקט זיך דערצו אין געלט. גייט ער צו זיין קרוב, דעם רייכן און קאַרגן יפתן נאָך אַ גמילות חסד, ביים רייכן יפת וווינט זיין שווער, דער למדן ר׳ סעדיה.

יפת (ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן געפּרעסטן בגד ווי אַן אשכנזי), האָט קודם געעצהט שבחן צו פאַרבלייבן אין דער מוסולמענישער גאַס, און וואָס שייך גמילות חסד, האָט יפת געהאַפּט, אַז זיין אַלטער שווער וועט אים ביישטיין און אים העלפן נישט געבן די הלוואה.

זיי זענען אַריין צו ר׳ סעדיהן. דער אַלטער האָט אויך געעצהט צו פאַרבלייבן אין דער מוסולמענישער גאַס, און דער קאַרגער יפת האָט זיך דערפילט געשטאַרקט.

אָבער באַלד קומען פון זקנס מויל אַנדערע רייד —

„און וואָס דו זאָגסט וועגן אַ הלוואה, קומט עס דיר, שבח. בכבוד! בכבוד! דער עולם השקר שטייט נאָך אַלץ אויף דריי זיילן, תורה, עבודה און גמילות הסדים. און ער, יפת, האָט דיך וועגן דעם נישט געדאַרפט פירן צו מיר. ביי אים זענען די שפּאַר־טעפּלעך. אָבער אויב ער וועט אָפּווייכן פון דעם מנהג פון אונ־דזערע משפּחות צו העלפן אַ קרוב, אַ יורד, וועל איך אים אָנשרייען אויך! וועל איך אים זאָגן תוכחה!... דו וועסט שבחן געבן וויפל ער דאַרף, און דאָס תיכף און במזומנים.

יפת איז צעטומלט געוואָרן — און וואָס פאַראַ משכון קען שבח געבן?

— קיינע משכנות! ביי שבחן ווילסטו נעמען אַ משכון? דעם חנוכה־לייכטער? אָדער קידוש־בעכער? דאָס טאָר מען נישט על פּי דת ישראל״.

די סצענע צווישן די דריי תימנער ברענגט בולט אַרויס די געשטאַלטן. די סצענע איז לעבעדיק און פאַרמאָגט סיטואַציע־הומאָר.

און ווי די סצענע זענען פאַראַן אַ סך אַנדערע אַזעלכע געראָטענע בילדער אין בוך, און אַלע אין איינעם באַהעפטן זיי זיך צו אַ שיינער און אינטערעסאַנטער פרעסקע פון אָריענטאַליש־יידישן שטייגער אין דעם מאַנדאַטאָרישן ארץ־ישראל.

ב

איזבל און איתמר בן־צוער

עס געהערט צו דער נישט־געהויבענער מערכה פון אונדזער יידישן ביכער־מאַרק וואָס שמואל איזבאַנס ראָמאַן וועגן דער קעניגין איזבל, וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „טאָג״. איז אין בוכפאָרעם קודם אַרויס אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג און ערשט אַ יאָר שפּעטער איז דערשינען דער יידישער אָריגינאַל.

און דאָס איז צו באַדויערן, ווייל דער וואָס האָט איזבאַנס ראָמאַן געלייענט נאָר אויף העברעיִש האָט אָנגעוווירן אפשר די וויכטיקסטע מעלה פון איזבאַנס ראָמאַן — זיין רייכע, פאַרביקע און עלאָקווענטע יידישע שפּראַך. דער איבער־זעצער האָט די עשירות און די עלאָקווענץ פון איזבאַנס לשון היפש פאַר־טאַכלעוועט דערמיט וואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטן ביים ביבלישן נוסח און האָט געפּרוּווט איבערדערציילן דעם ראָמאַן וועגן דעם לעבן אין מלכות ישראל פון מיט אַן ערך דריי טויזנט יאָר צוריק אין אַ געמישטן סטיל ווו ס'בלאָנדזשען אַרום אידיאָמען פון פאַרשידענע שפּעטערע צייטן און ווייען אַן אַן אַטמאָספער פון אַנאַכראָניזם.

עס איז ממש צו באַוווּנדערן וואָס גראָד אויף יידיש איז איזבאַנען מיט ווייניק אויסנאַמען געלונגען צו דערציילן אונדז דעם סיפור המעשה אין אַ שפּראַך, וואָס אָטעמט ביבליש אין אירע באַשרייבונגען פון געשטאַלטן און דער־עיקרשט אין דעם פּאַטאָס פון אירע דיאַלאָגן.

ווי מוסטערן פון איזבאַנס אַזעלכע געראָטענע באַשרייבונגען פון מענטשן אין ביבלישן נוסח האָב איך ביי מיר פאַרצייכנט די געשטאַלט פון איזבלס קנעכט דואג געזען דורכן שאַרפן בליק פון דער קעניגין.

„זי (איזבל) האָט געקוקט אויף אים (דואגן) מיט אירע גרין־גרויע אויגן. ער איז געווען הויך און אויסגעדאַרט, מיט די בליקן פון אַ פוקס און מיט נעגל פון אַ לעמפּערט. זיין געשטאַלט איז געווען צו שטאָלץ פאַר אַ קנעכט, אָבער זיינע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט ווי ביי אַ בעטלער. זיינע נאָזלעכער זענען געווען ווי ביי אַ שפּירהונט און די אויגן ווי פיילן. ער איז קליגער פון אַ כהן און וואַכזאַמער פון אַ טורעם־אויפזעער".

און אָט איז נבות, דער מאַן, וואָס די קעניגין האָט אים געלאָזט פאַרמשפּטן צום טויט און האָט צוגענומען זיין ווייגאָרטן.

„נבות איז געווען ברייט און וווקס. אין זיינע אָרעמס איז געווען די קראַפט פון די וואָרצלען אונטער ביימער. די העלע באָרד האָט געררוט אויף דעם לייב־גאַרטל. אין די אויגן איז אַרומגעשוווּמען אַ פאַרוואָלקנטע גרינקייט אַזוי ווי אין די וואַסערן פון כנרת אין חודש חשון".

און וואָס שייך דיאַלאָגן איז, מיר דאַכט, צווישן אַ שפּאַר ביסל גוטע דיאַלאָגן, דער שטאַרקסטער דער איבערשמועס פון דער קעניגין איזבל מיטן ארמיי־פירער איתמר בן־צוער, וואָס איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ שונא פון דער קעניגין, אָבער איצט איז ער געקומען צו איר קיין יזרעאל אין ווינטער־פּאַלאַץ זי אָפּצו־ראַטעווען פון יהואס אויפשטענדישע חיילות. עס איז איזבאַנען געלונגען אין די רייד פון איזבלן צו איתמרן אַרויסצוברענגען די געשטאַלט פון דער קעניגין לעבעדיקער ווי ווען עס איז פריער אין דעם ראָמאַן, וואָס הייסט אויף איר נאָמען. עס איז אין איזבלס אָפּזאָג זיך צו ראַטעווען פאַראַן אַזאַ זידנדיק געפיל

פון נקמה־דאָרשט און פון פאַראַכטונג צו שוואַכע, אַזאַ געוואַלטיקער כוח פון קללה און דערביי אַזאַ אויסגעוואַקסנקייט פון איר אייגענער אומהיימלעכער גבורה, אַז מיר דערזעען זי איצט ביים סוף, איידער יהואס קנעכט וואַרפן זי אַרויס דורכן פענצטער פאַר די הינט, בולטער און לעבעדיקער ווי אין אַלע פריערע קאַפּיטלען פון דעם ראָמאַן, וואָס זי איז געדאַכט צו זיין זיין צענטראַל־געשטאַלט.

לויט דער כראָניק פון די תנ״ך־ביכער מלכים א׳ און מלכים ב׳ איז די צייט ווען עס האָט געקיניגט אין שומרון, דער קרוינשטאָט פון ישראל, דער קיניג אחאב און דערנאָך זיינע צוויי זין אחזיהו און יהורם געווען אַ צייט פון אַ פאַרשאַרפטן רעליגיעזן קאַמף צווישן דער בעל־אָפּגעטעריי און יאהווע, דעם גאָט פון ישראל און פון יהודה.

דער קולט פון בעל האָט געפונען פאַרשטאַרקונג אין דער פעניצישער פּרינצעסין איזבל, וואָס אחאב האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב און זי איז געוואָרן די קעניגין פון ישראל. די קעניגין פון ישראל מיט דער ה׳ ידיעה, ווייל איזבל פון פעניציע האָט געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און איז נישט בלויז געווען דעם קעניגס ווייב, נאָר די פאַקטישע הערשערין איבער ישראל. אָבער פון דעסטוועגן איז די היסטאָריע מודה, אַז דער קיניג אחאב האָט זיך נישט אין גאַנצן אונטערגעגעבן צו דער ממשלה פון זיין פעניצישער פרוי. זי, איזבל, האָט ביד רמה געפירט דעם קולט פון בעל און ער, אחאב, האָט געהאַט קאָנטאַקט מיט אליהון, דעם קנאותדיקן נביא פון יאהווע, און זיך מיט אים געהאַלטן עצות. אחאב האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון יאהוויזם. ער האָט אפילו זיינע זין, די קרוינפּרינצן געגעבן יאהוויסטישע נעמען: אחזיהו און יהורם.

און אחאב איז געווען, וואָס שייך אויסלאַנד און קריגס־פּאָליטיק, איינער פון די גרויסע מלכים אין ישראל. ער האָט אויסגעברייטערט און באַפעסטיקט דאָס לאַנד קעגן אדום, קעגן אַרם און אויך קעגן דער מעכטיקער אשור. ער איז געווען אַ געניטער און קלוגער קריגס־פירער, הגם אין דער אינלענדישער פּאָליטיק האָט ער אָפט פאַרבויגן זיין ווילן קעגן דעם ווילן פון דער כאַראַקטער־פעסטער, מאַכט־דאָרשטיקער און אכזריותדיקער קעניגין.

איך דערצייל דאָס אַקעגן דעם, וואָס הגם איזבאַנס ראָמאַן הייסט איזבל, און דערמיט וויל געזאָגט ווערן, אַז זי, די פעניצישע פּרינצעסין, וואָס איז געוואָרן די קיניגין פון ישראל, איז די צענטראַלע געשטאַלט פון דעם סיפור המעשה, קומט דער קיניג אחאב אַרויס אַ שפּאַר ביסל לעבעדיקער ווי איזבל און ער איז אויך מער צענטראַלע פיגור אין איזבאַנס ראָמאַן.

אַחוץ אין איינעם אַ דיאַלאָג מיט אחאבן, ווען איזבל טענהט זיך אויס מיטן קיניג וועגן די קריוודעס פון זייער טאָכטער עתליה צום הויף אין יהודה, ווו זי איז די פרוי פונעם קרוינפּרינץ יורם, און אַחוץ אין דעם שוין דערמאָנטן סוף

איבערשמועס מיטן קריגסהאַר איתמר בן צוער, פילט מען נישט אין דער מאָס די לעבעדיקייט פון איזבלס געשטאַלט, און ממילא אויך נישט איר צענטראַלקייט.

עס פעלט איזבלן צענטראַלקייט אויך דערפאַר, וואָס איר געשטאַלט איז צו ווייניק, וואָלט איך געזאָגט, פּסיכאָלאָגיזירט. איזבל איז איבער דער לענג פון איזבאַנס ראָמאַן זייער אַקטיוו און זייער אכזריותדיק אַקטיוו, אָבער נישט אַלע מאָל ווייזט אונדז דער ראָמאַניסט די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון אירע אַזוינע און אַזעלכע מעשים. און אַן דעם פּסיכאָלאָגישן פּאַרוואָס חלשט אַ ליטעראַרישע געשטאַלט אָפּט אַוועק אין סאַמע מיט פון איר דינאַמישקייט. זי חלשט און ווערט אַן די לעבעדיקע מראה ביים סאַמע פולן געזונט.

ערגעצווו האָט שמואל איזבאַן, ווייזט אויס, געפילט, אַז כדי צו קענען אָנ־האַלטן איזבלס לעבעדיקייט, נייטיקט ער זיך אין אַ געשטאַלט, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער קעניגין און אַזוי אַרום אַרויסהעלפן אים, דעם ראָמאַניסט, אין דער פּסיכאָלאָגישער באַגרינדונג פון איזבלס מעשים. האָט איזבאַן באַשאַפן פון זיין דמיון אַזאַ מין צווייטע צענטראַלע געשטאַלט. זי הייסט איתמר בן צוער. איתמר איז אַ געוועזענער אַרמיי־קאָמענדאַנט פון קיניג אחאבס פאָטער עמרי, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן פון הויף און האָט זיך אומגעקערט צו זיין הויז און צו זיין פעלד אויף דעם פלאַכלאַנד לעבן תרצה.

פאַר וואָס האָט זיך דער קריגסמאַן צוריקגעצויגן פון קיניגלעכן הויף? ווייל — דערציילט אונדז איזבאַן — „די הויפהאַרן האָבן ווידערשפעניקט אין גאָט און די אונטערטעניקע האָבן זיך געבוקט צום בעל און געבראַכט קרבנות צו עשתורת, אַזוי ווי עס האָט געהייסן דעם מלכס ווייב איזבל, די טאָכטער פון אתבעל, דער הערשער איבער די צידונים".

אָט דעם איתמר, וואָס האָט צען יאָר געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט אין זיין הויז לעבן תרצה, שטעלט איזבאַן אַנטקעגן דער קעניגין. צוויי ווידערשפּע־ניקע קאָמערדינער פון אחאבס הויף קומען צום אויסגעדינטן קריגסמאַן און בעטן אים ער זאָל זיך שטעלן בראש פון אַ מיליטערישן קאָמפּלאָט אומצוברענ־גען איזבלן און אויסצוררייניקן דעם קעניגלעכן הויף פון זינד.

נאָך אַ ישוב־הדעת נעמט איתמר בן צוער אָן דעם אָנבאָט און ער לאָזט זיך מיט די קאָמערדינער אויפן וועג צו דער רעבעלן־גרופּע אין שומרון. די בילדער, וואָס איזבאַן מאָלט פון איתמרס שכנים, דער עיקרשט פון אַזאַ שכן ווי דער פאַרביטערטער גרוב־באַוווינער עלי פון אשקלון און דערנאָך די סצע־נעס אין די הייזער פון רייכע שומרונער סוחרים און אין דער קרוינשטאָט, געהערן בלי ספק צו די געראָטענע אין בוך. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אָט די בילדער זענען דערפאַר געראָטן, ווייל דאָ לאָזט זיך איזבאַן פירן בלויז פון זיין פרייער פאַנטאַזיע און איז נישט געפּענטעט פון קיין שום היסטאָרישע פאַקטן.

אָבער דאָס נאָר דרך אגב. איתמר בן צוער דרינגט סוף־כל־סוף, דורך אַ

טריק, אַריין אין פּאַלאַץ און — ווערט פון דאָס ניי אַ קריגסהאַר אין הויף פון מלך אחאב. ער ווערט דער זיגערישער אַרמיי־קאָמאַנדיר אין דער מלחמה קעגן ארם. דער פּלאַן פון אויפשטאַנד ווערט ערגעץ פאַרשוווּנדן און פאַרגעסן און — מיר ווייסן נישט ווער ס׳האָט אין דעם אויפשטאַנד פאַרגעסן: איתמר בן צוער, אַדער זיין ליטעראַרישער באַשאַפער שמואל איזבאַן.

אויך ער, איתמר בן צוער, האַלט זיך נישט אַלע מאָל אין דער אַטמאָספער פון לעבעדיקייט, ווייל אויך ביי אים פעלן אָפט די פסיכאָלאָגישע פאַרוואָסן פאַר זיינע מעשים. און ווייל איתמר איז נישט אַלע מאָל פּסיכאָלאָגיש קיין געזעצ־לעכע געשטאַלט, קאָן ער אויך זיין צד שכנגד נישט אַרויסהעלפן מיט געזעצ־לעכקייט. בלויז דעמאָלט, ווען עס גייט אויף אין איתמרן די פאַר אַ גענעראַל פאַרשטענדלעכע געטריישאַפט צו קעניגלעכקייט, אפילו ווען די קעניגין איז די פאַרהאַסטע איזבל — בלויז דעמאָלט ווערט דורך אים די געשטאַלט פון איזבל ליטעראַריש געהאָלפן.

לעבעדיק און היפש גראַנדיעז איז די געשטאַלט פון איתמרן אויך דעמאָלט, ווען ער טראָגט זיך פון ווינקל צו ווינקל און פון פראָנט צו פראָנט אין דער שלאַכט ביי אפק און אויך אין דער שלאַכט ביי רמות גלעד, ווו דער קיניג אחאב ווערט שטאַרביק פאַרוווּנדעט.

אַז מיר האַלטן שוין ביי די שלאַכטן פון אפק און רמות גלעד, ווייל איך אונטערשטרייכן, אַז איזבאַן פאַרמאָגט קינסטלערישע קראַפט ביים מאָלן מאַסן־סצענעס. אַחוץ די שוין פריער דערמאָנטע מאַרק־בילדער אין שומרון ביים אָנהייב פונעם ראָמאַן און אַחוץ די שלאַכט־סצענעס ביי אפק און רמות גלעד, איז איזבאַנען אויך געלונגען צו געשטאַלטיקן דאָס געריכט און די ריכטער, וואָס האָבן אין יזרעאל זיך געזעצט משפטן נבותן לויט דעם באַפעל פון דער קעניגין, און דערנאָך דעם שוידערלעכן ספּעקטאַקל פון נבותס פאַרשטייניקונג. עס לעבן אין דער מאַסן־סצענע אַזעלכע פאַרשוינען ווי דער שופט עוזיהו און דער כהן, הגם זיי זענען מאָראַליש בלויז שאָטן און די צווישנרופער און פּראָטעסטירער אפרת, דער ווייך־סוחר און עזרא, דער וואָלשערער, הגם זיי זענען מאָראַליש כמעט בלויז ליכט.

און נאָך איין, ווי מיר דאַכט, געלונגענע מאַסן־סצענע ווייל איך דאָ דערמאָנען. עס איז אַ גראָטעסקע סצענע, וואָס גייט אַרויס פונעם גדר פון איזבאַנס מאַסן־בילדער אין דעם איזבל־ראָמאַן, וואָס זייער טאָן און זייער אַספּעקט זענען דורכויס פּאַטעטישע. איך האָב אין זינען די גראָטעסקע סצענע אויפן מאַרק פון דער שטאָט חפרים, ווו נעמה, אַ האַלב־דולע פון שרעק, אַז דער נייער קיניג יהוא וועט באַלד אומברענגען איר געליבטן איתמר, פּרווּוט מאָביליזירן די הענדלער פון גרינס, די שפּינערס און די גאַרבערס, זיי זאָלן מיט איר גיין קיין דותן באַפרייען דעם געפאַנגענעם הויפטמאַן איתמר בן צוער. און אַז די ווייבער

פון חפרים האָבן דערזען, אַז אַ „מכשפה" האָט אַוועקגעפּירט זייערע מאַנסלייט, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר „מיט קללות אויף די ליפּן און אין די הענט טעפּ און פייער־שופלעס צו שלאָגן די פרעמדע פאַרפירערין".

עס איז אַ קורצע סצענע, וואָס ווערט אָפּגעמאָלן אין עטלעכע געציילטע פּאַראַגראַפן, אָבער דער מאַסן־פּסיכאָז איז אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט, אַז דורך איר ווערט דאָס גאַנצע בילד מיט די צעטומלטע מענטשן און מיט די גראָטעסקע באַוועגונגען עכט און אויטענטיש. די אויף איין מינוט תאווה, וואָס די שיינע, אויסגעפּוצטע נעמה („אירע ליפּן גליִען ווי קוילן און אירע שענקלען וויגן זיך ווי סטרונעס פון אַ ציטערדיקער האַרפע") האָט אָנגעצונדן אין די גרינס־הענדלער און אין די פישערלייט, באַרעכטיקט פאַר אונדז ווי עפּעס אויף אַ ניסימדיקן אופן (אַ ליטעראַרישע געשטאַלטיקונג הערט קיין איין מינוט נישט אויף צו זיין נס) אַלץ, וואָס ס'געשעט אונטערן רושם פון נעמהס רייד און „סעקס־אַפּיל" אויפן מאַרק און אין די טרינק־שטובן פון דער שטאָט חפרים.

וואָס שייך אָבער איתמר בן צוער, וואָס איז פון איזבאַנען געדאַכט ווי דער צווייטער צענטראַל־העלד פונעם ראָמאַן, ווערן זיינע באַוועגונגען, זשעסטן און מעשים מחוץ פון די מאַסן־סצענעס פאַר אונדז נישט אַלע מאָל פּסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט. מיר ווייסן אויך נישט פאַר וואָס ער, איתמר בן צוער, געפינט באַ־זונדערן חן אין די אויגן פון די לוסטפּרויען תורתונא און נעמה. מיר הערן, וואָס תּורתונא און נעמה זאָגן וועגן איתמרן, אָבער דאָס איז (אַזוי האָט נאָך געלערנט דער אַלטער רוימישער שרייבער קיקעראָ), צו ווייניק פאַר ליטעראַרישע גע־שטאַלטן. אַחוץ וואָס זיי זאָגן, די ליטעראַרישע געשטאַלטן, מוז מען נאָך קענען זען, וואָס זיי טראַכטן און דער עיקרשט פאַר וואָס זיי טראַכטן אַזוי.

דאָרט, ווו איזבאַן דערגרייכט אַלע דריי קריטעריעס, און ער דערגרייכט זיי אין אַ טייל פון זיינע בילדערישע און עלאָקווענטע דיאַלאָגן און אין די מאַסן־סצענעס — דאָרט איז ער אַ גוטער ליטעראַרישער געשטאַלטער; דאָרט איז ער אַן עכטער קינסטלער.

*

איך וואָלט דאָ געקאָנט אָפּשליסן מיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן די צוויי הויפּט־געשטאַלטן אין איזבאַנס ראָמאַן, אָבער איך האַלט, אַז ס'וועט זיין יושרדיק אָנצוווייזן, אַז דער ראָמאַניסט האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שטאָף, וואָס אין תוך קאָן ער סטאַיען נישט אויף איינעם, נאָר אויף עטלעכע ראָמאַנען, און מען מוז ממש באַוואונדערן ווי אַזוי איזבאַן האָט אויף די אַן ערך אַכט הונדערט זייטן פון זיין יידישן סיפור (אויף העברעיִש זענען עס בלויז קנאַפּע פינף הונדערט) געקאָנט שאַפן אַ בנין פון אַ סיפור המעשה מיט אַ סך פּלאַנירטער אָרדענונג און מיט כמעט נישט קיין ענגשאַפט אין רוים צווישן די צענדליקער געשטאַלטן.

יאָסל בירשטיין

יאָסל בירשטיין, דער 38יאָריקער פּאָסטעך פון קיבוץ גבת, האָט זיך מיט זיין ערשטלינג־ווערק וועגן קיבוץ־לעבן („אויף שמאָלע טראָטוארן", תל־אביב, 1958) אַוועקגעשטעלט אויף דער מאַפּע פון יידיש־ליטעראַטור — פעסט און מיט ביידע פיס. עס רופט אַרויס אינטערעס נישט בלויז דער ראָמאַן, נאָר אויך די פּערזענלעכקייט פון דעם שרייבער, וואָס שטייט הינטער אים. מען לייענט איבער די דריי הונדערט זייטן פון יאָסל בירשטיינס סיפּור המעשה און מען האָט דאָס זיכערע געפיל, אַז צו דער גרופּע יידישע פּראָזע־שרייבער אין ישראל איז צוגעקומען אַ נאָמען מיט אַ סאָלידער קינסטלערישער דערגרייכונג און מיט אַן אָנזאָג אויף נאָך מער.

יאָסל בירשטיין איז נאָך נישט אין גאַנצן אויסגעטאָן פון פרעמדער שרייבערישער השפעה. דער עיקר איז קענטיק דער איינפלוס פון בערגעלסאָנען אין פּרט פון פּסיכאָלאָגישער גריבלעניש און פון שפּראַך־נוסח.

וואָס שייך פּסיכאָלאָגישער גריבלעניש, האָט בירשטיין, ווי בערגעלסאָן, האָלד אַריינצושלעפּן אַ געשטאַלט אין אַ מין ווינקל פון סטאַטישקייט, אַזוי, אַז זי זאָל זיך דרויסנדיק נישט קאָנען באַוועגן און אין אָט דעם צושטאַנד פון צוגענאָגלטקייט נעמען אַריינגיין פּרט נאָך פּרט אין די טראַכטענישן פון זיין העלד און אים אַרויסצוציען, אַזוי צו זאָגן, די געדאַנקלעכע עצמות.

אַזוי טוט יאָסל בירשטיין מיט זיינע העלדן דניאל און לאָטי. ווען ער, דניאל, ליגט אַ פיזיש פּאַרקריפּלטער שפּעט אין דער נאַכט אין זיין צימער און עס קומט אַריין לאָטי, זיין אָפּגעפרעמדטע פרוי. בירשטיין נעמט זיך דעמאָלט גריבלען אין זייערע פּאַרבאָרגענע, סתירהדיקע טראַכטענישן און זוכט, עלעהיי דער מייסטער בערגעלסאָן אין זיין ראָמאַן „אָפּגאַנג", אַרויסצוציִען פון דאָרט און אונדז צו באַווייזן דעם פּסיכאָלאָגישן שם המפורש פון די געשטאַלטן.

דאָס זעלבע געשעט ווען בירשטיין פירט צונויף אויפן אַקער־פעלד ביינאַכט זאבן מיט זיין אָפּגעפרעמדטן זון אורי. און דעמאָלט און דאָרט נעמט אַרבעטן די פּסיכאָלאָגישע גראָב־מאַשין, וואָס זוכט די טיפענישׂ, אָבער בלייבט סוף כל סוף שטעקן אין אַ געקנויל פון פּרטים ערב דער טיפעניש.

בערגעלסאָן קאָן זיך דערלויבן די פּרטימדיקייט, ווייל ער שפּרייט איבער איר אַן איינהיל פון עלעגיע. ביי בערגעלסאָנען קומט מען גאָר נישט דערצו געלאַנגווייליקט צו ווערן פון די פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן, וואָס אויך ער גרייכט נישט מיט זיי צו די טיפענישן, ווייל מען ווערט פּאַרכאַפּט און ממש געפאַנגען פון דעם אומפאַרגלייכלעכן עלעגישן קאַדאַנס פון בערגעלסאָנס שפּראַך און פון דעם נאָגנדיקן טרויער אין געמיט פון זיינע געשטאַלטן.

בירשטיין איז אָן אַן ערד וויניקער ליריש ווי בערגעלסאָן. ער איז בדרך

כלל אַ ניכטערער דערציילער און זיינע פּסיכאָלאָגישע פּרטים פּאַרלירן נישט ווי ביי בערגעלסאָנען זייער אַנאַליטישע צודרינגלעכקייט דורכן געזאַנג פון דער שפּראַך.

און וואָס איז נוגע בערגעלסאָנס השפּעה אויף בירשטיינס סטיל, איז דאָס דער עיקר ניכר דעמאָלט, ווען בירשטיין נעמט רעדן ווי דער בעל־ה„אָפּגאַנג" אין נוסח פון וואָוו המהפך, כ׳מיין, ווען בירשטיין דערציילט ווי בערגעלסאָן אין לשון עתיד וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל ער וויל דערמיט אונטערשטרייכן, אַז דאָס געשעענע האָלט זיך אין איין איבערחזרן און ווערט אַ סטערעאָטיפּ.

ווען בירשטיין גיט אונדז איבער וועגן דעם אופן ווי אַזוי ענינים פונעם קיבוץ ווערן אַרומגערעדט און באַשלאָסן ביי די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען אין חדר האוכל, דערציילט ער על פּי נוסח בערגעלסאָן אַזוי —

„דורך דער צייט, וואָס דודעק וועט רעדן, וועט רות שטריקן אַן אַרבל פון אַ סוועטער. מיט אַ מאָל וועט זי צוזאַמענציען אירע ליפּן, אויסשפּרייטן דעם נאָך נישט פאַרענדיקטן אַרבל אויפן שויס און זיך אַ קראַץ טאָן מיטן שפּיץ פון דער שטריק־נאָדל אין די האָר, ווי זי וואָלט געמאַכט אַ טעות אין שטריקן.

„כ׳וויל פרעגן אַ פּשוטע פראַגע", וועט זי ווידער זאָגן.

„דודעק וועט אַרויסנעמען אַ טיכעלע פון קעשענע און אָפּווישן דעם שווייס פונעם קאַרק.

„און אַהיימגייענדיק פון דער אַסיפה וועלן ילונער רעדן וועגן גלייכהייט".

און אַזוי ווייטער און ווייטער — אין נוסח פון בערגעלסאָנס „וואָוו המהפך".

אָבער עד כאן. גענוג גערעדט וועגן דער דרויסנדיקער בערגעלסאָן־השפּעה, וואָס יאָסל בירשטיין וועט זיך מוזן פון איר באַפרייען.

עס איז אַ מצווה צו רעדן, און וואָס גיכער און וואָס מערער, וועגן יאָסל בירשטיינס גרונטאָוונער בעלעטריסטישער אייגנקייט, וועגן זיין קריטיש־באַלאַנסירטן אידעישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון קיבוץ, וועגן זיין אופן מאָלן מענטשן און באַשאַפן קאָלעקטיווע אַטמאָספער.

ווען כתריאל, איינער פון די שטאָל־אַרבעטער (רפתנים), דערוויסט זיך אין אַ שמועס מיט דניאלן, וואָס איז אַ שטיק „אַלטער עגא" פונעם מחבר, אַז ער שרייבט אַ בוך וועגן קיבוץ, האָט ער געזאָגט צו דניאלן —

„...פאַרשרייבט מיך נישט ווי קיין העלד, נישטאָ מער קיין גיבורים אין קיבוץ, נאָר פּשוטע מענטשן מיט אַלע קריגערייען און שוואַכקייטן..."

און אַז דניאל פרעגט איבער —

„דו האַלטסט נישט פון אידעאַל, כתריאל?" — ענטפערט כתריאל, אַז „אַמאָל, אַמאָל איז געווען אידעאַל און אויך חלום, אָבער איצט געפינט ער זיך אין קיבוץ מחמת געוווינשאַפט, ווייל געוווינשאַפט איז די שטאַרקסטע אידעאָלאָגיע".

אָבער דערנאָך, אַז מען האָט דעם זעלבן כתריאלן געשיקט אין אַ סעמינאַר

און ער האָט זיך דאָרט אַ האַלב יאָר לאַנג פֿאַרנומען אַנשטאָט מיט שווערער האָרעוואַניע אין שטאַל פֿון קיבוץ מיט לײַכטע חקירות וועגן דער אידעע פֿון קיבוץ, האָט כתריאל שוין אַנדערש גערעדט צו דניאלן —

„פֿאַרשטײיסט", האָט ער געזאָגט צו דניאלן, „אַז דו שרײַבסט אַ בוך וועגן קיבוץ, דאַרף מען דאָך וויסן דעם ציל. איז וואָס איז דײַן ציל?"

בירשטײן־דניאלס ציל בײַם שרײַבן דעם ראָמאַן וועגן קיבוץ איז געווען נישט צו נעמען אין אַכט, נישט כתריאלס אַרבעט־ביטערניש און נישט כתריאלס סעמינאַר־אידעאָלאָגיעס, נאָר אָפּצומאָלן אַ קינסטלעריש בילד פֿונעם קיבוץ מיט לעבעדיקע מענטשן, וואָס זענען אי פֿאַרביטערט און אי אידעאַליסטיש, אי צעפּרעסן פֿון קלײנלעכער קנאה־שנאה און אי באַלויכטן פֿון מסירות־נפֿשדיקער דערהויבנקײט.

אויף שמאָלע טראָטואַרן, וואָס פֿירן פֿונעם חדר האוכל צו דער שטוב און פֿון דער שטוב צו דער אַרבעט אין פֿעלד, אין גאָרטן, אין שטאַל און אין קיך באַגעגענען זיך טאָג־אײַן, טאָג־אויס די זעלבע עטלעכע הונדערט מענטשן — אויף אָט דעם שמאָלן שטח, וואָס איז צו־שמאָל, אַז דער מענטש זאָל דאָרט קענען, פֿון דורכגײן איז אָפּגערעדט, זיך אַפֿילו דורכשטופּן יחידיש, ווערט דער אידעאַל פֿון קיבוץ געשטעלט פֿאַר אַ האַרבן נסיון.

און עס איז דער אויפֿטו פֿון יאָסל בירשטײן, וואָס ער האָט אין דעם געדרענג פֿון פּראָבלעמען, וואָס לויפֿן אַרויס און פֿויזן אַרויס פֿון אַלע ווינקלען פֿונעם קיבוץ־לעבן און פֿאַרלאַנגען אַן אָרט אין ראָמאַן, באַוויזן נישט צו שרײַבן אַן אידעיִשן טראַקטאַט, נאָר אַ בוך פֿון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פֿון מענטשן און אידעען.

קודם מענטשן — און פֿון זײ וואַקסן אַרויס די פּראָבלעמען. עס זענען מענטשן אין קיבוץ, און ממילא קאָן קײן רײד נישט זײַן פֿון „סטאַר"־העלדן.

ס'קאָן זיך דאַכטן, אַז דער ליבע־פּלאָנטער צווישן דניאלן און לאָטין און זאבן איז דער צענטער פֿון דעם ראָמאַן. עס איז נישט אַזוי. חסיה, די פֿאַרוואַל־טערין פֿונעם בית־התינוקות און איר מאַן חיים, דער אידעאָלאָג עקיבא און זײַן לינק־אָריענטירטער זון צדוק, דער נײַער עולה זילבערמאַן, זײַן ווײַב מאַשעלע און זײַן זון פּיוול, זאבס אָפּגעפֿרעמדטע פּרוי מנוחה און איר זון אורי, שמעון דער פֿאַסטעך און דודעק מיטן סוחרישן קאָפּ — אַלע זענען זײ געשטאַלטן, וואָס זענען נישט ווײניקער וויכטיק ווי דניאל און זאב אין דעם שפּיל־אַנסאַמבל פֿון דעם ראָמאַן.

די קלײנע מאַשעלע, די פֿרוי פֿון דעם נײַעם עולה זילבערמאַן, פֿאַרנעמט, פֿאַרשטײט זיך, אַ סך ווײניקער צײַט אויף דער בינע, ווי דניאל. זי יאָוועט זיך בלויז זעלטן און האָט ווײניק „פּראָזע" צו זאָגן, אָבער עטלעכע שטריכן זענען גענוג און עס ווערט דורך איר, דער קלײנער מאַשעלע, נישט ווײניקער קלאָר די

פּראָבלעם פון אינדיווידואַליזם, ווי דורך דניאלן, וואָס האָט געהאַט זיין יחידיש־קייט, האָט זיך נישט געקאָנט אויסמישן מיטן עולם און איז געבליבן די גאַנצע צייט אַ מן־הצדיקער.

זי, די קליינע מאַשעלע, אַנטפּלעקט, ווי געזאָגט, אַ נישט וויניקער פיינפולן אַספּעקט פון דעם יחידישן פּראָבלעם. זי, מאַשעלע, האָט געליטן נישט פון איר אייגענער אומיחידישקייט, נאָר פון דעם, וואָס איר בעל־הבית איז נישט קיין יחיד, וואָס זי אַרבעט פאַר אַן אַנאָנים, פאַר עפּעס אַ מאָנסטער מיט אָן אַ שיעור פּנימער, וואָס זי קען אַפילו נישט קיין צענט חלק פון זיי. „די היים פון אַ קיבוץ איז גרויס פאַר איר, פאַר מאַשעלען. זי ווייסט דען פאַר וועמען זי קאָכט און רייניקט ?"

די פּראָבלעם פון אַלט און יונג ווערט זייער טרעפיק אַרויסגעבראַכט אין דער געשפּאַנטקייט צווישן דעם יונגן קדם און די ותיקים פונעם קיבוץ חיים און זאב. קדם איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון דער אַרמיי, וווּ ער איז „געווען אַן אַפּיציר און זיך צוגעוווינט צו געבן באַפעלן". נאָך עטלעכע חדשים צוריק אין קיבוץ האָט עס קדמען גענומען ציען „צו די ליידיק־גייערישע שעהען און צו דער קאַזאַרמע", און אין זיין מחשבה האָבן זיך געקליבן אַ טוץ קללות אויפן חשבון פון זאבן און פון אַלע אַנדערע פּאַסקודניאַקעס — ימח שמם, וואָס „גלייך שפּרינ־גען זיי אַרויס מיט ציוניזם".

אָבער נישט וויניקער טרעפיק און אפשר נאָך עפעקטיווער ווערט געצייכנט דער גייסטיקער ווידעראַנאַנד צווישן די דורות אין דעם איינמאַליקן אויפטריט פון דער סבתא ברכהטשע, וואָס איז אין אַ לאַנגן מאַנטל איבערן נאַכטהעמד אַריין ביי נאַכט אין דער בעקעריי מקיים זיין די מצווה פון נעמען חלה. און אורין, איר איינקל, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די באָבע איז אַ פּרוי פון די אַלטע היידן, ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז „אין דרויסן שטייט אַ גרויסער אָפּגאָט און די באָבע דינט צו אים".

אַחוץ די פריער דערמאָנטע פּראָבלעמען פון יונג קעגן אַלט און פון יחיד קעגן רבים, ווערן אין בירשטיינס ראָמאַן דורכגעוויינטעוועט די פראַגן פון וותיקים ווערסוס נייע עולים, פון גליידך און אומגלייך אין אינטעלעקטועלן זין, פון קין־הבלשער קנאה צווישן איין ווירטשאַפט־צווייג און אַנדערן (ערד־אַרבעטער, זאָגט שמעון, דער פּאַסטעך, קושן נישט קיין פּאַסטעכער).

זאב האָט איבערגענומען פון חיימען די אַנפירערשאַפט פון דעם ערד־אַרבעט־צווייג אין קיבוץ און ער איז געווען זיכער, אַז „חיים איז אים מקנא און אַז באַהאַלטענערהייט האָט חיים מן הסתם געוואָרט, אַז זאב זאָל ערגעץ ווו נכשל ווערן און כאַפּן אַ מפּלה; אַ הייזעריק זאָל באַפאַלן די פעלדער אָדער אַ מגפה פון מייז".

דאָס קאָן זיך אויסדאַכטן ממש פאַרניכטנדיק פאַר דער אידעע פון קיבוץ,

אָבער עס איז נישט, ווייל אין תוך איז דער קיבוץ־אידעאַליזם פאַרבליבן אַ שטענדיקער און געדויערדיקער פלאַם אין כמעט דורכויס אַלע געשטאַלטן פונעם ראָמאַן. דער קאָלעקטיווער גייסט איז ביים גרעסטן טייל פון די וותיקים געוואָרן אַ מין צווייטע נאַטור, וואָס איז גובר די ערשטע.

וויפל ביטערניש פינצטערט אַרויס פון חסיהן, דער פאַרוואַלטערין פון בית התינוקות?! אין דער געשטאַלט פון חסיהן האָט זיך דער קיבוץ־אידעאַל פאַר־וואַנדלט אין אַ שטיק פראָסט לעבן, אָבער וויפל אידעאַליסטישע שיינקייט, וויפל אַחריות פאַר מענטשן און וויפל ליבשאַפט צו זיי לויכט אַרויס פון אָט דעם פראָסטן שטיק לעבן, וואָס הייסט חסיה?!

בירשטיין מאָלט דעם קיבוץ רעאַליסטיש, אָן שום ראָמאַנטישע פליטערלעך און פאַלט דאָ און דאָרט אַפילו אַריין אין נאַטוראַליזם, אָבער די געמעל־קאָמפּאָ־זיציע אין איר גאַנצקייט איז באַהויכט מיטן פייער פון דעם אידעאַל, וואָס האָט זיך נישט אויסגעלאָשן.

בירשטיין איז ביי דער צייכענונג פון געשטאַלטן אַ מאדים דורך עטלעכע דרויסנדיקע שטריכן אָנצווינקען אויף דעם אינעווייניקסטן פּאָרטרעט פון זיינע העלדן און אַ מאָל טאַקע צו געבן כמעט דעם גאַנצן פּאָרטרעט, און עס געלינגט בירשטייגען אָפט צו מאָלן מענטשן אין דער אַטמאָספער פון די שעהען אין מעת לעת. פון די אַ סך גוטע בילדער אין דעם זינען הייב איך אַרויס דאָס בילד, וואָס מאָלט דעם גאַנג פון די קיבוצניקעס אין די פרימאָרגנס פאַר דער אַרבעט צום חדר האוכל, און נאָך מער דאָס זייער געראָטענע בילד פון די כלערליי מינים קיבוצניקעס, וואָס טרעפן זיך אין חדר האוכל שפּעט ביינאַכט, און חסיה גרייט פאַר זיי אַ הצותדיקן איבערבייס.

דאָס דאָזיקע בילד, מיט וועלכן עס עפנט זיך דאָס בוך, איז ווי אַ מוזיקאַ־לישער פרעלוד צו די איבעריקע קאַפּיטלעך פונעם בוך. די וויכטיקסטע געשטאַלטן אין ראָמאַן טרעפט מען שוין אין דעם דאָזיקן ערשטן קאַפּיטל און אַלע טראָגן זיי מיט זיך מיט דורכן גאַנצן בוך די אַטמאָספער פון יענער נאַכט אין חדר האוכל.

און דאָס איז, פון אַרכיטעקטאָנישן שטאַנדפּונקט, זיכער אַ שיינע קינסטלערישע דערגרייכונג.

שלמה ביקל

חנן אַיאַלטי

א

אַ פּאַרשפּעקטיקטע קריטיק

ס'איז נישט סתם עפּעס אַ קליינע פּאַרשפּעקטיקונג אויף וואָכן און חדשים, און אַפילו נישט קיין לענגערע אויף עטלעכע יאָר, נאָר עס איז אַ גאָר לאַנגע פּאַרשפּעקטיקונג כּמעט אויף אַ גאַנצן דור, אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז אונדזער צייט איז אַ געאײַלציקע און צווישן דור און דור ליגן נישט מער ווי צוויי צענדליק יאָר.

חנן אַיאַלטיס ראָמאַן „דער האָטעל וואָס עקזיסטירט נישט" איז אַרויס נאָך אין 1944, אין מאָנטעווידעאָ. דער מחבר איז דעמאָלט געווען אַ פּליכטלינג אין דער אורוגוואַיער הויפּטשטאָט. די געשיכטע וועגן האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט איז געווען דער צווייטער אין דער ריי פון אַיאַלטיס דריי יידיש געשריבענע ראָמאַנען (דער סאַמע ערשטער, אויף העברעיִש, איז דערשינען מיט צען יאָר פריער, אין 1934).

די מעשה שהיה מיט מיין פּאַרשפּעקטיקטער קריטיק איז אַזאַ: איך האָב גראָד געהאַט איבערגעלייענט אַיאַלטיס רייזע־באַריכט וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס איז אַרויס מיט חדשים צוריק אין ניו־יאָרק, אונטערן נאָמען: „אָן אַ פּאַר־האַנג". די דאָזיקע „נאָטיצן פון אַ רייזע־טאָגבוך", ווי אַיאַלטי רופט אָן די רעפּאָר־טאַזשן פון זיין נסיעה איבער עטלעכע שטעט פונעם ראַטן־פּאַרבאַנד, זענען מיר אויסנעמלעך געפעלן. עס איז אין די נאָטיצן פאַראַן אַ פיינע קאָמבינאַציע פון קלוגער, וועלטמענישער אָבסערוואַציע מיט יענער געמאָסטענער, סאָלידער אָב־יעקטיוויקייט, וואָס נאָר די סוביעקטיווע קונסט פון דערציילן איז בכוח אַרויס־צוברענגען.

עס האָט מיך אַ צי־געטאָן פון דאָס ניי זיך צו באַקענען מיט אַיאַלטין, דעם בעלעטריסט. איך האָב געבלעטערט זיין ערשטן ראָמאַן „טאַטע און זון" (מאָנטע־ווידעאָ, 1943), וואָס איז בשעתו געקרוינט געוואָרן מיט אַ ליטעראַרישער פּרע־מיע, און דעם דריטן „ווייטער פון ברוקלין" (ניו־יאָרק, 1959), וואָס איז אויך פּרעמירט געוואָרן, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביים צווייטן „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט", וואָס איז דער איינציקער פון צווישן די דריי פּאַרבליבן אָן אַ פּרעמיע.

אָן אַ פּרעמיע איז דווקא אַ מאָל אַ סימן מובהק פאַר אַ גוט בוך, און אַ סך מאָל פאַרן מחברס בעסטן בוך. דאָס מאָל האָב איך בפירוש געטראָפן.

„דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט" איז אַיאַלטיס וויכטיקסטע בוך, אי מחמת זיין טעמאַטישן פּאַרנעם און אי מחמת דעם, וואָס עס איז דאָס רעפּרע־

זענטאַנטיוווסטע ווערק פאַר איַאַלטיס קינסטלערישער באַגאַבונג מיט אַלע איר'ע מעלות און חסרונות.

די העלדן פון איַאַלטיס דאָזיקן ראָמאַן האָבן עולה געווען ווי חלוצים פון פוילן קיין פּאַלעסטינע און זענען דאָרט געוואָרן קאָמוניסטן און קעמפער קעגן ציוניזם; די מאַנדאַט־מאַכט האָט זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד און זיי זענען געוואָרן תושבים אין פּאַריזער „האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט". און פון דאָרט, פון דעם האָטעל, ווו מען האָט געקאָנט דינגען צימערן אָן אַ מעלד־צעטל צו דער פּאָליציי, און אַזוי אַרום לעגאַל נישט עקזיסטירן, זענען שמעון און רות אַוועק קיין שפּאַניע קעמפן אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע" קעגן פאַשיזם און פאַר וועלט־באַפרייונג.

דער ראָמאַן „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט" איז, לפי דעתי, איַאַלטיס וויכטיקסטע און רעפּרעזענטאַטיווסטע ווערק, ווייל עס איז בבחינת פּונעם חומשדיקן עדן, וואָס פון אים גייט אַרויס דער שטראָם און „צעטיילט זיך דערנאָך אין פיר טיילן". אין „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט" זענען אַלע טיילן פון איַאַלטיס באַגאַבונג נאָך אין פולער קראַפט אין איינעם. ערשט אין די וויטער־דיקע ראָמאַנען און דערציילונגען קומען צום אויסדרוק מער די באַזונדערע אופנים פון איַאַלטיס דערציילונג־קונסט.

וואָס זענען די הויפּט־עלעמענטן פון איַאַלטיס בעלעטריסטיק? א) שילדע־רונג אין דער ברייט פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה; ב) אַנטבלויזערישער אַנאַליז פון אידעאָלאָגישע אידעאַליזמען; ג) אומצוטרוי צו זיינע אייגענע העלדן; ד) נטיה צו זען מער דאָס שאַטנדיקע ווי דאָס ליכטיקע פון אידעען און מענטשן.

דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן, די פיר ניין־זאָגענישן פון איַאַלטין, דעם שילדערער און דערציילער, אָבער איבער די פיר „ניינען" שטייט אַ סאָלידער „יאָ". דער „יאָ" איז איַאַלטיס גלויבן אין דעם גרויסן ווערט פון דעם מענטשס חושים, אין דער דערהויבנקייט פון דער גופישער ליבע צווישן די געשלעכטער.

ב

שמעון און רות

אין דער הקדמה צו זיין דערמאָנטן ראָמאַן „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט", דערציילט איַאַלטי וועגן אַן אָנזאָג פון אַ חבר, וואָס איז געפאַלן אויפן שפּאַנישן פראָנט. דער חבר האָט געוואָרנט איַאַלטין און אים אָנגעזאָגט:

— אַז דו וועסט שרייבן וועגן שפּאַניע, זאָלסטו שרייבן דעם גאַנצן אמת!

— מען וועט מיך פאַרשטיינען!

— מאַכט נישט אויס, זאָלסט שרייבן דעם אמת!

און איַאַלטי האָט געשריבן דעם אמת נישט בלויז וועגן דעם אידעאַליזם

אין שפּאַניע, מיט זיינע פאַרקרימענישן פון גלוסט צו מאַכט, פון קאַריעריזם און פון ברודער־מאָרד, נאָר ער האָט אויך נישט געשאַנעוועט די פריערע ביאָגראַפיע פון זיינע העלדן, וואָרעם שמעון און רות זענען, ווי שוין געזאָגט, די צענטראַלע העלדן פון דעם ראָמאַן, און אפשר די איינציקע, צו וועמען זייער געשטאַלטיקער האָט אַ דורכויס פּאָזיטיווע באַציִונג. וואָלט אפשר אַן אַנדערער אויף אַיאַלטיס אָרט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז שמעון, דער חלוץ פון פּוילן, איז מיט דעם זעלבן גלויבן, וואָס ער האָט געקעמפט אין שפּאַניע —

„געגאַנגען איין מאָל אַ פרימאָרגן אויפהענגען אַ רויטע פאָן אויפן „יידישן הדר הכרמל" פון חיפה, מיטן אויפשריפט „באַערט דעם אָנדענק פון די רעוואָלוציאָנערן פּואַד כאַדזשאַזי און זיינע חברים!"

און ווער איז געווען פּואַד כאַדזשאַזי?

„פּואַד כאַדזשאַזי איז באַפאַלן מיט אַ באַנדע אַן אָרעמען יידישן קוואַרטאַל פון דער גלילער שטאָט צפת, האָט גערויבט און געמאָרדעט און פאַרגוואַלדיקט".

עס איז אַ האַרבער אמת, וואָס איז אימשטאַנד פון לכתחילה צו פאַרמיאוסן די געשטאַלט פון שמעונען אין די אויגן פון יידישן לייענער. אָבער דער אמת וועגן דעם גראָטעסק־בלוטיקן אידעאַליזם, ווי פיינפול ער זאָל נישט זיין פאַרן לייענער, מינערט ער נישט שמעונס געשטאַלט אין זיינע אויגן, ווייל דער לייענער פילט די פּיין פונעם דערציילער, וואָס זאָגט ערגעצוו: לייענט ווייטער און די ווייטערדיקע פּאַסירונגען וועלן אייך באַווייזן, אַז דאָס איז בלויז אַן עפּיזאָד, און שמעון איז אַ מענטש, וואָס וועט אייך צווינגען זיך צו באַציִען צו אים מיט אַכטונג.

און ער איז דורכויס געראָכט, אַיאַלטי. סיי שמעון און סיי רות (רות, אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן טאַטן און פון אַ יחוסדיק־פאַרריסענער מאַמע, האָט געזינדיקט אין ארץ־ישראל מיט דעם זעלביקן גראָטעסק־בלוטיקן אידעאַליזם קעגן איר אייגן פאָלק, ווי שמעון) געווינען סוף־כל־סוף אונדזער סימפּאַטיע מיט דער טיפער מענטשלעכקייט פון זייערע ליבע־באַציִונגען. איבער ימים און יבשות אַריבער, און אויך איבער אַזעלכע שווערע געשעענישן, ווי גירוש פון פּאַלעסטינע, ווי וואָגל און עלנט אין פּאַריז און ווי ביי דער שוועל פון אומקום אין שפּאַניע, ברענען צוויי גופים מיט גלוסט צואַנאַנד; זיי זוכן זיך, געפינען זיך צומאָל אונטער מערקווירדיקע און סכנהדיקע באַדינגונגען, ווערן פונאַנדערגעשטויסן דורך אַ צום טייל באַרעכטיקטער, אָבער אין תוך, נישט געשטויגענער אייפערזוכט, און עס הייבט זיך אָן פון דאָס ניי די גלוסטיקע זוכעניש, ביז זי ענדיקט זיך טראַגיש, ווי אַלדאָס אמתע אין לעבן: „שמעון — ווערט דערציילט אין סוף־קאַפּיטל פונעם ראָמאַן — איז ווידער אַ מאָל ווי אין וואַסער אַריין און קיינער האָט נישט געהאַט קיין ידיעות פון אים".

די שילדערונגען פון די ליבע־סצענעס צווישן שמעונען און רותן אין דעם

פּאַריזער „האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט״, דערנאָך אין דעם שפּאַנישן אַפּרו־אָרט בענקאַסים, און צום סאַמע לעצט אין דעם פעלד־שפּיטאָל אויפן פראָנט פון ווילענוואָווע, געהערן צו אַיאַלטיס בעלעטריסטיש־געראָטנסטע דערגרייכונגען. די דאָזיקע סצענעס צווישן שמועגען און רותן, און אויך צווישן שמערקען און פּעפּי־טאָן, זענען געמאָלן מיט שאַרפער ניכטערקייט, אָבער די ניכטערקייט האָט איר אייגענעם ליריזם. ס׳איז נישט ווי ביים זיידן מענדעלע, ניכטערקייט און ליריזם איינס נאָך ס׳אַנדערע, נאָר ליריזם און דער ניכטערקייט גופא. אַיאַלטי איז דאָס בכוח קינסטלעריש צו דערגרייכן, ווייל ער, דער ניכטערער שרייבער, וואָס האָט אַזוי האָלד צו צעשטערן אילוזיעס, דערזעט פאַר זיך דאָ די עכטקייט פון די מענטשלעכע חושים, און אין איר, אין דער דאָזיקער עכטקייט, גלייבט ער, און זי איז פאַר אים אָן אמת, אפשר דער איינציקער אמת, וואָס לאָזט זיך נישט פאַר־ליגנערן.

ער קאָן, אַיאַלטי, אַ לאַך־טאָן פון אידעען, אַ חוזק טאָן פון אידעאַלן און אָפּ־שפּעטן פון דעם, וואָס מענטשן האָבן ליב צו באַצייכענען מיטן וואָרט חלום און פאַרחלומטקייט, אָבער ביים נאַקעטן אמת פון די חושים פאַרלירט זיין ניכטער־קייט דעם האַרטן קלאַנג, זי ווערט פּאַטעטיש, עס ווייעט פון איר מיט ליריזם.

ווען שמערקע, דער הויזן־נייער, אַן עמכדיקער מעשה־דערציילער, וואָס האָט אין זיך ערגעץ ווו אַ פונק פונעם באַוווסטן תלמודישן בעל־גוזמא, דעם אמורא רבה בר־בר חנא, און ריימאַן, דער סקעפּטיקער, דער געוועזענער סאָרבאָנע־סטודענט, קומען אַריין, נאָכן אומקער פון שפּאַניע, אין אַ פּאַריזער „קאַפע״ (זיי זענען די איינציקע, וואָס האָבן דערלעבט זיך צו באַגעגענען אין עפּילאָג־קאַפּיטל פונעם ראָמאַן) און שמערקע זאָגט צו ריימאַנען:

„גיב נאָר אַ קוק אויף דעם מיידל ביי דער קאַסע: ס׳אַראַ פאַרחלומטע אויגן זי האָט!״

ענטפערט אים ריימאַן און מאַכט אַ תל פון זיין אילוזיע:

„זי חלומט שוין גאָר נישט! זי זעט נאָר אויס פאַרטרוימט, ווייל זי קוקט אַרויפצו: אויבן, אין ווינקל, אונטערן סופיט, הענגט אַ שפּיגל, און זי גיט דאָרט אַכטונג וויפל ראָגאַלקעס און וויפל „כינעזישע ברויטלעך״ איטלעכער קליענט געמט פון טעלער״.

איך בין נישט זיכער, צי דאָס איז די שאַרפסטע אילוזיע־צעשטערערישע חכמה, וואָס אַיאַלטי לייגט אַריין אין מויל פון זיינע העלדן. אַזעלכע אַנטבלויזנ־דיקע זאָגעכצער, וואָס גרענעצן זיך מיט ציניזם און גייען אַפילו צומאָל אַריבער די דאָזיקע גרענעץ, זענען אָפּט אין מויל ביי ריימאַנען און ביי שמערקען און ביי יאַשקען, דעם אַנאַרכיסט, און ביי דעם רויטן זיסקינד און ביי די מייסטע פון די פאַרשוינען אין ראָמאַן.

איך האָב דעם ציטאַט נישט ספּעציעל אויסגעקליבן. ער האָט זיך מיר אַ

וואָרף־געטאָן אין די אויגן. אָבער געבראַכט האָב איך אים נישט כדי אונטערצו־שטרייכן די נטיה צו אַנטבלויזערישקייט ביי איַאַלטין, נאָר כדי אַרויסצוהייבן דעם קאָנטראַסט צו איר, ווען עס גייט וועגן שילדערן די ליבע־סצענעס אין בוך.

ווען רות, אַ פּאַרטריבענע פון פּאַלעסטינע, קומט־אָן אין פּאַריזער „האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט״, גיט אויפדער־נאַכט אַ פרעג אהרן גרילאַכן, וואָס וווינט מיט שמעונען אין איין צימער:

— ווערסט מיר היינט אָפּטרעטן דיין פּלאַץ אין בעט? האָסט זיך שוין גענוג אָנגעשלאָפן מיט שמעונען!

גלייַען די דאָזיקע, לכאורה, נאַקעטע ווערטער, כ׳וואָלט שיר נישט געזאָגט, מיט הייליקן, מיט געטלעכן פּאַטאָס. עס ברענט אין זיי דאָס פייער פון גלוסט, וואָס גאָט אַליין האָט אָנגעצונדן, ווען ער האָט פאַרשאָלטן די פרוי מיט די חומשדיקע ווערטער: „און צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג״ (ואל אישך תשוקתך).

מיט דעם זעלביקן לירישן פּאַטאָס אָטעמט די סצענע צווישן שמערקען און פּעפּיטאָן ערגעץ אין אַ וועלדל פון דער שפּאַנישער שטאָט, ווו שמערקע איז געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין שפּיטאָל „קאָראַ ראָכאַ״. „די שטים פון לעבן״ שרייט ביי איַאַלטין אַריבער די שטים פון אידעען און פון אידעאַלן און די קאַפּיטלען, וואָס אין זיי ווערט געשטאַלטיקט די דאָזיקע „שטים״, זענען פון די האַמע געראָטנסטע אין איַאַלטיס ראָמאַן און געהערן צו די שיינע פרקים אין אונדזער קינסטלערישער פּראָזע.

ג

ראָמאַן און רעפּאָרטאַזש

„דער האָטעל וואָס עקזיסטירט נישט״ איז אין זיינע בעסטע פרקים — גע־ראָטענער קינסטלערישער ראָמאַן, און אין די איבעריקע טיילן — אינטערעסאַנ־טער רעפּאָרטאַזש וועגן די דרייסיקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אַזוי קרענקלעך־שיין און אַזוי גראָטעסק־טרויעריק פונאַנדערגעבליט דער אידעאַליזם פון אַ היפּשן טייל יידישע יוגנט.

דער ראָמאַן „טאַטע און זון״, וואָס איז אַרויס מיט אַ יאָר פאַר דעם „האָטעל״, איז, ווי מיר ווייסן דאָס פון דעם מחברס הקדמה, אין תוך, אַ המשך צו דעם שפּעטער דערשינענעם ראָמאַן וועגן שפּאַניע. ביידע אין איינעם זענען אַ ברייטער און צום טייל אויך פּאַרטיפּטער באַריכט וועגן די זין, וואָס זייער נאַציאָנאַלער אידעאַל האָט זיי געפירט צו ווערן חלוצים אין פּאַלעסטינע, וואָס זייער סאָציאַ־לער אידעאַל האָט דערנאָך גובר געווען זייער נאַציאָנאַל־פּאָלקישע זעונג און זיי געמאַכט פאַר גלאָריפיצירער פון די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, און זיי דערנאָך

געטריבן קיין שפּאַניע צו מסירות נפש און — צו ביטערער אַנטוישונג. אין „טאַטע און זון" איז אַיאַלטי ממשיך דעם באַריכט וועגן די זעלביקע זין אונטער היטלערס אָקופּאַציע אין פראַנקרייך.

אין „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט", זענען די זין אָפּגעריסן פון זייער טאַטעס היים. זיי האָבן אַפילו צום גרעסטן טייל נישט קיין משפחה־נעמען. שמעון, שמערקע, יאַשקע, רות און אַנדערע, וואָגלען איבער די בלעטער פונעם ראָמאַן אין דער פרעמד, ווייט פון זייער טאַטנס טיש, און זיי קעמפן מיט דרויסנדיקע שונאים („אימפּעריאַליסטן" אין פּאַלעסטינע, און פאַשיסטן אין שפּאַניע).

זשאַק סאָקאָלאָווסקי, פון ראָמאַן „טאַטע און זון", איז טאַקע אויך אַ קעמפער קעגן פאַשיזם (ער געהערט צו דעם פראַנצויזישן „אונטערערד"), אָבער אין פּאַריז, וווּ עס וווינט זיין פאָטער. און דער סיפור המעשה וועגן זשאַק סאָקאָלאָווסקי איז אויך די געשיכטע פון קאַמף אַרום יידישקייט צווישן טאַטע און זון. דער ראָמאַן וועגן דער משפחה סאָקאָלאָווסקי איז ווי אַן אויסשניט פון אַ ברייטערן געמעל. די געשיכטע וועגן סאָקאָלאָווסקין איז דערפאַר אפשר צמצומדיקער, און דאָס מיינט קינסטלערישער. אָבער „אין האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט" שטייען, ווי געזאָגט, די ראָמאַן־פּרקים נישט אָפּ אין קינסטלערישקייט; פאַרקערט, די ליבע־סצענעס זענען אינטענסיווער און פאַרטיפטער געמאָלן.

נאָר וואָס דען? „דער האָטעל" פאַרמאָגט נאָך אַחוץ דעם אַ גרויסע רעפּאָרטאַזש־לייוונט, וואָס — קיין בעסערן מאַטעריאַל קאָן מען דעם „קומענדיקן היסטאָריקער" גאָרנישט ווינטשן.

דער רעפּאָרטאַזש, וואָס באַקענט אונדז מיט דער געזעלשאַפטלעכער, געאָגראַפישער און מאָראַלישער סביבה אויפן שפּאַנישן פראָנט און הינטערלאַנד, פאַרנעמט לכל־הפּחות אַ דריטל פון די פינף הונדערט זייטן פונעם בוך. דער באַריכט איז געשריבן אין אַן אימפּעטיקן, קלאָרן און ווי שוין דערמאָנט, אַנטבלויזערישן סטיל. עס זענען פאַראַן געשטאַלטן, וואָס נעמען לעבן פון די סאַמע ערשטע פאָרטרעטירונג־ליניעס. יידן און גויים — דער רעפּאָרטער אַיאַלטי גיט צו זיי אַ ווונק מיט דער פעדער און זיי לעבן און ער עפנט זייערע מיילער און זיי רעדן אַ פאַרביקן וויציקן און אַ סך מאָל מחיה־חריפותדיקן יידיש.

אַ סך מאָל קאָן מען נאָר שווער אונטערשיידן צווישן דעם רעפּאָרטאַזש און דעם קינסטלערישן טייל פונעם בוך. אַזאַ געניטער שרייבער איז אַיאַלטי און אַזוי נאָענט צו קינסטלערישער פּראָזע איז זיין רעפּאָרטאַזש. צומייסטנס איז די גרעסטע קאָנטיק אין די ערשטע קאַפּיטלען פונעם צווייטן באַנד, וואָס אַיאַלטי רופט זיי מיטן נאָמען „אויפן ראַנד" און דער עיקרשט אין די פּרקים וועגן דעם „רויטן זיסקינד". דער „רויטער זיסקינד" איז דערפאַר אַ רעפּאָרטאַזש־געשטאַלט, ווייל אין זיין פּאָרטרעט פעלט די בעלעטריסטישע באַלאַנסירונג צווישן ליכט און שאָטן. ער איז כולו שאָטן און דערפאַר האָט ער אפשר טאַקע עקזיסטירט אויף

דער וואָר, אָבער קינסטלעריש איז ער אומעקזיסטענט. ער איז נישט די „שטים פון לעבן", נאָר דאָס קול פון אַ רעפּאָרטערישער ראיה.

איך קען נישט אָפּשליסן מיין פּאַרשפּעטיקטע קריטיק און נישט דערציילן ווי שטאַרק איך בין באַאיינדרוקט געוואָרן פון אַיאַלטיס דראַמאַטישער שילדערונג פון די סצענעס ביים אַריבערגיין דעם טייך ביי ווילאַ דעל ריאָ און ביי דעם פּאַרטיזאַנישן איבערפאַל אויף דעם פעלד־שפּיטאַל ביי ווילענואָווע, ווו שמעון און רות האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען און געליבט. דאָס איז קונסט, דאָס איז סאָלידע קונסט.

מענדל מאַן

נאַכט איבער גלושינאָ

מענדל מאַן איז אַנומלט געווען אַ גאַסט אין אַמעריקע. ביים איינדרוקספולן קבלת פנים, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם יונגן, אָבער היינט שוין גאָר אָנגעזעענעם יידיש־בעלעטריסט, איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַ באַגריסונגס־וואָרט. וואָס אַ טייל דערפון קאָן מיר אפשר אי העלפן בולטער מאַכן די געשטאַלט פונעם שרייבער מאַן בכלל און אי דינען ווי אַן אַריינפיר צו דעם, וואָס איך גרייט זיך צו זאָגן וועגן מענדל מאַנס אינטערעסאַנ־טער אַלעגאָרישער דערציילונג „נאַכט איבער גלושינאָ".

איך וויל דעם טייל פון מיין באַגריסונג דאָ איבערחזרן.

מיר האָבן זיך שוין, ווייזט אויס, צוגעוווינט צו אַלץ. די גרעסטע אומגע־ווינלעכקייטן זענען פאַר אונדז געוואָרן נאָרמאַלע ענינים. ווען ס'זאָל נישט זיין אַזוי, וואָלטן מיר געדאַרפט אויפציטערן לייענענדיק די אַלע גורל־אַוואַנ־טורעס, וואָס זענען באַשערט געווען מענדל מאַנען פון זיין צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָר לעבן און ביז צו דער עלטער פון צוויי־און־פערציק, אין וועלכער ער געפינט זיך היינט.

פון דער פויליש־יידישער שטאָט פּלינסק פאַרווירבלט דער בלוטיקער נאַציסטישער שטורעם־ווינט מענדל מאַנען קיין טיף רוסלאַנד, צווישן רוסישע, טאַטע־רישע און קאַזאַקישע פּויערים, און פירט אים פון דאָרט צוריק אין איינעם מיט די מאָביליזירטע און מושטירטע רויטע אַרמייער ביז צו די טויערן פון מאָסקווע, און פון דאָרט אין אַ נצחון־מאַרש ביז בערלין, און פון בערלין איבער אַ פּרווו פון קולטורעלן ווידעראויפבוי אין פּוילן, איבער די די־פּי־לאַגערן אין דייטשלאַנד

צו פיאָניר־אַרבעט אין אַ פאַרלאָזענעם אַראַבישן דאָרף אין דער אויפגעקומענער יידישער מדינה.

מענדל מאַנס גאַנג איז אַ גאַנג, נוצנדיק זיין אייגענע פאָרמולע, איבער די קראַנקע זומפּיקע לאַנקעס פון דער ערד צום וווּנדער־דאָרף, וועגן וועלכן ער לאָזט אַזוי פיבערדיק חלומען דעם לייטענאַנט לושין אין זיין „נאַכט איבער גלושינאַ".

אונדזער דור האָט שוין אַלץ געזען, און מענדל מאַנס וואַנדער איבער דער וועלט איז געוואָרן אַ געוויינלעכע יידיש־גורלדיקע וואַנדערונג.

אָבער נאָך אַלע איינשטילענישן פון מיין געמיט איבער מענדל מאַנס גורל־דיקן וואַנדער, קאָן איך נישט צוימען מיין התפעלות איבער דעם ווונדערלעך־שעפערישן יונגנמאַן מיט דער שלאַנקער איידעלער געשטאַלט און מיט דעם פּריצייטיקן גראָ־געוואָרענעם קאָפּ, וואָס מיר האָבן זוכה געווען אים צו האָבן דאָ צו־גאַסט און אים צו פּרעזענטירן פאַר די יידן פון אַמעריקע.

איך קאָן נישט צוימען מיין התפעלות, ווי אַזוי אָט דער יונגער חבר אונ־דזערער, כמעט פונעם דור פון אונדזערע זין, האָט באַוויזן מיט אַזאַ גבורה, מיט אַזאַ שטילער גבורה צו דערגיין פון זומפּ צו וווּנדערדאָרף, צום ווונדערדאָרף פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון אַזוי פיל איבערלעבענישן און פון קינסט־לערישן תיקון פאַר אַזוי פיל אויסטערלישע און מאָדנע געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין וועג.

דאָ רעדט שוין נישט בלויז דער סוד פון אונדזער יידישן פאָלקס־גורל. דאָ קומט צום וואָרט דער נס פון קינסטלערישער באַגאַבונג וואָס איז בחסד עליון צוגעטיילט געוואָרן צו דעם מאַן פון פלינסק, מענדל מאַן.

די ראָמאַנען און די דערציילונגען צווישן טאָוולען און די נאָך נישט אויפ־געזאַמלטע נאָוועלן, וואָס מענדל מאַן האָט ביז איצט אָנגעשריבן, קאָנען שוין אויספילן אַ מיטל־גרויסע פאָליצע פון אַ ספרים־אַלמער, און דער תוכן פון די ביכער, כ'מיין די געשטאַלטן, די געשעענישן און די ווונדערלעך געמאָלטע לאַנד־שאַפטן, רוסישע, פּוילישע און ישראלדיקע, זענען נישט בלויז אַ וויכטיקע קינסט־לערישע דערגרייכונג, וואָס פאַרשאַפט הנאה דעם לייענער, נאָר זיי זענען אויך אַן אוצר פון עטנאָגראַפישע און קולטור־היסטאָרישע קענטענישן, פון וועלכע עס וועט נישט וויניקער הנאה האָבן דער פאַראינטערעסירטער פאָרשער.

איך האָב בפירוש דערמאָנט אויך מאַנס פּייזאַזשן אין שייכות נישט בלויז מיט עסטעטישער הנאה, נאָר אויך מיט פאָרשונג, ווייל מענדל מאַנס לאַנדשאַפט־געמעלן זענען אי סימבאָליסטיש און אי רעאַל. זיי גיבן איבער דעם דערציילערס סימבאָליסטישע זעונג און זיין סוביעקטיווע אימפּרעסיע פון דעם פּייזאַזש, אָבער זיין נאַטור־שילדערונג בלייבט דערביי אויך נישט שולדיק דעם רעאַלן, סוביעקטיוו נישט פאַרשלייערטן פאַקט פון דער לאַנדשאַפט, וואָס אויף אים קען זיך דער

פּאַרשער סומך זיין. די רעאַליסטישע נאַטור־שילדערונג איז זיכער נישט ווייני־קער שרייבערישע און מאַלערישע דערגרייכונג ווי די סימבאָליסטישע. מענדל מאַן איז אַ מאַדים אויףביידע מינים.

און אַ מאַדים איז מענדל מאַן אויך אויף דער קונסט פון פּאָרטרעטיסטיק. איך האָב זיך ממש נישט געקאָנט אויסטשוכען פון באַוווּנדערונג, ווען איך האָב אין דעם בוך „ביי די טויערן פון מאָסקווע" (דאָס בוך איז דאָס ערשטע פון די פיר קינסטלערישע באַריכטן וועגן מאַנס וואַנדער איבער דער ערד פון מלחמה און חורבן. עס זענען ביז איצט אַחוץ „ביי די טויערן פון מאָסקווע" דערשינען „ביי דער ווייסל" און „נאַכט איבער גלושינאַ") געלאָזט פּאַרבייגיין פאַר מיר די כּלערליי געשטאַלטן פון מאָביליזירטע פּויערים פון די דערפער טענגושיי, באַראַ־שאַוו, קוליקאָוו, די מאָרדווינער פון שאָקשאַ און די יונגען פון דורניקאָוו. אַלע טיילן זיי זיך אויס קודם כל מיט דער קאָלעקטיווער צורה פון זייער דאָרף און דערנאָך ניואַנסירן זיי זיך פונאַנדער אינדיווידועל. עס איז אַ שטיק מייסטעריש לייוונט מיט מענטשלעכע געשטאַלטן. דער דערציילער מאַן האָט געהאַט דעם כוח אַרויסצורייסן די געשטאַלטן פון דעם ערשט נעכטן פון ווירקלעכקייט. ווען ער, דער מיטמאָביליזירטער מנחם איסאַקאָוויטש, איז געווען מיט זיי, און זי צו באַזעצן אין די וויטקייטן פון זיין קינסטלערישער פּאַנטאַזיע, וואָרעם נאָר די דאָזיקע מרחקים קאָנען טאָן גערעכטיקייט צו די באַשאַפענע און אַרויסברענגען זייער נשמהדיקע וואָרהייט.

און מיר דוכט, אַז איינער פון די הויפּט־קוואַלן פון מענדל מאַנס געשטאַל־טערישן כוח איז דאָס פלעמל פון אהבת הבריות, וואָס דער קינסטלער, ווי זיין אַלטער עגאָ מנחם איסאַקאָוויטש, האָט געירשנט פון זיינע אָבות און זי געטראָגן מיט זיך אין האַרצן אַפילו צו די, וואָס האָבן די ליבשאַפט אָפּגעשטויסן. אָט די אהבת הבריות האָט אין מענדל מאַנען געוועקט נישט בלויז רחמנות צום באַ־עוולהטן, נאָר האָט אים אויך, אין אַ געוויסער מאָס, געלאָזט זען דעם עלנט און די צעבראָכנקייט פונעם עוולה־טוער.

פון דעם פלעמל איז געוואָרן אַ פלאַם אין מענדל מאַנס ארץ־ישראל־דערציי־לונגען. דאָס לעבן אין יידישן לאַנד איז אַ פּיאָנעריש־שווער לעבן. ס'איז אַ לעבן, אין וועלכן מען מוז זיך איינגלידערן. און פאַר אָט די נייע עולים מיט זייערע קליטה־פּראָבלעמען האָט דער געשטאַלטער, מענדל מאַן, אַ האַרץ פול מיט איידע־לער באַציִונג, פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט.

אין דער ישראלדיקער פּיאָנערישער סביבה ווערט דער רויט־אַרמייער מנחם איסאַקאָוויטש פון טענגושיי פאַרוואַנדלט אין דעם נייעם עולה, דעם אינזשיניער כּאַנע פון דער דערציילונג „אביגיל", וואָס העלפט זיינע תימנער ברידער אַרויס־בויערן וואַסער אין די בערג פון יהודה און ציטערט מיט זיי מיט די טיפע פרייד פון דעם אויסגעשריי „מים, מים!", דעם טיפן אויפברויז איבער דער מתנה פון

וואָסער, וואָס די זאַמדיק־שטיינערנע ערד פון יהודה האָט באַוויליקט צו שענקען דעם גייעם דאָרף פון די תימנער עולים.

*

די צווי הונדערט זייטן שטאַרקע דערציילונג „נאַכט איבער גלושינאַ" גע־הערט, ווי געזאָגט, צו די קינסטלערישע באַריכטן וועגן מלחמה און חורבן, און עס זענען אויף איר חל אַלע גוטע מעלות פון מאַנס נאַטור־באַשרייבונג און פון זיין אויסנעמלעכער פּאָרטרעטיסטיק.

די „נאַכט איבער גלושינאַ", האָב איך ביים אָנהייב דערמאָנט, איז אַן אַלע־גאָרישע דערציילונג, און אַלעגאָריע, וואָלט איך געזאָגט, אונטערשיידט זיך פון סימבאָליסטיק דערמיט, וואָס בעת די סימבאָליסטישע דערציילונג איז קאָנצענ־טרירט אויף דעם מיין פון דער סיפּור המעשה, האָט די אַלעגאָרישע מעשה אין זינען פאַר אַלעמען די קינסטלערישע שילדערונג גופא. אַלעגאָריע — קלינגט מיר נאָך אין זכרון די פאָרמולע פון איינעם אַ דייטשן קריטיקער — הייסט נישט קודם מיינען, נאָר קודם זיין. די אַלעגאָריע איז אַזוי אַרום היקפּדיקער פון דער סימבאָליסטיק. וואָרעם זי איז כולל אי דעם סימבאָלישן מיין און אי די רעאַליס־טישע שילדערונג.

אָט די היקפּדיקייט פון אַלעגאָריע אין בולט אין מענדל מאַנס דערציילונג „נאַכט איבער גלושינאַ" און איז אירע אַן אויסגעשפּראָכענע מעלה.

אַ סאָוויעטיש־מיליטערישע אויספאָרש־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ליי־טענאַנט לושין האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ זומפּיקער געגנט הינטער דעם רוקן פון דער אָפּטרעטנדיקער דייטשער אַרמיי, און די גרופּע וואָלט דאָרט אומגע־קומען פאַר הונגער און דאָרשט ווען נישט דער מיראַזש פון ערגעץ אַ נאָענטן דאָרף, וואָס וועט זי ראַטעווען פון זיכערן אומקום.

לייטענאַנט לושין פיבערט מיט דעם דאָזיקן חלום פון אַ וווּנדער־דאָרף, און האַלט מיט זיין פיבער־טרוים צוזאַמען זיינע סאָלדאַטן. אין איינעם אַ טאָג האָט דער סאָלדאַט בוסלעי אויף אַ לאָדקע זיך דערשלאָגן צו אַ דאָרף מיטן נאָמען גלושינאָ אין דער סאַמע מיט פון די זומפּן. גלושינאַ איז מחמת די טאָרף־פעלדער, דעם מאָך און דעם טשערעט, וואָס נעמט זי אַרום, אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט, אַז זי ווייס אַפילו נישט פון דער מלחמה, וואָס גייט אָן אין איר שכנות.

איך פאַרנעם זיך נישט איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג. איך וויל אונטערשטרייכן קודם די גוטע און סאָלידע אַרכיטעקטור פון מאַנס סיפּור המעשה וועגן דער „נאַכט איבער גלושינאַ". אַ קורץ און אויסשעפּנדיק בילד פון לייטענאַנט לושין און פון די סאָלדאַטן אין זיין פאַרבלאָנדזשעטער אויספאָרש־גרופּע. דערנאָך מיט נישט ווייניקער צמצום און טרעפיקייט די גע־

שיכטע, די פֿאַונאַ און פֿלאָראַ פֿון גלושינאַ און אַ גאַלעריע פּאָרטרעטן פֿון אירע איינוווינער. און צום סוף קומט דער צוניפּשטויס פֿון לושינס גרופּע מיט דעם דאָרף. דער סיפּור המעשה וועגן צוניפּשטויס איז אפֿשר אַ ביסל צו פּרטימדיק, הגם קיין מאָל נישט לאַנגווייליק. די צו פֿיל פּרטימדיקייט נעמט זיך דערפֿון, וואָס דער מחבר פֿאַסמאַקעוועט די דעטעקטיוו־פּסיכאָלאָגיע פֿון דעם צוניפּשטויס צווישן די פֿירער פֿון דער מיליטערישער גרופּע גופֿא, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין גלושינאַ און ליקווידירן זיך איינס ס׳אַנדערע, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ דיק־טאַטור־רעזשים. די פּסיכאָלאָגישע פּרטים, האָב איך געזאָגט, פֿאַרשאַפֿן הנאה סיי דעם מחבר און סיי די לייענער, אָבער זיי זענען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון סיפּור המעשה נישט תמיד נויטווענדיק.

אָבער דאָס איז אין תוך בפֿירוש אומוויכטיק. וויכטיק איז וואָס די פּאָרטרעטן פֿון די גלאַוונע אָנפֿירער, פֿון דזשיגיטאָן, בוריאַנען, כאַכלאָוון, בוסלעין און עטלעכע אַנדערע (לייטענאַנט לושין איז קורץ נאָכן אַריינקום קיין גלושינאַ געשטאָרבן און זיין נאָמען איז געבליבן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער שם המפֿורש צוליב מאַכט־צילן) זענען געמאָלן מיט אַזעלכע עפֿעקטיווע און סוגעסטיווע פֿאַרבן און דער סיפּור המעשה פֿון דעם מאַכט־געראַנגל אָטעמט מיט אַזוי פֿיל פּסיכאָלאָגישער וואָרהייט, אַז די אַן ערך הונדערט זייטן פֿון דער דאָזיקער שילדערונג וועט מען, בלי ספֿק, פֿאַררעכענען צו די שיינע און גוטע קאַפּיטלען פּראָזע אין אונדזער ייִדיש־ליטע־ראַטור.

לייטענאַנט לושינס יורש איז געוואָרן דזשיגיטאַ; ער „גייט אויף די קורצע פֿיס. ער וויגט זיך. מען דערקענט נישט, אַז ער גייט". און האָבן האָט דזשיגיטאַ אַן אומהיימלעכן כּוח. זיינע מקורבֿים לעבן אין איין שרעק פֿאַר אים. אין וואָס באַשטייט זיין כּוח? „אפֿשר אין די קראָפּעווע־אויגן? אפֿשר אין די שטופּלען און אין די פּעטליע־אויגן? אָדער אין דער אומהיימלעכער פֿאַרהוילעניש זיינער, אין דעם דראָענדיקן שווייגן זיינעם? ער דרייט זיך אַרום, דער דזשיגיטאַ, ווי ער וואָלט געוועזן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אויסגעשטאָפּט מיט דינאַמיט, און דער קלענ־סטער באַריר קאָן צעשטערן אַ וועלט. איז דאָס דער סוד פֿון זיין גבֿורה?"

עס איז נישט שווער צו דערקענען אין דעם שווייגנדיקן גרוזינער, אין דעם „געשטופּלטן פּאָפּ", דזשיגיטאַ, סטאַלינען, פּונקט אַזוי ווי ס׳איז גרינג צו אידענ־טיפֿיצירן דעם סריס בוריאַן מיט בעריאַן און דעם אוקראַינער כאַכלאָוו מיט כרושטשאָוון. וועגן וועמען מ׳קען טראַכטן ביי מאַנס געמעלן פֿון דעם ראַטע־שרייבער, דעם ייִד בורגין און פֿון דעם בראָדיאַגע בוסלעי, וואָס שמעקט מיטן ריח פֿון דאָסטאָיעווסקיס פֿאַרשווינען ווייס איך נישט, אָבער זיי זענען ביידע סיי ווי ביז גאָר אינטערעסאַנטע געשטאַלטן. דער ייִד בורגין, דער צעשראָקענער און טראַגישער ייִד און דער בראָדיאַגע בוסלעי — זיי זענען געוועזן די אמתע מאמינים אין לושינס היץ־מיראַזש וועגן אַ וווּנדערדאָרף.

בורגין — די יידישע ירושה פון אידעאַליזם און דער בראָדיאַגע בוסלעי — די רוסישע רחבות „נישט עפּעס פון אַ כאַטע, נאָר פון אַ גאַנץ לאַנד", זיי טראָגן די זינד פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ דזשיגיטאַ, וואָס האָט זיך אַליין אַנטפּלעקט און אַרויפגעטראָגן צו מאַכט־שגעון דורך לושינס מיראַזש — „אַ ליכטיקן גן־עדן אים דאָרט ווי ער איז! כאַ־כאַ־כאַ".

און וואָס שייך דעם לעצטן גערעאַנגל פון די מקורבים מיט סטאַלינען, האָט אים מענדל מאַן אין 1956 געשילדערט אַ סך טיפער, אינטערעסאַנטער און אָן ערך פּסיכאָלאָגיש ווארער ווי דאָ אַנומלט דער טעלעוויזיע־סקריפּט אויפן סמך פון אויטענטישע באַריכטן פונעם אַמעריקאַנישן שפּיאָנאַזש־דינסט.

1959

ביי די טייכן פון פּוילן

א

ביי די טייכן פון פּוילן האָבן יידן געוווינט, געלערנט תורה און „געהאַנדלט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען" אין משך פון פולע טויזנט יאָר. און די וווינשאַפט פון יידן אויף דער פּוילישער ערד איז געווען מער תושבדיק און דער עיקרשט מער פאָלקיש געדויערדיק ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון יידישן צעזייט און צעשפּרייט. אין קיין שום אַנדער לאַנד פון אייראָפּע האָבן יידן נישט באַוויזן אַנצוהאַלטן אין אַזאַ מאָס זייער באַזונדערע קולטור־פאָלקישקייט ווי אין פּוילן.

און איינער פון די בולטסטע און געזונטסטע סימנים פון דער דאָזיקער אייגענער פאָלקישער קולטור־שעפערישקייט, איז זיכער געווען די יידיש־ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אין די לעצטע פערציק יאָר, ערב מאַידאַנעק, אַזוי אויס־טערליש־שיין פונאַנדערגעבליט.

און הגם יידן האָבן אין פּוילן פאָלקיש געלעבט און זיך שפּראַכלעך אויס־געלעבט מער אָפּגעשיידט פון דעם קולטור־אַרום ווי אין אַנדערע לענדער, איז פון דעסטוועגן דאָס יידיש־שעפערישע וואָרט געווען, און עד־היום פאַרבליבן, פול מיט בענקשאַפט צו פּוילן און פול מיט ליבשאַפט צו איר היסטאָריע און צו איר לאַנדשאַפט. יענער עלעגישער פסוק פון תהילים, וואָס דערציילט, אַז „אויף די ווערבעס, וואָס אין איר האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונדזערע האַרפעס" (על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו), איז חל אויך אויף די יידיש־שעפער פון פּוילן, אָבער מיט דעם גרונטאָוונעם אונטערשייד, וואָס פון די פידלען אויף די ווערבעס דאָ, האָט זיך געטראָגן נישט קיין קללה צו דער „טאָכטער בבל, דו אַנגעברייטע צו פאַרוויסטונג", נאָר אַ געזאַנג צו דער שיינקייט פון פּוילנס פעלדער און

וועלדער און אַן אַ שיעור איינזעעניש צום פּוילישן מענטש און פאַרשטענדעניש פאַרן שווערן גורל פונעם פּוילישן פאָלק אויפן שיידוועג צווישן מזרח און מערב.

עס טראָגט זיך פון די יידישע פּידלען אַ געזאַנג צו דער פּוילישער לאַנדשאַפט און צום פּוילישן לעבן, כאָטש דער יידיש־שעפער קאָן נישט פאַרמאַכן די אויגן און נישט באַהאַלטן די מורא, די ציטערניש פאַר דעם גרויל, פאַר דער שנאה און פאַר דער רוצחישער בייזקייט, וואָס קומט אַנטקעגן זיין יידישן פאָלק מצד דער „טאַכטער פּוילן, דו אַנגעברייטע צו פאַרוויסטונג".

פון אַלע אונדזערע ראָמאַניסטן, וואָס האָבן באַשריבן און באַזונגען די פּוי־לישע לאַנדשאַפט איז דער פאַרליבטער אין איר, בלי ספק, דער יינגסטער צווישן זיי, מענדל מאַן.

נישט ביי אָפּאַטאָשון און וויסענבערגן, און אויך נישט ביי אַשן, און אוודאי נישט ביי די ניכטערע ברידער זינגער, ביי י. י. זינגערן און ביי, אים צו לאַנגע יאָר, י. זינגער־באַשעוויסן, איז נישט פאַראַן אַזאַ מין פאַרכלינעטקייט, אַזאַ מין איבערשטראָמנדיקע ליבע און באַוווּנדערונג צו דער פּוילישער לאַנדשאַפט, ווי ביי מענדל מאַנען אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „על נהרות פּוילן".

וועגן דעם זיידע פון זיין העלד, דעם מחברס אַלטער עגאָ, מיכאַל, לאָזט מענדל מאַן דערציילן קיווע קאָפּ, וואָס איז געווען דער בעל־עגלה און אַ בן־בית ביי די „יאַסעס" (אַגב איז קיווע קאָפּ איינע פון די קינסטלעריש געראָטנסטע געשטאַלטן אין בוך), אַז „ער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און אַרום אים פּוילישע טייכן, פּוילישע הימלען. וויעזשבעס האָבן געענטפערט: אמן! אַפילו די פיש פון טייך האָבן בעת דיין זיידנס תפילה געפּאַטשט אין דעם טייך־שפּיגל".

איך האָב ציטירט צוויי פּסוקים פון קיווע קאָפּס מעשה און האָב דערמיט זיכער נישט איבערגעגעבן די פולע גאַמע פון די ליבע־טענער צו פּוילישער ערד, וואָס הערן זיך אַרויס פון קיוועס רייד. דעם דאָזיקן פולן ניגון פון ליבע קאָן מען נאָר אויפכאַפּן ווען מען לייענט דאָס בוך קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, וואָרעם דאָס ליבע־געזאַנג זינגט אַרויס נישט פון איינעם אָדער צוויי בקול־רמדיקע זאַצן, נאָר נאָך מער פון דער שטילקייט און שטומקייט הינטער די לאַנדשאַפט־געמעלן.

קיווע קאָפּ איז צווישן די זינגער צו פּוילן, אַזוי צו זאָגן, נישט מער ווי אַ פּרימיטיווער פאָלקס־טרובאַדור. מיכאלס מאַמע, יוטאַ, און טאַקע ער אַליין, זענען אין זייער ליבע־געזאַנג צו פּוילישער ערד אָן אַן ערך מער פּאָעטיש און מאַלע־ריש און מוזיקאַליש ראַפינירטער. די מאַמע יוטאַ שפּינט פאַר איר זון נישט בלויז דעם נגלה פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט, נאָר אויך איר נסתר, כ'מיין, דאָס באַלאַדישע, וואָס איז פאַרבונדן מיט יעדן טייך, מיט יעדן וואַלד און מיט יעדן בערגל אַרום דעם מאַזאָווישן שטעטל סאָכאַטשין.

די מאַמע, יוטאַ, איז געווען שטאָלץ אויף איר זיידנס ברודער, וואָס איז געפאַלן אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863. דער עלטער־פעטער מיכאַל

האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע אויפשטענדלער. ער איז אומגעקומען אין עלטער פון צוואַנציק יאָר און זיין קבר געפינט זיך אונטער אַ דעמב אויפן פעלד, נישט ווייט פון סאָכאַטשין. „ווען יוטאַ האָט זיך געריכט אין קימפּעט און געגרייט די קאָטש, איז געקומען קיווע מיטן בערנפעל. ס׳איז פון זיידן, ער האָט געהרגעט דעם בער. נעם, עס וועט דיך וואַרעמען. און בעת זי איז, אויפן וועג קיין וואַרשע, פאַרבייגעפאָרן דעם דעמב און געזען ווי די צוויַיגן זיינע פאַרדעקן אַ האַלבן הימל, איז אויפגעקומען אין איר זכרון דער זיידע. אין דער פרעמד וועט זי געבוירן. דעם קינדס טאַטע טראָגט זיך אַרום איבער דייטשישע שטעט. און זי האָט זיך ־געגעבן אַ נדר: אויב עס וועט זיין אַ יינגל, וועט ער טראָגן דעם נאָמען מיכאַל״.

דער זון מיכאַל האָט איבערגענומען דער מאַמעס ליבע צו פּוילישער ערד, און דער מאַמעס שטאָלץ צו פּוילישן יחוס און דערצו דעם פעטער עליעס (סטאַרי עליאַש) צוגעבונדנקייט צו דער ירושה־שטוב און צו די פעלדער, און ווען ער איז דערנאָך געוואָרן אַ מאָלער זענען זיינע בילדער געווען אַ שטיק גלאָריפיקאַציע פון מאַזאָוויעס ווייטן און ברייטקייטן — „אַלע וועגן אין מיכאַלס בילדער זענען אָפענע, ברייטע, מיט רעדער־אָפּדרוקן בלויי־זילבערנע פון טויען און רעגן־טראָפּנס. נישטאָ קיין צוימען, נאָר אַ באַהויכטע גרינקייט, וואָס כוואַליעט זיך ביז צו די האָריזאָנטן און דאָרט ווערט זי איינס מיט די פוכיקע וואָלקנס און די הימלען, די מילדע״.

און נישט נאָר די מעשות פון פּוילישן אַמאָל און די פאַרבן פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט האָבן באַצויבערט מיכאַלן אויף דער זאַגראָדע אין סאָכאַטשין און דערנאָך מיכאַלן, דעם גימנאַזיסט אין פּלינסק, נאָר ס׳האָט אים באַרוישט דער ריח פון מאַזאָווישע אויבסט־גערטנער. מיכאַל איז די צענטראַלע געשטאַלט פונעם ראָמאַן און ס׳איז כמעט נישטאָ קיין בלאַט און קיין סצענע אין בוך, ווו ער זאָל נישט דערביי זיין און אַלע מאָל, ווען מיר באַגעגענען אים, איז ער ממש איינ־געהילט אין דעם ריח פון די גרויסע, רויטע ווינטער־עפּל. זומער־צייט האָבן די עפּל פאַרשמעקט די דערפער און שטעטלעך פון מאַזאָוויע מיט דעם גוטן ריח פון זייער בליִעכץ און פון זייער רייפקייט, און אין די ווינטער־חדשים האָט דער עפּל־אַראָמאַט זיך געטראָגן פון אַלע שטיבער און פון אַלע שאַפעס, ווו די באַלע־באָסטעס האָבן זיי אָפּגעלייגט. דער ריח איז אַריינגעדרונגען אין די מלבושים, אין דער וועש און איז מיטגעגאַנגען מיט די דאָרפישע און מיט די שטאָטישע איבער די וועגן און איבער די יאַרידים.

ב

מענדל מאַן איז, ווי געזאָגט, דער סאַמע פאַרליבטסטער אין דער פּוילישער לאַנדשאַפט. ער איז דער פּוילישסטער פון צווישן אַלע אונדזערע יידיש־פּוילישע ראָמאַניסטן, אָבער ער איז דער צום ווייניקסטן יידישער פון צווישן זיי. ער איז

טאָקע נישט געקומען פון דער פרעמד צו יידיש און צו יידיש־שעפערישקייט, אָבער ער איז נישט דורכגעגאַנגען דעם הייסן באַק־אויוון פונעם „בית היוצר" פון יידישקייט, כ׳מיין חדר, בית־המדרש און ישיבה. און דערפאַר, ווען מענדל מאַן פאַרמעסט זיך אָפּצומאָלן פאַר אונדז דאָס בילד (און אַ מאָלער איז ער דווקא אַ גוטער, זייער אַ גוטער) פון דעם יידישן לעבן אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, פעלט דעם בילד זיינעם גאַנצקייט און צומאָל אויך דער בליק פון אינעווייניק אויף געוויסע טיילן פונעם געמעל.

דער עיקרשט איז זיין בליק אַ פרעמדלעכער, אַ פון דרויסנדיקער, אויפן פלינסקער שול־געסל. דער וועג פון מיכאַלן, דעם מחברס אַלטער־עגאָ, איז גע־ווען פון די סאָכאַטשינער פעלדער און אויבסט־גערטנער צו דער פלינסקער גימ־נאַזיע און קעריק. ערשט „נאָך דעם ווי קיווע האָט געברענגט נייעסן פון די דער־פער אַרום סאָכאַטשין, דערציילט וועגן די צרות פון די פעטערס, וועגן די ליידן פון יידן דאָרפגייערס און סאַדאָווניקעס, וועגן פעטער זאַלקעס פראָצעס, וועגן די גענג פון גוטאַזשעווער פריץ קעגן די יידישע מילנער, האָבן זיך די פוילישע ווייטן באַצויגן פאַר אים מיט נעפּלען און ער האָט זיך איינגעיאָזשעט ווי אַ שעפּס אין ערב שטורעם. ער האָט געזוכט די וואַרעמקייט פון די אָרעמע שטיבלעך פון שול־גאַס און דעם ניגון פון כאַצקלס פידל".

מענדל מאַנס העלד און אַלטער עגאָ, מיכאַל, האָט געזוכט די וואַרעמקייט פון דער שול־גאַס, אָבער ער האָט זי אין דעם ערב פון מלחמה־גרויל קינסטלע־ריש נישט געקענט געפונען אי ווייל ס׳איז שוין פשוט קיין צייט נישט געווען דערצו און אי ווייל אים האָט געפעלט די זעלישע צוגרייטונג אויף צו קענען דערזען די מענטשן פון דער שול־גאַס און צו ווערן נאָענט מיט זיי.

ווען עס גייט וועגן די געשטאַלטן, וואָס מענדל מאַן האָט זיי אויף אַן אמת, כ׳מיין, פון אינעווייניק געקענט, ווי למשל, קיווע קאָפּ, דעם אַלטן מאָלער סערגיי קריזשאַנאָווסקי, די גוטבאַזיצערין פון גוטאַזשעווע, פּאַני מאַריאַ לעוואַנדאָווסקאַ, זיינע חברים פון גימנאַזיע, דעם פּראָגרעסיוון זיגמונט פיעך און דעם נאַציאָנאַ־ליסטישן יעזשי מאַרכלעווסקי, און אויך דעם „סטאַרי עליאַש" און טאַקע דעם הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, מיכאַל, זענען זיי אַלע ממש פונעם ערשטן מאָמענט אָן, ווען מענדל מאַן נעמט דערציילן וועגן זיי, אָדער לאָזט זיי אַליין רעדן, לעבע־דיקע מענטשן. ס׳איז נישטאָ קיין גוזמא אין דער געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע פאַרשוינען. יעדער פאַטעטישער זשעסט זייערער און יעדער העכערער טאָן אין דעם סיפור־המעשה וועגן זיי איז באַרעכטיקט.

און דער בעסטער סימן פון זייער פולער און נאַטירלעכער לעבעדיקייט איז, וואָס מענדל מאַן קאָן זיך פאַרגינען און אַיעדן פון זיי לאָזן אַרויסקומען מיט אַ גערעדטער עסיי וועגן „דברים העומדים ברומו של עולם" און יעדע פון די עסייען איז אי גוט דורכגעטראַכט און אי ראַפינירט אין דער פאָרמולירונג און —

איז אָרגאַניש אין מויל פון די רעדערס. נאָר ווען די מענטשן אין אַ ראָמאַן לעבן מעגן זיי זיך דערלויבן אַריבערצושפּאַנען די געוויינלעכע גרענעצן פון דיאַלאָג און צו ווערן מאָנאָלאָג־זאָגערס. דאָס אַכזריותדיקע געזעץ פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג איז אַזאַ: לעבט דער העלד, מאַכט אים דער מאָנאָלאָג נאָך לעבע־דיקער. טאָמער אָבער הינקט אונטער דאָס חיות פון אַ ראָמאַן־געשטאַלט, איז יעדער מאָנאָלאָג אַן אַוועקשניט פון איר זשיפּענדיקן ביסל לעבן.

ביי מענדל מאַנען מאָנאָלאָגירן דער אַלטער מאָלער קריזשאַנאָווסקי וועגן יידן און זייער ליבע צו דער גרויער פאַרב, דער „סטאַרי עליאַש" און מיכאַל וועגן דעם היסטאָרישן חשבון צווישן פּוילן און יידן, און מיכאַלס מאַמע, יוטאַ, און צום טייל אויך קיווע קאָפּ וועגן די באַציִונגען צווישן די יידישע דורות און די רייד זענען אין הסכם מיט זייער געמיט, מיט זייער שכלדיקער יכולת און מיט זייער לעבעדיקייט.

קיווע איז, ווי שוין דערמאָנט, אַ וווּנדערלעך געצייכנטע געשטאַלט, אָבער די סצענע פון קיוועס טויט איז מער ווי דאָס, עס איז אַן אויסנעמלעכע קינסט־לערישע דערגרייכונג.

קיווע קאָפּ איז געשטאָרבן אין דער בריטשקע מיט די לייצעס אין די הענט אויפן וועג פון פּלינסק קיין סאָכאַטשין. דאָס פערד האָט דערהערט קיוועס לעצטן „אוי", און האָט זיך אָפּגעשטעלט. „דאָס פערד האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און געקוקט אויפן פורמאַן מיט איין אויג. דאָס אויג איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט פייכטן גלאַנץ. די פעל ביים קאַרק האָט צוויי מאָל אַ צוק געטאָן. אַ פאָדערשטער פוס פון פערד האָט געצוקט ביז דער קני".

דאָס בילד אין זיין גאַנצקייט איז אויפטרייסלענדיק און די פּרטים זענען פּינקטלעך און סוגעסטיוו ווי אין גרויסע געמעלן.

די פּויערים האָבן אונטערגעטריבן דאָס פערד, און די בריטשקע מיטן טויטן ייד איז געלאָפן איבער פּוילישע וועגן. ביי אַ ברונעם איז דאָס פערד געבליבן שטיין און פּויערים האָבן עס אָנגעפּאָיעט און ווייטער געיאָגט ביז ס'איז אָנגעקומען מיטן טויטן קיווע — פאַרנאַכט צום טויער פון דעם הויז פון די יאָסעס אין סאָכאַטשין.

דאָס וואָס דאָס פערד האָט, ווי מאַן דערציילט, ביים אָנקומען אַהיים, זיך פּלוצעם געשטעלט דיבאָם, האָט צעבראָכן דעם דישעל, איז אַוועק אין דער נאַכט אַריין און דערטרונקען געוואָרן אין קעסל־גרוב איז, ווי מיר דאַכט, בלויז אַ פינאַל לשם עפעקט. און דאָס איז איבעריק. דער טויטער ייד, אַ געיאָגטער איבער די וועגן פון פּוילן, איז פאַר זיך אַליין אַ גרויסע לירישע סצענע מיט סימבאָלישן אָטעם און זי נייטיקט זיך נישט אין אַ צוגעטראַכטן, מעלאָדראַמאַטיש־שטורמישן עפעקט ווי ס'איז דאָס דעם פערדס זעלבסטמאָרד.

ג

און מיט אַזעלכע נאַטוראַליסטישע און דראַמאַטיש־איבערגעכאַפּטע סצענעס זינדיקט מענדל מאַן, ווען ער נעמט מאָלן דאָס בילד פון דער יידישער גאַס אין פּלינסק. מענדל מאַן איז בטבע אַ ביסל געניגט צו שטאַרקע נאַטוראַליסטישע סצענעס, אָבער ער מיידט זיי אויס, אָדער לכל־הפּחות פאַרלירן זיי זיך ערגעצוווּ אין דעם געמעל, ווען זיינע העלדן זענען אים פּסיכאָלאָגיש אייגן, און ער איז קינסטלעריש אויף דער הייך ווי אַ דערציילער און ווי אַ מאָלער. דעמאָלט, ביים מאָלן די מענטשן פון סאָכאַטשין און צום טייל פון זיינע גימנאַזיע־חברים אין פּלינסק, איז זיין געמעל נישט „קיין שפּיל פון ליכט און שאָטן און נישט קיין זוכן עפעקטן און שיינקייטן". אָבער ווען עס קומט צו די מענטשן פון דער פּרו־מער שול־גאַס ווערט זיין מאָלעריי נישט מער ווי אַ בינטל פון „פאַרבן־פלעקן, וואָס זענען דרייסט געוואָרפן געוואָרן".

עס איז בפירוש דאָ דינאַמיק אין אַזעלכע פאַרשוינען ווי משה הערש, דער „תהילים־ייד", ווי זיין יורש, דער זון פון יאָשפע דער בעקערין, ווי יאָשפע גופא און איר שנור ברײנע און ווי די אַלע פאַרגרעבטע גבאים און שמשים זייערע. מען הערט די קללות פון די היפּער־דראַמאַטישע צונויפשטויסן, אָבער עס פעלט די נאַטירלעכע שטילקייט פון די געשטאַלטן און פון דער סביבה, וואָס דאַרף זיין דער בלאָער הימל, ווו עס זאַמלען זיך די וואָלקנס און עס לאָדן זיך אָן די דונערן.

אַזאַ סצענע ווי דער צונויפשטויס צווישן דער בעקערין יאָשפע, און איר שנור ברײנע אין שלאָפצימער פונעם רבין, ר' תנחום, איז נישט בלויז צו נאַטור־ראַליסטיש־רוי, נאָר זי איז אויך קינסטלעריש נישט וואָר, אַפילו ווען זי זאָל זיין הונדערט פּראָצענטיק אמת אין דער ווירקלעכקייט. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן „קיוועס ממזר" אין אולאַנען־שינעל, וואָס זאָגט אָן דעם קאַזשע־געסל, אַז עס גייען שלעכטע צייטן אויף יידן און אַליין ווערט ער אַ משרת ביי יאָשפע דער בעקערין. איך קען מיך נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז „קיוועס ממזר אין אולאַנען־שינעל" שמעקט מיט מעלאָדראַמע פון אַלטן יידישן טעאַטער.

און אפשר דערפון, טראַכט איך, וואָס „סאָכאַטשין" און דאָס „קאַזשע־געסל" זענען קינסטלעריש נישט גלייך אייגן מענדל מאַנען, האָט אויך געליטן דער געבוי פונעם ראָמאַן. וועגן סאָכאַטשין גייט דער סיפור־המעשה אין אַ נאַטירלעכן באַרג־אַרויף, בעת וועגן קאַזשע־געסל איז דער נאַראַטיוו צום טייל אַ באַהעפט פון „דרייסט אַנגעוואָרפענע פאַרבן־פלעקן".

ד

מענדל מאַן איז אַ פיינער, לירישער מאָלער פון נאַטור און פון מיליע־שטימונגען. מיליע־שטימונגען מאָלט ער מיט עטלעכע קורצע זאַצן, וואָס אַ יעדער

פון זיי איז פֿאַר זיך אַ בילד, אָדער ער סוגעסטירט זי דורך עפּעס אַן אויסנעמ־לעך טרעפֿיקן פֿאַרגלייך, וואָס ווייעט אָן די אַטמאָספֿער פֿון טיפֿן אומעט און פֿון בייזע אָנונגען. „נאָכן ערשטן מלחמה־טאָג — שרייבט מענדל מאַן וועגן וואַרשע — און ד'ער הימל זעט אויס ווי אַן אָפּגעשינדן טויט פֿערד".

פֿאַר מער אידיליש־היימישע שטימונגען נוצט מענדל מאַן, ווי געזאָגט, קורצע, כמעט אָפּגעהאַקטע זאַצן און עס קומען אַרויס בילדער, וואָס זענען פּרע־ציז אין די דעטאַלן און גיבן איבער אַ פֿאַרקיילעכיקטע, פֿולע גאַנצקייט. אָט איז דאָס בוידעם־שטיבל אין דער היים ביי זיין חבר, דעם שניידער־געזעל און פֿידל־שפּילער כאַסקל — „דער טיש איז באַדעקט מיט אַ צעראַטע, הייסע טעפּלעך טיי. צוויי איינגעקנוילטע יינגערע ברידערלעך אויף אַ שלאָף־באַנק. אַן אָרעמע פֿרוי, וואָס מע קאָן נישט וויסן אויב זי איז יונג אָדער אַלט, צערעוועט אַ זאָק און שפּינט אַריין די פֿידל־ניגונים, די גינגאַלדענע, צוזאַמען מיט די פֿעדעם".

דאָס בילד פֿון כאַסקלס שטוב ברענגט, דאַכט זיך, נישט קיין חידושים, אָבער עס איז פֿאַראַן אין דעם געמעל אַ פֿיינער חוש פֿאַר קאָמפּאָזיציע און אַ ציטערדיק ליריש געפֿיל. און די צוויי זאַכן זענען תמיד ניי און תמיד אָריגינעל.

פארצייכענונגען

הונדערט יאָר שלום־עליכם *

לויטן יידישן לוח ווערן אַ טאָג נאָך שושן פורים פאַרפולט הונדערט יאָר זינט עס איז ביי דעם שניטקרעמער נחום ראַבינאָוויטש און זיין פרוי חיה אסתר פון דער דרום־אוקראַיִנישער שטאָט פערעיאַסלעוו געבוירן געוואָרן דאָס דריטע קינד זייערס שלום, וואָס איז אונטערן פען־נאָמען שלום־עליכם מיט גאָטס געגנאָד געוואָרן אַ גרויסער שרייבער, איינער פון די גרעסטע שרייבער ביי יידן.

פון די הונדערט יאָר זינט דעמאָלט האָט דער באַשאַפער פון טביהן און מנחם מענדלען פאַרווילט בלויז 57 יאָר אין גופישער לעבעדיקייט אויף אונדזער ערד. אָבער אין די 43 יאָר זינט שלום־עליכם איז נפטר געוואָרן און הונדערטער און טויזנטער יידן פון אונדזער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליע האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו אויפן בית עולם פונעם אַרבעטער־רינג — אין די 43 יאָר איז דער נאָמען שלום־עליכם געוואַקסן אין לעבעדיקער השפּעה אין דעם געמיט פון דעם יידיש־ און העברעיִש־לייענענדיקן פאָלק ישראל און אויך אין געמיט פון מיליאָנען יידישע און נישט־יידישע לייענער, וואָס האָבן שלום־עליכמס ווערק געלייענט אין איבערזעצונגען אין כלערליי שפּראַכן.

אין די דריי און פערציק יאָר זינט שלום־עליכמס פּטירה, איז זיין ווערק אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ מאַכט אין יידישן לעבן. שלום־עליכמס געשטאַלטן זענען אַריין אין פאָלקס־לשון און זענען געוואָרן שפּראַך־נימשל, און מער ווי דאָס — די געשטאַלטן זענען געוואָרן אונדזער פאָלקיש־פּסיכאָלאָגישע זעלבסט־דערקענטעניש, זענען געוואָרן די מאָס פון אונדזער מאָראַלישן און פילאָסאָפישן בליק אויף וועלט און גורל.

אין די איבער פערציק יאָר זינט שלום־עליכמס פריצייטיקן טויט, האָבן מיר טיפער און נענטער דערפילט זיין גרויסן ליטעראַריש־שעפערישן אויפטו. טיפער און נענטער, ווייל פאַר די פערציק יאָר האָט דאָס יידישע לעבן דורכ־געמאַכט אַזאַ גרינטלעכן בייט ווי אַן אַנדערש מאָל אַפילו נישט אין צען מאָל פערציק יאָר פון אונדזער געשיכטע.

אַזאַ גרויליקער אומקום, וואָס אַפילו די פינצטערסטע צייטן האָבן פון אים

* געדענקוואָרט, געהאַלטן ביי דער דריי און דרייסיקסטער ייוואָ־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, דעם 14טן פעברואַר 1959.

נישט געוווּסט, און אַזאַ ליכטיקער אויפקום, וואָס צענדליקער יידישע דורות האָבן וועגן אים בלויז תפילהדיק געטרוימט.

דער משחית האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָט אומגעבראַכט הונדערטער און טויזנטער יידישע קהילות.

אַ טיפע טויט־שווייגעניש הויערט איבער אונדזער הייליקער חרוב־געוואָרענער קאַסרילעווקע אין מזרח־אייראָפּע.

און וואָס דער טויט האָט נישט באַוויזן שטום צו מאַכן, פּרוּווט איצט אַ דיקטאַטור פון באַפרייונגס־ און פון רעטונגס־אָנשטעל הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג" קולטורעל צו דערוואַרגן און שטום צו מאַכן.

איז, אין אַט דער צייט ווען אַ טייל פון אונדזער פאָלק לעבט אין שרעק פון קולטור־פאַרניכטונג און אין קלעם פון אומהיימלעכער שווייגעניש, פילן מיר יידן אין אַמעריקע, אין מדינת ישראל און אין אַלע פרייע לענדער מיט נאָך מער וואַכיקייט די באַזונדערע זכיה צו פייערן דעם יום־טוב פון יידישער באַרעדעוודיקייט.

וואָרום דער געניאַלער יידיש־שרייבער שלום־עליכם איז אין דער ערשטער ריי געווען דער גרויסער קינסטלערישער אָרגאַניזאַטאָר פון יידישע רייד און פון יידישע רעדערס.

פאַר אים האָבן די יידן פון קאַסרילעווקע און יעהופּעץ, פון מאַזעפּעווקע און באַרדיטשעוו ווי נישט גערעדט אין דער ליטעראַטור. זיי האָבן בלויז געלאָזט וועגן זיך דערציילן און פון צייט צו צייט אויך אַליין אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ זאָץ, אַ זייטל. ערשט ביי שלום־עליכמען האָבן די טביהס, די מנחם מענדלס און די מאָטל פּייסיס עפּעס ווי אַוועקגעשטעלט די דערציילערס אין אַ זייט און זיך אַליין גענומען אויסלייגן זייערע אייגענע ניין מאָס רייד, וואָס האָבן זיי אַזוי שווער געדריקט אויפן האַרץ.

און אַז די צונג פון שלום־עליכמס רעדערס האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן גענומען פליען ווערטער, יידישע ווערטער, אָנגעלאָדענע מיט דערפאַרונג און קלוגשאַפט פון דורות, מיט צער און מיט לייד פון גאַנצע יידישע ישובים, מיט בטחון און רעזיגנאַציע און מיט אומרו און חלום פון אויסדערוויילטע.

טביה וואָלט געקאָנט באַטיילן אַ וועלט מיט זיין מענטשן־ליבשאַפט און מיט זיין בטחון אין דער העכערער קראַפט פון גוטס, וואָס וועט און מוז מנצח זיין דאָס בייזע. טביה וויזט דערמיט נישט אַרויס קיין תמימות אָדער וועלט־פרעמדקייט, נאָר פאַרקערט, ער באַווייזט אַ לאַנגע דערפאַרונג פון געשעענישן און אַ טיפע קענטעניש פון מענטשן. טביה ווייסט, אַז דער מענטש איז אַן עלנט און איינזאַם באַשעפעניש און איז דערפאַר אָפט בייז און צערייצט. טביה לאָזט אַלע מאָל זיינס איבערגיין, ווייל ער פאַרשטייט מער ווי אַנדערע דעם מין גורל און דעם מין מענטש. פון דער דאָזיקער פאַרשטענדעניש פאַר דער נישטיקייט

און פאַרגענגלעכקייט פון גורלס קלעפּ און פון מענטשלעכער רשעות וואַקסט אַרויס טביהס ליבשאַפט און טביהס הומאָר.

עס איז דער הומאָר נישט פון אַ צופרידענעם, וואָס דערציילט אין פריידן, נאָר ס'איז די מיט געלעכטער־געמישטע טרער פון אַ מענטשן אין סאַמע מיט פון צרות, פון אַ מענטשן, וואָס האָט געגוג פאַנטאַזיע און וויזיע צו זען דאָס ביסעלע פרייד טאַקע אין די ליידן און דאָס ביסעלע גוטס טאַקע אין דער רשעות.

מיט אַט דער לעבנס־פילאָסאָפיע האָט שלום־עליכם טביהן דערהויבן צום סימבאָל פון זיין פאָלק, דעם פאָלק, וואָס האָט מיט זיין עקזיסטענץ געשפּאָלטן אַזוי פיל ימים פון צרות און האָט זיך דערביי אויסגעהיט פון ביטערקייט און האָט נישט פאַרלוירן די אייביק גרינע האָפענונג אויף דעם פינטעלע גוטס וואָס וועט קומען. און אַרום דעם פאַטעטישן אויסקוק און משיחן פלאַטערט אַ מיל־דער שמייכל פון הומאָר, וואָס ווינקט אָן אויף דער מעגלעכקייט, אַז די דערוואַר־טונג איז אין תוך אפשר אויך נישט מער ווי אַן אילוזיע. אָבער פון דעסטוועגן בלייבט דער בטחון, אַז דאָס דערוואַרטע וועט קומען — די איינציקע פרייד און די זיכערקייט אין לעבן.

טביה רעפּרעזענטירט אַזוי אַרום דעם, וואָלט איך געזאָגט, אָפּטימיסטישן לעבנס־פּעסימיזם און דעם הומאַניסטישן שווונג פון זיין פאָלק.

מנחם מענדל — שלום־עליכמס צווייטע גרויסע ליטעראַרישע געשטאַלט — איז דער שטורמישער ריטער פון באַוועגלעכקייט און טרוים. ער האָט פיינט דאָס סטאַטישע, דאָס פאַרגליווערטע. אַ טיפער זעלישער אומרו טרייבט אים אַריבערצופליען איבער דער ווירקלעכקייט, נישט כדי עפּעס צו דערגרייכן. מנחם מענדל איז נישט קיין בעל־תכלית. דער פלי אַליין, דער חלום באַגייסטערט אים און ער איז דערפאַר גרייט מקריב צו זיין דאָס, וואָס מענטשן רופן אַן לעבן. מען האָט ביי אונדז ליב געהאַט און, דאַכט זיך, נאָך נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן, צו פאַרטייטשן מנחם מענדלען עקאָנאָמיש, נאָכצוווייזן, אַז מנחם מענדל איז דער רעזולטאַט פון יידישער באַדנלאָזיקייט, דער אויסדרוק פון ווירטשאַפטלעכער און בכן אויך פון פּסיכישער אומנאָרמאַלקייט. זאָלן מיט אַט דעם טייטש צופרידן זיין יענע, וואָס האָבן אין זיך און אין אַנדערע קיין מאָל נישט דערפילט דאָס מנחם מענדלשע, דאָס אייביק מנחם מענדלשע. פאַר מיר, און פאַר טויזנטער אַנדערע יידן מיט אַ ניצוץ מנחם־מענדלישקייט אין האַרצן, איז שלום־עליכנס העלד דער סימבאָל פון יענעם סאַמע נאַרמאַלסטן יידיש־גייסטיקן אומרו, וואָס האָט זיך מיט גוואַלד געריסן אַרויס פון דער מיזערנער ווירקלעכקייט און געזוכט דעם פאַטענט ווי אַזוי מיטן גלי פון געהירן, מיט אַ פונק פון פאַנטאַזיע און מיט אַן אָנשטרענג פון ווילן, צו דערגרייכן דאָס אַבסאָ־לוטע אין דער מאָראַל, דאָס שלימותדיקסטע אין אינטעלעקט און דאָס פולקאָ־מענסטע אין ווירטשאַפטלעכער אונטערנעמערישקייט. דאָס לעצטע נישט, חלילה,

כדי רייך צו ווערן, וואָרעם רייך און אָרעם פּויזען ביידע ווי ווערים אויף דער ערד, נאָר כדי אַריבערצופליען איבער זיי צו יענער הייך, וווּ דאָס מאַטעריעלע ווערט גייסט און די ציפערן פון דער בירזשע ווערן מיסטישע גמטריאות.

אויף דער ליניע פון מנחם מענדלען און אויפן שטח פון זיינע גראָטעסקע אַרומשפּרינגעגנישן אין אַ וועלט, וואָס פּענטעט גייסט מיט פּראַקטישע עצות פון שיינע שיינדלען און איר מאַמען, באַוועגן זיך יענע אומצאָליקע יידישע מענטשן, וואָס האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן דענערווירט די וועלט מיט זייערע אידעאַלן און נישט צו רו געלאָזט דאָס מיטלמעסיקע און צופרידענע, נישט אין דער מאָראַל, נישט אין דער פּאָליטיק און נישט אין דער קונסט.

מנחם־מענדל, דאָס איז אַזוי אַרום בלויז די קאָסרילעווקער מאַסקע פאַר דעם עכטן, אַזוי עכטן יידישן טרוימער, וואָס חלומט שוין זיינע אומרויִקע חלומות איבער דער וועלט־געשיכטע טויזנטער יאָרן צום פאַרדראָס פון אַזוי פיל טיראַנען און צו דער שרעק פון אַזוי פיל שקלאַפן.

אין מאָטל פּייסי דעם חזנס ווידער אַנטפּלעקט זיך די וווּנדערלעכע יידישע לעבנס־עקשנות. דאָ אַ זערנע און דאָרט אַ זערנע. פון דאָרט אַ שמייכל און פון דאָ אַ מילדער בליק און אַ יתום ווי מאָטל קאָן זיך געפינען זיין פּלעצל אין לעבן. נישט אין עשירות און אין כבוד, נאָר אין אָרעמקייט און מיט אַ קלאַפּ אין אַ זייט. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק — ווייל דער עיקר איז דאָך דאָס לעבן גופא. און אויב איר ווילט איז יעדער יידישער דור ערגעץ ווו אַ יתום, וואָס האָט אַ ברודער עליע — אַ פאַרזאָרגער, און אַ שכנה, וואָס סימבאָליזירט אונדזער אָנשפּאַר אויף דער וועלטס ביסל חסד, און יעדער יידישער דור קומט יאַקאָש דורך אין לעבן.

איך דערמאָן דאָ בלויז די דריי שלום־עליכמשע געשטאַלטן, ווייל זיי האָבן די זכיה פון אייביק לעבן אין אונדזער יאָמערטאָל פון שטאַרביקייט. גרויסע שעפער געלינגט עס צו לאָזן כאָטש אַ טייל פון זייערע באַשאַפענע געשטאַלטן עסן פונעם עץ־החיים און אַזוי אַרום גובר צו זיין דעם טויט. זיי ווערן אייביקע ליטעראַרישע געשטאַלטן, וואָס געדויערן אַריבער פון דור צו דור און האָבן אין יעדער גענעראַציע אַ נייעם גורל־איבערשמועס מיט זייער פאָלק. צו די גרויסע געשטאַלטן געהערן שלום־עליכמס טביה דער מילכיקער, מנחם־מענדל און, אין אַ געוויסער מאָס, אויך מאָטל פּייסי דעם חזנס.

ווען שלום־עליכם האָט געשאַפן זיינע ליטעראַרישע פאַרשוינען, האָט ער, מן הסתם, נישט געטראַכט וועגן קאַטעגאָריע, נאָר אין זינען געהאַט בלויז זיינע העלדן־יחידים. אָבער דערין באַשטייט טאַקע שלום־עליכמס גרויסקייט, וואָס זיינע געשטאַלטן אָטעמען נישט געוואָלטערהייט מיט נאַציאָנאַלער סימבאָליק. אַרום אָט די גרויסע מאָנומענטאַלע פיגורן האָט שלום־עליכם געלאָזט ווימלען צענדליקער קלענערע געשטאַלטן און געשטאַלטעלעך. איעדע מיט אירע קליינע צרות און פריידן, איעדע מיט איר גרויס יידיש־לשון.

גרויס יידיש־לשון, ווארעם אין מויל פון זיינע העלדן האט שלום־עליכם דורכגעפירט די גענעראל־מאביליזאציע פון יידיש־ווערטער, פון אלע פאלקס־זאגעכצער און פאלקס־רעדעכצער, פון אלע גלייכווערטלעך און מענה־לשונס. ער האט אויפגעוויקלט פאר אונדז די גאנצע מגילה פון דער יידיש־שפראך און אונדז געבראכט דעם גאנצן אוצר, וואס גענעראציעס האבן אנגעפרעטעט.

מען מוז זיך אלע מאל חידושן און מען קאן זיך נישט אויפהערן צו פרעגן, ווי אזוי איין מענטש האט אין זיך געקאנט טראגן אזוי פיל שפראך, זיך געקאנט קינסטלעריש ארויסזען פון אונטער אזוי פיל פלאסטן פאלקס־לשון. דער ענטפער אויף דער פראגע קאן זיין בלויז דער: שלום־עליכם איז געווען אן איינמאליק גרויס נאטור־געשעעניש אין דער יידיש־שפראך.

ווער ס׳פרווט אים ליטעראריש נאכצומאכן באווייזט דערמיט נאר זיין הילפלאזיקייט און איז עובר אויף פראפאנאציע. ווארעם שלום־עליכמען קאן מען בלויז געניסן און באוואונדערן, און... ביי אים, ביי זיין טביהן, דארף מען לערנען בטחון, ביי זיין מנחם מענדלען חלום און ביי מאטל פייסיס — לעבנס־עקשנות. אין אלע דריי זאכן נייטיקן זיך איצט יידן, איצט ווי אלע מאל, איצט ווי תמיד.

גארגאנטוא און פאנטאגרועל

טראמפייטן האבן געשאלט און א חשובער בירגער, אנגעטאן אין גלחישע קליידער מיט א פיר־שפיציק היטל אויפן קאפ, איז ארויף אויף דער טריבונע און האט גענומען לייענען פון דער „עוואנגעליע על פי ראבלע״ — א לעקציע וועגן די מעלות פון שפעדיקער שפייז און פון גוטער משקה.

די „פרומע דרשה״ האט דער חשובער בירגער געהאלטן פאר א מסיבה פון אן ערך צוויי הונדערט פון די סאמע „פני״ פון דער פראנצויזישער שטאט ליאן, וואס האבן ביי א סעודה אין דעם אלטן און אלטמאדישן האטעל „דיע״ געפראוועט דעם סיום פונעם ראבלע־יאר.

עס זענען פארפולט געווארן פיר הונדערט יאר זינט ס׳איז אין פראנקרייך געשטארבן ערגעץ־ווו (פאראן א יש אומרים, אז אין פאריז, אין דער רי דע זשארדען) און ערגעץ־ווען (כמעט אלע פארשער זענען מסכים, אז אין 1553 אדער בשכנות מיט דעם יאר) ד״ר פראנסוא ראבלע, דער מחבר פון דער בארימטער פאנטאסטישער מעשה אין פיר בענד וועגן דעם ריז גארגאנטוא און זיין זון פאנטאגרועל, דער „קעניג פון די נישטיקע״.

ליאָן, די שטאָט פון זיידנס און פון קונסט־שפּיצן, האָט בפירוש פאַרדינט דעם כבוד אָפּצושליסן דאָס ראַבלע־יאָר, וואָרעם אין ליאָן האָט ד״ר ראַבלע פּראַקטיצירט אַ שטיק צייט מעדיצין און דאָרט האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט די מעשה וועגן פאַנטאַגרועלס וואַנדערונגען און באַגעגענישן. און וואָס שייך דעם האָטעל „דיע״, איז עס אַ היסטאָריש פּלאַץ. דאָ האָט ראַבלע געוווינט און דאָ האָט ער געשריבן זיין ווערק.

די סיום־מאָלצייט פון די ליאָנער „פּני״ האָט, לויט אַ באַריכט פון אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, נישט אַנדערש נאָר געכאַפּט דעם אָנבליק פון יענער סעודה, וואָס ווערט אַזוי דראַמאַטיש באַשריבן אין אונדזער מגילת אסתר.

עס איז געווען אַן אויסשליסלעך מאַנסבילישע סעודה, זי האָט, וואָס אמת, געדויערט אָן אַן ערך וויניקער ווי די שמחה אין אחשורושס הויף, אָבער די עסנס און די געטראַנקען, וואָס די „סמעטענע״ פון דער ליאָנער בירגערשאַפט האָט אין זיך אַריינגעלייגט און אַריינגעגאָסן אין משך פון דער פינף־שעהדיקער ראַבלע־מאָלצייט, זענען אין שפע און אין פאַרשידנאַרטיקייט זיכער נישט אָפּגעשטאַנען פון אחשורושס סעודה.

איבעריקנס האָט דער מחבר פון מגילת אסתר אייגנטלעך געהאַט מער וואָס צו דערציילן וועגן דער רייכער דעקאָראַציע פונעם עס־זאַל און וועגן דער פאַרשידנקייט פון די כלים ווי וועגן די מאכלים און דער משקה גופא.

דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט אָבער, וואָס באַשרייבט די סעודה אין האָטעל „דיע״, שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף די שפּייזן און אויף די כלערליי סאָרטן ווײַן און בראַנפן, וואָרעם די ליאָנער פּאַטריציער האָבן, ווייזט אויס, אין זינען געהאַט תוך, טאַקע דעם ענין פון עסן און טרינקען.

אַזאַ שווערע און רייכע סעודה איז אַן עבודת פּרך אַפילו פאַר פּראָנצויזישע גורמאַנען און די ליאָנער „פּני״ האָבן אויף זיך די האַרעוואַניע גענומען נישט צוליב סתם גופישער הנאה, נאָר, אַזוי צו זאָגן, לשם מצווה. זיי זענען מיט דעם לאַנגן און פעטן מאָלצייט אויסן געווען אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון זייער גרויסן מיטבירגער ראַבלע.

דאָס ליאָנער מאָלצייט איז געווען אַ סעודת־מצווה. מען האָט געגעסן און געטרונקען, ווייל „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין״. מען האָט מקיים געווען די צוואה פונעם גרויסן שרייבער ראַבלע. און די סעודה אין ליאָן האָט געזאָלט סימבאָליזירן דעם אופן לעבן, וועלכן ס׳האָט אָנגעזאָגט ראַבלע אין זיין געשיכטע וועגן די ריזן גאַרגאַנטוע און פאַנטאַגרועל.

דערפאַר טאַקע האָט מען אין ליאָן נישט בלויז געגעסן און געטרונקען איבער דער מאָס, נאָר מען האָט אויך געלייענט פון מגילת ראַבלע, כדי מען זאָל זיין זיכער, אַז טאַקע אַזוי און נישט אַנדערש האָט דער רבי געהייסן.

אָבער האָט טאַקע דער רבי ראַבלע אַזוי געהייסן? אויף אָט דער פראַגע איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. עס איז וועגן דעם אָנגעגאַנגען אַ שקלאַ וטריא אין משך פון אַלע איבער פיר הונדערט יאָר זינט ראַבלעס ווערק איז צום ערשטן מאָל דערשינען.

אַז די קאַטוילישע צענזאָרן האָבן אין דער געשיכטע וועגן פאַנטאַגרועל און זיין פאָטער גאַרגאַנטואַ געזען אַ גלאָריפיצירונג פון „פרעס און זויף" און אויך פון זנות און האָבן ראַבלעס בוך באַטראַכט ווי אַ לעסטערונג פון דער קירך און פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל — פון דעם איז אָפּגערעדט.

אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען אָן אַן ערך טאָלעראַנטער ווי די קאַטוילישע גלחים און האָבן געהאַט אַ קינסטלערישן צוגאַנג צו קונסט, האָבן פון דעסטוועגן נישט געקאָנט אויפנעמען ראַבלעס ווערק און האָבן עס מאָראַליש און קינסטלעריש אָוועקגעמאַכט.

וואָס דאַרף מען מער? אָט איז מישעל מאָנטען, דער „פאָטער פון די עסייִסטן", וואָס איז געווען כמעט אַ מיטצייטלער פון ראַבלען (ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר ווען ראַבלע איז געשטאָרבן), און מאָנטען האָט געהאַלטן, אַז ראַבלעס „גאַרגאַנטואַ און פאַנטאַגרועל" איז אַן אַמוזירנדיקע מעשה. דאָס אַלץ און נישט מער.

און צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, ווען ס'איז שוין געווען גענוג דיסטאַנץ אין צייט אויף צו דערזען אי די קינסטלערישע גרויסקייט און אי די מאָראַל פון ראַבלעס ווערק, האָט אַזאַ קלוגער און ראַפינירטער קאָפּ ווי וואָלטער געשריבן וועגן ראַבלען, אַז ער איז געווען „אַ שיכורער פילאָזאָף, וואָס האָט געשריבן בלויז ווען ער איז געווען אָנגעטרונקען" און אַז ראַבלעס גאַרגאַנטואַ און פאַנטאַגרועל איז „אַן איבערטריבן און אומפאַרשטענדלעך בוך, פול מיט בילדונג, מיט שמוץ און מיט נודאַטע".

די פיינטלעכע באַציִונג צו ראַבלען און זיין ווערק אין משך פון די דורות קומט צום אויסדרוק, ווי עס דערציילט אונדז אַן אַמעריקאַנישער ראַבלע־איבערזעצער (צום באַדויערן גיט ער נישט אָן די קוואַלן פון וואַנען ער שעפּט זיינע ידיעות) אין די פּרוּוון צו פאַרטייטשן דעם מיין פון דעם נאָמען ראַבלע. עס זענען געווען אַזעלכע חוזק־פילאָלאָגן, וואָס האָבן געדרונגען ראַבלע (פראַנצויזיש ווערט עס געשריבן ראַבלעס) פונעם העברעיִשן שורש „רב לץ" (אַ גרויסער לץ) און אַנדערע, ווידער, פון די לאַטיינישע ווערטער „לעזוס ראַביע" (געראַנעט פון שגעון).

ערשט איז ניינצנטן יאָרהונדערט, ד. ה. דריי הונדערט יאָר נאָך זיין טויט, האָט מען ראַבלען אויף אַן אמת אנטדעקט. זיינע אַנטדעקער זענען געווען פראַנקרייכס אַזעלכע גרויסע דיכטער און קריטיקער ווי באַלזאַק, וויקטאָר הוגאָ, פלאָבער, היפּאָליט טען און סענבעוו. הייַנט צו טאָג דערוואַגט זיך שוין

קיינער נישט אָפּצופרעגן ראַבלען דעם קינסטלער. איצט איז ראַבלע שוין אַלגעמיין אָנערקענט אי ווי איינער פון די סאַמע געבילדעטסטע שרייבער, וואָס פראַנקרייך האָט ווען עס איז געהאַט און אי ווי דער ערשטער גרויסער מייסטער פון פראַנצויזישער פּראָזע, ווי איינער פון די פאָטערס פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

און קיינער לייקנט שוין היינט נישט, אַז מיט דעם פאַרנעם פון זיין סאַטירע, פון זיין ברוטאַלער סאַטירע, אין וועלכער ער האָט אָפּגעשפּיגלט די מאָראַלישע שפלות פון אַלע קלאַסן פון דער מלוכה פון זיין צייט, דער עיקר פון די גלחים, פון די טשינאָווניקעס און פון די געלערנטע האָט פראַנסואַ ראַבלע מער ווי יעדער אַנדער שרייבער פון זעכצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעפירט די מענטשהייט פון דער מיטלאַלטערלעכער קלויסטער־אַטמאָספער און זי אַ שטויס געטאָן אויפן וועג צו געדאַנקלעכער און געזעלשאַפטלעכער באַפרייונג.

דערמיט, וואָס ער האָט צוריקגעפאָדערט די רעכט פאַרן מענטשלעכן גוף און האָט פּראָקלאַמירט, אַז די וועלט איז אַ גוטע, נאָר די מענטשן מאַכן זי קאַליע מיט זייער „גייסט", איז ער אין תוך געווען דער פאַרגייער פון דעם צוויי הונדערט יאָר שפּעטער באַרימטן גלאָריפיצירער פון דער „גוטער נאַטור", זשאַן זשאַק רוסאָ.

מיט זיין וויציקער צעשמעטערונג פון נאַרישער ראָמאַנטישקייט און פון די מעטאַפיזישע מאַניאַקעס איז ראַבלע געווען דער פאָרגייער דווקא פון דעם זעלבן וואָלטער, וואָס האָט אים, ראַבלען, צוויי הונדערט יאָר שפּעטער דערקלערט פאַר אַ „שיכורן פילאָזאָף, וואָס שרייבט ווען ער איז אָנגעטרונקען".

אַזוי דירעקט ווי רוסאָ און ווי וואָלטער האָט ראַבלע נישט געשריבן, אויך נישט געקאָנט שרייבן, ווייל ער האָט געלעבט אין זעכצנטן און נישט אין אַכצנטן יאָרהונדערט. ער האָט געלעבט ביים סאַמע אויסגאַנג פונעם מיטלאַלטער און נישט אין ברען פון דער אייראָפּעישער אויפקלערונג ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

*

ווען מען גיט אַ טראַכט וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע נייַקייטן די מענטשהייט האָט געהאַט איבערצולעבן אין די יאָרן ערב ראַבלעס געבורט און ביז צום דערשיינען פון „גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל", מוז מען אַפילו אין שיין פון אונדזערע אייגענע טעג מודה זיין, אַז יענע צייט פון דער צווייטער העלפט פון פופצנטן און אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פון אַ טיפן איבערבראָך אין מענטשלעכן געמיט.

די איינפירונג פון שיספּולווער אין דער מערב־וועלט האָט געמאַכט אַ

סוף צו ריטערטום און צו ריטערלעכקייט; די אַנטדעקונג פון אַמעריקע דורך קאָלאָמבוס און די נאָך גרעסערע אַנטדעקונג פון דער ערדס באַוועגונג דורך קאָפּערניקוס האָט געעפנט אומבאַקאַנטע ווייטקייטן אין קאָסמאָס. די אויס־שפּרייטונג פון דער דרוק־קונסט האָט אויסגעברייטערט דעם קרייז פון לייענער און געשאַפן דאָס, וואָס מען רופט אַ מאַסן־לייענערשאַפט, און דער אויפקום פון דער רעליגיעזער רעפאָרמאַציע אונטער מאַרטין לוטער האָט דורכגעבראָכן נייע וועגן פאַר דער געדאַנקלעכער און געזעלשאַפטלעכער געשטאַלטיקונג פון אייראָפּע.

אָט די אַלע נאָר־וואָס דערמאָנטע געשעענישן האָבן געהאַט, וואָלט איך געזאָגט, אַן „איבערגעטריבענעם טעמפּעראַמענט". זיי זענען געווען אַ ביסל שטורמיש און אומגעלומפּערט און זענען אַריין אין דער אייראָפּעיִשער פאָר־צעלאַן־וועלט מיט דעם אַלץ צעשמעטערנדיקן טראָט פון העלפאַנטן.

קיין שום שרייבער האָט, דאַכט זיך, נישט אַזוי צום אויסדרוק געבראַכט אָט דעם „איבערגעטריבענעם טעמפּעראַמענט" פון דעם גייסט פון זיין צייט ווי פראַנסואַ ראַבלע.

די מעשה וועגן זיינע ריזן גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל איז שטורעמדיק פאַנטאַסטיש. און דער מחבר מיט זיינע געשטאַלטן רייסן זיך אַריין אין אַלע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שאַפונגס־געביטן פון דער צייט מיט ברוטאַ־לער סאַטירע און מיט פאַרניכטנדיקן וויץ, מיט דער אומדערשראָקענער גע־וואַגטקייט פון וואָרט און בילד, מיט ברייטער און טיפער לומדות און מיט ביזן בייז טרעפנדיקער איראָניע קעגן פאַלשער און אומנוציקער געלערנטקייט און מיט להכעיסדיק־גוזמאדיקער לעביונגשאַפט.

ס'איז אַ זאַמאַך פון לעביונגשאַפט, וואָס וויל זאָגן: איר דערפירט ביז גראָטעסק די פאַלשקייט פון אייער אַסקעטיזם און דעם אָנשטעל פון צניעות און פון בושה מיט די באַדערפעֿנישן פונעם גוף, וועל איך, ד"ר ראַבלע, אויף איך אַ שליידער טאָן די פאַנטאַסטישע גוזמא פון דעם „פרעס און זויף" און די בושהלאָזיקייט פון גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל און וועל דערטרינקען אין חוזק די מיאוסקייט פון אייערע פאַלשע בושות און פון אייערע באַהאַלטענע זינד מיט דער איבערגעטריבענער אַנימאַלישער לעביונגשאַפט פון מיינע העלדן, וואָס האָבן באַלד ווי זיי זענען אַרויס פון דער מאַמעס בויך געחלשט: „אַ טרונק, אַ טרונק, אַ טרונק!"

איך ווייס נישט וועלכן פּרק פון „ראַבלעס עוואַנגעליע" דער בירגער מיטן פּירקאַנטיקן היטל אויפן קאָפּ האָט געלייענט ביי דער סעודה אין ליאָן. אָבער איך ווייס, אַז עס איז אַוודאי נישט שווער אָנגעקומען צו געפינען אין ראַבלעס מעשה וועגן די ריזן אַ קאַפּיטל, וואָס פאַרגייט זיך גוזמאדיק מיט דער הנאה פון „עס און טרינק". ער האָט בלויז געדאַרפט עפענען דאָס בוך

וועגן די „העראָישע מעשים און זאָגענישן פון דעם חשובן פּאַנטאַגרועל" און לייענען דעם אַריינפּיר, אין וועלכן דער מחבר פּרעזענטירט זיך פאַרן „גוטן עולם", די באַרימטע טרינקערס" און פרעגט זיך ביי זיי נאָך צי זיי האָבן געהערט וועגן דיאָגענעסן, דעם פילאָזאָף־ציניקער און דערנאָך איז ער מפסיק אויף אַ רגע, ווייל ער וויל „אַ צי טאָן פון דער פלאַש" און פאַרזיכערט דעם „גוטן עולם", אַז „טרינקענדיק טראַכט איך, שמועס, פאַרענטפער פּראָב־לעמען און קום צו אויספירן" און אחרי כן „לאַך איך, שרייב און טרינק" און אַזוי האָבן געטאָן אויך אַנדערע. „עניוס (באַרימטער רוימישער דיכטער פון דריטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן) האָט געשריבן ווען ער האָט גע־טרונקען" און „האָמער האָט קיין מאָל נישט געשריבן אויפן ליידיקן מאָגן".

זענען, הייסט עס, באַרעכטיקט די סעודה־פּראָווערס פון ליאָן, ווען זיי זענען מבשר דער וועלט ראַבלעס צוואה פון „עס און טרינק"?

ווייזט אויס, אַז ראַבלע האָט זיך געשראָקן, אַז דער „גוטער עולם" קאָן טאַקע נעמען ערנסט זיינע גוזמאות וועגן גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל און וועט פראַוו̈ען סעודות און דערציילן, אַז ער, ראַבלע, האָט געהייסן פרעסן און זויפן.

אין דעם אַריינפיר צו „גאַרגאַנטואַ", וואָס איז דערשינען עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך „פּאַנטאַגרועל", ווענדט זיך ראַבלע צו די לייענער, „די באַרימטע טרינקערס" און דערציילט זיי איבער פלאַטאָס אַ מעשה וועגן סאָק־ראַטן, וואָס איז „בלי ספק געווען דער פּרינץ פון די פילאָזאָפן".

סאָקראַטעס — דערציילט אַלקיביאַדעס אין פלאַטאָס בוך „סימפּאָזיום" — איז געווען געגליכן צו איינעם פון יענע קעסטעלעך, וועלכע זענען פון דרויסן באַמאָלן מיט פריילעכע און פאַרשייטע געשטאַלטן, וואָס זענען אויסן צו פאַרשאַפן הנאה און אָנצורעגן צו געלעכטער. אָבער אינעווייניק אין דעם קעסטל געפינען זיך די פיינסטע רפואות און אַנדערע טייערע זאַכן נישט צום אָפּשאַצן.

סאָקראַטעס איז געווען געגליכן צו אַזאַ קעסטעלע, ווייל קוקנדיק אויף אים פון דרויסן, וואָלט מען פאַר אים „נישט געווען געגעבן קיין ציבעלע" אַזוי מיאוס איז געווען זיין פּנים און אַזוי פּראָסט און נאַריש זענען געווען זיינע באַוועגונגען. אָבער עפנדיק דאָס קעסטל האָסטו אין אים געפונען אַ געטלעכע רפואה, אויסנעמלעכע מידות, אַ מוט נישט צום גובר זיין, אַן אומפאַרגלייכלעכע ניכטערקייט, אַן עקשנותדיקע צופרידנקייט מיטן גורל און אַן אומגלויבלעכע פאַראַכטונג פאַר אַלע קליינע מענטשלעכע האָוועניש.

און וואָס איז אויסן ראַבלע מיט דער דאָזיקער איבערדערציילעניש וועגן סאָקראַטן? ער זאָגט דאָס היפש דירעקט די לייענער: „עס איז מעגלעך, אַז איר, מיינע גוטע תלמידים, און געוויסע אַנדערע פוילאַקעס וועט לייענען די

פריילעכע טיטלען פון מיינע ביכער און איר וועט אויף גיך אַנבעמען, אַז אינעווייניק געפינט זיך גאָרנישט אַחוץ שפּאַט, שפּיצלעך און קאָמישע פּאָט־ראָוועס, ווייל אַזוי דערציילט אייך דאָס דרויסנדיקע שילדל. אָבער אַזוי לייכט־זיניק צו משפּטן אַ בוך איז לגמרי אומפּאַסיק. ווייל איר אַליין ווייסט דאָך, אַז אַ מאַנאַך ווערט מען נישט דורכן מאָנאַכישן קלייד און אַז דער, וואָס טראָגט אַ שפּאַניש היטל, מוז נישט דווקא זיין געטריי צו שפּאַניע״.

מיט אַנדערע ווערטער, ראַבלע האָט בפירוש געלאָזט וויסן דעם „גוטן עולם״ פון זיין צייט און לדורות, אַז זיי זאָלן נישט קוקן אויף זיין לצישער מאַסקע, נאָר אויף דעם אמת, וואָס ער איז אויסן אונטער דער מאַסקע פון זיינע לצנישע רייד.

און דעם אמת איז אין תוך נישט צו שווער אַרויסצושיילן פון דעם פריילעך און פאַרשייט באַמאָלענעם קעסטעלע פון „גאַרגאַנטואַ און פּאַנטאַגרועל״. עס איז דער אמת פון פרייען געדאַנק, פון מענטשלעכער חשיבות, פון מענטש־לעכן זעלבסטרעספּעקט, און פון יראת־הכבוד צום באַשאַף און צום באַשאַפער און צו גאָטס מאָראַלישע געזעצן אין דעם מענטשנס האַרץ.

מיט גוזמאדיקער סאַטירע און שטורעמדיקן געלעכטער איז דער מחבר פון „גאַרגאַנטואַ״ פאַרויסגעלאָפן דער אויפקלערונג און דעם הומאַניזם פון מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער.

און אַז אַזאַ איינער ווי וואָלטער האָט דעם הומאַניסט ראַבלע נישט דערזען, האָבן אים די סעודה־פראָווער פון ליאָן פון יאַנואַר 1954 אַוודאי נישט דער־קענט.

די חשובע בירגער פון ליאָן האָבן אין זינען געהאַט צו באַווייזן מיט זייער פינף־שעהדיקער סעודה, אַז זיי לעבן לויט דער „עוואַנגעליע פון ראַבלע״, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי האָבן געזען בלויז ראַבלעס מאַסקע פון אַ לץ, אָבער נישט די הומאַניסטישע מאָראַל, וואָס אין האַרץ פון ראַבלעס רייד און געשטאַלטן.

שלמה ביקל

לייוויק־דערמאָנונגען

א

לייוויק אין בוקאַרעשט

ער איז קיין מאָל אין רומעניע נישט געווען, אָבער אַרומגעגאַנגען איז ער אַ לעבעדיקער צווישן דער יידיש־ליטעראַרישער חברותא אין דער רומענישער הויפּטשטאָט. מיר האָבן אים אַלע פּערזענלעך געקענט, הגם קיין מאָל פריער נישט באַגעגנט.

ווען יוסף אָפּאַטאָשו ז״ל איז געווען צו גאַסט אין בוקאַרעשט, האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו חידושן פון וואַנען מיר ווייסן אַזוי פיל פּרטים וועגן לייוויקס אויסזען. ווען עמעצער פון דער מסיבה האָט גענומען מאָלן לייוויקס פּאָרטרעט און דערביי דערמאָנט אַזעלכע דעטאַלן ווי לייוויקס צערדיקע יום־טוב־שטים און זיין פייערלעך־פאַרזאָרגטן גאַנג, איז אָפּאַטאָשו געווען זיכער, אַז דער וואָס דערציילט דאָס, האָט נישט בלויז באַגעגנט לייוויקן, נאָר אים אויך געהערט עפנטלעך רעדן.

משה אַלטמאַן, דער בעל „מדרש פּנחס״, האָט זיך, ווי זיין שטייגער, פאַר־שפּיצט און אויך אַ ביסל פאַרשייט צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן צו אָפּאַטאָשון:

— דער חבר האָט, אויף וויפל איך ווייס, לייוויקן ביז איצט קיין מאָל נישט באַגעגנט, אָבער איז דען דאָס נייטיק? קאָן מען דען פון לייוויקס לידער נישט וויסן מער ווייניקער אַקוראַט ווי אַזוי ער גייט און רעדט?

> און עפּעס קלאָגט אין דיר מיט קלאָג פון אַ חיה,
> און עפּעס זינגט אין דיר מיט געזאַנג פון אַ גאָט,
> ווי צו אַ חתונה אין איינעם מיט אַ לוויה
> גייען די רייען איבער דער אָונטיקער שטאָט.

וואָס דאַרפט איר מער? אָט האָט איר דעם חוזה מיט דער פאַרב פון זיין קול און מיט דעם ריטעם פון זיין גאַנג בראש פון די רייען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, פון וואַרשע און אויך פון בוקאַרעשט.

און איך מוז אייך זאָגן, אָפּאַטאָשו, האָט אונטערגעכאַפּט דער יידיש־רומענישער שרייבער באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס האָט אַליין קיין יידיש נישט געלייענט, אָבער האָט גוט געקענט און גוט געדענקט אַ היפּש ביסל יידיש־פּאָעזיע פון אונדזערע מסיבות, ווו מען האָט געלייענט יידישע לידער בציבור — איך מוז אייך זאָגן, אַז איך זע לייוויקן אָפּט אויף די בוקאַרעשטער גאַסן אין געדרענג פון גייערס און הער זיין קול אין מיטן דער ליאַרעמדיקייט פון די רעדערס. אַלע מאָל גיט עס אַ בלענד צו מיר פון זיין געשטאַלט און פון זיין וואָרט מיט דער ציכטיקייט פון אַ קלאָר־ווייסן פויערישן העמד און מיט דער

פייערלעכקייט פון פשטות, וואָס הייסן הייסט זי: „די וועלט איז אַלעמענס" און לייוויק רופט זי „קיינעמס לאַנד".

פון אַ ווינקל אויף דער סאָפע האָט זיך אַרויסגעבויגן די עלעגאַנטע פילם־סטאַר־געשטאַלט פונעם דיכטער יעקב שטערנבערג מיט די גרויסע פאַרחלומטע אויגן ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און נאָך גלאַטער גע־מאַכט די אַלע מאָל גוט פאַרקעמטע ברוין־זיידענע האָר (עס איז געווען שטערנ־בערגס געוויינלעכע תנועה צו העלפן זיך עפּעס דערמאָנען) און אויף צו מחזק זיין לאַזאַרעאַנוס רייד האָט ער אָנגעהויבן דעקלאַמירן —

אַ תושב אויף דער וועלט איז יעדער, יעדער,
אויף וועלכן לאַנד ער זאָל נישט שטעלן זיין פוס,
אָבער פילן אין פוס אויך לייכטקייט פון אַ פעדער,
אויך לייכטקייט פון אַ גר — דאָס איז שוין זכות.

דער אימפעט פון דער דעקלאַמאַציע האָט שטערנבערגן אַריבערגעבראַכט פון דער סאָפע צום טיש און ער טענהט מיט הארץ צו אַפּאַטאָשון, צו לאַזאַ־רעאַנון, צו אַלטמאַנען, צום יונגן מאָטל סאַקציער און צו מיר: דער זכות פון גרישער לייכטפיסיקייט, דער זכות פון פּאָעטישער געמיט־אוניווערסאַלקייט איז אַ יקר המציאות נישט בלויז ביי אונדז, נאָר אויך אין דעם דיכטערישן וועלט־גאָרטן.

און נישט וועגן אוניווערסאַליסטישן סוזשעט, ווי ליבע, בענקשאַפט און טרויער, וואָס „איך ווייס נישט, וואָס זאָל עס באַדייטן", גייט עס דאָ — האָב איך מוסיף געווען — עס גייט וועגן דער אָביעקטיוויזירטער פערזענלעכער פיין־איבערלעבעניש וואָס ווערט דער סימבאָל פון מענטשלעכער פיין אַריבער די גרענעצן פון אַלע לענדער און אַריבער די מחיצות צווישן אַלע פעלקער און ראַסן.

און אַז מען גייט נישט אַריין אין תחום פון לייכטפיסיקער וועלט־גרישקייט און מען בלייבט אַ שווערער תושב אין בלויז איין לאַנד און איין פאָלק, אונדזער פאָלק — האָט משה אַלטמאַן ווידער איבערגענומען די רייד — האָט לייוויק נאָך אַלץ דעם זכות פון אוניווערסאַלישקייט, ווייל זיין ליד איז דער סיאַמער וווּנדער־צווילינג פון זעלבסטפּיין און זעלבסטטרייסט. מענדעלע — זעלבסטפּיין און פּרץ — זעלבסטטרייסט און לייוויק פּיין און טרייסט אין איינעם.

פון איין זייט —

...אפשר איז גאָר דאָס שענסטע אין ליידן,
אַפילו ווען אונדז דוכט זיך, אַז מיר ליידן אומזיסט.

און פון דער אַנדערער זייט —

און אַלץ וואָס איז פאַרשעמט, ווערט ווירדיק, וויכטיק,
און יעדע צעריסנקייט ווערט אַליין בונד.

די ווערטער האָבן עוואַנגעלישן קלאַנג, אָבער זייער אַנזאָג האָט אין זיך ערדישן גלויבן און דערפאַר מער נאָענטע זיכערקייט און, לכל פּחות, פאַר אונדזער יידיש געמיט, מער טרייסט.

און פּלוצים האָט זיך משה אַלטמאַן אַליין איבער די רייד (דאָס איז געווען די געוווינהייט און אויך דער חן פון זיין שמועס) און ווענדט זיך צום יונגן מאָטל סאַקציער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן: וואָס זאָגט איר, מאָטל, וואָס זאָגט איר, דער יונגער דיכטער אין אַנהייב פון די צוואַנציק? לייוויקס „בריוו פון אַמעריקע צו אַ וויטן פריינד" איז דאָך דער עיקרשט צו אייך געשריבן און צו אַלע אייערס גלייכן יונגע און באַגאַבטע יידיש־דיכטער.

דער קאָפּ מיט שוואַרצע קרייזלדיקע האָר האָט אַ ציטער געטאָן, אין די קאַרשן־אויגן האָט זיך געראַנגלט אַ שעמעוודיקער בליק מיט אַ דרייסטן, און גובר געווען האָט, ווי כמעט אַלע מאָל ביי סאַקציערן, די דרייסטקייט. סאַקציערס דרייסטע וואָרט איז געווען אַ שטילס, אַ ווייכס, אָבער האָט פאַרמאָגט אַ פעסטן טראָט און עפּעס אַ ממעמקימדיקן טאָן, וואָס האָט איבערצייגט.

איך וועל אייך זאָגן, חבר אַלטמאַן, — האָט זיך אָפּגערופן מאָטל סאַקציער, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק אַריבערגעקומען קיין בוקאַרעשט פון זיין דרום־־בעסאַראַבישן היימשטעטל לעאָווע — מיך פאַרכאַפּט אין לייוויקס לידער נישט אַזוי די פּיין און אַפילו נישט די טרייסט, נאָר פאַר אַלעמען די אַנמוראַדיקייט פונעם געליטענעם, וואָס אים שרעקט מער נישט דער שייטער.

לייוויק אין ליד איז ווי מיין טאַטע, דער שניידער אברהם סאַקציער, אין לעבן. אַלע מוראס און אַלע דערפאַרונגען איבערגעקומען און גובר געווען און מען האָט איצט דעם כּוח צו שטיין פּנים אל פּנים מיט דער פּיין און מיטן שייטער. אָט דער כּוח איז דאָס די טרייסט און די שליחות, וועגן וועלכער עס רעדן אַזוי פיל קריטישע פאַרטייטשער.

אין דעם זין, מאָטל, איז געווען געשריבן אייער ליד צו לייוויקן, וואָס איר האָט אונדז אַריינגעשיקט נאָך פון לעאָווע און מיר האָבן עס אָפּגעדרוקט אין „די וואָך" — האָט משה אַלטמאַן דערמאָנט סאַקציערן. נו, איר קענט דאָך אייערע לידער אויף אויסנווייניק, איז לאָמיר הערן, און דער עיקרשט זאָל אונדזער גאַסט הערן.

סאַקציער האָט זיך געקווענקלט. ס'האָט זיך אין אים געשטאַרקט די שעמעוודיקייט. אָבער אָפּאַטאַשו, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן צוריקגעבויגן אין פאָטעל און האָט זיך צוגעהערט ווי עפּעס פון דער ווייטנס, האָט זיך איצט צוגעבויגן צום טיש, דערלאַנגט מיט דער האַנט צו סאַקציערן, אין אַ קלאַפּ געטאָן פאָטעריש וואַרעם אין דער פּלייצע — נו, לאָזט אייך נישט בעטן, לאָמיר הערן...

סאַקציער האָט פונעם זכרון אַרויסגעלייענט זיין ליד צו לייוויקן —

ניט גטפּעלשטער, וואָרער, נאַקעטער צער!
גייסט אַרום צווישן אונדז פאַרלענדעט.
מיין קאָפּ, מיין שוימיקער דערפאַר
דערפאַר, ווי אַ קינד צו דיר געווענדעט.

לאָז וועל איך דיר אויסרייבן די קני.
דערלויב מיר אויך דיין שטערנדיקן קנאַכן.
כ׳האָב געטאָן עס אויך מיין פאָטער, ווען די מי
האָט זיינע קני אונטערגעבראָכן...

רעד, איך וועל זיין געהער,
כ׳בין נאָך אַ הייל פון חושכדיקע קרעפטן.
ווי אַנדיר מיידלשן דערפאַר, ניין: מערער, מער
איך לעכץ אַזוי דיין וואָרטלעכע באַהעפטונג.

רעד, רעד!
דיך שרעקט שוין ניט, ניין, דער שייטער.
ס׳איז דיין וואָרט אַזאַ נאַכטיקע געבעט,
אַזאַ לויטערע, וואָס לייטערט...

אַ סך, אַ סך דאַרף מען דאָ האָבן מוט
צו זיין אַ משולח;
לאָז, דאָס שנירל טריפנדיקע בלוט
אָפּווישן פון באַק דיר וויל איך...

לייוויק איז נאָך לאַנג געזעסן מיט אונדז ביי דער מסיבה, און אַז מיר זענען זיך צעגאַנגען איז ער אין געמיט פון אַ יעדן פון אונדז מיטגעגאַנגען מיט דער זכותדיקער „לייכטקייט פון אַ גר״.

ב

דער כהן אין דער עזרה

פינף יאָר נאָך יענער מסיבה אין מיין הויז אין בוקאַרעשט, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מין סימפּאָזיום וועגן לייוויקן, האָב איך לייוויקן געזען אויף דער טריבונע פון ניו־יאָרקער „טאַון־האָל״ און געהערט זיין שטים מיט דער פאַרב און קלאַנג, ווי איך האָב זיי אַרויסגעפאַנט פון זיינע לידער.

ס׳איז געווען אַ יום־טובדיקע געלעגנהייט: די פּייערונג פון לייוויקס פופ־ציקסטן געבוירנטאָג.

קאָן זיין, אַז דאָס וואָס לייוויק האָט אין זיין ענטפער־רעדע צו די באַגריסערס דערציילט ווי אַזוי ער האָט צו בר־מצווה ס׳ערשטע מאָל געדוכנט אין איינעם מיט זיין פאָטער און מיט די אַנדערע גרויסבערדיקע כהנים אין דער איהומענער שול און עס האָט אים פאַר פּחד געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן — קאָן זיין, זאָג איך, אַז דאָס דאָזיקע בילד האָט אַ חלק אין דעם, וואָס אין מיין דערמאָנונג וועגן יענער יום־טובדיקער פאַרזאַמלונג אין „טאַון־האָל״ איז וואָך די אַסאָציאַציע צו „והכהנים והעם עומדים בעזרה״.

אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער חלק פונעם לייוויקשן בילד אין מיין אַסאָציאַציע צו „די כהנים און דעם פאָלק, וואָס שטייען אין הויף פון בית המקדש״, איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז זינט יענעם מאַי־אויגוסט פון יאָר 1939, צוויי חדשים נאָך מיין אָנקום קיין אַמעריקע, און ביז היינט צוואַנציק יאָר שפּעטער, בין איך אין ניו־יאָרק נישט בייגעווען ביי אַ יידיש־ליטעראַרישער פאַרזאַמלונג, וואָס אין איר זאָל זיך געווען פילן אין אַזאַ מאָס עפּעס פון דעם נשמה־דיקן אויפבריוז און פון דעם יראת־הכבוד־ציטער, וואָס זאָל, ווי די אַלטע כראָניקער אונדזערע דערציילן, האָבן באַהערשט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין דער עזרא און האָט זיך צוגעהערט צום כהן גדול.

אויף דער טריבונע זענען געזעסן די אדירי־יידיש פון אונדזער דור. פּרעזידירט האָט ש. ניגער. בעת ער האָט גערעדט, האָט זיך זיין שטאָלטנער קאָפּ אַלע מאָל ווי אַראָפּגעבויגן איבער די ווערטער, כדי זיך בעסער איינצוהערן, און די גראָע גריווע האָט געפלאַטערט איבער זיי ווי אַ זעגל אין אַ שטילן ים־ווינט. עס האָט פון ניגערס רייד נישט געוויִעט מיט גבורה, אָבער עס האָט זיך פון זיי געטראָגן אַן איינדרינגלעכע עקשנות צו אָרדענונג, אַן עקשנות נישט צו דערלאָזן, אַז די ווערטער זאָלן זיך אַרויסכאַפּן פון דער שכלדיקער ריי.

וואָרצלדיק איז אויף זיין בענקל געזעסן יוסף אָפּאַטאָשו. דער פּאַרשפּיצטער קין זיינער האָט אַריינגעלויכטן אין זאַל און מיר האָט זיך געדאַכט (ער איז געווען דער איינציקער פון די טריבונע־זיצער, וועלכן איך האָב פּערזענלעך נענטער געקענט), אַז ביי אָט דעם ליכט חזרט ער די פּרשה, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט צו לייענען לכבוד זיין חבר לייוויק, וואָס ער האָט אויף אים זיין ברייטן פּוילישן יידיש גערופן לאַיוויק. אָפּאַטאָשו האָט זיך אויפגעשטעלט רעדן — אַ ברייטער בוים וואָס פּאַרטשעפּעט מיט זיינע צווייגן ווי ערגעץ אַ פּאַטעטישע אידעע אין דער יידישער געשיכטע. עס ווערט אונטער דעם צווייגן־דאַך נישט ליכטיקער, אָבער זיכער און היימיש און מנוחהדיק ווערט ווי אין אַ סוכה, ווען מען דערפילט די דאָזיקייט פון די אושפּיזין.

און גערעדט האָבן נאָך אברהם רייזען (פּשוטע פעלד־בלימלעך דערלאַנגט

פון איין ליטעראַטור־עפּאָכע צו דער צווייטער), ב. ריווקין (רעטאָריש נישט עקספּלאָדירטע חזיונות) און מנחם באָרײַשאָ און, אים צו לאַנגע יאָר, א. לעיעלעס.

אַז ס׳האָבן זיך געענדיקט די רעדעס האָט דער פאָרזיצער מיט עטלעכע געציילטע ווערטער פאַרגעשטעלט דעם יובילאַר. פון ש. ניגערס אַריינפיר־רייד איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַן אויפרייס פון צוויי ווערטער: מזל טוב.

די צוויי, אַן און פאַר זיך שטילע, שטייגערישע ווערטער, מיט וועלכע ש. ניגער האָט זיך געווענדט צום יובילאַר, האָבן אין מיין געמיט אַריינגעקלונגען נישט אַזוי־יום־טובדיק ווי יום־הדיניק. זיי האָבן געהאַט דעם קלאַנג פון דעם בעל־תפילהס אָנזאָגעניש און אויפרופערישן וואָרט „כ־ה־נ־י־ם!" וואָס די בענטשערס אונטער די טליתים ענטפערן דערויף מיט שליחות־באַוווסטזיניקייט: „עם קדושיך כאמור" און עס יאָגט זיך זייער ברכה שטרענג און הייס און יום־כיפּורדיק ביז ס׳קומט זיי אַנטקעגן דער דונערדיקער „אמן" פון דער הייליקער עדה, און דער כהנישער „יברכך" נעמט זיך וויגן אויך ליריש זינגעוודיק.

און ווען לייוויק (עפּעס אַזאַ ריינקייט, אַזאַ געטובלטקייט האָט געווייעט פון אים און אַרום אים) האָט אָנגעהויבן רעדן, איז דאָס געווען אין פולן ריטעם פון ברכת כהנים, קודם די שטרענגע ברכה, די יום־הדיניקע ברכה וועגן „תכלית פון מיין שרייבן, וועגן שליחות פון יידישן וואָרט" און די רוגזה וואָס דאָס „וואָרט איז געוואָרן אַ געצייג אין די הענט פון הענקער" וואָס „מיין ליד אַ קלאַפּן אין פאַרמאַכטע הערצער", און דערנאָך — דערנאָך האָבן זיך גענומען וויגן די לירישע טענער וועגן דעם „זשאַרגאָן, וואָס איז געוואָרן צערטלעכקייט אין אַלעמענס הערצער", וועגן דעם יידיש־וואָרט, וואָס איז געוואָרן רעליגיעזע איבערלעבונג, וואָס אַפילו ווען עס רעדט ביחידות מיט זיך, שטייט עס „פּנים אל פּנים מיט דעם, וואָס מיר אַנען זיין זיין" און צום סוף — ווען לייוויק האָט געפּאָדערט און געבעטן ביי זיך און ביי כל היידיש־בענטשערס, אַז דער „יברכך" זאָל זיין נישט איין מאָל, נאָר אַלע מאָל און תמיד באַנייט ווערן, האָב איך צו מיר אין דער שטיל געמורמלט די ווערטער פון די יידן, וואָס זיצן ביי ברכת כהנים מיט געבויגענע קעפּ און מיט די אויגן פאַרבאַהאַלטענע אין מחזור און זענען מתפּלל, אַז די בענטשונג זאָל זיין אַ „ברכה שלמה, ולא יהיה בה שום מכשול ועון מעתה ועד עולם" (די ברכה זאָל זיין אַ פולע און זי זאָל באַהיט זיין פון שטרויכלונג און געפעל פון איצט ביז אין דער אייביקייט).

ס׳איז ביי מיר דעמאָלט נישט אַנדערש ווי היינט געווען קלאָר, אַז וואָס עכטער דאָס יידיש־וואָרט פון אונדזער דור, וואָס אייגענער זיין ריטעם און טיפער זיין תוכן, אַלץ מער און זיכערער איז עס אין לשון פון לייוויקס ליד —

„אַן אָפּצווייג פון שטאַמען
צי אפשר אַן אָפּשטראַל פון פלאַמען."

שלמה ביקל

און עס —

„בלייבט אַלץ נאָך דער זעלביקער זין,
דער זעלביקער נס פון באַשייד — "

דער זין און דער באַשייד פון דער ברכת כהנים, פון דער ברכה, וואָס ווערט דרייפאַך דערמאָנט אין דער תורה, און איז דער אייביקער ניגון פון יידישן לעבן.

1939

ג

„דער גולם" ביי דער „הבימה"

לייוויקס „דער גולם" ביי דער „הבימה" איז פאַר מיר געווען אַן אמתע פרעמיערע. איך האָב די דאָזיקע דראַמאַטישע פּאָעמע געזען דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויף דער בינע און זינט דעמאָלט קיין מאָל מער נישט.

און די „הבימה" אַליין איז פאַר מיר אין 1948 אין ניו־יאָרק אויך געווען עפּעס צאַפּלדיק נייס, וואָרעם איך האָב זי פאַר דעם געזען שפּילן בלויז איין מאָל מיט פופצן יאָר פריער, אין 1933. געשפּילט האָט מען דעמאָלט דעם „דיבוק", וואָס האָט שוין צו יענער צייט געהאַלטן ביי דער אַזוי פיל און אַזוי פיל הונ־דערטסטער פאָרשטעלונג אויף די אייראָפּעיִש־יידישע בינעס, און די יידישע טעאַטער־גייערס האָבן זי גענומען באַטראַכטן פאַר אַ דיבוק, וואָס איז אַריין נישט בלויז אין סענדער בריניצערס טאָכטער לאה, נאָר אויך אין יידישן טעאַ־טער־רעפּערטואַר אויף יידיש און אויף העברעיִש און אויף די פרעמדע לשונות.

פון דעסטוועגן איז מיר פון יענער „הבימה"־פאָרשטעלונג אין פּרילינג 1933 פאַרבליבן אין געמיט אַחוץ דעם „שהחינו"־ציטער פון העברעיִש טעאַטער אין דער יידישער שטאָט תל־אביב, אין דעם זיך־באַנייענדיקן יידישן לאַנד ישראל, אויך חנה ראָווינאַס אויסנעמלעכע לאה־געשטאַלט און אויך דער בעטלער־טאַנץ אין צווייטן אַקט, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַנדערש, סצעניש אינטערע־סאַנטער און סוגעסטיווער, הגם אידעיִש פרעמד, ווי ביי די „דיבוק"־אינסצעניזי־רונגען אויף די אייראָפּעיִש־יידישע בינעס.

אין ניו־יאָרק בין איך געגאַנגען צו דער „הבימה" צו אַ פּיעסע, וואָס איך האָב זי קיין מאָל פריִער נישט געזען אויפפירן און האָב זי דערפאַר מיט גאָר נישט געקאָנט פאַרגלייכן, ווי נאָר מיט דער פּיעסע גופא, כ'מיין, מיט די אַכט בילדער פון לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע, וואָס איך האָב היפּשע עטלעכע מאָל געהאַט געלייענט און האָב זי איצט, פאַרן גיין אין טעאַטער, נאָך אַ מאָל דורכגעלייענט.

צי קאָן דעם רעזשיסער מאַרשילאָווס אינסצעניזירונג פון דעם „גולם" אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט לייוויקס טעקסט פון דער פּאָעמע? — ניין.

די אַכט לאַנגע בילדער פון לייוויקס „גולם״ זענען אַזוי דראַמאַטיש אָנגע־לאָדן מיט אידעען, מיט סימבאָלן און מיט זעונגען, אַז עס איז כמעט ווי אומ־מעגלעך, אַז אַ רעזשיסער זאָל דאָס זיין בכוח איבערצוגעשטאַלטיקן אויף דער בינע אין משך פון צוויי שעה און אין קורצע דריי אַקטן.

און שווערער איז דאָס נאָך דערפאַר, וואָס לייוויקס טעקסט איז, ווי געזאָגט, דראַמאַטיש־אידעיִש אָנגעלאָדנט, אָבער כמעט דורכויס נישט איבערגעלאָדנט. ס׳איז כמעט נישטאָ קיין איין סצענע און קיין איין דיאַלאָג אין די אַכט בילדער, וואָס זאָל אייך ביים לייענען נישט אַנטקעגנקומען מיט עפּעס אַ פרישן אידעיִשן ניואַנס און מיט אַ נייעם דראַמאַטישן קנייטש. פאַרן לייענער איז לייוויקס „גולם״ דערפאַר אָן אַ שיעור געדאַנקלעך און בילדעריש אָנרעגנדיק און, הגם זיכער נישט קיין לייכטע לעקטור — דאָך ממש פאַרכאַפּנדיק.

דער רעזשיסער האָט, פאַרשטייט זיך, געזוכט זיך אָפּצושטעלן אויף די גרונט־אידעען פונעם טעקסט און וואָס בולטער אַרויסצוברענגען אַ פאַבולע, אַ מעשה שהיה.

ער האָט דערפאַר מיט רעכט אָנשטאָט אָנצוהייבן ווי ס׳שטייט געשריבן ביי לייוויקן — מיט דעם בילד, ווו דער מהר״ל קנעט אויס דעם גוף פונעם גולם און ראַנגלט זיך מיט דעם גולמס אומווילן געבוירן צו ווערן, — געעפנט דעם ספּעקטאַקל מיט אַ פּראָלאָג פון דריי קליינע סצענעס.

אין דער ערשטער גרייטן זיך טאַדעוש און דער מאָנאַך צו אַ בלוט־בלבול קעגן די פּראָגער יידן; אין דער צווייטער צערייסט משיח זיינע קייטן און לאָזט זיך אין איינעם מיט אליהו הנביא אין וועג אַריין ראַטעווען די פּראָגער יידישע קהילה; אין דער דריטער ווערט געוויזן דער מהר״ל ביים באַשאַף פונעם גולם.

די סצענע פון דער בלוט־בלבול־צוגרייטונג אין פּראָלאָג איז אַזוי אַרום די רעאַליסטישע טיר, דורך וועלכער דער רעזשיסער פּרוווט אַריינפירן די דראַמאַ־טישע גרונט־אידעען פון די נאָכקומענדיקע דריי אַקטן. די גרונט־אידעען ווערן שוין אויך אָנגעצייכנט אין פּראָלאָג.

די ערשטע דראַמע: דעם מהר״לס כוונה איז געווען צו באַשאַפן אַ נאַציאָנאַלן שליח, וואָס

נאָר גרויסע וווּנדער טאָן באַהאַלטן און פאַרבאָרגן
געהיימנישפולע וועלן זיין די מעשים דיינע,

און די טראַגיק פון באַשאַף האָט געפירט דערצו, אַז

איך האָב אַליין מיט מיינע הענט זיין מזל אָפּגעווענדט
צום וועג פון פּיין, צעטומלעניש, צעמישונג.

די צווייטע: משיח איז געקומען ראַטעווען די פּראָגער יידן און דער מהר״ל האָט אים פאַרטריבן פון דער שטאָט, ווייל די פייניקער און די געפייניקטע זענען נישט ראוי מער ווי צום גולם —

קיין אַנדערן באַשטראָפער איז נישט ווערט די וועלט,
און מיר דערווייל — קיין אַנדערן באַשיצער.

די גרונט־אידעען פונעם טעקסט האָט דער רעזשיסער טאַקע ריכטיק אָנגע־צייכנט, אָבער דראַמאַטיש דורכגעפירט און באַרעכטיקט מיט געשעענישן און מיט צונויפשטויס צווישן געשעענישן און געשטאַלטן — דאָס נישט.

אויב די דראַמע פונעם גולם־באַשאַף ווערט יאָ צום גרויסן טייל אַרויסגע־בראַכט, איז דאָס בלויז צו פאַרדאַנקען דעם אופן, ווי אַזוי אהרן מעסקין שפּילט די ראָלע פונעם גולם. ס׳איז אַ פּרעכטיקע שפּיל. דעם טראַגישן ווידעראַנאַנד צווישן דעם מהר״לס כוונה און דער באַשאַפענער געשטאַלט ברענגט מעסקין אַרויס אין זיין מאַסקע, אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין בליק און אין זיין שטים. ער איבערצייגט אונדז מער מיט זיין שטומער, אָבער פּסיכיש־אַנטפּלעקנדיקער מימיק, ווי דעמאָלט, ווען ער ראַנגלט זיך מיט רייד מיטן מהר״ל. מיזאַנסצענעס אויף אונדז קלאָר צו מאַכן די אינעווייניקסטע מלחמה אין דעם גולם צווישן זיין שליחות און זיין באַגער נאָך מענטשלעכקייט, צווישן זיינע מענטשלעכע באַגערן און זיין בענקשאַפט צום באַשאַפער — אַזעלכע מיזאַנסצענעס אויף אַרויסצו־ברענגען דעם גולמס אינעווייניקסטע דראַמע, ווי זי ווערט געשטאַלטיקט אין לייוויקס פּאָעמע, האָט דער רעזשיסער נישט צוגעגרייט.

און וואָס שייך די צווייטע דראַמאַטישע אידעע: דעם מהרל״ס פאַרטרייבונג פון משיחן, ווערט זי אין טעקסט גופא קלאָר געמאַכט אין דעם פינפטן בילד אויפן פעלד הינטער פּראָג, ווען דער מהר״ל קומט אָן איילנדיק, אומגעדולדיק, ציטערט פון אויפרעגונג און שמועסט זיך דורך מיט דעם אַלטן בעטלער און הייסט משיחן דערשטיקן זיין בענקשאַפט, ווייל דער גולם איז

דער איינציקער, וואָס מעג זיין פינצטער,
וואָס מעג פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט.

אָבער אין דער אינסצעניזירונג איז די קורצע סצענקע אין פינפער טורעם, ווו עס דער׳שיינט פלוצים דער מהר״ל און פאַרטרייבט די צוויי אורחים, אומ־פאַרשטענדלעך און קינסטלעריש אומבאַרעכטיקט.

און פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך איז תנחום לויט דער קאָנצעפּציע פון רעזשיסער און לויט דער געשטאַלטיקונג פונעם שוישפּילער בן־חיים.

ביי לייוויקן אין דער פּאָעמע איז תנחום אַ מיסטישע פיגור אויפן רעאַליס־

טישן היגטערגרונט פון שטייגער און געשעענישן אין דעם יידישן פּראָג. ער „טראָגט דעם צער פון די טורעמס" און „איז דער האַר פון די חורבות". אַ צע־דולטער פון צער האָט תנחום דעם כוח פון נביאישער אַנזאָגעניש און פון נביאישן רוף. די קאָנטורן פון זיין געשטאַלט ווערן ביי לייוויקן קינסטלעריש קלאָר אין בילד דריי, ווען תנחום פאַלט אַריין אין געשפּרעך צווישן ר׳ באַסעווי און דעם מהר״ל. אין דער אינסצעניזירונג איז די דאָזיקע סצענע, וואָס ברענגט היפשלעך אַריין דעם גערויש פונעם לעבעדיקן פּראָג אין דער פּאָעמע, איבער־הויפּט נישט פאַראַן, און תנחום ווערט אַ שטייגערישע געשטאַלט אין אַ פּיעסע, וואָס איז בדרך כלל עפּעס ווי אָפּגעריסן פון אַ לעבעדיק־שטייגערישן אַרום און שפּילט זיך אָפּ אין אַ שטוב, אין אַ פּאַליש און אין הקדש, וואָס מען ווייסט נישט און מען פילט נישט, צי אַרום זיי געפינט זיך אויך גאַס און שטאָט.

דערפאַר האָבן מיך ווייניק־וואָס געגומען תנחומס קולות. ס׳איז געווען אַ גוט געשפּילטע שטייגער־פיגור פון אַ צעדולטן ייד אין אַ שטאָט פון תחום־המושב, אָבער ס׳האָט געפעלט תנחום פון לייוויקס פּאָעמע. נאָר איין מאָל האָט מיך תנחום מיסטיש אַ ריר געטאָן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען טאַדעוש פאַרטרייבט די יידן פון טורעם און תנחום גיט אַ נעם דעם קרומען ייד כמעט ווי אויף זיינע פּלייצעס און שפּאַנט מיט אים אַוועק. דעמאָלט, אין אָט דער סטילי־זירטער באַוועגונג האָב איך אויף אַן אמת געגלייבט, אַז תנחום איז אויך דאָ אין דער אינסצעניזירונג ווי אין לייוויקס טעקסט „דער האַר פון די חורבות" און שפּאַנט איבער חורבן פון דורות צו רעטונג.

פאַרגלייכן מיטן טעקסט פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע קאָן זיך די אינסצע־ניזירונג בלויז איין מאָל: אין דער לעצטער סצענע, ווען דער מהר״ל קערט אום דעם גולם צוריק צו שטויב. אין דעם בילד איז דעם רעזשיסער געלונגען אַ ווייַע צו טאָן אויף אונדז מיט דעם פּאַטאָס פונעם טעקסט, און דעמאָלט דערהייבט זיך אויך דער דריטער הויפּט־שוישפּילער אין דער פּיעסע, שמעון פינקעל, דער געשטאַלטיקער פון מהר״ל, צו דער הייך פון דער מהר״ל־פיגור.

שלמה ביקל

פּראָזע אין יידיש

אין די לעצטע יאָרן איז איינע פון די אָפּטסטע שמועס־טעמעס צווישן יידישע שרייבער און אויך צווישן סתם יידן, חובבי יידיש, געוואָרן די טעמע פון יידישע ווערטער.

פרעגט איין גאַליציישער שרייבער דעם אַנדערן, וואָס שטאַמט אויך פון יענער מדינה: קענט איר דאָס וואָרט „אויסנעמעכץ"? איר האָט עס, זאָגט איר, קיין מאָל נישט געהערט?! ווי אַזוי זשע האָט ביי אייך געהייסן דאָס שטיקל צייט יום־כּיפּור צווישן שחרית און מוסף, אָדער צווישן מנחה און נעילה, ווען די דאַוונערס זענען אַרויס שעפּן אַ ביסל לופט און יונגע מאַמעס זענען אַהיים געלאָפן אַ קוק געבן אויף די קינדער אין דער היים.

דער שרייבער האָט לאַנג נאָכגעטראַכט און האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, אַז מען זאָל אין זיין היימשטאָט, וואָס ליגט ערגעץ אויפן וועג פון לעמבעריק קיין קראָקע, האָבן געניצט אַזאַ וואָרט. און מניה וביה, גלייך ער זאָל זיך האָבן געוואָלט נוקם זיין פאַר זיין נישט וויסן, האָט ער דעם חבר שרייבער צוריק געפרעגט: און איז אייך באַקאַנט אַזאַ וואָרט ווי „אויסקומען"? איר ווייסט נישט, זאָגט איר, פון אַזאַ וואָרט? ווי אַזוי זשע האָט מען ביי אייך גערופן אַ משומד, וואָס איז צוריק געוואָרן אַ ייד? האָט דאָס צוריק ווערן אַ ייד נישט געהייסן „אויסקומען" און דער צוריק געוואָרענער ייד „אַן אויסגעקו־מענער"?

די נקמה איז געווען אַ פולשטענדיקע. פונקט ווי דער האָט נישט געוווסט פון „אויסנעמעכץ", אַזוי האָט יענער, כאָטש זיין שטעטל איז אויך געלעגן בשכנות מיטן לעמבערג־קראָקעווער טראַקט, נישט געהערט פון „אויסגעקומען".

מיך האָט מען גענומען פאַר אַ שליש, וואָס זאָל פּסקענען, וועלכע פון די אומוויסענישן איז מער באַרעכטיקט. מיין פּסק איז געווען, אַז פון אויסנעמעכץ דאַרף מען וויסן, ווייל ס'איז אַ וואָרט, וואָס איז געניצט געוואָרן כמעט אין אַלע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע און אַז מען איז אַ גאַליציאַנער, האָט מען בפירוש נישט קיין רעכט נ י ש ט צו וויסן פון „אויסגעקומען", ווייל דאָס איז געווען אַן אַלגעמיין געברויכט וואָרט אין דער יידישער גאַליציע.

געווען אַזאַ וואָרט און מען האָט געניצט אַזאַ וואָרט — אָבער איז עס נאָך היינט פאַראַן און ווערט עס נאָך היינט געברויכט? — האָט איינער פון מיינע חברים לאַנדסלייט זיך גענומען היצן. ווי אַזוי קאָן מען שרייבן אַ זייטל פּראָזע, אַז מען דאַרף אַנקומען צום זכרון נאָך ווערטער? אַז ס'צעלויפן זיך די סאַמע איינפאַכסטע יידישע ווערטער און ווערן ערגעץ ווו נעלם. איין וואָרט באַהאַלט זיך ביי יענעם שרייבער אין זכרון און דאָס צווייטע ביי אַן אַנדערן. צוויי יידישע שרייבער און זיי געדענקען נישט איין און דאָס זעלביקע וואָרט.

גייט מען אַרויס אויף דער גאַס, אויף די יידישע ניו־יאָרקער גאַסן און מען לייגט צו אַן אויער צו די יידיש־רעדערס — כאַפּט אַן אַן אימה, ס׳קומט אַנט־קעגן שטומקייט, און אַז נישט שטומקייט, איז נאָר ערגער — אַ סקאַליעטשעט זשאַרגאַניזירט לשון, וואָס ס׳זענען אין אים פאַראַן אויך יידישע ווערטער. אָבער בלויז אויך. די מייסטע זענען צונויפגעלאָפּענע ענגלישע רייד, וואָס האָבן זיך צעלייגט אין דער יידישער שפּראַך־שטוב, ווי זאָגט מען דאָס, ווי ביים טאָטן אין וויינגאָרטן און צעטרעטן און מאַכן חרוב פון דורות איינגעשטעלטע אידיאָמען און באַרבאַריזירן די פּשוטסטע שפּראַך־ווענדונגען.

הערט מען איינעם אַ ייד זיך קלאָגן, אַז ער „פּילט קאַלט" און מען גלייבט אים נישט, וואָרעם ווען ס׳איז אים טאַקע קאַלט, וואָלט ער נישט גערעדט קיין תרגום־לשון, נאָר וואָלט עס געזאָגט אויף פּראָסט יידיש, אַנשטאָט עס אַרומ־צורעדן מיט אַן ענגלישער מליצה אויף יידיש. הערט מען אַן אַנדערן איינטענהן מיט אַ מיטגייער, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, ווייל „ס׳איז געווען פאַרשטאַ־גען" אַנדערש. טראַכט מען זיך: אַ מצווה אויף דעם יידן, וואָרעם ער אַליין נאַרט דאָך אָפּ זיין אייגן יידיש לשון. און אַז דער זעלביקער ייד, אָדער אַ דריי־טער, דערציילט אַ מעשה וועגן צוויי ברידער, וואָס „זעען נישט אויג צו אויג", טראַכט מען זיך, אַז ווען די דאָזיקע יידן זאָלן אַ מאָל האָבן אַן אינטימערע אויג־אויף־אויג־באַגעגעניש מיט דער יידישער שפּראַך, וואָלט זיי געקומען צום באַ־וווסטזיין, אַז ס׳איז אַ בושה אַריינצושטופּן יידישע אויגן אין אַ פרעמדן ענגלישן אידיאָם און קאַליע צו מאַכן אי די יידישע אויגן און אי דאָס ענגלישע לשון.

אַזוי האָט צו מיר געטענהט מיין לאַנדסמאַן, דער שרייבער, און נישט אויפ־געהערט צוריקצוקומען צום וויטיק־פינטל פון זיין אייגענער יידיש־שעפעריש־קייט, אַז מיט אַזאַ יידיש לשון אויף די ניו־יאָרקער גאַסן (ווען איך זאָג ניו־יאָרק, מיין איך גאַנץ אַמעריקע, ווייל אין ניו־יאָרק לעבן דאָך צוויי דריטל און אפשר ביט אַ שמיץ, פון די יידיש־רעדנדיקע יידן איבערן לאַנד) קאָן אַ יידישער שרייבער נישט אָנשרייבן קיין זייטל פּראָזע, אַפילו ווען פּראָזע זאָל טאַקע, ווי שאָפּענהאַוער האָט געהאַלטן, נישט זיין קיין שבתדיק בגד, נאָר אַ פּשוט הויז־קלייד — קאָן מען דאָך נישט לאָזן אַרומגיין איבער ראָמאַנען און דערציילונגען פאַרשוויגען אין אַ צעריסענעם הויז־קלייד, מיט לעכער איבער לעכער און לאַטע אויף לאַטע, מעשה חוזק.

ווי אַזוי קאָנען מענטשן רעדן אין אַ ראָמאַן, אַז אין לעבן רעדן זיי נישט קיין שפּראַך, נאָר עפּעס אַ געמיש פון פרעמדע ווערטער מיט אַ ביסל אייגענע? און אַ יידיש־שרייבער, ווי גרויס עס זאָל נישט זיין זיין אהבת ישראל, קאָן ער נישט האָבן קיין באַציִונג צו זיינע העלדן מיט אַזאַ לשון אין מויל. ער קאָן זיך אַליין און די לייענער אַוודאי נישט אָנוואָרעמען מיט אַזעלכע העלדן. ווי „גוט צו יידן" דער שרייבער זאָל נישט זיין, זעט זיך פון אונטער די שורות אַרויס

אומבאַצאַנג און אַפילו פאַראַכטונג צו די אייגענע ליטעראַרישע העלדן.

יצחק באַשעוויס איז בלי ספק איינער פון אונדזערע באַגאַבטסטע פּראָזע־קינסטלער, אָבער ווי באַלד ער האָט זיך גענומען שילדערן די אַמעריקאַנישע „באָט" און „ביקאָז" און „מאַי גאָט"־יידן, איז אַרויסגעקומען זיין ראָמאַן „דער פעטער פון אַמעריקע". דער דאָזיקער ראָמאַן איז נישט נאָר דערווידער, ווייל דער „אַמעריקאַנער פעטער" טראָגט זיך, לויט באַשעוויסעס אינסטרוקציע אַרום, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ בעטל אויף די פּלייצעס, כדי ער זאָל ביי דער ערשטער בעסטער און אויך נישט בעסטער געלעגנהייט, באַווייזן זיינע יכולתן ווי אַ נואף — דער ראָמאַן וועגן „אַמעריקאַנער פעטער" איז אַזוי שלעכט, ווייל באַשעוויס, דער יידישער דיאַלאָג־מייסטער, אפשר דער וויכטיקסטער געשטאַלטיקער פון יידישן מאָנאָלאָג און דיאַלאָג נאָך שלום עליכמען, האָט זיך נישט געקאָנט ספּראַווען מיט דעם „פעטערס" יידישע רייד און דיאַלאָגן. דער חצי־יידיש־ און פּאַלאַווענ־גוייִש־שמועס פונעם „אַמעריקאַנער פעטער" גיט צו פאַרב זיין געשטאַלט און פּרוווט זי מאַכן רעאַליסטיש. אָבער אַ ראָמאַן־געשטאַלט קאָן קינסטלעריש נישט לעבן אויף דער פאַרב פון שפּראַך־צעקאַליעטשעטקייטן. וואָרעם אַזאַ פאַרב קאָן בלויז אַרויסברענגען דאָס דרויסנדיקע, אָבער נישט דאָס אינעווייניקסטע, דאָס נשמהדיקע פון דער ליטעראַרישער געשטאַלט. און איך האָב זיך שוין איין מאָל פאַררופן אויף שאָפּענהאַוערן, ווייל איך עס טאָן נאָך אַ מאָל און אונטערשטרייכן, אַז ער איז בפירוש גערעכט, ווען ער זאָגט אין זיינע וווּנדערלעך־קורצע און טיפע פּאַראַגראַפן וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק, אַז די קונסט פון דערציילן באַשטייט אין דעם אַרויסברענגען מיט וואָס ווייניקער דרויסנדיקע מיטלען דעם אויפברויז פון אינעווייניקסטן מענטשלעכן לעבן.

און דער קאָלאָריט פון צעקאַליעטשעטע לשון קאָן, ווי געזאָגט, העכסטנס זיין אַ מיטל אַרויסצוברענגען דרויסנדיקע עקזאָטיק, אָבער נישט דעם אינעווייניקסטן ברויז פון כללישן שטייגער און פון יחידישער גייסטיקייט.

און דערפאַר — דערפאַר בלייבט דאָס יידיש־רעדנדיקע פאָלק פון דער „אַלטער היים", וואָס לעבט אין קינסטלערס זכרון, נאָך די איינציקע טעמע פונעם יידישן בעלעטריסט אין אַמעריקע. נישט בלויז קאָן דער אמתער קינסטלער טעמאַטיש נישט אַרויס פון דעם שטעטל, נאָר ער טאָר עס נישט טאָן, אויב ער וויל שילדערן מענטשן, וואָס רעדן זיין שפּראַך און ער איז זיי דערפאַר בכוח צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן. אַוודאי איז פאַראַן אַ ריזיקע, אַז דער אין שטח און אין צייט פון זיינע שטעטל־יידן דערווייטערטער קינסטלער זאָל נישט אַריינפאַלן אין אידעאַליזירונג פון יענע יידן, אָבער אידעאַליזירונג איז נענטער צו דער קינסטלערישער וואָרהייט ווי אומקענטעניש פון לעבן. די אידעאַליזירונג איז בכוח אַרויסצובאַקומען פון אַ געשטאַלט איר פיינטעלע ייד.

און אפשר איז גאָר אַזאַ פּינטעלע נישט פאַראַן — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער לאַנדסמאַן־שרייבער. דאָ אין אַמעריקע זענען מיר, די יידיש־שעפער, געוואָרן אַ דערשיינונג, וואָס איז אַ זעלטנקייט אין דער געשיכטע. פעלקער אָן ליטעראַטורן האָט מען שוין געזען, אָבער די יידיש־ליטעראַטור אין אַמעריקע איז דער אויסנעמלעכער פענאָמען פון אַ ליטעראַטור אָן אַ פאָלק.

אין אַ ליטעראַטור אָן אַ פאָלק האָבן דאָס וואָרט פּאָעטן, אָבער נישט בעלעטריסטן. פּאָעטן רעדן דערעיקרשט וועגן זיך און זיי קאָנען נאָך ערגעץ ווו אויסקומען מיט אַן אייגענעם פּאָעטישן לשון. בעלעטריסטן אָבער דערציילן וועגן אַנדערע און זייער כלי־זין איז די כלל־שפּראַך.

איך, דער שליש צווישן די צוויי שרייבער־לאַנדסלייט, האָב אויסגעהערט זייערע היפּש פאַרצווייפלטע רייד, האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין מיט זיי בדרך כלל מסכים, און אַז די פּונקטן, ווו איך צעגיי זיך מיט זיי, זענען נישט אַזוי וויכטיק, אַז מען זאָל זיי דאַרפן באַזונדער אַרויסהייבן און זיך אויף זיי אָפּשטעלן.

די געשיכטע פון „סאַן מיקעלע"

בדרך כלל איז שלאָפלאָזיקייט זייער אַן אומסימפּאַטישער ענין. בדרך כלל צעשרויפט שלאָפלאָזיקייט דעם מענטשנס נערוון, צערייצט און צעשויבערט זיין געמיט און מאַכט דעם מענטש, ווי זאָגט מען דאָס, פאַר אויס מענטש.

אָבער ס'איז אויך געמאָלט, אַז פון שלאָפלאָזע נעכט זאָל אַרויסקומען עפּעס גוטס אי פאַר דעם וואָס ליידט פון דער חולאת און אי פאַר זיינע מיטמענטשן.

דער קלאַסישערביישפּיל פון שלאָפלאָזיקייט, וואָס האָט דערפירט צו אַ פיינעם מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכן רעזולטאַט, איז דער קיניג אחשורוש, דער העלד פון דעם פאַרכאַפּנדיקן ביבל־ראָמאַן „מגילת אסתר".

ערשט אין זעקסטן קאַפּיטל פון דער אסתר־דערציילונג, ווען „עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מלך" און אחשורוש האָט מחמת דעם פאַרוואָגלטן שלאָף „געהייסן ברענגען דעם ספר־הזכרונות פון די צייט־געשעענישן" און זיך געלאָזט פון דאָרט פאַרלייענען — ערשט דעמאָלט האָט אין דעם קיניג דער־וואַכט דאָס מאָראַלישע געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו דעם יידן מרדכי, וואָס האָט אים געהאַט אָפּגעראַטעוועט ס'לעבן און איז דערפאַר נישט באַלוינט געוואָרן.

פון יענער נאַכט פונעם קיניגס שלאָפלאָזיקייט הייבט זיך אָן המנס מפּלה און דער סיפּור המעשה נעמט גיין אויפן וועג צו אַ ישועה פאַר יידן און — צו אחשורושס מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אויפריכטונג.

אַ צווייטער ביישפּיל פון שלאָפלאָזע נעכט מיט אַ גאַנץ נישקשהדיקן רעזול־

טאַט פאַרן מחבר און זיינע לייענער איז געווען דאָס בוך פון דעם שוועדישן דאָקטער מאַרטין פּרעדעריק מונטע.

דער שלאָף, וואָס האָט געמיטן ד״ר מונטען און אים צענדליקער נעכט געלאָזט אַ וואַכן אויף זיין געלעגער, האָט אים צו אריכות ימים נישט געשאַדט. און די שלאָפלאָזיקייט, וואָס פון איר האָט ציטווייליק געליטן דער שוועדישער דאָקטער, האָט זיך אויך נישט אָפּגערופן שלעכט אויף זיינע נערוון און אויף זיין געמיט.

פאַרקערט, דווקא די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אים געגעבן קראַפט צו גייסטיקער און שרייבערישער קאָנצענטרירונג. דווקא אין יענע נעכט אָן שלאָף האָט דעם דאָקטערס געמיט שעמערירט מיט אַלע חנען פון סקעפּטישקייט, פון הומאָר און פון ליריק און ער איז געווען בכוח אָנצושרייבן אַ בוך, וואָס איז פאַר אַ שטיק צייט געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער „בעסט סעלער״ און האָט דעם מחבר אַריינגעטראָגן אַ סך ליטעראַרישע גלאָריע און נאָך מער ליטעראַרישע האָנאָראַרן.

מיט די ערשטע פיר ביכער זיינע האָט ד״ר מונטע נישט געהאַט קיין איבעריקן ליטעראַרישן און מאַטעריעלן דערפאָלג. עס איז שווער צו זאָגן צי דאָס איז דערפאַר, ווייל ביים שרייבן יענע ווערק האָט דער מחבר אַלע נעכט פון יאָר זיך גוט אויסגעשלאָפן.

יעדנפאַלס איז זיכער, אַז ד״ר מונטעס פינפט בוך „די געשיכטע פון סאַן מיקעלע״ איז געווען אַ גוואַלדאַוונער דערפאָלג ביי דער לייענערשאַפט אין איראָפּע און אויך צום טייל אין אַמעריקע. אַקסעל מונטעס אויטאָביאָגראַפיע אונטער דעם נאַר־וואָס דערמאָנטן נאָמען „די געשיכטע פון סאַן מיקעלע״ איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַן אַ שיעור שפּראַכן און איז מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק געווען דאָס בוך „וואָס יעדער געבילדעטער און באַלעזענער האָט געמוזט האָבן געלייענט״. דאָס בוך איז געווען, ווי די פראַנצויזן זאָגן, „אַן וואָג״. מען האָט דאָס בוך שטאַרק געקויפט ; עס איז וועגן אים געווען אַ שטאַרקער נאָכפרעג אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן ; מען האָט דאָס בוך אַ סך געלייענט. און אַז נישט געלייענט האָט מען לכל הפחות געוווסט דערפון אַזוי פיל „אויף אויסנווייניק״, אַז מען זאָל נישט בלייבן פאַרשעמט ביי אַ שמועס וועגן דער „געשיכטע פון סאַן מיקעלע״.

איך גלייב, אַז צווישן די ביכער פון יענער צייט האָט זיך זעלטן אַ בוך געקאָנט פאַרגלייכן אין דערפאָלג און אין „בעסט סעלערישקייט״ מיט אַקסעל מונטעס אויטאָביאָגראַפיע. אַ גרעסערן דערפאָלג האָט בלויז געהאַט עריק מאַריאַ רעמאַרקס קריגס־בוך „אויפן מערב־פראָנט — קיין שום נייעס״. אָבער אין די יאָרן, ווען מונטעס מעשה וועגן זיינע אָרעמע און רייכע פּאַציענטן און וועגן זיינע אויסטערלישע באַגעגענישן מיט מענטשן און מיט פייגל האָט פאַרכאַפּט דעם איראָפּעיִשן לייענער־עולם, האָט דער אינטערעס צו רעמאַרקס באַריכט

וועגן דעם ליאַרעם פון האַרמאַטן אויפן מערב־פראָנט שוין געהאַלטן ביים סאַמע אויסגיין.

עס איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה און דאָס מענטשלעכע געמיט האָט גענומען צוריק אַריינוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון פרידן און זיך אינטערעסירן מיט „נאָרמאַלע פסיכאָלאָגישע ענינים״.

דאָרט, אין רעמאַרקס בוך, האָט אַ סאָלדאַט דערציילט וועגן זיינע חברים אין פייער פון האַרמאַטן. ער האָט דערציילט ווי אַזוי היהש און מענטשלעך, ווי אַזוי פשוט און אומגעוויינלעך עס באַנעמען זיך מענטשן אין קלעם פון בשותפותדיקע ליידן און פון בעל־כורחודיקער סאָלידאַריטעט. רעמאַרקס ראָמאַן האָט פאַרכאַפּט מיט זיין נאַטוראַליסטישן אמת, מיט דעם פּאַטאָס פון אָנקלאָג און מיט דער ביטערקייט פון סאַטירע און אויטאָסאַטירע.

דאָ, אין אַקסעל מונטעס אויטאָציאָגראַפיע, דערציילט אַ דאָקטער וועגן זיינע פּאַציענטן אין דערווירקלעכקייט און אין דער איינרעדעניש פון קרענק. ער דערציילט מיט איראָניע און מיט אַ היפש ביסל זעלבסטאיראָניע וועגן קראַנקע און וועגן דאָקטוירים. און עס קומען אַרויס, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, ענלעכע סיטואַציעס און ענלעכע פסיכישע צושטאַנדן און ענלעכע מענטשלעכע באַציִונגען איןביידע ביכער.

קנאה־שנאה און אויסברוכן פון ליידנשאַפט צו מענטשלעכקייט אויף דעם הינטערגרונט פון מלחמהדיקן שטאָל און אייזן אין די טראַנשייען — ביי רע־מאַרקן; און די זעלביקע קנאה־שנאה און דער זעלביקער ספּאָראַדישער אויפפלאַם פון אהבת הבריות ביי מונטען אויף דער שפּינוועבס־קאַנווע פון פרידן: צווישן קראַנקע און געזונטע, אין שפּיטאַלן און אין סאַלאָנען, צווישן דאָקטוירים און פּאַציענטן, צווישן אָרעמע און רייכע און אויפגעקומענע אין שטאָקהאָלם, אין פּאַריז און אין רוים און אויף וואַקאַציע אויף דעם שיינעם גן־עדנדיקן אינדזל קאַפּרי, ווו עס געפינט זיך דאָקטער מונטעס הויז „סאַן מיקעלע״, וואָס אויף זיין נאָמען ווערט אָנגערופן די אויטאָביאָגראַפיע.

און אין ביידע ביכער — אין רעמאַרקס און אין מונטעס — נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלטן און נישט קיין בעלעטריסטיש־פאַרשענערטע אָדער פאַרמיאוסטע מענטשן, נאָר מענטשן פון מחברס אייגענעם לעבן, וואָס ער האָט זיך מיט זיי דאָ ערשט באַגעגנט, מיט זיי גערעדט, זיי אויסגעהערט, מיט זיי מיטגעלעבט און אָט בעט ער אונדז מיר זאָלן זיך אויך מיט זיי באַקענען.

אפשר האָט טאַקע אַקסעל מונטעס אויטאָביאָגראַפיע געהאַט כמעט אַזאַ דערפאָלג ווי רעמאַרקס קריגס־באַריכט, ווייל — אָט ערשט האָבן זיך מענטשן אין דער דערציילונג פונעם מערב־פראָנט פאַרמאָסטן מיט אַנאַנד און קעגן אַנאַנד מיטן אָנשטעל פון געזונט, פון חיהשן אַפּעטיט, פון גבורה און העלדיש־קייט און אָט זענען זיי אין דער היים, אין פּאַריז און אין רוים און אויף וואַקאַציע אין קאַפּרי און זיי קאָנקורירן מיט אַנאַנד מיט איינגערעדטע חולאתן, מיט

אַפּעטיטלאָזיקייט, און דער עיקר, מיט די קרענק, וואָס זענען אין דער מאָדע.

איןביידע פֿאַלן: „אויפֿן מערב־פֿראָנט" און אין „סאַן מיקעלע" — נישט קולטור־עכטקייט, נאָר קולטור־נאָכמאַכונג. אַקסעל מונטעס בוך איז געווען ווי אַ מין המשך צום קריטישן באַריכט פֿון רעמאַרקן.

און אפשר, טראַכט איך, האָבן מחמת דעם די פֿאַרלעגער און איבערזעצער געהאַלטן, אַז אַקסעל מונטעס בוך מוז האָבן אַרויסגעוואַקסן פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט, נישט אַנדערש ווי רעמאַרקס. רעמאַרקן האָבן די האַרמאַטן נישט געלאָזט שלאָפֿן אויפֿן „מערב־פֿראָנט". אין מונטעס בוך האָבן זעלבסטקריטישע איבער־לעבענישן און די מורא פֿאַר בלינד ווערן פֿאַרוואָגלט דעם שלאָף אין „סאַן מיקעלע".

די רעקלאַמע מיט די שלאָפֿלאָזע נעכט איז אין תוך געווען אַן איבעריקע (זי איז געווען ווי אַלע אַזעלכע רעקלאַמעס, ביליק אין גייסט און היפּש טייער אין געלט), זי איז געווען איבעריק, ווייל אַקסעל מונטעס בוך האָט אַן־און־פֿאַר זיך פֿאַרמאָגט, סיי אינהאַלטלעך, סיי אין פֿאָרעם, גענוג מעלות אויף צו ווערן אַ בוך מיט דערפֿאָלג ביי לייענער.

עס זענען שוין פֿאַרביי איבער דרייסיק יאָר זינט איך האָב געלייענט „די געשיכטע פֿון סאַן מיקעלע" און איך קען עד היום נישט פֿאַרגעסן די פֿיינע איראָניע, מיט וועלכער אַקסעל מונטע שילדערט די מאָדע־קראַנקייט פֿון דער צייט: „קאָליטיס" (לייכטע אָנצינדונג פֿון דער גראָבער קישקע).

ס'איז געווען — דערציילט אַקסעל מונטע — אַ סימן פֿון איידלקייט און פֿון סאָציאַלער חשיבות, אַז מען האָט געליטן פֿון „קאָליטיס". דער קראַנקער האָט געוווּנען צוטרוי צום דאָקטאָר, אויב ער האָט באַלד דערזען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן „קאָליטיס". פֿאַרשטייט זיך, אַז דער עיקר האָבן די מאָדע מיטגעמאַכט די פֿרויען. זיי האָבן געהאַט אי מער צייט און אי מער באַגער צו סאָציאַלער חשיבות.

אָבער דער עיקר, געדענק איך, האָט מיך געוווּנען נישט אַזוי אַקסעל מונטעס איראָניע אויפֿן חשבון פֿון די מאָדע־קראַנקע, נאָר די שניידנדיקע זעלבסטאיראָניע, דאָס שאַרפֿע געלעכטערל זיינס אויפֿן אייגענעם דאָקטערישן חשבון.

אַקסעל מונטע האָט געלאַכט פֿונעם קראַנקנס איינרעדעניש און אויך נישט ווייניקער פֿון זיין דאָקטערישער זיכערקייט מיט דער היילונג. מונטע האָט אין איינעם מיט אַלע קלוגע דאָקטוירים געוווּסט, אַז דעם דאָקטערס באַרעכ־טיקטע לידנשאַפֿט איז דער דיאַגנאָז, אָבער אַז נאָך באַרעכטיקטער ווערט דעם מעדיקערס פֿאַרצווייפֿלונג ווען עס קומט אויסצוהיילן די דערקאָנטע קראַנקהייט. עס ווערט דעם קראַנקן בעסער פֿון די פּילן, פֿון די פּראָשקעס און פֿון די טראָפּן. ווו איז דער דאָקטער וואָס זאָל דערין גלויבן מער ווי אויף דער העלפֿט?

אַזוי וויית ווי מישעל מאָנטען מיט זיין איראָניע צו די דאָקטוירים איז

אַקסעל מונטע מיט זיין דאָקטערישער זעלבסטקריטיק נישט געגאַנגען, מאַנטען האָט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק אַן איראָנישן ביס געטאָן דער דאָקטערישער פּראָפעסיע און דער ביס איז נאָך עד היום נישט פאַרהיילט. מאָנטען האָט געשריבן, אַז די מעדיקער זענען די גליקלעכסטע פּראָפעסיע אויף דער וועלט, וואָרעם — „זייערע דערפאָלגן באַשיינט די זון און זייערע דורכפאַלן דעקט צו די ערד".

אַקסעל מונטע האָט אַזוי שאַרף נישט געביסן. זעלבסטאיראָניע האָט קיין מאָל נישט דעם כוח, וואָס עס האָט איראָניע אויף יענעמס חשבון, אָבער — ער איז געווען דרייסט, אָפּרישנדיק דרייסט, מיט לייכטן אויטאָשפּאָט, און דאָס בוך איז זיכער געווען אַ קולטור־טובה סיי פאַר דער „פּראָפעסיע" פון די קראַנקע און סיי פאַר דער פּראָפעסיע פון די היילערס.

אַן אומאויסלעשלעכן רושם האָבן אויך געמאַכט יענע קאַפּיטלען פון מונטעס בוך וואָס האָבן דערציילט וועגן מחברס ליבשאַפט צו גאָטס שטומע באַשעפע־נישן, און דער עיקר, צו פייגל. דער טיפער צער בעלי חיים וואָס האָט אַרויסגע־אָטעמט פון דעם שוועדישן דאָקטערס אויטאָביאָגראַפיע, האָט פאַר מונטען איינ־געהאַנדלט ביי די קריטיקער אַ פאַרגלייך מיט דעם הייליקן פּרענסיס פון אַסיזש.

עס איז געווען אַ יאָרצענדליק נאָך דער וועלט־מלחמה און די סכנה פון אַ נייער בלוט־פאַרגיסונג האָט זיך שוין געדרויטלט אויפן האָריזאָנט. די מענטשהייט האָט געגאַרט נאָך אַ נייער ליבע־אַנטוויקלונג, וואָס זאָל אָפּוועגדן די געפאַר. האָט מונטעס ליבשאַפט צו פייגל געוווּנען די הערצער פון די טויזנטער לייענער פון זיין „געשיכטע פון סאַן מיקעלע"? קאָן זיין.

אָבער בלויז אַ יאָר צענדליק שפּעטער האָט דער צער בעלי חיימניק היטלער אַוועקגעשטעלט גאַז־אויוונס און געברענט און פאַרברענט מיליאָנען מענטשן.

און דער „פּרענסיס פון אַסיזש" פון סאַן מיקעלע האָט דעמאָלט אויף דער עלטער געוווינט אין רוים און זיינע באַציִונגען צום פאַשיזם זענען געווען גוטע, אויב נישט די סאַמע בעסטע. איך געדענק נישט, אַז אַקסעל מונטע זאָל האָבן דערהויבן זיין שטים קעגן אַשוויענטשים און מאַידאַנעק.

דער צענטער יאָרצייט וואָס אַ גרופּע פאַרערער האָט איצט געפּראַוועט אין רוים האָט דערמאָנט אין דער הנאה מיט וועלכער מען האָט געלייענט די קלוגע, מענטשלעכע און וואַרעמע „געשיכטע פון סאַן מיקעלע". אָבער דאָס, וואָס דער דערציילער פון יענער געשיכטע האָט אַזוי קאַלט געשוויגן צום צער פון מענטשן אין טרעבלינקע — דאָס פּסלט אויף דרייסיק יאָר צוריק אי דעם מחברס בוך פון רחמנות און קלוגשאַפט און אי אונדזער אייגענע לייענערישע הנאה דערפון.

1958

שלמה ביקל

ביאַליק און שטיינבאַרג

אַ גרויסע, קעגנזייטיקע ליבשאַפט און פאַרערונג איז געווען צווישן די צוויי דיכטער אונדזערע.

אליעזר שטיינבאַרג האָט ביאַליקן און זיינע לידער ממש פאַרגעטערט. ער האָט שטענדיק געלייענט ביאַליקן. ווען דאָס געמיט איז אים שווער געווען, פלעגט זיך שטיינבאַרג צוכאַפּן לייענען ביאַליקס לידער און — עס איז אים לייכטער געוואָרן. אַנדערע — האָט מיר אַ מאָל שטיינבאַרג געזאָגט — גייען זיך באַפרייען פון אַ שווער געמיט ביי היינען. מיין קוואַל פון דערפרישונג איז ביאַליק. וואָרעם ביאַליק איז דער מקור פון יידישן געפיל און פון יידישער איבערלעבעניש און היינע איז פאַרט נישט מער ווי אַ דייטשער תרגום דערפון.

איך געדענק די איינבענדיקע, גרויספאָרמאַטיקע אויסגאַבע פון ביאַליקס לידער, וואָס איז געווען אַ שטענדיק בוך אויף שטיינבאַרגס טיש. און אַז איך האָב אַמאָל מעיין געווען אין דעם בוך האָב איך געזען, אַז ביי די ראַנדן פון די לידער איז דאָ שטיינבאַרגס יידישע איבערזעצונג. ער האָט גאַנץ ביאַליק איבערגעזעצט אויף יידיש. געדרוקט פון זיינע איבערזעצונגען האָט שטיינבאַרג נישט קיין סך. ווי דער גרעסטער טייל שריפטן אַחוץ זיינע צוויי בענד משלים און מעשהלעך, וואַרטן אויך שטיינבאַרגס ביאַליק־איבערזעצונגען אויף אַן אַרויסגעבער.

עטלעכע פון ביאַליקס „שירי עם" האָט שטיינבאַרג געדרוקט אין דער טשערנאָוויצער פּועלי־ציוניסטישער „פרייהייט" און עס זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון עטלעכע סטראָפעס פון שטיינבאַרגס יידיש־תרגום פון דעם ליד „בין נהר פרת ונהר חדקל".

אָנהייבן הייבט זיך אָן דאָס ליד אויף יידיש אַזוי —

נישט אין שטאָט און נישט אין שטעטל
אויף אַ טייטלבוים מיט גאוה
זיצט אַ גינגאָלד־שיינע פּאַווע.

פּאַווע־קרוין, איך וויל דיך בעטן,
זאָלסט די פליגעלעך צעשפּרייטן
צו מיין חתן פלי און בינד אים
און צו טראָגן ברענג געשווינד אים.

לאָזט נישט בינדן זיך מיין ליבער,
טאָ גיב אַ גרוס אים איבער.
וועט ער פרעגן: וואָס איז נייעס?
זאָג: ס׳גייט מיר אויס ס׳חיות.

און זאָג אים נאָך אַ שטייגער:
פייכט פון טרערן מיין געלעגער,
פון מיין לייב מיין ווייסן, פרישן,
פייערט יעדע נאַכט מיין קישן.

אָבער אין התפּעלות, דערמאָן איך זיך, האָט מיך און די אַנדערע חברים שרייבער אין רומעניע אַריינגעבראַכט די זייער געלונגענע איבערזעצונג פון די צוויי שורות, וואָס זענען ביי ביאַליקן אַ מין צויבערשפּרוך.

אין דער יובל־אויסגאַבע פון ביאַליקס לידער (תל־אביב, 1933) לייענט זיך דער צויבער־שפּרוך —

ריפת דיפת ומוריפת
ככה שחה הדוכיפת.

ביי מיר אין זכרון איז פאַרבליבן אַן אַנדערער וואַריאַנט פונעם צויבער־שפּרוך פון אַ פריערדיקער אויסגאַבע —

לחש נחש כוס של ברכה —
הדוכיפת ככה שחה.

שטיינבאַרגס געלונגענע איבערזעצונג פון דעם כישוף־שפּרוך איז —

יינגל רינגל אדם חוה
האָט אַזוי געזאָגט די פּאַווע.

אָבער פּונקט ווי שטיינבאַרגס פאַרערונג צו ביאַליקן, אַזוי איז אויך געווען גרויס ביאַליקס באַגייסטערונג פאַר שטיינבאַרגס משלים.

קנאַפּ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שטיינבאַרג באַזוכט ביאַליקן אין אָדעס און פאַר אים און ראַווניצקין געלייענט זיינע משלים. ביאַליק איז געווען מלא התלהבות פון דער נייקייט און אָריגינעלקייט פון די פאַבלען און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אַ באַנד פון שטיינבאַרגס משלים זאָל דערשיינען אין ביאַליק־ראַווניצקיס פאַרלאַג „מוריה״. דער אויסברוך פון דער מלחמה אין אויגוסט 1914 האָט צונישט געמאַכט דעם פּלאַן און דעם אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך אַרויסצוגעבן די פאַבלען.

שטיינבאַרגס ערשטער באַנד משלים, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין 1914 אין אָדעס, איז ערשט אַרויס אַכצן יאָר שפּעטער — אין 1932 (עטלעכע חדשים נאָך דעם דיכטערס טויט) אין טשערנאָוויץ. שטיינבאַרג האָט באַוויזן צו

זען אָפּגעדרוקט בלויז דעם ערשטן בויגן פון דעם בוך. דעם 24סטן מערץ 1932 איז ער אַרייַן אין יידישן שפּיטאָל אויף אַן אַפּענדיקס־אָפּעראַציע. דריי מעת לעת שפּעטער, אין דער נאַכט פון 27סטן אויפן 28סטן מערץ איז שטיינבאַרג געשטאָרבן פון אַ בלוט־פאַרגליווערונג. ער איז אַלט געווען נישט מער ווי 52 יאָר.

ווען דאָס בוך איז אַרויס האָט דער שטיינבאַרג־קאָמיטעט צוגעשיקט איינע פון די ערשטע קאָפּיעס צו ביאַליקן קיין תל־אביב. נאָכן איבערלייענען די משלים האָט ביאַליק געשריבן אַ דאַנק־בריוו צום קאָמיטעט קיין טשערנאָוויץ. דער בריוו ווערט איבערגעדרוקט אויף העברעיִש אין דעם אַרטיקל, וואָס דער פאַר־וואַלטער פונעם תל־אביבער ביאַליק־הויז האָט אָנגעשריבן פאַרן „דבר״ צו אליעזר שטיינבאַרגס דרייסיקסטן יאָרצייט.

ביאַליק שרייבט: „אַן אמתן יישר־כוח איך פאַר דער טייערער מתנה, וואָס איר האָט מיר געשיקט, איך מיין, דעם באַנד מיט די גאונישע משלים פון מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד אליעזר שטיינבאַרג ז״ל. כ׳בין צוגעפאַלן צו זיי מיט גרויס דאָרשט און האָב מיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיי. זייער ווערט איז נישט צום אָפּשאַצן. יעדער משל האָט זיך זיין אייגענעם חן און זיין אייגענעם צויבער. דאָס איז אַ ווערק פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס וועט באַצירן אונדזער ליטעראַטור אויף דור דורות. אין מיין האַרץ האָט זיך פונדאָסניי דערוועקט דער טרויער אויפן טויט פון דעם גאונישן מחבר, וואָס איז אַזוי פריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן. עס איז אַן אבידה, וואָס מען קאָן זי נישט פאַרגעסן. ווער ווייסט וואָס דער מענטש איז נאָך בכוח געווען אונדז צו געבן? מיר האָבן נישט קיין מזל! איך בעט אייך איר זאָלט נישט רוען ביז איר וועט נישט אַרויסגעבן אַלץ, וואָס איז אַרויס פון שטיינבאַרגס פעדער. אַלץ זאָלט איר אַרויסגעבן און קיין איין אות נישט אויסלאָזן. אַלץ: אַלע מעשהלעך און זיינע קינדער־לידער און אַפילו זיינע איבערזעצונגען. אַלץ דאַרף מען איבערגעבן צו די לייענער. מען טאָר גאָרנישט אויסלאָזן...״

צום באַדויערן איז ביאַליקס אָנזאָג צום קאָמיטעט נישט מקוים געוואָרן. שפּעטער פיר יאָר איז אין טשערנאָוויץ אַרויס אַ באַנד מעשהלעך. שפּעטער צוואַנציק יאָר, אין תל אביב, אַ צווייטער באַנד משלים. אַלץ איבעריקע ליגט נאָך אין שופלאָד אונטער דער געטרייער שמירה פון שטיינבאַרגס אַלמנה רבקה שטיינבאַרג, וואָס וווינט אין תל־אביב.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ווייס אַלץ פון שטיינבאַרגס ביאָגראַפיע צווישן די יאָרן 1920, ווען ער איז געקומען פון זיין בעסאַראַבישן שטעטל ליפּקאַן קיין טשערנאָוויץ, און 1932, ווען ער איז דאָרט נפטר געוואָרן און געקומען צו קבורה.

ברענגט אָבער מ. אונגערפעלד צוויי בריוו פון שטיינבאַרגן צו ביאַליקן פון 1925, פון וועלכע איך האָב נישט געוווּסט. ווייזט אויס, אַז שטיינבאַרגן איז נמאס

געוואָרן צו בלייבן ווייטער אין טשערנאָוויץ (עס זענען געווען די יאָרן פון שאַרפע אידעיִשע מחלוקתן אין דער קולטור־פעדעראַציע) און ער האָט באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דעם פּלאַן זיינעם האָט ער געהאַלטן בסוד פון זיינע פריינד, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זיי וועלן אים נישט וועלן אָוועק־לאָזן.

דעם 19טן מאַי 1925 האָט אליעזר שטיינבאַרג געשריבן צו ביאַליקן אַזוי —

„טייערער ביאַליק, כ׳האָב באַשלאָסן און וויל פון מיין באַשלוס נישט אָפּגיין. ס׳איז מיר נישט מעגלעך דאָ צו בלייבן, ס׳איז נישט מעגלעך און איך וויל נישט. וואָס שייך פּרנסה, בין איך דאָך אַ ייד און אַ ייד דאַרף צו זיין קיום נישט דווקא פּרנסה. עס איז געוווּנג, אַז ער האָט „דאגות פּרנסה״. פון אָט דעם פּעלז ציט ער זיין „האָניק״, און דאגות פּרנסה האָט מיר דער אויבערשטער אין זיין גרויס גענאָד איבעראַל צוגעשיקט. סיי דאָ און סיי דאָרט. איך בין זיכער, אַז מען וועט מיך נישט פאַרלאָזן. אַז איך וועל זוכן אַ שטיקל ברויט, וועל איך עס מיט מי געפינען. קיין גרויסער נצרך בין איך נישט. קינדער צו שפּייזן האָב איך ב״ה נישט. און די השגות זענען אויך נישט גרויס. איך וואַרט אויף אייער תשובה, מיט פאַרערונג, אליעזר שטיינבאַרג״.

ביאַליק האָט תיכף געענטפערט און אים צוגעזאָגט זיין פולע הילף. מיר זעען דאָס פון אַ צווייטן בריוו פון שטיינבאַרגן, ווו ער דאַנקט ביאַליקן און גיט אים די פאַרלאַנגטע ביאָגראַפישע דאַטעס.

„מיין פּראָפעסיע?״ — שרייבט שטיינבאַרג אין דעם בריוו — „אין דער אמתן בין איך אַ האָלץ־העקער, נאָר אין די פּאַפּירן ווער איך געקרוינט מיט די טיטלען: שרייבער און לערער...״

פאַר וואָס שטיינבאַרגס עליה איז נישט צושטאַנד געקומען, איז פון אונגער־פעלדס מאמר נישט צו זען. אפשר זענען נאָך פאַראַן אַנדערע בריוו וועגן דעם אין ביאַליק־אַרכיוו.

*

צום סוף עטלעכע אָפּשאַץ־שורות פון אונגערפעלדן וועגן שטיינבאַרגן.

איך קלייב אויס דריי שורות, וואָס הייבן זיך אָן מיט „יפה אמרו״ (גוט האָט מען געזאָגט), ווייל איך בין מיך משער, אַז מ. אונגערפעלד, וואָס איז געווען נאָענט צו ביאַליקן, קאָן אונטער דעם „גוט האָט מען געזאָגט״ מיינען דעם זאָגער ח. נ. ביאַליק.

און געזאָגט האָט מען ריכטיק (און אויך איך אַליין האָב עס שוין געזאָגט), אַז אין שטיינבאַרגן האָבן זיך באַהעפט דריי טייערע שאַפונגס־עלעמענטן פון אונדזערע דריי קלאַסיקער: די סאַטירישע חריפות פון מענדעלען, דער לירישער הומאָר פון שלום עליכמען און די אידעאַלסטע דערהויבנקייט פון פּרצן.

דער רעדאַקטאָר פון „היימיש"

עס איז נישט געווען קיין איין סטאַטישער מאָמענט אין דעם שרייבער משה גראָסמאַן. ער איז געווען כולו דינאַמיק, שטענדיק אין באַוועגונג און שטענדיק אין אײַלעניש. דער דאָזיקער דינאַמיזם האָט אין די לעצטע יאָרן זיכער געשע־דיקט דאָס ביסל געזונט, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן נאָך די פּיינפולע יאָרן אין דעם „פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי". און די שרייבע־רישע דינאַמיק איז, בלי ספק, געווען פאַר גראָסמאַנען אויך אַ שטער אויפן וועג צו קינסטלערישער דערגרייכונג. ער האָט געהאַט דעם באַגער און אויך די באַגאַבונגס־מעגלעכקייטן צו בעלעטריסטיק, אָבער עס האָט אים פאַרפעלט די נייטיקע מאָס פון געדולד און קאָנצענטראַציע, וואָס איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם פּראָצעס פון קינסטלערישער רעאַליזירונג.

ער איז געווען, משה גראָסמאַן, אַ זייער פעיִקער און לײַדנשאַפטלעכער צײַטונגס־מאַן, וואָס מוז אַלץ דערציילן און האָט אַזוי פיל צו דערציילן, אַז ער האָט פּשוט נישט קיין צײַט צו וואַרטן אויף וואָס די פאַנטאַזיע וועט אים אונ־טערזאָגן און ער כאַפּט זיך צו דער ווירקלעכקייט, ווו עס ליגט פאַר אים אָנגע־גרייט אַ שלל מיט געשעענישן און פּאַסירונגען וואָס בעטן זיך ממש מען זאָל וועגן זיי אינפאָרמירן די לייענער. לגבי דער ווירקלעכקייט איז די פאַנטאַזיע אַ קאַרגע דאַמע, וואָס קען זיין אַ פּאָר צו מאַליערס באַרימטן העלד פון קאַרג־שאַפט, האַרפּאַגאָן.

דער צײַטונגס־מאַן אין משה גראָסמאַנען איז געווען אַ שטער צו גראָסמאַנס ראָמאַן־ביאָגראַפיעס פון קאַרל מאַרקס און ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס ער האָט געשריבן אין די האָפּערדיקע „בימים ההם" פון פאַרן מבול. און דער צײַטונגס־מאַן האָט פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אויך געמינערט פון זיין „אין פאַר־כישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי", ווו ער האָט דערציילט די כראָניק פון די ליידן, צרות און אַנטוישונגען בעת די מלחמה־יאָרן, וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

מיט איין דריטל, אָדער אפשר נאָך מיט אַ העלפט ווייניקער פון דעם, וואָס גראָסמאַן האָט אונדז איבערגעגעבן אין זיין געשיכטע וועגן די עוואַקואַציע־יאָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָלט דאָס בוך נישט נאָר געווען גראָסמאַנס קרוין־ווערק נאָר עס וואָלט אויך פאַרדינט דעם אַדיעקטיוו קלאַסיש וואָס מען האָט דעם בוך צוגעטיילט, אַ סך מאָל נישט פאַרדינטערהייט.

די געשעענישן אין דעם „פאַרכישופטן לאַנד", וועגן וועלכע גראָסמאַן דער־ציילט אונדז, זענען אויפטרייסלענדיק, אָבער צו דער ליטעראַרישער קלאַסיש־קייט און גאַנצקייט פון דעם ווערק פעלט די נייטיקע האַרמאָניע. און אַ געשיכטע

פון לײדן, אַ חורבן־בוך, וואָס וויל אויך האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט, קאָן זיך אָן דער האַרמאָנישקייט נישט באַגיין. אַ סימן — די כראָניק פון לײדן, דאָס בוך פון געקלאָג און פון געיאָמער, אונטערן נאָמען „איכה", וואָס איז האַר־מאָניש און גרויס אויך דערפאַר, ווייל עס האָט אַלץ דערציילט און דערביי קיין איבעריק וואָרט נישט געזאָגט.

עס פעלט מיר נישט איין צו וועלן מינערן פון משה גראָסמאַנס בוך „אין פאַרכישופטן לאַנד" דורך אַ פאַרגלייך מיט „איכה". דאָס וואָלט געווען אַ ביליק שטיקל קריטיק און איך בין עס זיכער נישט אויסן.

איך וויל בלויז אונטערשטרייכן און וואָס בולטער מאַכן מיין איבערצייגונג, אַז משה גראָסמאַן איז פאַר אַלעמען און קודם כל געווען אַן אויסנאַמלעך־פעיִקער צייטונגסמאַן, נישט נאָר ווי אַ שרייבער, נאָר אויך ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר. די יידישע חודש־שריפט „היימיש", וואָס משה גראָסמאַן, דער פיזיש־צעבראָכענער נייער עולה, האָט מיט אייגענער פראַצע און מי אויפגעשטעלט און אָנגעהאַלטן פאַר איבער פינף יאָר, ביז צו זיין טויט אין תל־אביב, איז ממש געווען אַ וווּנ־דער־ווערק פון זשורנאַליסטישן און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט.

איך האָב געהאַט טענות צו משה גראָסמאַנס צייטשריפט „היימיש" און האָב די טענות נישט פאַרהוילן פאַר אים פערזענלעך בעת אונדזער באַגעגעניש מיט צוויי יאָר צוריק אין תל־אביב און דערנאָך בכתב אין מיינע באַריכטן וועגן דער ישראל־רייזע. פאַר מיר איז „היימיש" געווען צו פיל „ליטעראַרישע קיך". „היי־מיש" איז טאַקע געווען די פאָפּולערסטע יידישע צייטשריפט צווישן די העַ־ברעיִש־לייענער, אָבער דער העברעיִשער „קורא ותיק" איז פון „היימיש" בדרך כלל געוווּיר געוואָרן נישט עפּעס ערנסטס און תוכיקס, נאָר עפּעס פּיקאַנטס און אויבנאויפיקס אַרום יידיש און איר ליטעראַטור.

אָבער נאָך אַלע תרעומות צו „היימיש" האָט מען נישט געקאָנט לייקענען, אַז משה גראָסמאַן, דער פון אַזוי פיל יסורי הנפש און יסורי הגוף פאַר־מאַטערטער שרייבער, האָט געשאַפן אין מדינת ישראל די ערשטע פאַלקסטימ־לעכע יידישע צייטשריפט, וואָס איז מיט איר פיל־געלייענטקייט געוואָרן אַן אמתע פאַרבינדונג צווישן די יידיש־לייענער אין די תפוצות און האָט מער ווי יעדע אַנדערע דורכגעבראָכן די באַריערע פון דער העברעיִש־לייענערשאַפט אין דער יידישער מדינה.

אין די נאָך־קאַטאַסטראָפע־יאָרן איז דאָס געווען אַן אויפטו, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן.

משה גראָסמאַן האָט אין זיך געהאַט דעם שטאָף פון אַ גרויסן רעדאַקטאָר און צייטונגס־אַרויסגעבער און — ער איז דערצו געווען אַ באַגאַבטער און אַלע מאָל אינטערעסאַנטער שרייבער.

1961

טעותן פון גדולים

ווען איך האָב אין חודש־זשורנאַל „אידישע קולטור“ (נומער 10 פון 1943) איבערגעלייענט אַ בריוו פון שמעון דובנאָוו צו ד״ר א. ראַבאַק וועגן י. ל. פּרצן, האָב איך ראשית געטראַכט, אַז גראָד אין די טרויער־חדשים נאָכן טראַגיש־אומגעקומענעם היסטאָריקער איז אפשר נישט געווען פּאַסיק צו פאַרעפנטלעכן אַ בריוו וואָס מינערט פון דער דובנאָוו־געשטאַלט און שנית בין איך געווען צופרידן, וואָס נאָך פאַר דעם בריוו אין „אידישע קולטור“ איז שוין געווען געדרוקט אַן ענטפער אויף אים אין אַפּאַטאָשו־לייוויקס „זאַמלביכער“ נר. 5. דער ענטפער איז פאַראַן אין ישראל צינבערגס בריוו צו יוסף אַפּאַטאָשון פון 17טן אויגוסט 1936. דאָרט שרייבט צינבערג, וואָס האָט דובנאָווס בריוו צו ראַבאַקן, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל נישט געלייענט, אַזוי צו שרייבן: „...מיר האָבן פלוצלונג דערזען ווי טיף עס איז נאָך איינגעוואָרצלט אין דובנאָוון דער פאַרביסענער משכיל פון ש״י איש הורוויצעס חדר. איך רעד שוין נישט וועגן דעם קאַפּיטל ווו דובנאָוו רעדט וועגן דעם בראַסלאָווער. דאָרט פאַרגעסט ער אַפילו, אַז ער האָט זיך פאַרגענומען צו זיין אָביעקטיוו. ער זידלט זיך פּשוט און מאַכט דעם מיסטיקער אויס בראַסלאָוו כעפרא דארעא. בכלל שטייט דער דאָזיקער קאַפּיטל אויף דעם זעלבן ניוואָ, ווי דובנאָווס באַוווסטע רעצענזיע, וואָס ער האָט בשעתו אָנגעשריבן אין „וואָסכאָד“ וועגן פרצס דערציילונג „ליל זוועה“.

צינבערג אַליין מאַכט חלילה קיינעם נישט כעפרא דארעא אויב ער אָנערקענט אים נישט, אָבער פון דעסטוועגן איז אַ מילד פאָרמולירטער טעות אויך אַ טעות. און דעם טעות מאַכט, לפי עניות דעתי, צינבערג ווען ער איז מסביר אַפּאַטאָשון (בריוו פון 5טן דעצעמבער 1934), אַז לודוויג בערנע איז נישט אונדזערער און דערפאַר „וועגן בערנען שרייב איך בלויז אייניקע ווערטער, ווי וועגן אַ באַדייטנדיקן דייטשישן שריפטשטעלער, וואָס האָט באַרירט די „יודענפראַגע“ אַלס פ ר ע מ ד ע ר און זייטיקער“.

ווען בערנע זאָל נישט געווען אָנגעשריבן עפּעס אַנדערש ווי נאָר דעם 26טן בריוו פון פּאַריז פון 7טן פעברואַר 1832, אין וועלכן ער דאַנקט אין אומשטערבלעכע ווערטער דער השגחה, וואָס האָט אים באַשאַפן צו זיין פאַראיינס אַ דייטש און אַ ייד — וואָלט ער שוין צוליב דעם איינעם בריוו, דאַכט מיר, פאַרדינט דעם חסד, אַז צינבערג זאָל אים באַגלייך מיט היינען אַריינגעמען אין דער געשיכטע פון אונדזער קולטור.

אַפּאָריזמען

אידעען זענען תמיד ענלעכער צו זייערע מענטשלעכע וואָרטזאָגער ווי צו זיך אַליין.

*

פֿאַר דעם סדומישן פּרינציפּ פֿון „מיינס איז מיינס״, אַז איך זאָל לעבן אין ראָזקאָש און „דיינס איז דיינס״, אַז דו זאָלסט אומגעשטערט און אין פֿרייהייט אויסגיין פֿאַר הונגער — דערצו איז נישט נייטיק קיין שטאָט. דערצו איז גענוג אַ דזשאַנגל מיט אַ פּאָליציי־שער וואָך.

*

יום־טוב איז ווי שעפֿערישקייט די טייטש זעלישע קאָנצענטראַציע, קאָנ־צענטראַציע אויף צו באַשאַפֿן און צו אָרגאַניזירן אַ באַשטימטע געמיט־אַטמאָספֿער. וואָך איז צופֿעליקייט, אומאָרגאַניזירטקייט פֿון זשעסט און קלאַנג.

*

אַ מענטש איז אָדער איוב, אָדער איובס אַ פֿריינד. איז ער גראָד איוב, איז ער קלוג און טרויעריק, היפּש העלזעריש. איז ער אין דער סיטואַציע פֿון איובס אַ פֿריינד, איז ער נאַריש, ווייל אומטראַגיש און — בלינד. די גרעסטע חכמה צו וועלכער איובס אַ פֿריינד קען זיך אַרויפֿאַרבעטן איז — שווייגן. איובס פֿריינד האָבן גערעדט און האָבן מיט זייער טעאָדיציי אַפֿילו גאָט אַליין געלאַנגווייליקט.

*

וואָס זוכט אַ בן־אדם מער אויף גאָטס ערד ווי אַ ביסל געדויער פֿאַר זיין אייגענעם נאָמען און פֿאַרן נאָמען פֿון זיינע קינדער? געבן אַ נאָמען אַ געדויער, הייסט אַריינשטעלן אים אין דער ספֿערע פֿון מענטשלעכן דיאַלאָג. וואָרעם געדענקען הייסט אַוועקשטעלן אַ נאָמען אַזוי, אַז מענטשן זאָלן צו אים קענען רעדן מיט זייער זכרון, מיט זייער אויג און מיט זייער געמיט.

*

היטלער און זיינע רוצחים האָבן געמאָרדעט יידישע קינדער. די קינדער זענען געווען די ערשטע קרבנות פֿון זייער רציחה. וואָרעם זיי האָבן געוווסט, אַז כל זמן די קינדער לעבן, קאָן די רשעות קעגן זיי נישט קעמפֿן. די תמימות קאָן, ווי לאַנג זי לעבט, נישט באַזיגט ווערן און זי איז דערפֿאַר דער געפֿערלעכסטער שונא אין קאַמף צווישן יחידים, גרופּעס און אידעען.

*

מקדמונים האָט יעדע אידעע אַ נטיה צו אָפּטימיזם און די וואָרטזאָגער פון אַן אידעע זענען בטבע געניגט צו קוקן דורך ראָזעווע ברילן אויף די פאַקטן, וואָס גייען ביינאַנד מיט דער אידעע און אפילו אויף די, וואָס שטעלן זיך איר אַנטקעגן. פאַקטן ווידער, די פאַקטן פון לעבן, וואָס לאָזן זיך גערן באַשיינען פון דער אידעע און בלייבן אין תוך גלייכגילטיק צום ליכט פון אידעען און אידעאַלן — זיי זענען געוויינלעך פאַרכמורעט און פעסימיסטיש.

אידעען האָבן ליב דעם שפּיל פון וואָרט און פון געדאַנקלעכער ספּעקו־לאַציע. פאַקטן פאַרלאַנגען מען זאָל זיי שטודירן, מען זאָל זיי אויספאָרשן און מען זאָל זיך דערטראַכטן צו זייערע אָפענע און באַהאַלטענע כוונות.

*

דאָס פייער פון גאולה־טרוים בלייבט וועלט־פרעמד און אָן פּעולה, ווען עס וואַכט נישט איבער אים דער מאַן מיט גרויס־שתדלנותדיקן שווונג.

און דער שתדלן פאַרמאָגט נאָר דעמאָלט שווונג און דערהויבנקייט, ווען עס גליט אין אים דאָס פייער פון פאָלקישן גאולה־פלאַם.

*

קיין שום אידעיִשער וואָרטזאָגער קאָן נישט משפיע זיין און מדריך זיין אייגענע, נאָענטע און ווייטערע מענטשן, אויב ער האָט נישט אין זיך אַ שטיק פון אַ חסידישן רבין. אויב אַן אידעיִשער מנהיג האָט נישט אין זיך די דאָזיקע רבישאַפט, קאָן ער אפשר דורכגיין דאָס לעבן מיט גרויס תקיפות און אויפטוע־רישקייט, אָבער עס בלייבט נישט נאָך אים קיין לעגענדע, לעגענדע מיינט אידעאַליזירונג און נאָר זי מאַכט אַלע, וואָס האָבן דעם מענטשן געקענט און אַלע, וואָס האָבן וועגן אים געהערט, בבחינת יתומים און קדיש־זאָגער.

*

אַז איינער טוט דיר אַן עוולה, לויב אים דערפאַר, אַז נישט, ווערט ער דיר אַ דם־שונא.

*

היט זיך פאַר די אָרעמע אין גייסט. זיי טראָגן גיפט אין זייערע הערצער און זשאַווער אין זייערע פענעז.

*

דורכן „ונאמר אָמן" ווערט דער קדיש נישט קיין פריילעך זמרל.

*

ער — ער האָט נישט קיין שונאים, זיינע פריינד אַליין האָבן אים פיינט.

*

עס איז גוט, ווען אַ געדאַנק לייגט זיך אויפן שכל. שלעכט איז ווען ער בלייבט דערנאָך ליגן אויפן שכל ווי אַ שווערער שטיין, נישט פון אָרט צו רירן.

*

רחמנות איז אין תוך דואַליסטיש. עס איז ווי יעדעס מאָראַלישע געפיל אַ רעזולטאַט פון איך און דו. שיינקייט אָבער איז: מיר אַלע אונטער איין אויסגע־שטערנטן הימל און יעדער פּגם אין דער גאַנצקייט (שיינקייט איז ערגעץ ווי גאַנצקייט) איז אַ פּגם אויך אין דעטאַל.

*

אין תוך זינדיקט יעדע באַשולדיקונג מיט גוזמא. אין פּרט פון גוזמא איז דער באַשולדיקער דער קעגנזאַץ פונעם חונף און נישט פונעם פאַרטיידיקער.

פאַרטיידיקונג איז אָן אַן ערך צניעותדיקער, ווייל אמתער.

*

ס'איז זיכערער צו ציטירן געטען איידער שעקספּירן. געטע איז סאָלידער און איז פריי פון יענע געדאַנקען־קאַפּריזן, וואָס זענען פאַראַן ביי שעקספּירן, דעם באַהעם און דעם מאַן וואָס האָט נישט געלייענט ספּינאָזאַן.

*

פון ווערטער מיט אָרנאַמענטן שטאַרבן נישט קיין קליינע קינדער. אָבער פון וואָרט אָן געדאַנק, שטאַרבט דאָס וואָרט אַליין.

אינדעקס פון נעמען

אַדלער, יאַנקל 137, 136
אויערבאַך, אפרים 33 49—54 104
אולינאָווער, מרים 137
אונגערפעלד, מ. 454 455
אחד־העם 235
איאַלטי, חנן 402—408
אימבער, שמואל יעקב 258 298
אַנסקי, ש. 289
אַקסענפעלד, ישראל 210
אַקסענפעלד, זעליק 323
אַקרוטני, יוסף 319
אַש, שלום 31 42 195—200 201—205 206
273 301 303 306 315 316 373 322
320, 317
איבסען, הענריק 325
איגנאַטאָוו, דוד 31
איזבאַן, שמואל 319 386—396
איזשביצער, ר' מרדכי יוסף 12
אייזלאַנד, ראובן 46 145
אייזענבערג, אהרן 122
אייזענבערג, רחל 361
אייכענראַנד, לייזער 110—112
איינהאָרן, דוד 45
אַלגין, משה 257
אַלטמאַן, משה 262 913 434 435 436
אַלמי, א. 258 266
אַפּאַטאָשו, יוסף 10 28 31 42 73 74 258
301 303 305—319 328 382 384 390
414 434 438 458
אַשעראָוויטש, מענדל 203

באַדלער, שאַרל 181 263 264
באָוושאָווער, י. 31 114
באַלאַבאַן, מאיר 214 216 302
באַלזאַק, האָנאָרע 429
באַסין, מ. 34 36
באַריישאַ, מנחם 33 439
באַשעוויס, יצחק 42 318 414 445
ביאַליק, ח. נ. 115 206 208 209 210 241
243 244 388 452—456
ביינער, מאַקס 114
בימקאָ, פישל 348
ביקעלס־שפּיצער, צבי 253
בירשטיין, יאָסל 319 397—401
בן־חיים 442
בעלאָו, סאָל 42
בעל־מחשבות 205, 308
בערגנער, הערץ 257 319
בערגעלסאָן, דוד 516 157 158 210 305—
319 329 343 345 346 347 377 397
398
בערנע, לודוויג 186 187 188 189 190 191
243 247 458
בערקאָוויטש, י. ד. 208
בראָון, פעליקס 192
בראַדערזאָן, משה 333
בראַדערזאָן, שיינע 333
בראַנדעס, געאָרג 186
בראַצלאַווער, נחמן ר' 9—14 210 325 335
ברונער, קאָנסטאַנטין 245
ברוך פון מעזריטש, ר' 12
ברענער, יוסף חיים 292

גאָלדפאַדען, אברהם 258
גאָרדאָן, י. ל. 37
גוזיקאָוו, יוסף מיכאל 241
גוטמאַן, יוליוס 231 232 233
גלאָבוס, ד"ר 277
גלאַטשטיין, יעקב 28 32 55—61 86 103
258 263 265
גליקל פון האַמעלן 383
געאָרגע, סטעפאַן 190 191
געטע, י. וו. 14 15 174 189 206 461
גראַדע, חיים 319 353—360
גראָדזענסקי, שלמה 280—282 287 288
גראָס, נפתלי 33 145
גראָסמאַן, משה 456—457
גריל, בנימין 241

גרינעס, ווילהעלם 128
גרין, אַנאַסטאַזיוס 189
גרינבוים, אברהם 231
גרינבערג, אליעזר 40 41 42 43 255 260—
גרינבערג, חיים 28 283—288
גרינבערג, בערל 319 377—380
גרעץ, הייגריך 216, 217 218 290

דאַנטאָן, זשאָרזש 9
דאָסטאָיעווסקי, פיאָדאָר 272 273
דובנאָוו, שמעון 218 458
דיאָגענעס 273 432
דיין, שמואל 287 288
דיק, אייזיק מאיר 299
דעמבלין, ב. 373—377

האַגער, ברוך 114
האו, אירווינג 40 41 42 43
האַלבערשטאַם, ר׳ חיים 12
האַלפּערן, משה לייב 28 46 145 146 187
261 263 264 265 298
האַלקין, שמואל 68—75 82
האַמסון, קנוט 272
האַפּמאַנסטאַל, הוגאָ 248
האַראָנטשיק, שמעון 348
האַראָוויץ, בער 83 84
האַראָוויץ, הערש בער 11
האַראָוויץ, נתן, ד״ר 229
הוגאָ, וויקטאָר 429
הורוויץ ש״י איש 459
הילקוויט, מ. 214
הייגע, הייגריך 10 11 145 186 187 189
190 191 298 453 458
הירשביין, פּרץ 176
העגעל, פרידריך 16 233
העס, משה 237
הערצל, טעאָדאָר 220
העשעלעס, ירמיה 117—127
הרכבי, א. 40

וואָל, קובי 114
וואָלטער, 429 430 433
וואַסיאַנסקי, ערעגאָט אנדרעאַס קריסטאָפוס
15
וואַסערמאַן, יאַקאָב 186 187
וואַרשאַווסקי, מארק 114
וויגלער, פּאול 25
וויטקעוויץ, בערטשע 257
ווינער, לעאָ 40 41
ווינטשעווסקי, מאָריס 28
וויזעל, נפתלי הערץ 11, 242
ווייכערט, מיכאל 258
ווײנשטיין, בעריש 257
ווייסענבערג, א. מ. 258 307 315 319—
324 348 377 414
ווייסענבערג, פּערל 322 323
ווייצמאַן, חיים 206
וולאַדעק, ב. 214
וועסט, בנימין 73
ווערגעליס, א. 334
ווערלען, פּאָל 147
ווערפעל, פראַנץ 188

זושא פון אַניפּאָל, ר׳ 9 15
זינגער, י. י. 31 42 301 414
זשיטלאָווסקי, חיים 29 285 288—294
זשיכלינסקי, רייזל 133—139

חיות, פּרץ צבי ד״ר 236
חיימאָוויטש, משה יונה 31

טאַבאַטשניק, אברהם 257
טווערסקי, אברהם 100—104
טיילאָר, עי. עי. 273
טען, היפּאָליט 206 429
טקאַטש, מאיר (זימל) 89—94
טרונק, י. י. 274
טרונק, ישעיה 218
טשאַרני, דניאל 184 328
טרייסטער, ל. 319
טשערניכאָווסקי, שאול 181

יאַנאַסאָוויטש, יצחק 82 139—144 333 334
335
יהואש 29—33 37 257 300
יוּוועגאַל 252
יחזקאל 307
ירמיה 320
ישורון, יעפים 237

כאַריק, איזי 77
כץ, אלעף 95—99

לאַזאַרעאַנו, בארבו 434

לאַנדע, זישע 32, 46
לאַנדאָן, ישראל 361
לאַסקער־שילער, עלזע 186 187 192
לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, ר׳ 9 12 14 15 300 325
לוטער, מאַרטין 431
לוצאַטאָ, משה חיים 242
לוצאַטאָ, ש. ד. (שד״ל) 328
לוצקי, א. 152, 153
ליבין, ז. 28
ליבערמאַן, חיים ר׳ 11 12
ליבערמאַן, חיים 257
ליטוואַק, א. 213
לייב שרה׳ס 9
לייוויק, ה. 27 28 36 37 46 172 173 174 175 253 254 255 257 261 262 264 265 285 434—442
לינדער, מנחם 218
ליעסין, א. 28 210—214
לעווין, יוחנן 287
לעיעלעס, א. 28, 439
לעפין, מענדל 210
לעסינג, גאָטהאָלד אפרים 130
לערנער, שלמה 104

מאַהלער, רפאל 214 216 288 288 291 292 293
מאַלץ, דוד, ד״ר 129
מאַן, מענדל 303 408—419
מאַנגער, איציק 44 103 116 136 137 168 258 321 322
מאַנדעל, זשאַרזש 222 223
מאַנטען, מישעל 272 429 452
מאַני לייב 28 42—49
מאַסטבוים, יואל 258 348—352
מאָפּאַסאַן, גי דע 328
מאַרקיש, פּרץ 318 334
מונטע, אַקסעל 448—451
מייזיל, נחמן 341, 344
מיכאַעלס, שלמה 72, 73
מינקאָוו, נ. ב. 258
מיראַבאָ, 9
מעלצער, שמשון 44 388
מענדעלע 201 206 252 253 256 301 302 304 307 309 310 311 328 340 405 435 455
מענדעלסאָן, משה 242
מעצקער, י. 319

נאַדיר, משה 28 31 298
נאַמבערג, ה. ד. 321 322
ניגער, ש. 30 31 32 195—200 208 209 237 250 251 255 258 259 262 314 315 340 344 438 439
נייגרעשל מענדל 132
נעמיראָוו, נתן ר׳ 11, 13
נסתר, דער 158 329—335

סאָווראַניער רב 13, 14
סאַנטאַיאַנאַ, זשאָרזש 29 244
סאָקאָלאָוו, נחום 237 241
סאַקציער, מאָטל 435 436
סאָקראַטעס 273 274 432
סדן, דב 240—259
סוצקעווער, אברהם 165—185
סיגאַל, י. י. 33
סימאָן, ערנסט (עקיבא) 15 249
סלאָנים, יואל 34—36 38
סעמירעל, מאָריס 42
סענט־בעוו 429

עגנון, ש. י. 244 249
עדעלשטאַט, ד. 31
עמדין, יעקב 238

פאָגעל, דבורה 132 258
פּאָו, עדגאַר עלען 272 273
פּאָול זשאַן 189
פּאַנער, יצחק 201 202
פּאַפּירערניקאָוו, יוסף 258
פוקס, א. מ. 258 361—366
פּינדאַר 177 181
פינק, ראובן 287
פינקעל, שמעון 442
פּינסקי, דוד 258
פלאָבער 429
פלאַוויוס, יאָזעפוס 383
פּלאַטאָ 274
פּלוטאַרך 204 205 216
פעפער, איציק 75—82
פרידמאַן, פּיליפּ 218
פריילינך, יחזקאל 381—386
פּרץ, י. ל. 29 173 195 198 201 208 255 273 274 298—304 312 313 315 319 322 328 331 387 435 458

צונץ, יום־טוב ליפמאן 230
ציטראָן, ש. ל. 299
צייטלין, אהרן 265
צינבערג, ישראל 242 458
צעראָטאָ, א. ב. 132

קאָברין, לעאָן 28
קאַגאַנאָוויטש, לאזאר 73
קאַהאַן, אב. 36 203 204
קאָהן, האַנס 187
קאַזשבער, הערש לייב 319
קאַנט, עמנואל 14 15 17
קאַפקאַ, פראַנץ 43 186 243
קאַפּלאַנסקי, דן 184
קאַצענעלסאָן, זיגמונט 190 192
קאַצקער, מענדל ר׳ 10 12 14
קאָראַלניק, א. 28
קאָרן, רחל 82—88 129 319
קולבאַק, משה 73 335—341
הרב קוק 219
קיפּניס, איציק 341—347
קירקעגאַרד, סאָרען 264
קלויזנער, יוסף 227 236 242 250
קליגער, קהת 105—109
קלעמאַנסאָ, זשאָרזש 222
קענער, יעקב 221
קראָוז, קאַרל 157 186 190 191 243
קראָטשע, בענעדעטאָ 243 244
קראָכמאַל, נחמן 225—234 237
קרוא, ברוך 288
קרימסקי, בער 235

ראַבאַי, א. 31
ראַבאַק, א. א. 459
ראַבי, יעקב 288 289 290
ראַבלע, פראַנסוא 427—433
ראַבעספּיער, מאקסימיליען 9
ראַגאָף, הלל 210
ראַווידאָוויטש, שמעון 222—239
ראַוויטש, מלך 62—68 116 129 200 201
202 204 361 380
ראַווינאַ, חנה 440
ראָזענבערג, שלמה 201 202 204
ראָזענפעלד, מאָריס 27 28 31 40 41 114
ראָזענצווייג, פראַנץ 232 249
ראַפּאַפּאָרט, יהושע 275—279
ראַפּאַפּאָרט, שאַרל 213
רב צעיר 236

רובינשטיין, יוסף 150—159
רוזשינער, ר׳ ישראל 10 14
רוסאָ, זשאַן זשאַק 430
ריווקין, ב. 210 211 257 311 312 439
רייזען, אברהם 77 91 92 111 320 322
324—329 438
רייזען, זלמן 184
רינגעלבלום, עמנואל 214—221
רינצלער, אברהם 114
רמב״ם 237 238 239
רש״י 290

שאַגאַל, מארק 131, 172
שאַפּיראָ, לאַמעד 28, 31
שאַפּיר, מ. מ. 112—117
שאָפּענהאוער, ארטור 244 444 445
שאַצקי, יעקב 215 216 217 221 258
שוואַרץ, מאָריס 36
שוואַרץ, י. י. 37—40
שוואַרץ, יוסף 128 129
שווייצער, אלבערט 14—19
שטאַנד, אדאָלף 249
שטיקער, מאיר 145—150
שטיינבאַרג, אליעזר 163, 452—456
שטיינבאַרג, רבקה 454
שטיינמאַן, אליעזר 248
שטערן, ישראל 265 315 321 322
שטערנבערג, יעקב 152 262 435
שטערנבערג, פייוועל, ד״ר 114
שיין, יוסף 72
שילער, פרידריך 73
שינדלער, אליעזר 132
שיפּער, יצחק 214 216 217
שלום, ש. 172
שלום־עליכם, 195 201 208 210 243 256
273 301 304 306 312 313 340 343
344 423—427 457
שמרי, אריה 160—165
שמ״ר 258
שנהוד, שלמה 288
שניאור, זלמן 42
שעלינג 233
שעליובסקי, משה יודל 366—373
שערלאַג, מאַרעק 249
שעקספּיר 9 273 274 461
שפּאָליער, זיידע 12 13 14
שפּיגעל, ישעיה 258